STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00557

LIPE KAMASHNMAKHER

B. Shlevin

Permanent preservation of this book was made possible by
The Raskin Family Foundation
in memory of
Dorrie H. Raskin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. שלעווין

ליפּע קאַמאַשנמאַכער

ראָמאַן

בוך-קאָמיטעט

פּאַריז 1969

LIPÉ KAMASCHNMASCHER

Roman

PARIS - 1969

געדרוקט אין דער דרוקעריי פון אשר שיפער

Imprimerie A. SCHIPPER
14, Cité Griset, Paris-11e

אינהאַלט:

ערשטער טייל:

			זייט
הקדמה			5
קאַפּיטל	1	פאַרגעסענע שפורן	9
קאַפּיטל	2	ליפּע קאַמאַשנמאַכער	11
קאַפּיטל	3	ווי אַ פאַקל אין דער פינצטערער נאַכט	16
קאַפּיטל	4	די טיפע רוסישע נאַכט	24
קאַפּיטל	5	אין קאַלטן דעצעמבער־נעפל	34
קאַפּיטל	6	דער דור פון משיח	43
קאַפּיטל	7	צער גידול בנים	49
קאַפּיטל	8	צום היימישן ברעג	58
קאַפּיטל	9	די ביטערע עקשנים	68
קאַפּיטל	10	אין פאַרנאַכטיקן זון־בלענד	72
קאַפּיטל	11	ווי אַ פינצטערער וואָלקן	79
קאַפּיטל	12	אויפן וועג קיין באַזעל	85
קאַפּיטל	13	אין סאַמע רויש פון קאָנגרעס	90
קאַפּיטל	14	„געשטאָרבן אַן אַלטער חלום"	93
קאַפּיטל	15	מיט האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן	97
קאַפּיטל	16	צום אַלטן פּאָרט פון יפו	105
קאַפּיטל	17	ווי אַ הפקרער ווינט	112
קאַפּיטל	18	דער ברעג וועקט זיך	117
קאַפּיטל	19	אונדזער רבי'ניו	121
קאַפּיטל	20	שבת־פרימאָרגן אין זאַקסישן גאָרטן	125
קאַפּיטל	21	איבער געגנבעטע גרענעצן	129
קאַפּיטל	22	עס רוישן די רוסישע „קאָלאָניעס"	134
קאַפּיטל	23	צווישן זינגענדיקע באַרג־שטראָמען	144
קאַפּיטל	24	די דין־תורה ביי ר' חיימקען	152
קאַפּיטל	25	צייטן אָנגעשטאַנען...	165
קאַפּיטל	26	אַ הענגל בעז צווישן תפיסה־ווענט	168

צווייטער טייל:

קאַפּיטל	1	די שטאָט אויף ברייטע טייכן	175
קאַפּיטל	2	ביים גרינעם טיש פון דער געשיכטע	182
קאַפּיטל	3	נישט מלחמה, נישט שלום	189
קאַפּיטל	4	אין יענעם פרילינג	194
קאַפּיטל	5	איבער אָפּגעמעקטע גרענעצן	198
קאַפּיטל	6	צו די אייגענע ברעגן	208

קאַפּיטל 7	די באַגעגעניש	212
קאַפּיטל 8	ליקווידאַטאָרן	214
קאַפּיטל 9	די נייע אָריענטאַציע	222
קאַפּיטל 10	די גרויע וואָר	227
קאַפּיטל 11	אויף דער קערבעדזש־בריק	229
קאַפּיטל 12	קאַרמעליצקע 23	238
קאַפּיטל 13	שטאַפּלען	245
קאַפּיטל 14	עפּעס אַן ענלעכער פּרילינג	248
קאַפּיטל 15	אַרום די „21 פּונקטן"	254
קאַפּיטל 16	די דורותדיקע מחיצות	263
קאַפּיטל 17	די ווייסע רוזשקע	268
קאַפּיטל 18	די פּראַגער „דינאַסטיעס"	273
קאַפּיטל 19	נאָכן 3־טן קאָנגרעס	281
קאַפּיטל 20	איגאָר סעווועריאַנין	287
קאַפּיטל 21	אין די אַלטע שפּורן	293
קאַפּיטל 22	די אונטערערד	301
קאַפּיטל 23	די קוזשניע פון קאַדרן	307
קאַפּיטל 24	אין דער אַלטער פּרייסישער פעסטונג	213
קאַפּיטל 25	דער ברודער־קאַמף	319
קאַפּיטל 26	די אַלטע טאָפּאָלן־גאַס	325

הקדמה

דאָס אומרואיקע געפיל: ווער וועט דען געדענקען וועגן דעם אַלעמען נאָך אונדז? — האָט מיך געפירט צו פאַרטראַכטן דעם היסטאָרישן ראָמאַן פון נאָענטן עבר, אַ מין קווערשניט פון די אי־דייען־שטרייטן. איך פיל אָבער, אַז ס׳פאָדערט זיך אַ קליינע אויפ־קלערונג.

סיי די געשיכטע־פאָרשונג, סיי די מעמואַריסטיק האָבן דעם טרויעריק־פאַרזיגלטן דור נאָך ווייט נישט דעפינירט, פאַר־סך־הכל׳ט. נאָכגייענדיק די געשיכטלעכע מקורות, האָב איך אָבער דער עיקר זיך געשטיצט אויף ווייטע יוגנט־דערמאָנונגען, אומפאַרגעס־לעכע געמיט־שטימונגען, אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיט מיין היימ־שטאָט בריסק דליט׳א, וואָס אויפן בוג; יוגנט־אַראָמאַטן, שטימונ־גען, וואָס זיינען געוויינלעך דורך היסטאָריקער נישט פאַרצייכנט. כ׳האָב געזוכט דאָס פאָזיטיווע, נאָענט צו די אמתע פאָלקס־אינטע־רעסן ביי אַ ל ע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען; כ׳האָב געזוכט אַרויסצובאַקומען פון ביבליאָטעקן־ און ביכער־שטויב די לעבעדיקע אַטמאָספער. צי האָט זיך עס מיר איינגעגעבן?

אין ליפע קאַמאַשנמאַכער, ווי אין פיל אַנדערע פערסאָנאַזשן, דאַרף דער לייענער נישט דווקא זוכן צו דעשיפרירן דעם אמתן פראָטאָטיפּ; ס׳איז צו פאַרשטיין, אַז ס׳זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אויסגעדאַכטע העלדן אין דער ראַם פון אַלגעמיין־באַקאַנטע היסטאָ־רישע פאַקטן; פונקט ווי ס׳זיינען אַריינגעפירט ווירקלעך־היסטאָרי־שע נעמען און געשעענישן. דעם מחבר איז געגאַנגען אין געפינען דעם סינטעז פון אַ רעאַליטעט, וואָס עקזיסטירט נישט מער, וואָס איז מיטן וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן. די עטלעכע שורות פון קדוש יצחק קאַצענעלסאָן אין זיין „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק„ האָבן מיר אין אורשפרונג זייער שטאַרק אינספּירירט:

...און ס׳וועלן יידן אין די שטעט ניט שטיין אין קאַמף שוין, ניט מקריב זיין זיך מער פאַר יענעמס וויל,

מען וועט ניט היילן מער, ניט לינדערן אַ פרעמדן ווייטאָק, ניט פילנדיק דעם איי־גענעם, דעם שמאַרץ.

...און מיינע קאָמוניסטן, היצקעפּ, וועלן זיך ניט אַמפּערן שוין מער, ניט קריגן זיך מיט מיינע מאַסן פונם בונד

אוןביידע זיי, מיט מיינע פרייסטע, מיט די טרייסטע מיינע, וואָס האָבן גאַנץ דעם יאָך
אויף זיך געשלעפּט —

חלוצים יידישע ! זיי האָבן זיך דער וועלט אַוועקגעשאָנקען, און ניט פאַרלאָזן זי,
די אייגענע, די וווּנד.

כ׳האָב צוגעקוקט זיך צו די קריגערייען, און געוויינט... נאָר וואָלט איר ווייטער זיך
אַרומגעריסן, אַבי איר וואָלט געלעבט !

(יצחק קאַצענעלסאָן, „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״, ט״ו, י״ג, י״ד)

צו באַשאַפן דעם אויטענטישן אַראָמאַט, האָט זיך געבעטן צו לאָזן רעדן די עדות גופא פון דער צייט, לויט דער מעמואַריסטיק און פובליציסטיק פון דער עפּאָכע, אַריינצוועבן אין דער גאַנצער קאָמפּאָזיציע זייערע רייד, זייערע אַרגומענטן און טענות. דער־מיט איז דאָס בוך, אַז מ׳וויל, אַ מין מעמואַריסטישע, סאָציאָלאָגישע אַנטאָלאָגיע, אַ קאָנפראָנטאַציע, אַ דיאַלאָג איבער אונדזערע גורל־דיקע פּראָבלעמען פון אַ דור פריער; פּראָבלעמען, וואָס זענען נאָך אָבער אַזוי ברענענדיק־אַקטועל אין אונדזערע טעג.

מיט טיפן יראת־הכבוד פאַר די שיינע געשטאַלטן פון יענעם דור, פאַרענדיק איך די לעצטע בלעטלעך פון ספר „ליפּע קאַמאַשנמאַכער״ אין פרילינג תשכ״ח — 1968.

דער מחבר

ב. שלעווין　　　　צייכענונג פון מיכאַל מילבערגער

ערשטער טייל

אין באגינען

קאַפּיטל איינס

פֿאַרגעסענע שפּורן

אין מאָנפּעליע, אין אַוויניאָן, צי אין קאַרפּענטראַס איז, ווי אַ זכר פון די מיטלאַלטערלעכע יידישע קהילות אין פּראָוואַנס, דרום־פראַנקרייך, נאָך עד היום, דאָ און דאָרט שטיינגעבליבן אַ האַלב־איינגעזונקענע קלויז, אַראָפּצוגיין מיט טרעפּלעך. אין נידעריקן פּרוזדור — אַ געשפּאָלטענער שטיינערנער כיור, אין דעמער־ליכט פון היכל — אַ באַלעמער, אַן עמוד; ביי דער מזרח־וואַנט, אין דער טיפער נישע — אַ געשניצטער ארון־קודש, אַ זעלטן שטיקל קונסט־אַרבעט פון אַן אומבאַקאַנטן האַנטווערקער־מייסטער, הונדערטער יאָרן אַלט. די האַלב־איינגעזונקענע קלויז איז קאָנסערווירט. זי איז אויפן רעגיסטער פון די נאַציאָנאַלע היסטאָרישע אַלטערטימלעכקייטן.

פון צייט צו צייט פאַרבלאָנדזשעט אַהין אַ ייד פון דער פרעמד; אַ נייגעריקער טוריסט, אָדער גאָר אפשר אַ היסטאָריקער. ס׳פּאַרפּירט אים אַהין, ווייל — צי איז ער אַמאָל נישט געקומען צום פּשוטן אויספיר, אַז אַלע אונדזערע היסטאָרישע דענקמעלער אין די אַלטע וויין־לענדער פון אייראָפּע, ווערן ביסלעכוויז חרוב, אָפּגעווישט, פאַרשווינדן ? אַפילו די בית־עלמינס ווערן אויסגעריסן, אויסגעגלייכט מיט דער ערד, צעאַקערט. פאַרבלייבן וועלן אָן ספק נאָר די גייסטיקע דענקמעלער. זיי וועלן נאָך אַמאָל צוריק אויסגעגראָבן ווערן פון ביבליאָטעקן־שטויב; ווייל דאָס איינגעקריצטע וואָרט איז אייביקער, דויערנדיקער, ווי דענקמעלער פון שטיין און פון אייזן.

די גרויסע, שווערע שליסלען צו דער קלויז געפינען זיך ביי א צעקנייטשטער זקנה. מען דערפרעגט זיך צו איר אין געסל, אונטער די פּלאַטאַנען. דער פרעמדער בלייבט אַ רגע שטיין מיט פאָרכט אויף דער שוועל פון פינצטערלעכן מקום־קדוש. ער וואַקלט זיך אַ ווײלע אַראָפּצוגיין די פּאָר טרעפּלעך, ביז דאָס אויג געוווינט זיך לאַנגזאַם צו צו דער האַלבער טונקלקייט. דורך די וויטראַזשן־שייבלעך, אונטערן געוועלב, זיפּט זיך אַריין דאָס געדעמפּטע טאָג־ליכט פון דער מילדער פּראָוואַנסאַלער דרום־זון. דער בליק בלאָנדזשעט לאַנג און פאַרחידושט אַרום.

און אפשר שיילט זיך דעמאָלט אַרויס פאַר אים, אין דמיון, פון האַלב־פינצטערלעכן חלל, די עדה פּאַרצייטישע, צעשראָקענע יידן, אין זייערע לאַנגע כאַלאַטן, מיטן שאַנד־מיצל אויפן קאָפּ, מיט דער אָנגענייטער געלער לאַטע אויף דער פּלייצע, ווי זיי שטייען דאָ איינגעהילט אין זייערע טליתים איבער די קעפּ ? דער פרעמדער

פאַררייסט דעם בליק צום עזרת־נשים אויף דער נידעריקער גאַלעריע. די עדה צונויפגעשטופּטע ווייבער — דוכט זיך אים אַ רגע — קוקן פון דאָרט אַרונטער. עס פלאַמען דורך די געשניצטע שטאַכעטלעך זייערע גרויסע, צעשראָקענע, פאַרטרערטע אויגן. זיי זענען געהילט אין אַלטמאָדישע טראַכטן, אין אַטלאַס, אין בראָקאַט, מיט פרומע הויבן איבער די הויך־אויפגעגאָרנטע פריזורן. ס'גייט אויף ביז אונטערן געוועלב אַ שטיל, פאַרשטיקט שלוכצן, צום פייערלעכן געבעט פון בעל־תפילה ביים עמוד. אַן עדה יידן בעט צום האַר אין די הימלען, ס'זאָל אָפּגעשריגן ווערן די גזרה אויף דער יידישער קהילה, וואָס די שונאי־ישראל האָבן זיך ווידער פאַרלייגט זי צו פאַרטיליקן.

פונקט אַזוי וועט אפשר אויך אַ מאָל אַ ווייט, אָפּגעפרעמדט אייניקל אומגעריכט שטיינבלייבן ביים פאַרמאַכטן טויער אין אַ פאַריזער אַלטן קוואַרטאַל. ער וועט אַ צי טון ביי אַן אַלטמאָדישן גלאָק; אַ שווערער ריגל וועט זיך אָפּשפּאַרן מיט אַ גרילץ. די זקנה, די הויז־וועכטערין, וועט אים דערלאַנגען אַ בינט פאַרזשאַווערטע שליסלען, אים אַרויפווייזן צום לעצטן גאָרן, צום בוידעם־שטיבל, ווו קיינער איז שוין לאַנג מער נישט געקומען נישטערן. ברייטע, הילצערנע, אָפּגעטראָטענע שטיגן פירן ביז אַרויף. ער וועט אָפּשפּאַרן אַ טיר, שטיינבלייבן אין די נידעריקע, פאַרשטויבטע צימערלעך און דערזען מיטאַמאָל — אַ פאַרגעסענע יידישע ביבליאָטעק, פול אָנגעשטעלטע פאָליצעס ביכער; אַ בלעטער־טון דעם צעפליקטן קאַטאַלאָג, וואָס איז אַמאָל דורכגעגאַנגען הונדערטער הענט; אַ זוך־טון צווישן די פאַרגעלטע ספרים און ביכער, אין הייליקן שטויב; שווערלעך איבערלייענען דאָרט עפּעס און — נישט קענען זיך מער אָפּרייסן. וואָס פאַראַ אומבאַקאַנט, העראָיש לעבן — וועט ער זיך פון דעסטוועגן זאָגן — דאָ ליגט פאַרזיגלט ! מיר זענען, נאָך אַלעמען, מאָדנע ! ביי קיין שום פאָלק און אומה איז דער געשיכטלעכער גאַנג נישט אַזוי טרויעריק, פאַרפלאָנטערט, פול מיט סתירות. מיר לאָזן אַ גאַנצע יידישע ציוויליזאַציע אונטערגיין, פאַרגעסן ווערן אין שטויב, און — קלאַמערן זיך אין יעדן דור אין נייע, פאַרפירערישע געטשן... אַ וועלט פון טראַגיש־איבערגעריסענע לעבנס ליגט דאָ פאַרזיגלט, אָבער נישט קיין פאַרשטיינערטע פאָסילן. ערגעץ־ווו, פילט מען, ריזלט נאָך אַ וואַרעם שטראָמל בלוט.

און ער וועט זיך, אַ ביסל אומעטיק, אַ דערמאָן־געבן, אַז שוין זייער לאַנג, ווי ס'אָרעמע ביסל ירושה־מעבל, ביי אים, אין זיין אייגן הויז, האָט מען אַרויסגעוואָרפן, אַוועקגעגעבן עס פאַר אַ שיבוש עפּעס אַן אַלטוואַרג־אויפקויפער. די גלעזערנע ספרים־שראַנק, צעפרעסן פון האָלץ־ווערים און מאָלן — אויך; נאָר מיט די פאַרגעלטע יידישע ביכלעך, צעשאָטן אין שימות, האָט מען זיך נאָך אַלץ אַ ביסל געוואַקלט. פאַרברענען זיי ? אַרויסוואַרפן זיי אין מיסט ? אפשר וועט זיך פאָרט אָפּזוכן אַן אינסטיטוציע, וואָס וועט באַוויליקן קומען זיי צונעמען ? עפּעס האָט דאָס האַרץ פאָרט נישט געלאָזט. ווי פאַרטון ס'אַלטוואַרג איז אָבער אַלע יאָרן געווען אין אָט די צעשאָטענע ביכלעך ! זייערע פאַרביסענע פאָליטישע קאַמפן און אינערלעכע קולטור־שטרייטן... זיי אַליין וואָלטן שוין איצט געווען טיפע זקנים, ווען ס'וואָלט זיך נישט אַראָפּגעלאָזן די באַרבאַרישע נאַכט איבער דער וועלט און אַזוי אומברחמנותדיק פאַרשניטן זייערע לעבנס. די רעשטלעך האָבן געצאַנקט, געצאַנקט, ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען.

דער זיידע, ווי ער ווייס, האָט שוין באַלאַנגט צום צווייטן דור פאַרביסענע יידישע רעוואָלוציאָנערן. ער איז געבוירן געוואָרן אויף עמיגראַציע, אין דער שווייץ. ס'זענען געווען די באַרימטע רוסישע סטודענטן־„קאָלאָניעס", סוף 19־טן, אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט; פּאָליטישע עמיגראַנטן, די מערסטע, פאַרשטייט זיך, יידן. אָט די ערב־צייט, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך אַזויפיל שיינע האָפענונגען. ס'איז געווען — דער ביטערער קאַמף קעגן פינצטערן צאַריזם אין רוסלאַנד, די פאַרביסענע דיסקוסיעס צווישן די אַלערליי פּאָליטישע שיטות, צווישן יידן און נישט־יידן. די ווייטע אָבות זיינע האָבן אָפּגעשטאַמט פון אַ געדיכטער יידישער פּראָווינץ־שטאָט אין ווייסרוסלאַנד. פאַרפאָלגטע, אומלעגאַלע, אַלעמאָל מיט פאַלשע פּאַפּירלעך, האָבן זיי געוואַנדערט פון תפיסה צו תפיסה, פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד; און זענען לסוף אין זייער באַפרייט היימלאַנד אויך אויסגעמעקט געוואָרן פון זכרון.

אַזאַ טראַנספאָרמאַציע פון דורות האָט אומגעריכט אויפגעוועקט דעם נייגער פון אַ פאַרבלאָנדזשעט אייניקל, נאָכצוגיין אין זייערע שפורן, צוריק צו אַנטדעקן זיי פון שטויב אַרויס; אָט ווי מ'האָט אַנומלטן אַנטדעקט די אַלטע פאַרמעטן אין די הייל׳ן אַרום ים־המלח. דער יחוס פון די צעשאָטענע ביכלעך איז מסתמא נישט קיין קלענערער, ער איז נישט ווייניקער היסטאָריש־הייליק, ווי די פאַרמעטן פון די הייל׳ן אַרום ים־המלח; און אפשר — נאָך הייליקער. ווער ווייס ? ווייל די ביכלעך זענען עדות פון אַ גרויסן דור, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיין לייב־און־לעבן, ווייל ער האָט הייליק געגלויבט אין גערעכטן, גליקלעכן מאָרגן, וואָס וועט אויפשיינען פאַרן מין מענטש, ווי פאַר אונדז, יידן.

קאַפּיטל צוויי

ליפּע קאַמאַשנמאַכער

חבר ליפּע, אָדער לויטן פאַרטיי־פּסעוודאָנים — ליפּע קאַמאַשנמאַכער — איז שוין אין באַגינען פון יאָרהונדערט געהאַט אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג אין וויאַטקע, וואָס אין ווייטן צפון. אַ מיטלוווקסיקער, אַ קרעמפּער, ווי ס'גיבן זיך אויס די לייט אין די מקומות אַרום בוג, אַ פרי גרוי־געוואָרענער, די צוויקערס אין שוואַרצע רעמלעך, ס'שנירעלע אונטערן אויער, האָט ער פון דער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט שוין דעמאָלט לאַנג געהאַט עוקר געווען, געמוזט אָפּטראָגן זיך.

דאָרט האָט מען די יונגעלייט מיט די צעפלויגענע היט, מיט די פּעלערינעס, די יאַמשענע שטעקעלעך אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם, די קורץ־געשוירענע מיידלעך אין די זשאַקעטקעס, נאָכגערופן מיט שפּאָט — „די צער בעלי חיים". אויפגעוואַקסן אין נידעריקן טייך־געסל, צווישן די פאַרפּאַטשקעטע ווערקשטעלן פון רימאַרעס, גאַרבאַרעס, קאָוואַליעס, האָט ער דעם טאַטן כמעט ווי נישט געדענקט; ר'האָט צו קאַרגע דרייסיק יאָר אויסגעשפּיגן די לונגען אין די גאַרבאַרסקע וואַפּנע־גריבער. די

מאַמע, באַהאַנגען מיטן קליינוואַרג, האָט זיך דאָרט געמאַטערט מיטן ביסל גרינס אויפֿן פֿיש־מאַרק. ס׳אונטערגעוואַקסענע ייִנגל האָט פֿרי אַוועקגעוואָרפֿן די בית־מדרש־באַנק, איז אַוועק אויף דער לער צו אַ קאַמאַשנמאַכער, צוצוהעלפֿן די ביטערע אויסקומעניש.

נייע, יונגע ווינטן האָבן אין די 90־ער יאָרן געבלאָזן איבערן ברייטן לאַנד. ס׳איז טאַקע נישט געווען צו פֿאַרשטייך — פֿון וואַנען האָבן זיי זיך אַראָפּגעיאָגט אַהער, די אינטעליגענטן, מיט אַזאַ אימפּעט אַריינצוואַרפֿן זיך אין דער אָרעמער מאַסע, אויפֿצוּוועקן ביי זיי הייסע שטרעבונגען, אידעאַלן, אַ גלויבן אין אַ וועלט פֿון האָפֿענונג און דערלייזונג? ווי די וועלט וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, געוואַרט אויף אַ נייעם משיח. ס׳האָט נאָך געפֿעלט אַן אָרגאַניזירטער כּוח. אַלץ האָט זיך גע־דרייט אַרום די אינטעליגענטן־קרייזלעך, אָן אַ גענוי־באַשטימטן פּראָגראַם, אָן אַ סיסטעם.

וואָס איז ער דען ביז דעמאָלט געווען, ליפּע? אַ האַלבער ישיבה־בחור, אַ האַל־בער אפּיקורס; געשלונגען ביכלעך, געדרייט זיך צווישן די, וואָס רופֿן זיך „באַקאַנ־טע״, אָדער „צער בעלי חיים״, „פֿילאָזאָפֿן״, און דער רוח ווייסט, ווי נאָך; ישיבה־בחורים, פּרושים, וואָרפֿן די גמרא, גרייטן זיך צו אָן עקזאַמען און לערנען אַ **מלאכה.** צווישן זיי — עטלעכע מיידלעך, שוין „היינטיקע״: פֿייגע „ראַבאָטשי נאַראָד״, ליבע די „געשאָרענע״; ס׳טוט זיך עפּעס בסוד־סודות; מ׳לייענט פֿאַרבאָטענע ביכלעך, מ׳ווייל, מיט איין וואָרט, איבערקערן די וועלט. פֿון זייער באַזונדערן שמייכל און אײ־בערקוקן זיך, האָט מען פֿאַרשטאַנען — זיי ווייסן פֿונם סוד. זיי לערנען „גראַמאָטע״. ביי ליפּען, וואָס איז אַ געזעל און דרייט זיך אין די פֿאַרנאַכטן אויפֿן בולוואַר, טוט איינער אַזוי אַ פֿרעג:

— ווען וועסטו שוין אויפֿהערן צו קוועטשן די באַנק?... צייט צו ווערן אַן „אונדזעריקער״...

מ׳שטעקט אים אָפּ אַ ביכל פֿון פּיסאַרעוו, און מ׳זאָגט אים אָן, ער זאָל עס האַלטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. פֿאַר אַ פֿאַרבאָטן ביכל פֿילט ער אַ גרויסן **יראת הכבוד.** ער קריכט עס שוועריך אַדורך, ברעכט זיך די ציין איבער דער רוסישער עברי. סיי ווי מורמלט מען שוין אויף אים, אַז ער איז אַן אפּיקורס, רויכערט פּאַפּיראָסן אום שבת. וועגן ערשטן שטרייק פֿון די רימאַרעס און גאַרבאַרעס, אײדער ער אַליין האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין קאַמף, האָט ער געוואָלט נעמען און באַשרייבן עס אין אַ קאָ־רעספּאָנדענציע אין „המליץ״.

— אַז וואָס — באַשרייבן?... — האָט ביי אים פֿייגע „ראַבאָטשי נאַראָד״, אַ מויד אַ ברען, אַ פֿרעג געטון.

— אָט... ווי זיי מאַטערן זיך...

— אין „המליץ״? אויף לשון־קודש? פֿאַר וועמען? פֿאַר מלמדים און פֿאַר באַלעבאַטישע פּעמפּיקעס... אָט — ווען דו קענסט אויף יידיש... פֿאַרן אָרעמען „נאַראָד״...

אויף דער בירזשע, אומצובייטן די געלייענטע ביכלעך, די בראַשורן, האָבן זיך אַרומגעדרייט שילער פֿון מיטל־שולן, סטודענטן, וואָס האָבן צוליב די פּראָצענט־נאָרמעס נישט געקענט אַנקומען אין אוניווערזיטעט; נייטערקעס, זאָקנמאַכערקעס, מאַ־דיסטקעס, שניידער, „פּריקאַזשטשיקעס״, שלאָסער, פּאַפּיראָסן־ און קאָנווערטן־אַר־

בעטער. זיי זענען געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער „באַוועגונג“. מ׳איז זיך צונויפגעקומען געהיים, אין אַ פאַרשפּאַרט חדרל, אין די הינטערגאַסן, פאָרצולעזן פון רוסישע ביכער, סודען זיך. אין די בילדונגס־קרייזלעך האָט מען מיט די פּשוטע באַלמעלאָכעס געלערנט רוסישע גראַמאַטיק, אַריפמעטיק, פיזיק. מ׳האָט זיי געגעבן, ווי ס׳האָט געהייסן, „אַנטוויקלונג“. זיין אַביסל שווינדזיכטיק־בלייך, אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד, איז אין זייערע אויגן געווען זייער ראָמאַנטיש; פּונקט ווי מ׳איז גרייט געווען דאָס אייגענע לעבן צו ברענגען פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון דער פרייהייט. דאָס וואָרט ח ב ר האָט אין זייער מויל געקלונגען הייליק, מיט פאָרכט ווי — „ברידער און שוועסטער“. מ׳האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַ זאַנפטער, קלאָרער, דייטלעכער שטים; אין דעם שטילן זאָג איז געווען — גרייטקייט צו פאַלן אין שלאַכט, צו גיין לאָזן זיך אומברענגען. אָט די מאָדנע לייט פלעגן גיין אָפּגעזונדערט שפּאַצירן אויף די פאַרוואָרפענע שטעגעלעך אין „קייסערס סאָד“. ס׳איז געווען צו זיי אומצוטרוי, פאַרדאַכט, פון די באַלעבאַטישע יונגעלייט און מיידלעך, די גימנאַזיסטן, טאַטנס־קינדער.

ס׳אונטערגעוואַקסענע ייִנגל האָט זיך שוין געהאַט אָנגעלייענט מיט באַשרייבונגען פון געהיימע סעקטעס, מאַסאָנען־לאָזשעס. די פאַנטאַזיע האָט אים געמאָלן — עפּעס אַ פאַרהוילענער אַריינגאַנג, אונטער דער ערד... ברענענדיקע ליכט... אַ פייערלעכע שבועה, געחתמעט מיטן אייגענעם בלוט... אָבער געווען איז עס נישט מער ווי — אַ פּשוטע וועשעריי אין הילצערנעם טייך־געסל; צערויטלטע מיידלעך איבער פּרעסאייזנס, איינגעהילט אין אַ געדיכטער פאַרע. דאָס הינטערשטע אַלקערל פול באַזעצט, ביז אַרויף. מ׳האָט שטיל און פייערלעך, ווי אַ תּפילה, געזונגען נעקראַסאָווס לידער פון פּיין און צאָרן, די סענטימענטאַלע, אומעטיקע לידער פון נאַדסאָן, די רעוואָלוציאָנערע לידער פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. אין מילדן זומער־אָוונט איז מען דערנאָך פאָרוויז אַרויס שפּאַצירן אויף די בולוואַרן, אין די וואונדערלעך־צעבליטע קאַשטאַנען־אַלייען. פון נאָענטן „קייסערס סאָד“, אין די אַלטאַנעס, האָט זיך געברענגט צוטראָגן די מוזיק פון מיליטערישן אָרקעסטער. מ׳איז אָפּגעזעסן אויף די בולוואַרבענק, ביזן לעשן זיך פון די שטערן, אין דיסקוסיעס וועגן דער „צוקונפטיקער אָרדענונג“. הינטערווײַלעכטס האָבן זיי אָבער אַלץ געהערט — „...ס׳איז, נעבעך, אַ צער אויף זיי“... ס׳איז געווען דער שפּאָט פון באַלעבאַטישן יונגוואַרג. אין דעם האָט זיך דערווייל אויסגעדריקט „דער קאַמף מיט דער בורזשואַזיע“...

אָבער נישט בלויז אין דעם; די נגידים, „פאָדריאַטשיקעס“, צושטעלער פאַרן גאַרניזאָן אין דער פעסטונג ביים בוג, האָבן זיך דאָ סוף יאָרהונדערט צעלייגט, ברייט פונאַנדערוואַקסן זיך מיט גאָרנדיקע קאַמעניצעס, געבויט אין עפּעס אַ פרעמדן ביזאַנטיניש־ישן אָון עמפּירישן סטיל. די באַלקאָנען — אונטערגעשפּאַרט מיט נאַקעטע הערקולעסן, האַלב־מענטש, האַלב־געטער, אין סאַמע מיטן פון באַלעבטן „ניעווסקי פּראָספּעקט“. די שאָסיי־גאַס איז געלאָפן פון דער פעסטונג ביזן אַלטן וואָקזאַל, אויף דער קיעווער סלאָבאָדקע, דער געדיכטער אייזנבאַן־קנופּ, אויף דער שוועל פון פּוילן־רוסלאַנד. פון דאָרטן האָבן זיך טאָג און נאַכט, סיי ווינטער סיי זומער, געצויגן הויך־אָנגעלאַדעוועטע בויד־פורן מיט שטאָפן, אייזנוואַרג, קאָלאָניאַל־סחורות, צו די סקלאַדעס און לאַגערן אין די טיפע הייף. ברייטע יידן, מיט אויסגעגאָלטע מאָרדעס, אָדער קורץ־פאַרשוירענע קאָמעץ־בערדלעך, אין סורדוטן, אין סקאָנסק־פוטערס, מיט

פּאַפּאַכעס, אין די שאַרפע ווינטערן; מיט גילדערנע זייגער־קייטן, צעלייגט אויף דער ווייסער וועסט, איבערן היפּשן בויך. זיי האָבן אויפגענומען ביי זיך אין די רחבותדיקע זאַלן פּאָלקאָווניקעס, גענערעלער, פון דער אינטענדאַנטור אין דער פעסטונג ביים בוג; און ביי אויפגעקאָרקעוועטע פלעשער, אין אַראָמאַטישן רויך פון ציגאַרן, זענען פאַרהאַנדלט געוואָרן ריזיקע קניות און צושטעלונגען. דער צופאַר פאַרן הויז איז פאַרשטעלט געווען מיט קאַטשן, קוטשערס, דענשטשיקעס, לאַקייען. די אונטערגע־וואַקסענע זין און טעכטער זענען געגאַנגען אין „קאָמערטשעסקע", אין פּראָ־גימנאַ־זיע, שטאָלץ געטראָגן די אוניפאָרם מיט די גלאַנציקע קנעפּ. די טאַטעס האָבן אַוודאַי זייטיק אונטערגערוקט אַ פעטע מטבע, און זיי זענען בשלום אָנגעקומען אין די הויך־שולן.

אויך איז דאָס באַלעבאַטישע יונגוואַרג שוין באַצייטנס פאַרמישט גע־ווען אין אַלערליי געהיימע קרייזלעך, סיי פון ביל"ו, דערנאָך חובבי ציון, סיי פון די „נאַראָדניקעס", די סאָציאַליסטן. זיי האָבן עס אַלץ מיטגעברענגט, אָנגעווייעט צוזאַמען מיט די לינדע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אין די גרויסע שטעט, ווען זיי זענען אַראָפּגעקומען אויף די זומער־קאַניקולן. אויך זיי איז מיטאַמאָל ענג גע־וואָרן אין זייערע אויסגעוואָרעמטע היימען.

דורך די הויכע, אויסגעוואַשענע פענצטער, אויפן „ניעווסקי פּראָספּעקט", פאַר־שטעלט מיט גאַרדינען, האָבן זיך געהערט שטיל פליסן סודותפולע פּיאַנע־טע־נער. אונטן, צו דער גאַס, איינגעטונקט אָוונט־צייט אין ליכט פון בליך־לאָמפּן, האָבן זיך אויפגעמאַכט קאָנדיטאָרסקעס, קאַפּיינעס, און דער קינאָ „אילוזיאָן", ווו מ'האָט געוויזן די ערשטע שטומע פילמען. די ברייטע ווייבער, אָנגעצויגן אין אַטלאַס, באַהאָנ־גען מיט מאַסיווע שטיקער צירונג, זענען אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן געווען צע־זעצט אויף די באַלקאָנען און געטרונקען טיי מיט „וואַרעניע".

אַזוי אומגעריכט איז ליפע קאַמאַשנמאַכער אַרויסגעשווומען אין לעדער־פאַך; ווייל ס'האָט זיך באַלד דערנאָך געמאַכט, אַז די גאַרבאַרעס און רימאַרעס זענען, פון דער העלער הויט, אַרויס אין שטרייק, אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג מ'זאָל זיי דער־לייגן אַ רובל אויף דער וואָך, 12 שעה פּראַצע און נישט דאַרפן קומען אַפּאַרבעטן דעם שבת־צונאַכטס פאַרן קורצן־פּרייטיק. האָט מען דאָך באַלד דערשנאַפּט, אַז נישט אַנדערש, נאָר דאָס האָבן די „צער בעלי חיים" זיי „אָנגעדרייט". מ'האָט אים שוין אָבער גוט געקענט, ליפע קאַמאַשנמאַכער, דעם פאַרביסענעם יונג פון די הינ־טער־געסלעך.

ווייל ס'איז געווען אַ ריין אומגליק; די באַלמעלאָכעס האָבן אין מיטן העלן טאָג געוואָרפן די אַרבעט, אַרומגעדרייט זיך אויף די בולוואַרן פוסט־און־פּאַס, די שטע־קעלעך אין די הענט, אויסגעסטראָיעט אין די האַרטע קעלנער, אין די פּאַפּירענע „הערצלעך"; האָבן אין זומער־אָוונט געזונגען די פאַרבאָטענע לידער וועגן די „ברי־דער און שוועסטער". אָבער ליפען איז מער נישט געווען צו זען. ער איז געלעגן ערגעץ פאַרשטעקט.

זענען די באַלעבאַטים, ברייטע יידן מיט פאַרפּאַפּטע בערד, זיך צונויפגעקומען אין משמר בית מדרש, צו באַטראַכטן די זאַך, אַרומצורעדן די לאַגע. די וואַר־שטאַטלעך אין די אָפענע שאַפּעס פוסטעווען. די פעל אין די וואַפּנע־גריבער פוילן. טאַקע, וואָס איז דער תכלית ? אויף אַזאַ היזק צוליב דער באַנדע באַלמעלאָכעס

דאָרט האָבן זיי זיך אַוודאי נישט גערירט. זיי זענען אויך באַלד אַריבערגעגאַנגען צום רב ר׳ חיימקע, פאַררופן אַן אַסיפה אין בית־דין־שטוב, באשר מ׳האָט אויסגע־פונען א היתר אויף אַ מסירה. דער ווינקל־דיין מיטן דאַרן, קרומלעכן בערדל, ר׳ סרולטשע, האָט דאָרט אַריינגעבליקט אין די ספרים און ערגעץ אויסגעפונען, אַז יאָ, מען מעג אַזעלכע אַפּיקורסים, מורדי במלכות, איבערגעבן אין גוישע הענט. ווייל ס׳שטייט געשריבן: „רשעים מורידין ולא מעלין״. (רשעים זאָל מען טיפער אַראָפּזינקען, און נישט דערהויבן). אָבער דער רב זייערער, ר׳ חיימקע, אַן עניו, האָט קיין צורת מטבע נישט געוווסט, האָט זיי פּלוצים אָנגעקוקט מיט שאַרפע, כעסדיקע, אויסגעשרויפטע, זייער קורצזיכטיקע אויגן פון הינטער די שפּאַקולן, פאַרשטאָפּט זיך די אויערן, נישט געוואָלט אַפילו הערן, אָפּגעדרייט זיך, געמורמלט, אז דאָס פּאַסט פאַר גויים, און לסוף שאַרף געהייסן זיי גיין.

— דער ממזר בן הנידה... — האָט שעפּטל גוי, אַ רימער מיט א פעד־שוואַרצער, האַרטער באָרד, ווי וואַילאַק, בשום אופן נישט געוואָלט נאָכגעבן, געקלאַפּט מיט דער פויסט אין שטענדער אַריין — אין קייטן וועל איך זיי לאָזן שמידן!... אין „אָסטראָג״ וועלן זיי ביי מיר פאַרפוילט ווערן...

ניין, זיי האָבן דעם אַלטן, אויסגעאיידלטן רב זייערן, ר׳ חיימקען, אויך נישט געהאָרכט. זיי האָבן נישט געשוויגן, און טאַקע באַלד צומאַרגנס איז אַוועק אַ פּאַפּירל אַהין, צו וועמען מ׳דאַרף, אַ גענויע רשימה פון די „בונטאָווּשטשיקעס״; און נישט באַר דאָס. אַזוי ווי די עלטערע בעלי־מלאכות, די גאַרבערס און רימאַרעס, האָבן מכמה יאָרן געהאַט זייערס אַן אייגן בית מדרשל, אויפן אַלטן פיש־מאַרק, איז מען געקו־מען מיט פּאָליציע, אויפגעהאַנגען אויף דער טיר אַ שלאָס מיט אַ לאַק־חתימה. אָבער שבת אין דער פרי זענען די בעלי־מלאכות, אַפילו ס׳יונגוואַרג, פּלוצעם אַראָפּגע־קומען אין באַלעבאַטישן משמר בית מדרש, פאַרכאַפּט דעם סאַמע אויבנאַן, די מזרח־וואַנט. עטלעכע חברה־לייט האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, עמעצער זאָל נישט לויפן נאָך פּאָליציע, און די עלטערע באַלמעלאָכעס האָבן זיך געטיילט מיט די שענסטע עליות. דערנאָך האָט ליפע קאַמאַשנמאַכער זיך אומגעריכט באַוויזן, מ׳האָט אים אַרויפגעטראָגן אויף די הענט, דורכגעשטופּט זיך צווישן עולם צום באַ־לעמער, און ר׳האָט אַוועקגעלייגט אַ פייערדיקע דרשה, אַז מ׳עט זיך נישט לאָזן עקספּלו־אַטירן, אַז מ׳עט קעמפן ביזן ענדגילטיקן זיג...

זיי האָבן טאַקע נישט אויסגעפירט די באַלמעלאָכעס, האָבן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ געמוזט צוריקגיין צו דער אַרבעט. באַלד נאָכדעם האָט אויך ליפע קאַמאַשנמאַ־כער געמוזט אָפּטראָגן זיך פון שטאָט, עוקר זיין. נישט בלויז צוליבן שטרייק. דאָס האָט דער חשובער בעל־הבית, ר׳ לייבל זיידמאַן, איינגעלייגט וועלטן, באשר דער אַרצי־מחוצף ליפּע, פירט אַראָפּ זיין טאָכטער, טייבעטשקען, פון גלייכן וועג; האָט זי אָנגערעדט זי זאָל אַנטלויפן מיט אים; אַז דאָס „בורזשעט״ ער אונטער דעם „נאַראָד״, מ׳זאָל נישט אַרבעטן מער ווי 12 שעה אַ טאָג, מ׳זאָל למען השם זען אַראָפּצוואַרפן ניקאָלאַיקען פון בענקל... ווי צו די אויערן, וואָס הערן עס! דער אמת איז געווען, אַז דאָס האָט טייבעטשקע, ס׳מיידעלע מיט די צעפּלעך, אים דעמאָלט אויסבאַהאַלטן, ליפּען, אין די שאַפּעס פון טאַרטאַק, אויפן הויכן ברעג. מ׳האָט עס אָבער, זעט אויס, באַצייטנס אונטערגעטראָגן; ווייל באַלד דערנאָך זענען געקומען די זשאַנדאַרן אין מיטן דער נאַכט קלינגען אויפן פאַרנטיקן גאַניקל ביי לייבל זיידמאַן. זיי האָבן

איבערגעגנישטערט אַלע שטובן. זיי זענען געקומען זוכן דעם „בונטאָווּשטשיק״, ליפען. ערשט דעמאָלט האָט זיך לייבל זיידמאַן דערוווסט די גרויסע בראָך זיינע. מ׳האָט אים שוין אָבער פריער געהאַט אונטערגעטראָגן, אַז דער קאַמאַשנמאַכער האָט עפּעס צופיל מחזקות מיט זיין טייבעטשקען. דער פאַרריסענער ייד מיטן קרומלעכן לאָפּעטע־בערדל, איז אַרומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד. אים זאָל אַזוינס פּאַסירן ?

נאָך אָט דער גראַטשקע האָט זיך ליפע געמוזט אָפּטראָגן, עוקר זיין פון דער היים־שטאָט אויפן בוג. אָבער די בריוועלעך, וואָס ער האָט איר דערנאָך געהיימער־הייט געשריבן, טייבעטשקען... צי זענען זיי כאָטש דערגאַנגען, די בריוועלעך ?... ווען ער אַליין איז שוין געווען פאַרוואָרפן טויזנטער וויאָרסט פון דאַנען, אין ווייטן צפון, אויף פאַרשיקונג, אין וויאַטקע.

קאַפּיטל דריי

ווי אַ פאַקל אין דער פינצטערער נאַכט...

איבער דריי יאָר זענען געהאַט פאַרלאָפן, זינט אין פאַרשטעקטן בוידעם־שטיבל, אין אַ ווילנער פאָרשטאָט, האָט, פון די קרייזלעך, „סכאָדקעס״, שטרייק־קאַסעס, פון די געדיכטע אַרבעטער־בירזשעס אין דערשטיקטן תחום־המושב, ווי אַ פאַקל אין דער פינצטערער רוסישער נאַכט, אַ שיין געטון די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אַלגעמיי־נעם יידישן אַרבעטער־בונד פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן.

אין די אומרואיקע צייטן, וואָס זענען אָנגעשטאַנען, איז — ווי אַ זאָך מאַכט זיך — גלייכער געווען נישט צו לאָזן זיך אין ווייטן וועג אַריין, אַזש ביז ווילנע, מיט דער אייזנבאַן; ס׳איז שוין בעסער געווען צו דערשלעפּן זיך אַהין מיט אָקס. אַלערליי פאַרדעכטיקע פאַרשוינען האָבן זיך געראַיעט אויף די איבערגעפּאַקטע וואָקזאַלן; נישט געגאַלטע, אין פויערישע פעלצלעך, ס׳קעלנערל אויפגעשטעלט, האָבן זיי גע־נישטערט אַרום זיך מיט זייערע שפּיזיקע אויגן; און ער, ליפע, האָט קיין פּאַספּאָרט, אַפילו קיין פּיצל פּאַפּירל נישט פאַרמאָגט ביי דער נשמה. אין די נאָך־סוכות־בלאָטעס האָבן זיך די טיפע בוידן פון יידישע באַלעגאָלעס, באַלאָדן מיט באַקאַליי, מאַ־נופאַקטור, אייזנוואַרג, לאַנג געטרייסלט איבער די שלעכט־ברוקירטע, באַטשנע שאָ־סייען, פון שטאָט צו שטעטל, פון קרעטשמע צו קרעטשמע — פּרוזשענע, וויסאָקע־ליטאָווסק, ביעלסק, אַזש ביזן נאָענטן כרך ביאַליסטאָק. אין די היימישע יידישע שטעטלעך, צעזייט איבער פּאָלעסיע און ווייסרוסלאַנד, אין ביאַלאָוועזשער קאַנט, איז ער אָפּגעשטיגן, ווען די בוידן האָבן זיך דאָרט פאַרהאַלטן איבער שבת; אַריינגע־כאַפּט זיך אין אַ בית־מדרשל, אַפילו געלאָזן זיך פאַרבעטן, צוזאַמען מיט נאָך אָרע־מע אורחים, צום שבתדיקן טיש ביי אַ יידן; מער געשוויגן, אונטערגעברומט, נישט געלאָזן פאַלן קיין איבעריק וואָרט.

צו די טויערן פון „אָסטראָבראַם“, אין ווילנע, האָט ער זיך דערקליבן ערשט אויף דער אַנדערער וואָך. דאָס יונגע, רויטלעכע בערדל האָט אים פאַר דער צייט היפּש אַ שפּראָץ געטון. ס'איז נישט שווער געווען אָנצונעמען אים פאַר אַן אָרעם־בחור, איינער פון די יונגעלייגט, וואָס ציען פון דער טיפער פּראָווינץ קיין ירושלים דליטא, צו דער באַרימטער ראַמיילעס ישיבה. אין טויבע־גיטקעס זאַוווּלאָק האָט ער זיך פאַרהאַלטן אין אַ ביליקער אכסניה אויף נאַכט־לעגער, און באַלד צומאָרגנס אין דער פרי זיך אַרויסגעלאָזן איבער דער שטאָט פאַרזיכטיק אויפזוכן דאָ ערגעץ דעם חבר נח. צום חבר נח האָט ער געהאַט פאַרשטעקט ביי זיך אַ בריוול מיט אַ „פּאַראָל“. אויף דער „יאַווקע“ האָט ער זיך דערפרעגט צו אים. חבר נח, אַ יונגער אינטעלי־גענט, זייער אַ געלאַסענער, האָט נאָך אין ווילנער לערער־אינסטיטוט געהערט צו אַ קאָנספּיראַטיוו קרייזל. ער, ווידער, האָט אים שוין דערנאָך צונויפגעפירט מיטן חבר אַרקאַדי קרעמער, מיט דער חברטע זשעניע. אין אַ פאַרנאַכט האָט ער אים איין מאָל אָוועקגעפירט צום „לערער“ גאָזשאַנסקי. יענער האָט זיך אויפגעהאַלטן לעבן האַלץ־מאַרק, עק נאָוואָגראָד, אויף אַ סאַלקע. ביים ראָג איז נח אַוועק אַ ביסל גיכער. ליפע איז אים נאָכגעגאַנגען פון ווייטן. אויבן האָבן זיי פאַרזיכטיק אָנגעקלאַפּט. די נידערי־טיר האָט זיך קוים אָפּגעעפנט, נח האָט עפּעס אַריינגערעדט, און די טיר האָט זיך באַלד פאַרהאַקט.

— ביים „לערער“ איז איצט אַ „קרוזשאָק“... — האָט ער ליפען איינגערוימט — דאַרפן מיר נישט זען יענע און יענע דאַרפן אונדז נישט זען... מיר וועלן אַריין דורך אַ הינטער־טיר.

ליפע האָט געוואָרט מיט זיסער האַרצקלאַפּעניש. איין קליניקייט — גאָ־זשאַנסקי ! וואָס מ'האָט זיך אַלץ נישט אָנדערציילט וועגן אים. אין דער נידערי־קער טיר האָט זיי באַגעגנט אַ ייד מיט איינגעקוועטשטע דראָטענע ברילן, אַ האַרבער בליק, אַן אַ ברעקל צוטרוי. אויפן נאַקעטן טיש זענען געלעגן עטלעכע רוסישע ביכלעך.

— דער עיקר — האָט ער גערעדט קורץ, זאַכלעך — איז אַרבעט... פּראָדוק־טיוויזירן זיך... כדי סאָציאַליסטיש צו באַנעמען די געשיכטע, מוז מען גוט פאַר־שטיין דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן אונטערשלאַק פון דער עפּאָכע, ווען דער קאַ־פּיטאַליזם איז געבוירן געוואָרן...

ער איז צו צום אַלמער, אַרויסגענומען עטלעכע צעשאָטענע העפטן פון רוסישן זשורנאַל „סיעווערני וואָסטאָק“, געוויזן ליפען אַן אַרטיקל פון קאַרל קאַוטסקי, „די עפּאָכע פון הומאַניזם און רעפאָרמאַציע“.

צו ליפען האָט ער זיך אָפּגערופן :

— אַזוי ? איר קענט „זשאַרגאָן“ ? איז גוט. איר וועט עס איבערזעצן. עס וועט געלייענט ווערן פאַר אַרבעטער־קרייזלעך...

באַלד נאָך דעם האָט ליפע דערפילט, אַז ער טאָר דאָ מער קיין איבעריקע רגע נישט בלייבן. באַקומען אָפּגעשטעקט אַ טרוקענע האַנט, האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט דורך דער קיך־טיר. ער האָט געוואָרט אויף עפּעס אַ סוד און — דאָ... אַ מאָדנער... אַ טרוקענער ליטוואַק... דאָס האָט אים נאָך חבר נח דערציילט, אַז אָנגעהויבן האָט ער, דער „לערער“, ווי אַ משכיל, א חובב ציון, אַן אחד העמ'יסט, ערשט דערנאָך — אַ סאָציאַליסט. זיין וועלט־אָנשויאונג איז טאַקע פאַרבליבן אַ מין געמיש פון השכלה,

חיבת ציון און סאָציאַליזם. ס׳איז געווען עפּעס אַן אָנדייטונג אויף אַ נייעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, האָט אַריינגעטראָגן אין די ווילנער סאָציאַליסטישע קרייזלעך אַ סך יידישע שטימונגען, אויפגעוועקט צו טעטיקייט די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן". „דער אינטערנאַציאָנאַליזם — איז ער געקומען צום אויספיר — איז אַ נאַציאָנאַלער שטריך פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג".

דעם אמת געזאָגט, האָבן אַלע איבעריקע נאָך היפּש געבלאָנדזשעט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. געווען ניכטערע קעפּ, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרטשאַדען פון הויכע לאָזונגען. אויף דער גרענעץ פון די צוויי יאָרהונדערטער האָט זיך אָבער צווישן דער יידישער אינטעליגענץ שטאַרק געפילט די אַסימילאַציע־סטיכיע. ווער האָט געקענט שטעלן אַ ווידערשטאַנד אַ סטיכיע, וואָס האָט זיך געריסן מיטן שטורעם פון דער רעוואָלוציע ? דער געמיינזאַמער ציל זייערער איז געווען — גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט דער אַרבעטער־זאַך, אומבויגזאַמער ווילן צו קעמפן קעגן רוסישן אַבסאָלוטיזם, אויפבויען אַ רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אַפילו חבר אַרקאַדי — אַ קלאָרער קאָפּ, גייסטיקע און פּאָליטישע גלייכגעוויכט, אַן אייזערנער ווילן, רואיק, אַנאַליטיש; אין זיין באַציאונג צו חברים — פּשוט, אַן אינטעליגענטישע שטיק. אַ שווערלעכער רעדנער, אַ שווערלעכער שרייבער. ער האָט אָנגעשריבן אַ בראָשור „וועגן אַגיטאַציע". אין אַלע ספערעס פון דער „באַוועגונג" האָט זיך געלאָזן פילן זיין גייסט, זיין נישט־אָנגעוואָרפענע אויטאָריטעט, איז אַלעמאָל פאַרבליבן אויפן רעאַלן באָדן; וואַרעם, האַרציק צו מענטשן, באַשיידן. אַ טיפער שטערן, געדיכטע וואָנסן האָבן פאַרדעקט זיין מויל. ער איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון דער פעטערבורגער טורמע. אויך זיין אָריענטאַציע איז געווען אויף רוסלאַנד בכלל. ער האָט נאָך אַפילו נישט געחלומט, אַז דער אומפאַרמיידלעכער, לאָגישער רעזולטאַט דאַרף זיין — אַ יידישע סאָציאַליסטישע מאַסן־באַוועגונג. די ערשטע גרינדער פון די אַרבעטער־קרייזלעך האָבן נישט אין זינען געהאַט קיין ברייטע טעטיקייטן צווישן די יידישע אַרבעטער גופא, נאָר אויסבילדן, דערפירן צום סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין, צוגרייטן אַגיטאַטאָרן פאַר די רוסישע אינדוסטריעלע צענטערס, פאַרן רוסישן אַרבעטער־קלאַס. זיי האָבן נאָך נישט געזען — אַ באַוווסטזיניקע אַרבעטער־באַוועגונג צווישן די יידישע באַלמעלאָכעס פון די קליינע וואַרשטאַטלעך. אָבער דאָס האָבן זיי באַלד פאַרשטאַנען — בלייבן צווישן די יידישע מאַסן, צווישן די געדיכטע אַרבעטער־בירזשעס אין ווילנע, מינסק, ביאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדזש, זיי אויפהייבן קולטורעל, גייסטיק, פּאָליטיש, פירן זיי אין קאַמף.

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג איז נאָך געווען צעשטויבט, צעריסן, שוואַך, אָנמעכטיק. מ׳האָט אָבער שטאַרק געגלויבט אין אירע דרימלדיקע כוחות. אויף די קרייזלעך זענען געווען אינטעליגענטישע רעדעס, אין רוסיש. ס׳איז זיכער, אַז גאַנץ ווייניק האָבן עפּעס פאַרשטאַנען. גאָר אַנדערש האָט גערעדט די שניידערין פאַניע רעזניק, די אינטעליגענטקע זשעניע הורוויטש, דער קאַמאַשן־שטעפּער גערשאָוסקי; ער איז אַפילו אַרויס מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן די „אינטעליגענטן". ס׳איז געווען דער איבערגאַנג פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע, פון די ענגע קרייזלעך צו אַ מאַסן־באַוועגונג, פון רוסיש צו יידיש. די פּראָפּאַגאַנדע האָט דערצויגן אַן אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע, אָפּגעזונדערט פון די מאַסן. די „אָפּאָזיציע" האָט, פּונקט ווי די אַנאַרכיסטן, געטענהט, אַז די אינטעליגענץ וויל די געהאָרכ־

זאַמע אַרבעטער אויסנוצן פאַר זייערע פּאָליטישע אינטערעסן. די אינטעליגענטן האָבן קוים געקענט רעדן יידיש, שווערלעך געפונען דאָס נויטיקע וואָרט פאַר די איינפאַכסטע באַגריפן. דער איבערגאַנג פון רוסיש צו יידיש האָט צוגעצויגן די „האַלב־אינטעליגענטן", די מערסטע — אויטאָדידאַקטן. זייער בילדונג — אַ היימישע, אָבער נאָענט צום פאָלק. ס'האָבן זיך באַוויזן איבערזעצער, שרייבער, רעדנער, אַגיטאַטאָרן, ווי ליפע קאַמאַשנמאַכער, ליטוואַק. די „האַלבע אינטעליגענטן" האָבן אַריינגעבראַכט אַ געזונטן נאַציאָנאַלן עלעמענט אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. מ'האָט אויך באַדאַרפט קעגנווירקן דעם אויפקומענדיקן ציוניזם, וואָס האָט אָפּעריִרט מיט די באַוווסטע אַרגומענטן — קריטיק פון דער „האָפענונגסלאָזער עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג"... „נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט"... „די פּוסטע חלומות פון אַ גליקלעכער צוקונפט אין גלות"... „אילוזאָרישער אינטערנאַציאָנאַליזם"... אַז „דער באַפרייאונגסקאַמף וועט מער שעדיקן, ווי העלפן די יידן"...

אַ יידישער אינטעליגענט האָט אויך באַדאַרפט צו עסן; נעמען זיך צו אַ מלאכה, קאַמאַשנשטעפּערײַ, בוך־בינדערײַ? אָבער ציִען דערפון חיונה האָט מען נישט געקענט. איז ווידער פּאַרבליבן: געבן פּריוואַטע „אוראָקן". די פּראַקטישע זשעניע הורוויטש האָט טאַקע ליפען זייער פיל געהאָלפן. זי איז געווען פאַר די יונגערע טוער ווי אַ מאַמע. אַ שטיקל צייט האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין אַ פאַרשטעקט צימערל אין דער גרויער געביידע פון שטאָטישן אַזיל, לעבן בערנאַרדינער גאָרטן, דער אַמאָליקער מאָנאַסטיר פאַר נאָנעס. מ'האָט דאָרט געקענט איבערשלאָפן פאַר 3 קאָפּיקעס אַ נאַכט. אָרעמע דירהלעך, אַ לאַנגער, פינצטערער קאָרידאָר, אָנגעשטעלט מיט קאַסטנס, קערב. איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז אפשר וועט די אַלטע פּוילישע פרוי, וואָס ער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי איר, העלפן אים פאַרשטעקן די אומלעגאַלע ביבליאָטעק אין פינצטערן קאָרידאָר.

— זאָרג נישט, סינאָק... — האָט זי אים מוטערלעך פאַרזיכערט — די זשאַנדאַרן וועלן זיך אַהער נישט דערקלייבן...

די צעשאָטענע ביכלעך האָבן אַרומגעוואַנדערט פון האַנט צו האַנט, פון קרייז צו קרייז. די אַלטע האָט די ביכלעך געטראָגן אין קוישל, אונטער דער פאַטשיילע. נאָך די גרויסע אַרעסטן אין פּעטערבורג, זענען די זשאַנדאַרן אומגעריכט באַפאַלן דאָס אַלטע הויז, דורכגעזוכט דעם פינצטערן קאָרידאָר, אָבער צו דער קאָנספּיראַטיווער ביבליאָטעק האָבן זיי זיך נישט דערקליבן. אין צימער האָבן זיי נאָר דערכאַפּט — אַ פּאָר צעשאָטענע ביכלעך אויף דר'ערד, דאָס פענצטער — אויפגעריסן. דאָס האָבן זיך ליפע און חבר אַרקאַדי נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעטראָגן דורכן שמאָלן געסעלע.

די צייט איז עפּעס געפּלאָנטערט נישט געוואָרן שנעל. די „באַוועגונג" איז געוואַקסן, אָבער ביי די רוסישע גרופּן איז אַלץ צוגעגאַנגען פּאַמעלעך; און אַן זיי — ווי קען מען שטופּן פאָראויס דעם וואָגן פון דער רעוואָלוציע? פאַרשטעקט אין די וועלדער, זענען אַרבעטער געקומען אויף די „סכאָדקעס". ס'האָט זיך אָבער געמערקט אַן אומצופרידנקייט. די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זענען נישט געווען יידיש, הייסט עס; דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז נישט נאָר אַ טייל פון אַלוועלטלעכן, נאָר אויך אַ טייל פון יידישן פאָלק.

דערווייל האָבן זיך ביי ליפען די „אוראָקן" אויך אויסגעלאָזן, און ווו צו פאַר־

דינען אַ קאָפּיקע איז טאַקע נישט געווען. איז זשעניע, די האַרציקע זשעניע, געקו־מען צו אים:

— ווען דאַרפן צוהעלפן אין די לעקציעס אַן אויסגעצאַליעט זונדל פון אַן אַפּגעקומענער אַריסטאָקראַטישער פּוילישער משפּחה. דער עיקר — האָט זי מבֿיניש באַטראַכט זיין אָפּגעשאָסענע גימנאַסטיאַרקע — זע איינצושאַפן זיך עפּעס אַ לייטישערן בגד... און נישט רעדן וועגן געלט, הערסט?

נאָכמיטאָג האָט ער אָנגעקלונגען אין אַ רייך הויז הינטערן בערנאַרדינער גאָרטן. די מוטער אַליין, אַן אַלמנה, קאַלט, שטאָלץ, האָט אים באַגעגנט אויף דער שוועל און אים באַלד געמאָלדן, זייער אויפריכטיק:

— מיין סטאַשעק האָט בעסער ליב צו טאַנצן אין די נעכט, איידער זיך לערנען...

זי האָט אים אַריינגעפירט צום יינגל, אַ בלאָנדער, מיט פאַרוואָסערטע אויגן, און אַליין האָט זי באַלד אַוועקגעשוועבט, אַ פריציש־שלאַנקע, אַ מאַיעסטעטישע. פון אַ וויטן צימער האָבן זיך אין נאָכמיטאָג דערטראָגן שטילע, ווי פאַרחלשטע, פיאַנע־טענער. פּינקטלעך 4 אַ זייגער האָט דאָס דינסט־מיידל געבראַכט טיי מיט גע־בעקס. סוף חודש — איז געלעגן גרייט אויפן טישל אַ קאָנווערט מיט 20 רובל. איינמאָל, שוין שטייענדיק אויף דער שוועל, האָט זיך באַוויזן די מוטער.

— כ׳בעט אייך, בלייבט מיט אונדז היינט אויף אָוונט־ברויט... כ׳בעט דעם פאַן זייער...

ער האָט נישט געהאַט קיין דרייסטקייט אָפּצוזאָגן. דאָס אָוונט־ברויט איז צו־געגאַנגען שטיל, פייערלעך. דער טיש — באַשטעלט מיט זילבערנע כלים, מיטן אויסגראַווירטן משפּחה־הערב.

— אפשר איז עס פּרויען־נייגער — האָט זיך די מוטער, זשענירט, פאַרענטפערט

— אָבער, גלויבט מיר, אומשולדיקער נייגער... ווי כ׳פאַרשטיי, ס׳הייסט... ווי כ׳פיל עס פון אייער צוריקגעהאַלטנקייט, באַלאַנגט איר אַוודאי צו אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע...

— יאָ! — האָט ליפּע דאָס מאָל נישט געלייקנט — צו אַ געהיימער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע...

— פון רוסישע טעראָריסטן?

— נישט קיין רוסישע טעראָריסטן, נאָר — צו אַ יידישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע...

— צי מאַכט דער פאַן נישט קיין שפּאַס?... אַ יידישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע?!... מיר האָבן געקענט יידן... סוחרים, אַרענדאַרן, פּראָצענטניקעס... אָבער יידישע רעוואָלוציאָנערן!... אַזעלכע יידן האָב איך קיין מאָל נישט געזען...

— אָט זיצט דאָ פאַר אייך איינער פון זיי!

— זייער... זייער מאָדנע... און וואָס פאַראַ צילן האָט איר?

— מיר לערנען די יידישע פאָלקס־מאַסן צו קעמפן פאַר זייערע רעכט, קעגן צאַר, קעגן עקספּלואַטאַציע...

זי האָט זיך אויפגעהויבן, דורכגעשוועבט דעם סאַלאָן, ווי אין טראַנס, געבר־ענגט עטלעכע פּוילישע ביכלעך, געדרוקט אין גאַליציע, פון אַדאַם מיצקעוויטש, אַ קליינע זאַמלונג „פּיעשני לודאָווע״ (פאָלקס־לידער), אַ בראָשור פון וויסלאָוך, אַ דעמאַגאָג, אַן אַנטיסעמיט. די פאָלקס־לידער זענען געווען פול מיט טרויער וועגן

אומדערשיטערלעכן, רעליגיעזן גלויבן אין תחית־המתים פון פוילישן פאָלק; דאָרט איז אויך געווען דאָס באַרימטע ליד „ראָטאַ", פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ — „ניע דאַמי זשעמי סקאָנד נאַש רוד"... (מיר וועלן נישט אָפּגעבן די ערד פון אונדזער שטאַם), וואָס איז אין פוילן געזונגען געוואָרן מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, אין קירכלע־כער פייערלעכקייט.

— אינגיכן — האָט זי דערציילט — וועלן קומען מיינע צוויי שוועסטערן... דער עיקר צעלינאַ... זי איז באַגייסטערט, ווייסט איר, פון איינעם אַ יוזעף פּילסודסקי... די „מאַסקאַליעס" זוכן אים אַרום...

נאָך וואָס, האָט ליפּע אַ טראַכט געטון, אַראָפּגייענדיק פון דאָרט, זוכט זי מיין באַקאַנטשאַפט ? מענטשן פון אַן אַנדערער וועלט. פון אַ ווילד־פרעמדער וועלט. אפשר איז עס טאַקע נישט מער ווי נייגער, אַ קוק צו טון, ווי אויף אַ זעלטענער חיה, אויף אַ... יידישן סאָציאַליסט ?... ער האָט געזוכט אַ תירוץ דעם אַנדערן מאָל נישט צו קומען, נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. אָנשטאָט סנאָבישע פּריצטעס, מיט קאַלטע פּנימער, האָט אים אָבער די באַלעבאָסטע פאָרגעשטעלט צוויי יונגע, שיינע פרויען.

— צי וועט אייך נישט שווער זיין צו רעדן פּויליש ? — האָט אים די על־טערע, צעלינאַ, געפרעגט.

— כ'האָב מורא, אַז כ'וועל דאַרפן באַנוצן אַ סך רוסישע ווערטער...

— ס'מאַכט נישט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי מיין מאַנס עלטערן. מיר דער־וואַרטן אייך מאָרגן אויף מיטאָג. אומבאַדינגט.

ס'האָט אים שוין אַ ביסל פאַראינטריגירט אויך און ר'האָט געוואָרט מיט אומ־געדולד ביז מאָרגן. דאָס מיטאָג האָט זיך פאַרצויגן לאַנג. צעלינאַס מאַן, א יונגער, אַ דיקלעכער, מיט אַן אויסגעלאָשענעם בליק אין די וואָסערדיק־פאַרבלויטע אויגן, האָט ביים טיש גערעדט וועגן אַן אַרטיקל אין לעצטן נומער „קראַי" פון באַוווסטן רעאַקציאָנער און „אוגאָדאָוויעץ", וויסלאָאוך, צו מאַכן אַ פּשרה פון דער פּוילישער בורזשואַזיע מיט דער צאַרישער רעגירונג.

— איך פאָר אַרויס אויף אַ פּאָר וואָכן — האָט ליפּע געמאָלדן דער מוטער פון באַלעסלאַוון, איידער ער האָט זיך אָפּגעזעגנט — אָנצונעמען זיך מיט אַ ביסל פרישע לופט אין די לונגען.

— אויסגעצייכנט — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט — כ'האָב טאַקע געוואָלט רעדן מיטן פּאַן. באָלעסלאַוו וועט פאַרברענגען ביז אויגוסט אין אונדזער גוט. אויך אונד־זערע פריינד, די דאַשעווסקיס, וואָלטן געוואָלט איר זאָלט זייער זון צוהעלפן אין די לעקציעס. צעלינאַ — האָט זי זיך געווענדעט צו דער שוועסטער — דער פּאַן פאַרלאָזט די שטאָט אויפן זומער. כ'וואָלט געבעטן דער פּאַן זאָל מיטפאָרן צוזאַ־מען מיט אונדז.

— איר וועט דאָרט געפינען פולשטענדיקע רו — האָט אים צעלינאַ שמייכ־לענדיק פאַרזיכערט — איר דאַרפט אַפילו קיין ביכער נישט מיטנעמען. מיר פאַר־מאָגן דאָרט אַ רייכע ביבליאָטעק.

און ער האָט אַ טראַכט געטון — יאָ. ביי אים האָט זיך דער עיקר געהאַנדלט זי זאָל העלפן אַריבערשמוגלען עטלעכע וואַליזעס „ליטעראַטור" דורך דער פּרייסי־שער גרענעץ, אין דער נאָענט פון גוט.

די צעלינאַ האָט עס טאַקע דערנאָך זייער דעליקאַט, געשיקט געהאָלפן דורכפירן. זי האָט אים אויך איין מאָל דיסקרעט אַריינגעשטופט עטלעכע גראָבע באַנקנאָטן, צו־הילף דער „באַוועגונג״. „כ׳בעט אייך — האָט זי שטיל געזאָגט — ס׳זאָל בלייבן אַנאָנים״...

באַלד צומאָרגנס איז מען אַרויסגעפאָרן אין גוט אַריין, אָן ערך אַ וויאָרסט דרייסיק, אויף יענער זייט ניעמאַן. הינטער דער ליפּע־אַלייע האָט זיך אַרויסגע־הויבן אַ לאַנגע, אָפּגעשוונדענע געביידע, באַזעצט מיט פּאַראַבקעס. נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד איז דאָ דורכגעפירט געוואָרן אַ פּאַרצעלאַציע פון דער ערד, אָבער אין דער אמתן איז די האַלבע שקלאַפעריי פאַרבליבן ווי געווען. דער „הויף״, די צע־בליטע סעדער, די גרין־באַהאַנגענע גאַניקעס, האָבן אין דעם זומער ליפּען ווייט פאַרטראָגן פון דער ביטערער יידישער נויט אין די ווילנער שמאָלע געס־לעך, דורכגאַנגס־הייף, זאַוווּלקעס, מאַרק־געשטעלן. צוזאַמען מיט די יינגלעך, איז ער געגאַנגען כאַפּן פיש, אַוועקגעלאָזן זיך אין די וועלדער קלייבן יאַגעדעס, שוועמלעך. אַ פרעמדע וועלט. צייטנווייז איז מיט די אָנגעפאָרענע קרובים אויך אויסגעקומען צו רעדן וועגן יידן; זיי האָבן זייער אַנטיסעמיטיזם „באַגרינדעט״, כאָטש געגנוג קאָרעקט. ס׳איז איבעריק געווען צו דיסקוטירן. ער האָט נישט אויסבאַ־האַלטן זיין יידישקייט און דאָס האָט, פאַרקערט, אַרויסגערופן רעספּעקט. סוף אוי־גוסט האָט מען זיך געגומען פונאַנדערפאָרן.

צוריק אין ווילנע, האָט ליפּע, אין קרייז פון נח׳ן, אַרקאַדין, זשעניען, צום ערשטן מאָל דערזען דעם סטודענט מיט די גרינע גלות־אויגן, אַ טיפּיש־רוסישער אינטעליגענט. ער האָט זיך געלאָזן רופן מאַרטאָוו; האָט גערעדט גיך, געטראַכט גיך. אַן ערודיט, אָנגעזאַפּט מיט דער רוסישער פּובליציסטיק, מיט די לעצטע אויס־גאַבן פון עקאָנאָמישע ווערק. ער האָט דערציילט וועגן די פּעטערבורגער קריי־לעך. די איינפּאַכסטע כללים פון קאָנספּיראַציע האָט ער אָבער נישט געוווּסט אָפּ־צוהיטן, געוואָרפן זיך אין די אויגן אויף דער בירזשע. ליפּע האָט זיך צוערשט אַ ביסל געקווענקלט איבערצוגעבן אים ער זאָל אָנפירן מיט די קרייזלעך.

אַ יאָר־אָנדערטהאַלבן, ביזן אַרעסט, האָט זיך נאָך ליפּע קאַמאַשנמאַכער אַרומ־געוואַלגערט אומלעגאַל אין מינסק, אויף די געדיכטע בירזשעס, צווישן באַרימטן „מינסקער טאָלק״, אין ביאַליסטאָק, וווהין ס׳האָט זיך אין יענעם זומער אַריבער־געטראָגן און געקלאַפּט דער פּולס פון בונדישן צ. ק. צווישן די וועבער און לויב־קעטניקעס, אויף די זאַמדיקע כאַניקעס און פּיאַסקעס; אויפגעהאַלטן זיך אין אַ גאָרן־שטיבל, געשריבן פּראָקלאַמאַציעס, געהאָלפן רעדאַגירן, אַרויסגעבן, פאַר־שפּרייטן די „אַרבעטער־שטימע״, אָרגאַניזירט די טעכניק פון „ליטעראַטור״ אין גאַנצן קאַנט, אָנגעפירט מיט די שטרייקן פון די וועבער. זיי האָבן געפאָדערט פון 7 ביז 8 קאָפּיקעס אויפן מאָטיק, אַ 12־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. די ביאַליסטאָקער וועבער־פאַבריקאַנטן זענען געווען איינגעשפּאַרט, פאַרביסן. זיי האָבן אָבער, באין ברירה, געמוזט נאָכגעבן.

די קאָנספּיראַציע איז ליפּען, ווי מ׳זאָגט, אַריין אין די ביינער. די „אָכראַנע״־שפּיאָנען האָבן זיך אומזיסט געיאָגט נאָך אים. ער איז זיי אויסגערונען פון הינטער די הענט. איז געלעגן פאַרשטעקט, דעם קאָפּ אין דרויסן נישט געוויזן. ער האָט אין די לאַנגע, אומרויִקע נעכט, מיט אַ געוויסן באַדויערן, זיך דערמאָנט דעם גוט,

דעם אָפּגעלאָפּענעם זומער, צעלינאַן. ס׳איז אויך צוריקגעקומען צו אים די האַלב־פאַרגעסענע נאָגעניש צו דער היים־שטאָט, אַ טריט פון דאַנען. ס׳האָבן אים מיט אַ גרויסער בענקשאַפט געצויגן די פאַרנאַכטיקע בולוואַרן, די צעבליטע קאַש־טאַן־אַלייען, די „צער בעלי חיים״ און — דער סילועט פון דינעם מיידעלע מיט די צעפּלעך, טייבעטשקע. ווי ווייט דאָס אַלץ איז שוין געווען! נאָר ווי האָט ער דען געקענט אָפּרייסן זיך פון די כאַנייקעס, פון די פּיאַסקעס אין ביאַליסטאָק? ס׳האָבן זיך געגרייט פרישע אַקציעס, שטרייקן. דער פּאָליטישער האָריזאָנט — פינצטער, פאַר־כמאַרעט.

ביין, דער אַרעסט האָט אים אויך נישט אויסגעמיטן. די וויכטיקסטע טוער פון צענטראַל־קאָמיטעט זענען — פאַרפאָלגטע פון זובאַטאָווס „אָכראַנע״־זשאַנדאַרמען — געזעסן אין דער שוויץ און אָנגעפירט מיט דער אומלעגאַלער אַרבעט אין רוס־לאַנד. אומגעריכט איז ליפע פאַרהאַלטן געוואָרן ביי דער גרויסער אָבלאַווע, גע־וואַלגערט זיך אַ שטיק צייט אין דער מאָסקווער „לוביאַנקע״, ביז לאַנגן עטאַפּן־גאַנג צום ווייטן צפון.

אומעטיק און באַנג האָבן זיך מיטן עטאַפּ געצויגן די וועגן קיין סיביר. אין די ענג־געפּאַקטע אַרעסטאַנטסקע „טיפּלושקעס״ איז מען נישט מער ווי אַ זעמדל אין גרויען מענטשן־שטויב. אויסגעמישט מיט קרימינעלע, געשמידט אין קייטן, נאָמענלאָזע, אָן פּאַספּאָרטן; אַן אַלטע אַרעסטאַנטקע, צוזאַמען מיט אַ יונג מיידל, מיט צעשראָקענע אויגן, האַלב־אָפּענע ליפּן; געפּאַלענע פרויען, געוועזענע אַריס־טאָקראַטן, אַפילו משוגעים. ס׳איז סוף זומער. ס׳שטייען נאָך שיינע, זוניקע טעג. מען פאַרהאַלט זיך אויף וואָקזאַלן, אויף זייטיקע ליניעס. אויף די פּעראָנען — אַ פריילעכער עולם, פלאַטערנדיקע פרויען, אָנגעטון אין ווייסן. און ווען זיי דער־זעען מיט אַ מאָל דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך פון וואַגאָן די פאַרוואָק־סענע אַרעסטאַנטן, די צעשויבערטע פרויען, ציטערן זיי אויף, ס׳געלעכטער ווערט באַלד פאַרשטומט. אַזוי שלעפּט זיך דער עטאַפּ ביזן ווייטן צפון. מיט חדשים שפּע־טער ווערט מען אַרויסגעוואָרפן ערגעץ־ווו, טויזנטער וויאָרסט ווייט פון די היי־מישע קאַנטן.

די געדיכטע, רוישיקע בירזשעס פון די גאַרבער, וועבער, פּאַפּיראָסן־ און זאָקן־מאַכערקעס, אין ווילנע, ביאַליסטאָק, מינסק, דווינסק, האָבן אָבער ליפּען צוריק־גערופן מיט אַ גרויסער, נישט־געשטילטער בענקשאַפט. די „באַוועגונג״, איז דער־גאַנגען צו אים, וואַקסט זיך פונאַנדער, כאַפּט אַרום אַלץ ברייטערע מאַסן. ס׳האָט נאָר וואָס אָפּגעהילכט דער שאָס פון ווילנער שוסטער־ייִנגל הירשקע לעקערט אויפן צאַרישן סאַטראַפּ, דעם גובערנאַטאָר פאָן וואַל; מוטיק און שטאָלץ איז ער אויפ־געשטיגן צו דער תליה, פאַרקוקט אין ליכטיקן מאָרגן, וואָס וועט באַלד אויפשיי־נען פון דער טיפער רוסישער נאַכט אַרויס...

ס׳האָבן אים דאָרט אויך נישט געלאָזן רוען די שאַרפע דיסקוסיעס אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע, די פּאָלעמיק מיט די ציוניסטן, מיט די „איסקראָוועצעס״ אין רוסלאַנד, מיט די פּ.פּ.ס. אין פּוילן. נישט אַלץ איז נאָך פאַר זיך אַליין קלאָר גע־ווען, וואָס פאַרא פאָדערונגען אַרויסצושטעלן פאַר יידישע רעכט, צו מאָרגנס נאָכן שטורעמען די צאַרישע דעספּאָטיע.

אויף די בונדישע צוזאַמענפאָרן האָט מען זיך לאַנג און הייס מתווכח געווען

און צו קיין קאָנקרעטע אויספירן נישט געקענט קומען. די חברים, אינטעליגענטן, אין די סאַטינענע העמדלעך, לענגלעכע האָר, פענסנע, האָבן גערעדט רוסיש; זיי האָבן געמיינט, אַז דערמיט איז מען שוין יוצא. יעדער איינער פון זיי האָט זיך שיער נישט באַראַכט פאַר אַ... מאַקסים גאָרקי. איינס איז קלאָר געווען — די אַלטע פאָרמען פון אונדזער יידישקייט זענען אָפּגעלעבט, די קוואַלן זענען אויסגעטריקנט, סיי די נשמה, סיי דער גוף. מיר דעגענערירן, ווועלן אונטערגיין. ס׳פאָדערט זיך אַ נייע פאָרם, אויפצוהאַלטן דעם יידישן גייסט און גוף.

טאָ ווי אַזוי האָט דען ליפע קאַמאַשנמאַכער אין אַזאַ צייט געקענט איינזיצן אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף, אין וויטן צפון? אַזויפיל זענען געלאָפן פ אַ ר אים. ער האָט לאַנג, פאָרזיכטיק, געהיים געפּלאַנעוועט, געפאָרשט די געגנט, זייטיק נאָכגעפרעגט זיך, געזוכט כלערליי פאָרטלעך. באַזאָרגט מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט, איז ער, פאַרשטעקט אין שליטנס, איבער די אומענדלעכע שניי־סטעפּעס, מיט אָנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער צוריק געקומען אַנצולויפן אין יידישן תחום המושב. אָבער שוין ביי דער סאַמע שוועל צו דער פרייהייט, איז ער אין דער געגנט פון וויבאָרג, אומגעריכט פאַרהאַלטן געוואָרן. זיין פּאַספּאָרט איז זיי דאָרט באַלד עפּעס פאָרגעקומען פאַרדעכטיק. צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַרעסטירטע, איז ער איבערגעפירט געוואָרן צו דער אויספאָרשונג אין דער „אָכראַנע”. אויפן באַלטישן וואָקזאַל, אין פּעטערבורג, האָט ער אויסגענוצט די בהלה, האָט זיך פלינק אַרויסגעגליטשט פון זייערע לאַפּעס, נעלם געוואָרן צווישן געדיכטן המון פּאַסאַזשירן, אין רעש, אין דער זעצנדיקער פּאַרע פון אָפּפאָרנדיקע און אָנקומענדיקע לאָקאָמאָטיוון.

קאַפּיטל פיר

די טיפע רוסישע נאַכט

ס׳איז נאָך געווען גרויסער טאָג, אינמיטן חודש אויגוסט, אָבער פון דער נעוואַ, פון דער מאָיקאַ, פון די נאָענטע פינישע איינגוסן, האָט זיך פאַרנאַכט־צו אויפגעהויבן אַ קילער טומאַן; ווי מיט אַ קוים־זעבאַרן רעטוש האָט דער נעפּל פאַרווישט די בלאַסע זון; זי האָט זיך נאָך דאָ און דאָרט דורכגעריסן, באַגיסנדיק מיט אַ פאַנטאַסטיש ליכט די געשניצטע פּאַסאַדן, די מאַסיווע גראַניט־געביידעס, דעם ברייט־צעלייגטן וואָקזאַל פון באַלטישן אייזנבאַן־צופאָר אין סט. פּעטערסבורג. לענגאויס די שטאַכעטן זענען די בערדיקע רוסישע „איזוואָשטשיקעס”, אין פעלערינעס, אין פלאַכע צילינדערס, געזעסן אויף די הויכע קאָזלעס פון זייערע פאַיעטאָנען, צעשטעלט אין אַ לאַנגער שורה, געפאָכעט מיט די בייטשלעך אין דער לופטן, גערופן צו זיך די פּאַסאַזשירן.

אויפן פינצטערלעכן פּעראָן האָט גע׳רעש׳ט, געפייפט, געהודיעט. לאָקאָמאָטיוון האָבן זיך געוועקסלט, באַנען זענען כסדר געקומען און אָפּגעפאָרן. דער צוג

פון 20.5 האָט באַדאַרפט אַ ליאַדע מינוט אַרויסרירן איבער די באַלטיש־ווייסרוסישע שטרעקעס — קיין ליבאַווע, איבער ריגע, קאָוונע, ביז צו דער ווייטלעכער ווילנע. דער המון פּאַסאַזשירן איז אַריין־ און ארויסגעפּלאָסן דורך אַלע פּאַרפּראָפּטע איינגענג. אַ קאָנדוקטאָר, באַהאָנגען מיט רויכערדיקע לאַמטערלעך, האָט געפּאָכעט מיט אַ רויט פענדל איבער קעפּ. אין דער פּאַרע, וואָס האָט געזעצט פון הינטער די לאָקאָמאָטיוו־רעדער, זענען אין דער לעצטער מינוט פויערימלעך, באַבעס, פּראָווינצער קרעמער, באַהאָנגען מיט קאָשיקעס, דאָס העמד איבער די הויזן, געקומען אָנצולויפן מיט טשייניקלעך אָקרעפּ, אָדער „קיפּיאַטאָק" פון דער בופעט־האַלע אונטערן גלעזערנעם דאַך, אָנצוכאַפּן זיך אין די שטאַנגען, אויף די טרעפּלעך.

גאָראָדאָוואָיען, סטראַזשניקעס, זשאַנדאַרמען, מיט אַנטבלויזטע שאַבלעס, האָבן אין דער מיט פּעראָן, צווישן המון, געפירט פון אַ פּאַרקראַטעוועטן וואַגאָן, אויף אַ זייטיקער ליניע, ענג־אַרומגעשטעלט, עטלעכע שויבערדיקע יונגעלייט, אין סאַטינענע העמדלעך; צווישן זיי אויך אַ דאַמע, אין אַ לאַנג קלייד אין קליאָשן, ביז די טריט, מיט א הויכן גרעק אונטערן פלאַכן הוט. זי האָט געפּאָכעט מיט אַ זאָנטיקל. מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ ווילד געלויף, אַ וויסטע פּאַניק. פּאָליצייסקע פייפלעך האָבן שאַרף דורכגעבויערט דעם רעש. גאָראָדאָוואָיען, „ציווילע", אין בלויע ברילן, זענען אַרומגעלאָפן צעקאָכט, געשטויסן, געשאָלטן, געזידלט, גענישטערט דעם אַרעסטאַנט צווישן דעם פלייצנדיקן המון; ער איז זיי דאָ נאָר־וואָס געהאַט אויסגערונען פון הינטער די הענט. זיי האָבן דאָרט אָנגעכאַפּט עפּעס אַ צעשויבערטן מיטליאָריקן מאַן אין דראָטענע ברילן. יענער האָט פּראָטעסטירט, געריסן זיך פון זייערע הענט. ער האָט פאַרלוירן די ברילן. „מאָלטשאַט!" — האָט דער רויט־פּנימדיקער זשאַנדאַר געפּאָכעט מיט דער פויסט. די פּאַרע האָט דערווייל פאַרווישט די פּאַסאַדן פון וואָקזאַל־בופעט, פון די וואַרט־זאַלן, איז געשווומען איבער דער מאַסע קעפּ, ווי אַ וואָלקן. דער צוג האָט, מיט אַ היפּשער פאַרשפּעטיקונג, לאַנגזאַם גענומען רירן.

נאָכן „טרעטי זוואָנאָק", ס׳הייסט, נאָכן דריטן קלונג, איז דער שלאַנקער מאַן מיט דער ביבלישער באָרד, מיט דער עקזאָטישער שיינקייט פון אַ מזרח־מלך, איינגעשטיגן אין וואַגאָן־קופּע, ערשטע קלאַס. ער האָט זיך אַ ווײלע פאַרהאַלטן ביים אָפענעם פענצטער, לאַנג און אומעטיקלעך געפּאָכעט מיט דער בלייכער האַנט. דאָס האָט ד״ר בנימין זאב הערצל געזעגנט די פּעטערבורגער דעלעגאַציע פון יידישע עסקנים, וואָס איז געקומען אים באַגלייטן, נאָך זיין וויזיט אין דער הויפּטשטאָט, ביים אינערן־מיניסטער פאָן פּלעווע. ער האָט נאָך אַלץ געפילט, ווי אַלעמענס בליקן זענען אָנגעהאָנגען אין אים. ס׳בלייכע פּנים — **איינגערעמט** אין דער שיין־געפלעגטער, שוואַרצער באָרד, דאָ און דאָרט שוין דורכגעוועבט מיט זילבער־פעדים. אונטער די אויגן — אָנגעלאָפענע קישעלעך, אַוודאי פון נעכט נישט דערשלאָפן, צי פון צער? ער האָט נאָך דאָ אַלץ, אין פרעמדן, ווילדן, באַרבאַרישן רוסלאַנד, צוגעקוקט פאַרוואונדערט, אַלץ נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מענטשן לעבן דאָ. ביז דער צוג איז לאַנגזאַם אַריין אין די פאַררויכערטע טונעלן. הינטער די פּעטערבורגער פאָרשטעט האָט דער פאַרנאַכט זיך געזעצט אין בלאַסע אַקוואַרעל־פאַרבן.

ס׳איז געווען אין אויגוסט 1903־טן יאָר, ווען הערצל איז אַראָפּגעקומען אין דער צאַרן־שטאָט, מיט אומבאַשטימטע האָפענונגען און האָט זי איצט פאַרלאָזן —

מיט אַ שווער געמיט. ס׳איז קיין סך צייט נישט געווען צו פאַרלירן. מ׳האָט באַ־דאַרפט לויפן, איינרייסן, צוזיילן, אפשר וועט זיך פאַרט איינגעבן עפּעס צו ראַטע־ווען. דאָס נאָר־וואָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט אין קישינעוו האָט געשריגן פון דער ערד אַרויס, געמאָנט נקמה אין די מערדער, די „שוואַרצע מאה", הינטער וועלכע דער צאַר אַליין, מיט זיין קליקע, זענען געשטאַנען. אין דער געדעמפּטער לופט איבער רוסלאַנד איז נאָך געהאַנגען די צאַרנדיקע לייבן־שטים פון פּאָעט, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון דער שחיטה־שטאָט:

...אַ פויסט ווו איז, ווו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות,
און איינלייגן די וועלט, צערייסן הימלען...

הערצל האָט בחוש געפילט, אַז מיט קישינעוו איז דאָ נאָך ווייט אַלץ נישט פאַרענדיקט. ס׳איז געווען פאַראויסצוזען נייע אומגליקן אויף יידן, נייע רעפּרעס־יעס. דער צאַרישער סאַטראַפּ, דער אינערן־מיניסטער פאָן פּלעווע, האָט אַרויס־געשיקט צו אַלע גובערנאַטאָרן אַ צירקוליאַר צו פאַרבאָטן יעדע נאַציאָנאַל־יידישע באַוועגונג. ס׳איז דערגאַנגען, זעט אויס, ווו מען דאַרף. דאָס האָבן דעם דעספּאָט די דעמאָקראַטישע השפּעות, וואָס האָבן זיך געלאָזן הערן אויף דער מינסקער קאָנ־פערענץ פון די ציונים, מיט אַ קאַרג יאָר פריער, געמאַכט אַזוי אומרואיק. איז דען אַ וווּנדער? די יידישע מאַסן ליגן דערשטיקט אונטערן צאַרישן שטיוול, צונויפ־געדרענגט אין תחום־המושב. ס׳איז אָבער דערווייל קיין אַנדער ברירה נישט גע־ווען, ווי — פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען, אָדער ווי זיי רופן עס מיט שפּאָט — שתדלנות. מען דאַרף קענען אַריבערקוקן איבער דורות און עפּאָכעס; טאַוונגען, וואָס זעען היינט אויס אפשר אומבאַרעכטיקט אין אונדזערע אויגן, וועלן אַ מאָל מסתמא קלאָר ווערן.

די קאָנפערענץ פון די ציונים אין מינסק, מיט אַ קאַרג יאָר פריער, איז גע־ווען דער ערשטער און לעצטער לעגאַלער צוזאַמענפאָר אין רוסלאַנד. איבער 500 דעלעגאַטן, אַ מעכטיקער אויסדרוק פון רוסישן יידנטום. פאָן פּלעווע, דער אי־נערן־מיניסטער, האָט צום ערשטן מאָל דערזען פאַר זיך אַן אָרגאַניזירטן יידישן כוח, פאַרטראָטן פון אַלע טענדענצן, אַלע גרופּירונגען, און אפשר — ווער ווייסט — אויך פון די סאָציאַליסטן, סיי אָנהענגער פון הערצלס פּאָליטישן ציוניזם, סיי די אַלטע חובבי ציון, בראש מיטן „אָדעסער קאָמיטעט", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל, מיט בויען קאָלאָניעס; זיי זענען אָבער דורך קיינעם נישט באַשיצט, אויפן הפקר. ווייל וואָס האָט זיך דען באַקומען פון דער סטיכישער ביל״ו־באַוועגונג? ס׳זענען דאָס מאָל אַפילו געקומען צו דער קאָנפע־רענץ רבנים, אָרטאָדאָקסן, וואָס פאַר זיי איז משיח נאָך דערווייל נישט געקומען; שליחים פון די ערשטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּן פון פּאָלטאַווע. מ. מ. אוסישקין, ד״ר יחיאל טשלענאָוו, פון „אָדעסער קאָמיטעט", האָבן איינגעלייגט וועלטן. דער קולטור־רעפּערען פון אחד העם, אַ ביטערער קעגנער פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט ארויסגערופן שאַרפע חילוקי דעות. „לא בחיל ולא בכוח, כי אם ברוח", „נישט מיט כוח, נישט מיט מיליטער, הייסט עס, נאָר מיט גייסט"... — האָט ער געדונערט אין זיינע מאמרים. נאָך ערב דעם 1־טן קאָנגרעס, אין 1897,

האָט ער זיך געשטעלט קעגן פּאָליטישן ציוניזם. די חיבת ציון, האָט ער געהאַלטן, קאָן פאָרלויפיק נאָר האָבן איין ציל: אַ מאָראַלישן, זיך באַפרייען פון אונדזער אינערלעכער קנעכטשאַפט, נאָר שטאַרקן די נאַציאָנאַלע אחדות, כדי מיר זאָלן זיין צוגעגרייט פאַר אַ פרייער, ערלעכער צוקונפט פון אַ נאַציע. נאָך מער, אַפילו אַז מיר וועלן שוין זוכה זיין צו אַ יידישן שטאַט, צי וועט די יידישע פראַגע זיין פולקאָם פאַרענטפערט? אַ לאַנד, דערוואָרבן דורך פּאָליטישע מאַכינאַציעס און דיפּלאָמאַטישע דריידלעך, וועט שטענדיק זיין אָפּהענגיק פון די אַרומיקע שכנישע פעלקער.

דער קלוגער קאָפּ, נחום סאָקאָלאָוו, האָט זיך באַמיט אָפּצושוואַכן דעם רושם פון אחד העם׳ס געשריי, אַז — נאָר אַ „מרכז רוחני". ס׳איז שוין, ערב דעם 6־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אָנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח אַרום אוגאַנדע. די הערצליאַנער האָבן זיך אָנגעטון אַ כוח צו דערווייזן, אַז מען דאַרף אונטערשיידן צווישן מאָראַל און פּאָליטישער טאַקטיק, ביי וועלכער עס פאַרפליכטן נישט קיין שום עטישע מאָסן. צווישן דער אינטעליגענץ, דורכגעזאַפּט מיט התלהבות, דורכגעפיבערט מיט עטישע געפילן, מאָראַלישע מאָסן, האָט אַזאַ קוק אַרויסגערופן גרויס צאָרן. אָבער הערצל האָט געהאַט דעם קילן מוט צו זאָגן עס אָפן און דרייסט, אַז מיר לעבן אין אַ צייט, ווען מען רעכנט זיך דער עיקר מיט פּאָליטישן כוח.

איז ער דען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געפאָרן מיט אַ לייכט געמיט, צו מאַכן זיי דאָרט די פאָרשלאַגן, די קאָרומפּירטע הויפלייט פון סולטאַן, וועגן אָפּקויפן ארץ־ישראל פאַר יידן? מ׳האָט באַדאַרפט אויסנוצן דעם מאָמענט. די פינאַנציעלע לאַגע פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע איז אַ קאַטאַסטראָפאַלע. פאַר אַ ביסל געלט קען מען ביי זיי אַלץ פועלן. זיי האָבן אים דאָרט געגעבן אָנצוהערן, ער זאָל זען צו קריגן ביי די גרויסע יידישע פינאַנץ־לייט אין אייראָפּע אַ הלוואה. די יידישע פינאַנץ־לייט אין מערב־אייראָפּע... ווען זיי פילן עס כאָטש, אַזוי ווי ער, די אָנגעפרעסענע געלט־זעק... די מעטראָפּאָליע פון טערקיי ליגט אויפן וועג צום נאָענטן און וייטן אָריענט, צו די נאַפט־קוואַלן פון מאָסול, צום סועץ־קאַנאַל; כסדרדיקע אומרוען פון די האַלב־ווילדע שבטים, בעדואינער, מינדערהייטן — פּאָליטישע, סאָציאַלע, רעליגיעזע. באַהאַלטן הינטער די דיקע מויערן פון זיין אילדיז־קיאָסק, זיצט ער, דער סולטאַן, און רעגירט איבער אַן אימפּעריע, וואָס שפּרייט זיך אויס פון באָספאָר־דורכגוס ביזן סועץ־קאַנאַל, מיט דער הילף פון אַ קליקע הויפלייט, צערעמאָניע־מייסטערס — אַ פינצטערע באַנדע אינטריגאַנטן, גנבים, אַפעריסטן, „באַקשיש"־נעמער. אַלע ווייסן זיי גוט, אַז דער הערשער אויף די ברעגן פון באָספאָר איז מאַכטלאָז; אַז ס׳דערנענטערט זיך דער טאָג, ווען זיין אימפּעריע וועט צעפאַלן, צעטראָגן ווערן פון אינעווייניק און פון דרויסן. דער סולטאַן נוצט אָבער כיטרע אויס די קאָנקורענץ־גיריקייט צווישן ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן. די מלוכה־קאַסע איז באַנקראָט. די מיניסטאָרן לויפן אַרום איבער די אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט, אויסצובעטלען הלוואות. ביי אַזאַ לאַגע קען מען ביים סולטאַן פון אַ רויבערישער מלוכה, ביי דער שוועל פון אונטערגאַנג, אַרויסקריגן די בעסטע קאָנצעסיעס. מיט אַ ביסל געלט קען מען אַרויסבאַקומען דעם טשאַרטער פאַר אַן אויטאָנאָמער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. אָבער וווּ נעמט מען די סומע פון מינימום צוויי מיליאָן ענגלישע פונט? זיי היטן זיך פאַר פראַנצויזישע, אָדער ענגלישע פינאַנסיסטן, הינטער וועלכע ס׳שטיי־

ען רעגירונגען מיט כיטרע כוונות. הינטער די יידן שטייט נישט קיינער. זיי ווילן, אַז די יידישע פינאַנץ־לייט אין מערב־אייראָפּע זאָלן איבערנעמען און געזונט מאַכן זייער מלוכה־קאַסע. „נעמט איבער אונדזערע פינאַנצן — האָבן זיי אים געגעבן אָנ־צוהערן — שאַפט דעם באַנק־סיסטעם, און איר וועט קענען פועלן דאָס, וואָס איר פאַרלאַנגט"... ס'איז לייכט אָפּצורעדן !

און — די פאַנאַטישע רעוואָלוציאָנערן, די דאָזיקע בונדיסטן, אין אומברחמנות־דיקן, אָן־פשרהדיקן קאַמף מיט דער צאַרישער דעספּאָטיע... ס'איז אַפילו געווען צו ריכטן זיך — האָט מען אים שטיל געגעבן צו וויסן — אויף אָן אַטענטאַט. אָבער, ווי מיט 5 יאָר צוריק, אויף דער געפערלעכער רייזע אין לאַנד פון אונדזערע אבות, האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום געפאַר. אַלץ איז רעכט געווען, נישט נאָר פּאָליטישע אינטערווענצן, נאָר אַפילו — טונקעלע פאַרבינדונגען מיט עפּעס אַ פּאָס־טאָר, וואָס האָט איינפלוסן אין דייטשן קייזערלעכן הויף; מיט אַ שיינער פּוילישער גרעפין, מיט חשודיקע פאַרבינדונגען אין רוסישן קייזערלעכן הויף; מיט צווײ־זײ־טיקע שפּיאָנען, קאָפּע־שאַנטאַן־זינגער, אַוואַנטוריסטן.

אויך דאָס מאָל האָט ער געוווּסט, הערצל, אַז ער לאָזט זיך אין אַ באַרבאַריש לאַנד. פאַר די אויגן איז אים נאָך געשטאַנען די ברוטאַלע גרענעץ־קאָנטראָל, די גראָבע זידלערייען פון די פּאָליציי־לייט. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט. דער צוג האָט אים געפירט איבער די ברייטע, אומעטיקע לאַנדשאַפטן פון רוסישן פלאַכלאַנד. פון דערשטיקטן תחום המושב זענען יידן אַרויס אים אַנטקעגן אויף די וואָקזאַלן, מקבל פּנים געווען אים ווי אַ באַפרייער, שיער נישט ווי אַ משיח. און אים האָט אַלץ גע־פרעסן אָן אומעט — וואָס פאַראַ באַפרייער בין איך דען ? מיט וואָס קען איך זיי דען העלפן ? דעם 8־טן אויגוסט, 1903, איז ער, נאָך שטילע השתדלותן, באַוויליקט גע־וואָרן אויפגענומען צו ווערן דורכן אינערן־מיניסטער פאָן פּלעווע, דעם נאָענטסטן בעל־יועץ פון צאַר.

אין נעפּלדיקן פאַרמיטאָג איז ער אויסגעשטיגן פון דער קאַלעשע, פאַר דער מאַסיווער געביידע, צווישן די בריקן פון דער נעווע, אויפגעהויבן זיך די ברייטע מאַרמאָר־טרעפּן ביים צופאַר. אַ הויכער, פעטלעכער מאַן, אין די 60־ער, איז אים אין דער אינערלעכער גאַלעריע אַנטקעגן געקומען, העפלעך באַגריסט; געפירט אים נאָך זיך, אין זיין רחבותדיקן, האַלב־טונקעלן קאַבינעט, די הויכע פענצטער געדיכט פאַרצויגן מיט שטאָרן; געבעטן זיצן, אונטערגעטראָגן אַ זילבערנע פּושקע ציגאַרן. ער איז, זעט אויס, פאָרט אַ ביסעלע באַאיינדרוקט געווען פון הערצלס ווירדיקער האַל־טונג. הערצל האָט אים אַלץ געלאָזן רעדן, אים אָבסערווירט פון דער זייט. זיי זענען געזעסן איינער קעגנאיבערן אַנדערן. ס'האָט זיי אָפּגעטיילט אַ געשניצטער טיש מיט דיקע, רונדע פיס. די פעטע, האַריקע האַנט פון אינערן־מיניסטער, באַלייגט מיט שווערע רינגען, איז יעדעס מאָל אונטערגעשפּרונגען, ווען ער איז אומגעריכט אַרייך אין צאָרן. זיינע קליינע, גרויע, שאַרפע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען, זענען געשוווּמען אין פעטס. ער האָט גערעדט נישט קיין שלעכטן פראַנצויזיש, האָט אָבער געדרייט די ר־ר־ר־יישן, מיט כאַראַקטעריסטישן רוסישן אַקצענט. ס'איז גע־זעסן פאַר אים דער טרויעריק־באַרימטער רעאַקציאָנער, דער ריקזיכטלאָזער סאַט־ראַפּ, וואָס פירט דאָס ריזיקע לאַנד מיט זיין דעספּאָטיש־פּראַוואָסלאַוונער פויסט. מיט אַ מעכטיקער, כיטרער האַנט דערשטיקט ער יעדן שפּראָץ פון פרייהייט. מאָדנע,

אַליין פון וױיטער פּױלישער אָפּשטאַמונג, אַ זון פון אַן אונטערדריקט פאָלק, איז זײַן אַמביציע צו רוסיפיצירן מיט געוואַלט אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהײטן אין פיל־פעל־קערדיקן רוסלאַנד. ווי זאָל מען עס פאַרשטיין ? — אײראָפּעאישע באַנעמונג, קאָ־רעקט, אָבער — אַ פינצטערער באַיאַר.

— איר מוזט פאַרשטיין, הער דאָקטער... — האָט ער קיל געגעבן אָנצוהערן, צו ערשט זײַער צוריקגעהאַלטן — די יידן־פראַגע איז פאַר אונדז נישט קיין לעבנס־פראַגע... כ׳האָב אײַך, הער דאָקטער, באַוויליקט אַן אודיענץ, ערב דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. כ׳פאַרשטײ, אַז איר האָט וועגן די פראַגן אַן אַנדערע מיינונג, ווי די רוסי־שע רעגירונג. אונדזער שטאַנדפּונקט אָבער איז : אין רוסלאַנד לעבן פאַרשיידענע נאַציעס. אונדזער טענדענץ איז צו צעמענטירן אין נאַציאָנאַלע אײנהײט, אַסימילירן זיי אין רוסישן גייסט און שפּראַך. מיט די יידן גייט עס אָבער שווערלעך... — האָט ער ווי אָפּגעזיפצט — אויב די נאַציאָנאַלע יידישע באַוועגונג וויל אַרויספירן אַ פאַר מיליאָן יידן קיין פּאַלעסטינע, איז — אדרבא... „פּאַזשאַלוסטאַ“... מיר וועלן אַפילו דיפּלאָמאַטיש זען מיט עפּעס מיטצווירקן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל... אויב אָבער איר ווילט ביי אונדז אָרגאַניזירן יידיש־נאַציאָנאַליסטישע גרופּן, די אַזוי־גערופענע „סיאָניסטן“, מוז אונדזער שטעלונג זײַן אַ נעגאַטיווע, ווייל... מיר ווייסן קיינמאָל נישט מיט די דאָזיקע... זיי ברענגען זיך אַליין שאָדן צוליב זייער מאַסן־באַטייליקונג אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען... מיר וועלן נישט טאָלערירן !... — האָט ער שיער נישט אַראָפּגעלאָזן די פויסט איבערן טישל — מיר ווייסן אויך וועגן וואָס ס׳איז דעבאַטירט געוואָרן אויפן מינסקער צוזאַמענפאָר... מיר ווייסן...

— דערלויבט, עקסעלענץ... ס׳איז אַ פאַרכישופטער קרייז... — האָט הערצל פון דעסטוועגן העפלעך דערווידערט — העלפט אונדז צו באַקומען אונדזער לאַנד, וועט זיך אפשר אַ סך ענדערן... איר קענט נישט פאַרלאַנגען... די יידן קעמפן פאַר זייער מענטשלעכער ווירדע ! העלפט אונדז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צו באַקומען דעם טשאַרטער פאַר אַן אויטאָנאָמער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל... אַ פרייע טעטיקייט פון די ציוניסטישע פאַראיינען, אויפן יסוד פון באַזעלער פּראָגראַם...

— איר פאַרלאַנגט, הייסט עס... אַ ביסעלע צו פיל... — האָט פאָן פלעווע גראָב־לעך אַרויסגעלאַכט, אין מעסער־גלאַנץ פון אונטער זיינע קרומע, געדיכטע ברעמען, פון אַזאַ חוצפה — שטעלט אונדז פון דעסטוועגן צו אַ מעמאָראַנדום... מיר וועלן באַ־טראַכטן... זיך פונאַנדערקלייבן...

מיט אַזאַ שוואַר געמיט, אָבער מיט חשיבות, איז ער געשטאַנען פאַרן שווער־לעכן מאַן מיט דער צוגעדריקטער נאָז, קרומלעכע פיס, וואָס האָבן זיך באַ־וועגט איבערן ווייכן פּערסישן דיוואַן אומגעשיקט. אַ צוויי־פּנימדיקער, אַ ליבעראַל כלומרשט, שטעלט זיך פאָר פאַר אַ געוואַלדיקן פריינט פון יידן, אָבער דער תוך פון זיינע רייד איז פון אַן אַנטיסעמיט.

— פאַרוואָס, זאָגט מיר — האָט ער צולעצט כיטרע געוואָלט וויסן — מאַכן די יידן אין רוסלאַנד אויס 7 מיליאָן אויף 136, און אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זענען זיי כמעט ווי 50 פּראָצענט, אויב נישט מער ?...

— ווי מיינט איר, הער מיניסטער, פאַרוואָס איז עס אַזוי ?

— אָהאָ, מיר פאַרשטייען עס אויסגעצייכנט ! כ׳האָב עס דעם פאַרשטאָרבענעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם 3־טן געזאָגט... אייער דורכלויכט, האָב איך אים געזאָגט,

ווען ס׳וואָלט מעגלעך געווען צו דערטרינקען די 6־7 מיליאָן יידן אין שוואַרצן ים...
אָבער אַזוי ווי ס׳איז נישט מעגלעך, מוז מען זיי לאָזן לעבן...

הערצל האָט געלאָזן אַראָפּזינקען דעם שיינעם קאָפּ אין דער באָרד אַריין. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים געוואָרפן. ער האָט אַ לאַנגע רגע געשוויגן און באַלד דעם קאָפּ אויפגעהויבן, אָנצווייזן אים אויף דער ראַדיקאַלער לייזונג — אַן אייגן לאַנד.

— דאָס צוגעזאָגטע לאַנד... — האָט דער סאַנגווינישער באַיאַר גראָב געלאַכט

— נו, יאָ... אין דער עוואַנגעליע האָבן מיר עס נאָך געלייענט... און אָט, זעט איר, זענען אייערע אייגענע רייכע ברידער פון דעסטוועגן גאָרנישט אַזוי באַגייסטערט... זיי לעבט זיך ביי אונדז נישט שלעכט... כ׳מיין די „פּערווע גילדע"...

איבער אַ שעה צייט האָט געדויערט די פּיינלעכע אוידיענץ, ביז דער גאַסט־געבער האָט זיך אויפגעשטעלט, געדריקט אים די האַנט, באַגלייט אים דורך דער לאַנגער גאַלעריע, ביז צו די אינערלעכע טרעפּ; ווייל געוויינלעך האָט ער זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די באַזוכער שטייענדיקערהייט. ס׳איז געווען צו מערקן, אַז ער וויל פון דעסטוועגן מיט זיין ספּקדיקער אויפריכטיקייט, מיט זיין רעדן אָן אויפהער, לאָזן אַ גוטן איינדרוקן אויפן פּאַרנעמען „יעוורעי", וואָס קומט פון מערב־אייראָפּע, איז אַוודאי פאַרבונדן מיט דער יידישער פינאַנצן־וועלט...

— די מערבדיקע רעגירונגען, די עפנטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד, קענען זיך דערלויבן אויף גוט־האַרציקייט צו יידן... זיי מאַכן אונדז אָפּט פאַרוורפן, אָבער ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אַריינלאָזן צו זיך אַ 2־3 מיליאָן יידן, הייבן זיי גלייך אָן דרייען מיט דער צונג... אַן אייגן לאַנד... — האָט ער געקאַכאַטשעט — זייער גוט... אָבער ווער ס׳וויל בלייבן ביי אונדז, מוז זיך אַסימילירן...

זיצנדיק אין דער קאַלעשע, וואָס האָט אים צוריקגעפירט איבער די פּעטערבורגער בריקן, צום הויז פון יידישן עסקן, צום באַנקעט, וואָס זיי האָבן פאַררופן אויף דעם פרייטיק־צו־נאַכטס, האָט הערצל טיפער, פרייער אָפּגעאָטעמט. אַראָפּציענדיק די ווייסע הענטשקע, האָט ער מיט עקל באַטראַכט זיין אייגענע האַנט, וואָס האָט נאָר־וואָס געדריקט די האַנט פון הויפּט־שולדיקן אין קישינעווער פּאָגראָם. אָבער אַפילו אַזא שפלות האָט אין דעם מאָמענט שיער נישט אויסגעזען אין זיינע אויגן — הערזיש. ווי האָט מען דען אַנדערש געקענט, כדי אַרויסצורייסן אַ פאַרלייכטערונג אין דער שווערער יורידישער און פּאָליטישער לאַגע פון די יידן ? אין אָפיציעלן בריוו, וואָס פּאָן פּלעווע האָט אים דערלאַנגט, איז געגעבן געוואָרן אַן אָנצוהערעניש וועגן דיפּלאָמאַטישע הילף אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָבער מיט אַ באַדינג... און אָט דעם באַדינג האָט ער דערווייל טיף אין זיך באַהאַלטן.

ער האָט זיך געאיילט. ער האָט געאיילט צו די יידן קיין ווילנע. ער האָט זיך געאיילט קיין ווין, קיין פּאַריז, קיין לאָנדאָן. ער האָט כסדר געהאַט דאָס געפיל עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. אין ווילנע האָט ער מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען די יידישע אָרעמקייט; די זעלבע ווי אין גאַליציע, ווי אין ווינער פּראַטער־באַצירק. ער האָט געאיילט צום באַנקעט. ער האָט זיי דאָרט געוואָלט זאָגן דאָס, וואָס איז אים געלעגן אויפן האַרצן.

אַ גרויסע וואָרעמקייט האָט אים אַרומגענומען, ווען ער איז אַריין אין געמיטלעכן סאַלאָן; ווי ער וואָלט פון דער פרעמדער, קאַלטער, נישט־יידישער וועלט אין סט. פּעטערסבורג, אַריינגעפאַלן אין אַ שטרענג־קאָנספּיראַטיווע, אונטערערדישע

באַהעלטעניש, ווו אַנוסים פּראַוועטן אין געהיים דעם פּסחדיקן סדר. די לאַנגע טישן — געדעקט יום־טובדיק. ליכט — אין די הויכע זילבערנע לייכטער. אַ ווייסער טיש־טוך, באַשטעלט מיט געשמאַקע יידישע מאכלים. אַלע, אַרומגעזעצט, האָבן געטרונקען לחיים. ביים טאָאַסט האָט ער זיך אויפגעשטעלט מיטן בעכער ווייַן אין דער צי־טערדיקער האַנט.

— כ׳בין דאָ אַ פרעמדער — איז געווען פייערלעכער אומעט אין זיין שטים — אָבער ס׳פאַרבינדן מיך האַרציקע געפילן מיט אייך, רוסישע יידן. טאַקע דערפאַר דערלויב איך זיך צו רעדן צו אייך נישט ווי קיין גאַסט. איך מוז אייך זאָגן אַזוינס, וואָס אפשר נישט אַלע וועלן עס אויפנעמען מיט צופרידנקייט. כ׳קום, ווי איר אַלע ווייסט, פון צורר היהודים. די הענט ציטערן מיר נאָך, נישט פון שרעק, נאָר פון עקל. כ׳האָלט עס פאַר אויסערגעוויינלעך וויכטיק, איר זאָלט אָפּהיטן אונדזער פּראָג־ראַם, ווי ער איז באַגרינדעט געוואָרן אין באַזעל. האָלט זיך אין דער זייט פון די ראַדיקאַלע, רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען...

אַ פּאָלטאַווער יונגערמאַן, מיט אַ קאָפּ געדיכטע קרייזעלעך, פון די ביי־אויפ־געקומענע, נאָכנישט־צעמענטירטע פּועלי־ציון־קרייזלעך, האָט זיך ראַפּטום אויפ־געריסן און אים געזאָגט :

— ארץ ישראל איז טאַקע אונדזער ענד־ציל, אָבער דערווייל פּלאַקערט דאָ אַ גרויסע פרייהייט־שלאַכט. מיר מיינען, אַז יידן דאַרפן אומעטום העלפן די סאָציאַליס־טישע באַוועגונג, אין קאַמף פאַר די פּאָליטיש־רעכטלעכע אינטערעסן פון יידן אין די גלות־לענדער...

הערצל האָט אַרויסגעפילט, אַז כמעט אַלע אַרום טיש, סיי די אָנהענגער און סיי די אָפּאָזיציאָנערן פון אחד־העמ׳ס „מרכז רוחני״, מערסטנס פּאַרמעגלעכע יידן, „פערווע גילדע״, „פּאָדריאַטשיקעס״, גרויסע וואַלד־סוחרים, זענען זיי דאָ ווי פאַר־שיכורט פון די סאָציאַלע, רעוואָלוציאָנערע אידייען, וואָס פערמענטירן אין אונ־טערדריקטן רוסלאַנד. ער האָט אויפגעהויבן דעם גליענדיקן בליק איבער אַלעמענס קעפּ, און — ווי ער וואָלט בשעת מעשה געקוקט ווייטער, אַ סך ווייטער :

— און איך זאָג אייך, אַז די, וואָס וועלן הייַנט אין מזרח־אייראָפּע אונטער־שטיצן די סאָציאַליסטן, באַגייען זיי אפשר דעם זעלבן היסטאָרישן פעלער, וועלכן ס׳זענען באַגאַנגען די מערב־אייראָפּעאישע יידן, פּאַרכאַפּט פון ליבעראַליזם. „פלאַנצן פרעמדע ווייַנגערטנער״, ס׳הייסט עבודה זרה, קען, חלילה, גורם זיין צו פאַרניכטונג פון יידן. מיט דעם אַרבעטן מיר בלויז פאַר פרעמדע, נישט פאַר אונדז. אין אונדזער אייגן לאַנד וועט אַ ראַדיקאַל־סאָציאַלע באַוועגונג זיין אויפן אָרט. וואָס פּאַראַ שטעלונג זי זאָל נישט האָבן, וועט זי דאָך אונדז זיכער מיטהעלפן אויפצובויען דאָס לאַנד, אָבער דאָ איז עס אַ ביסעלע צו פרי...

ס׳איז זיי אָבער אַלע שווער געווען מסכים צו זיין מיט זיין רוף צו אַנטלויפן פון דער שטורמישער רעאַליטעט, וואָס האָט זיי דאָ, סיי אָרעם, סיי רייך, אַרומגע־רינגלט. ס׳איז געוואָרן שפּעטלעך. אין די הויכע פענצטער האָט שוין געגומען ליכטיקן. די פּעטערבורגער זומער־נעכט זענען זייער קורצע. דער וואַרעמער טומאַן הייבט זיך אויף פון נעווע, צווישן די בריקן פון „צפונדיקן ווענעדיק״, און פּאַלט־צו צו די שויבן; אַ שווערער טומאַן איז אויך געווען אין אַלעמענס וואַכע און מידע מוחות. צו וואָס האָט מען זיך דען דערערדט ? צי וועלן די אויפנאַמעס ביים אינערן־

מיניסטער פאַן פּלעווע,ביים פינאַנץ־מיניסטער וויטע, דער בריוו צום הויכן צערק־ווע־גייסטלעכן פּאָביעדאָנאָסצעוו, עפּעס ענדערן צום בעסערן ? דער קישינעווער פּאָגראָם... וואָס האָט אין יענעם זומער אַ סך טעאָרעטישע געביידעס, צווישן דער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד, אומגעוואָרפן, צעשטערט, ווי אַ קאָרטן־הייזל, געצוווּנגען זיי צו זוכן אַ נייעם אידייאישן אָנהאַלט אין דער גרויזאַמער ווירקלעכ־קייט... און דאָ — די צוזאָגן צו אינטערוועניר‌ן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל... די גליטשיקע צוזאָגן...

די עטלעכע פאַרבראַכטע טעג און נעכט אין דער נאָרדישער צאַרן־שטאָט, דאָס „פענצטער צו איירָאָפּע", ביי די פינישע איינגוסן, צווישן די מאַסיווע, פּאַר־ריסענע, פּרעמדע ביזאַנטינישע קאַטעדראַלעס, געהאַמערט אין קאַלטן שטיין, אין גראַניט, מיט די ציבעלע־טורעמס, אויף די ברייט־צעלייגטע פּלעצער, האָבן אים, הערצלען, דעם ווינער ייד, אַ געשראָקן, אַ שטאַרק אינטריגירט. אַן אומהיימלעך געבריל האָט ער געפילט אויפגיין פון דער דאָזיקער ווילד־שיינער, אָבער פּאַר־שקלאָפטער ערד. אין די מאַרמאָר־ און גראַניט־פּאַלאַצן פון מאָדערנעם פּתום ורעמסס, זיצן זיי, די פּרעה׳ס מיט די פאַרשטיינערטע הערצער, און צו זיי איז ער עס גע־קומען משתדל זיין זיך פאַרן אָרעמען, פּאָגראָמירטן פאָלק.

דאָס געמיטלעכע סט. פּעטערסבורג... דאָס געמיטלעכע ווין... דאָס געמיטלעכע פּאַריז... ער האָט זי צו־גוט געקענט, אָט די שיינבאַרע, פּאַרפירערישע געמיטלעכקייט. אויסגעקאָכט אין די הינטערקוליסן פון דער וועלט־פּרעסע, אין דער פערפידער איירָאָפּעאישער דיפּלאָמאַטיע, האָט ער צו־גוט געזען וואָס ס׳באַהאַלט זיך הינטער דער פּאַלשער, אויסגעדאַכטער, איינגערעדטער געמיטלעכקייט. און מאָדנע — אומעטום פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס... יידן. ס׳איז איצט אַזוי קלאָר געווען פאַר אים : זיי וועלן אַלע סוף כל סוף, מיט זייער קלוגשאַפט, מיט זייערע הויכע פראַזן אין פרעמדע לשונות, צעריבן ווערן צווישן די מילשטיינער פון דער געשיכטע.

דערווייל איז דער צוג געלאָפן אין דער נאַכט אַריין. די צפון־שטראַלונג האָט זיך אַלץ מער צעשפּיזט, געשפּאַרט פון האָריזאָנט. ער איז צוגעפּאַלן אין ווייכן אָב־שפּאַר פון וואַגאָן־קופּע. די בלייכע, איידעלע האַנט האָט לאַנג פאַרשטעלט זיין גע־זיכט. די רעדער האָבן איינטאָניק געקלאַפּט : שנעלער, שנעלער, שנעלער... ווייל וואָס האָט זיך דען באַקומען פון די אַלע אינטערוועגצן ? ווייטע צוזאָגן... העפלעכע ווער־טער, אָן שום האַפט... דראָאונגען, איינגעוויקלט אין זייער איידעלע רייד... ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט געוואָלט אַ דרימל טון, אָפּרוען דעם מידן מוח, און נישט געקענט. אַ שפּעט־זומערדיקער פאַרטאָג האָט געאָטעמט דורכן אָפּגעלענטן וואַגאָן־פענצטער. דער צוג איז מיט אַ פייפעניש און סאָפּעניש געלאָפן איבער די פּלאַכע, אָרעמע פליינען פון דער ווייסרוסיש־ליטווישער ערד. דער דרויסן האָט זיך אָפּגע־דעקט. אָנשטאָט די רוסישע בעריאָזעס — גלייכע, שלאַנקע, הויך־געוואַקסענע סאָס־נעס ביי די אָפּריסן. פון דאָרט האָט זיך, מיטן לינדן ווינט, אָנגעטראָגן דער געזאַל־צענער ריח פון נאָענטן ים; דער אָטעם פון נאָענטן באַלטיק. פישער־הייז־לעך זענען געלעגן צוגעטוליעט האַרט צו דער ערד. די פישער־נעצן צעהאַנגען אויף די נידעריקע, געפּלאָכטענע פּלויטלעך. אָט לעבט דאָ שטיל — איז אים דורכגעפּלויגן — אַ בלאָנד, נאָרדיש, אַרבעטזאַם פאָלק. קיין שום געוויטער וועט עס שוין פון דער דאָזיקער ערד נישט אַרויסרייסן ! ס׳איז זיכער. און מיר ? ברייטע, פאַרריסענע סוח־

רים, באַרימטע אַדוואָקאַטן, באַנקירן, פינאַנץ־לייט, זשורנאַליסטן מיט וועלט־נעמען,
אין אַלע טומלדיקע אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט. אַלע חנפענען זיי די סאַטראַפּן,
גיבן שוחד, אַבי מ׳זאָל זיי לאָזן לעבן, מ׳זאָל זיי טאָלערירן. צי זעען זיי עס נישט, די
נאַרישע, ווי דער שטורעם הענגט אין דער לופט ?

דורך די ווילנער גאַסן, פול מיט יידן, איז ער געפאָרן צו דער קהילה. דער נאָ־
וואָגאָראָדער האָלץ־מאַרק, די זאַוווליקלעך, די ליקן, אויף זאַרעטשע, שניפּישאָק, די
גלעזער־גאַס, אַרום גאונס קלויז — אומעטום האָט געררוישט פון פאָלק. ס׳האָבן גע־
וואַרט די חשובי העיר, די דעלעגאַציעס. אין די באַגריסונגען האָט מען אים פאַר־
גליכן צו אַ מלך; נאָר סטראַזשניקעס האָבן געשפּאָט : „יעווריעיסקי קאָראָל... ראַ־
זיידיס !״... און די יידן ברוטאַל פונאַנדערגעטריבן. אָבער זיי האָבן זיך אַלץ געזאַמלט.
דער אַלטער רב, דער גאון און צדיק, ר׳ שלמה כהן, האָט מיט ציטערדיקע הענט אים
צוגעטראָגן אַ קליינע ספר תורה, און שטיל געשעפּטשעט : „די דאָזיקע הייליקייט
וועט אונדז פירן קיין ארץ ישראל״... דער אַסקעט, אין ווייסן אַטלאַס, האָט אַרויפגע־
לייגטביידע בלייכע הענט אויף זיין קאָפּ, אים געבענטשט. אַ בלאַסער, מיט אַ פאַר־
שטיקט קול, האָט הערצל אים געזאָגט : „גיט איבער אונדזערע ברידער, אַז כ׳בין
אַהער געקומען, כדי אויסצודריקן בטחון אין אונדזער עתיד״.

צו דער מסיבה אין דער פאַרשטאָט וויערקי האָט ער נישט געוואָלט פאָרן אי־
בער דער ווילִיע, כאָטש די רייזע איבערן שיינעם ליטווישן טייך וואָלט אים זיכער
אַ ביסל אַנטשפּאַנט. ער האָט געוואָלט מ׳זאָל אים פירן דורך שניפּישאָק, ער האָט זיי
אַליין געוואָלט זען, די יידישע בעלי־מלאכות, די שוסטערס, די שניידערס, די נייטער־
קעס, די מאַרק־הענדלער, די אָרעמע שטיבלעך, די קעלערן. זיי זענען אפשר נישט
אומגערעכט, די יידישע רעוואָלוציאָנערן, אין זייער הייליקן צאָרן. מ׳האָט אים געפירט
דורכן שיס־פעלד, ווו די צאַרישע תליונים האָבן ערשט נישט לאַנג אויפגעהאָנגען
דאָס שוסטער־ייִנגל הירש לעקערט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביים בערגל ערד, או־
מעטיק־פאַרטראַכט.

שפּעט אין אָוונט איז ער איינגעשטיגן אין שנעל־צוג, וואָס האָט אים צוריקגע־
פירט קיין ווין. ער האָט מיטגעפירט אַ שווער געפיל, אַז ס׳וועט נאָך ערגער ווערן
די לאַגע פאַר יידן אין רוסלאַנד, אַז די קאַטאַסטראָפע דערנענטערט זיך. דער אָנ־
באָט פון ענגלישן מיניסטער טשעמבערלען האָט אים אַלץ געפּייניקט : נעמט אוגאַנ־
דע ! צי מעג מען נאָך וואַרטן, פרעגט זיך, ווען דאָס פאָלק גייט אויס, אין נויט, אין
נגישות ? וואַרטן אויף ציון, אָדער גלייך נעמען אוגאַנדע ?

אין די פרימאָרגן־שעהן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון דער פינצטערער רוסי־
שער נאַכט. אַ קאָשמאַר ! „סקאָרעי״... שנעלער... — האָט ער פאַר זיך איבערגעחזרט
דאָס איינציקע רוסישע וואָרט, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט — ווייל ס׳קען נאָך ווערן
צו שפּעט״...

קאַפּיטל פינף

אין קאַלטן דעצעמבער־נעפּל

איין מאָמענט קען אַמאָל דעצידירן אין לעבן פון אַ יחיד און — פון אַ גאַנץ פאָלק; ווייל אַלץ האָט זיך, אייגנטלעך, אָנגעהויבן פון פאַרוואונדיקטן שטאָלץ.

דער מאַן מיט דער שיין־געפּלעגטער ביבלישער באָרד, דער גייסטרייכער דראַמאַטורג, פּעליעטאָניסט, פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון דער ווינער „נויע פרייע פּרעסע“ אין „פּאַלע בורבאָן“, טעאָדאָר הערצל, איז אין קאַלטן דעצעמבער־פרימאָרגן אין 1894, געווען אויסגעמישט צווישן פּובליקום אויפן רחבותדיקן פּאַלץ פון „עקאָל מיליטער“, אין פּאַריז. פינף טויזנט סאָלדאַטן, אין זייערע רויטע הויזן, הימל־בלויע טוניקעס, מיט אויפגעשטאָכענע באַיאָנעטן, זענען אין ענגע רייען געווען צעשטעלט אין אַ האַלב־קרייז, בראש מיטן גענעראַל, אויף אַ ווייס, צעהיצט פערד. דאָס פערד איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, פּאַרריסן די מאָרדע, געזעצט מיט פּאַרע דורך די נאָזלעכער, אויסגעקלאַפּט פונקען פון די שטיינער. הינטער די אייזערנע שטאַכעטן — אַ גרויע מאַסע קעפּ, אויפגעריסענע מיילער, געביילטע פויסטן פון המון. פּאַרשטאַרקטע פּאָליציי־אָפּטיילונגען, אין די קורצע פּעלערינעס, האָבן פּאַרצוימט די אַרומיקע גאַסן. פיר זשאַנדאַרן מיט אַנטבלויזטע שווערדן, האָבן פון די ברייטע טרעפּ, צווישן די קאָלאָנאַדעס, פון דער ריזיקע־צעלייגטער געביידע, ענגאַרומגעשטעלט, געפירט דעם קאַפּיטאַן דרייפוס. אַ מיטלוווקסיקער, די באַקן אַשגרוי, איינגעפאַלן, אָנגעשפּיצטע וואָנסן, איז דער מאַן געגאַנגען מאָדנע אַנטשלאָסן, זייער רואיק, אַנטקעגן דעם גענעראַל. פּאַרהאַלטן זיך אַ פּאָר שריט ווייט, האָט ער ענג צונויפגעקלאַפּט די שיך, סאָלדאַטיש. נאָר דער וואָנסיקער גענעראַל האָט זיך שוין כמעט נישט אומגעקוקט אויף אים. ער האָט פון אַ פּאַפּיר אַרויס, מיט פּאַלשער פּאַטעטיק, געמאָלדן פייערלעך:

— קאַפּיטאַן דרייפוס, איר זענט נישט ראוי מער צו טראָגן די פראַנצויזישע אָפיציר־אוניפאָרם! אין נאָמען פון דער פראַנצויזישער נאַציע, דעגראַדיר איך אייך!

בלייך, מיט ציטערדיקע ליפּן, האָט דרייפוס אויפגעהויבן די רעכטע האַנט.

— איך שווער, אַז איר דעגראַדירט אַן אומשולדיקן! זאָל לעבן פראַנקרייך!

אָבער זיינע לעצטע ווערטער זענען שוין פּאַרטויבט געוואָרן דורך אַ זאַלפּ שרויט פון פויקער־באַטאַליאָן. דאָס האָט שיער נישט דערמאָנט אין אַן עקזעקוציע. דער פּאָרשטייער פון קריגס־ראַט, אַ קאָרפּולענטער מיליטערמאַן מיט א מאָנאָקל, אונטער אַ קאַסקע, האָט זיך דערנענטערט ווי הינטערווילעכטס, אַראָפּגעריסן ביי דרייפוסן די עפּאָלעטן מיט איין האַסטיקן זאַמאַך, צעבראָכן דאָס קורצע אָפיצירן־שווערדל איבער די קני, ווי אַ שייטל האָלץ. ער האָט זיך אַ רגע ווי אַליין געוווּנדערט פון זיין געשיקטקייט. אין זעלבן אויגנבליק האָט דער בלייכער, דעגראַדירטער קאַפּיטאַן אין

אַלעמענס אויגן שוין אויסגעקוקט ווי אַ קאַטאָרזשניק. געדיכט אַרומגעשטעלט, האָבן זיי אים פאַרבייגעפירט דורך די רייען זעלנער, שטרענג־געסדרטע, מיט פאַר־שטיינערטע צורות. דרייפוס איז אָבער פאַרבליבן מאָדנע רואיק. דער המון הינטער די שטאַכעטן האָט אַלץ, ביז הייזעריק ווערן, סקאַנדירט: „יודאַש! פאַררעטער!"...

אַפילו ווען מ'האָט אים באַלד דערנאָך געשמידט די הענט אין קייטעלעך, האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן מיט אַ שוואַך, פאַרטויבט קול: „כ'בין אומשולדיק! זאָל גאַנץ פראַנקרייך וויסן, אַז כ'בין אומשולדיק!". הינטער די שטאַכעטן האָט דער המון געליאַרעמט: „אַ טויט די יידן!".

דער מאַן מיט דער שיין־געפלעגטער באָרד, אין צילינדער, די פּעלערינע איז אים לויז געפאַלן פון די גלייכע אַקסלען, איז געווען פון די איינציקע אויסלענדישע פּרעסע־פאָרשטייער, וואָס זענען צוגעלאָזן געוואָרן צום טרויעריקן צערעמאָניאַל. די אויגן, פול מיט יידישער עצבות, זענען ביי אים געווען פאַרלאָפן פון נעפל. ער האָט לאַנג, פאַרטראַכטן אין־זיך, געזוכט אַ זייטיקן אַרויסגאַנג, אָבער דער פּלאַץ, אַלע אַרו־מיקע גאַסן און דורכגענג, זענען געווען פאַרשטאָפּט פון פליייצנדיקן המון. דער דע־צעמבער־נעפל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק, פאַרשמירט די קאָנטורן פון די הייזער, האָט אים אײנגאַנצן דורכגענומען. ער איז געווען בלייך, אויפגעציטערט. אַ שאַרפער ווינט האָט געבלאָזן אים אין רוקן, צעגומען די פאַלעס פון זיין פּעלערינע. ער איז גע־גאַנגען וואַקלדיק, צוהאַלטנדיק זיך די ראַנדן פון צילינדער. אונטער זיינע טריט האָבן זיך געפּלאָנטערט, געשורשעט די אָנגעפאַלענע בלעטער פון די ריזיק־צעוואַק־סענע פּלאַטאַנען אין די אַלייען אַרום פּלאַץ. „וואָס — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, אין שטילער עצבות — זאָל איך זיי אָציגד דאָרט אָנשרייבן פאַר דער „נויע פרייע פּרעסע", אין ווין? צי וועלן זיי עס כאָטש באַגרייפן, די קילע, אָפּגעפרעמדטע יידן־אָפּשטאַמיקע? זיי וויגן זיך אַלץ איין מיט הויכער פּראָזעלאָגיע, מיט שיינע אי־לוזיעס פון ליבעראַליזם, אין דער מיט פון אַן אונטערגייענדיקער אימפּעריע — גע־שליפענער סטיל, שאַרפע מחשבה, איידעלער געשמאַק, גיבן זיי אָפּ מער אָרט פאַר טעאַטער, קונסט, ליטעראַטור, איידער דער מלחמה' צווישן פּאַרטייען. ווי דער שטרויס־פויגל, מאַכן זיי זיך נישט זעענדיק"...

דער קלעפּיקער דעצעמבער־נעפל איז געפאַלן איבער דער שטאָט, האָט אים פאַרשלונגען. מיטן אָנגעפראָפּטן, צוויי־שטאָקיקן פערד־טראַמוויי, וואָס איז געלאָפן איבערן רחבותדיקן פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד, פאַרביי דעם נאַקעטן טיולערי־גאָרטן, אין דער ריכטונג פון פּלאַס דע ל'אָפּעראַ, איז ער באַלד דערנאָך אָפּגעשטיגן ביי דער מאַדלען־קירכע. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו גיין אַ ביסל צופוס, איינאָטעמען די קלעפּיקע לופט, אָפּפרישן דעם אָנגעהיצטן מוח, אויסמישן זיך, אַן אומגעזעענער, אין גרויען שטראָם פאַרבייגייער פון די גרויסע בולוואַרן. ער האָט זיי דאָס מאָל אָנגע־קוקט מאָדנע פרעמדלעך, די פאַרבייגייער, אַנדערש ווי געוויינלעך. פון די גרויסע קאַפּייען מיט די פאַרמאַכטע טעראַסן האָבן שוין שאַרף אַרויסגעלויכטן די בליץ־לאָמפּן. ער איז אַריין אין קליינעם, היימישן רעסטאָראַן „מישאָדיער", אויפן ראַג, פאַרנומען זיין געוויינלעך טישל אין עקסטן ווינקל, געבעטן זיך סערווירן דעם פלינקן גאַרסאָן צוערשט אַ הייסן גראָג און באַלד דערנאָך — אַ באַשיידן מאָלצייט; ער האָט אומרואיק באַטראַכט אַרום זיך די פריילעכע לייט ביי די טישלעך. זיי האָבן, ווי קיינ־מאָל גאָרנישט, געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, אָנגעקלאָפּט זיך די גלעזלעך. דער לאַנ־

גער, נישט־גרויסער זאַל, אונטערגעשפּאַרט פון קאַלאַנעס, פון שפּיגלען, וואָס האָבן אים טיפער געמאַכט, איז געשוואומען אין רויך, אין רייד, אין געלעכטערן, געוויש פון דאַמען־קרינאַלינעס. ס׳האָבן געקלונגען מיליטערישע שפּאָרן. אָבער ער, הערצל, האָט קוים פאַרזוכט די געפּרעגלטע קאַרטאָפּעלעך, דעם קנאַפּ־צוגעברוינטן ביפ־שטעק. דערפאַר האָט ער אויסגעטרונקען, אַ ביסל צו האַסטיק, דעם קאַראַף באַרדאָ, ביזן דנאָ; אָפּגערוקט פון זיך דעם טעלער, דאָס גלאָז, האָט ער געבעטן דעם גאַרסאָן אים דערלאַנגען דעם חשבון און האָט זיך באַלד אויפגעשטעלט.

ס׳האָט אים אַרויסגעטריבן. ער איז שטיינגעבליבן אַ רגע אויף דער קליינער, פאַרמאַכטער טעראַסע, נישט געוווּסט באַלד ווו צו גיין; האַסטיק אַ ריס געטון זיך און געאײַלט ביז צום אַנדערן ראַג, צו פּלאַס דע ל׳אָפּעראַ, צו דער „קאַפע דע לאַ פּע״. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער וועט זיי דאָרט אַצינד אַלעמען אָנקוקן מיט גאָר אַנדערע אויגן, זײַנע פראַנצויזישע, און אַפילו יידישע פרײַנד. צי זענען עס די איי־גענע, האָט ער זיך געפרעגט, מיט זייער ראַפּינירטן עספּרי, מיט זייער ברייטער טאָ־לעראַנץ ? זיי, וואָס דאָס הייסע בלוט פון די שטורעמער פון דער באַסטיליע, פון די פּאַריזער קאָמונאַרן, רינט נאָך אין זייערע אָדערן... ער וועט פּרווון אַ רעד טון מיט זיי, ער וועט זיי פּשוט פרעגן : ס׳איז דאָך אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער גאַנצער געריכט איז, נאַטירלעך, אַ גוט־רעזשיסירטער שווינדל; אויב אָבער אַפילו ס׳זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז דרייפוס איז באמת דער שולדיקער, צי דאַרף עס — פרעגט זיך — פאַרוואַנדלט ווערן אין אַנטיסעמיטישער היסטעריע קעגן אונדז אַלעמען ? בלויז נישט־יידן האָבן דאָס רעכט צו פאַרמאָגן צווישן זיך פאַררעטער ? גאָט מײַנער, מיר זענען נישט ערגער און נישט בעסער פון אַנדערע. אָבער נאָך נישט דאָ ליגט דער שווערפּונקט; כאָטש די גאַנצע אָפּערע איז אַזוי בולט, אַז ער איז אומשולדיק, דריי־פוס. זיי, וואָס דעקלאַמירן ביי יעדער געלעגנהייט, אַז אין זייערע אָדערן פליסט דאָס הייסע בלוט פון זייערע זיידעס... די דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט... דער גלײַך גרעגואַר... די עמאַנציפּאַציע... ווייל וואָס האָט זיך דאָ לגבי אונדז אין גרונט געענ־דערט ? גאָרנישט, אָדער כמעט ווי גאָרנישט. און ס׳איז אים מיטאַמאָל אַזוי קלאָר געוואָרן : ס׳קאָן אַפילו אויך גערעדט ווערן וועגן אַ מין קולטור־אימפּעריאַליזם. דער „סנהדרין״, וואָס דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט פאַרלאַנגט פון די יידישע נאָטאַב־לען, איז געווען אין גרונט — די שטילע, כיטרע ליקווידאַציע פון אונדזער שעפע־רישן גייסט... ס׳הייסט, זיי פאַרטראַגן אויך נישט אונדזער גייסט ! מיר קערן זיך, הייסט עס, אַלע מאָל אום צום אייגענעם.

אין טיפסטן ווינקל, הינטער דער קאַלאָנאַדע, אין „קאַפע דע לאַ פּע״, איז שוין אין דעם נאָכמיטאָג, ווען דער קאַלטער נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק איבער דער שטאָט, געווען רוישיקער ווי געוויינלעך. די בליץ־לאָמפּן האָבן געבלענדט, נאָר די טיפע נישעס זענען פאַרבליבן האַלב אין שאָטן. די שטייפע גאַרסאָנען אין די ליווריייען האָבן דערפאַר אָנגעצונדן הויכע סטעאַרין־ליכט און זיי צעשטעלט אין די אַלע ווינקלען. די בערדיקע לייט, געפּלעגט, קאַנטיק־פאַרשוירן, זענען געווען אָפּגע־גאָסן אין אַ פאַנטאַסטישער שיין, די אויגן — אויפגעגלאַנצט, ווי ביי אַלכעמיקער, די בריל אָנגעזאָטלט, זענען זיי געווען פאַרגראָבן אין די פריש־געדרוקטע צייטונגען. די ערשטע אויסגאַבן פון דער נאָכמיטאָג־פּרעסע האָבן מיט גרויסע קעפּ געמאָלדן וועגן פאַרלויף פון דער דעגראַדאַציע פון קאַפּיטאַן דרייפוס. דער אַנטיסעמיט דרימאָן האָט

טריאומפירט אין „ליבר פאַראַל״ : „מען דאַרף מאכן אָרדענונג מיט דער פרעמדער הערשאַפט אין פראַנקרייך״...

אומגעריכט זענען אַלעמענס בליקן געווען אַנגעהאַנגען אין הערצלען. די שוואַר־צע, אַסירישע, שייך־געשניטענע באָרד, אַ ביסל אויסגערונדיקטע אויגן־נעסטן, האָבן אָפּגעגעבן מיט בולטער סעמיטישקייש. ערשט איצט האָבן זיי זיך אַלע ווי געכאַפּט דערויף. ער איז אומבאַמערקט אויסגעוואַקסן, געבלאַנדזשעט צווישן די טישלעך, אַראָפּגעלאָזן זיך אין אַ ווינקל, אָן אײן וואָרט אויסצורעדן, דעם קאָפּ פּאַרזונקען צווישן ביידע בלייכע הענט, וואָס האָבן אונטערגעציטערט. אַלע האָבן דערפילט, אַז זיין שווייגן איז אָנגעלאָדן — מיט שטורעם. ער איז דאָ געווען אַ שטאָם־גאַסט, אין די קאַפייען, וווּ ס׳זענען זיך צונויפגעקומען די מענער פון פראַנצויזישן גייסט. ער האָט זיי צו־גוט געקענט — לאַיאַלע לייט, דוכט זיך, אַפילו ליבעראַלן, נאָר אָט זע־נען זיי געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נסיון.

ערשט עמיל זאָלאַ׳ס „זש׳אַקיז״ האָט זיי אינגיכן אַלעמען שאַרף אויפגערודערט, זיי און זייער געוויסן. צוויי לאַגערן זענען איבער נאַכט אויפגעשטאַנען אײנער קעגנ־איבערן אַנדערן אין אויפגעשטורעמטן לאַנד. אַפילו אַלפאָנס דאָדע, דער באַרימטער מחבר פון „די בריוו פון מיין ווינטמיל״, „סאַפאָ״, הערצלס פריינד אַלפאָנס דאָדע, איז פארסמט מיט ביטול צו יידן, דער עיקר צו די ראָטשילדס, וואָס אייניקע פון דער צעצווייגטער משפחה שמייכלען צום פּראָטעסטאַנטיזם. ער איז געווען דורכגעטריבן, דער דרום־פראַנצויז, מיטן קאַמעץ־בערדל אַ־לאַ נאַפּאָלעאָן דער 3־טער. ס׳איז דאָרט געגאַנגען די רייד וועגן דעם, וואָס פרעד נאַטאַנסאָן, דער רעדאַקטאָר פון דער „רעווי בלאַנש״, האָט איינעם פון זיי צוריקגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט „שאול״ און האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צוצוגעבן : „אייגנטלעך, האָב איך קיין מאָל נישט גע־לייענט די ביבל״...

— ס׳איז מאָדנע — האָט אַלפאָנס דאָדע זיך געקאָכט — וואָס אַ סך געלערנטע יידן האַלטן פאַר אַ באַזונדער כבוד נ י ש ט צו האָבן געלייענט די ביבל. קיין שום זאַך דערצערנט מיך נישט אַזוי. זיי האַלטן פאַר זייער חוב אַרויסצווייזן אַן איבער־געטריבענעם שאָוויניזם, וואָס ווייזט זיך נישט אַלע מאָל אַרויס צו זיין פון דער ריינס־טער קוואַליטעט...

— אין אונדזערע טעג, זאָג איך, איז פאַראַן אין פראַנקרייך אַ יידישע ליטע־ראַטור, וואָס איז נישט קיין פראַנצויזישע ליטעראַטור... — האָט מען אים אונטער־געהאַלטן — זיי רעדן לייכטער פון אונדז, ווייל ס׳פעלט זיי צניעות, באַשיידנקייט. זיי רעדן העכער פון אונדז וועגן זאַכן, וואָס מיר רעדן וועגן זיי מיט אַ האַלבער שטי־מע...

וועגן באַרדויס „קאַנווענציאָנעלע שקרים״ האָט דאָרט עמעצער אַ זאָג געטון :

— דאָס בוך איז אפשר געראָטן, אָבער אויך — זייער געפערלעך... די יידן זע־נען מייסטערס פון צעשטערן אונדזערע רעספעקטירטע אינסטיטוציעס, וואָס זענען דער יסוד פון דער מערב־ציוויליזאַציע. זיי פירן אַריין הפקרות, אויפלייזונג פון זיטן, קעגן דעם פראָטעסטירט אונדזער גראָדער שכל, אונדזער אינסטינקט פון לאַטייני־שער געמיינשאַפט...

— יידישע מעלות זענען נישט קיין פראַנצויזישע מעלות. און אויב די פראַנ־צויזן וואָלטן געווען ווייניקער אינטעליגענט, געהאַט ווייניקער מעלות, איז נאָך אָבער

אַלץ אמת, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן צו זאָגן, דאַרף געזאָגט ווערן בלויז דורך זיי. דער צושטייער פון יידישע אייגנשאַפטן, וועט נישט אַריינברענגען קיין שום נייע עלעמענטן, נאָר פאַרקערט, וועט איבעררייסן דעם אייגנטימלעכן אויסדרוק פון אַ ראַסע און ערנסט פעלשן איר באַדייטונג...

הערצלס אויפגעשפיצט אויער האָט עס אַלץ דערכאַפּט, נאָר זיין מויל איז געבליבן פאַרהאַקט. פאַר זיך אַליין האָט ער נאָר געוואָלט פאַרשטיין:

— אָבער וועלכע יידן, פרעגט זיך, מיינען זיי דאָ? מסתמא אַ פּאָר בערזעלייט, די זעלבע וואָס באַלזאַק האָט געזען אין „נונציגגען", זאָלאַ — אין „געלט" און קאַרל מאַרקס — ווען ער האָט פאַרפאַסט זיין טרויעריק־באַרימטע בראָשור וועגן יידן־פּראָבלעם. זיי קענען נישט — און אפשר ווילן זיי גאָרנישט קענען — די טיפע, ערלעכע אָרעמקייט אונדזערע און — אונדזער הויכן עטישן גייסט. און מען גלויבט נאָך אַלץ אין ליבעראַלן ווין, אין אייראָפּע, אַז ס'דערנענטערט זיך אַ בעסערע, אויפגעקלערטע תקופה, ווען אַפילו אַנטיסעמיטן וועלן איינזען, אַז די כלומרשטע, „וויסנשאַפטלעכע" יידן־שנאה, איז אַ שטות... ניין, נאָכן היינטיקן ספּעקטאַקל אויפן פּלאַץ פון „עקאָל מיליטער", גלויב איך נישט מער!

ערשט ווי לאַנג, אַז ער, אַ יונגער סטודענט, האָט שטאָלץ אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, איז אַוועק פון די ווינער „בורשן"־יונגען, די צעווילדעוועטע סטודענטן־ברודערשאַפט? ער איז צום לעצטן מאָל אַוועק, ווען זיי האָבן דאָרט רוישיק געפייערט דעם דייטשן קאָמפּאָזיטאָר און יידן־שונא ריכאַרד וואַגנער. ס'איז געווען דער באַדאַכטער גאַנג — צו זיך אַליין; דער אָנהייב־צווייפל אין געמיטלעך־ראָמאַנטישן ווין. ער האָט באַלד אין אָנהייב פון זיין יוריסטן־קאַריערע פיינט באַקומען די איינגערעדטע געמיטלעכקייט, די פּעדאַנטישע, ביוראָקראַטישע פּראָצעדורן אין דער דושנער געריכט־אַטמאָספער. ער האָט געקוקט אין די טרוקענע געריכט־אַקטן און — געחלומט פון דערפּאָלג אויף די אייראָפּעאישע בינעס. אין די הויכע פענצטער האָט אַריינגעקוקט דער פריער האַרבסט. אַ דין, דורכנעמענדיק רעגנדל האָט געקלאַפּט אין די שויבן. ער האָט זיך אומגעקערט דורכן שטאָט־פּאַרק. אַרום — פּוסט. די בענק — פאַרלאָזן. געלע בלעטער פלאָנטערן זיך אונטער די טריט. ער האָט געחלומט אָט דעם אבל אבלים אַריינצוגיסן אין אַ דראַמע, וואָס זאָל אויפרודערן דאָס זאַט־בירגערלעכע געמיט פון די פיליסטערן. אַנדערע פּראָבלעמען האָבן אים געמאַטערט; ס'האָט אים שוין דעמאָלט צוביסלעך פאַרפאָלגט. ער האָט געזען אומעטום — יידן; אין ווין, אין בערלין, אין דער פינאַנץ־ און טעאַטער־פּרעסע. זיי שטופּן זיך אויבנאָן, זיי ווילן זיך ווייזן ווי „עכטע דייטשן". אָבער קיין שום דייטשע שטאָט וויל נישט האָבן ביי זיך דעם היינריך היינע־מאָנומענט; פאַר אים אַליין האָבן זיך אַלע טירן אויפגעמאַכט. די גרויסע פּרעסע, זיינע וועכנטלעכע „בריוו" אין „בערלינער טאַגעבלאַט" — פול מיט סאַטירע — וועגן דער ווינער פּאָליטיק, קונסט, ליטעראַטור, טעאַטער, האָבן מרעיש עולם געווען. „בעסער — האָט ער געשריבן מיט ביטערער איראָניע — זאָל מען שטעלן אַ מאָנומענט דעם צביעותדיקן פיליסטער; זאָל ער שטיין אויבנאָן, אויפן גראַניט־דענקמאָל, מיט זיין אויפגעבלאָזענעם ביר־בויך; מיט דער פרומער מינע, זיין שפּלדיקן נייגן זיך פאַרן שטאַרקערן, און ברוטאַליטעט — לגבי דעם שוואַכערן".
און ער האָט זיך באַנג דערמאָנט דעם איינזאַמען קבר פון היינריך היינע, אין פּאַריז, אויפן בית עולם פון אַלטן מאָנמאַרטר; דער פאַרטריבענער פון זיין היימלאַנד, דער

יורש פון די שפּאַנישע אנוסים, דער דיסעלדאָרפער ייד, דער שעפער פון „ווינטערמערכען״ און „רבי פון באַכראַך״.

אַ נאָר וואָס געענדיקטער יוריסט, איז הערצל צום ערשטן מאָל געקומען קיין פּאַריז, צו באַוווּנדערן די מעכטיקע בינע־קינסטלערין סאַראַ בערנאַר, אין „יונגן אָדלער״ פון עדמאָן ראָסטאַן. מיט וואָס פאַראַ הויכער פּאַטריאָטישער פּאַטעטיק זי, די יידן־אָפּשטאַמיקע, האָט עס פאַרקערפּערט דעם זון נאַפּאָלעאָנס פון דער עסטרייכישער פּרינצעסין, אַ פאַרשפּאַרטן אין ווינער קייזערלעכן הויף, אויסגייענדיק פון בענקשאַפט. אין דער סאָרבאָנע האָט ער דעם פילאָזאָף, דעם היסטאָריקער ערנסט רענאַן, געהערט רעדן וועגן תהילים. אין אויפגערודערטן פּאַרלאַמענט, אין פּאַליי בורבאָן, האָט ער זיך פון די פול־געפּאַקטע גאַלעריעס צוגעקוקט צום פּערפּידן אייראָפּעאיש־פּאָליטישן הינטער־קוליסן־שפּיל, נאָך דער מפּלה ביי סעדאַן, נאָכן פאַרלירן עלזאַס־לאָטרינגען צום אָנגעפּרעסנעם פּרייסישן קאַנצלער, צו ביסמאַרקן, נאָך דער פּאַריזער קאָמונע. אין האַלב־נאַכטיקן „מולען רוזש״ האָבן די לייכטע, פאַרפירערישע פּאַריזער פאָלקס־מיידלעך געטאַנצט פאַרפלאַמט דעם „קאַנקאַן״, און די גע־ניאַלע האַנט פון טולוז־לאָטרעק האָט זיי פיקסירט אין זייער פלאַטער, אין זיינע שאַרפע, עקספּרעסיווע סקיצן. אַ מאָדנער געמיש; אַזאַ כישופדיקן עטער, שווער צו דעפינירן, האָט, דוכט זיך, קיין שום שטאָט אין דער וועלט נישט פאַרמאָגט. און דאָך...

צו 26 יאָר איז ער שוין געווען גייסטיק מיד. די גאָלד־בלאָנדע, בלוי־אויגיקע יוליע נאַשויער... ער האָט זי באַגעגנט אין די ליטעראַרישע סאַלאָנען ביי איר רייכן, יידן־אָפּגעפּרעמדטן פאָטער. דער יונגערמאַן האָט געחלומט וועגן דער פאַרכאַפּנדיקער יוליע בעת זיין רייזע איבער איטאַליע. אָבער מיט יוליע נאַשויער האָט ער נישט חתונה געהאַט פריער, ווי נאָכן באַקומען אַ סטאַבילן פּאָסטן אין דער „נויע פרייע פּרעסע״; ווען מ׳האָט אויפגעפירט זיין ערשטע דראַמע אין ווינער „בורג־טעאַטער״. די גאָלד־בלאָנדע יוליע... זי איז געווינט צו רייכטום, צו לוקסוס. זי האָט אים געוואָלט פאַר־זיך, אינגאַנצן. אָבער — ווי קען ער עס דען ? ער האָט יעדע פאַר וואָכן איבערגעלאָזן די פאַרשטיקטע משפּחה־צאַנקערייען און אַוועק קיין פּאַריז. אין ווין איז אים אַלץ מער ענג געוואָרן. די לופט האָט געשטיקט. אַלע זענען זיי פאַרכאַפּט פון קאָסמאָפּאָליטיש־אַסימילאַטאָרישע אילוזיעס. און ער האָט גאָר פלוצים דערזען די יידן־פראַגע ווי אַ סאָציאַל פּראָבלעם — דער פּראַטער־באַצירק אין ווין, די געדיכטע יידישע שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע.

די ווייטע שמועות, וואָס ס׳טוט זיך אָפּ ביי די „אָסט־יודען״, זענען נאָך אַלץ דער־גאַנגען צו אים ווי אַ טויבער עכאָ. אין די 80־ער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָבן רעוואָלטירטע יידישע סטודענטן, בכלל די אינטעליגענץ, די ביל״ו, שטאָלץ אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און גערופן : בית יעקב, לכו ונלכה. קינדער פון יעקב, לאָמיר גיין... מען וויל אונדז נישט... לאָמיר אויפגיין קיין ארץ ישראל און שאַפן דאָרט יידישע קאָלאָניעס. די „עם־עולם״־גרופּן האָבן זיך, ווידער, געלאָזן דורך אַלע געשוואַרצטע גרענעצן, צו די ווייטע ברעגן פון אַמעריקע, כדי דאָרט צו קאָלאָניזירן יידישע דערפער אין אַ יידישן ראַיאָן. דער פּאַריזער פילאַנטראָפּ באַראָן הירש האָט געוואָלט רעאַליזירן אַ מאַסן־עמיגראַציע פון יידן אין די ווילדע, פּעטע סטעפּעס פון אַרגענטינע. די אידייען זענען געהאָנגען אין דער לופט — חיבת ציון, ביל״ו, די אַר־

בעטער־באַוועגונג, טעריטאָריאַליזם... בלויז אין די פּאַרטיי־קרייזלעך האָט מען זיך נאָך אַלץ געפּלפּולט. אָבער אין די אַלע אידעאָלאָגיעס גופא איז נישט געווען קיין גרויסער חילוק. דאָס גאַנצע רעכטלעכע, עקאָנאָמישע, סאָציאַל־פּאָליטישע, קולטור־רעלע לעבן פון יידן, איז געהאַנגען אויף אַ האָר. אינסטינקטיוו, אָן פּראָגראַמען, נישט צוהערנדיק זיך אַפילו צו די פּאַרטיי־לאָזונגען, האָבן יידישע געזינדלעך אין אָוונט צוגעהאַקט די לאָדן, איבערגעלאָזן די אַלטע היימען און אַוועק אין לאַנגן וואַנדער, צו די ווייטע ברעגן פון אַמעריקע, אַרגענטינע. די ערד האָט געברענט אונטער די פיס. אָבער קיין תכלית פאַרן גאַנצן געפּלאָגטן פאָלק איז אַלץ נישט געווען צו זען.

דאָ, אין „קאָפּע דע לאַ פּע" — די קיך פון אַלע פּאָליטישע מיינונגען, פון אַלע ניי־אויפגעקומענע „איזמען" אין דער קונסט — האָבן די צוויי ווייטלעכע יידן, הערצל און מאַקס נאָרדוי, זיך ווי צוריקגעפינען. ביידע האָבן זיי לאַנגע יאָרן גע־בלאָנדזשעט אין די קאַפּייען, אין רויך, אין רייד, אין פראַזן. אין זיינע ביכער: „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונדזער ציוויליזאַציע", „די קראַנקהייט פון יאָר־הונדערט", האָט מאַקס נאָרדוי געפרווט אויפצודעקן די אייטערנדיקע ווונדן פון דער אייראָפּעאישער וועלט, סוף 19־טן יאָרהונדערט. ער האָט פאָראויסגעזען דעם קרי־זיס, די ירידה. אין פּאַליי בורבאָן, אין די קלובן פון פּאַבור, אין די קאַפּיי־הייזער אויף די בולוואַרן, אומעטום, וווּ זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָט עס זיי געצויגן איינער צום אַנדערן, אין לאַנגע וויכוחים. די געבלוטן האָבן זיך צעהיצט, כאָטש זיי זענען גע־קומען צו די זעלבע באַדאַכטע אויספירן:

— דער פראַנצויזישער אַנטיסעמיטיזם שטעלט פאָר דעם יידישן צושטייער ווי אַן אַריינדרינג פון אַ פרעמדן קערפּער, אַן אינטרוס, וואָס קען זיך נישט אַסימי־לירן, קעגן וועלכן דער אָרגאַניזם מוז קעגנשטעלן אַ נאַטירלעכן רעפלעקס פון פאַר־טיידיקן זיך...

נאָרדוי איז געווען דער קילער מאַן פון פּאַראַדאָקסן. מיט סאַרקאַזם, האָט ער אַנטפּלעקט די אויבנאויפיק־פּאַרהוילענע סתירות פון דער געזעלשאַפט. אַ סך פריער פון פרוידן, האָט ער אַנטבלויזט דעם רויען, אינסטינקטיוון אַפּאַראַט, וואָס דער מענטש פּאַרדעקט אַזוי קונציק מיט קאָנווענציאָנעלע שקרים. אַ גייסטיקער יורש פון וואָל־טער, האָט ער געמאַכט דעם חשבון הנפש, באַוויזן דעם פּרצוף פון פּאָטענציעלן מאַסן־מערדער, וואָס פאַר דער וועלט מאַכט ער דערווייל אַ פּרום פּנימל פון אַ היפּאָקריט. מיטן דיאַגנאָז וועגן דער קראַנקהייט פון דער ציוויליזאַציע, האָט ער באַלד דערנאָך דערזען שאַרפער — די יידן־פּראַגע. ער איז געקומען צום זעלבן קילן, ניכטערנעם אויספיר, ווי דער עמאַציאָנעלער, דיכטעריש־אַנגעלאָדענער פריינד זיינער, הערצל: אַ יידישער שטאַט. ער האָט גאַרנישט געוואָלט הערן וועגן סתם יידישע קאָלאָניזאַ־ציע, ווייל מיר וועלן קיינמאָל אין ערגעץ נישט זיין ביי זיך.

— מיר באַדאַרפן — האָט ער ענערגיש געקלאַפּט מיטן שירעם־שטאָק אין דער פּאָדלאָגע — ארץ ישראל, נישט דווקא צוליב דער ביבליש־ראָמאַנטישער שיינקייט, נאָר צו קענען ברענגען אַהין מיליאָנען אונדזערע ברידער, ווייל ס'הענגט איבער זיי די סכנה אויסגעמאָרדעט צו ווערן, אין אוקראַינע, פּוילן, עסטרייך, אונגאַרן, דייטש־לאַנד. ראַטעווען יידן! נישט אין פּופציק, אָדער אין הונדערט יאָר אַרום, נאָר באַלד, שוין!...

זיין קורץ בערדל, גרוי, צעקעמט אין צוויי העלפטן, איז געווען אין גייסט פון די

אינטעלעקטועלע קאַפּייען, סוף יאָרהונדערט. פון דעם ווינקל, ווו דער באַרעדעווודי־קער, בייסיקער דרום־פראַנצויז פון פּראָוואַנס, אַלפּאָנס דאָדע, האָט געפירט טיש, האָט ער זיך שוין לאַנג גערהאַט אָפּגעקערט. די גיפטיקע באַמערקונגען, מורמלערייען זייערע וועגן זיינע ביכער, „אָנגעשטעקט מיט ספּעציפישן יידישן גייסט", זענען פאַר־ביי זיין אָנגעשפּיצטן אויער. ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט זייער איינזאַם, איזאָ־לירט, אָבער ס'האָט אים שוין מער גאָרנישט געאַרט.

ער האָט פאַרנומען זיין באַשטענדיק ווינקל ביים הויכן פענצטער, צו דער פאַר־מאַכטער טעראַסע. די טעראַסע איז געווען ליידיקלעך אין דעם קאַלטן דעצעמבער־נאָכמיטאָג, כאָטש ס'האָבן דאָרט געבערענט קוילן־אייוועלעך. עס זענען פאַרטויבט געפאַלן אויפן ברוק די גומענע רעדער פון פאַיעטאָנען. הערן און דאַמען, איינגעגורעט די קעפּ אין די קעלנער, מיט זאַנטיקעס, האָבן פאַרבייגעאיילט. ס'איז צווישן די הויכע, מאַסיווע מויערן געפאַלן אַ נאַסער שניי און איז באַלד צעגאַנגען. ציטונגס־יינגלעך אויפן ראָג האָבן אויסגעשריגן די נייעסן.

נאָרדוי האָט געזען, ווי הערצל הייבט זיך אויף, בלאָנדזשעט אַ רגע איבערן זאַל, פאַרבלענדט, ווי אַ לונאַטיקער, און דערנענטערט זיך מיט וואַקלדיקע טריט צו זיין טישל. ווי ער וואָלט געלייענט זיינע געדאַנקען, האָט אים נאָרדוי באַגעגנט:

— אין די אינטעלעקטועלע קרייזן הערט מען הספּדים נאָכן 19־טן יאָרהונדערט, די זייער שיינע פראַזן: גלייכהייט, פרייהייט, ברידערלעכקייט... איז אָבער די אומ־נאָרמאַלע לאַגע פון יידן אונדזער אייגענע שולד. „אם אין אני לי, מי לי"? נישקשה, דער פּראָגרעס קען זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן אונדז... ווי איז אָבער מעגלעך אַזאַ סתּי־רה אין הומאַנישן געדאַנק? וועל איך ענטפערן: ווען די חכמים פאַרנעמען זיך מיט הומאַניזם, פאַרגעסן זיי די יידן; און ווען זיי זענען זיך מתעסק מיט יידן, פאַרגעסן זיי דעם הומאַניזם...

— און די אַסימילירטע יידן אין פראַנקרייך זענען נאָך אַלץ בלינד און טויב. דער המון ריטשעט: „זאָל לעבן עסטערהאַזי!", וואָס דאָס מיינט „אַ טויט די יידן!". און די דאָזיקע יידן רעדן נאָך אַלץ וועגן די פּרינציפּן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע, פאַר וועלכער זיי האָבן געקעמפט. אָבער דערמיט זוכן זיי וואָס שנעלער צו פאַרלייקענען זיך אַליין. די איינציקע טרייסט איז אפשר, וואָס מיט דער צייט וועלן אָט די אָפּגעריסענע אברים פאַרשווינדן, כדי דער קערפּער פון יידישן פאָלק זאָל שטאַרקער און געזונטער ווערן...

מאַקס נאָרדוי האָט אַ נעם געטון דעם שירעם־שטאָק, דעם הוט, אויפגעריסן זיך.

— קומט! — האָט ער אים דאָס מאָל, אַ ביסל צו־האַסטיק, גענומען אונטערן אָרעם — מיך שטיקט דאָ... לאָמיר גיין אין אַ רואיקער קאַפּיי. סוף כל סוף דאַרף מען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן צווישן אייגענע...

זיי זענען אַרויס. נאָרדוי — אַ ביסל עלטער פון הערצלען, אַ ביסל נידעריקער, שווערלעכער. ס'איז אָבער אין דעם טאָג קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז צווישן זיי ווי אָן איביקער בונד געחתמעט געוואָרן די געמיינזאַמקייט פון גייסטיקע וואָגלענישן, פון גורל, אין זייער דערקענטעניש, אין זייערע ראַדיקאַלע אויספירן. זיי זענען שטיינ־געבליבן ביי דער שוועל פון קאַפּיי־הויז „פּוסע", אויף די בולוואַרן.

יעדן פרייטיק אָוונט איז אין קאַפּיי־הויז „פּוסע" געווען אַ רוישיקער בינשטאָק פון די אויסלענדישע פּרעסע־לייט. אין גרויסן זאַל, ביי מאַרמאָר־טישלעך, אויף

ברייטע, פלושענע פאָטעלן, זענען געווען צעלייגט די שטאַם־געסט. מ׳האָט געשפּילט אין שאַך, פאַרטון געווען אין קאָרטן. ס׳האָבן געשורשעט די צייטונגס־בלעטער אויף די שטעקעלעך. ס׳זענען דאָ אויך געזעסן דאַמען פון אַ לייכטן, אומבאַשטימטן מין, מיטגעטרונקען, מיטגעלאַכט. די גאַרסאָנען האָבן געהאַלטן אין איין טראָגן איבער קעפּ טאַצן מיט הייסע גראָגן, געטראַנקען. דאָ האָבן זיי זיך אָפּט צוזאַמענגעטראָפן מיטן ווינער זשורנאַליסט זיגמונט פעלדמאַן, אַ משומד, מיט טעאָדאָר וואָלף, פאַרטרעטער פון „בערלינער טאַגעבלאַט" — רויטע קערק, פאַרשטייפטע וואָנסן, ביר־בייכער, גראָבע ציגאַרן אויף די פעטלעכע ליפּן. זיי האָבן נישט פאַרטראָגן קיין „יידישע ענינים", דורכגעפרעסן פון יידישן „זעלבסט־האַס".

— זעט ווי געאָרג בראַנדעס... — האָט דער דיקער וואָלף געברומט — מיט וואָס פאַראַ ווירטואָזיטעט און לייכטקייט ער פּאַסט זיך אַריין אין דער נישט־יידישער וועלט...

— ער זוכט דעם לייכטן, באַקוועמען וועג פון קאָמפּראָמיס... — האָט נאָרדוי געזאָגט מיט באַדויער — ער פּאַסט זיך צו צום העלעניזם, צו פאַרמישן די יידישע קאָרטן... מיר האָבן זיי אַלע מאָל געהאַט, די סאָרט יידן.

און הערצל האָט זיך אָפּגערופן:

— מיין גאַנצן רעספּעקט פאַר געאָרג בראַנדעס... אָבער די ליטעראַטור קען מער נישט לעבן מיט דער „קונסט לשם קונסט". זי דאַרף פאַרמאָגן אַ טיפערן, געזעלשאַפטלעך־עטישן גייסט. גיט אַ קוק, למשל, וואָס עס טוט זיך אַצינד ביי אונדז — דער דרייפוס־קאָשמאַר... צי קען מען אין אַזעלכע צייטן סתם פאַרגלאָצן די אויגן צו דער „הויכער קונסט" ?... דער אַנטי־יידישער העצער דרימאָן האָט אַ וואָרף געטון אויף אונדז אַ שמוציק בוך, „דאָס יידישע פראַנקרייך", פול מיט ליגנערישער שנאה. די אַנטיסעמיטישע דעפּוטאַטן אין פאַרלאַמענט פאַרלאַנגען אַרויסצוטרייבן די יידן און קאָנפיסקירן זייערע פאַרמעגנס... און דאָס — קוים הונדערט יאָר נאָך דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־ און בירגער־רעכט. צי קענט איר, מיינע הערן, ביי דעם אַלעמען, רואיק פאַרנעמען זיך מיט דער „הויכער קונסט ?"...

נאָרדוי האָט אַ שלוק געטון פון זיין הויכן קופל ביר, געלאָזן פאַלן אומעטיקלעך:

— שאַרל פּעגי, דער קאַטוילישער סאָציאַליסט, שרייבט אין אַן עסיי אַז די הויכע יידישע בורזשואַזיע אין פראַנקרייך וויל פאַרטושן דעם ענין דרייפוס, איז גרייט צו לאָזן שטאַרבן דעם אומשולדיקן מענטש אויפן טייוולס־אינדזל, ווייל זי וויל פאַרמיידן אַ „רעש און אַ מהומה"...

ס׳איז געוואָרן אומהיימלעך. זיי האָבן געשוויגן, די אַלע, וואָס האָבן זיך געדרייט אין די הינטערקוליסן פון מיניסטאָרן־קאַבינעטן, פון פאַרלאַמענט־אינטריגעס, פון מאַכט־גיריקע הערשער. אין דרויסן, הינטער די פאַרצויגענע פאָרטיערן, האָבן גערוישט די גרויסע בולוואַרן, ס׳זענען פאַרטויבט געפאַלן אויפן ברוק די גומענע רעדער פון פאַיעטאָנען. ס׳האָט זיך פאַרבייגעטראָגן דער אָנגעפּראָפּטער צוויי־שטאָקיקער פערד־טראַמוויי, וואָס לויפט צווישן „מאַדלען־באַסטיל". און דאָ, ביים טישל, אין אָנגערויכערטן קאַפיי־הויז, זענען געזעסן צוויי פאַרלוירענע יידן, טיף פאַרזאָרגט איבערן געשיכטלעכן גורל פון זייערע ברידער.

קאַפּיטל זעקס

דער דור פון משיח

סוף 90־ער יאָרן, נאָך די סטודענטן־אומרוען אין די רוסישע אוניווערזיטעט־שטעט, באַלד נאָכן אַטענטאַט אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2־טן, די אַרבעטער־שטרייקן אין פּעטערבורג, האָבן די שמועות וועגן ביל׳ו, חיבת ציון, וועגן גייסט פון „זעלבשוץ״ און פרייהייט, ווי אַן אָנזאָג פון גאולה, זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן דערשטיקטן תחום המושב. אַלע טיף־פאַרבאָרגענע געפילן פון דורכגעליטענעם יידישן מענטש, האָבן געבענקט נאָך אַן אויסלייזער.

אין אָט דעם בין־השמשות איז אויפגעשטאַנען אַ מאַן, און האָט גערופן צו באַ־פרייען זיך פון די גלות־קייטן, אומצוקערן זיך צום לאַנד פון די אבות, ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, כדי צו מאָנען אונדזערע רעכט. מ׳האָט געשמועסט, אַז ס׳האָט זיך באַוויזן אַ חיבור, „דער יודענשטאַט״, בלע״ז. אַ מאָדנער נאָמען. אַ מין רעאַלע פאַנ־טאַזיע, אָבער אויך אַן אַנאַליז פון דער יידישער לאַגע אין דער וועלט, מיט באַווייזן, מיט ציפערן. און דער סך הכל דערפון איז, אַז ס׳איז גאָרנישט פאַראַן קיין אַנדער לייזונג פאַר יידן, ווי אַן אייגענע מדינה.

— וואָס קען אונדז אַזאַ ווייט־אָפּגעפרעמדטער ייד שוין לערנען ?... — האָבן געטענהט די אָדעסער חובבי ציון און די תלמידים פון שאַרפן בעל־הסיגנון, אחד־העם, וועלכער האָט געהאַט אויפגעשטעלט אַ מין אָרדן, די „בני משה״.

אָבער דער נאָמען פון חיבור האָט געהאַט עפּעס אַ מאָדנע צוציאונג. ס׳האָט גאָר קיינער פּאַר אים נישט געוואָגט אַזוי אָפן צו רופן — אַן אייגענע יידישע מדינה. נישט משה הס, נישט לעאָן פּינסקער, אַוודאי נישט אחד העם, וועלכער האָט גיכער געלייגט שטיינער אויפן וועג. דער אומבאַקאַנטער מאַן האָט מיט דער גאַנצער קראַפט אַרויסגערופן פון הינטערבאַוווסטזיין דעם דאָזיקן שם המפורש ביי יידן, וואָס האָבן נאָר געוואַרט אויפן קומען פון אַ גואל. ס׳איז אויך דערגאַנגען, אַז דער מאַן רוט נישט, האָט אָנגעשפּאַרט אַזש ביזן באַראָן ראָטשילד, דעם נדיב הידוע, אין פּאַריז, איז אַוועק צום באַראָן הירש, דעם פילאַנטראָפּ פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. ער האָט זיי פאַרגעלייגט אַ געוואַלדיקן פּלאַן, נישט פאַרלאַנגט, חלילה, פאַר זיך בהנהה צו זיין אָט־אַזויפיל. זיי האָבן אים אָבער, מיט זייער איידעלע רייד, מבזה געווען, אויסגעלאַכט, נאָר ער האָט זיי שטאָלץ געענטפערט: „אויב איר וועט מיר נישט העלפן אויסקויפן ארץ ישראל פון טערק, וועל איך אויפטרייסלען די יידישע פאָלקס־מאַסן״; און אַז דאָס האָט ער צוזאַמענגערופן דעם 1־טן קאָנגרעס אין באַזעל. פּינסקער האָט אויך אַ מאָל גערופן צו אַ קאָנגרעס, ער האָט אָבער גע־וואַרט, אַז אַנדערע זאָלן עס טון פאַר אים. דער מחבר פון „יודענשטאַט״ האָט סוף 1897 פאַררופן דעם קאָנגרעס אין באַזעל, און יידן מכל תפוצות זענען געקומען. ער,

דער אָפּגעפרעמדטער ייד, האָט מען נאָכדערציילט, איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער הימל־שרייענדיקער יוסטיץ־אומגערעכטיקייט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן צום ייד דרייפוס, דווקא אין פראַנצנלאַנד. ער האָט זיך געפרעגט מיט אַנגסט: ווי אַזוי האָט עס געקענט געשען אין ליבעראַלן פראַנקרייך, וואָס איז געווען די ערשטע אין איירָאָפּע צו אָנערקענען יידן ווי גלייכבאַרעכטיקטע בירגער? איבער די בולוואַרן פון פּאַריז האָט מען געשריגן: „אַ טויט די יידן!“... אין דאָזיקן מאָמענט האָט ער פּלוצעם דערפילט, אַז ער איז אויך אַ ייד, ווייל ער האָט נישט קיין אייגן פּאָטערלאַנד. דאָס האָט צעשטערט זיין שלווה און אים צוריקגעברענגט צום פאָלק. ער איז אַרויס אין מלחמה, געוווּנען אַ סך הערצער אויף זיין זייט, אָבער קעגן אים זענען אַרויס די אַלע, וואָס האָבן געלעבט מיטן חשד, טאָמער וועלן די אָפענע רייד וועגן אַ יידיש פּאָטערלאַנד אַרויסרופן דאָס געשריי, אַז יידן זענען נישט קיין געטרייע בירגער, נאָר פרעמדע...

אויך זענען, ווידער, פון די טיפענישן פון פאָלק אויפגעשטאַנען יידישע אַרבעטער־פירער, פאָלקס־אינטעליגענטן, וואַזשנע קעפּ — ס׳רוב מיט פּענסנע, ס׳שנירעלע אונטערן אויער — זיי האָבן געבראַכט די בשורה פון פרייהייט פאַרן מין מענטש בכלל. זיי האָבן גערופן די אָרעמע, דערשטיקטע יידישע אַרבעטס־לייט אויפצוהויבן די פאָן פון מרידה, קעגן די אייגענע, סיי קעגן די פרעמדע בלוט־זויגערס, די עקספּלואָטאַטאָרן. זיי האָבן גערופן צו גיין אויף באַריקאַדן, נישט אָפּשרעקן זיך פאַר פּאָליציי, תפיסות, סיביר; ווייל באַלד וועט אויפשיינען די זון, ס׳וועלן אויפשיינען „די ליכטיקע מאָרגנס“ פאַר אַלע אונטערדריקטע פעלקער, און במילא — פאַר אונדז, יידן — אין אַ גליקלעכער, סאָציאַליסטישער וועלט פון כולו יושר. דער בונד האָט געשטעמפּלט דעם ציוניזם ווי אַ רעאַקציאָנערע, געפערלעכע שטרעבונג, וואָס דערווייטערט די יידישע מאַסן פון קלאַסן־קאַמף דאָ, אויפן אָרט.

די „הצפירה“ אין וואַרשע, דער „המליץ“ אין פּעטערבורג, האָבן זיך מתווכח געווען, אויפגעוויזן מיט ראיות, מיט הויכער מליצה, די וויכטיקייט פון אַן אייגן לאַנד, געענטפערט די קעגנער, אַז ס׳איז צייט צו קומען צו דער וועלט מיט פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען, ווי גלייכע מיט גלייכע. פון דער טריבונע פון די קאָנגרעסן איז געשליידערט געוואָרן די גערעכטע פאָדערונג פון אַן אונטערדריקט פאָלק. ניין, מער נישט קיין שתדלנות, נאָר אַ ווירדיקע יידישע פּאָליטיק. דאָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף די אומות העולם. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אַ גרויסער אידייען־קאַמף צעפלאַקערט אין די יידישע קהילות, איבערן גאַנצן תחום המושב. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין דעם — וועלכע תורה אָנצונעמען? וועלכער וועג איז דער ריכטיקער?

אין אַזאַ אומרואיקער צייט — ס׳איז געווען באַלד נאָך דער צווייטער שרפה אין דער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט, אויפן בוג, ווען ס׳גאַנצע טייך־געסל איז אַרויס, ווי מ׳זאָגט, אין איין העמד — האָט דער שווייגנדיק־פאַרביסענער יונגערמאַן, לייבל זיידמאַן, מיטן קרומלעכן, גאווהדיקן לאָפּעטע־בערדל, זיך אויפגעהויבן, גענומען זיין הויזגעזינד, ס׳שווערלעכע ווייב פריידע־לאה מיט די דריי קליינע מיידעלעך, און איז אַראָפּ פאַר־זיך. גאַנצע פיר יאָר נאָך דער חתונה איז ער געזעסן און געגעסן קעסט ביים שווער, דעם פּראָסטלעכן ייד, הלל רימער. טאַקע, וויפל איז דער שיעור? ס׳איז אים שוין געווען איבעריק דער טאָג. ער האָט פיינט געהאַט די „משפחה׳טע“, די גראָ־

בע יונגען, ס׳צערודערטע באַלמעלאָכישע הויז, מיט די זין, טעכטער, איידעמס, שנורן, פון ביידע ווייבער; מיט דער גאַנצער כאַפּטע אייניקלעך. אפשר צוואַנציק מיי־לער זענען געגאַנגען צום טיש. זיי האָבן אָנגעפילט דאָס נידעריקע, ברייט־צעלייגטע הויז, מיט די פליגלען, אויבער־שטיבלעך, אָפּדעכלעך. מ׳האָט יעדע פּאָר יאָר גע־האַלטן אין איין צובויען. לייבל איז נאָך טאָקע אַלץ געזעסן יומם ולילה אין משמר בית־מדרש, אָבער דער קאָפּ האָט אים שוין, נישקשה, געטראָגן. ער איז שוין, שטילערהייט, פאַרטון געווען אין אייגענע מסחרים, אָבער קיינער האָט עס ביי אים נישט באַדאַרפט צו וויסן.

— שוועך־לעבן, ס׳איז די העכסטע צייט מיר אויסצוצאָלן, וואָס מיר קומט און — אַ סוף זאָל עס נעמען !... — האָט ער ביים שווער, הלל רימער, האַרב פאַרלאַנגט די אַנדערע העלפט נדן, וואָס איז געווען איינגעלייגט ביי מענטשן.

אויף די אָפּגעברענטע פּלעצער, אַרום הויכן ברעג, האָט ער אינגיכן געלאָזן אויסבויען זיך אַ הילצערן גאַרנדיק הויז, מיט גאַניקעס, שאַפעס, שפּייכלערס, אַרומ־געשטעלט מיט פּלויטן. ער האָט בשותפות מיטן נגיד, דעם אַ ביסל פאַרגוישטן ייד סאָלאָמאָן סקאָרבניק, פאַרלייגט די אָליניצע, די מיל, דעם טאַרטאַק. אַליין איז סאָלאָ־מאָן סקאָרבניק אַ גאַנץ יאָר אָפּגעלעגן ערגעץ אין די גרויסע רוסישע שטעט, ביי זיינע אייגענע געוואַלדיקע מסחרים. אין טייך־געסל, אין די נידעריקע הילצערנע הייזלעך, וואָס האָבן זיך נאָך דער שרפה צוריק אָפּגעבויט, האָבן געקלאַפּט ווערק־שטעלן פון פּראָסטע יידן, באַלמעלאָכעס, קאָוואַלעס, סטעלמאַכעס, רימאַרעס. ס׳האָבן דאָרט געלעבט געמיינע לייט, באַלעגאַלעס, וואַסער־פירערס, דראָשקאַזשעס, שוואַרץ־אַרבעטער, טאָג־לוינער; זיי זענען, צוזאַמען מיט די גוישע באַלמעלאָכעס, געקומען פאַרדינגען זייערע הענט. אויף די אָפענע, ליידיקע שטחים האָט טאָג און נאַכט גע־זעצט דאָס רויכל פון די טאַרטאַק־קוימענס, פון דער מיל, פון דער אָליניצע. דאָס הויז פון לייבל זיידמאַן האָט אַראָפּגעקוקט פון בערגל. די אויפגעשאָסענע זון־רויזן אין גערטל אַרום הויז האָבן, ווי מיט אַ וואַנט, פאַרשטעלט די זאַמדיקע גאַס.

אין די פּאָר יאָר זענען די מסחרים זיך היפּש פונאַנדערגעוואַקסן. די קרעדיטן אין די בענק, סאָלאָמאָן סקאָרבניקס זשירעס אויף די וועקסעלעך, האָבן אים, לייבלען, ווי דער אמת איז, געשטעלט אויף די פיס; און סוף ניינציקער יאָרן האָט ער זיך איבערגעצויגן אין דער אייגענער פאַרריסענער קאַמעניצע אויפן „ניעווסקי פּראָס־פּעקט״.

ס׳גאַנצע יאָר איז סאָלאָמאָן סקאָרבניק ערגעץ אָפּגעלעגן אין כאַרקאָוו, אין קיעוו, אין מאָסקווע, דער עיקר אין ביאַליסטאָק, די געדיכטע יידישע וועבער־שטאָט, אַ טריט פון דאַנען. אַהערצו, אין דער היימישער געבוירן־שטאָט, צו זיינע שותפות־פאָדריאַדן, האָט ער זיך, געוויינלעך, אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ פּאָר וואָכן, ערב די ימים־נוראים, אויף קבר אבות און — טאַקע אַריינצובליקן אין די קאַנטאָרסקע ביכער, וואָס לייבל זיידמאַן האָט זיי אַליין געפירט. ער איז פאַרפאָרן פאַרן הויז אויפן „ניעווסקי פּראָספּעקט״ אין זיין צוויי־רעדערדיק בריטשקעלע, איז ברייט געווען צעלייגט אין סאַלאָן אויף דער סאָפע, מיט זיין היפשן בויך, מיט דער גילדערנער קייט אויף דער וויילער ווועסט. אויף זיינע אויסגעגאָלטע באַקן האָט דאָס שיין־פאַרשניצטע שפּיץ־בערדל אונטערגעציטערט, ווען ער האָט פאַרשטעקט דעם גראָבן ציגאַר, געלאָזן אויפ־גיין דעם אַראָמאַטישן רויך צום באַלקן, פאַרקוועטשנדיק ס׳לינקע אויג. ס׳האָט גע־

קאָכט עפּעס אַ ווילדע ענערגיע אין דעם אָפּגעפּרעמדטן, פרייכנדיקן ייד. ער האָט זיך כסדר אַרומגעטראָגן מיט געוואַלדיקע פּלענער, יעדעס מאָל, ווען ער איז אַהער אַריינגעפאַלן. ער האָט, למשל, באַטראַכט אויפצובויען דאָ, אויפן אָרט, אַ באַוול־פאַבריק און — פּונקט ווי אין ביאַליסטאָקער קאַנט — אַוועקשטעלן וועב־שטולן, מ׳זאָל אויסאַרבעטן פּראָסטע געוועבטער פאַרן אָרעמען פּויער, פאַרן געמיינעם שטאָטמענטש, וואָס זיי קענען זיך נישט פאַרגינען אָנצוטון אין טייערע וואָלענע שטאָפן.

דער בעל־יועץ זיינער, לייבל, אַ סוחרישער קאָפּ, אָבער נישט קיין היץ־קאָפּ, איז די לעצטע צייט אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט אויף דער ערד. ער האָט שוין, דעם אמת געזאָגט, אַליין אויך געהאַט באַחשבונט, אַז אין שטאָט און אין גאַנצן קאַנט פעלט טאַקע אַן אינטענסיווע אינדוסטריע. ווייל וואָס איז דען דער תכלית פון די אַלע גראָשנדיקע פּרנסות ? מקדמונים האָבן דאָ יידן געצויגן די בידנע חיונה נאָר פון געוועלבל, פון דאָרפס־מענטש. דער פּויער, אַן אָפּגעשליסענער, אין קאָרע־לאַפּטשעס, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן יריד איינצוהאַנדלען אַ באַנקעלע נאַפט, אַ פונט זאַלץ, אַ הערינג, אַ ביסל אייזנוואַרג פאַר דער אָרעמער באַלעבאַטישקייט, אַ לעדער־געשפּאַן פאַר דער אויסגעדייוועטער שקאַפּע, ביים אויפאַקערן די מאָגערע ערד. יידן האָבן, אויסער דעם, געהאַט אַ שטיקל גאָרטן, אַ בהמהלע, אָפּגעשאָטן אַ קעלער קאַרטאָפל אויפן ווינטער, אָנגעפירט אַ ביסל סאָסנאָווע קלעצער פון האָלץ־מאַרק. די באַלעגאָלעס זענען געקומען אָנצופאָרן מיט טיפע בוידן פּאַסאַזשירן פון ווי ווייט, צוריקגעפירט קאָלאָניאַל־ און מאַנופאַקטור־סחורות פון די גרויסע הורט־געוועלבן אין שטאָט. פון צענטראַלן פּונקט, פון שאָסיי־טראַקט, פלעגן אָפּגיין טעגלעך פראַכט־וועגענער. יידן פון טומלדיקע איינפאָר־הייזער האָבן געהאַלטן פון 4 ביז 8 פּאָר פּאָסטפערד. די הויכע, ברייטע פורן מיט די טיפע בוידן האָבן איבער די פּאָליעסער טראַקטן, דאָרף־שליאַכן, ווו מ׳האָט פרילינג־ און נאָך־סוכות־צייט געקענט דערטרונקען ווערן אין די בלאָטעס, געפירט פון וואַרשע, פון ביאַליסטאָק שניט־סחורה, קאָלאָניאַל־אַרטיקלען, דער עיקר טיי. דער טראַנספּאָרט איז אויך געגאַנגען דורך די טייכן — תבואה, טייערע געהילץ, פון די אונטערגעשווענקטע, טיפע פּאָליעסער וועלדער, דעמבעס, ליפּעס. באַרקעס זענען געגאַנגען אַראָפּ־טייך, דורך די קאַנאַלן, אַפילו ביז קיין קעניגסבערג און דאַנציק.

אין מיטן פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן אין דעם קאַנט, ווו ריזיקע מאַיאָנטקעס האָבן געהערט צו דער פירשטין סאַפּיעהאַ, געדרישט די בונטע יאָר־ירידן. אויפן זעלווער מאַרק, למשל, זענען נאָך פאַרצייטנס פאַררופן געוואָרן די אַסיפות פון „וועד ארבע הארצות“, ס׳זענען זיך צונויפגעפאָרן רבנים און פּרנסים. דאָרט איז אויך דורך די מתנגדים, פאַרביסענע ליטוואַקעס, אויסגערופן געוואָרן דער חרם אויף חסידות. אין ראָזשינאָי, ווידער, איז אויסגעהאַלטן געוואָרן אַ ישיבה פאַר לערנערס פון דער גאַנצער גראָדנער גובערניע. רייכע יידן האָבן דאָ געטון שידוכים מיט די גרעסטע מיוחסים, לומדים, משכילים; שידוכים פון תורה מיט בכבודיקער מלאכה. אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען אַ נידעריקער פּירעק פון אַרקאַדן, גאַסט־הייזער, קאַפע־הייזער, טראַקטירן פאַרן פּראָסטן פּויערים־פאָלק, אויסצוטרינקען אַ קוואַרטירעלע אָקעוויט, אַ גלעזל פּונש, אָדער שלאַכצעקן מעד. אין דער צייט פון יריד זענען פאָרגעקומען מאַסקן־בעלער פון די אָנגעפּאָרענע פּריצים. וואַנדערנדיקע טרופּעס קאָמעדיאַנטן

האָבן אויפגעשלאָגן זייערע בודעס, אָדער באַלאַגאַנען, און דאָרט זענען אויפגעפירט געוואָרן פראַנצויזישע און פוילישע קאָמעדיעס.

דער ראַזשינאַיער יאַר־יריד האָט זיך צו יענער צייט געדעכנט אויפן צווייטן אָרט, נאָך דער לייפּציקער מעסע. דאָרט איז פאַרהאַנדלט געוואָרן טייערע רוסישע פעלצוואַרג, סטאַדעס בהמות, אָבער דער עיקר — ביאַליסטאָקער טעקסטיל: בייקע, אַטלאַס, טישטעכער, ביליקע מיליטער־דעקעס, פיינסטע וואָלענע טוך, שוואַרצע סאַ־לאָן־רעק, גאַרניטורן, וואָלענע דאַמען־טיכער, טייערע שאַגאַט־דעקעס, פּליוש. די גאַנצע געגנט אַרום די ביאַלאָוועזשער וועלדער איז פול געווען מיט וועבערייען, שפּי־נערייען, פאַרבערייען. ס׳איז דאָ געווען וואָל פון שאָף לרוב, ביליקע אַרבעטס־הענט פון די פּאַנשטשיזנע־פּויערים.

די וועבעריי אין דעם קאַנט איז אויפגעקומען, זיך אַנטוויקלט נאָך די דורכגע־פאַלענע פּוילישע „פּאָווסטאַניעס", אין די יאָרן 1831 און 1863. די צאַרישע מושלים האָבן, אַלס רעפּרעסיע קעגן די „בונטאָווטשיקעס", פאַרשלאָסן דעם ברייטן רוסישן מאַרק פאַרן אַריינפיר פון פּוילישע סחורות. ס׳איז אַרויפגעליגט געוואָרן אַ שווערער גרענעץ־אַפּצאָל. די צאָל־קאָמער האָט אויך נישט דורכגעלאָזן מער דעם טראַנזיט צום ווייטן כינע, קיין שאַנכאַי, קיין כאַרבין. די פּוילישע אינדוסטריע איז דעריבער געלעגן צעשטערט. ביאַליסטאָק, ווידער, איז געווען די ערשטע שטאָט אויף דער רוסישער זייט, און אויך נאָענט צו מזרח־פּרייסן. דאָס האָט פאַרביליקט די הוצאות צו ברענגען פון אויסלאַנד מאַשינען און רוי־שטאָפן. סופּראַסלע, ביי ביאַליסטאָק, איז געווען דאָס פּאַסיקסטע אָרט פאַר פאַבריקאַציע, צוליבן גוטן וואַסער פאַר די שווענקערייען און וועשערייען. די פאַבריקאַנטן, מערסטנס דייטשן, גרויסע קענער אין די טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען, האָבן אויסגעפונען דאָס אָרט, ווייל די קוואַליטעט פון וואַסער ביי פיינער טוך־פאַבריקאַציע, פאַר וועלקעריי, וועשעריי, איבערהויפּט פאַר פאַרבעריי, שפּילט אַ גרויסע ראָלע.

אין די אַלטע מאַנאַסטיר־געביידעס זענען די פאַבריקן נאָך דעמאָלט געטריבן געוואָרן דורך ביליקע אַרבעטס־הענט, אָדער אָקסן; ערשט היפּש דערנאָך — דורך וואַסער־טורבינעס. אַ סך שפּעטער זענען אויפגעקומען די ערשטע דאַמף־קעסלען פון 40 פערד־קראַפט. ס׳האָבן געקלאַפּט די וועב־שטולן, שערערייען, וואַלקערייען, קאַמגאַרן־שפּינערייען, באַוול־שפּינערייען. די פאַבריקאַציע האָט צוגעצויגן אַ ברייטע קונדשאַפט. יידישע פינאַנסיסטן האָבן צוגעשטעלט די נויטיקע אומזאַץ־קאַפּיטאַלן. די טראַנספּאָרט־קאָנטאָרן האָבן געליפערט די פאַרטיקע סחורות קיין רוסלאַנד. ביז דע־מאָלט האָבן זיי אין שטילן סעזאָן געמוזט באָרגן געלט אויף אַ משכון. זיי האָבן ווי ס׳לעבן נייטיק געהאַט אַ באַנק־הויז, צו דיסקאָנטירן די זיכערע וועקסעלעך. די וואַר־שעווער בענק האָבן נאָך נישט געהאַט קיין פיליעס אין ביאַליסטאָק. עס האָבן זיך אָבער אָפּגעפונען גענוג היימישע יידישע דיסקאָנטערן און מלווים, וואָס האָבן גע־ריסן גרויסע פּראָצענטער.

— אונדזער שטאָט — האָט זיך סאַלאָמאָן סקאָרבניק אַלץ מער פאַרוויקלט אין אַראָמאַטישן רויך פון ציגאַר, פאַרשאָטן זיך מיט אַש די וועסט, די הויזן, די פּאָד־לאָגע — איז געבליבן עפּעס ווי אין אַ זייט... ס׳איז טאַקע נישט צו פאַרשטיין... גראָשנדיקע פּרנסות, קבצנותדיקע השגות...

דער ברייט־צעלייגטער ייד האָט נישט געוווסט וואָהין פּריער אַהינצוטון זיין

קאָכעדיקע ענערגיע, כאָטש אים אַליין, אינעווייניק, ביי זיך, האָבן אַלץ מער געפּרעסן שווערע מחשבות. טאַקע, וואָס טויגן אים די אַלע געוואַלדיקע פּלענער, דאָס איינ־רייסן, אַז זיין אייגן לעבן, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, איז צעבראָכן ? ס'וויבּ איז אים דאָ פּאַר עטלעכע־יאָרן, נישט־דאָ־געדאַכט, אָפּגעשטאָרבן, אַ פאַרלאָזענע, אַ פאַר־שעמטע, פון עגמת־נפש, פון צרות. ס'איז אמת, זי איז אַלע יאָרן געווען אַ פּראָסטע יידענע. זי האָט אים מער נישט געקענט נאָכטאָנצן אין זיינע פאַרריסענע געגנג, ווען ער איז נאָך אַנאַנד געשטיגן אין זיינע מסחרים. ער איז זעלטן געווען אין דער היים, איז האַלבע יאָרן אָפּגעלעגן ערגעץ אין דער פרעמד, געפאָרן אין די קאָטשן מיט די הויכע רוסישע נאַטשאַלניקעס, מיט די ברייטע רוסישע „קופּצעס", געוואַלגערט זיך אין די גאַסט־הייזער. ווער ווייס נאָך דערצו, מיט וואָס פאַרא אויסגעלאַסענע ווייבער ער האָט דאָרט אפשר געהאַט צו טון ? און זיין בנ'אָקל, אַרטשיק, איז דאָ אויך נישט אויסגעוואַקסן קיין לייט, ניין. אַ מטמון, פאַרמעגנס האָט אים אָפּגעקאָסט יעדעס מאָל צו „שמירן" די דירעקטאָרן פון „קאָמערטשעסקע", ער זאָל אַריבער פון איין קלאַס אין אַנדערן; שטודירט כלומרשט, פּטרט דעם טאַטנס געלטער אויף הול־טייסטווּעס, טוט נישט אַריין קיין האַנט אין קאַלט וואַסער; שפּאַצירט זיך אַרום מיטן יאַמשענעם שטעקעלע, ס'שטרויענע קאַפּעלושל אין אַ זייט, איבער די בולוואַרן, און פייפט די רוסישע טעאַטער־לידלעך דורך די דיקלעכע ליפּן.

— ס'עט פון אים אַזוי זיין אַ דאָקטער, ווי פון מיר — אַ פאָפּ... — האָט ער אַליין ביטער געלאַכט, סאַלאָמאָן סקאָרבניק, אַלעמאַל, ווען ער האָט זיך אַראָפּגע־כאַפּט אַהער אויף די פּאָר וואָכן, און אַנגעקוקט פון דער זייט, מיט אַ פאַרזשמורעט אויג, דעם שיינעם תכשיט זיינעם — וועמען, מ'שטיינסגעזאָגט, לאָז איך איבער מיין גאַנצע פּראַצע ? אַ ליידאַק... אַ שטיק גאָרנישט שב'גאָרנישט...

דערפאַר האָט ער דאָ איין מאָל באַטראַכט, אַז מיטן חתונה מאַכן אַרטשיקן, אַריינ־נעמען אים אין די מסחרים, וועט ער זיך אפשר פּאָרט סטאַטקעווען; און אַליין וועט ער טאַקע האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן; ווייל מיט פרעמדע הענט איז נאָר גוט פייער צו שאַרן...

און ביי לייבל זיידמאַן אין הויז האָבן זיך געהאַדעוועט שיינע, ליכטיקע טעכ־טער, ווי די סאָסנעס. איידער מ'האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט, האָבן די יינגערע אַרויפ־געשאָסן, איבערגעיאָגט איינע די אַנדערע מיט זייערע פלאַמיקע באַקן און צעכוואַ־ליעטע שאַטינע לאָקן. לייבל, מיטן קרומלעכן לאָפּעטע־בערדל, האָט, זיצנדיק גע־ווינלעך נאָך וועטשערע, אָוונט־צייט, ביים טיש, געקוקט מיט איין פאַרזשמורעט אויג, אין דער פּאַרע, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון סאַמאָוואַר, פון די פייערדיקע גלעזלעך טיי; אונטערגעברומט מיט פאַריבל כלומרשט צו דער יידענע זיינער :

— איידער וואָס־ווען, באַדאַרף מען, קיין עין הרע, האָבן אַ גרויסע הילף פאַר דיינע טעכטער...

דאָס האָט ער, פאַרשטייט זיך, ווי זיין שטייגער איז, געמאַכט דעם ברייטן אָנ־שטעל. אָבער די עלטערע, טייבעטשקע, האָט אים, וואָס אַן אמת, פאַרשאַפן אַ סך עגמת נפש. ווייניק בלוט־צאַפּעניש האָט ער פאַר עטלעכע יאָרן געהאַט צוליבן „קאָ־טאָרזשניק", דעם הפקר־יונג, ליפע, דעם „צער בעלי חיימניק", וואָס זי האָט אים אויסבאַהאַלטן אין די שאַפעס אויפן טאַרטאַק, און פאָליציע איז געקומען ביי נאַכט קלאַפּן אין די טירן ביי אים, נישטערן ?... זי איז אויפן ערשטן קורס אַקושעריע. אָט

האָט זי זיך אומגעקערט אויף די זומער־קאַניקולן פון פעטערבורג; ליגט אויף דער סאָפע און לייענט ביכלעך.

— צו וואָס טויג מיר דאָס „שטודירן"... — האָט ער געקרעכצלט — אַז מער ווי האַרצוויייטיק פאַרשאַפט זי מיר נישט, די מויד... זי וועט מיך פרי טרייבן אין קבר אַריין...

און די ביכלעך אירע, אין וועלכע זי איז אַזוי פאַרקאַכט, זענען אים עפּעס אויך פאַרגעקומען חשודיק. מ'הערט אַלץ, ווי דאָס יונגוואַרג גייט אַרויס לתרבות רעה, שמד'ט זיך ר"ל... ווי צו אויערן, וואָס הערן עס! און אַז ער האָט פון דער זייט גע־כאַפּט אַ בליק אין אירע ביכלעך, איז ער גאָר נשתומם געוואָרן. עפּעס וועגן עקאָ־נאָמישע פראַגן... וועגן צעטיילן די ערד צווישן פּויערים... וועגן „גיין אין פאָלק אַריין"... וואָס פאַראַ פאָלק? וואָס פאַראַ פּויערים?... וואָס פאַראַ שייכות, פרעגט זיך, האָבן מיר, יידן, מיט די זאַכן? וויי־געוואַלד, ס'שמעקט מיט פּאָליציע, מיט סיביר... חתונה מאַכן דער מויד, און וואָס גיכער, אַלץ געזינטער וועט זיין... — אַזוי האָט ער פעסט אָפּגעמאַכט ביי זיך.

שדכנים זענען שוין סיי ווי שטילערהייט געקומען אין הויז אַריין, באשר — יחוסדיקע משפחות ווילן זיך מיט אים משדך זיין. אָבער ווי אין דער מויד וואָלט אַריין אַ דיבוק. ד ע ם וויל זי נישט, י ע נ ע ר געפעלט איר נישט. און — צי קען ער נעמען און אָפּטון אַזאַ זאַך סאָלאָמאָן מאַטווייעוויטש סקאַרבניקן? דאָס בנ'אָקל זיינס, אַרטשיק, פאַלט אָפּט אַריין אין הויז. מ'זעט דען נישט, אַז ער חלשט נאָך טייבעטש־קעס טריט? ער קומט זיך אַרויף, אין זיין עלעגאַנט ליפּאַגן כאַלאַט, אַ פלאַך שטרוי־ערן קאַפּעלושל, דינע וואָנסן, דרייט מיט יאַמשן שטעקעלע. די קאַטש וואַרט אונטן, פאַר דער טיר. ער פאַרבעט זי, טייבעטשקען, אין רוסישן טעאַטער, וואָס איז דאָ אויף גאַסטראָלן, אויף אָסטראָווסקי'ס א זייער „אינטערעסנער" לעבנס־דראַמע...

— טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ... — דרייט ער די דינע וואָנץ, דרייט זיך אויפן אָבצאַס איבערן סאַלאָן — איך האָף, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן דעם גרויסן כבוד...

און פייפט זיך דערביי אונטער די רוסישע לידלעך דורך די דיקלעכע ליפּן.

קאַפּיטל זיבן

צער גידול בנים

אָ, זי איז געווען אַ שטאָלצע, טייבעטשקע. זי האָט געקענט אַ קלאַפּ־טון מיט דער טיר, אים לאָזן דאָרט זיצן, דעם פּוסטן פראַנט מיטן שטרויענעם קאַפּעלושל, ביז זי האָט זיך צוריק באַוויזן אין סאַלאָן; האָט אין זיך איינגעהאַלטן ס'געלעכטער; האָט אים כמעט ווי נישט באַמערקט, פאַרבייגעשוועבט, כמעט נישט געענטפערט אויף זיינע קלעפּיקע, צושטייענדיקע געלעכטערלעך און איידעלע רוסישע רייד. זי האָט זיך גאָר פלוצים אָנגעגאָסן מיט ראָזעווע פאַרבן, אַנטלאָפן, מער נישט אַרויס־

געקומען פון די צימערן. אַרטשיק האָט לאַנג און געדולדיק געוואַרט אין סאַלאָן, אונ־טערפּייפנדיק דורך די דיקלעכע ליפּן. ביז ס'האָט אים שוין אונטערגעהויבן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, געקלאַפּט מיט די טירן — זיי פאַרגעסן, הייסט עס, אַז זיין טאַטע איז סאָלאָמאָן סקאַרבניק... זיי פאַרגעסן, הייסט עס, אַז ער שטייט אין גרויסע מסחרים מיט לייבל זיידמאַן...

דאָס יאָר אָבער האָט סאָלאָמאָן סקאַרבניק ערב די יום־טובים אַראָפּגעוויזן זיך אַ ביסעלע פריער ווי געוויינלעך. ער איז געקומען מיט דער פעסטער דעה צו מאַכן אַ טאָלק — אַהער, אָדער אַהין.

— עפּעס שטייט זי מיר, הער איך, אין גרויסן, דיין באַרישניע... — אירצט ער אים נישט, לייבלען — אַ פּריצטע ?... וואָסי, זי איז ביי דיר אפשר אַ בת־יחידה ?...

ער רעדט נישט זייער אײדל, אפילו גראָבלעך; קיין גרויסער יודע ספר איז ער אַוודאי נישט, אָבער מיט זיין ברייטן געשטעל, מיט זיין רוסיש־רעדן, שפּאַרט ער אַן אין די העכסטע ספערן. און כאָטש לויטן שכל הישר איז עס, לכל הדעות, אַ גלייכע זאַך, עסט אים אַ וואָרעם, לייבלען; ס'איז פריקרע. וויי־געשריגן, כאַפּט ער זיך, די מויד מאַכט אים פשוט קאַליע זיין זייער דעליקאַטע מערכה. חוץ דעם, וואָס זי לאָזט נישט אויפהייבן דעם קאָפּ די ייִנגערע מיידלעך אין הויז; זיי וואַקסן, קיין עין הרע, ווי אויף הייוון. אײדער וואָס־ווען, זענען זיי שוין אויך באַלד ראוי לחופה. וואָס וויל זי, די מויד ? „הייניטיקע קינדער״... — קרעכצלט ער אונטער, און באמת זיך אים באַלד צו פאַררעדן, סאָלאָמאָן סקאַרבניקן, וועגן וויכטיקערע ענינים. אָבער יענער לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט, שטייט־צו, האַלט אין איין טענהן, מיט אַ זאַמאַך :

— כ'וויל — מאַכט ער — וויסן פון אַ טאָלק... אַהין, אָדער אַהער...

איז אָבער די זאַך נישט אַזוי פשוט; ווייל — מ'קאָן נישט זאָגן, פון דער אנדע־רער זייט, ווידער, איז אים, לייבלען, זייער ווײלגעפעלן, וואָס דעם לערער ר' יחיאל'ס ביידע בנים, אײדעלע יונגעלייט, אברהם און מנחם, קומען אָפּט אַריין צו אים אין הויז אַריין.

פונקט קעגנאיבער, אין דער ביימערדיקער גאַס, איז געשטאַנען דאָס הילצערנע, ווייס־געקאַלכטע מייערל פון אַלטן משכיל, דעם חובב ציון, דעם העברעאישן לערער ר' יחיאל גאָלדבערג. ביי אים איז אַלע מאָל געווען אַן אָפענע טיר פאַר אַזעלכע שטיי־גער הייִנטוועלטיקע יונגעלייט, וואָס ס'האָט זיי נאָר געטראָגן אין די עולמות; וואָס ס'האָט זיי נאָר געצויגן צו וויסן, צו בילדונג, ווי די אַלע פאַרקאַכטע אויטאָדי־דאַקטן. זיי זענען געקומען אים אויפזוכן, סיי פון שטאָט, סיי פון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך. געטראָגן האָבן זיי מערסטנס האַרטע קראַגנס, נישט זייער קיין ריינע, אָדער „הערצלעך״, פענסנע. טייל זענען נאָך אַפילו געווען אין די אָפּגעשאָ־סענע גימנאַזיסטישע אוניפאָרמען, מונדירן, מיטן צייכן פון קאָקאַרדעס אויף די היט־לען מיט די הויכע דענקעס; מ'האָט זיי פון גימנאַזיע, אָדער פון אוניווערזיטעט, אַרויסגעוואָרפן, צוליבן אָנגעהערן צו געהיימע קרייזלעך, אָדער פשוט — ווייל זיי זענען יידן. ס'איז דאָרט, מיט איין וואָרט, געווען היימלעך, אין דעם הויז ביים לערער; אַלעמאָל אַ פאַרעדיקער סאַמאָוואַר אויפן טיש, פול אָנגערויכערט, אָבער מיט יונגן געלעכטער, געדיכטע רעדערייען, הייסע וויכוחים.

דער איבערגעוואַקסענער ייד מיט דער הויכער פלייצע, איינגעקוועטשטע מעשע־נע שפּאַקולן, ר' יחיאל, איז געווען אַן איינגייער אין באַלעבאַטישע הייזער אין שטאָט,

געלערנט מיט די אונטערגעוואַקסענע ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס גייען אין דער גוישער „קאַמערטשעסקע״, אַ ביסל לשון קודש, אַ ביסל דקדוק, אָנשרייבן אַ זשאַר־גאָניש בריוול, טאַקע לויט שמר׳ס בריוונשטעלער.

„איידעלע קינדער... — האָט ער זיך געזאָגט, לייבל, נישט אָן קנאה — סיי אברהם, סיי דער ייִנגערער, מנחם... מ׳זאָגט יאַקאָש, אַז זיי וואַקסן גאָר וואַזשנע קעפּ... ער אַליין האָט אָנומלטן דעם פאָטער זייערן אָנגעדונגען צו די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך, ער זאָל לערנען מיט זיי אַ ביסל עברי, צווייזן זיי דאָרט אָנצושרייבן אַ ייִדישן אות, אַ ייִדיש בריוול. ער האָט דעם געעלטערטן ייִד, אָן הדרת־פּנים, מיט די איינגעקוועטשטע שפּאַקולן, זייטיק אָפּגעשטעקט, אַ מאָל אַ דרייערל, אַ מאָל אַ פּיג־פּערל. אָבער ר׳ יחיאל איז נישט נתפּעל געוואָרן פון יענעמס ברייטקייט.

— ר׳ לייבל, וואָס טוט זיך מיט אייך ? מיר קומט גאָרנישט אַזוי פיל...

— שאַדט נישט... שאַדט נישט... — האָט לייבל ברייט אָוועקגעמאַכט.

דער אַלטער העברעאישער לערער האָט שטרענג אַ בליק געטון פון אונטער די שפּאַקולן, רואיק אָוועקגעלייגט די איבעריקע פּאָר גילדן אויפן טיש, נישט געוואָלט, חלילה, נהנה זיין דאָס, וואָס אים קומט נישט, און איז מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ אַרויס פון שטוב.

פאַרקערט, ס׳האָט אים אפילו שטילערהייט הנאה געטון, לייבלען, וואָס די בחורימלעך זיינע קומען עפּטער אַריין צו אים אין הויז, רעדן מיט זיין טייבעטשקען רוסיש, שמועסן דאָרט וועגן די ביכלעך, זיצן אָפּ ביז שפּעט, פון פאַרנט, אין קאַרשנ־סעדל, צווישן די זון־רויזן, פאַרטון אין זייער וויכטיקע „ראַזגאָוואָרן״. וואָסי, מ׳האָט דען נישט געזען, אַז ביידע ברידער האָבן, אין געלעכטער כלומרשט, „אוכאַזשעוועט״ נאָך טייבעטשקען ? זי האָט דאָרט עפּעס ווילד געלאַכט, טייבעטשקע, אָדער זי איז אַרויס מיט אַרגומענטן, באַוויזן; מ׳האָט דיספּוטירט. דער עלטערער, אברהם, איז אַלע מאָל פאַרטון געווען אין זיינע שווערע רעיונות פון אַ בר־דעת. ער האָט אַלץ גע־פילט, אַז דאָ שטיקט מען זיך. ס׳האָט אים שוין לאַנג געטראָגן אין אַנדערע עולמות, האָט זיך נאָר אַרומגעטראָגן מיט פילאָסאָפישע ספרימלעך. אין דער צייט, ווען דער יונגערער, מנחם, מיט זיינע איידעלע פּרויען־הענט, האָט געבלעטערט אַ דין העפטל, געלייענט פאַר טייבעטשקען די פערזן פון סלאָוואַצקי׳ס דראַמאַטישע פּאָעמען, „לילאַ ווענעדאַ״, „אַנהעלי״, גערעדט מיט אַן איבערערדיש, פאַרשטיקט קול וועגן פּשיבי־־שעווסקי׳ס „פּלאַמען״, וועגן „פּאָזיטיוויזם״ אין דער פּוילישער ליטעראַטור, אָדער שטיל געברומט לערמאָנטאָוו׳ס שיינעם שיר „וויכאַזשו אָדין יאַ נאַ דאָראָגו״. ער האָט געהאַט אַן אָנגענעמע שטימע, נידעריקע האַלדז־טענער.

— מנחם... — האָט זי נישט באַלד געוואָגט, שטיל ביי אים אַ בעט געטון — לייענט מיר, כ׳בעט אייך, עפּעס פון אייערע „סטיכאָטוואָרעניעס״...

זי האָט זיך ביי אים נישט געקענט דערבעטן. ער איז געבליבן שטרענג פאַר־שלאָסן אין זיך. ס׳איז געווען זיין אינטים ווינקעלע. אַהין האָט ער קיינעם נישט גע־טרויט אַריינצולאָזן. ער האָט זיך אַלץ געקליבן קיין וואַרשע, צו פּרצן אין הויז אַריין. דער באַרימטער משורר י. ל. פּרץ האָט — ווי מ׳האָט זיך אָנדערציילט — יונגע זשאַרגאָנישע שרייבער פון דער פּראָווינץ אויפגענומען ווי אַ פאָטער, זיי מקרב גע־ווען, געפירט מיט זיי טיש. דערוויל אָבער האָט מנחם זומערן און ווינטערן אַרומגע־דרייט זיך פאַרטראָגן, שטענדיק מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם. ווינטער — אין די

ווייס־פאַרשנייטע אַלייען פון „קייסערס סאָד״. זומער — אונטער די געדיכט־צעוואַקסענע קאַשטאַנען, אויף די בולוואַרן. ער איז געשווומען אין הוילער פּאָעזיע, אין האַרבסטיקן גאָלד, אין בלעטער־פאַל. די כישופדיקע פּיאַנע־טענער דורך די צעעפנטע פענצטער פון הינטער די גאַרדינען, אויפן צווייטן שטאָק, אין הויז פון לייבל זיידמאַן, האָבן נאָכמער פאַרשאַרפט זיין בענקשאַפט. ער האָט אויסגעקוקט דעם פאַרנאַכט, צו קומען שעמעוודיק־שטיל אָנקלאַפּן אין דער טיר ביי טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ, ס׳הייסט ביי טייבעטשקען.

דער געלאַסענער, באַדאַכטער ייד, לייבל זיידמאַן, האָט עס אַלץ קלוג, מיט איין צוגעזשמורעט אויג פון אונטער דער ברעם, צוגעזען, קלוג צוגעהערט זיך מיטן איין אויער. ער האָט, מיט זיין פּראַקטישן שכל, אַ ביסל געישובט זיך, צי ס׳איז טאַקע אַ תכלית, אָדער — ווייס־איך־וואָס... ביי זיך האָט ער אַפילו נישט שטאַרק געהאַלטן פון די אַלע בטלנים, די משכילים, די מחברים, וואָס גייען אין אויסגעריבענע הויזן. אָבער ס׳איז אים פון דעסטוועגן ווילגעפעלן, וואָסביים שבתדיקן טיש האָט דער אַלטער חובב ציון, ר׳ יחיאל, געפלעגט צו זינגען מיט זיינע בנים מאָדנע סאָרט זמירות, נישט דווקא, ווי דער שטייגער, נאָר — „אין דער סאָכע ליגט מזל און ברכה״; ווי דערנאָך כאַפּט דער אַלטער אונטער, מיט הויכער פּאַטעטיק, דאָס לשון קודשדיקע ליד וועגן דער „צעטרעטענער רויז, וואָס וואַלגערט זיך, אַ פאַרשמאַכטע, אויף די היימלאָזע גלות־וועגן״... — „אל אם הדרך שמה מתגוללת שושנה כחלילת עינים״...

ווי לונאַטיקער, האָבן די יונגעלייט געבלאָנדזשעט הינטער די פענצטער פונעם נגידס הויז. אַלערליי בענקשאַפטן האָבן זיי אַוודאי געוואָרגן, אויפכאַפּנדיק מיט אַ פאַרשפּיצט געהער די שטילע פּיאַנע־טענער, פאַרנאַכט־צייט, פון הינטער די געדיכט־פאַרצויגענע גאַרדינען. אָבער טייבעטשקע האָט זיך מער אויפן גאַניק נישט באַוויזן. טייל מאָל האָט מען בלויז באַמערקט אַדורכפלאַטערן אויף די פאָרהאַנגען איר שאָטן און באַלד אויסרינען. אין פאַרנאַכט האָט דער גלאָקן־טורעם פון גרינעם פּראַוואָסלאַוונעם סאָבאָר, צעלייגט אין דער מיט פּלאַץ, איינגעטונקט אין טונקעלע קאַשטאַנען־וועלנט, שווער געבאַסעוועט. צום אָפּ־געלאָזענעם צערקווע־טויערל האָט געצויגן אַ פּראָסט דראַבינע־פורל און הינטערן פורל — אַ שיטער גערזעמל באָרוועסע פויערים מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, נאָכן אָרון פון אַן אָרעמער לוויה. דער הימל הינטערן „קייסערס סאָד״, צו דער פעסטונג־צו, ביים בוג, האָט זיך נאָך גערויטלט אין הייסע, גרעלע פאַרבן.

אין פאַרבאָרגענעם העפט ביי מנחמען וואָלט מען געקענט לייענען אַזעלכע פערזן :

קום אַרויס צו מיר אין גאָרטן,
וואַרטן וועל איך אויף דיר דאָרטן.
ווען די נאַכט קומט אָן אין שוואַרצן,
דריקן וועל איך דיך צום האַרצן...

ס׳האָט זיך שוין אָבער אַזוי באַקומען, אַז דאָס פלאַטערנדיקע מיידל, טייבעטשקע, איז געשטאַנען אין צענטער פון „קרוזשאָק״, פון קרייזל יידישע אינטעליגענטן, ווו ס׳האָבן זיך געקרייצט די שטורמישע אידייען־שטרייטן פון דער צייט; און זיי, די אידייען־טרעגער אַליין, סיי דער „צער בעלי חיימניק״, ליפּע קאַמאַשנמאַכער, סיי ביידע זין דעם לערערס, זענען מסתמא יעדער איינער, אַ קליין, קליין ביסעלע פאַרליבט

געווען אין טייבעטשקען. ווי שייך. די שכנישע קינדער האָבן זיך געהאַדעוועט אין דער זעלבער גאַס, אַרום הויכן ברעג. ערשט ווי לאַנג, אַז זי איז נאָך געגאַנגען יעדן פרימאָרגן, מיטן ראַניעץ העפטן און ביכלעך, אין „קאָמערטשעסקע" גימנאַזיע אויפן „ניעווסקי פּראָספּעקט" ? זי איז געווען אין ציכטיקן, ענג־פאַרשפּיליעטן שפּיצן־קראַגעלע, די שווערע בלאָנדלעכע צעפּ פאַרנומען אויף הינטן, מיט אַ בלוי בענדעלע. ס'יונגוואַרג פלעגט, געוויינלעך, אַרויסשיטנדיק זיך פון שול, אַריינכאַפּן זיך אין באַשוואַרג־געוועלב מיט די בליך־לאָמפּן, אויפן בולוואַר, ווו מען טרינקט סאָדע־וואַסער מיט סאָק, ווו מען לעקט מיט ראָזע צינגלעך „סאַכאַר־מאַראָזשענע".

און ווען טייבעטשקע איז פאַרשווונדן, אַוועק אויפן גאַנצן ווינטער קיין פּעטערבורג אויף די אַקושעריע־קורסן, איז די גאַס, דאָס הויז, ווי פינצטער געוואָרן. אַ דינער רעגן האָט געקלאַפּט אויף די דעכלעך, אין די לאַדנס. ווי ס'גאַנצע רוישיקע לעבן אין דער מיטלער פּראָווינץ־שטאָט וואָלט מיט איין מאָל אָפּגעשטאָרבן.

ווען טייבעטשקע האָט זיך אומגעקערט אויף די זומער־קאַניקולן פון וויטן פּעטערבורג, האָבן זיי זיך שוין עפּעס האַלב־פאַרשעמט אַזוי ווי אויסגעמיטן. ס'יונגוואַרג איז פאַר דער צייט אונטערגעוואַקסן, געוואָרן באַדאַכטער, סטאַטעטשנער. טייבעטשקע האָט, קיין עין הרע, פאַרבלענדט מיט איר דינער, איידעלער געשטאַלט. ס'איז נישט געווען איינצוקוקן זיך איר אויפגעלויכטן פּנים, ווי אין דער זון, באַשאָטן מיט חנוודיקע קלייענדלעך אַרום איר סלאַוויש־פאַרריסן נעזל. מ'האָט זי נאָכגעקוקט פאַרגאַפט. זי האָט פאַרכאַפּט ס'אויג. דאָס האַרץ האָט אין די ראָזע זומער־פאַרנאַכטן געצויגן צו די באַלעבטע בולוואַרן, פול באַלייגט מיט יונגוואַרג; אָבער טייבעטשקען איז מער אין ערגעץ נישט געווען צו זען.

דער עלטערער, אברהם, האָט זיך דער ערשטער אויסגעניכטערט, ווי פון אַ קאָשמאַר. אָנגעלייענט זיך מיט די ספרימלעך איבער פילאָסאָפיה, מאַפּו'ס „אהבת ציון", „אמנון ותמר", „עיט צבוע", „התועה בדרכי החיים" פון פרץ סמאָלענסקין, איז ער גיך געקומען צום פּשוטן אויספיר, אַז מען דאַרף ערגעץ אַנטלויפן פון אָט דער מיזערנער, גרויער אויסוועגלאָזיקייט, צו אַן אייגן שטיקל ערד, אונטער דער זון, אונטער אַן אייגענעם הימל, ווייל דאָ וועלן מיר אונטערגיין. „גיי אַרויס און זע — האָט ער זיך געזאָגט מיטן סיגנון און ניגון פון מאַפּו'ס תנכ'ישע ספרים — וואָס פאַראַ אומעטיקע, מיזערנע וועלט ס'רינגלט אונדז דאָ אַרום"...

ווי אַ פינצטערער וואָלקן, וואָס פאַרדעקט צייטווייליק די ליכטיקע זון, אַזוי איז דער צער פון דער וועלט געהאַנגען איבערן לערער יחיאל'ס הויז. ס'האָט שווער געהויערט די וועלט פון ערב, פון ליקוי חמה, פון גרויסע איבערברוכן, פון „פּען דע סיעקל". ס'האָט געהויערט די לאַנגע, רוסישע נאַכט; אָבער נייע אידייען פון פרייהייט האָבן שוין געשוועבט אין דער לופט, האָבן זיך ביטער געראַנגלט ערגעץ אין די טיפענישן פון די פאַרשקלאָפּטע פעלקער.

אלול־צייט, שנת תרס"ב (1902) האָט זיך ר' יחיאל געהאַט אומגעקערט פון דער מינסקער קאָנפערענץ פון אַלע ציונים, אויסער־זיך, זייער אויפגערודערט, אינגאַנצן צעשרויפט. אויף זיין קאָפּ געדיכטע קרייזעלעך פון אַן עקשן האָט זיך אומגעריכט געבלייכט דער אָנגעפאַלענער שניי. אחד העמ'ס קולטור־רעפעראַט אויף דער מינסקער קאָנפערענץ האָט אים שוין גאָר אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער האָט מיט ווייטיק צוגעזען, ווי מען פאַרצאַפּט פּשוט הערצלען דאָס בלוט, ווי מען טרייבט אים פרי

אין קבר אַריין. ס׳זענען נאָך דאָרט אַלץ אָנגעגאַנגען די הייסע וויכוחים וועגן פינס־קער׳ס „אויטאָעמאַנציפּאַציע״, „רוים און ירושלים״ פון משה העס, אחד העמ׳ס „מרכז רוחני״ און הערצלס „יודענשטאַט״, די גרונט־פּלאַטפאָרם פון זיין פּאָליטישן ציוניזם.

אחד העם, אַ קליינער דאַרער מאַן פון אָדעס, מיט אַ שטייפן קאָלנער שאַרף אַריינגעשניטן אונטער דער גאָמבע, מיטן בולטן שטערן פון אַ תלמיד חכם, שטאַרק קורצזיכטיקן בליק אונטער דער בריל, אַ דין, פאַרפּרעסט מויל, האָט ער געשאָטן מיט תורה, גייסט און פייער. וואָס האָט ער געטענהט, אחד העם ? נאָך אין יאָר 1899 האָט ער אין אָדעס געגרינדעט אַ מין יידישן אָרדן, די „בני משה״. זייער ציל — שטילע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מאַסן, דערוועקן אין זיי אַ ריין געפיל פון באַוווסט־זיין, אַפילו גרייט זיין צו ברענגען פערזענלעכע קרבנות, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. די „בני משה״ האָבן זיך פאַרפליכטעט אויס־צופילן אַלע תקנות, פּינקטלעך, בסוד. משה ליב ליליענבלום, איינער פון די ערשטע מנהיגים פון די חובבי ציון, האָט אין זיין נאַיוווער פּראַקטישקייט געמיינט, אַז די אַרבעט דאַרף באַשטיין נאָר אין זאַמלען געלט און גלייך באַזעצן יידן אין ארץ ישראל. די „בני משה״ האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן אַזעלכע אילוזיעס. ווינטער 1891, זומער 1893 איז אחד העם צוויי מאָל געפאָרן קיין ארץ ישראל, גרינטלעך צו שטו־דירן די גאַנצע אַרבעט אין ישוב, די קאָלאָניעס. פון ביידע רייזעס איז ער צוריק־געקומען זייער צעבראָכן. אין „המליץ״ האָט ער אין אַ ריי עסייען, „אמת מארץ יש־ראל״, באַגרינדעט זיין קריטיק, מיט ציפערן און פאַקטן. אין זיין „לא זה הדרך״ קומט ער צום אויספיר, אַז ארץ ישראל קען, פאַרלויפיק, נישט אַריינגעמען קיין גרוי־סע צאָל יידן, קען נישט פאַרענטפערן די עקאָנאָמישע פראַגן. און אויב א״י קען נישט זיין קיין ענטפער אויף דער אַלטעגלעכער ברויט־פראַגע פון יידן, מוז אונדזער ענערגיע, נאַטירלעך, גיין פאַרן נאַציאָנאַלן לעבן פון גאַנצן פאָלק. ארץ ישראל קען בלויז פאַרלויפיק זיין אַן אידעאַלער מוסטער־צענטער. די אַראַבער, שרייבט ער, קוקן און שווייגן, אָבער מיט דער צייט וועלן זיי ווערן פאַר אונדז זייער אַ שווער און גע־פערלעך פּראָבלעם. מיר מוזן זיי באַהאַנדלען זייער פאָרזיכטיק, כדי צו געווינען זייער צוטרוי; קערט זיך אום צו דער נביאות פון „באחרית הימים״, ווען צדק און יושר וועלן הערשן אויף דער גאַנצער וועלט, און דעמאָלט — „ישכן גם ישראל לבטח בארצו״. הערצלען רופט ער אָן איראָניש „משיח״. דער „המליץ״ טרעט שאַרף אַרויס קעגן אים, פאַרענטפערט ער זיך אין „השלח״ אין אַ מאמר, אַז מ׳האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען. ער האָלט נישט פון פּוסטע רייד, הבטחות, וועלכע מ׳איז קיינמאָל נישט מקיים. „נאָכן קאָנגרעס — שרייבט ער — האָט זיך דער אַמאָליקער נאַציאָנאַלער אידעאַל פאַר־וואַנדלט אין אַ מין משיח־באַוועגונג, ווי להבדיל בימי שבתי צבי. ביי אונדז, מזרח־יידן, איז די פראַגע : ווי אַזוי צו לייזן „די יידישע צרה״ און ביי די מערב־יידן — „די יידן־צרה״. ס׳הייסט, ווי ווערט מען פון איר פּטור, צוזאַמען מיט די יידן... און אין דעם ליגט דער גרונט־אונטערשייד. זיי ווילן פּטור ווערן פון דער „יידן־צרה״, מיר — מיר זוכן צו פאַרוואָרצלען אין ארץ ישראל פאַרלויפיק אַ קליינעם יידישן קיבוץ, מענטשן פון געזונטן גייסט, ער זאָל זיך מיט דער צייט פאַרקערפּערן אין אַ הויכן אידעאַלן יידישן צענטער, וועלכער זאָל פאַרשפּרייטן זיין ליכט אויפן גאַנצן גלות און פון ציון זאָל אויפגיין דאָס ליכט און די קראַפט פאַר „אחדות בישראל״, און בילדן נישט נאָר

אַ יידן־לאַנד, נאָר אויך אַ י י ד י ש לאַנד. דער אונטערשייד אין דער דיפּלאָמאַטיע צווישן חובבי ציון און די מערב־יידן איז גלייך צום זעלבן מצב פון אַמאָל, בעת חורבן בית שני. די „קנאים מדיניים" האָבן נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון „יבנה של ר' יוחנן בן זכאי"־געדאַנק. די אידייע פון אַ פאָלקס־פּאָליטיק מוז זיין באַזירט אויף דער נאַציאָנאַלער קולטור, וועלכע פאַרבינדט דאָס פאָלק מיטן עבר, כדי אויפצוהאַלטן זיין היסטאָרישן גאַנג פאַר דער צוקונפט. מיר געדענקען נאָך גוט דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון מלכות בית הורדוס, ווען ארץ ישראל איז נאָך געווען אַ מדינה פאַר יידן און דאָס יידישע גייסטיק־נאַציאָנאַלע קולטור־לעבן איז געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט, פאַרטוישט אויף אַ רוימישע און יוונישע"...

הערצל האָט זיך אַפילו דערמאָנט אויפן קאָנגרעס, אַז דער ציוניזם פאָדערט מ'זאָל זיך פריער אומקערן צו יהדות, אָבער זיינע ווערטער זענען געבליבן נאָר אַ שיינע מליצה. ווי אמתע דיפּלאָמאַטן, האָט מען דעם גאַנצן ענין איבערגעגעבן צו אַ קאָמיסיע...

— לויטן „יודענשטאַט" — האָט אחד העם, דער באַוווּסטער אויסלאַכער, געפונען די אמתע געלעגנהייט אויסצוגיסן זיין גאַנצן ניכטערן פעסימיזם — איז די עליה קיין ארץ ישראל כמעט א פאַרגעניגן־רייזע, אַפילו אָן ים־קראַנקהייטן... די קאָלאָניזאַציע אין לאַנד ווערט געזען אין נוסח פון אוטאָפּיסט פוריע. די אַראַבער ווערן כמעט נישט דערמאָנט. ער מיידט אויס די תוכיקע קאָנפליקטן, מיידט אויס דאָס געשפּענסט פון ברוטאַלן כוח, וועלכער איז דער דעציזירנדיקער גורם אין אַלע פּאָליטישע חשבונות...

ר' יחיאל איז, נאָכן אומקערן זיך פון מינסק, אַ לאַנגע צייט דערנאָך אָפּגעזעסן אין די אָוונטן אין זיין קליינעם הדר מיוחד, פאַרוואָרפן מיט ספרים, מיט אַן אָנגעזאַטלטער בריל, מיט ציטערדיקע הענט, און עוסק געווען אין אַ חיבור, אין גרויסן וויכוח צווישן הערצל און אחד העם, צווישן די אָנהענגער פון באַזעלער פּראָגראַם און די מינסקער אַלטע חובבי ציון, פון אַדעסער שניט. ער איז געווען בלב ובנפש כנגד אחד העמ'ס „לא זה הדרך", קעגן זיין גאַנצער שיטה פון ב ל ו י ז אַ „מרכז רוחני". ער האָט פאַרלאַנגט די גאולה נאָך אין אונדזערע טעג, ווייל איין גאָט ווייסט, אַז מיר האָבן שוין מער נישט קיין כוח און קיין צייט צו וואַרטן...

אברהם, דער עלטערער, האָט זיך אַליין אַרומגעדרייט פאַרמוטשט. גוט, ער איז ווי אַן אויטאָדידאַקט אַליין דערגאַנגען ביזן אַכטן קלאַס גימנאַזיע, באַלייגט עקזאַמען ווי אַן עקסטערן. אָבער — וואָס איז ווייטער דער תכלית ? האָט מען אים דערווייל נאַראַיעט אַראָפּצופאָרן קיין אַנטאָפּאָליע, צו אַ ייד, אַ ישובניק, ער זאָל דאָרט לערנען מיט זיינע און מיט די שכנישע יידישע קינדער, וואָס ווערן פאַרגרעבט אין פאַרוואָרפענעם העק, צווישן גוים. ער האָט סיי ווי געזוכט ערגעץ צו אַנטלויפן, און ער האָט זיך טאַקע באַלד אָנגעכאַפּט דעריין.

באַלד נאָך סוכות, מיט די ערשטע זלידנע רעגנדלעך, וואָס האָבן געפּויקט אין די שינדל־דעכלעך, האָט אברהם איינגעפּאַקט אַ פּאָרל וועש, עטלעכע אויסגעלאַטעטע העמדער, וואָס די מאַמע האָט אים צודערלאַנגט, די פּאָר לשון קודשדיקע ביכלעך, און האָט זיך מיט אַקס, אין אַ באַלעגאָלישער בויד, אין אַ כמורנעם פאַרנאַכט אַוועקגעטרייסלט אַ שיינע פּאָר מייל, אַזש ביז אַנטאָפּאָליע. ער האָט מער נישט געקענט צוזען דעם שטומען צער אין דער היים, דעם פּאָטערס עצבותדיקן בליק פון אונטער

דער בריל. ער האָט געלאָזן הינטער זיך אַ גרויסע בענקשאַפט נאָכן הויז, נאָך טיי־בעטשקען. ס׳איז געשטאַנען פאַרהאַקט, דאָס הויז, אָפּגעשלאָסן, פרעמד, הינטער די טיף אַראָפּגעלאָזענע גאַרדינען. אויך פון ליפּע קאָמאַשנמאַכער איז מער קיין זכר נישט געווען. מ׳האָט שטיל געשמועסט, אַז ער שמאַכט ערגעץ אין וויטן סיביר. טאָ וואָס האָט ער נאָך צו טון אין דער היים ? ער האָט זיך דערפילט, ווי ער וואָלט אַוועק אין דער פרעמד, אָפּצוריכטן גלות, כדי ווידער אַ מאָל ווען עס איז נתגלה צו ווערן. ער האָט געלאָזן הינטער זיך דעם היימישן ברעג, אַן אומעטיקן, אַן אויס־וועגלאָזן. נייִן, ליפּע קאָמאַשנמאַכערס פלאַמיקע רייד וועגן „ליכטיקן מאָרגן פאַר אַלע אונטערדריקטע", האָבן אים מער נישט געוואָרעמט. ס׳איז געווען צו אַבסטראַקט. אָבער טייבעטשקע — זי האָט געשלונגען זיינע רייד. ער ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר ס׳איז אים עפּעס אַ שאָד געווען דאָס פלאַטערנדיקע מיידל מיט די צעפּ.

נאָך אַ נאַכט טרייסלען זיך אין דער בויד, האָט אים אין אַנטפּאַליע, ביים שלאַג־בוים, באַגעגנט אָפּגעוואָרט אַ דאָרפישער ייד, אַ ישובניק, אין האַרטע, פאַרבלאָטיקטע שטיוול מיט ברייטע נעזער. ער האָט געפּאַכעט מיט אַ לאָזע־צווייג אין האַנט, האָט אים מיט שטומפּיקע רייד פאַרבעטן אַריינצוקריכן אין פורל, אַוועקצוטרייבן עס איבער די פאַרזונקענע, בלאָטיקע פּאָליעסער שליאַכן. נאָכן האַלבן טאָג זענען זיי פאַרפאָרן צו דער נידעריקער דאָרפישער שטוב.

דער לאַנגער ווינטער אין פאַרוואָרפענעם העק, צווישן אונטערגעשווענקטע וועלדער, אין דער טיפער פּאָליעסיע, איז געווען דער פּרשת דרכים אין צעטראָגענעם, אינטעליגענטישן לעבן זיינעם. ער האָט געלערנט מיט די ווילדלעכע דאָרפישע קינ־דער פון די ישובניקעס אַ ביסל עברי, אַ ביסל לשון קודש, תנ״ך, און מיט חנה׳קען, ס׳דאָרפישע, פּראָסטע, געזונטע מיידל, האָט ער געלייענט און אַריינגעז־טייטש, אַ ביסל מער נאָך ווי מ׳האָט געקענט דרינגען, דעם שיר „אל הצפור" פון ביאַליקן. זי האָט אים דערביי געפּלעגט אַנצוקוקן מיט די בלויע אויגאַנעס, ווי די קאָרן־קווייטן, ווי ער רויטלט זיך, אברהם, ווי ס׳באַפּאַלן אים מיט אַ מאָל אַנגסטן; און זי האָט נישט געוווסט, צי דאַרף זי לאַכן, אָדער זיין ערנסט. אַ יונגע ציג ! „סוס — אַ פויגל, צפור — אַ פערד"... — אַזוי האָט זי אומישנע פאַרדרייט די יוצרות, און געלאַכט מיט די געזונטע ציינער אירע.

אָדער זי איז גאָר, פון דער העלער הויט, אויסגערונען אים, אַנטלאָפן. ער האָט זי אַרומגעזוכט הינטערן הויז, אויף די גערטנער, אין שייער, און האָט זי נישט גע־קענט געפינען. ער האָט זיך געפילט פאַרקלעמט; פאַרקליבן זיך מיטן צוגעפאַלענעם אַוונט ביי אַ קאַניצל אין אַ ווינקל פון דער גרויסער שטוב, אונטערן נידעריקן באַלקן, פאַרטיפט זיך אַלץ אין פינסקערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע", אין „רוים און ירושלים" פון משה העס, אין הערצלס „יודענשטאַט". ער האָט אַלץ געוואָלט דערגיין פון די ספרימלעך ווו מיר האַלטן ערגעץ אין דער וועלט. דאָ, אין דאָרף, האָט ער געשלונגען יעדן אות פון דער „הצפירה", וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. וואָס מ׳האָט זיך אַלץ נישט דערוווסט פון די געדיכטע, אַנגעפּיקעוועטע שורהלעך — אַז נאָכן מאָסקווער גירוש איז דער מסחר אין קרויז־פּוילן, אין וואַרשע, אין לאָדזש, דווקא זיך היפּש צעוואַקסן. די יידן האָבן, קיין עין הרע, שיין פּרנסה. די אַנגעפּאַרענע רוסישע יידן, מיט „זאַמאַך", מיט פאַרנעם, האָבן אין פּוילן פאַרלייגט פאַבריקן, געוואָרפן זיי׳ערע סחורות אויפן רוסישן מאַרק, כאָטש אין לאַנד איז נאָך אַלץ געווען אומרואיק.

שטרייקן, סטודענטן־מאַניפעסטאַציעס, קאָזאַקן־סאָטניעס האָבן זיך געוואָרפן אין המון אַריין מיט זייערע צעווילדעוועטע פערדלעך. אויך האָט זיך אין די יאָרן גע־שטאַרקט די השכלה. יידישע סופרים אין וואַרשע, אין אָדעס, אין ווילנע, אַפילו אין פעטערבורג, האָבן פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן תחום המושב צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער. יידן האָבן געלעכצט נאָך אַ ניי וואָרט. יידישע יונגעלייט פון דער פּראָווינץ האָבן געשלונגען דעם ווילנער „הזמן", די וואַרשעווער „הצפירה", וואָס דער רע־דאַקטאָר זיינער איז געווען דער גרויסער קאָפּ־מענטש, ר' נחום סאָקאָלאָוו. מ'האָט געוואַרט אויף יעדן אַנדייט, אויף יעדן פאַרשטעלטן ווונק, דער עיקר וואָס שייך דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. די, ווידער, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין דינען פאָניען, האָבן פאַרנאַכט פאַרהאַקט די לאָדן, אַוועקגעלאָזן זיך אין די מרחקים, קיין אַמעריקע. ס'האָט אַלץ זיך געהערט דער רוף: „לא זו הדרך", ווייל די קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל האָט אין ערגעץ נישט געפירט. אַלע האָבן געפילט, אַז די חיבת ציון־באַוועגונג איז נישט דער וועג. הערצלס „יודענשטאַט", זיין „אַלטניילאַנד", וואָס נחום סאָקאָלאָוו האָט איבערגעזעצט אין לשון קודש אונטערן נאָמען „תל אָביב", האָט אַברהמען באַפליגלט, געגעבן גלויבן אין אונדזער ערדיש לעבן, וואָס מיר דאַרפן עס צוריק אַליין אויסקעמפן. ער איז אַ בעלן געווען אַליין אָנצוקוקן דעם וווּנדערלעכן מאַן, וואָס איז צוריקגעקומען צום פאָלק, אין זיין גרויסער נויט.

אין דעם לאַנגן ווינטער האָבן זיך זיינע פּאַרוויכטע, אינטעליגענטישע הענט צוגעוווינט צו שווערער אַרבעט. דאָס דאָרפישע לעבן האָט אים אַפילו פאַליובעט — נאָענט צו ערד, צו שטוב־חיות, צו וואַלד. ס'איז אַן ערלעך שטיקל ברויט, האָט ער זיך געזאָגט. נאָר אויף אייגענער ערד, איז ער נאָך אַ מאָל געקומען צו דער מסקנא, וועלן מיר האָבן אַן אחוזה. מ'לאָזט דען אַ יידן צובינדן זיך צו ערד? ער האָט גע־פּרוווט צו רעדן דערוועגן מיט זיין תלמידה, מיט חנה'קען, און — די אויגן פלאַמען דערביי מיט אַ נישט־ערדיש ליכט. זי האָט אים געגלויבט יעדעס וואָרט, כאָטש זי האָט קיין רייד נישט געפונען און געלאַכט, געהאַלטן אין איין לאַכן...

ער איז אויך מיטגעפאָרן מיט איר אין וואַלד אַריין, אויסהאַקן טרוקענע צווייגן, אָנזעגן קלעצער, אָנלאָדן זיי אויפן שליטן; איז מיטגעגאַנגען צום קאָפּעץ, אויפהאַקן פון אונטערן טיפן שניי און אָנפירן אין הויז אַריין בולבע. חנה'קע, אין פעלצל, אין די וואַלינקעס, דאָס טיכל פאַרבונדן אונטערן האַלדז, ווי אַ פּויערטע, האָט געשיינט מיט אירע צערויטלטע באַקן, אָנטרייבנדיק די שקאַפּע. זי האָט זיך גערייצט מיט אים, געלאַכט פון זיין אומבאַהאָלפנקייט.

די יידענע האָט אָפן געלאָזן די טיר און דער דרויסן האָט אַריינגעטריבן אַ קעלטיקע פּאַרע. די נידעריקע, אָנגעהייצטע שטוב האָט מחיהדיק פאַרשמעקט מיט וואַ־רעמקייט פון סאָסנע־האָלץ. פון דער הרובע האָט זי אַרויפדערלאַנגט אַ פאַרעדיקן, פאַרסאַדזעטן טאָפּ פּערל־גרויפּן, אַוועקגעשטעלט אַן הויך־אויפגעגאַרנטע ערדענע שיסל קאַרטאָפּל „אין די מונדירן", לאַדישקעס זויער־מילך, אַוועקגעלייגט אַ גרויסן, צענפונטיקן לאַבן קאָרן־ברויט, שוואַרץ ווי די ערד, געבאַקן אויף גרויסע כריין־בלע־טער. די בני־בית האָבן זיך אַלע אַרומגעזעצט, געקייט מיט געזונטע באַקן, שווייגנ־דיק, דאָרפיש־פאַרפלאָמט.

און ווען די וועלט איז ווידער גרין געוואָרן, ס'האָט אַ שיין געטון די לינדע פרילינג־זון צווישן די נאַקעטע טאָפּאָלן, ביים וואַסערל, „דאָס געזאַנג פון דער נאַכ־

טיגאַל האָט זיך ווידער געלאָזן הערן אין לאַנד", ווי אין שיר השירים, זענען דער־גאַנגען צו אברהמען שמועות, אַז ס'טוען זיך אָפּ אומגעווייִנטלעכע מעשים אויף דער וועלט. ס'איז געווען אין דעם זומער פון קישינעווער פּאָגראָם. יידיש בלוט, האָט מען דערזען, איז הפקר; און ס'האָט אים שוין אונטערגעהויבן. ער האָט אָבער געוווסט, אַז ער האָט זיך נישט נאָך וואָס אומצוקערן אין שטאָט אַריין, צום פּאָטער אין הויז. ער מאַטערט זיך דאָרט אויך געגנוג מיטן גראָשן חיונה, לויפט אַרום איבער די באַ־לעבאַטישע הייזער אין שטאָט, ווערט אויסגעריסן. ער איז בייז געווען אויפן ייִנגערן ברודער, אויפן מנחמ'ען, וואָס ער דרייט זיך נאָך דאָרט אַלץ אַרום פאַרמוחט, פאַר־טרוימט, האָפנונגסלאָז פאַרליבט אין טייבעטשקען. דאָ האָט ער זיך שטאַרק צוגע־בונדן צום דאָרפישן ישוב, צו... חנה'קען. זיינע אויסגעאיידלטע הענט האָבן זיך אָנ־געגאָסן מיט קראַפט. זיי האָבן געבענקט נאָך אַרבעט, נאָך מי. נאָר ס'האָט אים פאָרט אַרויסגעטריבן פון דאַנען.

קאַפּיטל אַכט

צום היימישן ברעג

אין ביאַליסטאָק, דעם געדיכטן יידישן כרך, אין די נידעריקע געסלעך, אויף די זאַמדיקע כאַנייקעס און פּיאַסקעס, האָט זיך ליפע קאַמאַשנמאַכער, נאָכן אַנטלויפן פון פאַרשיקונג אין וויטן צפון, אין וויאַטקע, צוריק מחיה געווען צווישן היימישן יידישן גערודער. אַ שטיקל צייט האָט ער זיך אויפגעהאַלטן, שטרענג געהיים, אין גאָרן־שטיבל ביים חבר כאַטשע לוינקעטניק, אַ בלייכער, אויסגעצויגענער ייד, אַ הוסטער. אין ביידע ענגע דאַך־שטיבלעך האָט טאָג־און־נאַכט געקלאַפּט אַ ווערק־שטעל, אַ שפּולעריי. ס'איז געשטאַנען אַ שטויב ביז אונטערן באַלקן. ס'וויב מיט די קינדער האָבן צוגעהאָלפן.

— זעסט... — האָט כאַטשע, פאַרקייכנדיק זיך פון הוסט, געוויזן חבר ליפען — די „פאַמעסצעניע" (די דירה) איז קליין... דער שטויב פון וואָל פאַלט אויף די לונגען... און דאָס, ברודערקע, ברענגט די „צאַכאָטקע"... (שווינדזוכט).

די עקספּלואַטאַציע איז געווען גרויס. מ'האָט געאַרבעט פאַר אַ הונגער־לוין, גע־קעמפט פאַר אַ 12־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. יידישע וועבער זענען דער עיקר באַ־שעפטיקט געווען ביי האַנטווערקעריי, אין קליינע פאַבריקלעך, ביי פּרימיטיווע וועב־שטולן. אין די שכנישע שטעטלעך, קרינקי, סופּראַסל — אין גאַרבאַרייען. מ'האָט געשטרייקט וואָכנלאַנג פאַר אַ לוין־העכערונג, אַ קאָפּיקע אויפן טאָג. אין דער צייט פון אָט די שטרייקן טאַקע איז מען געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז נויטיק צו שאַפן געהיימע הילפס־קאַסעס. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער פּראָפ. באַוועגונג. צוויי פרייהייט־שטראָמען זענען אַהער אַריינגעדרונגען: פון רוסלאַנד — די אידייען פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", פון פּוילן — די אידייען פון דער ערשטער פּוילישער רע־

וואָלוציאָנערער אַרבעטער־פּאַרטיי, דער „פּראָלעטאַריאַט”. נאָך אין 1883 האָט דאָ פּעליקס קאָן, דער פאָרשטייער פון „פּראָלעטאַריאַט”, אָרגאַניזירט די פּראָפּ. קרייז־לעך. פאַרן מינדסטן חשד, איז מען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אָבער סוף 90־ער יאָרן האָט זיך שוין געפילט דער אָנוווקס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. אַ שווערער ווירטשאַפטלעכער קריזיס אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. אויפן אָרט פון „פּראָלעטאַריאַט” און די רוסישע „נאַראָדניקעס” — די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע, צו וועלכער ס'האָבן געהערט דער בונד און די פּוילישע ס.ד.ק.פּ.ל. געמיינזאַמע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער אַרום. די כאַנייקעס, די פּיאַסקעס זענען געוואָרן אַרבעטער־פעסטונגען. דאָ, אין די געסלעך, זענען פּאָליציי און די „שוואַרצע מאה”, באַגעגנט געוואָרן מיט באָמבעס און רעוואָלווערן.

אין די טויבע נעכט, ווען די זשאַנדאַרן האָבן אין יענעם אומרואיקן זומער אויס־געקלאַפּט שווערע שטיוולדיקע טריט אויף די טראָטואַרן פון דער געדיכטער וועבער־שטאָט; ווען ס'האָבן זיך געהערט לאַנגע, אויסגעצויגענע פייפן, פון צייט צו צייט — אַ שאָס; אין אַזעלכע טויבע נעכט איז ליפּע אָפּגעלעגן אויפן דאַרן פעלד־בעטל און אַלץ איבערגעקלערט אין אונדזער גאַנצער מערכה. פאַר די צוגעלענטע אויגן זענען אים נאָך אַלץ געשטאַנען די ווייסע צפון־נעכט, דאָס אַנטרינען, דער פרישער אַרעסט, דאָס קונציקע אַרויסגליטשן זיך. ער איז אַוועק, פאַרשווונדן אין דער נאַכט אַריין, אין אויפשפּראָץ פון דער צפון־שטראַלונג; אָפּגעשטיגן אין די פאַרלוירענע שטעטלעך, ביז ער האָט מיט דער באַן זיך דערקריגן קיין דווינסק. דאָ איז ער צוריק געווען צווישן היימישע.

די אויפרעגונג אויף די אַרבעטער־בירזשעס אין יענעם זומער איז געווען זייער גרויס; אַ פּאַרדרוס, אַ ווייטיק, אַ כעס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, וואָס די ציוניס־טישע לייט קומען נאָך דריקן די האַנט פון די צאַרישע סאַטראַפּן, די דירעקט־פאַר־אַנטוואָרטלעכע פאַרן קישינעווער פּאָגראָם. אין דער אומלעגאַלער „אַרבעטער שטי־מע” האָט ליפּע איבערגעלייענט — „ציוניסטישער סם”... ס'איז אין פיל שטעט, אויף די בירזשעס, אַפילו געקומען צו געשלעגן מיט די ציוניסטישע פאַראיינען.

פ אַ ר ן „יודענשטאַט” האָט די ציוניסטישע באַוועגונג נישט געהאַט קיין טיפע וואָרצלען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. דער געדאַנק וועגן אַן אייגענער יידישער היים אין פּאַלעסטינע, האָט געוויזן דעם וועג צו אַ פּאָליטישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. די בונדישע בראַשורן וועגן ציוניזם זענען געווען עקסטרעם־פיינטלעך. דער ראָמאַנטיש־היסטאָרישער נאַציאָנאַליזם פון הערצלען האָט זיך נישט געלאָזן צוזאַמענפירן מיטן קלאַסן־קאַמף, מיטן מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם. דער מאַרק־סיזם האָט געלערנט צו באַציִען זיך קריטיש, פיינטלעך צו יעדער מין אוטאָפּיע. מאַרקס האָט דער ערשטער געבויט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל נישט סתם אויף נויט און הונגער פון די מאַסן, נאָר האָט אויפגעדעקט יענע אינעווייניקסטע כוחות, אינ־טערעסן און אַנטוויקלונגען, וואָס ברענגען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט צו אַזאַ צושטאַנד, ווען זי מ ו ז איבערגיין צו קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, ד. ה. צו סאָציאַ־ליזם. אויב, ווידער, מען זאָל אָננעמען די גרונט־הנחה וועגן אוניווערסאַלן, אייביקן אַנטיסעמיטיזם ביי אַלע פעלקער, אין אַלע קלאַסן, שליסט עס דאָך אויך אויס יעדן פונדאַמענט פאַרן אינטערנאַציאָנאַליזם, במילא פאַרן סאָציאַליזם. מסכים, די לאַגע פון די יידישע מאַסן איז אַ טרויעריקע, אָבער אין דעם טאָג, ווען ס'וועט פאַלן די

רוסישע אַליינהערשאַפט, וועט אויך באַפרייט ווערן דאָס יידישע פאָלק... אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו טון מיט ציוניזם... דער ציוניזם — האָבן זיי געשריבן — איז די באַוועגונג פון דער יידישער בורזשואַזיע. ס׳קען קיין מאָל קיין שלום נישט זיין צווישן סאָציאַליזם און ציוניזם. ער ברענגט שאָדן, ווייל ער מאַכט אַפּהענטיק דעם קאַמף אויפן אָרט, שוואַכט אָפּ ביים אַרבעטער זיין קלאַסן־באַוווסטזיין. ס׳הייסט, אַז דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם און סאָציאַליזם זענען סתירותדיקע באַגריפן. די אַנגענומענע סכעמע: צו ערשט איז געווען דער מענטש, דערנאָך די משפחה, דער שבט, דאָס פאָלק, צו לעצט — די מענטשהייט. איז קלאָר, אַז מיטן אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם, וועט דער נאַציאָנאַליזם במילא פאַרשווינדן פון זיך אַליין...

אָבער די הערשנדיקע נאַציעס — האָט ליפע זיך געכאַפּט —ליידן דערפון ווייניק. נאָר די שוואַכע, אונטערדריקטע נאַציעס מוזן קעמפן צו באַשיצן זייער פאָלקס־קולטור, זיך אַליין. „די שטים פון יי ד י ש ן אַרבעטער!”... — האָט ליפע אין עקסטאַז אַנומלטן אַ וואָרף געטון, און ער האָט זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט, אַז אין זיין אייגענעם זאָג ליגט עפּעס מער, פיל מער. ס׳איז געווען די שטים פון אויפגעוואַכטן יידישן זעלבסטבאַוווסטזיין, פון די סאַמע באַ׳עוולטסטע. ערגעצווו קרייצן זיך פאָרט די וועגן. איין אונטערערדישער שטראָם האָט אונדז געבוירן. אמת, ס׳טיילט אונדז אָפּ די קלאַסן־באַריקאַדע, ס׳איז נאָך אָבער שווער צו דערזען ווי הויך אָט די באַריקאַדע איז. ווייל עפּעס ענלעכס האָט ער אויך אַרויסגעפילט אויף דער געהיימער „סכאָדקע”, דעם 1־טן מאַי. מ׳איז זיך אומבאַמערקט, דורך זייטיקע הינטערוועגן, צוזאַמענגעקומען אין וואַלד, הינטער די פּיאַסקעס. אַן אַלטער וועבער האָט זיך דאָרט אויפגעשטעלט און געמאָלדן צום וואָרט:

— מיר האַלטן זיך ביי דער מיינונג — האָט ער געזאָגט — אַז קיין גאָט און קיין שד קען נישט באַפרייען די אונטערדריקטע פונעם יאָך, וואָס בייגט זיי אַראָפּ צו דער ערד... נאָר בילדונג און אייגענע ענערגיע קענען אונדז אַרויספירן פון דער פינצטערניש... לאָמיר קעמפן ווי העלדן פאַר אונדזער נאַציע (!) און פאַר דער מענטשהייט בכלל... לאָמיר אויפהייבן די רויטע אַרבעטער־פאָן, אויף וועלכער ס׳זענען אויפגעשריבן די ווערטער פון אונדזער גרויסן, געניאַלן לערער קאַרל מאַרקס, זכרונו לברכה: „אַרבעטער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!”...

עפּעס איז דאָ אויסגעמישט געוואָרן — האָט ליפע זיך געכאַפּט — און פאָרט איז ער געדעכט געווען, דער פּשוטער יידישער וועבער. דער געזונטער אינסטינקט פון אַ יידישן פאָלקס־מענטש האָט פון אים אַרויסגערעדט...

ס׳איז אָבער קיין סך צייט נישט געווען צו פיל אַריינצוקלערן. ער איז אויף קיין אָרט נישט איינגעזעסן. מיטן שפּאָגל נייעם פּאַלשן פּאַספּאָרט, וואָס די „טעכניק” פון דער „באַוועגונג” האָט אים באַזאָרגט, איז ער כסדר געווען אונטערוועגנס, געשלעפּט זיך, מער מיט פורלעך, ווי מיט די באַנען, ווייל אויף די וואָקזאַלן האָט עס געראַיעט מיט די „אָכראַנע”־שפּיאָנען; פון שטאָט צו שטאָט, פון בירזשע צו בירזשע, פון „יאַווקע” צו „יאַווקע”, אין געהיימע שליחותן. ער האָט זיי אומעטום, אין גאַנצן תחום המושב, אויפגעזוכט, דערקענט זיי מיטן בלויזן אינסטינקט — די ברידער, די חברים, די „גענאָסן”, די פילאָזאָפן, די „צעבויגענע היט”, די „עלעקטרישע”, די אַחדותניקעס, די צער בעלי חיים. אַן אונטערדריקט פאָלק פון גאַרבאַרעס, בערשטער, זעמשערס, זאָקן־מאַכערינס, פּאַפּיראָסן־מאַכערינס, לוינקעטניקעס, וועבער — אין

דווינסק, מינסק, ביאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדזש. זיי האָבן ביטער געקעמפט קעגן די הימישע יידישע בלוט־זויגערס, קעגן צאַר, פאַר דער פרייהייט.

ער איז אַלע פאָר וואָכן אָפּגעשטיגן, דורכגעגליטשט זיך ביז דער פּרייסישער גרענעץ, סוואַלקער גובערניע, אין ווילקאָווישק, אין ווערזשבאָלאָווע, אונטערצו־האַנדלען מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן, אָדער אָפּוואַרטן די סטודענטן, וואָס זענען אויף די קאַניקולן געקומען אָנצופאָרן פון די אויסלענדישע אוניווערזיטעטן, מיט טשעמאָ־דאַנעס מיט טאָפּלטע דעקן, און אַריינגעשמוגלט אין לאַנד די „אַרבעטער שטימע", דעם אויסלענדישן אָרגאַן פון בונד. אַ קאַלטער שוויס האָט אים באַשלאָגן, ווען דער רוסישער טרעגער האָט דאָרט איין מאָל אַ זאָג געטון: „טיאַזשאָלי טשעמאָדאַן"... (אַ שווערער טשעמאָדאַן), און אויסגערעדט דאָס וואָרט „טיאַזשאָלי" אויסגעצויגן, מיט אַזאַ טאָן, ווי איינער זאָגט — נישקשה, דערשמעקט די טריפהנע סחורה... כאָטש אין טשעמאָדאַן איז אויבן אויף געלעגן נישט מער ווי אַן אַלטער מאַנטל, אַ קישן, אַ טשייניק... לויטן שיפּרידרטן בריוו, האָט זיך באַקומען, אַז די טשעמאָדאַנעס „ליטע־ראַטור" זענען אָנגעקומען בשלום. מ'האָט אָבער באַלד באַדאַרפט באַשטאַטן די „סחורה". און דאָ פּילט ער, ליפּע, ווי מען קריכט אים נאָך. ווייניק פּאַסאַזשירן אויפן וואָקזאַל. שפּעטלעך. חברטע זשעניע שלייכט זיך פּאַרביי. ער מאַכט זיך, אַז ער קען זי נישט. אין אַ ווײַלע אַרום עפנט זיך דאָס קאַסע־פענצטערל, און נאָך איי־דער ער דערגייט, שאַרט זי זיך פאַרביי און טוט אים אַ מורמל: „שפּיאָנען"... ווען ער שטעלט זיך אַוועק קויפן אַ בילעט, וואַקסן זיי אויס, די פּאַרשוינען, באַלד הינ־טער אים. און ס'פאַלט אים איין הויך אַ געשריי צו טון: „אַ בילעט קיין מאָסקווע", אָנשטאָט קיין ביאַליסטאָק. קיין דירעקטער צוג קיין מאָסקווע גייט נישט. האָבן זיי אים דערנאָך געזוכט אויפן וואָקזאַל, אָבער ער איז שוין דאָרט מיט די טשעמאָדאַ־נעס לאַנג נישט געווען. זובאַטאָוס אַגענטן האָבן זיך נישט געאײַלט צו אַרעסטירן. זיי האָבן געזוכט אַלע פעדעם. זובאַטאָווס ציל איז געווען צו געפינען דעם קנופּ און ערשט דערנאָך ליקווידירן, אַרויסרייסן מיטן וואָרצל דעם בונד.

אַ שווערע זאָרג איז איצט אויך געלעגן אויפן צ. ק. די באָברויסקער דרוקערײַ איז געשטאַנען אין געפאַר אַנטדעקט צו ווערן. ער האָט געאַרבעט זייער כיטרע, זו־באַטאָוו. ער האָט אינספּירירט אַ מין „פּאָליצייאישן סאָציאַליזם" — „די יידישע אומ־אָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי", וואָס האָט זיך אַפילו אַ שטיקל צייט שטאַרק אָנ־גענומען אויף די בירזשעס פון „מינסקער טאָלק".

דערפאַר טאַקע זענען זיי דאָרט אין די פאָר טעג פון געהיימען צוזאַמענפאָר אין ביאַליסטאָק געווען זייער שטאַרק פאַרזאָרגט. דער 4־טער צוזאַמענפאָר פון בונד אין ביאַליסטאָק איז געקומען צום אויספיר צו ענדערן די פאָדערונג פון: בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג אויף נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.

— מיר זענען ביז היינט אין דער גרעסטער מאָס געווען קאָסמאָפּאָליטן — מיר דאַרפן ווערן נאַציאָנאַל. מען דאַרף נישט מורא האָבן פאַרן דאָזיקן וואָרט. נאַציאָנאַל איז נישט נאַציאָנאַליסטיש. ווען אַ קלאַס אָנערקענט זיין צוגעהעריקייט צו אַ באַ־שטימטער נאַציע, ווערט ער נישט דערמיט נאַציאָנאַליסטיש...

צוזאַמענגעקומען איז מען זיך אין זעלבן דאַך־שטיבל, ביי כאַטשע לווינקעטניק. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געזעסן אָפּגעשלאָסן, באַוואַכט און באַהיט פון דרויסן. געגנוג דורכפאַלן זענען געווען אין מינסק, אין באָברויסק, אין קאָוונע, זיי זאָלן שוין

זיין אָנגעלערנט. זיי האָבן פאַרשטאַנען אַראָפּצוואַרפן פון זיך דאָס סאַטינענע העמדל מיטן קוטאָס, אויסטון די פינקלענדיקע בריל מיטן שוואַרצן שנירעלע אונטערן אויער, זען צו באַהאַלטן אַפילו די פלאַמיקע טשופּרינע איבערן לומדישן שטערן, אונטער אַ פּראָסט היטל; אָנגעטון גרוי, ווי אַ וועבער־באַלמעלאָכע, נישט צו ציען די שפּיציקע בליקן פון די „אָכראַנע״־שפּיאָנען, וואָס האָבן געווימלט אויף אַלע וואָקזאַלן און בירזשעס. פון מינסק איז אַראָפּגעקומען דער חבר צמח, פון ווילנע דער חבר אַרקאַ־די, חברטע זשעניע הורוויטש, פון קאָוונע חברטע אסתר. געשניצטע יידישע קעפּ אין די אָנהייב דרייסיקער, און ליפּע קאַמאַשנמאַכער — כמעט דער יונגסטער צווישן זיי.

געגעסן, געשלאָפן די עטלעכע טעג און נעכט אויפן אָרט, נישט געוויזן זיך אין גאַס. פון דרויסן האָט מען זיי שוין אַרייַנבאַזאָרגט פון כל טוב: אויפן טיש איז אויסגע־וואַקסן ברויט מיט וווּרשט, אַ קענדל ביר. דער אויסגעהונגערטער עולם, אַרומגע־זעצט, האָט זיך געוואָרפן אויף דעם, אַלץ פאַרצערט באותו הרגע, און ס'זענען ווייטער אָנגעגאַנגען די וויכוחים. פון מאַכאַרקע־רויך, וואָס איז געדיכט געהאָנגען אונטערן נידעריקן סופיט, האָט מען כמעט קיין פּנימער מער נישט געזען, נאָר ווי שאָטנס, ווי אַלכעמיקער, פאַרטון אין באַשאַפן גאָלד דורך געהיימע שפּרוכן. מ'איז נאָך יונג גע־ווען. די וועלט האָט אויסגעזען איינגעהילט אין ראָזע טומאַנען. די פאַרוויקלטסטע פּראָבלעמען האָבן אויסגעזען אַזוי איינפאַך, די דערגנער־וועגן — אַזוי גלאַט. אַפילו דער חבר אַרקאַדי, אַ קלאָרער קאָפּ, אַפילו ביי אים איז נאָך אַלץ נישט אַזוי קלאָר געווען:

— ביז 1898 האָבן מיר געזען אין דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג די גרענעץ פון די ספּעציפיש־יידישע אינטערעסן. ס'איז אָבער אַצינד נויטיק אַ טיפערער אַנאַליז, אַ ברייטע, גרינטלעכע לייזונג. אָט טענהט דאָך די פּ.פּ.ס.: „איר ווילט גליי־כע בירגער־רעכט? ווו? אין רוסלאַנד? איר לעבט דאָך אין פּוילן. מיט וועמען גלייכע רעכט? מיט די רוסן אויף פּוילישן באָדן?״...

אַזוי איז די נאַציאָנאַלע פראַגע געוואָרן די צענטראַלע טעמע כמעט אויף אַלע צוזאַמענפאָרן, אויף אַלע פאַרזאַמלונגען און דעבאַטן.

— דאָס געשפּענסט „נאַציאָנאַליזם״ — איז חבר אַרקאַדי געווען שטאַרק פאַר־זאָרגט — רופט אַרויס שרעק, ביי אייניקע — פּראָטעסט. מיר האַלטן זיך, נאַטירלעך, ביים פּרינציפּ, אַז ווי אַלע נאַציעס, דאַרפן אויך מיר, יידן, האָבן גלייכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַלע רעכט. אָבער צי וועט, למשל, די יידישע שפּראַך, דער „זשאַרגאָן״, זיך אַזוי אַנטוויקלען, אַז זי וועט ווערן אַ קולטור־שפּראַך, מיט אַ ליטע־ראַטור, אַ וויסנשאַפט, אַז יידן זאָלן קענען האָבן יידישע גימנאַזיעס, הויך־שולן?

— אָט... ווען ס'וואָלט כאָטש געווען אַ גלעזעלע טיי, זיך מחיה צו זיין... — האָט עמעצער, פון נעפּל אַרויס, געטרוימט אויפן קול.

מ'האָט זיי מיט אַ סאַמאָוואַרל אויך באַזאָרגט. אויפן סדר־היום זענען געשטאַ־נען נאָך זייער פּיל וויכטיקע פראַגן: באַריכטן פון צ. ק. פון די באַזונדערע שטעט, עקאָנאָמישער קאַמף און פּאָליטישע אַגיטאַציע פון בערשטער־בונד, העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע, די פאַרשאַרפטע באַציאונגען מיט די פּ.פּ.ס. מיט די רוּ־סישע „איסקראַ״־גרופּן אין זייער אָרגאַן „ראַבאָטשיע זנאַמיאַ״; אינערלעך־קאָנס־פּיראַטיווע פראַגן. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז פאַרבליבן: ווו האַלטן מיר ערגעץ אין דער וועלט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע? דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער

רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אין 1898, האָט זיך אין דער נאַ־ציאָנאַלער פראַגע אַרויסגעזאָגט פאַרן פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון די פעלקער. ווען אָבער די פאַרשטייער פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן האָבן פאָרמו־לירט וואָס זיי פאַרלאַנגען פאַר יידן, צומאָרגנס נאָכן שטורעמען דעם צאַריזם, האָט די „איסקראַ״ געענטפערט: ניין! דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט זי נישט געוואָלט אָנערקענען דעם פּרינציפּ. דאָס זעלבע אויך די פּ.פּ.ס. וואָס האָט געפאָדערט פאַר זיך דעם מאַקסימום — נאַציאָנאַלע פרייהייט, פרייהייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער קולטור...

— סטייטש — האָבן אייניקע, האַלב־אַסימילירטע, געטענהט — אין איין נומער „אַרבעטער שטימע״ אַזש 5 אַרטיקלען וועגן נאַציאָנאַלע יידישע פראַגן! איז עס נישט אין סתירה מיט אַלע הייליקע פּרינציפּן פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם?...

חבר אַרקאַדי האָט רואיק אויפגעקלערט:

— די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, דער ציוניזם — דאָס אַלץ טרייבט אונדז צו זוכן אַ קלאָרן ענטפער. אָנשטאָט דעם אַלטן כּלל, אַז דאָס פאָלק איז — זיין לאַנד, איז, מיין איך, ריכטיק, אַז דאָס פאָלק איז — זיין קולטור...

ס'האָט זיך אויך שוין געלאָזן הערן די שטים פון די „נייטראַליסטן״:

— דאָס יידנטום שטייט אויפן שייד־וועג. איינער פירט צו נאַציאָנאַלער אויפ־לעבונג, דער אַנדערער — צו אַסימילאַציע. אויף וועלכן וועג די געשיכטע וועט פירן דאָס יידנטום, ווייסן מיר נישט און ווילן נישט וויסן. מיר זענען נייטראַל. צי הייסט עס אָבער אַז מיר ווילן נישט וויסן? ס'איז אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם, וואָס מען ווינטשט זיך און צווישן דעם, וואָס איז מעגלעך. די ציוניסטן באַגנוגענען זיך נאָר מיט אַ מיסטישן גלויבן. זיי זענען מעטאַפיזיקער. זיי שטיצן זיך אויף דעם, וואָס מען דאַרף ערשט דערוויזן. זאָל זיין אַז די געשיכטע האָט גוזר געווען, אַז די יידן דאַרפן זיך אַסימילירן מיט אַנדערע פעלקער. מיר, פון אונדזער צד, וועלן נישט לייגן קיין כּוח אָפּצוהאַלטן דעם דאָזיקן פּראָצעס...

— מיר דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר אַ קאָנפליקט מיט די פּ.פּ.ס. סיי מיט דער „איסקראַ״, און אוודאי נישט — מיט די אַסימילאַטאָריש־געשטימטע צווישן אונדז... — האָט זיך ליפּע נישט אָפּגעשראָקן.

עטלעכע טעג און נעכט איז מען אַזוי געזעסן אָפּגעשפּאַרט אין דאַך־שטיבל אויף די כאַנייקעס, אין רויך, אין וויכּוחים; די טשופּרינעס צעשויבערט, די איינגעפאַלענע באַקן — גרוי, דורכגעגעסן פון מאַכאָרקע־רויך, פאַרוואָקסן. הינטער די געדיכט־פאַרהאַנגענע שייבלעך האָט געשרפהט אַ מיט־זומערדיקע חמימה. דער דאַך איבערן קאָפּ איז געווען אָנגעהיצט. ליפּע קאַמאַשנמאַכער האָט עס, נאָך די אַלע אַרגומענטן, בשום אופן נישט געקענט באַנעמען:

— ווי באַלד מען אָנערקענט, אַז יעדע נאַציע האָט רעכט אויף אויטאָנאָמיע — און מיר האַלטן יידן פאַר אַ נאַציע! — דאַרף דער בונד אומבאַדינגט אַרויסרוקן די פאָ־דערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. בשום אופן נישט צופרידן שטעלן זיך מיט בלויז בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. ביז איצט זענען מיר אין אַ גרוי־סער מאָס געווען קאָסמאָפּאָליטן. מורא האָבן פאַרן וואָרט „נאַציאָנאַל״ איז נישטאָ וואָס...

דער חבר אַרקאַדי, מיט די דיקלעכע ברילן, דער וועטעראַן, איינער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין ווילנער בוידעם־שטיבל, וואָס אויף זיין רוסישער בראָ־שור „וועגן אַגיטאַציע", האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אַ דור רוסישע רעוואָלוציאָנערן, האָט געפּרוּווט צו מילדערן:

— מ'דאַרף פאַרשטיין, חברים... פאַראַן אַ ביסל אמת אין דעם, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע ציט אָפּ דעם יידישן אַרבע־טער פון זיין געווירשנטן וועג פון נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט. ער געוויינט זיך אַלץ מער צו צו גלויבן און פילן, אַז אַלע פּראָלעטאַריער, אָן אונטערשייד פון נאַציע און רעליגיע, זענען ברידער. דאָס פאַרהיט אים אויך פון פעסימיזם פון די ציוניסטן, אַז אַנטיסעמיטיזם וועט אייביק עקזיסטירן און אַז ראַטעווען קען נאָר אַן אייגן לאַנד... דער מאַסע איז שווער זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין די אַלע ניואַנסן, צו אונטערשיידן דעם „נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין" פון געוויינלעכן בורזשואַזן באַנעם...

מיט דער עקשנות פון זיינע היימישע בריסקער יידן, האָט אָבער ליפע דערווי־דערט, אָנגעטון און אויסגעטון די ברילן, פאַרריכט זיך דאָס שנירעלע אונטערן אויער:

— די אויפגאַבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז טאַקע אויפצו־קלערן, אַז אמתער נאַציאָנאַליזם איז נישט — שאָוויניזם, נישט נאַציאָנאַלע אָפּגע־שלאָסנקייט. ס'איז דערין נישט פאַראַן קיין שום סתירה מיטן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן באַוווסטזיין...

אין דער רעזאָלוציע איז פון דעסטוועגן פאַרשריבן געוואָרן: „דער צוזאַמענ־פאָר אָנערקענט, אַז לויטן זין פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּראָגראַם, קען נישט גע־מאָלט זיין קיין שום אונטערדריקונג, נישט בלויז פון איין קלאַס איבערן אַנדערן, נישט פון רעגירונגען בנוגע זייערע בירגער, נאָר אויך פון איין נאַציע בנוגע דער אַנדערער, די הערשאַפט פון איין שפּראַך, אָדער קולטור איבער דער אַנדערער. דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט, אַז רוסלאַנד, וואָס באַשטייט פון אַ מענגע פעלקערשאַפטן, דאַרף זיך אין דער צוקונפט פאַרוואַנדלען אין אַ פעדעראַציע פון נאַציאָנאַליטעטן, מיט פולער אויטאָנאָמיע, אומאָפּהענגיק פון טעריטאָריע, אויף וועלכער זי וווינט. דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט, אַז דער באַגריף „נאַציאָנאַליטעט" איז צום באַנוצן אויך בנוגע דעם יידישן פאָלק".

און באַלד צו מאָרגנס איז ליפען ווידער באַפוילן געוואָרן: פאָר! גיי זאָג זיך אָפּ! ער האָט נאָך רעכט נישט באַוויזן צו־זיך צו קומען פון די אַלע עמאָציעס, וואַנדע־רונגען, אַנטרינונגען, געיעגן מיט דער „אָכראַנע". ס'איז אָבער געווען דרינגנדיק. ס'האָט זיך געהאַנדלט אין בעסער אַוועקשטעלן די „טעכניק" אין גאַנצן קרייז, ווייל ס'זענען לעצטנס געווען אַ סך דורכפאַלן ביים איבערפירן „ליטעראַטור", און דער עיקר — זען דאָרט צו מאַכן אַ שטיקל טאָלק מיטן זייער פאַסקודנעם עסק אויפן טאַר־טאַק, אין מיל, ביים שיינעם ייד, ר' לייבל זיידמאַן, וואָס האָט זיך גענומען און אַרויס־געוואָרפן אַלע יידישע באַלמעלאָכעס. ס'איז דערגאַנגען, אַז ס'טוט זיך דאָרט חושך, ווייל אַזעלכע זאַכן האָבן זיך אין אַ סך ערטער איבערגעחזרט, און דאָס איז געווען זייער קאָמפּראָמיטירנדיק פאַר די אידייען פון אינטערנאַציאָנאַליזם. ליפע האָט לאַנג אַריינגעטראַכט — גיי הייב זיך ווידער אָן מיטן בריסקער ביטערן ייד, מיטן נייעם פּריסטאַוו, מיט די זשאַנדאַרן... זיי וועלן, איידער וואָס־ווען, קומען אויף זיינע שפּורן. אָבער פאַרפאַלן, מ'האָט באַשטימט ער זאָל פאָרן — פאָרט ער!

ערב תשעה באָב האָט ער זיך אויפגעהויבן און — נאָך אַזוי פיל יאָרן — ווידער אַראָפּגעכאַפּט זיך אין זיין געבוירן־שטאָט, אויפן בוג. אַן איבערגעטוענער ווי אַ באַן־אַרבעטער, מיט געדיכטע וואָנסן, וואָס האָבן פאַרדעקט זיינע דינע ליפּן, איז ער אין אַ פראָסט פורל געקומען אַנצופאָרן דורך דער קיעווער סלאָבאָדקע, צווישן טאָג און נאַכט. מיט די הינטערגעסלעך, וואָס ער האָט זיי אַזוי גוט פאַרגעדענקט, איז ער אַוועק אָפּזוכן די „יאַווקע״. שפּעטלעך האָט ער זיך פאַרזיכטיק דערפרעגט צו איינעם פון די היגע „צער בעלי חיים״, צו חבר צאַליע רימער. יענער האָט צוערשט געמאַכט אַן אומשולדיקע מינקע, אַז ער הייבט נישט אָן צו וויסן, וואָס ער וויל פון אים. אָבער באַלד דערנאָך, אַז ער איז זיכער געוואָרן, לויטן „פּאַראָל״, אַז ס׳איז טאַקע דער חבר פון „צענטער״, ווי מ׳האָט אים צוזיסן געגעבן, האָט ער ליפּען וואַרעם געדריקט די האַנט און אים איינגערוימט:

— פאַרזיכטיק, חבר... ווענט האָבן אויערן...

צאַליע רימער, לאַנג, דאַר, ווי אַ טשוואָק, אונטערפּייפנדיק דורך די שיטערע ציין, האָט אים שוין דערנאָך, אין דער מילדער, אויסגעשטערנטער נאַכט פון חודש אָב, געפירט אַראָפּ־ברעג, דורכן אויסגעלאָשענעם טייך־געסל, צום גאָרן־שטיבל, ווו ס׳האָט זיך אויפגעהאַלטן די חברטע מערע, אַ זאָקן־מאַכערקע. ס׳איז אַרום ברעג געווען אויסגעשטאָרבן־שטיל. זיי זענען געקראָכן פאַרזיכטיק איבער אַ סקריפּענדיקער שטיג. נאָכן דריטן, פאַרזיכטיקן קלאַפּ, האָט די נידעריקע טיר אויפגעשפּאַרט אַן אויפגעשאָסן מיידל מיט אַנגעבלענדטע אויגן, האַלטנדיק הויך איבערן פייערדיק־געלן, צעפלאָשעטן קאָפּ דעם נאַפּט־לאָמפּ. זי האָט שוין, זעט אויס, עפּעס געוווסט פון פריער. דאָס קרומע פענצטער אין דאַך־שטיבל איז געווען געדיכט פאַרהאַנגען. אַלץ איז צוגעגאַנגען כמעט אָן רייד. חבר צאַליע האָט געפּייפט דורך די שיטערע ציין, איז באַלד דערנאָך אויסגערונען, נישט־געוואָרן.

דאָס נאַפּט־לעמפּל האָט זיך מיט איין בלאָז געטון אַ פאַרלעש. דאָס מיידל האָט אים געפירט. אַן אויסגעהאָרעוועטע, צעשטאָכענע, אָבער אַ וואַרעמע האַנט האָט אים געפירט, ביז דער פרעמדער האָט אַנגעטאַפּט אין דער פינצטער אַ שמאָל, אייזערן בעטל, אָוועקצוואַרפן די מידע ביינער. דאָס קישן, די קאָלדרע זענען נאָך געווען לעבלעך, אָנגעזאַפּט מיט מיידלשע אַראָמאַטן. חברטע מערע האָט, פאַרשטייט זיך, איר אייגן געלעגער אָפּגעטרעטן פאַרן וויכטיקן חבר פון „צענטער״, און אַליין האָט זי זיך אויסגעבעטט אין אַ ווינקל, אויף דר׳ערד.

אין דער גאָרער שטילקייט האָט ליפע קאַמאַשנמאַכער נישט באַלד געקענט איינ־שלאָפן, געוואָרפן זיך לאַנג פון איין זייט אויף דער צווייטער, כאָטש דער מוח איז געווען מיד. ערגעץ אין דער נידער, הינטער די שפּיציקע שינדל־דעכלעך, האָט ער פאַרנומען דאָס שטילע פליעסקען זיך פון היימישן וואַסער, צווישן די נישט־רעגולירטע ברעגן, פאַרוואַקסענע מיט טשערעט.

אין אַזעלכע נעכט... — האָט ער זיך דערמאָנט — ווען מ׳האָט זיך דאָ געפּלעגט צו שיפן אויף לאָדקעס... ווען ס׳זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן די געהיימע „סכאָדקעס״... ווען ס׳איז צוגעגרייט געוואָרן דער ערשטער שטרייק פון די גאַרבאַרעס און רימאַ־רעס... ס׳האָט זיך דאָ, קענטיק, אַ סך געענדערט. זיי שוויגן נישט, הערט ער, זיי קעמפן...

דורך אַן אָפּגעדעקטן ברעג פאַרהאַנג האָט ער דערכאַפּט ווי ווייטע פייערלעך

האָבן אויפגעטוקט אין דער מילדער נאַכט פון חודש אָב. פון די אונטערגעשווענקטע פּאָליעסער וועלדער האָט מען דורך אָט די מקומות אַלע יאָרן געטריבן האָלץ־פּליטן. די טראַטוועס זענען געשוואומען אַראָפּ־וואַסער, דורך די הויכע שליוזן, נאָענט צו דער פעסטונג, ווו דער היימישער טייך וואַרפט זיך מיט גערויש אין די אָרעמס פון געלוואַסערדיקן בוג. אַ ווייט, טיף, כאָראַל געזאַנג האָט זיך געבויערט אין דער לעבלעכער נאַכט, באַגלייט פון אַ ווייסרוסישער באַלאַלייקע.

ווי באַטויבט ער איז נישט געווען, האָט ליפּע אין דער נאַכט לאַנג נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט פון צייט צו צייט קורץ אַ דרעמל געטון, באַלד צוריק וואַך געוואָרן. ס'איז אים האַרב געווען אין מויל. די גאָרע שטילקייט האָט געקלונגען אין די אויערן. „אָרעמע רוסישע ערד... — האָט ער זיך געזאָגט מיט גרויס צער — אַזוי שמאַכסטו אונטערן יאָך פון שקלאַפעריי”... דאָ באַלד, אין אַ הילצערן געסל, איז ער דאָך געבוירן געוואָרן, געגאַנגען אין חדר, אַנטלאָפן פון דער בית־מדרש־באַנק, ווען דער טאַטע, דער גאַרבער, איז אים אָפּגעשטאָרבן; אַוועק אויף דער לער צו אַ קאַמאַשנמאַכער. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זי לעבט נישט מער, די מאַמע. ס'איז נאָך דערגאַנגען צו אים, ווען ער איז געווען פאַרשיקט, אין ווייטן צפון. ווייניק צרות האָט ער זי דעמאָלט פאַרשאַפט, דער מאַמען ?...

ס'מיידל, אויסגעבעט אויף דר'ערד, האָט אויך, זעט אויס, קיין אויג נישט צוגעטון, געוואָרפן זיך אויפן הארטן געלעגער. ער האָט עס גוט צוגעהערט. ס'איז אים פון דעסטוועגן אַ ביסל פריקרע געווען, פאַר זיך אַליין, יעדעס מאָל, ווען ר'האָט זיך געפונען אין אַזאַ סיטואַציע. אַן אָרעם אַרבעטער־מיידל, אַ זאָקן־מאַכערקע; ווער קען דען באַגרייפן דאָס הייליקע פייער, וואָס ברענט אין זיי ?... אַזוי — האָט ער זיך געזאָגט — שלעפּט מען דאָס לעבן פון אַ פאַרפאָלגטן וואָלף... אַ וואַגאַבונד... אַן אַסקעט, אַ מאָנאַך... נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד, נישט קיין היים. פאַרפאַלן, די „באַוועגונג” פאַרלאַנגט אָבער אַוועקצוגעבן זיך אין גאַנצן.

ער האָט זיך ראַפּטעם אויפגעזעצט, געגראַבלט אין דער פינצטער אין זיינע קעשענעס, פאַרווּיכערט, פאַרבלאָזנדיק דאָס שוועבעלע צווישן די אויפגעשטעלטע דלאָניעס; האָט זיך באַלד פאַרן מיידל אַנטשולדיקט, אַז ס'שלאָפט זיך אים עפּעס נישט, און נאָכגעפרעגט זיך דערביי, זייער אומשולדיק, ביי דער חברטע מערע, מיט אַ שעפּטשע, צי זי קען נישט אַמאָל טייבעטשקען, לייבל זיידמאַנס עלטערע טאָכטער, טייבעטשקע...

— ס'אי גוט... — האָט מערע די זאָקן־מאַכערקע, נישט אָן קאָנטיקער זויערקייט, זיך אָפּגערופן — ווער קען זי דען נישט, טייבעטשקען, דאָס בורזשויסקע טעכטערל, די קורסיסטקע ?... אַ געקאָנטשעטע... צוריקגעקערט זיך פון פּעטערבורג אויף קאַניקולן, דרייט זי זיך אַרום מיטן זאָנטיקל אויף די בולוואַרן און מאָלט מיטן פּיסקל — נאָר אויף רוסיש... אַנדערש פּאַסט איר נישט... מ'רעדט איר, זאָגט מען, רייכע שידוכים, אָבער זי האַלט זיך אין גרויסן... מ'זאָגט יאַקאָש, אַז אַרטשיק, סקאָרבניקס בנ'אָקל, דער הולטיי, „אוכאַזשעוועט” נאָך איר...

— כ'פרעג... — האָט ער זיך אַזוי ווי פאַרענטפערט — ווייל זי האָט אַמאָל געהערט צו מיין „קרוזשאָק”...

— אַזוי ? !... — האָט זיך מערע שטאַרק געוווּנדערט — עפּעס גלויבט זיך מיר נישט, אַז זי... די דאָזיקע...

און ס׳האָט אים שוין אַליין באַלד באַנג געטון, וואָס ער האָט זיך גאָר אַרויסגעכאַפּט, ער האָט אפשר נישט באַדאַרפט. געשיקט געוואָרן צו מאַכן דאָ אַ שטיקל טאָלק מיטן פּאַסקודנעם עסק ביי לייבל זיידמאַן אויפן טאַרטאַק, אין דער מיל; און — אָט קריכט אים גאָר אין קאָפּ אַריין טייבעטשקע... טאַקע, וואָס איז געוואָרן פונעם מיידעלע מיט די צעפּלעך ?...

קוים דערוואַרט זיך דעם פרימאָרגן, האָט ער דער חברטע מערע געשיקט מיט אַ פאַרקנייטשט צעטעלע, גוט פאַרשטעקט אין אַ נעטל פון דער קאָפּטע, צום חבר צאַליע, אַז איידער וואָס־ווען, וואָלט ער אומבאַדינגט געוואָלט זען זיך מיט טייבעטשקען; ווייל ס׳האָט, אַז מען וויל, אַ שטיקל שייכות צום גאַנצן ענין. ער האָט שוין אומגעדולדיק אויסגעקוקט דעם פאַרנאַכט.

דעם גאַנצן איבעריקן טאָג האָט דאָס זון־אָנגעגליטע דעכל שווער געדריקט איבערן מוח. חברטע מערע אין אין אַנדערן קעמערל, הינטערן ווענטל, געווען פאַרהאָרעוועט ביים זאָקן־מאַשינדל. זי איז געשווומען אין אַ וואָלקן שטויב. ער האָט גערויכערט איין פּאַפּיראָסל נאָכן אַנדערן, געשפּאַנט היין און צוריק, מיט גרויס אומגעדולד. ער האָט אַראָפּגעקוקט דורך אַ שפּאַרע. איבערן מאַרק האַלב־צוגעלענטע קראָמען איז געשטאַנען אַ פּאָסנער, מילכיקער תשעה־באָב. מ׳האָט שוין עפּעס געפילט פון דער פרי־האַרבסטיקער לופט דעם פאָרכט פון די אָנרוקנדיקע עשרת ימי תשובה, פון די ימים נוראים. שפּינוועבס־פעדים האָבן זיך פאַרטשעפּעט אין די ווילד־אויפגעשאָסענע טיי־רויזן, זון־רויזן און כריזאַנטעמעס אין די גערטנדלעך. אַ לייִדיקע דראָזשקע האָט געקלאַפּט איבערן שאָסיי. ס׳איז פאַרגאַנגען אין די נאָזלעכער דער ריח פון ווייניקע, רייפע ווינטער־פּירות, עפּל מיט פאַרפלאָמטע בעקלעך, לענגלעכע שמאַלץ־באַרן. און ער האָט זיך, מיט זיסן ווייטיק, געענוי דערמאָנט : אַרום ראַד קראָמען פאָרן זיך באַגינען אָן דראַבינע־פורלעך מיט פויערימלעך פון די נאָענטע דערפער. זיי ברענגען די פרוכטן פון רייפן זומער. אין וואַרעמען פאַרנאַכט, פריי פון חדר, וואַרפן יינגלעך פון געסל שטעכיקע בערעלעך אין די צעפּלאָשעטע מיידלשע קעפּ. אויף די אָפענע בולוואַרן שטייען אין גאָלד אָפּגעשאָטן דיביימער. די אויפגעפּלאַצטע קאַשטאַנען פאַלן שוין צו דר׳ערד. פון ווייט טראָגט זיך, אויסגייענדיק, דאָס סאָלדאַטסקע ליד : „דיעווקאַ וו׳ ליעס, יאַ זאַ ניעיו״... ביז שפּעט זיצט דאָס יונגוואַרג, די באַלמעלאָכעס, די נייטערקעס, אויף די בענק. גימנאַזיסטקעס דעקלאַמירן פאַרבענקט : „אוניסיו דושו מאַיו וו׳ טו טשודנויו דאַל״... (טראָג אַוועק די נשמה מיינע אין דער גאָרער, ווונדערלעכער ווייט...).

נישט פריער ווי מיטן ערשטן שאָטן, האָט אים, ליפּען, חבר צאַליע אַוועקגעפירט צום הויז אויפן „ביעווסקי פּראָספּעקט״. זיי האָבן זיך פאַרבייגעשלייכט די פענצטער פון משמר בית מדרש. זיי זענען אין מילדן אָוונט געשטאַנען האַלב־צעעפנט. די בייטאָגעדיקע היץ האָט זיך אַ ביסל אָפּגעזעצט. יידן זענען געזעסן אויף נידעריקע בענקעלעך, אָנגעלענט, און געזאָגט מיט אַ צעוויייטיקט האַרץ קינת איכה, געקלאָגט אויפן חורבן בית־המקדש, מיט אַ געבראָכן קול, אונטערגעקרעכצט : „אוי ווײ, טאַטעפאָטער אין הימל, למה רגשו הגוים ? וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל ?... דריקן, שטיקן, שעכטן. עד מתי ? ביז וואַנען וועלן מיר נאָך זיין אין גלות, ליידן פּיין און פאַרשעמונג ? חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש, ווילן זיי אונדז אין גאַנצן פאַרטיליקן״...

דער גרויסער בליץ־לאָמפּ האָט היינט נישט געברענט; די שטענדערס זענען געשטאַנען פאַרלאָזן. נאָר אַרום דיווענט, מיט די אויסגעצויגענע שאָטנס, זענען אויף די לאַנגע בענק געזעסן אַ פּאָר אָרעמע, פאַרוואָגלטע ישיבה־בחורים פון דער פרעמד, אויך וויל־לערנער, מתנגדישע יידן מיט פּאַטריאַרכאַלע בערד, ביי אָנגעטריפטע ליכטלעך, און געלערנט פאַר־זיך. תשעה באָב ביי נאַכט האָט דער מורא הוראה ר׳ שמחה־זעליג נישט געזאָגט, ווי דער שטייגער איז, זיין שיעור. א זיס, פאַר׳דבקה׳ט, אוראַלט געזאַנג איז אויפגעגאַנגען הינטער די פענצטער. ווי לאַנג איז דען, אַז ער אַליין, ליפּע, איז דאָ געזעסן, געשאָקלט זיך איבער אַ שווערע סוגיא ? די געהיימע בראָשורן, די רוסישע ביכלעך פון בעלינסקי, פּיסאַרעוו, פון לעוו טאָלסטאָי, וואָס ער האָט זיי געהאַט פאַרשטעקט אין אַ שטענדער, האָבן אים אויפגעמאַכט די אויגן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ ברייטע, שיינע וועלט, אַ וועלט פון וויסן, פון וויסנשאַפט, פון שווערער פּראַצע און אויסנוצערישן קאַפּיטאַל...

אָבער די זיסע, אוראַלטע נגינות פון נעילה, פון דער בית־המדרש־באַנק, זענען אים לאַנגע יאָרן נאָכגעגאַנגען, אומעטום, ווו ער האָט זיך נאָר אַרומגעוואַלגערט. אַנט־לויפן דערפון איז איין זאַך, אָבער — דאָס איז אים מאָדנע שאַרף קלאָר געוואָרן — מיטנעמען דאַרף מען מיט זיך דאָס דורותדיקע, דאָס באַשטענדיקע, וואָס אָט די יידן טראָגן מיט זיך.

זיי באַנעמען עס אָבער נישט. מען פּלפּולט זיך נאָך דאָרט אַלץ אויף די צוזאַמענ־פאָרן, אין די פּאָלעמישע אַרטיקלען, צי מיר זענען אַ פאָלק...אַ מינדערהייט... אַ רעליגיעזע סעקטע... און ער האָט פּלוצעם געהאַט דאָס שאַרפע געפיל, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן נאָך אפשר אויך נישט אַלץ אין אונדזער לעבן פאַרענטפערט. אָבער וואָס איז דער תכלית ? דאָס אָרעמע פאָלק, אין רעליגיעזער פינצטערניש, אין ביטע־רער נויט, ווערט פּילפּאַכיק געדריקט, סיי פון די צאַרישע סאַטראַפּן, סיי פון די איי־גענע בלוט־זויגערס. זע, ווי זיי זענען זיך דאָ פונאַנדערגעוואַקסן פון פרעמדער פּראַ־צע — מויערן, קאַמעניצעס, מילן, טאַרטאַקן, גאַרבאַרניעס, גרויסע איינפאָר־הייזער, סקלאַדן, צעלייגט אין די טיפע הייף. ס׳איז קלאָר — נאָר דער געמיינזאַמער קאַמף, צוזאַמען מיטן נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט, מיטן פויערטום, מיט אַלע אונטערדריק־טע פעלקער, וועט אונדז אויך באַפרייען פון די אייגענע און פרעמדע קייטן פון שקלאַפעריי...

קאַפּיטל ניין

די ביטערע עקשנים

דעם אמת געזאָגט, איז לייבל זיידמאַן אַליין אויך אַ קאַפּיטשקע געכאַפּט געווען אין דער גאַנצער מעשה מיט די חיבת ציון. ס׳איז, נאָך אַלעמען, אַ באַלעבאַטישע זאַך, האָט ער באַקלערט. ער אַליין האָט אויך ליב געהאַט אין אַ פרייע מינוט אַריינ־

צובליקן אַמאָל אין אַ ספר׳ל, טאַקע פון די ספרים חיצונים, אין „הזמן״, דער עיקר אין דער „הצפירה״, וואָס דער וואַזשנער קאָפּ, נחום סאָקאָלאָוו, גיט אַרויס אין וואַר־שע. ער איז גיכער געניוגט געווען צו וועלט־ענינים, כאָטש ר׳האָט זיך נאָך אָפּטער פאַרנאַכט־צייט געפּלעגט אַריינצוכאַפּן אין משמר־בית־מדרש, לערנען מיט דער חברה ש״ס אַ בלאַט משניות. דאָרטן טאַקע האָט ער איין מאָל אויסגעהערט אַ דרשה פון אַ מגיד. ס׳איז געווען דער באַרימטער ביאַליסטאָקער מגיד ראַפּאַפּאָרט — אַ פייערדיקער כוח־הדיבור, פּערל האָבן זיך געשאָטן פון זיין מויל, מיט זיינע משלים, מליצות, מיט זיינע גלייכווערטלעך. האָט יענער אָבער דאָס מאָל גערעדט גאָר אַנדע־רע מיני דיבורים, באשר, אַז דאָ, אין גלות, האָבן מיר, יידן, מער קיין שום אחוזה נישט; אַז די גויים, די מלכים, די שררות, די מיניסטאָרן בלע״ז, רעדן זיך אַלע אָפּעט זייער שיינע, דיפּלאָמאַטישע רייד, אָבער סוף כל סוף צעקריגט מען זיך, צעשלאָגט מען זיך, מען גורט זיך אָן פון קאָפּ ביז פיס מיט כל מיני כלי משחית. און צו וועמען לאָזט מען דערנאָך אויס דעם גאַנצן כעס ? ווי געוויינלעך, צו יידן. חיבת ציון, נישט ווי דער שטייגער איז — פייערדיקער מוסר... דערויף האָט זיך גאָר קיינער נישט גערוכט, ווייל ס׳איז געווען באַלד נאָכן מינסקער צוזאַמענפאָר פון אַלע ציונים, נאָכן קישינעווער פּאָגראָם... דאָס איז לייבל זיידמאַן אַריין אין דער נאָז אַריין.

— איי, מה זכיתי מכל עמלי ? — האָט דער מגיד זיך צעוואָרעמט, געוואָרפן זיי־נע דאַרע, געל־באַוואַקסענע הענט פון דער קליינער בימה אַראָפּ, אין קאַרגן ליכט, צווישן מנחה און מעריב — אָנגעפּראַצעוועט, אָנגעמסחרט, איינגעריסן אַ וועלט, אַז עס קומט נישט באַלד צוגיין דער ערשטער־בעסטער „טשינאָווניק״, אָדער כוליגאַן, נעמט צו מיין גאַנץ האָב־און־גוטס און טרייבט מיך נאָך דערצו אין גאַנצן אַרויס... נאָך גוט, אַז ער לאָזט מיך ביים שטיקל לעבן... דעמאָלט בין איך שוין אין גאַנצן אויס קאַפּעלוש־מאַכער... דערום, רבותי, דאַרפן מיר טאַקע האָבן אָן אייגענע „קאַזנאַ״, אייגענע „וואָיסק״, פאַרוואָס טאַקע נישט ?... אַז מען זאָל קענען ביישטיין עמלקן, ער זאָל אונדז נישט פּאַרטיליקן...

ווייל נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, זענען אַלץ מער דערגאַנגען שמועות, אַז געזונטע יידן, קצבים, טרעגערס, בעלי עגלות, ווי אויך די סטודענטלעך, אין די ווייטע שטעט, לאָזן זיך אַרויס אין גאַס מיט אייזנס, מיט דישלעס, מיט רעוואָלווערן אַפילו; נעמען זיך צונויף, צו שאַפן אָן אייגענע זעלבשוץ, אַ „סאַמאָאָבאָראָנע״, ווי זיי רופן עס. מיטן בלויזן פאַסטן תעניתים, זאָגן תהילים, האָט מען שוין לאַנג פאַר־שטאַנען, וועט מען זיך נישט ראַטעווען פון גוישקער רציחה...

— טע, טע, טע... גאָרנישט קיין נאַרישע דיבורים... — האָט לייבל אָפּגעמאַכט ביי זיך, געזשמורעט ס׳לינקע אויג, געמורמלט, אַהיימגייענדיק באַזאַכט פון משמר־בית מדרש — ס׳איז אַ ז אַ ך ...

און אַז מ׳איז דערנאָך אַריינגעקומען צו אים פון דער חברה ציונים, האָט ער זיך טאַקע געלאָזן קאָסטן. פאַר וואָס נישט ? — אַ שקל, אויסקויפן באַדן ביים טערק... נישט נאַריש... — האָט ער זיך געגלעט פון אויבן אַראָפּ דאָס קרומלעכע לאָפּעטע־בערדל, וואָס איז שוין באַצייטנס געווען סיוולעך. ער האָט זיך געשטעלט שיין, מנדר געווען מיט אַ ברייטער האַנט.

פון די בעלי מלאכות, דערפאַר, ווער רעדט נאָך פון די „צער בעלי חיים״, וואָס גייען צו דיר מיט אַ מעסער, ווילן נאָר אַראָפּוואַרפן ניקאָלאַיקען פון בענקל, האָט ער

געמאַכט ס׳גרעסטע געלעכטער. וואָס ווייס עס ? עמי הארצים ! דאָס ווייס נאָר צו מאַכן „זאַבאַסטאָווקעס", „סטאַטשקעס", איינרייסן מיט מלכות. אַ ייד, פאַרגעסן זיי, דאַרף גיין שטיל אויף דער ערד, טראַכטן וועגן אַ העכערן תכלית... און צום נייעם זמן האָט ער טאַקע מער נישט אַריינגענומען צו זיך די יידישע באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן פריער געדרייט ביי אים דאָס ראָד ביים אויסקוועטשן דעם זשעפּאַק אויף אייל. דאָס זעלבע אויך — אין מיל, אין טאַרטאַק, ווו זיי האָבן געשלעפּט, געטראָגן, גע־טאַשטשעט. ער האָט אויך אין זעלבן יאָר געלאָזן אַראָפּברענגען אַ דאַמף־מאַשין מיט טראַנסמיסיע־פּאַסן. דער מאָטאָר האָט געקלאַפּט אין דער לאַנגער שאָפּע, דאָס גרויסע ראָד האָט זיך געדרייט, אָן מענטשלעכער, אָדער פערדישער מי. דאָס רויכל האָט גע־זעצט דורך די הויכע קוימענס איבערן נייעם צינק־דאַך. גויים, בלויז גויים האָבן באַ־דינט די מאַשין. ס׳האָט טאַקע אויסגעמאַכט אַ סך ביליקער, ס׳איז אויך צוגעגאַנגען אַ סך שנעלער.

„נייע צייטן... — האָט ער געברומט, שטייענדיק אויפן גאַניקל פון קאָנטאָר, און אַראָפּגעקוקט צום ברייט־פונאַנדערגעוואָרפענעם פּלאַץ, פאַרוואַלגערט מיט געהילץ, מיט פּעסער, פאַרשטעלט מיט פויערישע פורלעך, די פערד אויסגעשפּאַנט — א וועל־טעלע, האַ ?"... אין די גרויסע שטעט, האָט מען זיך אַנדערצײלט, לויפן שוין קאַליאַסן, אָן פערד... מ׳צאַפּט וואַסער פון דער וואַנט... ס׳בלענדן לאַמפּן פון עלעק־טריטשעסטווע... ער איז זיך היפּש פונאַנדערגעוואַקסן אין די פּאָר יאָר — וועלדער, מילן, טאַרטאַקן, „פּאַדריאַדן" אין דער פעסטונג אויפן בוג. אָבער וואָס קומט אַרויס ?

אַקעגן וואָס איז עס אַלץ גערעדט געוואָרן ? טאַקע אַקעגן די איידעלע, באַלע־באַטישע יונגעלייט, די זין פון אַלטן העברעאישן לערער ר׳ יחיאל גאָלדבערג. זיי קומען אַריין צו אים אין הויז. זייער ווייל, אָבער קיין תכלית איז עס פּאָרט נישט. עפּעס מיט ביכלעך פאַרנעמען זיי זיך. חיבת ציון... ביכלעך... פאַנטאַזיעס... בטלנים, זיי זאָלן מיר מוחל זיין. ס׳איז נישט אונדזער שטייגער. דאָ שטייען אין קאָן מסחרים, „פּאַדריאַדן", אַ בין־יחיד, אַן איינציקער יורש... מ׳דאַרף קענען קוקן אַ ביסעלע ווייטער. איז זי אָבער אַ נארישע ציג, זיין טייבעטשקע, אַ ווילדער שטיק עקשן — ווי ער אַליין. ווייל צוליב וואָס האָט זיך דען סאַלאָמאָן סקאַרבניק עפּעס עפּטער גענומען אַראָפּיאַווען אין שטאָט אַריין ? מען איז לאַנג געזעסן אָפּגעשלאָסן הינטער דער פאַרמאַכטער טיר אין קאָנטאָרל, אין אַ טומאַן פון ציגאַרן־רויך. וועגן וואָס דאָרט איז גערעדט געוואָרן, האָט קיינער אין הויז נישט באַדאַרפט צו וויסן. טאַקע, ווען באַדאַרף עס דען לייבל זיידמאַן אָפּגעבן ראַפּאָרטן ?

אָבער זי, טייבעטשקע, האָט עס באַלד בחוש דערפילט וועגן וואָס ס׳ווערט דאָרט אַזויפיל גערעדט, געשושקעט זיך הינטער די שווערע, דעמבענע טירן אין הויז; אַז ס׳גייט וועגן איר און... אַרטשיקן. האָט זי זיך אַזוי הילכיק צעלאַכט, אַז ס׳איז פּלוצעם געוואָרן — אומהיימלעך. זי האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, האָט אַפילו נישט גע־וואָלט מער הערן, וואָס מען רעדט צו איר. און ווען דער טאַטע האָט גענומען צושטיין, האָט זי געסטראַשעט, אַז זי וועט אַנטלויפן פון שטוב, אַז זי וועט זיך דאָס לעבן נע־מען און... האָט געלאַכט. פון אַזעלכע סאָרט רייד איז אָבער לייבל אויף אַ האָר נישט נתפעל געוואָרן. עט... קינדערייען... אים, אַז ר׳האָט עפּעס געזאָגט, האָט קיינער אין דער וועלט נישט געקענט איבערשפּאַרן.

נאָך די געוויינען, נאָך די פאַרשטיקטע סקאַנדאַלן הינטער די אָפּגעשלאָסענע

טירן אין הויז, האָט מען פון דעסטוועגן קוים געפועלט ביי דער מויד מ׳זאָל דערוויילמאַכן אַ „וואָרט", נישט מער ווי אַ „וואָרט". איז נישט קיין תנאים, ווי ס׳פירט זיך, נישט אויפצורייסן ביי לייטן די אויגן. ס׳זאָל, הייסט עס, צוגיין שטיל. אָבער זי האָט קיינעם גאָרנישט צוגעזאָגט, טייבעטשקע. אין אַ שבת־צונאַכטס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין הויז אַרייך ר׳ סרולטשע דייך מיט נאָך אַ פּאָר חשובע באַלעבאַטים. מ׳איז לאַנג געזעסן אַרום פאַרעדיקן סאַמאָוואַר, מער געמרוקעט ווי גערעדט, אונטערגעקרעכצלט, ביז מ׳האָט פאַר די פּאָר יידן, די עדות, מקבל־קנין געווען מיט אַ רויטער פאַטשיילע. מ׳האָט דערנאָך געטרונקען כמעט אַ וואָכעדיקן לחיים.

טייבעטשקע איז אויף אַ ווײַלע אַרייַנגעקומען פון אַ זייטיקן חדר, אַ פאַרשלאָסענע אין זיך, אַ שטאָלצע, ווי די גאַנצע שמחה וואָלט זיך מיט איר אין גאַנצן נישט אָנגעקערט. זי האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל סאָפע, אַ ווייס שאַלעכל אויף די אַקסלען, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. זי האָט אַפילו נישט אומגעדרייט דעם שיינעם, שטאָלצן קאָפּ אירן, אויסצורעדן אַ וואָרט צו אַרטשיקן. ער איז דאָרט געזעסן ביים טיש, שטייף, מיט צערויטלטע בעקלעך און שיינענדיקע אויגן, ווי ביי אַ חדר־יינגל. זי האָט טיף אין זיך געוווסט, געווען מער ווי זיכער, אַז ביי ד ע ם וועט עס נישט בלייבן. כאָטש ביי דער מחותנתטע פריידע־לאה האָבן שוין באַצייטנס געפלאַמט די באַקן, פון פאָרען זיך אין הויז. זי איז געווען אַ פראָסטע יידענע, אַ גוטהאַרציקע, לייכט אויף טרערן. זי איז שוין באַצייטנס אַרומגעלאָפן איבער די קראָמען, איינצוהאַנדלען דעם רייכן אויסשטייער פאַר דער עלטסטער טאָכטער. זי האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון דער גילדערנער קאָליע און פון דער ברילִיאַנטענער בראָש, וואָס דער מחותן האָט באַלד צוגעמאָרגנס געלאָזט צושיקן פאַר דער כלה.

אָבער טייבעטשקע האָט זיך צו די אַלע שיינע מתנות אַפילו נישט צוגערירט, נישט אומגעקוקט זיך אויף זיי. לייבל, אַ פאַרמוחטער נאָך אַזאַ שווער שטיקל אַרבעט, האָט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבערן סאַלאָן, געגלעט זיך דאָס סיוולעכע לאָפּעטעבערדל אין דער קרום, אונטערגעברומט, געגנוג צופרידן דאָס מאָל. ער האָט זיך גאַנץ שיין אויסגעלאַכט פון די אַלע מיידלשע שטיק. ער האָט זיך פּשוט באַקלערט, אַז ביזן זמן חתונה איז נאָך היפּשלעך ווייט; ווייל ס׳איז געבליבן, אַז די בתולה „שטונדירט" דערווייל ווייטער אויף אַקושעריע אין פּייטערבאָרג, ביזן אַנדערן יאָר, שבת־נחמו, מ׳זאָל עס דערלעבן. און ביז איבער אַ יאָר — איז גאָט אַ פאָטער...

דערווייל איז שוין געווען אַ שטיק נאָך שבועות. ס׳האָבן זיך געשטעלט די הייסע וועטערן. האָט לייבל, וואָס האָט פיינט געהאַט צו פיל זיך מצער צו זיין, אייִדער וואָס־ווען, גענומען ס׳ווייב מיט די אַנדערע צוויי אונטערגעוואַקסענע מיידלעך, און איז, ווי יעדעס יאָר, אַראָפּגעפאָרן אין די זוּיסלענדישע בעדער.

אין דעם זומער איז טייבעטשקע פאַרבליבן איינע אַליין אין רחבותדיקן הויז אויפן „ביעוווסקי פּראָספּעקט".

קאַפּיטל צען

אין פאַרנאַכטיקן זון־בלענד

טייבעטשקע, אָדער טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ, אין זומערדיקן סיטצן־קלייד אין ווילדע קווייטן, כמעט ביז צו די טריט, אין פּאַלבן, אין פעלבעלעך, פאַרנומען פון הינטן אַרום דער שמאָלער טאַליע, אין אַ שלייף, מיט בופאַן־אַרבל, אין ווייסע הענטשקעס, האָט אין פאַרנאַכטיקן זון־בלענד דורכגעשניטן דעם בולוואַר, אונטער די קאַשטאַנען. דאָס אויפגעשטעלטע זאַנטיקל איבערן ברייטן פּאַנאַמע־הוט, ס׳בלויע בענדעלע אונטערן האַלדז. דאָס דורכזיכטיקע שאָטנדל האָט נאָך בולטער אויסגעטיילט די חנוודיקע קלייענדלעך אַרום סלאַוויש־פּאַרריסענעם נעזל, די בולטע קינעץ. ס׳איז געווען גרויס־שטאָטיש, פאַרכאַפּנדיקס, אויסערגעוויינטלעכעס אין דער שוועבנדיקער געשטאַלט, אויפן פּאַן פון קאָכעדיקן „ניעווסקי פּראָספּעקט„ אין דער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט, אויפן בוג.

איזוואָשטשיקעס אויף די קעלניעס, באַלמעלאָכעס דורך די נידעריקע פענצטער, „פּריקאַזשטשיקעס“ ביי די געוועלב־טירן, און אַפילו דער פּאָליצייסקע אויפן ראָג, מיט דער שווערד, מיט די ווילדע וואָנסן — אַלע האָבן זיי איר נאָכגעקוקט, געפרעסן מיט די אויגן, ביז זי איז פאַרשוווּנדן; זי האָט זיך טענצלענדיק אויפגעהויבן מיט די ברייטע טרעפּ, דורכן פאַראַדנעם צופאָר, צום צווייטן שטאָק, מיט דער שורה פענצטער צום בולוואַר אַרויס.

אין מיטן הייסער זומער איז דער אויפגעקומענער נגיד ר׳ לייבל זיידמאַן, צוזאַמען מיטן ווייב, מיט די אונטערגעוואַקסענע טעכטער, ווי געווינלעך, אַרויסגעפאָרן אין די אויסלענדישע בעדער; געפאָרן איז ער היילן די קראַנקע לעבער, צוליב דער יידענעס ווייבערישע מיחושים, און טאַקע פאַר אַ סגולה־וועגן צו טון לייטישע שידוכים מיט די טעכטער. ער איז פון דעסטוועגן אין דעם זומער אַוועקגעפאָרן אַ ביסעלע אומרואיק. די צייטן זענען נישט געווען קיין גאַנץ זיכערע. עפּעס האָט זיך דאָרט נאָך אַנאַנד געטומלט, גע׳רעשט אין די גרויסע רוסישע שטעט. אויך איז ער אומרואיק געווען צוליבן רושם, וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט אַלע יידישע באַלמעלאָכעס פון טאַרטאַק, פון מיל, פון דער אַליניצע. אָבער צוריקגעשמועסט, אויף וואָס באַדאַרף ער זיי? „דאָס האָט אַ גרויס מויל, פּאַדערן, הערסטו! און מאַכן אים פּשוט קאַליע די גויים אויך“. אָבער דער עיקר איז ער געווען נישט אין גאַנצן רואיק צוליבן איבערגעאיילטן „וואָרט“ פון זיין טייבעטשקען מיט אַרטשיקן. ס׳האַרץ האָט אים עפּעס קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט; און דאָ איז זי איינע אַליין אין הויז, טייבעטשקע.

אַרטשיק איז פאַרבליבן וווינען אין זיין צערודערטער בחורישער קוואַרטיר. אין טאַטנס ראַגאָווער, רויט־ציגלדיקער קאַמענציע, כמעט אויסער דער שטאָט, קעגנאיבערן „קייסערס סאַד“. מיט דער מוטערס אָפּשטאַרבן, איז דאָס רחבותדיקע הויז, ווו ס׳האָט אַ מאָל געקאָכט אַ לעבן, אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען, געפּוסטעוועט. די

די משרתים און דינסטן זענען זיך צעלאָפן. די צימערן זענען געשטאַנען פאַרהאַקט. אַן אומעטיקער ווינט האָט געהוילט אין די אַלטע לופטעס. אַרטשיק אַליין האָט נאָך כלומרשט שטודירט, האָט זיך אַרומגעשלעפט האַלבע נעכט מיטן שיינעם לייט, דעם לעבע־יונג מישקע סאַרווער, אַ זונדל פון טעאַטער־דירעקטאָר, אין די קאַפּיינעס, אויפן „ביעוווסקי פּראָספּעקט", אין דער פיינער גוזעלשאַפט פון פאַרדעכטיק־שיינע סוברעטינס; אויפגעשטאַנען שפּעט אין טאָג אַריין, אַ שויבערדיקער, אַ נישט־געגאָלטער, מיט אַ זויערלעכן איבל אין מויל; צערוקט די שווערע פאָרהאַנגען, געצויגן זיך, געגענעצט, געפּראַוועט פרימאָרגן־גימנאַסטיק, פאַראַדירט אין זיינע פּיזשאַמעס מיט די פאַרביקע פייגל און קווייטן. ער איז געשטאַנען אויפן ברייטן באַלקאָן, אַראָפּגעקוקט צום ברעג טייך, באַרג־אַראָפּ, ווו ס'האָבן זיך אויף די ליידיקע שטחים אויסגעשפּרייט דעם טאַטנס שותּפותדיקע „פּאָדריאַדן" — דער טאַרטאַק, די מיל, די אָליניצע; און באַלד דערלעבן — שעפּסל קאָניוכס גרויסער איינפאָר־הויף מיט זיינע באַלעגאָלישע פערד און לייכטע רייט־פערדלעך אין די שטעלער. אַלע פּאָר טעג האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו לייבל זיידמאַן אין קאַנטאָרל, ער זאָל אים זען אויסצאָלן אַ פּאָר רובל, עד לחשבון. לייבל האָט אים אויפגענומען ברייט, כמעט ווי אַ בן־בית, מיט אַלע זיינע שמייכעלעך און מיט — חשד; נישט גוזשאַלעוועט אים, חלילה, אויסגעצאָלט אים וויפל נאָר ער האָט פאַרלאַנגט. ער האָט עס באַלד דערנאָך אַלץ געננוי, פּינקטלעך פאַרשריבן ביי זיך אין די קאַנטאָרסקע ביכער, וואָס ער האָט אַליין געפירט, מיט אַ דראָבנעם העברעאישן כּתב, פון איין זייט — נתתי, פון דער אַנדערער זייט — לקחתי, צוטשעפּענדיק אַרטשיקס אונטערגעחתמעטע פּאַפּירלעך.

ס'איז אים, שוין באַלד אין אָנהייב, פיינלעך־קלאָר געווען, אַז „פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין"... פאַרפאַלן, האָט ער זיך געזאָגט, אפשר איז טאַקע אַזוי באַשערט ? ער האָט אַלץ מער אָפּגעצויגן מיטן זמן־חתונה, איז צופרידן געווען, וואָס סאָלאָמאָן סקאָרבניק וויזט זיך דערווייל נישט אַראָפּ אין דעם זומער. ווייל אויך טייבעטשקע האָט זיך קנאַפּ־וואָס איבערגענומען פון „וואָרט", פון דעם, וואָס די פּאָר אַלטע יידן האָבן דאָרטן אַנומלטן, אין אַ שבת־צונאַכטס, מקבל־קנין געווען מיט אַ רויטער פאַטשיילע, און די מאַמע — זי איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעפלאַמט פּנים פון נחת. טייבעטשקע איז אָבער געשטאַנען אַ סך העכער פון אַזעלכע קליינינקייטן. אַז מ'האָט ביי איר גאָרנישט געקענט אַרויסקריגן אויך, זי האָט, נאָך אַלעמען, גאָר נישט צוגעזאָגט. מיט איר שטילער, שמייכלענדיקער עקשנות, האָט זי, נישקשה, געהאַט אין ווענען אַריינצוגעראָטן; האָט אים געלאָזן לויפן, אַרטשיקן, אים אויסגעמיטן, אויף דער שוועל נישט געלאָזן, ווען ער האָט אַ מאָל פאַרבלאָנדזשעט און אַ קלונג געטון אין דער פאַראַדנער טיר. ער האָט עס גלייך פאַרשטאַנען, אַרטשיק. טייבעטשקע האָט נאָך נישט געוווסט געננוי, ווי אַזוי ס'וועט זיך אויסלאָזן, נאָר זי האָט האָט געפילט, געווען מער ווי זיכער, אַז אין דעם זומער וועט אַלץ שאַרף אַנטשיידן ווערן אין איר לעבן; און דאָס האָט איר אַריינגעבראַכט אין אַ מין העזהדיקער הייטערקייט.

דער „קרוזשאָק", דאָס אינטעליגענטן־קרייזל, וואָס האָט גערוישט אין הויז ביים העברעאישן לערער ר' יחיאל, האָט זיך אין די הייסע פאָר וואָכן אין גאַנצן אַריבערגעטראָגן צו לייבל זיידמאַן אין הויז אַריין. מיטן הויכן גרעק, מיטן זאָנטיקל, איז טייבעטשקע געשווומען איבער די פאַרנאַכטיקע בולוואַרן, אין זוניקן בלענד, אַרומגערינגלט מיט די יונגעלייט. זי האָט קיינעם נישט געפרעגט, קיינעם נישט באַדאַרפט

אָפּצוגעבן קיין חשבון. זי האָט פאַרנאַכט־צייט די גאַנצע פריילעכע באַנדע פאַרבעטן צו זיך, ווי זי וואָלט געזוכט אָפּצוטון אַלע צו־להכעיסן אין הויז. פאַר די פאַרבעטענע געסט האָט זי געעפנט אַלע קרעדענס, אָנגעשטעלט אַ פולן טיש מיט וואַרעניע, סאָקן, איינגעלייגטע קאַרשן, מאַלינעס, משקה, אַוועקגעשטעלט דעם בייכיקן טולער סאַמאָוואַר אויפן טיש; ער האָט געסיקעט, געזעצט מיט פאַרע און פונקען, אַז די טיש־טעכער זענען פאַררויכערט געוואָרן. אַפילו דעם טאַטנס שאַכטל אַראָמאַטישע ציגאַרן, וואָס ער האָט געפלעגט אַ מאָל צו פאַרציִען אין אַ חול־המועד, האָט זי ערגעץ־ווו דערטאַפּט אין די אונטערשטע שופלאָדן, און ברייט מכבד געווען דעם עולם. די סאָ־פעס, די פאָטעלן זענען געווען באַזעצט און באַלייגט. מ׳איז געשוועמען אין רויך, אין רעדערייען, אין דיסקוסיעס, אין געלעכטער, אין געזאַנג.

ווען דער לאַנגער, פאַרסאַדזעטער צאַליע איז פאַרנאַכט־צייט געקומען שטיל און פאַרזיכטיק אַ גראַבל טון אין דער טיר, אָנזאָגן טייבעטשקען וועגן ליפּעס אומגע־ריכטן אַראָפּיאָווען זיך אַהער, און אַז ער וויל אומבאַדינגט זי זען, איז זי אַ רגע געבליבן שטיין ווי צעחושט. אַ בלייכקייט האָט זי באַשלאָגן. קודם איז זי געלאָפן פאַר־ציִען די שווערע גאַרדינען צו דער זשומענדיקער גאַס. זיי האָבן דאָרט אין זאַל, אין דער מיט פון געלעכטערן, גאַרנישט באַמערקט איר צעררודערטקייט. אָט איז זי, דוכט זיך, געווען אויפגעהייטערט, ראָז־פאַרפלאַמט, און — פּלוצעם.

— טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ... וואָס איז געשען ? — האָט דאָרט עמיצער, אַליין אויך אומרואיק, אַ פרעג געטון ביי איר.

זי האָט זיך נישט באַלד אָפּגערופן, איז זייטיק אַוועק צום פינצטערלעכן קאָרי־דאָר, געוואָרט מיט אַ טיאָכקענדיק האַרץ אויף די שטילע, פאָרזיכטיקע טריט פון יענ־נער זייט טיר.

געקומען איז ליפּע אָנקלאָפּן, אַזוי פאָרזיכטיק, ווי אויף אַ געהיימער „יאַוו־קע". ס׳איז שוין געהאַט צוגעפאַלן די נאַכט. אָבער אין טונקעלן קאָרידאָר האָט זי באַלד דערכאַפּט דעם היימישן סילועט, די פּלייצע אַ ביסל געבויגן, דער קאָנטיק־געשניטענער קאָפּ. אויף דער שוועל איז געשטאַנען כמעט דער זעלבער ליפּע, נאָר די שלייפן — פאַרגרויט; דאָס האָט זיך אַפילו אין האַלבן טונקל באַלד אָנגעזען.

— טייבעטשקע... — האָט ער זיך, זייער היימיש אָפּגערופן ווי נעכטן ערשט וואָלט עס געווען — גלויב מיר, אַז דו דערקענסט נישט...

— כ׳דערקען, חבר ליפּע... — האָט זי געשטאַמלט, צו־האַסטיק אַ פאַרריגל גע־טון די טיר הינטער אים; זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, אָבער נישט באַלד אַריינגעפירט אים צווישן די געסט אין זאַל. פון פאָדער־קאָרידאָר האָט זי אים גע־פירט אַרויפצו, אין אַ זייטיקן חדר, אַרומגעקוקט אים, צי ער וועט נישט אַרויסרופן קיין באַזונדערן פאַרדאַכט. זי איז געלאָפן בעסער צולענגן די טיר צום זאַל. אין איר באַוועגן זיך איז געווען אי פאַרכט, אי צו־להכעיס. נאָך איידער זי האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן אין דער שטול דערלעבן, האָט ליפּע זיך באַלד אָפּגערופן :

— כ׳הער, טייבעטשקע, אַז מען גייט דיר דאָ פאַרשלייערן דעם קאָפּ מיט סקאָרבניקס בנ׳אָקל... אַ שיינער לייט ! זאָג דו אַליין !

ס׳פאַרפלאָמטע מיידל האָט לאַנג געשוויגן, דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישן די הענט. ליפּע האָט געפּילט ווי אירע אַקסלען ציטערן. נאָכן קורצן, פריילעכן אויפלאַכן, האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אַ קנייטשל אַרום איר דין־געצייכנט מויל. זי האָט גע־

וואָלט עפּעס זאָגן און נישט באַלד געוווסט ווי אַזוי. אין האַלדז איז איר געשטאַנען אַ שטומע קנויל.

— ס'איז אמת... — האָט זי קראַנק געשמייכלט — כ'וועל אין גיכן גיין צו דער חופּה... אַזוי וויל דער טאַטעשי... די געשעפטן זיינע...

ס'שלאַנקע מיידעלע מיט די צעפּלעך... כמעט אַ קינד... און אַצינד זיצט פאַר אים — אַ צעבליטע פרוי, אַ קורסיסטקע. ער האָט נעפלדיק פאַרשטאַנען, אַז זי איז דאָרט, אין פּעטערבורג, אַוודאי אויך פאַרבונדן געווען מיט די קרייזלעך. ווי דען אַנדערש ? מיט די געהיימע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך, אָדער אפשר גאָר מיט די ציוניסטישע קרייזלעך...

— טייבעטשקע... טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ... — האָט ער זיך אָפּגערופן — אַזעלכע ווי דו באַדאַרפן די יידישע אַרבעטער צו האָבן... די אינטעליגענץ דאַרף גיין מיט די מאַסן...

און ער האָט זיך געגנוי דערמאָנט, ווי ער איז דעמאָלט געקומען צו איר טאַטן אין הויז אַריין, אונטערהאַנדלען, אין נאָמען פון שטרייק־קאָמיטעט, קלאַפּן אין טיש אַריין... ווי זי איז אים דערנאָך נאָכגעלאָפן, ווען פּאָליציי איז אָנגעפלויגן, באַהאַלטן אים אין די שאַפּעס הינטערן הויז. און — אפשר וועט אויך איצט אויסקומען...

זי האָט זיך אויפגעריסן, אַנטשלאָסן, אריינגעפירט אים אין זאַל אַריין. אַזוי איז מען שוין דערנאָך געזעסן בייזאַמען, אין היימישן רויך, געוועדטלט זיך, געלאַכט, ביז עס זענען ווידער אַרויפגעשוואומען די תוכיקע פּראָבלעמען. קיינער פון זיי האָט מער גאָרנישט געפרעגט, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען אויפן ווונק. אָבער זעט אויס, אַז אַזאַ איינער, אַן אַנטלאָפענער פון סיביר, פאַרפאָלגט פון דער „אָכראַנע", קען נישט אַלץ פאַרדעקן. ער האָט עס גאָרנישט געוואָלט אויך. דער זייטיקער, דורכגעליטענער בליק ליפעס פון אונטער די צוויקערס — שטרענג, ניכטער, פון אַן עקשן און פון אַ גלויביקן. ער האָט דאָ מער גאָרנישט געהאַט וואָס אויסצובאַהאַלטן. ער האָט זייער היימיש צוגערוקט צו זיך דעם סאַמאָוואַר, אָנגעגאָסן זיך אַ גלאָז טיי, געדרויכערט איין פּאַפּיראָסל נאָכן אַנדערן, און באַמיט זיך צו דערכאַפּן דעם וויכוח, וואָס איז דאָ געגאַנגען צווישן בחורל מיט די שאַטיגע קוטשערן פון אונטערן געפּלאַצטן קאָזיראָק פון זיין גימנאַזיסטיש היטל, מיט אברהמען; אברהם האָט שמעוודיק צוגעשוויגן, גע־ביסן די פולע ליפּ, אָבער מ'האָט געפילט, ווי די הענט גיסן זיך אים אָן אין פויסטן. געענטפערט האָט ער זייער האַסטיק :

— די ביל'ו אין די אַכציקער יאָרן איז הייליק גערעכט געווען. מיר האָבן דאָ קיין שום גוטס נישט צו דערוואַרטן, אַחוץ פּאָגראָמען ! מיר קענען זיך אַפילו רעכט נישט פאַרטיידיקן. גוט, די זעלבשוץ... אָבער די „שוואַרצע מאה" איז סוף כל סוף שטאַרקער פון אונדז...

דאָס מאָל האָט אברהם שוין געהאַט דורכגעבערענט אין זיך אַלע קרייזן; אַפילו טייבעטשקען האָט ער דרייסט געקוקט אין די אויגן. בפרט, אַז ביי זיין זייט איז גע־ווען — חנה'קע, ס'דאָרפישע, לאַכנדיקע, געזונטע מיידל. ס'האַרץ האָט אים אָבער וויי געטון פאַרן טאַטן, פאַרן ייִנגערן ברודער זיינעם, מנחם, וואָס האָט זיך נאָך דאָ אַרומגעדרייט ווי אויפן עולם התוהו.

— מען פאַרמאַכט די לאָדן און מען פאָרט קיין אַמעריקע... — האָבן זיך מנחמ'ס

שיינע ביר־אויגן אַנגעגאָסן מיט אַ טרויעריש גלענצל — דאָרט, זאָגט מען, גייט־אויף אַ נײַ יידיש לעבן.

— אַ נײַער גלות... — האָט אים זײַן אייגענער ברודער אברהם דערווידערט — פון אַלע גלותן מוזן מיר לסוף אַוועק, אַנטרינען...

— ס׳גאַנצע פאָלק קען נישט אַנטרינען... — האָט ליפּע קאָמאַשנמאַכער דאָ צום ערשטן מאָל געלאָזן הערן דעם מעטאַל פון זײַן שטימע, געקלעפּלט מיט אַ פינגער אין דער אויסגעליידיקטער גלאָז, אַנגעגאָסן זיך פון סאַמאָוואַר נאָך אַ גלעזל טיי, און הינטער זײַנע צוויקערס — עפּעס אַ בייז פייערל — דאָ, אויפן אָרט, מוזן מיר זיך פאַרטיידיקן, צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע פעלקער...

— די אונטערדריקטע פעלקער... — האָט אברהם געפּרוווט אַרויסצולאַכן, נאָר ס׳האָט זיך עפּעס נישט באַקומען — זיי זאָרגן זיך זייער שטאַרק פאַר אונדז... ווער האָט זיך פאַר אונדז אָנגענומען אין קישינעוו? די גוטע גויים, טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ, ווען אייך אויסדריקן זייער טיפן מיטגעפיל... נו, און דערנאָך? מיר ווילן זיך מער אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן!...

דער יונגערמאַן מיט די שאַטיגע קוטשערן איבערן נידעריק־פאַרוואַקסענעם שטערן, וואָס האָט זיך גערופן מישאַ, אָדער מוישל, האָט פאַרוואָרפן דעם רוסיש און גערעדט פשוט, יידיש. ביי זײַן טאַטן אין הויז, אין פּאָלטאַווע, האָבן זיך אָפּט אויפגעהאַלטן פּאָליטיש־פאַרפאָלגטע, פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, אָנהענגער פון לעוו טאָלסטאָי׳ס שיטה. אין ענגע קרייזלעך זענען דאָרט געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן אויף פילאָזאָפישע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע טעמעס; מ׳האָט שטודירט יידישע געשיכטע, זיך געפּלפּולט וועגן יידישן חינוך — העברעאישע וועלטלעכע שולן, אָדער חדרים מתוקנים. אָט דער פּאָלטאַווער בחור האָט גאָר גערעדט נײַע מיני דיבורים:

— נישט די „איסקראַוועצעס״, נישט די חובבי ציון, אויך נישט די פון „באַזעלער פּראָגראַם״, אַנטשפּרעכן נאָך ווייט נישט אונדזער רעאַליטעט. מיר זוכן דעם סינטעז פאַרן דערדריקטן יידישן אַרבעטס־מאַן. אמת, מען קען נישט, מען טאָר נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם, וואָס ס׳טוט זיך אַרום אונדז. די פעלקער אין רוסלאַנד קרעכצן אונטערן שווערן יאָך. אָבער די, וואָס צירן זיך — מיט רוסיש אין זייער מויל, מיט דער רוסישער קולטור, זיי מאַכן אַוועק מיט דער האַנט אַלע אונדזערע ספּעציפישע נויטן... די „באַזעלער״, ווידער, זעען נישט, ווילן נישט זען די דיאַלעקטיק, דעם קלאַסן־קאַמף...

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט.

— ס׳וועט זיי אויך גאָרנישט העלפן. די סאָציאַליסטישע אידייע איז אַרײַן אין דער שוסטער־גאַס. יחידים קענען אַנטלויפן פון איין פאָלק צום אַנדערן, נישט אַ גאַנץ פאָלק. מיר ווילן זיך אַרויסרייסן פון תחום־המושב, אָבער פאַרלייקענען ז י ך? ווי קען מען עס? דורות פ אַ ר אונדז האָבן זיך געלאָזן שעכטן, ברענען, טאָקע דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט זיי דאָס, וואָס זיי זענען. דערנענטערונג מיטן אַרבעטס־פאָלק — יאָ, אָבער פוצן זיך אין פרעמדע פעדערן?

מ׳האָט געפילט, אַז דאָ האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ נײַער שטראָם, וואָס נעמט אפשר אַרײַן אַלע נישט־דערגרונטעוועטע פּראָבלעמען פון אונדזער וואָר. מ׳האָט טאַקע גערעדט אין די קרייזן וועגן פּאָלטאַווער גאון, בער באָראָכאָוו, אַז ער האָט געגעבן אַ נײַע טעאָרעטישע, וויסנשאַפטלעכע באַזע אָט דעם שטראָם.

— אויך אין בונד, הער איך, זענען זיי דערגאַנגען צום זעלבן. זיי האָבן זיך נאָך נישט דערגרונטעוועט צו דער היסטאָרישקייט אונדזערער. דער בונד טענהט, אַז דער סאָציאַליזם וועט שוין אַלץ ליזן. אמת, יידן זענען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צום באָדן, אויף וועלכן זיי לעבן. זיי זענען ביי זיך... אַזוי מיינט מען...

אין מוח איז שוין סיי ווי געווען אַ נעפּל. אַרום לאָמפּ איז געשוועמען צום באַלקן אַ טומאַן פּאַפּיראָסן־רויך. און דעמאָלט האָט ליפּע אָנגעקנעמען טייבעטשקען אין אַ זייט, צווישן די פּאַרהאַנגען.

— טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ... — האָט ער שטיל געזאָגט — ווייסטו כאָטש צוליב וואָס די „אָרגאַניזאַציע” האָט מיך אַהער געשיקט ? טאַקע צוליב דעם, וואָס דיין פאָטער האָט גענומען און אַרויסגעוואָרפן די יידישע אַרבעטער... און ווייל זייערע נישט־יידישע חברים — זענען נישט אַרויס אין שטרייק... דאָס קאָמפּראָמיטירט אונדז אַלע־מען... כ׳פאַרשטיי, אַז אַזוינע מיידלעך, ווי דו... — האָט ער נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געזאָגט.

— מיין טאַטע — האָט טייבעטשקע אָפּן, פאַר אַלעמען, גערעדט, אין אַ מין פריילעכער ביטערקייט, אפשר כדי צו פאַרהוילן דעם גרויסן סוד, וואָס זי האָט זיך דאָ נאָר וואָס דערוווּסט — ער קרעכצט איבערן יידישן גלות און עקספּלואַטירט יידן, ווי נישט־יידן...

— קיין יידן, הער איך, וויל ער מער נישט עקספּלואַטירן... — מאַכט ליפּע.

— און די אַלע גוים אייערע... כ׳מיין די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע... וואָס האָבן זיי געטון אונדז צו באַשיצן ? — האָט אברהם אַלץ געצויגן, אין דער מיט, ווי אַ ניגון — אַוודאי, די אידייען פון סאָציאַליזם זענען אַזעלכע גרויסע, אַלמענטשלעכע, נאָכ־וואָס פאַרנעמען זיך דאָרט מיט אַ פּאָר פאַגראָמירטע יידן ?...

געדיכטע, ברוינע וואָנסן האָבן ביי אים פאַרדעקט זיינע פולע ליפּן. ער איז גע־קומען מיט זיין כלה פון ישוב, לעבן אַנטאָפּאָליע, ווו יעדער ייד האָט אַ קו, אַ פערדל, עופות, אַ ביסל גרינוואַרג אַרום הויז; ווו יידן גייען באַרוועס אין דער נאָך־סוכותדיקער בלאָטע. אַזוי רעדן, ווי ער, וועגן היימישע בעלי־חיים, וועגן פעלד, וואַלד, גאָרטנ־וואַרג, האָט ליפּען אַ ביסל איבערראַשט.

ער האָט זיך שוין סיי ווי, צוזאַמען מיט זיין כלה, מיט חנה׳קען, געקליבן אַוועק־צופאָרן אין אַ קבוצה, אין ארץ ישראל. דער באַשלוס איז ביי אים געווען אַ פאַרטי־קער, אַ פעסטער. חנה׳קע האָט געשטעקט צווישן די פאָרהאַנגען, צו דער גאַס, האָט דאָ אַלץ באַוואונדערט און אַ ביסל געפאָרכטן זיך פאַר דער שטאָט. זי איז דאָ צווישן אַלעמען געווען — אַן איבערגעשראָקענע. זי האָט נישט מער ווי געלאַכט מיט די ווייסע, געזונטע ציינער. טייבעטשקע האָט געטרונקען און גערויכערט, צוגלייך מיט די יונגעלייט, האָט זיך מער נישט צוגעהערט צו זייערע הייסע רייד. דורכגעשפּרייזט דעם סאַלאָן, ווי אין טראַנס, האָט זי זיך צוגעזעצט צו דער פּיאַנע, דעם פּאַפּיראָס געלאָזן דעררויכערן זיך אויפן גלאַנציקן דעק. דער רויך איז אויפגעשטיגן אין אַ גליי־כער ליניע צום סופיט. זי האָט געבלאָנדזשעט איבער די קלאַווישן, דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן אַהינטער, ווי זי וואָלט אַקאָמפּאַנירט אַ האַרבסטיק געוויין פון פידלען. ס׳האָט אַוודאי באַדאַרפט זיין — שאָפּען. דער סאַלאָן, איינגעהילט אַצינד אין דיסקרעטן אונטן־ליכט, האָט זיך אָנגעפילט מיט מינאָרע טענער. און דאָ האָט זיך ליפּע פּלוצעם

אויפגעכאַפּט, ווי ס׳וואָלט אים אַ ברי געגעבן; כאָטש קיינער האָט שוין אפשר נישט געדענקט, וואָס אברהם האָט פריער געלאָזן פאַלן.

— און די שתדלנות אייערע ביים פּאָגראָמשטשיק פאָן פּלעווע, וווהין וועט זי אונדז פירן ? נישט שתדלנות און אויך נישט פּאָליטישער טעראָריזם איז אונדזער וועג. נאָר דער געמיינזאַמער קאַמף מיטן נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט...

ער האָט אַ בליק געטון צו טייבעטשקען. זי איז געזעסן אויף אַ שפּיץ שטול, אייך אויג פאַרקוועטשט פון דינעם רויך; און — ער איז מער אַליין מיט אַ מאָל נישט אַזוי זיכער געווען אין זיינע אַרגומענטן. דווקא דאָ ליגט דאָך דער שווער־פּונקט. צוליב דעם איז ער דאָך, אייגנטלעך, געשיקט געוואָרן אַהער — מאַכן אַ שטיקל טאָלק צווישן די יידישע און נישט־יידישע אַרבעטער. ער האָט אָבער געפּרוווט זיך אַליין צו פאַר־שרייען :

— אין נאָך־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד וועלן מיר האָבן דאָס רעכט נישט בלויז צו פאָדערן בירגערלעכע גלייכהייט, נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, נאָר אַפילו — טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע. ס׳קומט אונדז !

ער האָט זיך באַדאַכט צוריקגעוואָרפן אין שטול־אָנלען, דערמאָנענדיק זיך, אַז אַזוי ווייט איז מען נאָך אַפילו אויף די צוזאַמענפאָרן נישט דערגאַנגען...

די דראָזשקע אויף די גומענע רעדער, וואָס האָט זיך ראַפּטעם פאַרהאַלטן הינ־טער די פענצטער, פאַרן הויז, האָבן זיי קיינער אויבן אַוודאַי נישט דערהערט, אַזוי פאַרקאָכט איז מען געווען.

אין דעם מיט־זומער האָט לייבל זיידמאַן פּלוצעם איבערגעלאָזן די וואַרעם־בע־דער, די הייל־וואַסערן און איז אומגעריכט געקומען אָנצולויפן אַהיים. ס׳האָט אים אונטערגעהויבן. אין די דייטשע גאַזעטן האָט מען געשריבן, אַז ס׳טומלט זיך ווידער אין רוסלאַנד. אין איילעניש, האָט ער דערווייל געלאָזן ס׳ווייב מיט די טעכטער.

ער האָט זיך שנעל צערעכנט מיטן פורמאַן, ס׳רענצל אין דער האַנט, איז ער האַסטיק אַרויף די טרעפּ, דערכאַפּנדיק אַ ווילע פריער דורך די אַראָפּגעלאָזענע גאַר־דינען, ווי ס׳לייכט זיך שאַרף אין סאַלאָן דער בליץ־לאָמפּ. ער האָט אַ קלונג געטון אין דער מאַסיווער טיר, איין מאָל און נאָך אַ מאָל. מ׳איז אָבער נישט באַלד געקומען אויפמאַכן. ביז מ׳האָט דאָרט דערהערט. נישט־טויט, נישט־לעבעדיק, איז טייבעטשקע געקומען פרעגן ווער ס׳איז. ליפען האָט זי דערווייל, איידער וואָס־ווען, משלח געווען דורכן הינטערשטן אַרויסגאַנג. זי האָט נישט באַלד אויפגעשפּאַרט, געוואַרט אַ רגע, שטיל איינגעהאָרכט זיך.

דעם שטאָק פּאַראויס, דאָס לאָפּעטע־בערדל אין דער קרום, ס׳רענצל אַוועקגע־שמיסן, איז לייבל שטיינגעבליבן אין דער גאַנצער ברייט, מיט ווילד־אַרויסגעזעצטע אויגן, אָנקוקנדיק דעם פונאַנדערגעזעצטן עולם אין סאַלאָן.

— וואָס פאַרא „סאָבראַניעס״ — ביי מיר אין הויז !?... — האָט ער געשריגן נישט מיט זיין קול.

און ווען ער האָט באַלד דערנאָך דערזען אַריינקומען, זייער רואיק, נישט קיין אַנדערן, ווי ליפע קאַמאַשנמאַכער, דעם „הפקר־יונג״... דעם „צער בעלי חיימניק״ — איז ער צוריקגעפאַלן, מיט אַן אָפּן מויל. אויף אים האָט ער זיך אין גאַנצן נישט גע־

ריכט. און איידער ער האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט, זענען זיי זיך אַלע צעפלויגן פון הפקרן הויז, אין צוג־ווינט פון טירן. ער איז פלוצעם פאַרבליבן איינער אַליין.

און אויך טייבעטשקע איז אַוועק, צום לעצטן מאָל אַוועק, צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַנדע.

קאַפּיטל עלף

ווי אַ פינצטערער וואָלקן...

דער אַלטער חובב ציון, דער העברעאישער לערער, ר׳ יחיאל, וואָס ביים שבתדיקן וואַרעמעס, במקום זמירות, האָט ער געפּלעגט מיט גרויס דבקות צו זינגען מיט זיינע בנים „אין דער סאָכע ליגט מזל און ברכה״; אָדער אויף לשון־קודש — „על אם הדרך״ — האָט אָפּגערוקט אין אַ זייט פון רוי־געהובלטן טיש אין זיין חדר מיוחד די פּריש־באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר, באַדעקט מיט אַ דראַבנעם, פּערלדיקן כתב, ווי אַ ווירע. ס׳האָט אים מיט אַ מאָל פאַרכאַפּט אַ הוילקייט אַרום האַרצן. די בלייכע, אָדערדיקע האַנט האָט אונטערגעציטערט. די אותיות זענען זיך צעשוווימען פאַר זיין מידן בליק פון אונטער די שפּאַקולן, האָבן געשווינדלט מיט רויטע און גאָלדענע פליגעלעך. ער איז געזעסן איבער זיין חיבור וועגן די גרויסע חילוקי־דעות צווישן אחד העם און הערצל. ער האָט אין דעם חיבור אַריינגעלייגט אַ וועלט מיט מחשבה, האַרץ, אַ וועלט מיט אַרבעט, און אַלץ, ווי זיין שטייגער איז, געבליבן אומצופרידן מיט זיך אַליין.

ווען די הוילעניש אַרום האַרץ איז אים אַ ביסל פאַרביי, האָט ער זיך פלוצעם אויפגעכאַפּט, אַנגעשפּיצט די אויערן. דאָס גאַרטן־טירל הינטערן נידעריקן פענצטער האָט אַ סקריפּע געטון. ס׳האָבן זיך דערהערט אָפּגעריסענע שטימען, געלעכטערן. ווער, האָט ער זיך געפרעגט, קען עס קומען אַזוי שפּעטלעך? אַוודאי מנחם און אברהם מיט זיין כלה. ער האָט אַרויפגעדרייט דעם צוועלעווער נאַפט־לאָמפּ, אַרונטערגענומען די שפּאַקולן, אויפגעשטעלט זיך אין זיין גאַנצער הויך, אַ וויש געטון ס׳שייבל און צו־געשפּאַרט זיין פּנים דערצו. ער האָט דערזען אין צוגעפּאַלענעם אָוונט, ווי די גאַנצע באַנדע יונגוואַרג שיט זיך אַריין צו אים אין הויף; האָט ער דאָך באַלד בחוש דער־פילט, אַז די זאַך איז עפּעס נישט גלאַטיק. ער האָט זיך געשטאַרקט און איז זיי אַנט־קעגנגעגאַנגען.

דעם גאַנצן פאַרנאַכט איז ער געזעסן איינער אַליין, מיט זיינע מחשבות איבערן חיבור, אָבער ס׳האָט זיך אים עפּעס נישט געשריבן. ווייל אין דער אמתן איז זיין קאָפּ גאָר פאַרנומען געווען מיט פאַרטראַגענע, אומעטיקע רעיונות, כל מיני חשדים, טאַקע וועגן דעם יונגוואַרג. וואָס, גוואַלד־געשריגן, איז דער תכלית? ביטערע טענות האָט ער געהאַט צו זיך אַליין אויך, צו אַלעמען, הלמאי מען שוויגט, מען דערזעט נישט, ווי די קאַטאַסטראָפע הענגט איבער אונדזערע קעפּ. דאָס בלוט פון די קישינעווער הרוגים שרייט נאָך פון דער ערד אַרויס, און ס׳שיטן זיך שוין נייע גזרות. ער האָט

זיך דאָס מאָל אַליין געקליבן למען השם אַראָפּצופאָרן צום 6־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, וואָרענען זיי דאָרט, איינרייסן. בפרט, אַז ער הערט, מ'וויל אונדז פאַר־קויפן פאַר אַ טאָפּ לינדזן, אַנשטאָט ארץ ישראל — אָפּגעבן אונדז אַ ווילד־פרעמד לאַנד, ערגעץ אין אַפריקע. איז ער אָבער אַ ביטערער אָרעמאַן. ס'איז נאָר אַ וווּנדער ווי אַזוי די יידענע שטוקעוועט צונויף די וואָך חיונה. די רייכע, אויסגעכאַליעטע זינדלעך, וואָס ער קלאַפּט זיי שווערלעך אַריין אין קאָפּ אַ ביסל עברי, חוזקן הינטער זיינע פּלייצעס, נאָכן פּטור ווערן פון די שיעורים. ער שלעפּט זיך אַרום פון שטוב צו שטוב, די צעקנייטשטע הויזן פאַרשפּריצט מיט בלאָטע, די פּלייצע הויקערט זיך. די באַלעבאָטים שטעקן אים קאַרגלעך אָפּ די פּאָר גראָשן. דאָס פּנים פלאַמט אים פון בושה. אָבער די פּאָר רובל אויף הוצאות־הדרך האָט ער זיך דאָס מאָל ווי־נישט־איז איינגעשאָפּט ביי עטלעכע אידעלע בעלי־בתים אין שטאָט, פאַרקאָכטע חובבי־ציון. זיי האָבן געגעבן, הייסט עס, צושטייער. ער האָט זיך לאַנג געקליבן אין וועג אַריין, קיין באַזעל, אין דער שווייץ. אין דער „הצפירה", און אַפילו צווישן היימישע יידן, האָט מען שטאַרק געשמועסט און אַרומגערעדט, אַז ס'וועט זיך דאָרט היינטיקן זומער טון חושך, בעת דער אָפּשטימונג איבערן אוגאַנדע־פּראָיעקט. די ציוני־ציון, פון אָדעסער קאָמיטעט, פון פּאָלטאַווע, בראש מיט מנחם מענדל אוסישקין, האָבן נישט גערוט. ד"ר י. טשלענאָוו האָט געזאַמלט געאָגראַפישע און קאָלאָניזאַציע־דאָקומענ־טאַציע, כדי צו באַווייזן בפירוש פאַר כל עם ועדה, אַז דער גאַנצער אוגאַנדע־פּלאַן איז נישט מער ווי אַן אילוזיע, אַ פאַרפירעניש. זיי האָבן אויך אויפגעהויבן אַ געוואַלד אין דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, אַז ס'איז, חלילה, אַ סוף מיט דער אידייע פון שיבת ציון.

פון דער אַנדער זייט, ווידער, צי זענען זיי גערעכט, ווען מ'דאַרף האָבן די ישועה שוין, באַלד ? דעם קולטור־רעפערעאַט פון אַלטן עקשן אחד העם, אויף דער מינסקער קאָנפערענץ, האָט ער מער נישט געקענט פאַרגעסן. ווײַ־געשריגן, אַזאַ קאָפּ־מענטש, אַזאַ שאַרפער מוח, אַזאַ געוואַלדיקער בעל־הסיגנון, איז ער אָבער אַלע יאָרן נאָר אַריינגעטון אין אַ ביטערער פּאָלעמיק מכוח די פּלענער, צו זוכן אַ שנעלע לייזונג פון דער יידן־פראַגע, דורך אונטערהאַנדלונגען ביי די וועלט־מושלים. אַלע וועגן זענען כשר, זאָל זיין אַפילו דורך אַלערליי הינטערקוליסן־לייט. אחד העם האָט אָבער ביטער אויסגעלאַכט דעם גאַנצן הערצליאַנישן פּאָליטישן ציוניזם, אַז ס'איז נישט מער ווי די אַלטע שתדלנות און מה־יפית־פּאָליטיק. מ'דאַרף, האָט ער גע'טענהט, קודם כל גע־זונט מאַכן דעם יידישן גוף און גייסט, שאַפן דערווייל דעם מרכז רוחני, וואָס זאָל אויסשטראַלן זיין גרויס ליכט אויף דער גאַנצער וועלט, אויפן גלות. כאָטש נאָך קישי־נעוו האָט ער אַליין אויך שאַרף געענדערט זיין בליק, אָבער ער שווייגט, דער אַלטער עקשן, ווען אַלע וואַרטן אויף זיין וואָרט. נישט שוין־זשע זעט ער נישט איין, אַז הערצל איז גערעכט ? מען מוז באַלד, שוין זען צו געפינען אַ נאַכט־לעגער פאַרן געפּלאָגטן פאָלק. ווער, פרעגט זיך, וועט אונדז דען גאַראַנטירן, אַז מאָרגן וועט זיך נישט אי־בערחזרן קיין נייער קישינעוו ? וואָס, מ'זעט דען נישט אַז די רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד גייט קודם כל אָפּ אין... יידיש בלוט. זיי מאַכן זיך אילוזיעס, דאָס יונגוואַרג. דאָס האַרץ, דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ, זאָגט עס אים אונטער. הלוואַי זאָל ער בלייבן דער ליגנער...

ס'יונגוואַרג האָט אים אַלץ מער באַאומרואיקט, מיט זייערע מאָדנע געגג, מיט

זייערע אידייען פון וועלט־יושר, מיט זייער נייער גויישער פילאָסאָפיע, מיט זייער אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם גאַנצן יידישן גלות, באשר בכן — דאָ לעבן מיר און אָן דאָ מוזן מיר קעמפן פאַר אונדזערע רעכט, צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע פעלקער... מנחם, דער יינגערער, גייט גאָר אַרום א פאַרטראַגענער אין אַנדערע עול־מות. צי איז עס נישט אַ מאָל — טייבעטשקע... שוין קיין יינגל און איז נאָך אַלץ מלא פאַנטאַזיע. ער מיינט אַוודאי, אַז מיט זיינע זשאַרגאָנישע שירים, וואָס ער שרייבט בשתיקה, וועט ער העלפן ראַטעווען די מערכה אונדזערע. פרץ אַליין, דער באַרימטער משורר יצחק לייבוש פרץ, האָט אים אַפילו דאָ אַנומלטן געהאַט אַריינ־געשריבן אַן „אַטקריטקע" פון וואַרשע, און שטאַרק געלויבט זיינע שירים. נו, איז וואָס געדרונגען? וועט מען שוין דערמיט געהאָלפן ווערן? דערפאַר איז דער עלטערער, אברהם, קיין עין הרע, אַ בר־דעת, פאַרדינט שוין אַליין אַ פּאָר רובל פון געבן „אור־ראָקן", איז אָפּגעזעסן אַ זומער מיט אַ ווינטער אין אַ ישוב, צו לערנען מיט יידישע קינדער; שיקט קאָרעספּאָנדענציעס צו ר׳ נחום סאָקאָלאָוו אין דער „הצפירה", אין ווילנער „הזמן", און פלאַמט מיט חזיונות פון שיבת־ציון. די געדיכטע קרייזלעך פאַלן אים איבערן שטערן. אַט איז ער צוריקגעקומען פון אַנטאָפּאָליע. ער חלשט, נע־בעך, מיטצופאָרן מיטן טאַטן צום 6־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אָבער ווו נעמט מען אויף הוצאות הדרך?

ס׳איז אַוודאי אומגעוויינטלעך, האָט ער פאַרשטאַנען, דער אַלטער, שטיינבלייבנ־דיק אָנגעשפּיצט, פול מיט חשדים, אין דער נידעריקער טיר צום גאַניק. דער לאַכנ־דיקער עולם האָט זיך דערוויל אַריינגעשאָטן אין שטיבל, נישט אויפגעהערט צו קאָכן זיך. און טייבעטשקע, לייבל זיידמאַנס בתולה, האָט עפּעס צו הילכיק געלאַכט. ס׳איז געווען, האָט דער אַלטער באַלד אויפגעכאַפּט, אַ נישט־נאַטירלעך אויפלאַכן, אַ מין היסטעריע. ער האָט זיך, נישקשה, נישט געגאַרט. די קורסיסטקע טייבעטשקע איז דעם אַלטן אַוודאי ווילגעפעלן. פאַר וואָס דען נישט? אַ בר־דעת, אַ יפת־תואר, קיין עין הרע. מ׳האָט געוווּסט, ס׳איז מער קיין סוד נישט געווען, וואָס זי האָט אַלץ אויס־צושטיין פון טאַטן אירן, אַז ער וויל זי פאַרקנסן מיט אַרטשיקן, סאָלאָמאָן סקאָרב־ניקס בן־אָקל, דעם הולטיי. עט, פון דעם „וואָרט" וועט סיי ווי גאָרנישט אַרויסקומען. מ׳זעט דען נישט? אָבער ווי קומט, פרעגט זיך, צום פאַרריסענעם בעל־גאווה אַזאַ געראָטענע טאָכטער? אפנים, אַז דאָס עפּעלע פאַלט אַ מאָל יאָ ווייט פון ביימעלע...

דער יונגער עולם האָט דערוויל אונטערגעשפּאַרט דעם נידעריקן באַלקן אין פאָרנטיקן חדר ביי ר׳ יחיאלן, צעזעצט זיך אויף די טאַבורעטקעס, אויפן בעט, אַפילו אויף דר׳ערד. דער אַלטער האָט דערפילט, אַז ס׳איז נישט סתם, אַז אין זיי ברויזט אַ גרויס פייער. די בריל זיינע האָט אויפגעפינקלט. ער האָט זיך אַלע מאָל מחיה געווען, ווען זיי זענען געקומען אַנפילן זיין הויז. אַט וועט זיי זיי אַריינזאָגן, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אַפילו די אייגענע בנים וועט ער נישט שאַנעווען.

— באַשע! — האָט ער באַפוילן אין קיכל אַריין דער יידענע — שטעל, זיי מוחל, דעם סאַמאָוואַר!

געהייסן מאַכן אַ גלעזל וואַרעמס, אַריינברענגען כיבוד, אַראָפּנעמען פון שאַפע אַ פאַרשטויבט סלאָיקל איינגעמאַכטס, אַרומגעבונדן מיט אַ רויט בענדל. דער עיקר האָט ער געוואָלט הערן, וואָס זיי האָבן עפּעס צו זאָגן וועגן דער נייער, ביטערער מערכה פאַר יידן. און ווען ער האָט פלוצעם דערבליקט צווישן זיי אַלעמען אויך דעם

„צער בעלי חיימניק״, ליפּען, ווי ער פאַרריכט זיך רואיק, ווי קיינמאָל גאָרנישט, ס׳שנירעלע אונטערן אויער, דאָס קעלנערל אויפגעשטעלט, אַריינשאַרן זיך אין טונקלסטן ווינקל, האָט ער אויפסניי אָנגעזאָטלט די בריל, אַוועקגערופן ליפּען אין אַ זייט און איינגערוימט אים:

— יונגערמאַן, כ׳האָב מורא, אַז „זיי״ זאָלן אייך דאָ אַ מאָל נישט דערווישן...

אָבער ליפּע איז דווקא געווען זייער אויפגעהייטערט, האָט גאָרנישט אויסגעזען צו זיין דערשראָקן. ער איז נאָר צו און האַסטיק אַ פּאַרצי־געטון דעם פאָרהאַנג איבערן פענצטער. הינטער די שייבלעך איז געהאַט צוגעפאַלן אַ בלויער, מילדער אָוונט פון חודש אָב. די צערקווע־גלעקער פון פּראַוואָסלאַוונעם סאָבאָר, צעלייגט אין דער מיט פּלאַץ, צווישן געדיכטע קאַשטאַנען־ווענט, האָט אומהיימלעך געבאַסעוועט. און דאָ ערשט, אַרום אָרעמלעכן, היימלעכן טיש, די פענצטער געדיכט פאַרהאָנגען, האָבן זיך נאָך אַ מאָל צעפלאַקערט די שאַרפע דיסקוסיעס. כאָטש מ׳האָט גערעדט שטיל, אָבער פאַרביסן, יעדער לויט זיין קוק. ס׳האָט זיך פון דער מיט אַלץ געהערט דעם צעטראָגענעם פאָלטאַווער סטודענטס קלאָרע שטים, זיינע אַרגומענטן, שאַרף, לאָגיש, נישט צום אָפּווענדן — באַציאונג צום פּאָליטישן קאַמף אויפן אָרט, די שפּראַכן־פראַגע, יידיש־העברעאיש, די שטעלונג צו ארץ ישראל, אוגאַנדע, וועגן מינסקער „טאָלק״ — אַ גרופּירונג, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן דעם פּאָליטישן קאַמף, געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך קאָנצענטרירן בלויז אויפן עקאָנאָמישן קאַמף. אָבער נאָך נישט דאָס איז געווען דער דער נייער בליק, דער נייער קער פון די פּועלי־ציון־פּאַלעסטינצעס. די נישט לאַנג פאַרגעקומענע ראַיאָן־קאָנפערענץ אין פּאָלטאַווע האָט אויפגעבויט אַ מין נייע סטראַטעגישע אידייען־פעסטונג פון פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם, די דערנאָך באַרימטע „פּלאַטפאָרם״. דער סטודענט מישאַ — אַ כלומרשט פאַרבלאָנדזשעטער אין שטאָט, צו ווייטע קרובים, וועלכע קיינער האָט זיי גאָרנישט געקענט — איז אַליין בייגעווען, אין די ענגע צימערלעך, ביי ליכט, פאַרבראַכט טעג און נעכט אין טעאָרעטישע דעבאַטן. זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז איינער פון די גרונט־פּרינציפּן באַדאַרף צו זיין: דער אויפבוי פון ארץ ישראל איז מעגלעך נאָר דורכן אַרבעטער־קלאַס. ביי מישאַן איז דאָס אויבערשטע קנעפּעלע פון זיין סאַטינענער רובאַשקע געווען אָפּגעריסן. די בלייכע האַנט זיינע האָט דאָרט נאָך אַנאַנד אַרומגעבלאָנדזשעט:

— פּאָליטישער ציוניזם און — רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג... ס׳שטייט די דילעמע: יידישע גאולה און — באַפרייאונג פון דער מענטשהייט בכלל. עס רעוואָלטירט דאָ דער עצם געדאַנק, אַז יידישע אויסלייזונג און אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם זענען — אין סתירה. דאָס מערקט זיך גלייך — די רוסישע פּאַרטייען, און אויך די פּוילישע, גייען פאַרביי מיט פולשטענדיקן ביטול די עקזיסטענץ גופא פון יידישן פאָלק. די יידישע יוגנט, אריינגעטון מיט לייב־און־לעבן אין די פּאַרטייען, פאַרלייקנט, הייסט עס, זיך אַליין, זיי אַנטלויפן אין לאַגער פון שטאַרקערן. וואָס זשע פאַראַ אונטערשייד איז, כ׳בעט אייך, צווישן די, וואָס פאַרלייקענען זייער פאָלק, פּאַסן זיך צו צו דער... פּראַוואָסלאַוונער קירכע, לאָמיר זאָגן; צי די אָריענטאַציע איז אויפן איצטיקן הערשנדיקן קלאַס, צי — אויפן קלאַס, וואָס וועט מאָרגן קומען צו דערמאַכט?...

ליפּע האָט זיך דאָ געפילט אָנגעגריפן. מ׳האָט דעם בונד, הייסט עס, געדאַרפט „שלאָגן״ מיט זיין אייגן געווער — מיטן מאַרקסיזם. קיין איין יידישע גרופּע האָט

נישט אַרויסגעגעבן אַזעלכע בקיאים און חריפים אין מאַרקסיזם, ווי די פּועלי־ציון־גרופּן. זיי האָבן דערמאָנט אין די קריסטלעכע מיסיאָנערן, אויסגעקאָכט אין ים התל־מוד. באַראָכאָוו איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון שאַרפזין, פון דער שטרענגער אַרכיטעק־טאָניק פון מאַרקסיזם. ער איז אָבער געקומען צום אויספיר, אַז נאָר ארץ ישראל איז די איינציקע דיאַלעקטיש־באַשערטע טעריטאָריע, און נאָר דאָרט קען די יידישע פראַ־גע געלייזט ווערן. אַ באַצויבערטער מיט דער וויזיע פון אַ חלוצים־באַוועגונג, פון קאָנקרעטער, לעבעדיקער טאַט אויפן באָדן פון יידישן לאַנד, האָט ער אָפּגעוואָרפן דאָס פשט׳לען זיך וועגן יידיש, אָדער העברעאיש, „שפּאַלטן האָר״ מיט אַזעלכע שפּינגעוועב־אַרכיטעקטן, ווי די סיימיסטן; פירן אומענדלעכע וואָרט־געפעכטן מיט די טעריטאָריאַליסטן. ער לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון וואָרט־עבודה־זרה און באַ־גריף־פעטישיזם. נאָך די „שירי זעם״ פון ביאַליקן, אין דער איבערזעצונג אויף רוסיש פון זשאַבאָטינסקי, איז די באַלדיקע רעאַקציע געווען — זעלבשוץ. ניין, מיר וועלן זיך נישט לאָזן אויסקוילען ווי די לעמער. מעסערס, הייס געווער, אייזנס, דישלעס. פריער איז די פראַגע : „ארץ ישראל, אָדער אַ טעריטאָריע״, געווען ביי אים בלויז אַ פּאַראַגראַף, צוזאַמען מיט דער שפּראַך־פראַגע, פּאָליטישער קאַמף אויפן אָרט, היס־טאָרישער מאַטעריאַליזם; אַצינד איז עס געוואָרן דער ערשטער באַדינג, דער גרונט־פּרינציפּ. דאָ, אין דעם „קרוזשאָק״, איז דער סטודענט מישאַ געווען זיין פירשפּרעכער :

— צווישן „איסקראַ״ און חובבי ציון, האָט באַראָכאָוו דורכגעהאַקט דעם נייעם וועג. אַלע פּילן אַצינד די איינזייטיקייט פון די צוויי שטראָמען. באַראָכאָוו האָט גע־געבן דעם פּאָלטאַווער שטראָם אַ ריכטונג. מיט אַ פּאַס בלוט האָט דער קישינעווער פּאָגראָם אונטערגעצייכנט די סתירה צווישן דער פאַלשער טעאָריע פון קאָסמאָפּאָ־ליטיזם און דער ווירקלעכקייט. „אונדזער פּלאַטפאָרם״ האָט באַוויזן בולט דעם ריכ־טיקן פּראָגנאָז.

— עט, בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם... — האָט ליפע אַ ברום געטון.

— בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם... — האָט דער סטודענט מישאַ, ווי פאַרשעמט, געשמייכלט, אָפּדעקנדיק שיינע, גלייכע, געזונטע ציינער — צי קען מען דען, כ׳בעט אייך, אַקוראַט אָנמעסטן די זעלבע באַגריפן אויף אונדזער יידישן הויקער ? דאָס, וואָס איז פאַר אַנדערע אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז ביי אונדז — אילוזיע, חלום, פראַ־זעאָלאָגיע. קוקט אייך גוט צו, אַפילו אונדזערע „פּערווע גילדע״ מוזן כסדר חנפענען און געבן שוחד, מ׳זאָל זיי לאָזן לעבן. אָט איז דער ניואַנס, וועלכן מיר ווילן נישט דערזען. מיר בלאָנדזשען, מיר וועלן אָבער דעם וועג געפינען...

— אָבער צי קענען מיר דען אַליין — האָט זיך ליפע איינגעקשנט — מיט די אייגענע כוחות ?

— דער אונטערשייד צווישן פּועלי ציון און בונד איז נישט די גרונט־באַציאונג צום מאַרקסיזם, נאָר אין דעם, וואָס דער בונד נעמט אָן די לערע מיט פאַרמאַכטע אויגן; כאָטש ער ראַנגלט זיך נאָך אַליץ וועגן אַ קלאָרער שטעלונג צו דער נאַציאָנאַ־לער פראַגע. מיר דערשרעקן זיך נישט פאַרן אַפּיקורסישן געדאַנק, אַז די טעאָריע, וואָס גיט נישט קיין לייזונג דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דאַרף אַליין ראַדיקאַל אויס־געבעסערט ווערן.

הינטער זייערע פּלייצעס האָט דער אַלטער אַ הוסטל געטון :

— נו, און די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור... ר׳ מענדעלע... פּרץ... כ׳זע נישט איך וווהין ס׳פּירט, אויף די שייד־וועגן פון דער געשיכטע, כ׳מיין פון יהדות...

— פון אַלע וויסנשאַפטן — האָט זיך דער סטודענט מישאַ אָנגעכאַפּט אין זיינע רייד — שפּילט די פילאָלאָגיע די גרעסטע ראָל אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון די אונטערדריקטע פעלקער. יעדער דיבור, וואָס ווערט גערעדט און פאַרשטאַנען פון מיליאָנען מענטשן, מוז האָבן אַן אינעווייניקסטן סדר, אַ געזעצמעסיקן בוי, אירע כללים, איר פילאָלאָגישן חוק. די ערשטע זאַך פאַרן אויפוואַכנדיקן פאָלק איז — ווערן אַ האַר, באַהערשן זיין אייגענעם לשון, כדי אויסצונוצן עס פאַרן נאַציאָנאַלן שאַפן. איך באַטראַכט יידיש און העברעאיש ווי דעם „סיאַמער צווילינג״. מ׳קען נישט אָפּ־האַקן איינעם דעם קאָפּ, און דער אַנדערער זאָל בלייבן לעבן. העברעאיש און יידיש זענען ווי אַ גוף און אַ נשמה...

— ס׳ווענדט זיך, אָבער וועגן דעם דיסקוטירן מיר נישט — האָט ליפּע געזאָגט.

טייבעטשקע האָט, צווישן די אַלע הייסע רייד, אין פיבער, צוגעלענט די וויעס. זי איז פּלוצעם מער נישט געווען מיט זיי. זי האָט געפּרוווט זיך פאַרצושטעלן — ביי דער זייט פון מנחמען; זיינע בלייכע הענט, זיין פאַרטראָגענער בליק, זיין אײדעלע שטים, וואָס וויברירט... „טראָג אַוועק די נשמה מיינע צו די גאָרע, בלויע וויטן״... ער איז אַ פּאָעט. ער וויל אַנטלויפן פון זיך אַליין. ער גייט זי נאָך, כאָטש ער ווייסט — ס׳איז אַ ביסל צו געפערלעך. די „אָכראַנע״ האָט אויף זיי אַלעמען אַן אויג. ער קומט שטיל אָנקלאַפּן אין דער טיר ביי זיי, צווישן טאָג און נאַכט.

אין דער צייט, ווען ליפּען איז גאָר דורכגעפלויגן — „אַזאַ מיידל... מיט אַ וואַ־ליזקע „ליטעראַטור״... ווער מען ווער דען איינפאַלן ?... אָבער טאָמער פאַלט זי אַדורך... די ציניש זשאַנדאַרמען און — אַזאַ פאַרכאַפּנדיקע יידישע טאָכטער... און ס׳איז אים באַלד אויפן אָרט אַליין עפּעס אַ שאָד געווען.

אָבער פון דער מיט האָט זיך אַלץ געהערט די איינגעשפּאַרטע שטים פון דעם פאַלטאַווער סטודענט מישאַ :

— דאָס טראַגישע איז אויך, וואָס די פינצטערע רעאַקציע פאַרמישט די יידן־פראַגע מיט דער רעוואָלוציע, צו דיסקרעדיטירן די רעוואָלוציע גופא. לויט זיי איז די „פרייהייט״ עפּעס אַ „זשידאָווסקע״ אויסטראַכטעניש. פון לינקס, ווידער, טענהט מען, אַז ווען מען וועט פאַרענדיקן מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציע, איז אויס מיטן יידן־האַס. אָבער קלענערע פעלקער האָט מען יאָ דערלויבט אַרויסצושטעלן באַזונדערע פאָדערונגען, יידן — נישט. אוודאי זענען די פּאָגראָמען קאָנטער־רעוואָלוציע, אָבער אויך — טיף־איינגעוואָרצלטע יידן־פיינטשאַפט. ס׳איז טרויעריק, נאָר דער יידן־האַס האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער ווי די פּראָגרעסיווע אידייען. מיר זענען זיכער אין דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אָבער צי וועט אויך פאַרשווינדן דער יידן־האַס ?... די אַקטיוו כוחות פון דער געשיכטע וועלן מקבר זיין די קאָנטער־רעוואָלוציע, אָבער די יידן־פראַגע וועט נאָך לאַנג־לאַנג וואַרטן אויף איר באַזונדערער, נאָר איר אַליין אַנטשפּרעכנדיקער לייזונג...

און אויך ליפּען איז נישט איין מאָל געקומען אויפן רעיון, ליגנדיק אין די היי־סע, דעמפּיקע נעכט אונטערן דאַך פון גאָרן־שטיבל, אַזאַ מחשבה : ווער זענען מיר אין תוך ? מיטן פאַרשווינדן פון צאַרישן טיראַן, וועלן מיר שוין טאַקע פריי זיין, ווי אַלע ?

אברהם, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין פעלד, אַרום שטאָל, אַרום די קי, אין קאָרע־לאַפּטשעס, האָט זיך דאָ דערפילט ענג אין זיין שטאָטישן סורדוט, מיטן שוואַרצן אויסגעבונדענעם שליף. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרשמעלערט אין שטיקנדיקן רויך, די ברוינע וואָנסן, אַראָפּגעזונקט, האָט ער דאָ געהערט זייערע אַלעמענס רייד און זיך גאָרנישט מער אָפּגערופן. פאַר אים איז דער וועג געווען קלאָר. נאָך וואָס די אַלע פראַגן ? מיר וועלן אַוועק, צוריק אַראָפּוואַרפן פון זיך די שטאָטישע, אַזוי־גע־רופענע קולטור... אין דער קבוצה וועלן מיר דערפילן ערד אונטער די באָרוועסע פיאַטעס. ווען זיי וויסן ווי געשמאַק ס׳איז צו גיין אַ באָרוועסער אויף דער ערד אין פרימאָרגן־טוי...

ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעטלעך. זיי האָבן זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט, אַז ליפּע פעלט צווישן זיי. קיינער האָט עס גאָרנישט באַמערקט, ווי פלינק צאַליע רימער איז אויסגעוואָקסן אין פאָדער־הייזל, אַריינגעשטעקט זיין לאַנגן, דאַרן האַלדז אין טירל און אַ ווונק געגעבן צו ליפּען. ער האָט אים, מיט הינטערוועגן, צוריקגעפירט דורכן פוסטן טייך־געסל, צום גאָרן־שטיבל ביי חברטע מערע די זאָקן־מאַכערקע.

קאַפּיטל צוועלף

אויפן וועג קיין באַזעל

נײַן, ס׳איז אים, זעט אויס, נישט באַשערט געווען, ר׳ יחיאלן, צו דערפירן זיין הייליקן שטרייט ביזן סוף. אין מיטן גאַנצן היימישן גערודער פונם יונגוואַרג, האָבן אים קאַלטע אַנגסטן מיט אַ מאָל באַשלאָגן. ער האָט זיך אַ הייב געטון, קוים דער־שלעפּט די פיס ביזן פינצטערן אַלקערל, אַוועקגעפאַלן אויפן בעט. די אַלטע האָט געדרעמלט אין קיכל, ביי דער וואַרעמער פּליטקע. אברהם איז, דערשראָקן, באַלד אַריין נאָך אים, האָט דעם פאָטער אַרומגעדעקט, געווישט דעם קאַלטן שווייס פון זיין שטערן און געקוקט צו דער טיר, צי די מאַמע קומט נישט אָן. ער האָט דער מאַמען געוואָלט איינשפּאָרן עגמת־נפש. „גיי... — האָט ער דערכאַפּט ווי ער שטאַמלט עפּעס, דער פאָטער, פאַרטראָגן — גיי צום מאַן קיין באַזעל... איך וועל שוין אפשר נישט באַווייזן... ער וועט דיך פירן אויפן וועג צו גאולה״...

די פאַרשטיקטע, פאַרכטיקע רייד האָבן — דערנאָך, ווען אַלץ האָט זיך אַזוי טרויעריק פאַרענדיקט — אַ קלונג געטון אין זיינע אויערן, ווי א צוואה; ער איז צו־ריק אַריין. ביז אונטערן נידעריקן באַלקן איז נאָך דאָרט אַלץ געשוועמען אין אַ וואָלקן פאַפּיראָסן־רויך. ער איז צו און האָט אויפגעשפּאַרט דאָס לופטשיקל.

און אין דער פרי, ווען אברהם איז נאָר איבערגעטרעטן די שוועל פון פאָטערס חדר מיוחד, האָט ער דעם אַלטן געפונען, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן איבער די צעשאָ־טענע בלעטלעך פון זיין חיבור. דער לאָמפּ, אַראָפּגעדרייט, האָט נאָך געוואָרפן אַ בלייך ליכט אין אַ קרייז. דער קנויט האָט געברענט, אָנגעפילט דעם חדר מיט אַ האַרבן ריח

פון קעראָסין. די פעדער איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ס׳האַרץ האָט זיך אים אָפּגעשטעלט.

אַזוי איז אויך דאָס הויז ביים אַלטן לערער געבליבן פוסט און פאַרלאָזן.

אין דעם זומער זענען זיי זיך אַלע צעפלויגן פון דער אָרעמער נעסט. מנחם האָט באַלד נאָך שבעה איינגעפּאַקט זיין אָרעם קלומיקל, אַ פּאָר העמדער, עט־לעכע ביכלעך און איז אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. ער האָט זיך נאָך דאָרט אַרומגע־דרייט אַ שטיקל צייט צווישן די אָרעמע מחברים מיט די אויסגעריבענע הויזן, מיט די בינטלעך כתבים, קומענדיק אָנקלאַפּן אין דער טיר ביי פרצ׳ן. מנחם האָט דעריך מער קיין תכלית נישט געזען, זיך געקליבן אַריבערצופאָרן קיין אַמעריקע.

אַזוי האָט אברהם זיך אויך צעשיידט מיטן ברודער זיינעם, צוליב אַ גרויסער ליבע... זיין ליבע צו ארץ ישראל. ער האָט שוין נישט געהאַט מער נאָך וואָס צוריק־צוקערן זיך קיין אַנטאָפּאָליע. ס׳האָט אים אַרויסגעטריבן אויך פון זיין שווערס זאַטער, דאָרפישער היים. ס׳איז נאָר געווען אַ פאַרפירערישע אידילישע רו, צווישן די אונטער־געשווענקטע וועלדער. זיינער און זיין באַשערטער, חנה׳קעס, וועג איז געווען קלאָר — אָוועקפאָרן אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניע, אין ראש־פינה, אָדער ראשון־לציון, ווו דער נדיב הידוע, דער באַראָן ראָטשילד, הערט מען, לאָזט לערנען געזונטע יונגעלייט און מיידלעך אין דער אַגראָנאָם־שולע.

ער האָט אָבער דערפילט די נישט־געשריבענע צוואה באַכן טאַטן, אַז איידער ער קליינט זיך אין וועג אַריין, אַראָפּצוכאַפּן זיך צום 6־טן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, קיין באַזעל. די אָפּגעציטערטע פּאָר רובל האָט ער, נאָך די שבעה־טעג, געפונען ביים טאַטן אין אויסגעריבענעם טייסטערל. ער איז לאַנג געשטאַנען איבערן אָרע־מען טייסטערל און געשלאָגן זיך מיט דער דעה: וואָס זאָל ער פריער טון מיטן געלט? אָוועקגעבן עס דער מאַמען אויף חיונה, אָדער זאָל ער גאָר במקום דעם פאָטער, פאָרן צום קאָנגרעס? דאָס אַנדערע האָט אים אויסגעזען פון אַ העכערן באַדייט, און ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזן איינער אַליין אין וויטן וועג אַריין. ער איז געגאַנגען צום ווונדערלעכן מאָן קיין באַזעל, ווי דער טאַטע האָט אים באַפוילן.

די וועגן צו דער שווייץ האָבן געפירט איבער קראָקע און ווין. ווי נאָר אַברהם איז אַרויסגעפאָרן פון רוסיש־פּוילן, איבער דער גרענעץ, האָט ער שוין געטראָפן די וואָקזאַלן פול באַלייגטע מיט היימישע געזעמלעך, יידן פון רוסלאַנד, פון רומעניע, פון אונגאַרן, פון גאַליציע. מ׳האָט אין וואַגאָן, אויף די אָפּשטעלן, געטוישט רובלס אויף דייטשע מאַרקן, אויף עסטרייכישע קראָנען, אויף שווייצער פראַנקן, געשמיי־עט, אונטערגעהאַנדלט. ביי דער באַן אין קראָקע האָט אַ טרעגער אין אַ ברייט־ראַנ־דיקן קאַפּעלאַטש, מיט לאַנגע פּיאות, שווער באַלאָדן מיט פּעק, געמאַכט קולות:

— געט מיר מאַאַנע 18 ראַניש, און לאָמיך איירע פּטור ווערן!...

כמעט אויף יעדער סטאַנציע זענען אויפגעשטיגן יידן, אין סורדוטן, צילינדערס, מעלאָניקעס, מיט ריין־אויסגעקעמטע בערדלעך; יידן מיט ברייטע קאַפּעלאַטשן, שרייפלדיקע פּיאות, קור־געסט, קענטיק; אָבער פיל האָבן טאַקע געצויגן צום קאָנ־גרעס, וואָס האָט אין דעם זומער מרעיש־עולם געווען.

קיין באַזעל זענען זיי אַריינגעפאָרן צוויי טעג ערב דער דערעפענונג. ס׳איז גע־ווען אַ פרייטיק. אין די אכסניות, קאַפעען און קליינע האָטעלן פון דער ציכטיקער שטאָט ביים רהיין, צווישן די בערג, איז שוין פול געווען מיט אַנגעפאָרענעם עולם

פון אַלע עקן וועלט. דעם פּראָווינצער בחור פון רוסלאַנד, אברהמען, האָט מען אַוודאַי געקענט אָננעמען סיי פאַר אַ קאַליע־געוואָרענעם ישיבה־בחור, סיי פאַר אַ סטודענט, אָן עקסטערן. ער האָט זיך נאָך אָבער אַלץ נישט געפילט אַזוי באַקוועם אין האַרטן קאַלבער מיטן קראָכמאַליעטן „הערצל". ער האָט זיך דאָרט גיך אויסגעמישט מיט די יונגעלייט אין די סאָטינענע העמדלעך. די געשטאַלט פון מנהיג האָט אים פאַר־כאַפּט. ער האָט אַליין, מיט די אייגענע אויגן, געוואָלט אים אָנקוקן, דעם חוזה, דעם וויזיאָנער פון אונדזער דור. ער האָט גוט פאַרגעדענקט דעם טאַטנס ווערטער: „זיי פאַרשטייען אים אפשר נישט קיינס... זיי טרייבן אים פרי אין קבר אַריין"...

אַזוי פיל עולם אויף די צוזאַמענפאָרן אין באַזעל, ווי אין דעם יאָר, האָט קיינער נישט געדענקט. אַלע האָבן זיך געריכט אויף אַן אומגעווייטלעכער ווענדונג אין ציוניזם. די קליינע, ציכטיקע האָטעלן אויפן שטראַנד, אַרום דער רהיין־בריק, האָבן זיך אָנגעפילט; די געמיטלעכע קאַפע־טעראַסן האָבן געררוישט פון יידישע געזעמלעך. אַ מאָדנער געמיש — אָנגעפּאָרענע יידן פון אַלע עקן רוסלאַנד, קרוין־פּוילן און גאַ־ליציע; רבנים, ציוניסטן־סאָציאַליסטן. די בערלינער און ווינער אַדוואָקאַטן און דאָק־טוירים האָבן באַצייטנס, ווי געניטע טוריסטן, אָדער ווי קור־געסט, געהאַט באַשטעלט זייערע פּלעצער אין די האָטעלן. זיי זענען געווען אָנגעטון ריינלעך, פאַרשפּיליעט ביזן לעצטן קנעפּל, אין האַרטע, הויכע קעלנער, „פאַטער־מערדערס"; האָבן געפּיפּקעט גראָבע ציגאַרן, ווי אמתע יעקעס. זיי האָבן זיך געהאַלטן אַ ביסל ווייטלעך פון די צע־פלויגענע, צעקאָכטע „אָסט־יודען", וואָס האָבן שפּאַצירט אין טומלדיקע גרופּעס, גע־קליבן זיך אויף די בענק אין קור־פּאַרק, אַרום די פאָנטאַנען, געטייטלט מיט די פינ־גער אין בלאָט אַריין, ווילד געוואָרפן מיט די הענט, געקאָכט זיך אין זייער „זשאַר־גאָן". די אַלטע מאָלערישע שטאָט האָט געררוישט מיט יידישן עולם, פּונקט ווי יידן וואָלטן זי געווען באַזעצט. סטודענטן פון רוסלאַנד, אין סאָטינענע העמדלעך, אַנדערע מיט שפּיץ־בערדלעך, האָבן פאַרפּולט די טעראַסן פון די קאַפעען, דיסקוטירט אין אַן אינטעליגענטישן רוסיש; רוסישע רעוואָלוציאָנערן, פּאָליטישע עמיגראַנטן, די מערס־טע, דוכט זיך — יידן. יונגע דאַמען אין לאַנגע קליידער, ביז די טריט, מיט קרינאָ־לינעס, מיט ברייט־ראַנדיקע זומער־היט, באַלייגט מיט קאַרשן, עפּעלעך און בלעט־לעך, האָבן פאַרבייגעשוועבט די טעראַסן, אויפשטעלנדיק די פאַרביקע זאָנטיקלעך קעגן דער שאַרפער אויגוסט־זון.

אַלץ האָט אים דאָ פאַרכאַפּט, אברהמען — די הויכע ברעגן פון רהיין, די סקווערן, די גערטלעך, די שפּריצנדיקע פאָנטאַנען; דער פּלאַץ מינסטער, די קאַטעד־ראַלע. די טעראַסן, וואָס זענען געהאָנגען איבערן ברייטן וואַסער, זענען אַרומגע־שטעלט געווען מיט צעוואַקסענע קאַשטאַנען־ביימער. הינטער די בריקן, הינטערן אויסבייג פון טייך, הינטער די פאַבריק־קוימענס, איז געווען — דייטשלאַנד, און אַהין האָט ער זיך געקייקלט, דער רהיין, באַזונגען פון אונדזער היינריך היינע. אָבער צי איז ער טאַקע אונדזערער?

ער האָט אָפּגעזוכט און פאַרקליבן זיך אין אַ זייטיקער, נישט זייער טייערער אכ־סניה, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע היימישע יידן. אין זוניקן שבת־פרימאָרגן האָט ער זיך באַזאָכט, מיט געלאַסענע טריט, געלאָזן גיין איבער די ריינלעכע גאַסן אין דער סינאַגאָגע, אַ קוק טון ווי די אָפּגעפרעמדטע מערב־יידן דאַווענען אין זייערע רעפאָר־מירטע טעמפּלען. מ'האָט אַפילו פאַרציילט, אַז זיי האָבן דאָרט אויך שטיין אַ כאָר

פון שיקסעס אויף דער גאַלעריע... און דאָ האָט אים עמעצער פּלוצעם אַ מורמל געטון: „אָט גייט ער"... ער האָט זיך אומגעדרייט און דערזען אויפהייבן זיך די ברייטע טרעפּ ביים צופאַר, צווישן די זיילן, דעם געשטאַלטיקן מאַן אין אויסגעפּאַסטן פראַק, אין צילינדער, מיט דער שיין־געפלעגטער באָרד. דער בליק זיינער — ערגעץ פאַרטראָגן. ער איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע אַרום, אָדער אפשר האָט זיך עס אברהמען באַר אַזוי אויסגעוויזן.

אין פייערלעכן היכל האָט יעדעס וואָרט, יעדער געמורמל אָפּגעהילכט פּילפּאַכיק. ס'האָט געצויגן א קילקייט, ווי אין אַ קירכע, להבדיל. אברהם האָט דאָ נישט געפילט די פּשוטע, אָרעמע נאָענטקייט צום אַלטן יידישן גאָט, ווי אין זייער היימישן משמר־בית־מדרש, אין טייך־געסל, מיט די אָפּגעטרעטענע שוועלן, מיטן נישט איבעריק־ריינעם האַנטעך פון פּראָסטן לייוונט איבערן פאַרזאַשווערטן כיור אין ווינקל. ס'איז נישט געווען די האַרציקע ליפּן־מורמלעריי פון די אביונישע יידן מיט די דאַרע, פאַר־זאָרגטע, מתנגדישע בערד, אין זייער הויכער אמונה.

אַלע האָבן זיי דעם מאַן נאָכגעקוקט פאַרגאַפט. ער איז אַדורך די רייען גלייך־צעשטעלטע שטולן מיט די הויכע ווענטלעך און פאַרנומען זיין פּלאַץ אין א פּלושענעם פאָטעל, נאָענט צום אָרון־קודש, ווי אין אַ טעאַטער־לאָזשע. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען אַ שמאָל זיידן טליתל, אויפגעמאַכט אַ קליינעם, גאָלד־געליישטן סי־דור. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, איז ער געשטאַנען לאַנג און געמורמלט פאַר־זיך, האָט קיינעם ווי נישט באַמערקט אַרום זיך, אַפילו ווען ער האָט אָפּגעענטפערט דעם חזן: ברוך הוא וברוך שמו. אָמן.

ערשט צומאָרגנס, זונטיק, דעם 23־טן אויגוסט, האָט זיך עס אָנגעהויבן. אין קאָנגרעס־זאַל, אין דער באַזעלער קאַסינאָ, אונטערן קופּאָל, איז אויפגעגאַנגען דער פּיל־שטימיקער גערויש. אַלע בענק, אַלע גאַלעריעס, אַלע קאָרידאָרן — פול באַלייגט. דאָ איז געווען פאַרזאַמלט דער יידישער וועלט־פּאַרלאַמענט, די פאָרשטייער פון כל תפוצות ישראל. ס'איז געווען הייס, אָנגעפּראַפט, נישט צום דורכשפּאַרן זיך אין די דורכגענג. אַלע האָבן אָבער געפילט די שפּאַנונג פון מאָמענט. מיט איין מאָל איז שטיל געוואָרן, אַז מ'האָט געהערט אַ פליג פאַרבייפליען.

אויף דער גאַלעריע פון רעכטס האָט זיך אברהם קוים דערשפּאַרט צום פאַרענטש. ער איז הענגען־געבליבן נאָענט איבער דער טריבונע פון האַלב־רונדן זאַל. דער בליק זיינער איז פאַרשווומען געוואָרן פון עמאָציע. ער האָט מיט אַ מאָל זיך דערזען — אויף דער לאָנקע, אין פרישן טוי, הינטערן הויז, און שלינגען פינסקערס „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע", „ירושלים און רוים" פון משה העס, אָבער דער „יודענשטאַט" האָט אים אָוועקגעטראָגן ווייט, גאָר ווייט. אַלע באַרימטע לייט, וואָס ער האָט זיי דאָ צום ערשטן מאָל געזען, זענען געווען פאַנדערגעזעצט אויף דער טריבונע — מאַקס נאָרדוי, מיט זיין פראַנץ־יאָזעף־בערדל, ווייס ווי שניי; ישראל זאַנגוויל, מיט דער בריל אין שוואַרצע רעמלעך, דער שרונט אין סאַמע מיט; ד"ר י. טשלענאָוו מיט זיין למדנישן קאָפּ; דער ברייטלעכער ייד מ. מ. אוסישקין, און נאָך פיל, וואָס ער האָט נישט געוווסט זייערע נעמען. און אָט איז הערצל געשטאַנען אויף דער טריבונע, אַ בלייכער, מיט אַן אומבאַשטימטן טרויער אין זיין פאַרטראַגענעם בליק, אַ נישט־ער־דישער.

—... די לאַגע פון די יידן אין דער וועלט פאַרערגערט זיך פון יאָר צו יאָר... —

האָט ער פון אַ פּאַפּיר געלייענט די דערעפענונגס־רעדע — מיר מוזן געדענקען אין קישינעוו...

ביי דעם, האָט דער גאַנצער, געדיכט־אָנגעפּראַפּטער זאַל זיך מיט איין מאָל אַ הייב געטון און געבליבן אין פייערלעכן שוויגן. מ׳האָט ממש געפילט ווי די נשמות פון די קדושים וטהורים, די הרוגי קישינעוו, שוועבן אונטערן היכל. פון אַ ווינקל האָבן זיך דורכגעריסן שטילע שלוכצן.

— מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן — האָט הערצלס שטימע וויברירט — אַז עס קענען זיין אַ סך קישינעווס, און נישט נאָר אין רוסלאַנד... מ׳האָט אַ מאָל געמיינט, אַז מיט פילאַנטראָפּיע וועט מען לייזן אונדזערע נויטן. שפּעטער — אַז עמיגראַציע וועט אַלץ לייזן. אָבער אומעטום פאַרשליסט מען די טויערן. מיר קענען אויך נישט אָננעמען די פאַרשלאָגן פון טערקישן סולטאַן וועגן אַ צעוואָרפענער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע אויף די שטחים פון זיין אימפעריע. מען לייגט אונדז פאָר על־אַריש, דעם האַלב־אינדזל סיני, אָבער די עגיפּטישע רעגירונג וועט אונדז נישט געבן אַזוי פיל וואַסער פון נילוס, וויפל דאָס לאַנד באַדאַרף. די ענגלישע רעגירונג לייגט אונדז פאָר אוגאַנדע, אַ שטח צווישן פאָרט מאָמבאַס און דער אַזיערע וויקטאָריאַ. אַוודאי, דאָס לאַנד האָט נישט פאַר אונדז די היסטאָריש־פּאָעטישע באַדייטונג, אָבער איך צווייפל נישט, אַז דער קאָנגרעס, די פאָרשטייער פון יידישן פאָלק, וועט אָננעמען דעם פאָר־שלאָג פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס פאַרזיכערט אונדז אַן אויטאָנאָמע יידישע קאָלאָניזאַציע אין מזרח־אַפריקע. אוגאַנדע איז נישט ציון, און קען עס קיין מאָל נישט ווערן ! ס׳איז נישט מער ווי אַ צייטווייליקער אַזיל. צי איז דען פּוילן — פה לין — נישט געווען קיין אָרט בלויז איבערצונעכטיקן ?...

אין דער ערשטער רגע איז איבערן זאַל אַדורך אַ לייכטער געמורמל. ס׳האָט זיך געקענט דוכטן, אַז ער האָט אַלעמען געוווּנען מיטן פאָרשלאָג. ערשט דערנאָך האָט זיך דער שטורעם ביסלעכוויז פונאַנדערגעוויגט. מאַקס נאָרדוי האָט אין זיין גרינט־לעכער רעדע באַרעכטיקט אוגאַנדע, „ווי אַ נאַכט־אַזיל פאַרן געפּייניקטן פאָלק". גע־שפּאַנט און ליידנשאַפטלעך איז געווען די אָפּשטימונג וועגן פאָרשלאָג פון אַקציע־קאָמיטעט, צו שיקן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע קיין אוגאַנדע. מ׳האָט אָבער באַלד געוווּסט, אַז ביי דעם בלייבט עס נאָך נישט.

די דעבאַטן האָבן ערשט דערנאָך אויפגעוועקט די עמאָציעס. ס׳האָט געדראָט מיט שפּאַלטונג — „אָדער ציון, אָדער גאָרנישט ! קיין שום אויספאָרשונג־קאָמיסיע". כאָטש געשטימט האָבן די מערסטע צוערשט — „יאָ". אַן ערך 150 דעלעגאַטן, בראש מיט די מיטגלידער פון אַקציע־קאָמיטעט אין רוסלאַנד : טשלענאָוו, טיאָמקין, בערנ־שטיין־כהן, האָבן זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס־זאַל. די איבעריקע זענען זיצן־געבליבן שטיל, ווי אבלים. אויף דער טריבונע איז הערצל געשטאַנען, טויט־בלאַס, אָבער רואיק, באַהערשט. ער איז אַרונטער און געלאָזן זיך גיין צו די האַלב־אָפענע טירן. אין די זייטיקע זאַלן, אין די קאָרידאָרן, האָבן זיך צווישן פיל־שטימיקן גערודער, קולות, געהערט געוויינען, ספּאַזמען. פרויען האָבן געחלשט. אַלע האָבן געפילט, אַז אַ גרויסע האָפענונג ווערט אויסגערונען. די רוסישע יידן, אין שרעק פאַר פּאָגראָמען, גזירות, זענען גרייט געווען נאָך לאַנגע יאָרן צו ליידן, אַבי צו דער־לעבן אַן אייגענע היים אין ארץ ישראל. ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין אינטרי־

גאַנטן, אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספער, אין כאַאָס, אַרויסצושטויסן הערצלען, אַליין אַריינצורייסן זיך אין דער אָנפירונג. ווי געווײנלעך...

קיינער האָט אַוודאַי נישט באַמערקט דעם שטילן, צעטראָגענעם יונגערמאַן, אַב־רהמען, נאָכגיין אומעטום הערצלען. ער האָט אים דערזען אין זיין אומרו, זיין פּיין, אין שווערן, טרויעריקן וועג פון אונדזער געשיכטע, וואָס האָט געבוירן אַ סך פאַלשע משיחים, אָבער אויך אמתע, ערלעכע פאָלקס־פירער, פאָלקס־אויסלייזער.

קאַפּיטל דרייצן

אין סאַמע רויש פון קאָנגרעס

אין סאַמע רויש פון שטורמישן 6־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט הערצל געלאָזן רופן צו זיך ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער האָט געלעבט אין צענטער פון די „רו־סישע קאָלאָניעס״ אין דער שווייץ. אין הערצלס פאַרשטעלונג, האָט דער פּאַרטרוי־לעכער שמועס באַדאַרפט פירן צו אומגעווינטלעכע פּאָליטישע פּאָסירונגען. ווייל ערגעץ־ווו, זעט אויס, זענען זיך די דיאַמעטראַלע עקסטרעמען יאָ צוזאַמענגעקומען. ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, דער דענקער, דער פּאָפּולאַריזאַטאָר, אַליין אויך אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, האָט זיך אין יענע יאָרן אויפגעהאַלטן אין בערן. צוזאַמען מיט זיין פרוי, אַ רוסישע, האָבן זיי געפירט אַ קליינעם ביליקן סטודענטן־רעסטאָראַן. צווישן היי־מישן עולם סטודענטן, צווישן זיינע נאָענטע חברים ש. אַנ־סקי, ד״ר פאַרבשטיין, פלעגט די פרוי זשיטלאָווסקי׳ס, באַדיאַ, אָפט זיך באַקלאָגן: „מיר, יידן, ווערן גע־דריקט און פאַרפאָלגט פון דער רוסישער רעגירונג״... אין די טעג פון קאָנגרעס האָט זשיטלאָווסקי, דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, דער שאַרפער באַקעמפער פון ציוניזם, געלאָזן פאַלן מיט ביטערקייט: „יידן האָבן דורות־לאַנג געוואַרט אויף משיחן און — ער איז נישט געקומען. וויפל מאָל האָבן מיר זיך געלאָזן פאַרפירן פון האַלבע משו־געים, אָדער שאַרלאַטאַנעס, ווי שבתי־צבי, צי אַ יעקב פראַנק?״. אָבער אין דעם זומער 1903, נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, אין סאַמע פלאַקער פון אוגאַנדע־קריזיס, איז זשיטלאָווסקי אַליין אויך אַרויסגעשלײדערט געוואָרן פון זיין פסיכישן גלייכגעוויכט, איז שטיינגעבליבן ווי פאַר אַ פינצטערן תהום. דאָס אַלץ האָט געצווונגען אים אַליין צו רעווידירן זיין יידישן פּראָגראַם. זיין יוגנט־חבר ש. אַנ־סקי, איז אַרומגעגאַנגען אַרום אים, ווי מיט אַ קינד. ביז צום פאַרגעסן זיך, האָבן זיי אַרומגעוואַנדערט איבער די שיינע ווינקלען פון דער שווייץ, טעג און אָוונטן פאַרבראַכט אין לאַנגע וויכוחים.

— מען ווייסט שוין באַלד אַליין נישט — איז זשיטלאָווסקי געווען פאַרטראָגן אין מחשבות — וווהין צו ווענדן דעם בליק, אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. אַ מאָדנע טעאָריע האָט ער מיר אַנומלטן אַרויסגעלייגט, ד״ר פאַרבשטיין. אַ סאָציאַליסט, טענהט ער, דאַרף מען נאָר זיין פאַר די גויים, ווייל די נויטיקן זיך אין סאָציאַליזם. דעם יידישן פאָלק אָבער קען דער סאָציאַליזם אין גלות ברענגען נאָר צרות. פון בונדיזם, אָדער יידישיזם וויל ער בכלל נישט הערן...

און ער האָט אַלע זיינע האָפענונגען פון יידישן נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט גע־לייגט אויפן אָנטייל אין דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דער קישינעווער פּאָגראָם האָט אים מיט אַ מאָל דערנענטערט צום טעריטאָריאַליזם. ער האָט אומגעריכט דערפילט די נויטיקייט פון אַן אייגן ווינקל פאַר יידן. אָבער פון טע־ריטאָריאַליזם ביז ציוניזם איז נאָך געווען אַ גאַנץ היפּשער מהלך. אַנ־סקי האָט אים פון דעסטוועגן צוגערעדט:

— ס'מאַכט נישט אויס, לאָמיך הערן וואָס ער פּאַרלאַנגט פון דיר, ד"ר הערצל.

אין באַזעל, אין מיטן רויש פון קאָנגרעס, אין אַלע זאַלן פון דער קאַסינאָ, האָט אים ד"ר פאַרבשטיין פאָרגעשטעלט פאַר הערצלען. הערצל, אין גרויסער פאַרטועג־קייט, האָט זיך אַ רגע ווי דערפרייט, באַלד אַריינגעבעטן אים אין אַ זייטיקן צימער, פאַרזיכטיק צוגעלענט די טיר. אין זשיטלאָווסקיס אויגן האָט ער אויסגעזען, מיט זיין גראַציע און ענערגיע, ווי אַ יונגער לאַסאַל; בלוט־רויטע ליפּן, אַ ביסל פאַרקאַשער־טע, גשמיותדיקע, אין קאָנטראַסט צום טיפן שטערן, צום פייערדיקן בליק.

— צי האָב איך דעם כבוד צו רעדן מיטן פירער פון בונד?... — האָט הערצל ביי אים פלוצעם אַ פרעג געטון.

— ניין! — האָט זשיטלאָווסקי, אַ ביסל צו האַסטיק, אָבער קיל, געענטפערט — כ'געהער נישט צום בונד.

— אָבער... איר זענט דאָך דער פירער פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן?

— כ'געהער נישט צו קיין שום יידישער פּאַרטיי. כ'געהער צו די רוסישע סאָ־ציאַל־רעוואָלוציאָנערן. אָבער כ'בין אַ ייד. די אינטערעסן פון אונדזער פאָלק זענען מיר זייער טייער.

ביידע זענען זיי געווען אַ ביסל נשתומם.

— צי קענט איר מיך צונויפפירן מיט די פירער פון בונד?

— געוויס קען מען, אָבער כ'מוז וויסן וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך.

אַ ווײַלע האָט זיך נאָך הערצל געוואַקלט און איז פאָרט צוגעטרעטן, גאַנץ פאַר־טרוילעך:

— כ'קום אַצינד, ווי איר ווייסט מסתמא, פון פּעטערבורג. איך האָב פון פּאָן פּלעווע דעם פּאָזיטיוון צוזאָג, אין מאַקסימום פופצן יאָר אַרום אויסצופועלן אַ טשאַר־טער אויף ארץ ישראל. דאָס איז אָבער פאַרבונדן מיט איין תנאי...

— וועלכער תנאי? — איז זשיטלאָווסקי געוואָרן אָנגעשפּיצט, מיט חשד.

— די יידישע רעוואָלוציאָנערן זאָלן אָפּשטעלן זייער קאַמף קעגן דער רוסישער רעגירונג... אויב אין פופצן יאָר אַרום וועט פּאָן פּלעווע נישט דערפילן זיין חוב, זע־נען מיר ווידער פריי צו האַנדלען...

— פּאָן פּלעווע... אָפּשטעלן די יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוס־לאַנד... איר שטעלט זיך עס פאָר, הער דאָקטער, וואָס איר לייגט דאָ פאָר?!...

און ער אַליין האָט דערפילט, ווי ס'נעמט אים אַדורך אַ גרויסע אַנגסט, באַלד דערנאָך אַ שנאה, ביטול צום מאַן, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער אים. אַלע ווייטע חשדים זענען מיט אַ מאָל אויפגעקומען. די הענט האָבן אים פאַרקראַמפּט געציטערט, הערנדיק ווי הערצל רעדט נאָך דאָרט אַלץ עפּעס וועגן „דער וויכטיקייט פון מאָ־מענט... נישט דורכצולאָזן אַזאַ געלעגנהייט"...

— זענט איר גרייט אונדז צו העלפן?

און אין זיינע גרויסע, אומעטיקע אויגן איז געלעגן אַזוי פיל צער, געבעט, אַז דער קאַלטער חשד איז אַ ווילע אָפּגעטרעטן. „און אפשר טאַקע... — איז זשיט־לאָווסקין דורכגעפלויגן — צונויפפירן אים מיט די פאַרשטייער פון בונד, און ס׳זאָל זיין אַ טויט־קלאַפּ פאַרן אוטאָפּישן ציוניזם און פאַר פאַן פלעווען גלייכצייטיק... דאָס וואָלט אָבער געווען אַ מאָנסטרועז שטיקל אַרבעט; און ער האָט מיט אַ מאָל דערזען פאַר זיך — אַ קינד, אַ גרענעצלאָז־נאַיוו קינד, אין וועמענס הענט די געשיכטע האָט שיער נישט אַריינגעלייגט דעם גורל פון אונדזער פאָלק.

— ווילט איר הערן מיין עצה, הער דאָקטער ? זוכט נישט קיין צונויפקום מיטן בונד.

— פאַר וואָס ?

— קודם איז די מערהייט יידישע רעוואָלוציאָנערן נישט יידיש־נאַציאָנאַל. סוב־יעקטיוו איז אַוודאי אמת, אַז אַ גרויסע צאָל יידן זענען מיטגעריסן, פאַרכאַפּט פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין רוסלאַנד, אָבער אָביעקטיוו קעמפט נישט דער יידישער רעוואָלוציאָנער פאַר די אינטערעסן פון זיין פאָלק. ס׳רוב קוקט אויף זיך ווי רוסן, גיבן אַוועק זייער לעבן פאַר דער באַפרייאונג פון רוסלאַנד. אָבער אַפילו ווען זיי וואָלטן געגלויבט דאָס אַלץ, וואָס איר לייגט דאָ פאַר, וואָלטן זיי אויך נישט גע־קענט פועלן ביי זיך אַוועקצוגיין פון קאַמף, צוליב, אַזוי צו זאָגן, אַ זייטיקן ענין. די מערסטע פון זיי געהערן נישט צום בונד; און אַפילו ווען דער בונד זאָל זיך אָפּזאָגן פון קאַמף, וועלן נאָך בלייבן גענוג יידן, אויפצוהאַלטן די אילוזיע ביי אַזעלכע פאַר־שוינען ווי פאַן פלעווע, אַז דער קאַמף ווערט געפירט נאָר דורך יידן. אָבער אויך דער בונד, דורכגעדרונגען פון יידישע נויטן, כאָטש נישט מיט קיין גאַנץ קלאָרן נאַציאָ־נאַלן באַוווסטזיין, וועט בשום אופן נישט אָננעמען אַזאַ גליטשיקן פאָרשלאַג. מיר גלויבן נישט, אַז איר זאָלט קענען אַריבערפירן דאָס יידישע פאָלק פון רוסלאַנד קיין ארץ ישראל. אַן אוטאָפּיע ! חוץ דעם, קען מען אויף אַזעלכע גליטשיקע צוזאָגן גאָר־נישט בויען. פאַן פלעווע צילט אַריינצוברענגען אַ דעמאָראַליזאַציע אין די יידישע רעוואָלוציאָנערע רייען.

נאָך אָט די האַסטיקע רייד, האָט הערצל פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז באמת אַן אילוזיע דער גאַנצער געפערלעכער פּלאַן. ער האָט אָבער געבעטן ביי זשיטלאָווסקין צוצו־וואַרטן, און איז באַלד צוריקגעלאָפן צום קאָנגרעס־זאַל. ווען ער האָט פאַרמאַכט די טיר, האָט זשיטלאָווסקי לייכטער אָפּגעאָטעמט, זיך אַליין געפרעגט :

„פון וועמען שטאַמט אָט דער טייוולאָנישער פּלאַן צו ליקווידירן די יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ? איז עס פאַן פלעווס אַ שמד־שטיקל, אָדער הערצלס אַ נאַיווער פּאָליטישער שריט ? אַלע כמעט האָבן עס באַטראַכט ווי אַ טאַקטלאָזיקייט, צו מאַרגנס נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, צו פאַרן אונטערהאַנדלען מיט בלוטיקן שונא ישראל״. און ער האָט זיך אַ רגע געפּרווט פאַרשטעלן, אַן ערך, דעם שמועס צווישן יידישן דיפּלאָמאַט און דעם רוסישן אויבער־שפּיצעל :

— אייער עקסעלענץ איז אַוודאי באַקאַנט, אַז מיר, ציוניסטן, באַטראַכטן דעם אַנטיסעמיטיזם, ווי אַן אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג, כל זמן יידן וועלן לעבן אין גלות. מיר האָבן דעריבער קיין ברעקל האַפענונג נישט, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל געבן יידן גלייכע רעכט. ווען איר וואָלט אונדז געקענט העלפן ביים סולטאַן אין

טערקיי, וואָלט די רוסישע רעגירונג פּטור געוואָרן פון די יידן און מיר — פון אַנטי־סעמיטיזם...

— אַנטיסעמיטיזם... — האָט זיך פּאָן פּלעווע אַוודאַי כמעט ווי באַליידיקט — ביי אונדז איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם... אדרבה, די יידן וואָלטן געקענט פאַר־בלייבן אין רוסלאַנד, זיין נוצלעך. אָבער זיי גראָבן אונטער, מיט זייער רעוואָלוציאָ־נערער טעטיקייט, אונדזערע הייליקסטע היסטאָרישע טראַדיציעס, די יסודות גופא פון אונדזער רעזשים און פון דער פּראַוואָסלאַוויע...

— מען פאַרפאָלגט די יידן, ווייל זיי זענען רעוואָלוציאָנערן, און זיי זענען רע־וואָלוציאָנערן, ווייל מען פאַרפאָלגט זיי. איז דען נישט גלייכער יידן זאָלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד ?...

— פון מיין זייט איז קיין מניעה נישט. אָבער די יידן דאַרפן די ערשטע באַווייזן מיט מעשים... כ׳מיין, זיך נישט מישן אין אונדזערע פּראָבלעמען...

— כ׳בין זיכער, עקסעלענץ, אַז זיי וועלן עס טון. מיר ווילן בלויז די פאַרזיכע־רונג, אַז איר וועט אונדז העלפן אין די פאַרהאַנדלונגען מיט טערקיי...

— אדרבא, רעדט זיך אַדורך מיט זיי. איר קענט זיי פאַרזיכערן, אין מיין נאָמען, אַז...

און דער פּאָליציי־פּוקס רייבט זיך די הענט. וואָס ס׳זאָל דערפון נישט אַרויס־קומען, אָבער זיכער — אַ צעטומלונג אין זייערע אייגענע רייען.

אַזוי האָט זיך ד״ר חיים זשיטלאָווסקי פאַרגעשטעלט. אָבער פאַר וואָס עפּעס אַזוי איילִיק, אין סאַמע רויש פון קאָנגרעס ? ער האָט גאָרנישט באַמערקט ווי הערצל איז שטיל אַריין אין צימער, אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער האָט אים אַזוי לאַנג געלאָזן וואַרטן. ער איז געווען בלייך. ס׳איז געבליבן, אַז זשיטלאָווסקי זאָל נאָך מיטאָג זיין אין קאָנגרעס־זאַל. זיי האָבן נאָך זייער וויכטיקע זאַכן דורכצושמועסן.

קאַפּיטל פערצן

„געשטאָרבן אַן אַלטער חלום״...

זיי זענען אַלע פאַרשיכורט געווען פון טיפן גלויבן, פון דער וויזיע, אַז באַלד מאָרגן שוין קומט די גאולה. און אָט האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן — ס׳איז נאָך זייער לאַנג צו וואַרטן. ס׳איז געווען אַן אויסברוך פון מאַסן־היפּנאָז, ווען הערצל האָט זיך צוריק באַוויזן אויף דער טריבונע — רואיק, שטאָלץ, די מאַיעסטעטישקייט פון אַ מלך. זיינע ווערטער — פול מיט גלויבן און יאוש. ער האָט קיינעם נישט געוואָלט פאַרפירן מיט אילוזיעס. מיט ארץ ישראל איז נאָך דערווייל אַ ביסל צו לאַנג צו וואַרטן. שטייט דאָס פּראָבלעם — אוגאַנדע. די אַלטע חובבי ציון, פון אָדעסער שניט, ביטערע עקשנים און גלויביקע, האָבן עס אַנטשלאָסן אָפּגעוואָרפן. דער ארץ ישראל־ציוניזם האָט גובר געווען. די טעריטאָריאַליסטן האָבן געמאַכט אַ שטורמישע אַבס־

טראָקציע, נישט געוואָלט דערלאָזן צו דער אָפּשטימונג. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער טריבונע. בענקלעך זענען געפלויגן אין דער לופטן. מ'האָט אויף זיי געשריגן: „שוויַיגט, בונדיסטן!"... דאָס איז געווען אַ ניי זידל־וואָרט אין פּאָליטישן לעקסיקאָן. ניין, מ'איז צו קיין טאָלק נישט געקומען. די ביטערע יידישע קנאים האָבן זיך יעדער געהאַלטן ביי זייערס, נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין האָר פון זייערע ענג־איינגעפּאַסטע פאָרמולעס און פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמעס.

הערצל איז אַ ווילע שטיינגעבליבן, אַ ביסל מבולבל, דער קאָפּ — אין פיבערן. די בלייכקייט אויף זיין אָפּגעצויגן פּנים איז פאַרגליווערט געוואָרן; ס'שוואַכע, אויסגע־שעפּטע האַרץ האָט אומרואיק געשלאָגן. ער האָט זיין לעבן אויסגעברענט אין ליידנ־שאַפטלעכן קאַמף, אין שטרייטן, אין חלומות און — ווער ווייס...

אומזיסט האָט ער, צוזאַמען מיט מאַקס נאָרדוי, איינגעטענהט, אַז אָננעמען אוג־גאַנדע, הייסט נאָך כלל נישט אָפּזאָגן זיך פון ארץ ישראל; אַז אוגאַנדע איז נאָר אַ „נאַכט־אַזיל", ווו דאָס גערודפטע פאָלק זאָל קענען איבערוואַרטן. די יידישע עסקנים פון רוסלאַנד האָבן אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון.

אין זאַל איז איצט פאַרגעקומען די נאָמענטלעכע אָפּשטימונג. אין דער טויטער שטילקייט האָבן זיך נאָר געהערט די ענטפערס: „ניין", „יאָ". ס'הייסט, שיקן, אָדער נישט שיקן אַן עקספּעדיציע אויסצופאָרשן אוגאַנדע. דער רעזולטאַט: די מאַיאָריטעט האָט פון דעסטוועגן אָפּגעשטימט צו שיקן אַ דעלעגאַציע. שוואַכע אַפּלאָדיסמענטן. אפילו די זיגער זענען נישט געווען באַגייסטערט. דער עולם האָט זיך גענומען אַרויס־שיטן אין די קולואַרן. דערשלאָגענע, אין די אויגן — טרערן. אַט גייט אַנטקעגן אַ ייד מיט אַ גרוילעכער באָרד. זיין אונטערשטע ליפּ טרייסלט זיך משונה. ער כליפּעט:

— דערלעבט, האַ?...

פון די טרעפּ גייען אַראָפּ עטלעכע באַקאַנטע, דווקא בונדיסטן; זיי זענען געווען אויף דער גאַלעריע. אויך אין זייערע אויגן שטייען טרערן.

— בונדיסטן! — האָט זיי זשיטלאָווסקי באַגעגנט — אויף וועמענס חורבן וויינט איר?

איינער האָט זיך געווישט מיטן טיכעלע די אויגן, שעמעוודיק געלאָזן פאַלן:

— געשטאָרבן אַ שיינער חלום...

טראַגיש, ביטער, ס'זעט זיך נישט קיין שום אויסוועג; אויפגערעגטע רעדעס, פאַרזאַמלונגען, היסטערישע אויסגעשרייען. און איבער אַלעם — הערצלס פיגור פון אַ מלך. דער איינדרוק איז נאָכמער פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען קאַווקאַזער יידן, אין פאַרביקע טשערקעסן־טראַכטן, מיט פּאַטראָנען־בענדער, געקרייצט אויף דער ברוסט, קינזאַשלען ביי דער זייט, האָבן אים אַרומגערינגלט. מ'האָט געפילט, אַז דאָ שפּילט זיך אָפּ פאַר אַלעמענס אויגן די גרויסע טראַגעדיע פון אַ פאָלק. אפילו איינע אַן „איסקראַווקע" האָט געווישט די אויגן: „ס'איז אַ רחמנות"... הייסט עס, האָט זשיטלאָווסקי באַטראַכט, אַז ערגעץ־ווו איז פאַראַן אַ שטילע, נשמהדיקע פאַרבינדונג צווישן „אַלטן, שיינעם חלום" און די יידישע אַרבעטער.

ווען הערצל האָט אים פאַרנאַכט־צייט נאָך אַ מאָל אַריינגערופן אין זייטיקן צי־מער, האָט ער באַמערקט, אַז ער איז דאָס מאָל אַ סך רואיקער. ער קען נישט פאַרשטיין, האָט ער געזאָגט, פאַר וואָס יידישע רעוואָלוציאָנערן שטייען נאָך אַלץ גלייכגילטיק צו דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

— און וואָס איז מכוח עקאָנאָמישע אויסזיכטן אין ארץ ישראל ?

— עקאָנאָמיש — אומבאַגרענעצטע פּערספּעקטיוון. נעמט, למשל, די האָטעל־אינדוסטריע. די האָטעל־אינדוסטריע אַליין קען שפּייזן אַ דריטל פון דער באַפעלקע־רונג. שטעלט אייך פאָר — ווילעס און האָטעלן לענגאויס דעם גאַנצן מיטללענדישן ברעג, פון פּאָרט־סאַיד ביז ביירוט...

— שווער צו גלויבן, אַפילו לויט די פּערספּעקטיוון, וואָס איר מאָלט... דער קאַ־פּיטאַליזם, וואָס וואַקסט אין מזרח־איראָפּע, טרייבט די פויערים פון דאָרף אין שטאָט אַריין. דאָרט שטופן זיי אַרויס פון אומעטום דעם יידישן אַרבעטער. לויפן יידן אין דער וועלט אַריין. וואָס פאַראַ באַדייטונג ארץ ישראל זאָל נישט האָבן פאַר דער וויטער צוקונפט, קען ציון אַצינד גאָרנישט פאַרענטפערן פאַרן יידישן עמיגראַנט. דער ענטפער ליגט אין טעריטאָריאַליזם, און נאָר אין אים. ממה נפשך, קען דער עמיגראַציע־שטראָם געלענקט ווערן קיין ארץ ישראל, צו באַשאַפן דאָרט אַ יידישע היים, וואָלט עס אַוודאי געווען אַ פאַרברעכן נישט אויסצונוצן אַזאַ געלעגנהייט. אלא וואָס דען, איר מוזט מודה זיין, אַז דער עמיגראַציע־שטראָם קען נישט באַלד גע־לענקט ווערן אַהין. דאָס פאָלק איז פאַרזיכטיק מיט זיין יעדן שריט אַוועקצושטעלן זיין גאַנצן גורל אויף איין איינציקער קאָרט. אַ גאַנץ אַנדער זאַך איז אוגאַנדע. אויב דאָרט איז ווירקלעך פאַראַן אַן אויסזיכט...

דאָ האָט אים שוין הערצל איבערגעריסן :

— אוגאַנדע איז גאָרנישט ! אַבסאָלוט גאָרנישט !

— טאָ וואָס זאָל באַדייטן די אָפּשטימונג, פאַר וועלכער איר האָט אַזוי ליידנ־שאַפטלעך געקעמפט ?

— מיר האָבן געקעמפט פאַר אַן עקספּעדיציע, אָבער — הערט מיך אויס, הער דאָקטער ! קיינער פון אונדז גלויבט נישט אַ מינוט אַפילו אין דער רעאַלקייט פון דעם פּראָיעקט. ס'איז נישט מער ווי אַ דיפּלאָמאַטישער שריט, אין קאַמף פאַר — ארץ ישראל. צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע שלאָגט מען אונדז פאָר אַן אייגן לאַנד אויף אויטאָנאָמע יסודות. דאָס הייסט, די אָפיציעלע אָנערקענונג פון ציוניסטישן פּרינציפּ. די עקספּעדיציע וועט, פאַרשטייט זיך, קומען צוריק מיט אַ נעגאַטיוון רע־רעזולטאַט, וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל ווענדן צו ענגלאַנד.

— און דערנאָך ?

— דערנאָך וועלן מיר אַרויס מיט קלאָרע רייד : „ווי איר זעט, איז נישטאָ פאַר אונדז קיין אַנדער לאַנד, חוץ ארץ ישראל“...

און זיין פּנים האָט זיך ווידער באַדעקט מיט אַ וואָלקן.

— איך האָב עס אָפן נישט געקענט זאָגן. אָבער פאַרוואָס האָבן זיי עס אַליין נישט פאַרשטאַנען ? און דאָ האָט מען מיר שיער נישט באַשולדיקט, אַז... ניין, הער דאָק־טער, נישט אוגאַנדע איז אונדזער צוקונפטיק לאַנד.

באַשטעטיקט דאָס אַליץ האָט די קליינע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, ווען הערצל האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט וועגן זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג. פּלוצעם האָט איבערגעריסן זיינע רייד אַ חשובער ייד פון רוסישן קאָמיטעט :

— אַנטשולדיקט, הער דאָקטער, די ענגלישע רעגירונג האָט זיך געווענדעט צו אונדז אָפיציעל ?

— אָפּיציעל! — האָט הערצל געענטפערט און לייענט ווייטער זיין באַריכט.
— אַנטשולדיקט, הער דאָקטער, מינדלעך, אָדער שריפטלעך?
— שריפטלעך! — ענטפערט ער קיל און לייענט ווייטער זיין באַריכט.
— אַנטשולדיקט, הער דאָקטער, קען מען אפשר זען דעם דאָקומענט?
— זייט אַזוי גוט — ווענדעט זיך הערצל צום סעקרעטאַר — גיט מיר אַהער די מאַפּע דאָקומענטן.

ער נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר, דערלאַנגט עס יענעם און זעצט ווייטער פאָר. דער ייד נעמט אַראָפּ די בריל, בליקט דערין אַריין, שטעלט זיך פּלוצעם אויף, טוט אָן זיין הוט און מאכט הויך אויפן קול אַ „שהחיינו ויקימנו". טרערן פון פרייד שטיקן אים אין האַלדז...

— גלויבט איר דען באמת — האָט הערצל לסוף אַ פרעג געטון ביי זשיטלאָווסקין — אַז אין איראָפּע קען ווען עס איז מקוים ווערן דער סאָציאַליזם? ס'קען נישט זיין קיין אמתער סאָציאַליזם דאָרט, ווו ערשט נישט לאַנג האָט געהערשט דער פעאָדאַליזם. ס'פעלט דער פּסיכאָלאָגישער פונדאַמענט. אין איראָפּע איז די נשמה פון יעדן איינעם עד היום אָדער אַ האַרן־נשמה, אָדער אַ שקלאַפן־נשמה. פאַראַן נאָר איין פאָלק, וואָס האָט אין זיין נשמה די יסודות פון אמתן סאָציאַליזם. דאָס איז דאָס יידישע פאָלק. און דורכפירן דעם סאָציאַליזם וועט עס ביי זיך אין דער היים, אין ארץ ישראל, אין דער אַטמאָספער, דורכגעזאַפּט מיט די סאָציאַלע טראַדיציעס פון אונדזערע נביאים. ווי איר זעט, שטיי איך אויפן שטאַנדפונקט, וואָס שיידט זיך ווייניק אָפּ פון סאָציאַליזם...

און זשיטלאָווסקי האָט זיך דערמאָנט: אויך ד"ר נחמן סירקין האָט אויף עפּעס אַ נישט דערקלערלעכן אופן צונויפגעבונדן דעם ציוניזם מיטן סאָציאַליזם.

אין צימער האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, און דעמאָלט האָבן זיי זיך אויפגעריסן און זיך קורץ, שטיל אָפּגעזעגנט.

צוריק אויפן וועג קיין בערן, האָט אים, זשיטלאָווסקין, אַן־סקי אַ זאָג געטון:

— ניין, דאָס אַלץ טאָר נישט איבערגעגעבן ווערן דער עפנטלעכקייט.

זיי האָבן ביידע לאַנג געקוקט דורכן פענצטער אויפן פאַרבייפליענדיקן נאַכטיקן פּייזאַזש.

— אַן אַוואַנטוריסט? — האָט פּלוצעם אַן־סקי געפרעגט.

— ניין, כ'וואָלט געזאָגט, אַ נאַיווו קינד אין פּאָליטיק, אין נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע, אין זיין בליק אויף זיך אַליין. ער געהער צו יענע העלדן, מיט אַ ווילן צו באַשאַפן עפּעס אַזוינס, פאַר וועלכן ס'זאָל זיך לוינען אָפּצוגעבן דאָס לעבן... דאָס איז אָבער נאָר אַ האַלבער אמת. ס'איז דער רעזולטאַט פון זיינע נסיונות מיטן אַנטיסעמיטיזם. און נאָך עפּעס: ער האַלט אין איין איבערחזרן די טענה פון די אַנטיסעמיטן וועגן איבערשטראָם, וועגן אָנגעלויף פון דער מיטעלער אינטעליגענץ, אַז יידן זענען כלומרשט נישט פעאיק צו אָריגינעלער שאַפונג; זיי „גיבן זיך אַן עצה" מיט דער הילף פון עלאָקווענץ און קאָמבינאַציעס...

— פאַרגעס נישט, אַז דאָ רעדט זיך וועגן איינעם, וואָס דאָס פאָלק באַקרוינט אים שוין איצט מיט לעגענדעס. זיינע ווערטער וועלן אפשר מאָרגן זיין די נייע ביבל פון יידנטום.

— וועגן וועלכן יידנטום רעדסטו ? פאַרן רעליגיעזן יידנטום אַז ער אַן אפּיקורס, פאַרן רעפאָרמירטן יידנטום — אַ פאַנטאַסט. בלייבט דאָס יידנטום פון שניט אחד־העם, ד״ר נתן בירנבוים. זייער מיינונג וועגן אים איז אַ פיל שאַרפערע ווי אונדזערע. אָבער דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב היינט איבערגעלעבט איז — געשיכטע. יעדער ערנסטער היסטאָריקער וועט זיך מוזן רעכענען מיט די פאַקטן, אַז ד״ר הערצל האָט געוואָלט אונטערהאַנדלען מיטן בונד, ער זאָל זיך צוריקציען פון קאַמף... אַז הערצל האָט אונ־טערגעהאַנדלט וועגן אוגאַנדע, נאָר מיטן איינציקן אויסבליק — צוצונויגן ענגלאַנד צו אונדזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן; אַז הערצל האָט זיך אַפילו דערקלערט נאָענט צום סאָציאַליזם. דורך מיר האָט ער גערעדט צו יידישע סאָציאַליסטן, זיי זאָלן איינזען, אַז דער סאָציאַליזם קען מקוים ווערן נאָר אין ארץ ישראל. ער האָט פאַרלאַנגט ביי מיר ס׳זאָל פאַרבלייבן „אַנטרע־נו״. כ׳האָב עס אים צוגעזאָגט. ער איז געווען איבער־צייגט אין זיינע רעכט אַזוי צו האַנדלען.

דאָס איז געווען אין דעם יאָר, ווען הערצלס לעבן, אויסגעברענט אין קאַמף פאַר אַ יידישער היים, האָט זיך האַסטיק גענומען אויסלעשן.

קאַפּיטל פופצן

מיט האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן

ביטערע ספקות האָבן הערצלען אַליין אויך געפרעסן; אָבער מיט די לעצטע כו־חות האָט ער נאָך געזוכט צו באַהערשן די סיטואַציע און — זיך אַליין. ווען מ׳איז אים באַלד דערנאָך געקומען אָנזאָגן, אַז די „ציוני ציון״ האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַר־לאָזן דעם קאָנגרעס־זאַל, אַז זיי פאַרזאַמלען זיך אויף דער אָפּגעשלאָסענער באַראַטונג, ווי אַ פראַקציע, האָט ער זיך מיט די לעצטע קרעפטן אויפגעריסן און איז אַוועק צו זיי. ס׳איז געווען אין קליינעם זאַל פון דער קאַסינאָ. מ׳האָט אים אָבער נישט באַלד צו־געלאָזן. ער האָט געוואַרט, געדולדיק, רואיק, ביז ער האָט באַקומען אַ וואָרט:

— ס׳גייט דאָ נישט מער אין פּאָליטישן קאַמף — האָט ער גערעדט מיט אַ גע־דעמפּט קול — ס׳איז אַ יאוש־אויסברוך. קיין מאָל האָב איך אָבער נישט געהאַט בדעה עפּעס צו טון, אין סתירה צום באַזעלער פּראָגראַם. מ׳האָט פאַר געלט אין אַ געוויסן מאָמענט געקענט באַקומען דעם ארץ ישראל־טשאַרטער. ס׳איז נויטיק געווען אַ מי־נימאַלע סומע פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן פונט. די יידישע געלט־זעק האָבן חוזק גע־מאַכט פון אונדזער ביטערן קאַמף. כ׳האָב אַפילו נישט געהאַט די זכיה, אַז דאָס פּעבל, וואָס הערשט איבערן געלט, זאָל אויסהערן, וואָס איך לייג פאָר. פייער און שוועבל דאַרפן אַראָפּפאַלן פון הימל, אַז עס זאָלן ווייך ווערן אָט די שטיינערנע הערצער. אין פופציק יאָר אַרום וועט מען שפּייען אויף זייערע קברים, ווען מ׳וועט זיך דערוויסן, אַז כ׳בין געווען נאָענט צו פאַרענדיקן מיטן סולטאַן, נאָר כ׳האָב נישט געקענט באַקו־מען דאָס מיזערנע געלט...

ער האָט אַ וויש געטון דעם נאַסן שטערן, געזופּט מיט דער נערוועזער האַנט, געפונען דעם קאַראַף וואַסער און אַ טיפן שלוק געטון פונעם גלאָז.

— פאַר וואָס האָבן מיר אָנגענומען דעם אוגאַנדע־פּלאַן? דער על־אַריש־פּראָיעקט לאָזט זיך נישט פאַרווירקלעכן. מיר שטייען פאַר אַן אייזערנער וואַנט. אָבער געדענקט, ווי איר זאָלט נישט באַשליסן, זאָל אייער געוויסן בלייבן ריין...

געזיגט האָט פון דעסטוועגן די מיושבדיקע, מעסיקע פאַרשטענדעניש פון ד״ר טשלענאָוו, און די „ביין״־זאָגער זענען צוריקגעקומען אין קאָנגרעס־זאַל. די שלוס־זיצונג האָט זיך פאַרצויגן פּריטיק ביז ערב ליכט־צינדן. מ׳איז שוין מיד געווען פון די לאַנגע דעבאַטן, ווען הערצל האָט געהאַלטן זיין לעצטע רעדע. בלאַס, דאָס פּנים אָפּגעצויגן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— ס׳איז געווען אַ שווערער קאָנגרעס, אָבער אַ גראַנדיעזער קאָנגרעס. יעדער פון אונדז האָט געשטימט לויט זיין געפיל און געוויסן. דער וועג קיין ציון, ווייזט זיך אַרויס, גייט נישט לויט אַ דירעקטער לופט־ליניע, נאָר דורך אומוועגן און שטרויכלונגען. אָבער איך שווער, אַז איך וועל נישט אַוועקגיין פון אונדזער ארץ ישראל־אידעאַל! אם אשכך ירושלים, תשכח ימיני!...

און די אַלטע יידישע שבועה האָט אַ קלונג געטון איבערן זאַל, מיט דער הייליקער אחריות, ווי אין די קלויזן, פול מיט יידן, יום כיפּור, צו נעילה.

דער קאָנגרעס־עולם איז זיך נישט באַלד פונאַנדערגעפאָרן. די טאַווערנעס, די קאַפעען זענען פול געווען, געברויזט מיט אַלערליי לייט, סטודענטן, פּאָליטישע עמיגראַנטן, עסקנים פון רוסלאַנד, דייטשע אַדוואָקאַטן, רוסישע און גאַליציש רבנים, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, סתם יידן, וואָס האָבן זיך אומעטום מיטגעדרייט. אַלץ האָט אין דעם זומער געצויגן קיין באַזעל. אין די טאַווערנעס, אויף די פאַרזאַמלונגען, האָט דער באַוווסטער טוער פון אויסלענדישן צ. ק. פון בונד, חבר אַלעקסאַנדער, שטאַרק געשטריטן מיט די אַלע ציוניסטישע רעדנערס.

— איר זענט ווי פאַרגליווערט... — האָט ער זיי באַוויזן מיט אייזערנע אַרגומענטן — אין דער צייט, ווען עס שפּילן זיך אָפּ גרויסע וועלט־היסטאָרישע געשעענישן אין רוסלאַנד, פאַרנעמט איר זיך מיט עפּעס אַן „עפּנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים״. איר זעט נישט, אַז באַלד וועט דער שטורעם אויסברעכן, איידער די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן...

טעג און נעכט האָבן זיך אין די אָנגערויכערטע טאַווערנעס געצויגן די בונדיש־ציוניסטישע דיסקוסיעס, טעאָרעטישע דיספּוטן. חיים וויצמאַן, נאָך דעמאָלט אַ יונגער געלערנטער, מיט אַ פעך־שוואַרץ קליין־בערדל, האָט מיט דער קילקייט פון אַ מתנגדישן פּינסקער ייד, אומעטיקלעך, מיט אַ סך יידישער זאָרג און צער אויף זיין שטערן, וואָס האָט זיך שוין באַצייטנס געדונצלט, געוואָרפן זיי אין פּנים:

— אַצינד דעבאַטירן מיר, ווייט פון די לעבעדיקע יידישע נויטן. ס׳וועט אָבער קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן זיך צונויפטרעפן, און דעמאָלט וועט די געשיכטע אַרויסטראָגן איר פּסק...

מאַקס נאָרדוי האָט גערופן די יידישע סאָציאַליסטן, זיי זאָלן קומען, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות, צו פאַרווירקלעכן די נישט אומגערעכטע סאָציאַלע שטרעבונגען — אין ארץ ישראל. חיים זשיטלאָווסקי, גאַנץ ווייט פון ציוניזם און פון בונד, האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— איר רעדט דאָ אַלץ וועגן אַ מינדערהייט... פּראָצענטער... יידן אין רוסלאַנד מאַכן אויס נישט 4 פּראָצענט פון רוסישן פאָלק, נאָר גאַנצע 100 פּראָצענט פון זיך אַליין... דאָרט לעבן מיר און דאָרט װעלן מיר אויספעכטן אונדזער גערעכטן קאַמף...

צווישן די אַלע האָט זיך דאָרט אין יענעם זומער אויך אַרומגעדרייט, אין די אָנגערויכערטע טאַווערנעס, הערש דוד נאָמבערג. אַ קליינער, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט אַ בלאָנד־שטרויערנער, בערשטלדיקער וואָנס. ער האָט שוין מער אין װאַרשע נישט געקענט אײנזיצן, אין שאָטן פון פּרצ׳עס הויז, צווישן די אָרעמע מחברים און בטלנים. ס׳האָט אים געטראָגן אין דער וועלט אַרײַן. ניטשע און שאָפּענ־הויער האָבן אים שוין גאָר צערודערט ס׳געמיט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין בער־לין, אין ווין, אין בערן, אין באַזעל, מיט אַן אויפגעשטעלט קעלנערל, אָן אַ רעכטן שטיקל מלבוש אויף זיך. הינטער די פענצטער פון אַ בונדישער פאַרזאַמלונג האָט ער דאָרט אַפילו איין מאָל געהערט דעם פאַרזאַמלטן עולם זינגען זיין באַרימט רע־וואָלוציאָנער וויג־ליד „ס׳לויפן, ס׳יאָגן שוואַרצע וואָלקנס“... װעגן דעם טאָטן, וואָס שטייט דאָרט, אין קאַלטן סיביר, און גראָבט קברים אויס פאַר די טיראַנען... ס׳האָט געגאָסן אויף אים אַ רעגן, אָבער מ׳האָט אים אויף דער אָפּגעשלאָסענער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג נישט אַריינגעלאָזן. ער האָט נישט באַלאַנגט צו קיין שום ריכטונג. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אויסגעזונגען זיין פּעסימיסטיש שוואַנען־ליד „פליגלמאַן“. ער האָט זיי מקנא געווען, די גלויביקע :

— אייך — האָט ער געטענהט מיט זיין שפּיציקן אַמשינאָוער יידיש — אייך איז גוט... איר האָט אַ גלויבן ! יאַך האָב אים נישט. ווו זאָל יאַך אים נעמען ? אין וואָס זאָל יאַך גלויבן ?...

אויבן, אין זיין האָטעל־צימער, איז הערצל, נאָכן שטורמיש־אָפּגערוישטן קאָנ־גרעס, ליגן־געבליבן אַ פאַרטראָגענער. דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ האָט נישט אויס־געהאַלטן. די שטאָכעטן־לעדלעך אַראָפּגעלאָזן, האָבן זיי אַ ביסל פאַרטונקלט דאָס בלענדיקע ליכט פון מיטנטאָגיקן דרויסן. ער האָט אויפגעהויבן אַ בלייכע האַנט און זי צוריק אַראָפּגעלאָזן. ס׳האָט אים געפעלט לופט. די אויגן האַלב־צוגעשלאָסן, האָט ער געזען פאַר זיך דעם לאַנגן, שווערן וועג. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז סוף כל סוף איז יעדער מענטש — אַליין; געפילט ווי די כוחות גייען אים לאַנגזאַם אויס. הינטערן פענצטער האָט גערוישט די פאַרביקע שטאָט ביים רהיין, דאָס יידישע יונגוואַרג, די סטודענטן, די רעוואָלוציאָנערן, די פּאָליטישע עמיגראַנטן. זיי וועלן שוין אפשר זען בעסערע צייטן. און ער האָט זיך דערפילט לאַנגזאַם אַוועקשווימען צו אַן אָפּגערוישט לעבן, צו ווייטע זעאונגען.

ערשט ווי לאַנג איז עס געווען ? ס׳געמיטלעכע ווין... יוליע... די קינדערלעך... ס׳האָט אים מער נישט געפרייט, וואָס זיינע פעליעטאָנען אין דער „נויע פרייע פּרע־סע“ האָבן מרעיש עולם געווען. דאָס וואָרט „ציוניזם“ איז סיי ווי קיין מאָל נישט דערמאָנט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג, געלייענט מערסטנס דורך יידן. אויף די קאָנגרעסן האָט מען אים אויפגענומען ווי אַ מלך, אָבער אין רעדאַקציע האָט ער זיך אַריינגעשאַרט, נישט אָנצוטרעפן דעם בייזן בליק פון שעף־רעדאַקטאָר. ער האָט זיך דערפילט ווי יענער קליינער באַאַמטער, וואָס גנבעט זיך אַריין אין ביוראָ, נישט באַמערקט צו ווערן פון שעף. ס׳איז געווען באַלד נאָך דער דרייפוס־טראַגעדיע, און ער האָט מער נישט געקענט איינזיצן אין ווין. ס׳האָט אים פאַרפאָלגט, צוגענומען

דעם שלאָף פון זיינע אויגן. די באַנגע, אויסגייענדיקע מוזיק פון „טאַנהאָוזער", פון „פּילגרימען־מאַרש", האָט דורך די שלאָפלאָזע נעכט געקלונגען אין זיין געמיט. צווישן די נאַציעס אין דער עסטרייכישער אימפּעריע איז פאָרגעקומען אַ טיפע יוירונג; אָבער יידן זענען סיי ווי פאַרהאַסט פון אַלע זייטן, דורך אַלע עטנישע גרופּן. דאָס האָט אים בולט באַוויזן, אַז די יידישע ליידן זענען איינציק אין זייער מין. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז אומעטום זענען יידן איין פאָלק, נישט מחמת ירושה און בלוט, נאָר ווייל די פעלקער זאָגן זיך אָפּ זיי צו אָנערקענען ווי גלייכע. קיינער האָט גאָרנישט געטראַכט צו זוכן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד דאָרט, וווּ ס'געפינט זיך — אין אונדז גופא.

און ס'האָט אים צוריקגעטריבן קיין פּאַריז. דאָרט, אין זיין האָטעל־צימער, האָט ער איין מאָל, צווישן טאָג און נאַכט, געמאַכט דעם ערשטן אָנוואורף פון זיין „יודענ־שטאַט". ער געדענקט נישט צו האָבן געשריבן אין אַזאַ גייסטיקער דערהויבונג. היינע זאָגט ערגעץ, אַז ער האָט געהערט איבער זיך דעם געררויש פון אָדלער־פליגל ביים שרייבן. עפּעס אַזוינס האָט האָט ער געפילט. געאַרבעט טאָג און נאַכט, ביזן פאַרלירן די כוחות. דער איינציקער אויסלייז איז געווען צו גיין הערן די מוזיק פון ריכאַרד וואַגנער אין די אָוונטן. אָבער אין די אָוונטן, ווען ס'איז נישט געווען קיין וואַגנער־אויפפירונג אין דער אָפּערע, האָט ער אָנגעהויבן פילן ספקות אין דער ריכטיקייט פון זיינע מחשבות. דווקא וואַגנער! דער אַנטיסעמיט, וואָס האָט געשריבן דעם פּאַשקוויל „יידן אין דער מוזיק".

אין „קאַפע דע לאַ פּע", אין עקסטן ווינקל, ביים טישל, האָט מאַקס נאָרדוי גע־רעדט, ווי געוויינלעך, פלעגמאַטיש, אָבער הינטער די רייד האָט געברענט אַ שטיל פייער:

— יעדעס מאָל, ווען יידן טרעפן זיך אָן אויף אַ נייעם „איזם" — ראַציאָנאַליזם, ליבעראַליזם, דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם — נעמען זיי זיך באַלד אויסטייטשן דעם באַדייט פון זייער קיום און דעם סוד פון זייער גורל, לויט אָט די „איזמען". לאַסאַל... משה העס... דער ערשטער איז אַוועק צום סאָציאַליזם מיט פאַראַכטונג צו יידן. דער צווייטער האָט זיך אומגעקערט צו יידן ביים סוף פון זיין לעבן. דער ציוניזם איז גי־כער דאָס יידישע רעאַגירן קעגן דעם כוח, וואָס איז נאָך אַלץ דער שטאַרקסטער אין דער היינטיקער וועלט — קעגן נאַציאָנאַליזם.

— אָבער דאָס מערב־אייראָפּעאישע יידנטום לעבט נאָך אַלץ מיט אילוזיעס פון פון עמאַנציפּאַציע און ליבעראַליזם. זיי זענען אויסגעליידיקט פון יעדן תוך. די גוט־באַצאָלטע טעמפּל־דינער, די ראַבינערס, וואַרפן פוסטע פראַזן וועגן עפּעס אַ נייער רעפאָרם־יידישקייט. זיי האַלטן זיך פאַר ענגלענדער, פראַנצויזן, דייטשן, פון „מאָ־זאַישער קאָנפעסיע". וווהין פירט עס? צו שמד, אָדער — צו פרעמדן נאַציאָנאַליזם...

— ס'איז קלאָר — האָט נאָרדוי זיך אָפּגערופן — די עקאָנאָמישע קריזיסן, די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען, האָבן באַשאַפן דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם. דער רוף פון משה העס איז נישט דערהערט געוואָרן. זיי פאַרשטייען עס פשוט נישט פאַר־וואָס זיי דאַרפן ליידן ווי יידן, שטייענדיק ביים אויסגעליידיקטן תוכן פון דער „איז־ראַעליטישער קאָנפעסיע".

— כ'וועל גיין צו די רייכע יידן — האָט זיך הערצל אויפגעריסן — כ'וועל פּרווון רעדן צו זייער געוויסן, זאָלן זיי כאָטש מיט זייער געלט העלפן ראַטעווען.

ער האָט זיך אין דעם פּרימאַרגן אָנגעטון מיט „דיסקרעטער פיינקייט". די נייע הענטשקעס האָט ער געטראָגן מיט אַ טאָג פריער, זיי זאָלן נישט אויסזען אינגאַנצן ניי. רייכע לייט טאָר מען נישט אַרויסווייזן קיין חניפה. דער פאַיעטאָן האָט אים געפירט איבער די עליזייער פעלדער, צום „האָטעל פּאַרטיקוליע" פון באַראָן הירש. אין אומרואיקער געשפּאַנטקייט, האָט ער אַפילו נישט באַמערקט, אַז איבער די גאַסן און פּלעצער האָט זיך געשטעלט אַ מילדער, זוניקער פרילינג. די צוואָקסענע קאַשטאַנען־ווענט, גלייך אַרומגעשווירענע, האָבן ווי אין אַ טונעל, איינגעהילט דעם דורכפאָר פון טיולערי־גאָרטן, ביז טיף אַראָפּ צום טריאומף־בויגן. די ברייטע אַווענידע שאַנז עליזיי איז געלאָפן אין אַ שטרענגער, גראָדער ליניע, ווי אַ פיילן־שאָס. פון הויכן זעסל האָט ער, ווי אין נעפּל, געזען די לאַנגע קייט פיאַקערס, די צילינדערס פון די אַנטרייבער, אָבער זיין בליק האָט געבלאָנדזשעט ערגעץ ווייט, ווייט פון דאַנען.

און דאָס אַלץ איז געווען — נישט מער ווי מיט אַכט יאָר צוריק, דעם 2־טן יוני 1895. ער האָט זיך לאַנג געגרייט צום שמועס מיטן באַרימטן פילאַנטראָפּ, דעם באַראָן הירש. יענער האָט אים היפשלעך געלאָזן וואַרטן אין סאַלאָן, אים אויפגענומען קיל, כאָטש גענוג פריינטלעך.

— כ'בין איך געקומען זאָגן, הער באַראָן, אַז נישט די פילאַנטראָפּיע וועט אונדז ערגעץ דערפירן. ביי קיין שום אומה איז נישט פאַראַן אַזוי פיל טרויעריקע פילאַנטראָפּיע און אַזוי פיל — שנאָרערס. זייט מיר מוחל, אָבער אייער פּרינציפּ, הער באַראָן, איז אַ פאַלשער. וויפל קענט איר באַוויזן צו קאָלאָניזירן ? 20 טויזנט יידן ! אין אַיין פראַטער־באַצירק אין ווין וווינען מער ווי 20 טויזנט גאַליציאַנער יידן...

דער באַראָן האָט איידל אַ וויש געגעבן די פּאַרשפּיצטע, נישט־יידישלעכע וואָנץ, אַ פינקל געטון מיטן מאָנאָקל און זיך אָפּגערופן :

— די שנאה צו יידן נעמט זיך אפשר אויך דערפון, וואָס זיי רייסן זיך צו הויך... אויסוואַנדערן איז, פאַרשטייט זיך, די איינציקע לייזונג. פאַר געלט קען מען קויפן גענוג באָדן און לענדער...

— נישט בלויז אין געלט און אין לענדער האַנדלט זיך עס. ס'מוז דערביי זיין אַ פירנדיקע אידיי. נישט סתם — אַ לאַנד. איך וויל שאַפן אַ מיליאַרד גאָלד־פראַנק דורך אַ נאַציאָנאַלער הלוואה... און אָנבליק פון די אונטערהאַנדלונגען מיט טערקיי.

— הער דאָקטער ! איר האָט, זע איך, פאַנטאַסטישע איינפאַלן... די רייכע יידן וועלן אייך גאָרנישט געבן. ראָטשילד וועט העכסטנס צוואַרפן 500 פראַנק...

— די פּאָליטיק פון אַ פאָלק מאַכט מען אָפּט מיט גאַנץ אַנדערע עלעמענטן, ווי מיט געלט... — האָט אים נאָך הערצל געזאָגט פאַרן אָפּגעזעגענען זיך — מיר לעבן טאַקע אין דער עפּאָכע פון אויפגייענדיקן פינאַנץ־קאַפּיטאַל, אָבער געשיכטע מאַכט מען אָפטער מיט אידייען, וואָס שוועבן אין דער לופט... מיט חלומות, לידער... נאָך נישט אַלץ איז די שטרענגע געלט־רעאַליטעט... הער באַראָן !...

ער האָט געקענט דעם ביטערן יידישן שפּאָט. זיין דורכגעפיבערטער „יודענשטאַט" איז אויפגענומען געוואָרן מיט ביטול, אָדער מיט שאַרפער קריטיק. אַפילו זיין נאָענטסטער פריינד, ד"ר שיף, האָט אים גע'עצה'ט ער זאָל זיך אַ ביסל אויסרוען די נערוון : „דער גאַנצער פּלאַן איז אַ שגעון... אין פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער האָבן מיר שוין געהאַט איינעם אַ משיח... שבתי צבי"...

אין די ווינער קאַפעען האָט מען זיך ברייט געוויצלט : „אָט גייט ער, דער קעניג

פון ציון... זיין מאַיעסטעט, דער יידישער מלך״... די לייט פון דער קולטוס־געמיינדע האָבן געשריגן, אַז דער שיין־אויספּאַנטאַזירטער „יודענשטאַט״ איז אייל אויפן פייער פון די אַנטיסעמיטן. אַפילו די חובבי ציון אין ווייטן אָדעס האָבן אים אויסגעלאַכט. אחד העמ׳ס „לא זה הדרך״ האָט אומברחמנותדיק אַנטפּלעקט דעם טרויעריקן גע־שיכטלעכן גאַנג אונדזערן, אָבער נישט געוויזן קיין שום אויסוועג.

נישט אַזוי לייכט איז פאַררופן געוואָרן דער 1־טער קאָנגרעס אין באַזעל, מיט צוויי יאָר שפּעטער. די ראַבינערס פון דייטשלאַנד, עסטרייך האָבן כאַטש געוואָלט באַ־וויזן, אַז דאָס איז קעגן יידישן דת. אָבער דער פאָלקסטימלעכער רב פון ביאַליסטאָק, הרב שמואל מאָהילעווער, דער יידיש־ענגלישער שריפטשטעלער ישראל זאַנגוויל, דער פראַנצויזישער ייד בערנאַרד לאַזאַר, מאַקס נאָרדוי, פּראָפעסאָר מאַנדלשטאַם פון קיעוו, מ. מ. אוסישקין פון יעקאַטערינאָסלאַוו, פיל יידישע פּערזענלעכקייטן, האָבן זיך געשטעלט אויף זיין זייט. אין די טעג פון 29־31־טן אויגוסט 1897 זענען זיי זיך צונויפגעקומען אין דער באַזעלער שטאָט־קאַסינאָ — טרוימער און רעאַליסטן, פרומע און אַטעאיסטן. אַלע האָבן געפילט — ס׳איז אַ גרויסער איבערברוך אין דער יידישער געשיכטע. „אויב אַ פאָלק — האָט הערצל אויסגערופן — קען זיך נישט אַליין באַ־פרייען, איז עס פאַרלוירן״.

אין היץ, טויכט ארויס — אַ הויכער מאַן מיט אַ ברוינלעכער באָרד, אַ נערוועזע שטים און נאָך מער נערוועזע באַוועגונגען. דאָס איז דער באַראָן ראָטשילד; ער האָט הערצלען באַוויליקט אויפצונעמען אין זיין באַנק־הויז, רו לאַפיט, די געגנט פון גרויסן פאַריזער באַנק־וועזן.

— איר ווילט שאַפן אַ קליינע, אינדיווידועלע קאָלאָניע, איך וויל שאַפן אַ גרוי־סע, פאַרן פאָלק... — האָט אים הערצל געגעבן אָנצוהערן וועגן זיינע וויין־קעלטערן אין זכרון יעקב.

יענער איז אָבער געבליבן ציניש און סקעפּטיש:

— הער דאָקטער, ס׳וועלן איינוואַנדערן הונדערט טויזנט שנאָרערס... ווער, כ׳בעט אייך, וועט זיי דאָרט אויסהאַלטן ?...

— אויב אַזוי, וועל איך בויען אַלץ אויפן פאָלק ! דאָס פאָלק איז רייכער ווי די געלט־מאַגנאַטן...

ער האָט אים האַסטיק אָפּגעזעגנט. די יידישע געלט־זעק, האָט ער אָר־מעטיק באַטראַכט, פאַרלאָזנדיק דאָס באַנק־הויז, זוכן נאָר כבוד, אָן גרויסע פאַרלוסטן.

און דאָ האָט די מינוט געברענט. דער טערקישער סולטאַן נויטיקט זיך אין אַ הלוואה, און ער קען זיין צוזאָג נישט האַלטן. פּאָליטיש האָט ער געפונען דעם אַרכי־מעדישן פונקט. ענגלאַנד, רוסלאַנד, באַהאַלטענע שונאים פון טערקישן דעספּאָט, פון זיין מעכטיקער אימפּעריע, זוכן — דעם פאַרשפּאַרטן וועג צו די וואַרעמען ימען, דעם וועג צום באַלקאַן, צו די נאַפט־קוואַלן אין מאָסול. ער האָט עס אָבער דערשמעקט, דער כיטרער סולטאַן, און פאַרבינדט זיך מיט דייטשלאַנד. מ׳דאַרף, הייסט עס, אויס־נוצן די דייטש־ענגלישע קעגנזאַצן אין נאָענטן אָריענט. און דאָ מאַכן די ענגלישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיקער דירעקטע טעריטאָריאַלע פאָרשלאָגן. „אַלע מעגן, אין זייערע עגאָיסטישע, נאַציאָנאַלע אינטערעסן, פירן פּערפידע פּאָליטיק און מיר — נישט ?״... — האָט זיך הערצל געכאַפּט.

ער שפּאַרט אָן צום גראַף אוילענבערג, דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר אין ווין. יע־

נער איז שטייף, פאַרשלאָסן. אָבער ווען הערצל ווייזט אים, כלאחר יד, אָן, אַז פאַרן ציוניזם פאַרבלייבט די מעגלעכקייט צו זוכן הילף ביי ענגלאַנד, ווערט יענער אַ בי־סעלע ווייכער. ער מאַכט אָבער דערביי בייסיקע באַמערקונגען, אַז די יידן שפּילן אַ דעסטרוקטיווע ראָלע, דורך זייער באַטייליקן זיך אין אַנטי־מלוכהשע באַוועגונגען. ער זאָגט אָבער צו, אַז דער קייזער איז גרייט אויפצונעמען אַ דעלעגאַציע אין ירו־שלים, און דאָרט וועלן אַרומגערעדט ווערן די פּרטים פון אַ יידיש־פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע.

די דעלעגאַציע — הערצל, וואָלפסאָן, באָדענהיימער, זיידענער, שנירער — איז אין אָקטאָבער 1898 אָפּגעפאָרן מיטן אָריענט־עקספּרעס קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דורך די שיינע קוואַרטלן פון פּערא, איבער די הויפּט־גאַסן, אין לוקסוס־קאַרעטעס — הויף־באַאַמטע, דאַמען, אָפיצירן; און זיי — אין אַ געדונגענעם פאַיעטאָן. באַלד צו מאָרגנס האָבן זיי זיך באַדאַרפט פאַרשיפן מיטן רוסישן דאַמפער „אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי 2", וואָס האָט זיי געבראַכט ביז צו די ברעגן פון יפו. ביים אינדזל קרעטאַ איז געווען זייער שטורעמדיק. הערצל האָט די לעצטע נאַכט אויף דער שיף קיין אויג נישט צו־געטון. אויפן האָריזאָנט האָט זיך מיטן באַגינען געצייכנט אַ פּאַסיקל ערד. ס'האָט אים דערמאָנט קאָלומבוסעס לעצטע שלאָפלאָזע נאַכט, נאָך אַזוי פיל פאַרצווייפלטע מעתן־לעתן, ווען ער האָט פּלוצעם דערזען אויפן האָריזאָנט — ערד. אין אָקטאָבער האָט נאָך ביי די ארץ ישראל־ברעגן געברענט אַ שטאַרקע היץ. געמישטע געפילן, פּחד, האָפענונג, אילוזיעס און טרויעריקעווירקלעכקייט, האָבן אים געמאַטערט.

קיינער האָט די יידישע דעלעגאַציע אין קליינעם האָפן פון יפו נישט אָפּגעוואַרט. זיי האָבן זיך לאַנג געפּלאָנטערט צווישן די שמאָלע אַראַבישע געסלעך, און נאָך דעם זעלבן טאָג אַראָפּגעפאָרן אין די מושבות מקוה ישראל, ראשון לציון, רחובות, וואַדי אַל־חאַנין (נס ציונה). די יידן, די פּויערים, האָבן זיי אומעטום מקבל פּנים געווען. די קינדער האָבן געזונגען אין כאָר. אַן אַלטער מאַן האָט זיי אַנטקעגן געטראָגן ברויט מיט זאַלץ אויף אַ טאַץ, וויין פון זיין אייגענעם קעלטער. אין דער קאָלאָניע מוצא האָט הערצל געפלאַנצט אַ צעדערבוים. אין מקוה ישראל האָט מען דערוואַרט דעם קייזער ווילהעלם מיט זיין סוויטע, אויפן וועג קיין ירושלים. ביים אויפגעשטעלטן טריאומף־בויגן האָבן זיך פאַרזאַמלט יידישע קאָלאָניסטן, אַראַבישע פעלאַכן, טערקישע זשאַנ־דאַרמען, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס. דער קייזער איז אָנגעקומען רייטנדיק אויף אַ ווייס פערד. מ'האָט אויך הערצלען געוואָלט געבן אַ ווייס פערד, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, נישט געוואָלט שפּילן די ראָלע פון אַ משיח...

די צוגעזאָגטע פאַרהאַנדלונגען מיטן קייזער, זענען, הייסט עס, נישט אָן בולטן ביטול, רעדוצירט געוואָרן צו אַ פּשוטן שמועס מיט אַ ווינער זשורנאַליסט. דער קיי־זער האָט אויסגעמיטן פּאָליטישע ענינים, גערעדט סתם, אַז דאָס לאַנד באַדאַרף האָבן פיל וואַסער און שאָטן. ביז דער לעצטער מינוט איז מען נישט זיכער געווען צי די אוידיענץ וועט בכלל פאָרקומען. דער קייזער האָט זיך געאיילט קיין יריחו. ס'איז קלאָר געווען, אַז דעם קייזער אינטערעסירט דער עיקר די באַן קיין באַגדאַד, דער נאַפט פון מאָסול, די עקאָנאָמישע עקספּאַנסיע אין נאָענטן מזרח. מ'רעכנט זיך נישט מיט אונדז. דערמיט איז געווען פאַרענדיקט די פּראָ־דייטשע אָריענטאַציע.

די אָפענע קליינבאַן קיין ירושלים איז געווען אָנגעגליט פון דער היץ. ס'איז, איידער וואָס־ווען, צוגעפאַלן דער פּרייטיק־פאַרנאַכט, ווען זיי זענען אָפּגעשטיגן. ביים

שיין פון דער פולער לבנה, וואָס איז אַרויסגעשווומען פון הינטער די טורעמס, מי־נאַרעטן, פון הינטערן מגדל דוד, האָבן הערצלען מיט אַ מאָל פאַרכאַפּט די שיינע ליניעס, דער סילועט פון דוד המלך־טורעם, די געסלעך — פול מיט טונקעלע גע־זעמלעך יידן, וואָס גייען צו קבלת שבת.

אין קאַשאַמר, האָט ער זיך דערזען — קעגנאיבערן ענגלישן קאָלאָניע־מיניס־טער טשעמבערלען — אַ ניכטערער, פּראַקטישער מלוכה־מאַן, מיט אַ סוחרישן צו־גאַנג. הערצל האָט אים געזאָגט:

— איך האָב צייט צו פאַרהאַנדלען, אָבער מיין פאָלק קען מער נישט וואַרטן...

די גלאַט־ראַזירטע מאַסקע האָט באַקומען אַ מאָדנע גרימאַסע, אַז דער מאָנאָקל אין זיין אויג איז שיער נישט אַראָפּגעפאַלן. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ לאַנגן טיש, באַלייגט מיט ביכער, צייטשריפטן. דאָרט איז געלעגן אַ געאָגראַפישער אַטלאַס. באַטראַכטנדיק דאָס לאַנד עגיפּטן, די גרינע, פעטע פליינען אַרום נילוס, האָט יענער קאַרג געלאָזן פאַלן:

— די שטחים על־אריש און סיני זענען כמעט אומבאַוווינט, אָבער מיט עגיפּטן וואָלט געוווען די זעלבע שוועריקייט...

— ניין, קיין מצרים ווילן מיר נישט גיין. מיר זענען שוין דאָרט אַ מאָל געווען...

יענער האָט קוים געשמייכלט. אַ קלאָרער קאָפּ. ער האָט דערמאָנט אין אַן אייגנ־טימער פון אַ גרויס אַנטיקן־געשעפט. ער איז אַ מבין אויף די מציאות, וואָס פאַר־וואַלגערן זיך ביי אים...

— איר ווייסט דאָך — האָט ער אַרונטערגענומען דעם מאָנאָקל און אָנגעקוקט הערצלען, קוים שמייכלענדיק — אַז אַ דיפּלאָמאַט מוז אַנדערש רעדן און אַנדערש טראַכטן... על־אריש איז דער באַזיץ פון די עגיפּטער, די מאַכט — אַן ענגלישע, דאָס רעכט — טערקיש. מיט איין וואָרט — אַ פאַרוויקלטער ענין.

„מען מוז זיך לערנען ביי די ענגלענדער קאַלטקייט"... — האָט הערצל אַ טראַכט געטון. דער הויכער, פעטלעכער מאַן מיט די ווייסע וואָנסעס, האָט אים גע׳עצהט נישט אַזוי צו איילן זיך. די הויפּט־פּראָגע איז — וואַסער. באַקומען וואַסער קען מען נאָר פון נילוס. דאָס איז אָבער פאַרבונדן מיט גרויסע טעכנישע שוועריקייטן. און די עגיפּטער... הערצל האָט זיך צוגעהערט צו דער קאָנפערענץ פון סער וויליאַם וויל־קענס, אַ ספּעציאַליסט פון באַוואַסערונג. דער זאַל איז פול געווען מיט יונגע עגיפּטער. „ס׳איז צו שטוינען — האָט הערצל זיך געוווּנדערט — די ענגלענדער זעען עס גאָר־נישט. היינט קענען זיי הערשן איבערן לאַנד מיט זייערע 18 טויזנט זעלנער. אָבער ווי לאַנג נאָך ?... איך וואָלט געוואָלט קומען אַהער מיט 50 יאָר שפּעטער, כדי צו זען, וואָס פון דעם אַלעם האָט זיך אויסגעלאָזן"...

צוזאַמען מיט די טעכניקער און אינזשינירן, האָט זיך די יידישע דעלעגאַציע געלאָזן אין אַ שפּאַציר־רייזע איבערן נילוס. ס׳איז שנעל אַראָפּגעפאַלן דער אָוונט. אַנ־געשפּאַרט אין דער פאַרענטשע אויפן דעק, האָט הערצל געהערט ווי זיי רעדן דאָרט, טרוקן, זאַכלעך, וועגן דער באַוואַסערונג פון מדבריות, אָבער אים האָט גאָר באַ־הערשט אַ טיפע בענקשאַפט. ס׳איז זון־אונטערגאַנג צווישן די פּאַלמען ווייט הינטערן טייך. זיי רעדן דאָרט וועגן דער געוואַלטיקער שפע פון די נילוס־וואַסערן, וואָס קענען פאַרקירעוועט ווערן קיין ארץ ישראל; און ער האָט גאָר געחלומט, קוקנדיק אויפן

מעכטיקן ברוינעם שטראָם, וואָס פליסט היינט, פונקט אזוי ווי אין די צייטן פון די פרעה׳ס, ווען די שקלאַפן פון גושן...

און הינטער די האַלב־צוגעלענטע שטאָכטן־לעדלעך האָט, ווי נעכטן, ווי אייער־נעכטן, גערוישט די שטאָט ביים רהיין, פול מיטן אָנגעפּאַרענעם עולם דעלעגאַטן, קור־געסט, סטודענטן, פּאָליטישע עמיגראַנטן.

קאַפּיטל זעכצן

צום אַלטן פּאָרט פון יפו

צוריקגעקערט זיך באַרוישט פון אַזאַ ווייטער נסיעה, אַזש פון באַזעל, האָט אבֿ־רהם אַ שמעק געטון די היימישע לופט און האָט באַלד דערפילט, אַז ניין — ער וועט דאָ לאַנג מער נישט קענען איינזיצן. חוץ אַלעם, האָט ער נאָך געהאַט היפשע קאָפּ־ברעכענישן מיטן גיין אין סאָלדאַטן. זיין יאָרגאַנג איז, איידער וואָס־ווען, אונטער־געלאָפן, און ער האָט שטאַרק קיין חשק נישט געהאַט צו גיין אָפּפינצטערן 3 יאָר צייט ביי פּאָניען אין די קאַזאַרמעס.

נישט אַזוי דער שווער, אַ פּשוטער, אָרנטלעכער ייד, אַ ישובניק, ווי די יידענע זיינע, פּעסע; זי האָט עס בחוש דערפילט, וואָס ס׳טוט זיך אַלץ אָפּ אויף דער גרויסער וועלט, און אַז מ׳דאַרף באַצייטנס זען די קינדער אַרויסצוראַטעווען פון דאַנען. דאָס האָט זי באַלד אַ זאָג געטון צו דער טאָכטער, צו חנה׳קען, און צום איידעם אירן, צו אברהמען :

— פּאָרט אייך, קינדער מיינע, געזונטערהייט ! כ׳זע דאָך שוין, אַז דאָ איז פאַר אייך קיין תכלית נישט...

— איך האָב דאָרט געהערט — האָט אברהם פּאַרציילט, אין גרויס פּאַרטראַכטג־קייט — אַז דער באַראָן ראָטשליד, דער נדיב הידוע, פּאַרלאַנגט מ׳זאָל אים שיקן אויף זיין חשבון בחורים און מיידלעך אין די קאָלאָניעס אַריין, כדי זיי דאָרט צו לערנען גערטנעריי.

— אויב אַזוי, איז עס אוודאי אַ גלייכע זאַך.

זי איז געווען אַ בר־דעת, די יידענע; זי האָט עס שוין פון לאַנג דערפילט, אַז ס׳לעבן דאָ, צווישן גויים, פעלדער און וועלדער, איז נישט קיין זיכערס; כאָטש די ערד שפּייזט בשפע, אַז מען אַרבעט מיט התמדה. נאָר וואָס קומט אַרויס ? זאָלן זיך די קינדער גיין זייער וועג, זאָלן זיי באַצייטנס דאָרט אויסטרעטן אַ סטעזשקע אין הייליקן לאַנד אַריין; אם ירצה השם, וועלן זיי אפשר מיט דער צייט אויך אַריבערקומען אַהין.

זי איז געווען אַן אשת־חיל, פּונקט ווי די מאַמע אירע, איר צו לענגערע יאָר, די צדקת צירעלע, אין כרך בריסק דליטא. ביי דער מאַמען אירער האָט זיך אַלע יאָרן געפירט אַ ברייט הויז, ביד רמה. צירעלע אַליין האָט דעם מאַן אירן אַרויסגעהאָלפן

אין אייזן־מסחר, אויפן מיטן מאַרק, אויסגעהאָדעוועט זין און טעכטער, אויסגעגעבן זיי צו יחסנישע משפחות. זי האָט געוואָלט, אַז אירע קינדער און אייניקלעך זאָלן תמיד זיין אַרום איר, ווי אַרום אַ מלכה אין בינשטאָק. די אויסגעגעבענע זין און טעכטער, איידעמס, שנירן און אייניקלעך, האָבן געגעסן ביי איר טיש. די טיר איז תמיד געשטאַנען אָפן פאַר אָרעמעלייט, פאַר די בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות, טרעגערס, האָלץ־העקערס, וואַסער־פירערס. נאָך דער צווייטער שרפה, האָט זי אַליין אויסגע־שטעלט דעם אַרכיטעקט דעם פּלאַן ווי אַזוי אויסצובויען דאָס הויז, טאַקע אין דער פאָרם פון אַ בינשטאָק, וואָס זאָל אַריינגעמען אַלע קינדער. שבתים און יום־טובים האָבן אַלע, קליין און גרויס, געמוזט זיצן אַרום טיש, און די מלכה — אויבן אָן. דער בינשטאָק האָט, קיין עין הרע, געזשומעט. די מלכה האָט געגעבן באַפעלן די משרתים, די דינסט־מיידלעך. דעמאָלט איז אָבער, נישט היינט־געדאַכט, אויסגעבראָכן די כאָ־לערע־מגפה און דער מלאך־המוות מיט זיין לאַנגער שווערד האָט געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס; און אויך די צדקת צירעלע איז אַוועקגעריסן געוואָרן.

באַלד דערנאָך איז דער יום־טובדיקער טיש פאַרשטערט געוואָרן. מ׳האָט שוין מער נישט אַזוי שטאַרק מדקדק געווען, און דער ייִנגסטער טאָכטער, פעסלען, אויס־געגעבן פאַר אַ שיינעם, שטאָלטנעם בחור, פון אַ ישוב דערלעבן, כאָטש נישט פון וואָזשנעם יחוס. דער עלטסטער זון איז דער ערשטער אַוועק פון טיש, ווייל די איבע־ריקע קינדער האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן, צו פאַרזאָרגן די הצטרכותן אין הויז. זיי האָבן אַלע געהאַט ווייכע הענט. פון גרויס כעס, האָט דער אַלטער דעם בכור מעביר־נחלה געווען. ער אַליין האָט געהאָרעוועט ביז אין דער טיפער עלטער. ער האָט ליב געהאַט די מלאכה. ס׳איז געווען אַ פונק פון מעכאַניק אין דער משפחה. אַלץ, וואָס די אויגן האָבן געזען, האָט ער אַליין געקענט מאַכן, דער אַלטער. מ׳האָט אין יענע יאָרן געבויט די ערשטע אייזנבאַן־ליניע און אַ בריק איבערן בוג. יידן זענען געשטאַנען, זיך צוגעקוקט, געבראָכן זיך דעם קאָפּ : צי קען טאַקע געמאָלט זיין, אַז די אייזנבאַן זאָל קענען אַריבער דעם ברייטן טייך ? אַז מ׳האָט פאַרלייגט די בריק איבערן טייך און ס׳איז דורכגעפאָרן די ערשטע באַן, האָט דער פאָטער עובר געווען אויפן איסור פון תחום שבת און איז געגאַנגען צו פוס אַ שיינע פאַר וויאָרסט הינטער דער שטאָט, צו־קוקן זיך צו דער אַרבעט. ער האָט אויך מיטגענומען די קינדער, ס׳ווייב צירעלע זאָל, חלילה, נישט וויסן דערפון. ער האָט עס געטון כדי איינצופלאַנצן אין די יונגע הער־צער ליבשאַפט צו מלאכה, צו מעכאַניק; כאָטש מ׳האָט צווישן יידן דעמאָלט געהאַלטן, אַז בעלי מלאכות זענען געבוירן נאָר צו באַדינען תלמידי חכמים. אָבער ער האָט נישט מסכים געווען מיט דעם : „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות“ (האָב ליב די מלאכה און האָב פיינט דאָס רבנות) — האָט ער נישט איין מאָל געפלעגט צו זאָגן.

דווקא די ייִנגסטע טאָכטער, פעסל, האָט געירשנט דעם פונק פון מלאכה. זי האָט צוזאַמען מיטן מאַן אירן איינגעשפּאַנט זיך אין יאָך, געהאָרעוועט און טאַקע איינגע־שאַפן זיך אַ שיינע דאָרפישע באַלעבאַטישקייט. אָבער פאַרן לאָזן זיך אין אַזאַ וויטן וועג אַריין, האָט די ייִדענע פעסל פאַרלאַנגט, אַז דער גרעסטער איידעם איר״ע, אברהם, זאָל למען השם אַריבערפאָרן אין שטאָט אַריין, צו ר׳ חיימקען, דער רב זאָל אים מיטגעבן אַ ברכה.

אין הויף פון גרויסן בית־הכנסת, אין די הילצערנע שטיבער פון דער ישיבה, אַרום ר׳ חיימקעס דירה, איז דעם גאַנצן טאָג געווען רוישיק. ס׳האָבן דאָרט געלערנט

ביז צוויי הונדערט בחורים. דער ראש־ישיבה, ר׳ חיימקע אַליין — אַ דאַר יידל, ממש אַ בינטל ביינער. די שכינה האָט גערוט אויף זיין פּנים. אַ קלאָרער קאָפּ, אַ קלאָרער שכל. ער האָט נישט געהאַלטן פון פּלפּול. זיין שיעור, וואָס ער האָט געפּלעגט צו זאָגן פאַר די ישיבה בחורים, איז טיף אַריינגעדרונגען; מיט פּשטות האָט ער פאַרענטפערט די האַרבסטע קשיות פון די מפרשים. ער האָט געלערנט מיט די בחורים דעם דרך לויט זיין פאָטערס, ר׳ יאָשע בער׳ס שיטה, אין נוסח וואָלאָזשין. ר׳ חיימקע איז אָבער, שוין גאָרנישט ווי זיין פאָטער, פאַרקערט, נוטה געווען מקיל צו זיין אין ענינים שאלות. זיין פּנים האָט געשטראַלט פון גוטסקייט און רחמנות. זיין אייגן לעבן איז געווען אַ לעבן פון דחקות. אַן אַסקעט. האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ שיה־פּיה. אַ שיטער, ווייס בערדל, גוטע, ווייכע, אַ ביסל אַרויסשטייענדיקע אויגן־נעסטן הינטער די אַלטמאָדישע שפּאַקולן, געווייגלעך אַראָפּגערוקט אויף דער שאַרפער נאָז. ווען ער האָט גערעדט וועגן איבערשטנס לייטזעליקייט, וואָס ער האָט געטון צו זיין פאָלק ישראל, איז זיין קול געוואָרן ווייך און ציטערדיק. ער האָט זיך נוהג געווען צו גיין טריט ביי טריט, כמנהג תלמידי חכמים, גערעדט געלאַסן, געמיטלעך, אַזוי אין עניני תורה, ווי אין מילי דעלמא.

דערפאַר האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען, ווען אברהם, ר׳ יחיאלס עלטערער זון, איז געקומען אים אָנזאָגן, אַז ער קלייבט זיך אין אַ וויטן וועג אַריין, אַריבערצופאָרן קיין ארץ ישראל, צו באַאַרבעטן דאָרט די ערד, און אַז ער איז אַ ציוני.

ר׳ חיימקע האָט צו ערשט געפּרוווט צו זאָגן אים מוסר, אָפּצורעדן אים דערפון, ער זאָל נישט גיין אין די קאָלאָניעס פון נדיב הידוע, ווייל דאָרט באַקומט מען סמיכה... מחלל שבת צו זיין. אברהם האָט זיך אָבער איינגע׳עקשנט און געזאָגט: „כ׳וויל יאָ גיין! און איצט, רבי, גיט מיר אַ ברכה אויפן וועג״. ר׳ חיימקע האָט לאַנג געשאָקלט מיטן שיטערן בערדל אין דער קרום, באַדויערט ס׳הייניקע יונגוואַרג, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין אַ קלעפּקע דווקא דוחה צו זיין דעם חץ פון ביאת המשיח; האָט אים לסוף אַרויפגעלייגט ביידע בלייכע הענט אויפן קאָפּ און אים געבענטשט: „צאתך לשלום ושובך לשלום״.

געפאָרן איז מען דעמאָלט איבער אָדעס, מיט אַן אַלטער רוסישער שיף. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין דער ענגער אכסניה ביי אַ פאַרוואָגלטן בערדיטשעווער ייד, וו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ פּאָר טעג, האָט זיך אברהם געזאָגט: „ווען אַפילו אַלע וועלן אַנטלויפן, וועל איך דאָרט בלייבן״. אַזאַ עקשנות האָט ער געטראָגן אין זיך. אַכט טעג אין חודש אלול האָט די אַלטע רוסישע שיף „לאַזאַרעוו״ אים מיט חנה׳קען געבראַכט צום ברעג פון יפו. אין יענעם טאָג איז דער ים געווען זייער שטורעמדיק. מיט אַ דיליזשאַנס זענען זיי דערפאָרן ביז ראשון לציון. דאָרט האָט געפּאַנעוועט די מאַלאַריע; האָבן זיי זיך מיט אַ פורל פון אַ דייטש פון שרונה באַלד צו מאָרגנס אַוועקגעטרייסלט ביז זכרון יעקב. ס׳האָט זיי גאָרנישט אָפּגעשראָקן. זיי זענען געשלאָפן אויף אַ הילצערנער שלאָף־באַנק, אין אַ שפּייכלער מיט מייז. דער מנהל פון דער קאָלאָניע, אַ דייטשער ייד, עפּעס אַ וואָרמסער, האָט כסדר געבורטשעט, געקוקט קרום אויף די „רוסן״, די „ביהיליסטן״. דאָס האָט ער מיט זיי באַדאַרפט לערנען גערטנעריי, אָבער אין דער אמתן — צו זיין טרעגער ביי די פורלעך, וואָס האָבן געבראַכט בוי־מאַטעריאַלן פון חיפה; און חנה׳קען האָט ער געשיקט אַרבעטן אין דער קיך אַריין...

די רעגנס זענען אין דעם יאָר געקומען שפּעט. די היץ האָט געשרפהט. די מאָס־קיטן פון די אַרומיקע זומפּן האָבן געמאַטערט, געזויגן דאָס בלוט. די טראָפּישע מאַ־לאַריע האָט אַוועקגעלייגט פון די פיס. אַהיים האָבן זיי אָבער געשריבן: „אונדזער ציל איז צו זיין גוטע גערטנער, און מיר וועלן עס, אם ירצה השם, דערגרייכן".

פון די אַלע בחורים און מיידלעך זענען לסוף געבליבן גאָר ווייניק, נאָר עטלע־כע, עקשנים. זיי זענען אויפן ווינטער געשיקט געוואָרן קיין ראש פּינה, צו לערנען אויף אָוונט־קורסן, פון לערן־ביכלעך, טעאָריע, ווי זיך צו באַגיין מיט פלאַנצן, ווי צו מאַכן ווייך פון טרויבן און פאַרפומירטע פעלד־בלימעלעך. זיי זענען געפאָרן אויף פּרידות קיין יסוד־המעלה, ברענגען קערנער פון טראָפּישע געוויקסן, צוצוגרייטן אַ פלאַנצונג־שולע. מיט גרויס יסורים און עקשנות האָבן זיי, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר־פאַרהאַרטעוועטע בחורים, ביסלעכווייז אויסגעבויט אַ קאָלעקטיווע נעסט; געשטאַנען אויף שמירה אין די נעכט, ליב באַקומען דעם בוים, געלערנט צו פאַרשטיין די סודות פון בליען און וואַקסן. אברהם איז געריטן אויף אַ פערד פון איין פּרדס צום אַנדערן, לערנען די יונגע קאָלאָניסטן באַנוצן זיך מיטן גראַב־אייזן, מיט דער צווייגן־שער, מיט דער טוריע. ביי טאָג געפלאַנצט, געבויט צריפים, ביי נאַכט געהיט דעם בוי־מאַטעריאַל מיט דער יעגער־ביקס אויפן אַקסל, פאַר די פיינטלעכע אַראַבישע שכנים.

נאָך זיין רייזע אין דער שווייץ, האָט אברהם נאָך מער פאַרשטאַנען, צוגעזען, אַז די ווירקלעכקייט איז אומברחמנותדיק. די, וואָס רעדן דאָרט, אין די טאַווערנעס, וועגן געוויסן, אידעאַליזם, זענען אָפּט אַליין ווייט פון אידעאַל, אַפילו געוויסנלאָז; מיט איין פוס שטייען זיי שוין, מיטן וואַנדער־שטעקן, ערגעץ אַנדערש. אָבער אויך דאָ, אין לאַנד, זענען די ווייט־קלינגענדיקע יידישע קאָלאָניעס, די אַלטע שטעט פון תנ"ך — ווידער געטאָ. מ'לעבט פון דער וואַנט, פון קבר (ר' מאיר בעל הנס), פון חלוקה, מען זיצט אויף קעסט ביים באַראָן (ראָטשילד). די קאָלאָניסטן, וואָס אחד העם האָט דורך זיי פּערסאָניפיצירט דעם פּריץ בועז (פון מגילת רות), ווילן גאָרנישט האָבן קיין יידי־שע אַרבעטער אין זייערע פּרדסים און פעלדער, באַנוצן זיך מיט שפּאָט־ביליקע אַראַבישע אַרבעטס־הענט; טאָ וועראַ־זשע, פרעגט זיך, וועט אויפבויען דאָס פאַרוויסטע לאַנד?

און ער מיט חנה'קען האָבן געהאַט אַ גרויסן פאַרלאַנג איינצוגלידערן זיך אין דער מחנה, כדי צוזאַמען געפינען דעם ריכטיקן וועג צו גאולה. איבער די קאָלאָניעס איז אַרומגעגאַנגען אַן אַלטער מאַן, צו פאַרדינגען זיינע הענט, געאַרבעט דאָ אַ פּאָר טעג, דאָרט אַ פּאָר טעג; אַן אַסקעט, א וועגעטאַריאַנער, אַ מין יידישער טאָלסטאָיאַ־נער, האָט ער פּראָקלאַמירט אַ נייע רעליגיע, די רעליגיע פון אַרבעט. האָט געשלאָסן אַן אייביקן בונד מיט דער אַרבעט אין ארץ ישראל, האָט פולקום מקיים געווען דאָס, וואָס ער האָט געפּרעדיקט — אַז די אויפלעבונג פון פאָלק און מענטש מוז זיך אָנ־הייבן פון פיזישער אַרבעט. און אברהמען האָט זיך שאַרף פאַרגעדענקט וואָס חיים ווייצמאַן האָט דאָרט אַ וואָרף געטון, אין באַזעל, אין די הייסע דיסקוסיעס אין די טאַווערנעס: „אַפילו ווען מיר וועלן שוין באַקומען דעם טשאַרטער, וועט עס נאָך אַלץ זיין אַ שטיקל פּאַפּיר, נישט מער, אויב ער וועט נישט געשריבן ווערן מיט בלוט און שווייס, און באַהעפט ווערן מיטן צעמענט, וואָס וועט זיך קיין מאָל נישט צע־ברעקלען".

די פּלייצע אַ ביסל געבויגן, האָט א. ד. גאָרדאָן נישט אַזוי לייכט באַקומען

אַרבעט אין די פּרדסים, ביי די פּראָסטלעכע יידישע אכרים, אין פּתח־תּקוה, אָדער אין רחובות. די אַרבעט, האָט ער געזאָגט, כאָטש זי איז אַ לאַסט פאַרן גוף, גיט זי רו די נשמה. זיין גוף איז געווען אָפּגעמאַטערט פון מאַלאַריע־פיבער, אָבער אין סעזאָן פון טרויבן־שניט איז ער אַוועק קיין ראשון־לציון, געאַרבעט מיט דער טוריע אין פּרדס, ביים קטיף (אָראַנזשן־אָראָפּנעם). אַן עניו, פריינטלעך צו אַלעמען, האָט ער געלעבט אין גרויס פּשטות. מ׳האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש, דעם עלטערן מאַן, ווי די וואַרצלדיקע הענט הייבן זיך אויף, לאָזן זיך אַרונטער, מיט געניג קראַפט, מיט דער לאָפּעטע, און שווערע טראָפּנס שווייס רינען אין זיין גרויער באָרד אַריין, אין די אויגן, וואָס גליען מיט אַן איבערערדיש ליכט. ס׳איז געווען אין זיין אַרבעט אַ מין עבודת הבורא. אין דער נאַכט־פינצטערניש, הייצט ער דעם אויוון פון דער ספּירט־דיסטילירונג אין די וויין־קעלטערן פון ראשון־לציון. אין די קאַלטע ווינטער־פאַר־טאָגן, ווען דער רעגן גיסט, די פאַלמעס רוישן אימהדיק הינטערן שייבל, די שאַקאַלן וואָיען, שטייט ער אויף, ציט אָן די בלוזע, די הויכע שטיוול, אַרויסצוגיין צוזאַמען מיט אַלע, אויסצוואָרצלען די ווילדע קרייטעכצער, האַקט אויס פאַרזיכטיק די מעטער־לאַנגע יבלית־וואָרצלען, וואָס פרעסן אויף יעדע פלאַנץ; אָדער — אָפּרייניקן די שטיינער אין פעלד. ער פילט אין זיך אַ העכערע גבורה, תמיד פאַרטון אין מחשבות.

— אין חלוצישער מי — האָט ער געפּרעדיקט — זע איך די עיקבתא דמשיחא... אָט קום איך לאַנד, און דאָס לאַנד איז פאַרלאָזן, און וויסט, און ליגט אין פרעמדע הענט... אַ געפיל פון בושה נעמט אַרום, ווען מען קוקט זיך צו, ווי אונדזער ערד ווערט פאַרוויסט דורך פרעמדע הענט. אויב מיר שעמען זיך נישט, הייסט עס, אַז מיר זענען נאָך ווייט פון אמתער נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג.

„כיבוש העבודה״, די דערלייזונג פון דער (יידישער) אַרבעט, איז געווען די לאָ־זונג פון דער צווייטער עליה. א. ד. גאָרדאָן האָט געפאָדערט נישט איינצוגיין אויף קיין שום פּשרות. זומער תר״ע איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער סכסוך צווישן די אַר־בעטער אין בן־שמן און דער לייטונג פון דער פאַרם. צוויי פאַקטאָרן אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין לאַנד — דאָס געפיל פון שותפות, פון מיט־פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט, און — איניקע חברים מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט אין חוץ לארץ, וואָס האָבן געזען דערין בלויז — קלאַסן־קאַמף. אָבער אַלע האָבן זיי דעמאָנ־סטראַטיוו פאַרלאָזן די אַרבעט.

אין ענגן צימערל, אין עין־גנים, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן מיט נאָך זיבן חבֿ־רים; טאָג און נאַכט זענען פאָרגעקומען דיסקוסיעס צווישן פּועלי ציון און הפּועל הצעיר וועגן „כיבוש העבודה״. ס׳זענען אויך געווען יאוש־שטימונגען, וועגן די, וואָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועגן דעם, צי אַן אַרבעטער קען זיך דערלויבן צו פירן אַ מש־פּחה־לעבן. גאָרדאָן האָט פאַרזשמורעט די אויגן, זיך צוגעהערט, מורמלענדיק פאַר־זיך עפּעס אַ ניגון. דער „גרויסער זאַל״, דאָס איז געווען דער פרייער דרויסן. מ׳האָט זיך אויסגעזעצט אויפן שיטערן גרעזל. ס׳איז געווען אָוונט. איבערן קאָפּ — דער מילכוועג, און אַרום — אָן אַ צאָל גרויסע שטערן, וואָס האָבן געציטערט ווי פלעמלעך.

— לאָמיר עפּעס זינגען — האָט דער זקן געבעטן.

— מיר קענען נישט קיין העברעאישע לידער... יידישע...

— יידישע געהערן אויך צו אונדז... לאָמיר זינגען אברהם רייזענ׳ס ווענן מתמיד, „מאי קא משמע לן״. דאָס ליד איז אָנגעזאָפּט מיט אַזוי פיל צער און טרויער...

און פּלוצעם האָט דער אַלטער זיך אויפגעריסן און איז אַוועק מיט אַלעמען אין טאַנץ, פאַרפלאָכטן האַנט אויף אַקסל. אין זיין ריקוד איז געווען מער עבודת הבורא, ווי הייטערקייט. ער האָט צוגעקנאַקט מיט די פינגער, געפּאַטשט מיט די הענט, ווי ס׳שטייט — „כל עצמותי תאמרנה״. אַזעלכע שמחה־אויסברוכן זענען גיכער געווען אַן אויסדרוק פון שווערן געראַנגל מיטן יאוש, וואָס האָט אַוודאי אויך געמאַטערט דעם אַפּאָסטאָל פון דער „אַרבעטס־רעליגיע״.

נאָך אַט די פּרייטיק־צונאַכטסן אין עין־גנים, איז לייכטער געווען די גאַנצע וואָך די שווערע אַרבעט. אין יענעם ווינטער איז אויך י. ח. ברענער געקומען אין לאַנד אַריין, און זיי האָבן זיך דערפילט נאָענט אין זייער צוריקגעפונענער וועלט, זיצנדיק צוזאַמען ביים אָרעמען וועגעטאַריאַנישן מאָלצייט. אחד העמ׳ס אויספּיר, אַז דער יידישער „בועז״ (פּריץ) וועט זיין דער אויפזעער איבער דער אַרבעט פון פרעמ־דע, האָט טרויעריק אָנגעדייט, אַז צו אַרבעט ממש טויגן מיר נישט, און דאָס האָט נאָך מער צערודערט זייער געמיט. און אברהם האָט זיך דערביי פאַרטראַכט וועגן זיין אייגענעם פאָטער, דעם חובב ציון, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די ניכטערע, בייזע רייד פון אחד העם. צוזאַמען מיט די אַרבעטער, איז אברהם געקומען אין די פּרייטיק־צו־נאַכטסן פירן די וויכוחים אין עין־גנים.

— מען זאָגט אונדז, אַז קומענדיק זיך באַזעצן דאָ, באַראַבעווען מיר די אַראַ־בער, די פאַקטישע בעלי־בתים פון לאַנד... — האָט אברהם, מיט אומרו, געוואָלט וויסן ביים זקן.

— וואָס מיינט עס — בעלי בתים פון לאַנד ? אונדזער היסטאָריש רעכט איז אָן שום ספק גרעסער. מיר מוזן אָבער זיין פאַרזיכטיק אין דער באַציאונג צו זיי ביים דערווערבן באָדן, נישט אָנרירן זייערע מענטשלעכע רעכט אויף אַ האָר. פאַר אונדז איז נישטאָ קיין מאָס פאַרן פּרייז פון באָדן. פאַר אונדז איז עס ווערט וויפל ס׳זאָל נישט קאָסטן. ווען מיר וועלן זיצן אין לאַנד און באַאַרבעטן די ערד, וועט באַשאַפן ווערן די פריינטשאַפט צווישן אונדז און די אַראַבישע שכנים. און ביז דאַן וועלן די פּראָפּאַגאַנדע און אַלע אָנפאַלן, אַלע מערדערייען, נישט בייקומען דעם כוח פון לעבן. אונדזער כוח ליגט אין דער שאַפונג. ס׳איז אָבער אַ גרויסע געפאַר צו פאַרזען, זיך אַליין אָפּנאַרן, אַז מיר האָבן צו טון נאָר מיט אינטריגעס פון די עפענדיס, און נישט מער. כאָטש די פירער זייערע רעדן אין נאָמען פון אַראַבישן פאָלק און קעגן איבער שטעלן זיי אַוועק די ציוניסטן. זיי דערמאָנען אָבער נישט דאָס יידישע פאָלק; דאָס פאָלק, וואָס פאָדערט זיין רעכט אויף ארץ ישראל. דאָס רעכט וועט קיין מאָל נישט בטל ווערן, כל זמן ס׳וועט נישט בטל ווערן דער תנ״ך.

י. ח. ברענער, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון בונד, האָט זיך איצט געכאַפּט :

— דער סאָציאַליזם האָט אַריבערגעפירט דעם קאַמף אויפן אינטערנאַציאָנאַלן באָדן פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, און דערמיט האָט ער זיך ווי אויסגעליידיקט פון לעבנס־נויטווענדיקן אינהאַלט, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכאַנישן כוח. דער קאַפּיטאַל באַזיצט נישט קיין שום נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן חשבון. נישט אומזיסט האָט מען באַגרענעצט דעם סאָציאַליזם מיטן מאַטעריאַליזם און קלאַסן־קאַמף. נישט דער מאַ־טעריאַליזם איז דאָס אָפּשטויסנדיקע אין סאָציאַליזם, נאָר זיין מעכאַנישקייט. טייל

מאָל דוכט זיך — ס'איז אַ ברייטער, פרייער רוים, שוווּנג, פאַנטאַזיע. אָבער קוקסטו זיך נעענטער צו, זעסטו אַז ס'איז אַ פרייער רוים פון אַ שלאַכט־פעלד, דער שוווּנג פון אַ פלי־מאַשין, אָבער נישט דער שוווּנג פון אַן אָדלער, אַפילו נישט פון אַ קליין, פריי פייגעלע. דאָס איז גראַמאַפאָן־פּאָעזיע...

און דער זקן א. ד. גאָרדאָן האָט זיך אָפּגערופן:

— נישט אומזיסט זענען די ערשטע גרינדער פון סאָציאַליזם געווען עקסטרעמע קעגנער פון נאַציאָנאַליזם. זיי האָבן געזען אין נאַציאָנאַליזם אַן אויסגעשפּראָכענע סתירה צום סאָציאַליזם. וואָס איז אונדזער משונהדיקער נאַציאָנאַליזם, וואָס נישט ער לעבט און נישט ער לאָזט אונדז שטאַרבן? איך מיין, אַז אַ ייד, ווען ער בלייבט מיט זיך אַליין, ווערט ער זיך נישט שעמען מודה צו זיין, אַז ער פאַרמאָגט עפּעס באַזונדערס, וואָס קעמפט אין זיין אייגענער עקזיסטענץ. דאָס איז יענע קאָסמישע סובסטאַנץ, איינע פון די הויפּט־יסודות פון פערזענלעכן „איך". דאָס פעלט אונדז אין די גלות־לענדער און דאָס זוכן מיר אין ארץ ישראל.

און ס'איז געווען פרילינג, פסח־צייט, פרילינג אין דער נאַטור און פרילינג אין די הערצער. דער גליל האָט זיך אַנטפּלעקט, נאָך די ווינטערדיקע רעגנס, מיט דער ווילדער פּראַכט. אַזוי זענען פאַרביי די יום־טוב־טעג, אין צוקוקן זיך, אין צוהערן זיך, אין שפּאַצירן צווישן די בערג און פעלדער, זיך מתיחד זיין מיט דער שיינער באַשאַפונג. כאָטש ס'איז זיי ביידן, אברהמען און חנה'קען, נישט איין מאָל באַפאַלן די בענקשאַפט נאָך די קורצע, קאַלטע ווינטער־טעג פון דער ווייטער היים. דאָ האָבן זיי עס דערפילט — צי האָט דען אַ זינען דאָס בענקען אַהין? דער וואַרעמער בליק פון אַלטן מאַן האָט זיי באַגלייט, אויפן וואַנדער איבערן גליל. אין יונגע פּאָר־פעלקער האָט ער געזען דעם עתיד. דער בליק נעמט אַרום דעם מרחק — בערג, טאָלן, שפּאַלטן אין די פעלדער, אויפגייענדיקע תבואה, פאַראַקערטע פעלדער, בערג־שפּיצן אין דינע טיולן־נעפּלען פאַרהילט. די גרויסע שטילקייט פון גליל. רעכטס — דער באַרג תבור, לינקס — דער חרמון, באַדעקט מיט אייביקן שניי, מזרח־צו — די מעכטיקע גלעד־בערג. מגדל ליגט אויפן רוקן פון בערגל, ווי אַ קינד אין זיין וויגעלע. דער טאָל פון גינסור, דער ירדן־טאָל צווישן צוויי בערג־ווענט אין גליל התחתון. איילבירטן־וועלדלעך. מיט די רויִנען־טעראַסן זענען זיי אַראָפּ אין אַ נישט־טיפן טאָל.

פאַרנאַכט, אומקערנדיק זיך קיין עין־גנים, זענען אַלע פונאַנדערגעזעצט הינטער די געצעלטן. אינמיטן — אַ שייטער פון טרוקענע וואָרצלען. אַרום, אין קרייז — יונגע בחורים, יונגע מיידלעך.

— די קבוצה — האָט א. ד. גאָרדאָן גערעדט פאַר זיי — דאַרף ווירקן ווי אַ משפּחה. די הילף וועט נישט קומען דורך ווערטער און דיסקוסיעס, נאָר דורך מעשׂים. יוסף וויתקין, דער לערער פון כפר תבור, האָט פאַרצווייפלט גערופן: „וואַכט אויף, יידישע יוגנט, קומט צו הילף דעם פאָלק! באַנייט די טעג פון ביל'ו".

די אַרבעטס־לייט פון עין־גנים האָבן געשטאַרקט דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות, אין כוח פון אַ קאָלעקטיוו, אַ קיבוץ. זינט דעם 7־טן קאָנגרעס, שוין נאָך הערצלס טויט, האָט זיך קריסטאַליזירט אַ נייע אידעאָלאָגיע, צו פאַראייניקן דעם פּאָליטישן קאַמף מיט דער פּראַקטישער אַרבעט אין לאַנד.

קאַפּיטל זיבעצן

ווי אַ הפקרער ווינט

ס׳פאַרקלאַפּטע הויז ביי לייבל זיידמאַן, אויפן „ניעווסקי פּראָספּעקט״, האָט אומ־היימלעך געשוויגן. די הויכע פענצטער — פאַרהאַקט, די פאַרהאַנגען — טיף אַראָפּ־געלאָזן. עטלעכע מאָל האָט מען אָבער באַמערקט אַרטשיקן זייטיק אַרויפגיין, אַרונ־טערשאַרן זיך. אָט שפּאַצירט ער זיך, כלומרשט פאַרטון, איבערן בולוואַר, פּאַכעט מיטן יאַמשן שטעקעלע, ס׳שטרויענע קאַפּעלושל אָנגערוקט אין אַ זייט, אויפן אויער; כאַפּט אַלע מאָל זייטיק, הינטערווייַלעכטס, אַ בליק, אַנגעשפּיצט, ווי ער וואָלט געפילט, אַז עפּעס קאָכט זיך אין דער שטיל, אַז עפּעס גרייט זיך דאָ.

און טייבעטשקע ? ווו איז ערגעץ אַהינגעקומען טייבעטשקע ?

דאַכט זיך, אַזאַ באַרעכנטער ייד, ווי לייבל זיידמאַן, האָט ער זיך אַ מאָל, גאַנץ שיין, אויך געקענט פאַררעכענען. אַ בלינדער, פינצטערער כעס האָט אים געוואָרגן. ס׳איז אים מיט איין מאָל קלאָר געוואָרן, אַז ר׳איז מיאוס פאַרקראָכן, אַז ער איז פאַר־שפּילט; גרויסע געפאַרן הענגען איבער אים, איבער זיין הויז, פרעמדע לייט רייסן זיך אַריין אין זיין לעבן. אין די פּאָר טעג, איידער ס׳וויב מיט די יינגערע מיידלעך זענען צוריק געקומען אַנצופאַרן פון די וואַרעמבעדער, האָט ער איינער אַליין, טאָג ווי נאַכט, אַרומגעשפּאַנט איבערן סאַלאָן, געקייט דאָס פאַרגרויטע לאָפּעטע־בערדל, געוואָלט פאַרשטיין — ווו האַלט ער דאָ ערגעץ אין דער וועלט ?

אַלץ אין סאַלאָן איז געבליבן אַנגעוואָרפן, אַנגעשליידערט, אַזוי ווי טייבעטשקע מיט דער הפקרער באַנדע האָבן דאָרט איבערגעלאָזן. עפּעס אַ שאַרפער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, צוריקגערופן אים, באַלד צו כאַפּן די באַן און קומען אַנצולויפן אַהיים. ווי אַ ווינט זענען זיי זיך אָבער אַלע צעפלויגן, אָפּן לאָזנדיק טיר און טויער; און טייבעטשקע — צוזאַמען מיט זיי. דער „צער בעלי חיים״, ליפּע קאַמאַשנמאַכער, דער טריפה׳ניאַק, דער מורד במלכות, האָט טייבעטשקען, פאַר אים אין די אויגן, אַ נעם געטון ביי דער האַנט, איר עפּעס איינגערוימט אויפן אויער, און זי איז אים בלינד, געהאָרכזאַם, פאַרגלויבט, נאָכגעגאַנגען, די מויד. „ר׳ לייבל... — האָבן ליפּעס אויגן אונטער די צוויקערס געשפּריצט מיט ביטערן חוזק — מירן זיך נאָך באַגעגענען אויפן משפט פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן״... אַזוי האָט ער עס אים בפירוש אַ שליידער געטון אין פּנים אַריין; און ביידע, ער און טייבעטשקע, האָבן צום לעצטן מאָל אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר...

אַ לאַנגע רגע איז ער שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל, נישט געוואָלט בשום זיך צוגלויבן עס — צי איז עס טאַקע אַזוי געשען אויף דער וואָר, צי איז עס נישט אַ מאָל אַ פאַרבלענדעניש, אַן אויסדוכטעניש, רחמנא לצלן ?... דער בליך־לאָמפּ האָט נאָך העל געפלאַקערט אונטערן סופיט. דער טיש — אַנגעשטעלט, אַנגעוואָרפן, אין דער מיט — דער רויכערדיקער סאַמאָוואַר. די שטולן, די סאָפע — צעוואָרפן, צע־

קנאָדערט. קיינער איז מער נישט געווען אין הויז. די שווער־אָנגעלאָדענע שטילקייט האָט געקלונגען אין די אויערן. „איז זי, הייסט עס, אַוועק פון הויז, די מויד... אָבער וואָס הייסט — זי איז אַוועק! אַ כלה־מיידל... פאַרקנסט צו אַרטשיקן, צו די סקאָרב־ניקס... זי גיט זיך דען אָפּ אַ חשבון, וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטון?״...

און ער איז מיט אַ מאָל צו און אַראָפּגעלאָזן אַ שווערע פויסט איבערן טיש, אַז אַלע גלעזער, שעלעכלעך, ס׳גאַנצע געשיר, זענען אונטערגעשפּרונגען; אַז דער אויס־געלאָשענער סאַמאָוואַר האָט זיך אַ וואַקל געטון, אָפּגעהילכט מיט אַ דינעם מעטאַלע־נעם קלונג. און פּלוצעם האָט ער זיך דערזען אין שפּיגל קעגן איבער — אַ שוי־בערדיקער, מיט אַרויסגעזעצטע, רויט־פאַרלאָפענע אויגן, דער קאָפּ — אין גאַנצן גרוי. „זיי האָבן מיין טאָכטער אַוועקגערויבט! — האָט ער געביילט די פויסטן קעגן שפּיגל — און איצט — וואָס ווילן זיי נאָך? זיי ווילן מיך אין גאַנצן רואינירן! ניין, כ׳וועל זיך נישט לאָזן! כ׳וועל זיי וויזן ווער לייבל זיידמאַן איז!״...

די געבלוטן האָבן אים פאַרגאָסן דעם מוח; ער האָט אַפילו נישט געפילט, ווי ער איז אַוועקגעפאַלן אין דער סאָפע; האָט דערנאָך שוין נישט געדענקט צי ס׳איז אַזוי אַריבער אַ טאָג, אַ נאַכט, אַ מעת לעת. אַ שווער קלאַפּן אין דער פאַראַדנער טיר האָט אים איבערגעוועקט. ר׳האָט זיך אויפגעריסן, מיט אָנגעביילטע פויסטן, גרייט צו באַ־געגענען דער מויד, טייבעטשקען. אָבער צווישן טאָג און נאַכט איז נישט טייבעטשקע געשטאַנען אין דער טיר, ס׳איז גאָר געווען אַרטשיק.

— גאָספּאָדין זיידמאַן... — האָט ער געדרייט דאָס יאַמשן שטעקעלע — כ׳האָב געהערט, מאַכט ער, אַז איר זענט צוריקגעקומען... ביז איך אַריין צו אייך געוויר ווערן...

— אַז וואָס — געוויר ווערן? — האָט לייבל צענומען די הענט.

ער איז דעם אַלטן פאָרזיכטיק נאָכגעגאַנגען אין קאָרידאָר, איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן, האָט מיט אַ מאָל דערזען דעם צערודערטן סאַלאָן, דערזען ווי לייבל זיידמאַן, די אַקסלען טיף געזונקען, האַלט זיך קוים אויף די פיס. האָט ער דאָך באותו הרגע שוין אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט אַ פּייף געטון פון צווישן די דיקלעכע ליפּן. האָט זיך עס אַזוי גאָר אויסגעלאָזן! לייבל האָט שוין גאָרנישט מער געהאַט וואָס אויסצובאַ־האַלטן. ער איז אַלץ געשטאַנען, די הענט צענומען:

— אָט וואָס זיי האָבן געמאַכט פון מיין הויז! כ׳פרעג אַצינד ביי דיר: וואָס פאַראַ פּנים וועל איך האָבן ביי דיין טאַטן, הא?...

— נו, יאָ, „פּאָניאַטנאָ״... די „צער בעלי חיים״... כ׳האָב אָבער אַלע מאָל גע־וואָרנט פאַר זיי... — האָט ער מער נישט געקענט איינהאַלטן זיך, גראָב אַרויסצולאַכן.

און ער האָט, כאָכאָטשענדיק, דורכגעשפּרייזט דעם סאַלאָן, צוריק אַראָפּגעלאָזן זיך פון די טרעפּן.

אין דער צייט, ווען לייבל האָט נישט אויפגעהערט צו שפּאַנען איבערן סאַלאָן. ער האָט אַפילו נישט געהאַט צו וועמען אויסצולאָזן דעם כעס. אַלץ איז אים געשטאַ־נען אין וועג. ער האָט געשליידערט די שטולן, געוואָרפן די טישטעכער אויף דר׳ערד. הינטער די ווענט פונעם הויז, האָט זיך אים געדאַכט, טוען זיך אָפּ אומגעווײנטלעכע זאַכן, ווי אַ טייך וואָלט אַרויס פון די ברעגעס; ס׳רייסן זיך פון ערגעץ אָפּ פאַרדומ־פּענע געשרייען, אויפן שאָסיי, אויף די בולוואַרן. איבערן ברוק קלאַפּן נאָך אַנאַנד די קאָפּיטעס פון די קליינע, ווילדע קאָזאַקישע פערדלעך...

אָדער ער איז גאָר אַנדרימלט געוואָרן, אַוועקגעפאַלן אין דער טיפער סאָפּע, דאָס ברודיקע לאָפּעטע־בערדל — פאַרריסן צום סופיט. ווען ער האָט אויפגעמאַכט אַן אויג, האָט ער מער נישט געדענקט ווו ער געפינט זיך; מער נישט געהערט אין דער פרי דעם „אודאָק" פון טאַרטאַק, פון דער מיל. ס'איז אים גאָר פלוצעם באַפאַלן אַ בלינדע שרעק, האָט מורא געהאַט אַריבערצוטרעטן די שוועל אויסערן הויז, אַראָפּ־לאָזן זיך צום ברעג, כאַפּן אַ קוק אין קאַנטאָרל, נאָכזען, נאָכפרעגן זיך ביי די „מענטשן". „אַ שלאַנג האָב איך געהאָדעוועט אויף מיין ברוסט"... — האָט ער זיך נישט געקענט שענקען. טאַקע, וואָס פאַרא פּנים וועל איך איצט האָבן ביי סאָלאָמאָן סקאָרבניק ? אַז ער וויל, קען ער מיך רואינירן, צושטיקן. גיי דערצייל אים, אַז זיין בן־אָקל, אַרטשיק... די פּוסטע כּלי... ווען ער וואָלט כאָטש געווען אַ שטיקל מענטש... ניין, כ'וועל זיך אָבער נישט לאָזן פון די „צער בעלי חיים"־יונגען ! באַדינגונגען וועלן זיי מיר שטעלן ! 8 שעה אַרבעט ! דערלייגן זיי 30 קאָפּיקעס אויפן טאָג ! און וואָס נאָך ווילן זיי ? אפשר זאָל איך זיי אַוועקגעבן מיין פּראַצע ? די קאָפּיטעס וועלן זיי ביי מיר אויסציען ! מוזשיקעס וועלן ביי מיר אַרבעטן. זיי וועלן מיר קושן די האַנט, אַראָפּנעמען דאָס היטל, צלמען זיך...

נאָך איין מאָל האָט זיך אַרטשיק אַריינגעוויזן אין אבלדיקן הויז. ער איז געקו־מען מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, אַ פאַרוואָקסענער. ס'איז געווען אין סאַמע רעכטן מיטן יאַריד, וואָס האָט זיך יעדעס יאָר געשטעלט, אין דער צייט, מיט רעש, ביי שעפּסל קאַניוך אין טיפן הויף.

דאָרט האָט זיך אַרטשיק אַצינד אַרומגעדרייט גאַנצענע טעג, געפּעטשלט איבער די סאַמעטענע פערדישע רוקנס, אַליין פלוצעם אַרויפגעכאַפּט זיך אויף אַ פלינק, ווייס פערדל און געשפּרונגען דערמיט איבערן פלויטל, ווי אויף פערד־קורסן. ס'פערדל האָט דער פּראַפּאָרשטשיק פון קאַוואַלעריע־פּאָלק אין דער פעסטונג ביים בוג, ליב־לעך געגלעט איבערן רוקן, גערופן עס „פיפי". ער האָט עס געבראַכט צופירן מיטן גאַנצן טאַבאָר „פאַרבראַקירטע", שווערע אַרטילעריע־פערד, מיט די פאַרוואָקסענע סטאָפּעס. דאָס האָט ער עס אַליין „פאַרבראַקירט", אָפּגעגעבן עס פאַר אַ שיבוש, און דערפאַר האָט מען דעם גאַנצן לאַנגן טאָג דערנאָך געהאַלטן אין איין „באַגיסן". פריער אויפן גאַניק ביי שעפּסל קאַניוך אין טיפן הויף, שפּעטער — אין טראַקטיר, ביים חזיר־געוועלב, אויפן מאַרק, דערנאָך איז מען שוין זאַלבענאַנד אַרומגעקראָכן אין אַלע זייטיקע שענקלעך, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס.

— ס'איז אומעטיק אויף דער נשמה, ברודער... — האָט אַרטשיק געוואָיעט, זיך געקלאַפּט מיט דער פויסט אין האַרצן אַריין, איבערקערנדיק איין קעלישעק נאָכן אַנ־דערן — די כּלות אונדזערע ווערן פאַרכאַפּט פון די „מיאַטעזשניקעס"... די סוקינע סינעס... אַט־וואָס !...

— אַזוי גאָר !... — האָט דער פּראַפּאָרשטשיק געפינטלט מיט די בלוי־פאַר־וואָסערטע, קליינע, רויטלעכע אויגן, ווי ביי אַ פיש — דערלאַנגט מען זיי אין דער מאָרדע און האָדיע !...

און ער האָט, גאַווערנדיק, אויפגעהויבן אַ רויטע, מעכטיקע פויסט, אָבער אַראָפּ־געלאָזן האָט ער זי איבער אַרטשיקן.

אַ רגע האָט זיך נאָך אַרטשיק אַ וואַקל געטון אויף די פיס, אָנגעצויגן אין די געפּאַסטע שטיוועלעך, אין די רייט־הויזן. ס׳שטרויענע קאַפּעלושל איז געזעסן זייטיק, דורכגעלעכערט. אָבער אומגעפאַלן איז יענער, דער פּראַפּאַרשטשיק אַליין. ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט דערהאַלטן אויף די פיס. נישט אַזוי דאָס אַראָפּלאָזן אין דורכגעברענטן האַלדז די גלעזלעך, דאָס פאַרגיסן דעם וואָרעם, וואָס האָט אים גע־פרעסן, אַרטשיקן, ווי די פאַרשעמונג, וואָס טייבעטשקע וואַלגערט זיך דאָרט ערגעץ אַרום מיטן „צער בעלי חיים״־יונג, מיט ליפען, האָט אים מיט איין מאָל אויסגעניכ־טערט. ער האָט יענעם גלעזל ליגן, און אַליין, אַ באַגאָסענער מיט בלוט, צעשמירט איבערן גאַנצן פּנים, האָט ער זיך אַרויסגעוואַקלט פון טראַקטיר, פאַרזיכטיק גע־שטעלט אַ טריט איבער דער הויכער שוועל.

אין דער שאַרפער אָוונט־לופט, איז די גאַנצע שיכּרות מיט איין מאָל ווי אויס־געוועפּט געוואָרן. ביים פּלומפּ אין ראָג האָט ער זיך אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער, געווישט זיך מיטן אַרבל. ס׳איז אים שוין אַלץ איינס געווען. זיין לעבן איז סיי ווי פאַרשפּילט. אַ גרויסער כּעס האָט אים געוואָרגן. די לעצטע פּאָר רובל זענען ווידער צעקראָכן צווישן די פינגער. די רעשט האָבן ביי אים די „גוטע ברידער״, און מישקע, דער שאַרלאַטאַן, דער אַקטיאָרשטשיק, אויסגעמאַניעט.

די שפּאַרע ליכט, אויפן ערשטן שטאָק, צווישן די פאָרהאַנגען, האָט אים אומ־געריכט אַ צי געטון. ער וועט פון דעסטוועגן אַרויפגיין, האָט ער באַקלערט, צום טאַטנס שותּף, צו לייבלען, ער זאָל אים זען אויסצאָלן נאָך אַ פּאָר רובל. ער איז פאַרזיכטיק אַרויף די טרעפּ, אַלץ געשלאָגן זיך מיט דער דעה; און נאָך איידער ער האָט אַ שטויס געטון די טיר, האָט זי זיך געעפנט, און פאַר אים איז געשטאַנען לייבל אַליין, ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף אים. אַ שויבערדיקער, ווי איבער נאַכט וואָלט זיך געלייגט אויף אים די עלטער. אָן רייד, איז אים אַרטשיק נאָכגעגאַנגען. יענער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף זיין הילוך, אויף זיין פאַרשמירט פּנים; צוריק אָוועקגעוואָרפן זיך אויף דער סאָפע. דער לאָמפּ האָט מער נישט געברענט מיט אַזאַ פלאַקער. ער איז געווען אַריינגעדרייט, די קנויט האָט געראָויכערט. באַלד האָט זיך לייבל ווידער אַ הייב געטון פון דער איינגעפאַלענער סאָפע.

— גיי צו זיי! — האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביי דער קלאַפּע — רעד מיט זיי!... זאָל זי צוריקקומען אין הויז אַריין, די מויד! פרעג זיי — וואָס זיי פאַרלאַנגען? כ׳וועל אַלץ נאָכגעבן...

— איך ווייס יאָ, וואָס זיי פאַרלאַנגען... — האָט אַרטשיק געכאָכאָטשעט — אָבער ס׳וועט שוין סיי ווי גאָרנישט העלפן... גאַספּאָדין זיידמאַן...

דער אַלטער האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, געשריגן נישט מיט זיין קול:

— מ׳פרעגט נישט ביי דיר! אויף מיין טאָכטער האָב איך נאָך דערווייל צו באַפעלן... איך הייס, זי זאָל באַלד אַהיימקומען, דו הערסט, צי ניין!...

און ער האָט אַרטשיקן אַ נעם געטון ביים קאָלנער, אים צוגעפירט צו דער טיר, אים אַ שטויס געטון איבער דער שוועל, און האַסטיק צוגעריגלט דעם שלאָס. אָבער אַרטשיק האָט דאָרט ווידער געזעצט מיט דער פויסט אין דער טיר אַריין.

— ר׳ לייבל, גיט מיר נאָך אַ פּאָר רובל... כ׳באַדאַרף...

האָט זיך די טיר אויפגעמאַכט דורך אַ שפּאַרע. לייבל האָט האַסטיק געזוכט אין די טיפע הויזן־קעשענעס, אַרויסגעצויגן אַ פּאָר צעקנייטשטע פּאַפּירלעך, אים צוגע־

וואַרפן און צוריק פאַרהאַקט די טיר. אַרטשיק האָט זיך נאָך לאַנג איינגעהערט צו אַלע פאַרשטיקטע געדוישן אין הויז, אַראָפּגעקוליעט זיך די טרעפּ, הוסטנדיק, שעלטנדיק, אָנברעכנדיק אין פּאָדערהויז.

אין דער אויסגעלאָשענער נאַכט פון סוף חודש האָט זיך דער סילועט פון אַר־טשיקן געשלייכט צום ברעג, צו די הינטערגעסלעך. בלינדערהייט האָט עס אים גע־פירט. ער האָט געוווּסט, געפילט, אַז אונטערן צודעק פון דער פינצטערער נאַכט, אָן אַ לבנה, טוען זיך אָפּ כלערליי געהיימענישן אין די באַלמעלאָכישע הינטערגעסלעך. לייבל האָט אים דאָרט אַפילו צולעצט געגעבן אָנצוהערן — „צי איז שוין דער קאַ־טאָרזשיק ליפע קאַמאַשנמאַכער גובערנאַטאָר ? ... ער טוט שוין וואָס עס וויל ?"... אַ זייטיק, געניט אויג האָט, אונטערן צודעק פון דער לעבלעכער נאַכט, געקענט דער־כאַפּן, אַז עפּעס טוט זיך דאָ. ס'האָט שוין באַדאַרפט צו זיין נישט פרי. ער האָט באַ־מערקט, אַז דער לאַנגער צאַליע רימער האָט זיך אַראָפּגעשלייכט פון אַ גאַניק, גע־שאַרט זיך אין טיפן שאָטן פון די פּאָדער־הייזלעך, אויסגעמיטן די ברייטע, זאַמדיקע גאַס, וואָס האָט זיך געהעלט, זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט, און אַראָפּגעקוליעט זיך אין דער נידער. הינטער אים — עטלעכע שאָטנס. ביי די מיידלעך האָבן זיך צעפּאָכעט אין דער פינצטער זייערע צעפּלויגענע זשאַקעטקעס.

ס'איז אפשר געפערלעך, האָט אַרטשיק באַקלערט. מיט די „שטרייקערס" הייבט מען זיך נישט אָן ! אָבער דער צאָרן האָט געברענט אין אים. דאָס האָבן זיי צוגערויבט ביי אים טייבעטשקען... אַציגד ווילן זיי דעם טאַרטאַק, די מיל אויך רואיני'רן. זיי העצן אונטער די גוים, פּאָדערן... און ליפע באַהאַלט זיך דאָ ערגעץ אויס. אָט, וועט מ'קען דעם פויגל אונטערכאַפּן. און ער האָט האַסטיק גענומען נאָכלויפן צאַליעס שאָטן. ביים בערגל, אויבן, האָט ער צוגעשטעלט ביידע דלאָניעס צום מויל און אַ רוף געטון :

— צאַליע !

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. איינער איז געבליבן הינטערשטעליק. די איבעריקע זענען באַלד פאַרפאַלן געוואָרן הינטער די אַרומגעבראָכענע פּלויטלעך. אַרטשיק איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך עפּעס שטאַרק געפאָרכטן.

— ס'איז דו, צאַליע ? — האָט ער דערפילט יענעמס אָפּגעהאַקטן אָטעם נאָענט לעבן זיך — אין וואָרט נאָר...

— וואָס ווילסטו ? — האָט זיך דער לאַנגער צאַליע, אַ פינצטערער, גרייט זיך צו וואַרפן אויף אים, אָנגעבויגן און — דערקענט.

— ס'איז נישט איך... לייבל וויל רעדן מיט אייך...

— אַז וואָס — וויל ער ?

— כ'ווייס נישט... ער האָט געבעטן אַרויפשיקן צו אים...

— מ'עט שוין קומען צו אים ! גיי !...

און ער האָט אים שאַרף אַ וויז געטון מיטן פינגער, ער זאָל זיך אָפּטראָגן.

און אין באַגינען איז טאַקע דער פּריסטאַוו מיט די זשאַנדאַרן געקומען קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיר אויפן גאָרן־שטיבל ביים געלן מיידל, ביי חברטע מערע, די זאָקן־מאַכערקע. זיי האָבן דאָרט אַלץ איבערגעדרייט, אָבער קיינעם נישט געפונען. זיי האָבן זיך דערנאָך אַראָפּגעשאָטן פון דער שמאָלער טרעפּ, אָנזידלענדיק אין „אַלע מאַמעס אַריין" נאָכקלינגענדיק מיט די שפּאָרן און מיט די לאַנגע שאַבלעס זייערע.

קאַפּיטל אַכצן

דער ברעג וועקט זיך

ווו נאָר דער טאָג האָט זיך געשטעלט, האָט דער הויכער ברעג שוין געליאַרעמט, גע׳רעשט, מיט שווערער מי, מיט פּראַצע, מיט האַנדל־וואַנדל; מיט זיסע קולכלעך פון די חדרים, אַ פאַרדבקהטער צוזאַנג פון די בית־המדרש־לערנער האָט זיך גע־טראָגן דורך די אָפענע פענצטער פון משמר־בית־מדרש. אַרום ראָד קראָמען זענען מאָנטיק און דאָנערשטיק געשטאַנען בונטע מאַרק־טעג. די קוימענס פון דער מיל, פון טאַרטאַק האָבן פאַרשמירט מיט אַ מוטנע רויכל דעם הימל איבער די נידעריקע שינדל־דעכלעך. פון די שאָפעס און קאַרפוסן איז אויפגעגאַנגען אַ בויערנדיקער גרילץ פון וואַלצן, פון שנייד־זעגן, דאָס לויפן, דאָס סאָפען פון טראַנסמיסיע־פּאַסן און הייץ־קעסלען.

די מיל, די אַליניצע, דער טאַרטאַק, די גאַרבאַרניעס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף די וויסטע שטחים, באַרג־אַראָפּ. די אָרעמקייט אַרום פיש־מאַרק, אין די באַלמע־לאַכעשע געסלעך, האָט דאָ געלעבט, געמוטשעט זיך, שווער געצויגן די ביטערע חיונה און — געמערט און געפּרוכפּערט זיך. ס׳איז אַרום פול באַלייגט געווען מיט ווערקשטעלן פון קאָוואַליעס, רימאַרעס, סטעלמאַכעס, שוסטערס, שניידעס. פון אָט די איינגעזונקענע געסלעך איז ער דאָך אַליין געקומען, חבר ליפּע קאַמאַשנמאַכער.

פאַרנאַכט־צייט האָבן זיך די געזעלן פון די וואַרשטאַטלעך אַרויסגעשאָטן פאַר די טירן אָפּוואַרטן די ווייבער, אָדער אונטערגעוואַקסענע קינדער, וואָס האָבן זיי גע־ברענגט צו טראָגן דאָס ביסל פאַסנע געקעכץ אין אַן ערדן טעפל, צוגעדעקט אונטער שמאַטעס. צאַליע רימער, מיטן אומלויפנדיקן קנאָפּ אין דאַרן האַלדז, האָט שוין פון וויטן זייער פריילעך אַ רוף געטון אויף אַ ביי־קול צו דער אויסגעקינדלטער יידענע; ער האָט באַצייטנס שוין געוואָלט וויסן וואָס זי ברענגט אים דאָרט צו עסן :

— שיקס, צי כיקס ? ... (ס׳הייסט, פליישיקס, צי מילכיקס).

— פון וואַנען, מיינע שונאים, זאָל איך דיר נעמען פלייש אין מיטן דער וואָך, גרויסער פאַרדינער מיינער !... — האָט זי האַלב געשמייכלט און האַלב געשאָלטן.

אַז מיט די קאַרגע פּאָר רובל, וואָס ער האָט פאַראיבעריקט ביי הלל רימער אין וואַרשטאַטל, איז מען קוים מיט צרות דורכגעקומען די וואָך. ביידע גאַל־האַריקע מיידעלעך זענען, נעבעך, אַרומגעלאָפן קרועה־בלועה. אַ פּאָר שיכלעך אויף יום־טוב פאַר די קינדער איז אַנגעקומען מיטן טויט. געוווינט האָט מען אין אַ קאַמער „ביי יענעם". ס׳האָבן זיך דער יידענע אומעטום נאָכגעשלעפּט ביים קלייד ביידע קינדער. פון דעסטוועגן איז ער געווען אַ פריילעכער לונג־און־לעבער, צאַליע. די דיקלעכע יידענע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן אַ שמייכל צו טון מיטן לייידקן מויל, ווען ער האָט איר אין מיטן דערינען געטון אַ זינג אָפּ דאָס ליד פון יידישן „טריאַטער" :

גוואַלד, איך וועל פון דיר קראַפּירן,
וואָס דו האָסט זיך איינגעליבט אין מיר...

— גיי, צאַלינקע — האָט זי זייער ווייך, זייער איידל, אַ מאַך געטון — גיי, ברעך שוין האַלדז־און־נאַקן...

אַז פון גאָרנישט האָט ער זיך גענומען צום האַרצן, דער אַרומגעשליסענער טייוול. וויכטיקערע זאַכן זענען, אין אַזעלכע צייטן, געלעגן אויף זיין קאָפּ. ס'האָט זיך דאָ פאַרקאָכט אַ קאַשע. ס'האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרקע אחדות צווישן די יידישע באַלמעלאָכעס פון טאַרטאַק, פון דער מיל, פון דער אַליניצע. די פּראָסטע יידן, די גאַרבאַרעס, האָבן געמוזט נאָכגעבן, נאָר דער פאַרריסענער ייד, לייבל זיידמאַן, האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז ער קען זיך גאַנץ שיין באַגיין אָן די יידישע באַלמעלאָכעס אויך. גענומען, אַרויסגעוואָרפן זיי און — פּטור. דאָס האָט מען שוין נישט געקענט פאַר־שווייגן.

— מיקאָלע! — האָט ער באַפוילן דעם סטאַראָזש — זאָלסט מיר זען צו פאַר־מאַכן דעם טויער און זיי מער נישט אַריבערלאָזן מיין שוועל... דו הערסט, צי ניין?...

און ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צום קאָנטאָרל, שפּרינגענדיק אין זיינע גלאַנציקע שטיבעלעטן איבער די אויסגעלייגטע שטיינער אין דער בלאָטע. און ווען דער גרויער עולם באַלמעלאָכעס האָט זיך אין דער פרי גענומען זאַמלען ביים טויערל, איז ער געשטאַנען פאַרהאַקט. סטראַזשניקעס האָבן זיך עפּעס פאַרדעכטיק געדרייט ביים ווייסן מייערל פון קעגנאיבערדיקן תפיסה־בנין. די גאַס איז געווען טויט.

די נויט אין די געסלעך אַרום פיש־מאַרק איז געווען אין לשער. די שויבערדי־קע ווייבער האָבן פון באַלד אין דער פרי אָן, אויפן ניכטערנעם, מיט ציינגלאָזע מיי־לער, געשאָלטן מיט טויטע קללות איבער די פּאָסנע טעפּ. די מאַסנלייט, פּאַרוואַקסע־נע, קלענער געוואָרענע, שוואַרץ ווי די ערד, פאַרשטעקט די קעפּ אין די אַקסלען, אין די אויסגעקראָכענע קעלנערלעך, האָבן זיך געקליבן פאַר די פאַרהאַקטע פּורטקעס. מיקאָלקע, מיטן וואָלף־הונט ביי דער זייט, האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזן. דאַכט זיך, אַליין אָן אָרעמער טייוול, וווינט אין ערד־שטיבל אויפן עק פּלאַנט, מיט אַ ווייב, מיט אַ פולע כאַטע קליינוואַרג. זונטיק קומען צו אים אַראָפּ די גוטע־ברידער, דאָרפישע, וואָס אַרבעטן אין שטאָט. מען טרינקט, מען פאַררויכערט, מען גרימפּלט אויף באַלאַ־לייקעס; מ'לאָזט אַראָפּ מיט איין צי אַ גלאָז בראָנפן. די אויגן ווערן איבערגעגאָסן. די באָבע וואָרטשעט, אַז דאָס פאַרזשליאָקעט ער די פּאָר גילדן, צו דערטרינקען „דעם וואָרעם". „דער פּאָהיבעל ווייסט זיי... — אַזוי האָט זיך מיקאָלקע נאָך דעם ווי פאַר־ענטפערט, ווען צאַליע איז, דורך הינטער־וועגן, געקומען צו אים, אויסשפּייענדיק דורך די פאָרנטיקע, אויסגעקלאַפּטע ציינער — זיי זאָגן, אַז די יידן ווילן נישט אַר־בעטן, נאָר „בורזשען" אונטער דעם „נאַראָד"...

— און דו גלויבסט עס, מיקאָלע?

— כ'ווייס... מ'זאָגט... — האָט ער תמעוואַטע געצויגן מיט די אַקסלען, דער כיטרער, און אין די אויגן — אַ פינצטערע כמאַרע.

ס'איז אויך מער נישט אַזוי לייכט געווען צוזאַמענצורופן דעם עולם, רעדן צום האַרץ, צום „סאָוועסט", רופן זיי צו אַ שטרייק. זיי האָבן שווער אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, געשוויגן. דער נייער פּריסטאַוו איז אַרומגעלאָפן צווישן ראַד קראָמען, אויפן מאַרק,

אויף די בולוואַרן, אַרומגערינגלט מיט סטראַזשניקעס, אַ רויט־צעקאַכטער, געשריגן, געטופּעט מיט די גלאַנציקע שטיוועלעך, געפּאַכעט מיט דער שווערד, פאַרהאַלטן די פאַרדעכטיקע, זיי אָפּגעפירט אין צירקל. מ׳איז געקומען באַגינען קלאַפּן אין די טירן, אַוועקגעפירט, געשמידט אין קייטעלעך, צום „ווייסן מייערל״. פון דאָרט איז מען שוין דערנאָך אַוועק מיטן עטאַפּ, קיין סיביר.

זיי האָבן אָבער ריזיקירט, די „צער בעלי חיים״. אין די עטלעכע וואָכן, זינט חבר ליפע האָט זיך דאָ צוריק באַוויזן, אויפגעהאַלטן זיך פאַרשטעקט, געהיים, איז צאַליע אַרומגעגאַנגען נאָך מער פאַרטייעט. ביזן אומגעריכטן פאָליצייסקן אָנפאַל, איז דאָס פאַרשטעקטע גאָרן־שטיבל ביי חברטע מערע די זאָקן־מאַכערקע אין יענעם זו־מער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינעם שטאָב. פון דאַנען האָבן זיך געצויגן אַלע פעדעם. צווישן טאָג און נאַכט איז צאַליע רימער שטיל געקומען אָנקלאַפּן אין דער טיר אויפן גאָרן־שטיבל.

— מיקאָלקע... אַלץ ער... — האָט צאַליע, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויפן דאַרן בעטל, פאַרציילט ליפען מיט אַ סך זאָרג — וואָס טוט מען ?

— רוף אים אַרויס צו מיר... כ׳וועל מיט אים אַ רעד טון... כ׳וועל אַפּעלירן צו זיין פּראָלעטאַריש געוויסן...

— ס׳איז אפשר געפערלעך... און ער וועט דען גיין, דער כיטרער ?... ער האָט צוגעזאָגט אַרויסצוקומען פּרייטיק ביינאַכט, אָבער כ׳גלויב אים נישט...

אַזוי דערציילט ער, חבר צאַליע, אַז מיקאָלקע האָט עפּעס פאַרשעמט געשטאַמלט, געדרייט דאָס היטל אין דער האַנט. דאָס האָט מיאוס קאָמפּראָמיטירט דעם געמיינ־זאַמען קאַמף. הייסט עס, אַז אויפן 4־טן צוזאַמענפאָר זענען זיי נישט געווען אין גאַנצן אומגערעכט : קאַמף און סאָלידאַריטעט מיטן נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט — זייער שיין ! אָבער ווען איז עס גערעדט געוואָרן ? אַז די סאָלידאַריטעט איז אַ קעגנזייטיקע. חבר ליפע האָט עס געפילט ווי אַ גרויסע פאַרשעמונג.

אַרויסגעלאָזן אויפן טייך מיט שיפלעך האָט מען זיך פרייטיק־צונאַכטס. איינ־ציקווייז, פאַרלעכווייז, האָט מען זיך געשלייכט מיט די הינטער־ווענעלעך צום פּאַראָם, צווישן די געדיכטע לאָזעס, הינטער די אַלטע, ריזיק־צעוואַקסענע טאָפּאָלעס. די שיפ־לעך האָבן מיט אַ שטילן שורש אָנגעשלאָגן די טעמפּע נעזער אין ברעג. מ׳איז פּלינק אַריינגעשפּרונגען, געלאָזן זיך אַראָפּ־וואַסער. ס׳איז שוין לאַנג געהאַט צוגעפאַלן דער מילדער אָוונט. אַ ראָז פּאַסיקל האָט זיך נאָך אַלץ געבלייכט אויפן האָריזאָנט, הינטער די פאָרטן, איבער די טורעמס פון דער פעסטונג. אין די נידעריקע שייבלעך פון טייך־געסל האָבן זיך געטוקט און געלאָשן די שבת־ליכט.

חבר צאַליע האָט, אין גרויס געהיימעניש, געלאָזן וויסן צו איינצלנע, צו פאַר־שטייער, דעלעגאַטן פון די רימאַרעס, גאַרבאַרעס, מיל־ און טאַרטאַק־אַרבעטער. זיי האָבן זיך געשלייכט צום ברעג, אָפּגעדונגען עטלעכע שיפלעך. געשניטן דאָס וואַסער, צום אַנדערן, וויטלעכן ברעג. פון אַ הייזל, פאַרשטעלט מיט אַ נידעריקן פּלויט, האָבן זיי זיך אַרויסגעגליטשט, ליפע און טייבעטשקע. זי האָט זיך צוגעהאַלטן מיט דער פלאַטערנדיקער האַנט דעם שטרוי־הוט. ס׳ערשטע מאָל ווי זי איז מיטגעגאַנגען אויף אַ „סכאָדקע״. דער טייך איז פול געווען מיט שיפלעך. פון שיפל צו שיפל האָט זיך געטראָגן אַ שטילע, פּייערלעכע ברומעריי :

דאַן וויקל איך דיר אין דער פאַנע, דער רויטער,
און פאַל מיט דיר צוזאַמען אין שלאַכט...

ליפּע, נאָענט לעבן טייבעטשקען, האָט דערפילט אַ זיסן פלאַטער. „טייבעטשקע — האָט ער הייס געפליסטערט איר אין אָפּגעדעקטן אויער — קום, ווען זען ווי דאָס פאָלק ליידט און קעמפט... אויף אונדז, זאָלסטו וויסן זיין, ליגט אַ גרויסע, אַ הייליקע פליכט”...

און אַז זי האָט געשוויגן, דאָס פנים פאַרגראָבן אין זיך, האָט ער זי געגלעט מיט פלאַטערנדיקע פינגער: „אַ גרויסע נשמה־יתירה לעבט אין פאָלק. דיינע פעטער־בורגער אינטעליגענטן, פירן אַוועק פ ו ן פאָלק”...

און די שיפלעך האָבן זיך אַלץ געטראָגן אַראָפּ־וואַסער מיט אַ פאַרבענקט געזאַנג. דערווייל האָבן זיך די צוויי פאַרנטיקע שיפלעך אומגעריכט פאַרקירעוועט אין אַ זייט, אָנגעקלאַפּט מיט אַ שורש די טעמפּע נעזער אין גערדיכטן טשערעט, אויפן העכערן ברעג. דאָ האָט זיך געבלויט אַ שיטער בערעזע־וועלדל. איינער הינטערן אַנדערן האָט מען זיך געשלייכט אין די טיפע גרעזער. מ'האָט נאָר געהערט ווי נאַכטגרילן פליסטערן אין טרוקענעם גראָז. געפירט פאַראויס האָט צאַליע. זיין לאַנגער שאָטן איז געשוואומען. ער האָט דאָ גוט געקענט יעדעס ווינקעלע. די היימישע, אויסגעהאָרעוועטע האַנט, וואָס האָט אים געפירט, ליפּען, איז געוועזן חבר צאַליעס.

אָבער אומגעריכט האָט דורכגעשניטן די לופט, דוכט זיך זייער נאָענט, אַ שאַרפע פייפעריי. ס'האָבן זיך אָפּגעריסן פיל טריט. מ'איז געלאָפן. „מ'האָט געמסרט!”... — האָט צאַליע, לויפנדיק, קורץ אַ פליסטער געטון, און ער האָט שוין ליפּעס האַנט נישט אַרויסגעלאָזן פון זיין פעסטער דלאָניע. הינטער זיי זענען די קולות אַלץ ווייטער געוואָרן. אָבער די געפאַר איז געווען גרויס. און דאָ איז נאָך די לבנה אַרויסגעשווומען צווישן די פוכיקע וואָלקנדלעך, אָפּגעדעקט דאָס אומגעזעענע שטעגל צווישן די קוסטעס. אָט איז זי צוריק פאַרהוילן געוואָרן. און ווען ליפּע האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערבליקט טייבעטשקען, אַ בלייכע, אָבער אַן אַנטשלאָסענע.

אין דער אַלטער באַרקע זענען זיי אַריינגעשפּרונגען זאַלבעדריט. די באַרקע האָט זיך אַ וואַקל געטון אין אַ זייט, ווען צאַליע האָט זי מיטן דראַנג אָפּגעשטופּט פון ברעג. מ'איז לאַנג געשוואומען צווישן די לאָזעס, ראַר־שטעקעלעך. אַ ווינטל האָט אָנגעבראַכט די שאַרפע ריחות פון פוילונג. ביז די באַרקע האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין עפּעס האַרטס. צווישן די ביימער האָט אַ שיין געטון אַ פייערל פון הינטער אַ לאָדן. ס'איז געווען די נאָענטע פאַרשטאָט, הינטער דער סלאָבאָדקע.

אַריבער די איזערנע באַן־בריק, האָבן אין דער טונקל אַ בליאַסק געטון די שינעס. אַ סעמאַפאָר. אַ רויט אויג האָט זיך אָנגעצונדן און פאַרלאָשן. אַ הונט האָט ערגעץ נאָענט געבילט. דער לאַנגער צאַליע האָט זיך געשניטן פאַראויס. זיי — נאָך אים. הינטערן קאַרשן־סעדל האָט ער זיי אַ ווונק געטון אונטערצוואַרטן. ער איז באַלד דערנאָך צוריקגעקומען, אַריינגעפירט זיי אין אַ נידעריק שטיבל ביים פלאָנט. בלומען־טעפּלעך אין די קאָודראַטנע שייבלעך, אַ שטייגל מיט אַ געל קאַנאַריקל. דער באַן־וועכטער סאַמאַילאָוו האָט זיך געווישט די היפּשע וואָנסן און זיי באַרואיקט:

— אַהער וועט דער טייוול אַליין זיך נישט דערקלייבן...

און פּיפּקעט זיך זיין קורץ פּייקעלע.

אַ קאַניצל אין אַ ווינקל. אַ געדיכט־אַראָפּגעלאָזענער פּאַרהאַנג. ווייס־אויסגע־קאַלכטע ווענט. ס'האָט שוין נישט באַדאַרפט זיין פרי. הינטער די שייבלעך האָט נאָך ערגעץ ווייט אָפּגעהילכט אַ גאַלאָפּ פון פערד, פאַרשטיקטע קולות. און דאָ, אין דער טונקעלער היימלעכקייט, האָבן זיי זיך דערזעען נאָענט איינער לעבן אַנדערן. אויפן דאַרפישן טאַפּטשאַן. ליפע האָט זי נאָר שטיל אַ פרעג געטון:

— מילא איך... האָסט נישט קיין מורא, טייבעטשקע ?..

— מיט דיר... האָב איך קיין מורא נישט...

אָנגעלענט דעם קאָפּ אין זיין אַקסל, האָט זי פאַרביסן געשוויגן. פון דעסטוועגן האָט זיך אַ טרער אַ זילבער געטון אויף איר וויע. ער האָט זי געגלעט די האָר.

— באַדענק זיך גוט. אונדזער לעבן, זאָלסטו וויסן, איז אַ פאַרפאַלגט לעבן... אָבער אַנדערש קענען מיר נישט, ווי לעבן מיט אָן אויפגעהויבענעם קאָפּ...

דאָס קאַניצל האָט זיך געטוקט. ער האָט איר פּנים נישט געזען, נאָר ער האָט געפילט ווי וואַרעמע טרערן שטיקן זי אין האַלדז. און קיין שום רייד זענען מער נישט געווען צווישן זיי.

און זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אים נאָכגעגאַנגען אין דער לאַנגער, פינצ־טערער רוסישער נאַכט. זי איז אים נאָכגעגאַנגען, צוערשט צו די וואַרשעווער און לאָדזשער געדיכטע אַרבעטער־בירזשעס, דערנאָך — אויף עמיגראַציע, אין דער שווייץ. אויב מען וועט דאַרפן — האָט זי זיך געזאָגט — אַפילו אין ווייטן, קאַלטן סיביר...

קאַפּיטל ניינצן

אונדזער רבי'ניו

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך כמעט ווי נישט צעשיידט; אויסער, פאַרשטייט זיך, ביי די קורצע אַרעסטן. ליפע האָט זיך אָבער יעדעס מאָל פלינק אַרויסגעדרייט, מיט זיין געניטער קאָנספּיראַטיווער פּראַקטיק, אַרויפּצוציען אויף זיך אַלערליי מאַסקעס; געטוישט די נעמען, די פּאַספּאָרטן, די מלינות, צוגעשוירן די וואָנסן, פאַרלאָזן זיך אַ שפּיץ־בערדל; כאַטש מיט דער בריל, אָנגעהאָנגען אויף אַ שוואַרץ שנירל, האָט ער זיך נישט צעשיידט. אומקערן זיך קיין ביאַליסטאָק, צו די היימישע כאַנייקעס, צו די פּיאַסקעס, איז געווען צו געפערלעך. מ'האָט אים דאָרט נאָך אַלץ אַרומגעזוכט. אָבער ס'האָט אים געצויגן, ווי ס'חיות, צו דער געדיכטער יידישער וועבער־שטאָט, וואָס האָט נאָך אַנאַנד געברויזט מיט שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, עקספּראָפּריאַציעס, אָדער „עקסן", פון די אַנאַרכיסטן; פּאַרטיי־רייסערייען, פּאַרטיי־דיסקוסיעס אין די אייגענע רייען.

אַ פויעריש דראָבינע־פורל האָט זיי אין אַ פינצטערער נאַכט אַוועקגעפירט דורך דער אויסגעלאָשענער „קיעווער סלאָבאָדקע", ווייט, אויף יענער זייט בוג, אין רוסיש־

פוילן. ס׳איז שוין געווען נאָך די יום־טובים. ס׳האָט געגאָסן אַ דינער רעגן. פון אַ קליינער סטאַציע זענען זיי דערנאָך אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע מיט דער אייזנבאַן. אין אַ וואָכעדיקן אין דער פרי האָבן זיי זיך אויף אַ רושיקער אכסניה פאַר פּראָווינצער יידן, דערפרעגט צו אַ געהיימער „יאַווקע״, אויף די נאַלעווקעס, ערגעץ אויף אַ דריטן הויף, צווישן געוועלבלעך און ווערקשטעלן — אַ דורכגאַנג־הויף צו דער דזשיקע גאַס.

וואַרשע און לאָדזש זענען געווען ווי אַ תהום. מ׳האָט אין דער געדיכטעניש פון פאָלק געקענט פאַרלוירן גיין אויף אַ שטיקל צייט פאַר אַ נישטערנדיק פּאָליציייאיש אויג. אין די קאַוויאַרניעס, טראַקטירן אויף גענשע זענען זיך צוזאַמענגעקומען די אַק־טיווע טוער, נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן. אויף דער מילע, מוראַנאָוו, סטאַווקע זענען געווען די בערזעס פאַר באַזונדערע פּאַכן. אין אַ שבת־טאָג האָט מען דאָרט פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, אָפּגעשטעקט זיי זייטיק.

„גיין אין פאָלק אַריין, איז נישט קיין פּראָזע״... — האָט ליפּע געלאָזן פאַלן דורך די פאַרפּרעסטע ציין. זי האָט באַוווּנדערט זיין עקשנות, זיין טיפן גלויבן, און האָט זיך געלאָזן פירן פון אים. די ענערגישע חברטע זשעניע, וואָס איז איצט געווען דאָס האַרץ פון וואַרשעווער קאָמיטעט, די „מאַמע״, ווי מ׳האָט זי גערופן, האָט טייבעטשקען שוין באַזאָרגט מיט אַ מלינה. אין אַ גאָרן־שטיבל, אויף קופּיעצקע־געסל, האָט זי זיך אויפ־געהאַלטן מיט נאָך אַ חברטע, וואָס האָט געאַרבעט אין פּאָליאַקעוויטשעס פּאַפּיראָסן־פאַבריק. אין אַן איינגעצויגן מענטעלע, די אונטערגעשניטענע האָר אונטערן טיכל, איז טייבעטשקע אויך מיטגעגאַנגען אין דער פאַבריק, האָט זיך אויסגעמישט מיט די פאַבריק־מיידלעך. ליפּען האָט זי די גאַנצע וואָך נישט געזען. זי האָט געשעמט זיך מודה צו זיין, אַז זי בענקט; זי האָט אַפילו נישט באַדאַרפט צו וויסן, ווו ער האַלט זיך ערגעץ אויף. ער האָט סיי ווי נישט גענעכטיקט דאָרט, ווו ער האָט געטאָגט; ווייל ס׳האָבן זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן שיטן אַרעסטן, דורכפאַלן.

— די טורמעס — איז חברטע זשעניע, די פאַרבינדלערין פון צ. ק. געקומען און דערציילט מיט אַ סך זאָרג — זענען איבערגעפּאַקט. חברים הונגערן. נישטאָ ווער ס׳זאָל עפּעס אַריינבאַזאָרגן. ס׳איז, מיט איין וואָרט, ביטער אונדזער לאַגע...

ביי טייבעטשקען אין גאָרן־שטיבל, אויף דער קופּיעצקע, פאַרשטעקט אונטערן דאַך, דאָרט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ לאַגער פון מלבושים, פון וועש. אַלע שבת אין דער פרי זענען חברטעס אַוועק מיט „וואַלוווקעס״ צו די תפיסות, אין ציטאַדעל, אין פּאַוויאַק, אין מאָקאָטאָוו. אָבער דאָס מאָל איז חברטע זשעניע שבת נאָך מיטאָג געקומען איינרוימען טייבעטשקען, זי זאָל זיך אַרויפכאַפּן, טאַקע אין זעלבן געסל, אַ פּאָר טויערן ווייטער. אַ קרומע, פינצטערע טרעפּ, האַלב־חדר, האַלב־שולע. דאָרט האָט זי אומגעריכט געטראָפן ליפּען. בלייך, נערוועז, אָבער ס׳האָט געשיינט אין זיין בליק אַ נישט־ערדיש ליכט, ווען ער האָט שטיל אַ פליסטער געטון : „וועסט באַלד זען פּרצן״.

אַ געקליבענער עולם. אויפן ווונק האָט מען זיך איבערגעגעבן, דורך חברים, צעשטעלט אין געסל. אין זיין פּעלערינע, אין יעגער־קאַפּעלושל, די וואָנסן צעקעמט, איז פּרץ יעדן שבת געקומען אַהער לייענען „אַ פּרשה חומש״. ס׳איז אָבער נישט גע־ווען סתם — די פּרשה פון דער וואָך. ער איז אויסגעוואַקסן דורך אַ זייטיקער טיר, געזעצט זיך ביים טישל, מיטן גלעקל, מיט דער קאַראַפקע וואַסער. ער האָט אָנגעהויבן שטיל, געערדט צום עולם, פונאַנדערגעזעצט אויף די נידעריקע שול־בענק, ביז די

אויגן האָבן זיך ביי אים צעגליט. ער האָט לעבעדיק געמאָלן דאָס אוראַלטע לעבן פון די נאַמאַדן־שבטים. ס׳האָט אַ שמעק געטון מיט ביבלישן סטעפּ. דער ענגער חדר איז פול געוואָרן מיטן דופט פון ווייטן אַמאָל. אַלע האָבן זיי דאָ געציטערט פּרץ זאָל אַמאָל נישט „אַדורכפאַלן״. אָבער אים, פּרצן, האָט עס מאָדנע געצויגן צו אָט דער יונגער, באַגייסטערטער חבֿרה, יידישע אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, נייטערקעס.

ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגעקערט פון די מאָנטיקדיקע סאַלאָן־אויפנאַ־מעס ביי נחום סאָקאָלאָוון אין הויז. דאָרט זענען זיך צונויפגעקומען די האַלב־אַסימי־לירטע אינטעליגענץ, ווייט פון פאָלק און פון זיינע אינטערעסן.

מ׳האָט קיין ליכט נישט אָנגעצונדן אין ענגן חדר אויף קופּיעצקע געסל, ווען די ערשטע שטערן האָבן אויפגעלויכטן אויפן שמאָלן פּאַס הימל. דער צוזאַמענגערוקטער עולם האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלומער, ווען פּרץ האָט פאַרענדיקט. טייבעטשקע האָט זיך געהאַט פאַרקליבן אין טיפסטן ווינקל, לעבן ליפען. זי האָט אים געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן, ליפען. און דאָ האָט חבֿרטע זשעניע זיי אַ פּליסטער געטון: „איך קוק אייך אָן... איר וועט ביי מיר זיין אַ פּאַסיק פּאָרפאָלק... מירן פּראַווען, כלומרשט, אַ תּנאָים, די פּאָליציי זאָל זיך נישט כאַפּן... — און זי האָט נאָך שטילער צוגעגעבן — פּרץ וועט דאָרט אויך זיין... ער וועט רעדן״...

ס׳איז געווען אַ היימישער פּורים־אָוונט, ערגעץ אין אַ פאַרשטעקטער דירה, אויף דער נאַוואָליפּקי. די טישן — באַלייגט פון כל טובֿ: ברויט, וווּרשט, ביר. דבֿי־קות, ליבשאַפט, יידישע פאָלקס־לידער. ס׳האָט געשוועבט אין דער לופט — „באָנטשע שווייג״, „די דריי נייטאָרינס״, „די יום־טובֿ־בלעטלעך״. אין „באָנטשע שווייג״ האָט מען אַריינגעלייגט אַ וועלט מיט געדאַנקען, אַ גאַנצע פילאָזאָפיע. באָנטשע האָט אָנגע־הויבן צו מאָנען עפּעס פאַר זיך, מער ווי אַ בולקע מיט פּוטער; פירן אַ קאַמף פאַר זיינע רעכט, אַלס אַרבעטער, אַלס בירגער, אַלס ייד. פון אָט די „נייטאָרינס״ זענען געקומען די יידישע טעכטער, וואָס זענען געגאַנגען אויף באַריקאַדן, האָבן געשמוגלט, אַרומגעוויקלט אַרום זייער לייב, „ליטעראַטור״, אויפרייס־באָמבעס, די יוגנט האָט זיך נאָך געראַנגלט מיט שטימונגען, צווישן אַסימילאַציע, סאָציאַליזם, ציוניזם. ישיבֿה־בחורים האָבן אָנגעהויבן „קאַליע״ צו ווערן, זייער וועלט — אונטערצוגייען.

אין די גרויסע, רוישיקע שטעט האָט מען זיי געקענט זען אַרומבלאָנקען זיך, די בלייכע יונגעלייט, אָרעם געקליידעט, מיט אַ בוך אונטערן אָרעם, דער בליק — פאַר־טראָגן. דאָס שטרעבן צו וויסן, צו בילדונג, האָט זיי פאַרטריבן פון דער בית מדרש־באַנק צו לאָזן זיך אין די גרויסע שטעט. זיי האָבן געזוכט עפּעס אַ תּיקון, נישט ווי די אַפּיקורסים פון דער השׂכּלה, וואָס זענען אַוועק פון יידישן לעבן. די פאַרוואָגלטע יונגעלייט האָבן געוואָרצלט טיף אין היסטאָרישן עבֿר, געזוכט די אייגענע שפּורן אין דער קולטור, אין פאַרבינדונג מיט דער אייראָפּעאישער. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף ביכער פון אַלגעמיינער בילדונג. ס׳גייט נישט סתם אין אַ דיפּלאָם. די פּאַרטיי־ריי־סערייען מאַכן זיי אומרואיק, זיי באַנעמען די תּורות פון די עקאָנאָמיקער, די ליטע־ראַטור פון ראָמאַנטיזם פאַרטראָגט אין אַנדערע עולמות; מ׳גיט העברעאישע „שטונדן״, מ׳איז אַן אָרעמער בוכהאַלטער, אָדער אַ קאָרעקטאָר. ביינאַכט, אין בוידעם־שטיבל, זיצט מען פאַרוועבט אין שאָפּענהויער, מאַרקס, ענגעלס, קאַנט, ניטשע, שפּענגלער. פאַרשטעקט אין די ענגע סובלאָקאַטאָרן־צימערלעך, דיספּוטירט מען מיט ברען וועגן בערנשטיין, קאַוטסקי, וועגן אַ מאמר פון אחד העם, אַ ניי בוך פון מאַקסים גאָרקי,

אָדער זשעראָמסקי. פאַרנעפּלטע אידייען, זייער ווייט פון עולם הזה. ספקות פּרעסן. זיי כאַפּן זיך, אַז אַזאַ לעבן איז נישט מער ווי אַן אויסגעדאַכטע וועלט; אָדער זיי קומען צום פּשוטן שכל הישר, אַז דער יחיד קען נישט לעבן אָן אַ נאַציאָנאַלן באָדן. פון איין וועלט אַוועק, צו דער אַנדערער — נישט דערגאַנגען. דער קאָפּ — אין די הימלען, די פיס טאָפּטשען אָבער אין דער היימישער יידישער בלאָטע פון דער אויפגערו־דערטער „יידישער גאַס".

אַז אַ נישט־יידישער יונגערמאַן הייבט אָן צוויפלען, קערט ער זיך אום צום פּוי־ער לערנען די פּראָסטע חכמה פון לעבן. ווו זאָל שעפּן א פאַרצווייפלטער יידישער יונגערמאַן מוט ? די יידישע אַרבעטערשאַפט איז נאָך יונג. אַן אַלטע מאָראַל און נייע באַגריפן. יעדע פּשוטע זאַך אַנאַליזירט מען, ביז נישט צום דערקענען. נאָך די פּאָג־ראָמען, ברענגען זיי „היסטאָרישע באַווייזן", אַז מיר האָבן בכלל נישט קיין עקזיס־טענץ־באַרעכטיקונג...

פּרץ האָט אַריינגעבראַכט אין זייער צעטרייסלטער וועלט דעם נעמיראָווער, דעם „אויב נישט נאָך העכער", צו וואָס פאַראַ מדרגה מענטשן־ליבע קען דערגיין. ס'האָט אַ בליאַסק געטון מיט אַ שלל ליכט; גבורים, וואָס ראַנגלען זיך מיט זייער גאָט, זיי ווילן קיין הבדלה נישט מאַכן, לאָזן דעם שבת נישט אַוועק. פּרץ האָט בונטאַריש גע־טרוימט אַראָפּצוגיין פון עולם הדמיון; געוועקט דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות.

אַזוי שטראַלנדיק איז געווען זיין בליק. און אומגעריכט האָט זיי דאָ אַלע אַרומ־גערינגלט פּרצן, געטאַנצט, אין העכסטער התלהבות:

אונדזער רבי'ניו, רבי'ניו, רבי'ניו,
אוי, אוי, רבי'ניו, רבי'ניו, רבי'ניו...

אָבער פאַרענדיקט האָט זיך די פּורים־פייערונג, די כלומרשטע תנאים — אין פּאַוויאַק. איידער וואָס־ווען, איז דער הויף שוין געווען אַרומגעשטעלט מיט זשאַנ־דאַרמען. ליפּע איז געווען בלייך, אָבער נישט צעטראָגן. מ'האָט אים שוין אַרומגעזוכט אין וואַרשע, נאָכן דורכפאַל פון דער אומלעגאַלער „אַרבעטער־שטימע"; כאָטש זיין בייעם פּסעוודאָנים האָבן זיי נאָך נישט געקענט. טייבעטשקע האָט אַוועקגעוואָרפן דעם שליסל פון איר צימער אין שניי אַריין. זי איז געווען מאָדנע רואיק, ווען ליפּע איז געשפּרונגען פון אַ פענצטער איבערן דעכל פון הויף. אין 5־טן צירקל האָבן די חברים, וואָס זענען געזעסן איבערן ווענטל, אָנגעקלאַפּט. זיי האָבן געוואָלט וויסן צי טייבעטש־קע איז אויך דאָ. „חברטע טייבעטשקע — האָבן זיי איר פאַרשטיקט געלאָזט וויסן — חבר ליפּע האָט זיך גליקלעך אַפּגעטראָגן... איר זאָלט וויסן ווי זיך צו האַלטן... טאָמער נישט, גייען מיר אַלע קיין סיביר"... מ'האָט זיי גערופן צו דער אויספאָרשונג, צו פּאָל־קאָווניק יעגאָראָוו, אַ באַקאַנטער רוצח. ער האָט געשריגן, געטופּעט מיט די פיס, גע־שלאָגן. אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט ער זיי געהאַלטן, ביז מ'האָט זיי איבערגעפירט אין פּאַוויאַק.

ערשט אין אַ וואָכן זעקס אַרום האָט מען טייבעטשקען אַרויסגעלאָזן אויף דער פרייַ. זי איז געווען בלייך, אָבער שמייכלענדיק. פאַרן תפיסה־טויער האָבן זי שוין די חברה אָפּגעוואַרט.

— וווהין ווילסטו גיין שלאָפן ? — האָבן זיי אומרואיק געפרעגט ביי איר.

— וואָס הייסט וווהין ? צו מיר, אויף דער קופּיעצקע.

— ווילסט גיין אויף קאַטאָרגע ? — האָבן זיי זיך אַזש אָנגעכאַפּט ביי די קעפּ.

און זיי האָבן גענומען און אַוועקגעפירט זי אויף דער אַטוואָצקער „ליניע". עט־לעכע טעג אַז זי דאָרט פאַרבליבן. אַרום איז געווען — פרילינג, סאָסנעס. אָבער זי האָט דאָרט נישט געקענט איינזיצן. חברטע זשעניע האָט זיך אומגעריכט ווידער אַראָפּגעיאַוועט, ווי געווייינלעך, איינגעהילט אין איר פאַטשיילע, ווי אַ היימישע מומע, געברענגט איר אַ פּאָר ווערטער פון ליפען. זי האָט טייבעטשקען באַרואיקט, אַז זי קען זיך צווישן טאָג און נאַכט אַרויסכאַפּן אויף קופּיעצקע, אַראָפּנעמען פון דאָרט די זאַכן, כאָטש די פּאָליציי האָט די טיר אויפגעבראָכן.

ס׳זענען געשטאַנען די וווּנדערלעכע פרילינג־טעג, ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זענען געגאַנ־גען פון איין אסיפה צו דער צווייטער. אין זאַל פון דער קהלה, אויף גזשיבאָווסקי, האָט גע׳רעשט פון עולם. אַ גרופּע בונדיסטן, מיט ליפען בראש, האָט זיך דורכגעריסן, גע־פּאָדערט מ׳זאָל „געבן אַ וואָרט די פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט". פּרץ איז געשטאַנען דערביי. די וואָנסן אָנגעשפּיצט, די אויגן אין פלאַמען; און ליפע האָט זיך אַ סך שפּעטער געכאַפּט — ער האָט אפשר דעמאָלט דערזען די וויזיע פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", דעם געראַנגל פון אידייען אויף אונדזער אויפגעוואַכטער יידי־שער גאַס. ס׳האַרץ האָט פּרצן שטאַרק געצויגן צו די, וואָס ראַנגלען זיך פאַר אַ נייער וועלט.

קאַפּיטל צוואַנציק

שבת־פרימאָרגן אין זאַקסישן גאָרטן

אַלע מאָל, אין לויטערן שבתדיקן פרימאָרגן, אין די לינדע, מחיהדיקע פסח־טעג, ווען דער באַוווּסטער משורר יצחק לייבוש פּרץ איז פריי פון וואָכעדיקע זאָרגן, פון וואָכעדיקן גערודער, וואָס שטייט פון זונטיק אין דער פרי ביז פרייטיק פאַר ליכט־צינדן אין דער יידישער גמינע אויף גזשיבאָווסקי, ווההין ער איילט יעדן פרי־מאָרגן — טרייבט עס אים, נאָך פריער ווי געווייינלעך, פון בעט אַראָפּ. ער שלייכט זיך אין די שטעק־לאַטשן דורכן טונקעלן שלאָף־חדר, אויף די שפּיצן פינגער, נישט איבערצוּוועקן העלענען, ביז זיין שרייב־צימער.

דורך די שפּאַרעס פון די געדיכט־אַרונטערגעלאָזענע פאָרהאַנגען רייסן זיך דורך ליכטיקע פלעקן אין אַ ווינקל סופיט. און ס׳טוט אים מיט אַ מאָל עפּעס אַ ברי. ער שאַרט אָפּ אין אַ זייט פון ברייטן, מאַסיוון טיש די בייגעלעך פּאַפּיר, איבער וועלכע ער האָט זיך נעכטן, ביז שפּעט אין אָוונט, געבלענדט די אויגן. רוקט אָפּ דעם שטויס ביכער, ער פאַרשאַרט די פאָרהאַנגען און שפּאַרט ברייט אויף דאָס פענצטער. דער דופט פון אַ מאַיאָווע פרילינג־פרימאָרגן רייסט זיך אַריין פון דרויסן. שפּערלען און וואָראָבייען צווירקען אונטער די אַלטע וואַרשעווער דעכער. די צעגלאַנע גאַס שלאָפט

נאָך איר מנוחהדיקן, ערלעך־פאַרדינטן שלאָף פון פרייטיק־צו־נאַכטס, נאָך אַ וואָך שווערער מי. ער טוט אַ קעם די היפּשע וואָנסן, באַדעקט מיט אַ יונגן פראָסט, וואַרפט אַ שנעלן בליק איבער די בייגעלעך פּאַפּיר, באַדעקט מיט זיין פּערלדיקן כתב, און שאַרט זיי אָפּ אין אַ זייט. ס׳געפעלט אים נישט מער.

הינטער זיינע פענצטער רוישט דער גזשיבאָוו, ס׳רוישן די יידישע גאַסן מיט זייער, יונגע אידייען ! און ער פאַרנעמט זיך גאָר — ווייזט זיך אים אויס — מיט בטלנותדיקע, משכילישע חיבורים וועגן גלגולים, פאַרבלאָנדזשעטע נשמות און גוטע־יידן. צו וועמען רעדט ער ? וועמען וויל ער דאָ באַווירקן מיט זיין סימבאָליזם, מיט זיינע חסידישע מעשיות ? איז ער דאָך דערפאַר אַוועק פון העברעאיש, ווייל ער האָט נישט געקענט צעשפּרייטן זיינע פליגל, האָט נישט געהאַט דעם באַוווסטזיין פון ווירקן און באַווירקט צו ווערן, ווי אין לשון פון פאָלק. דאָ האָט ער אַנטדעקט זיין אייגענע וועלט. די זאַמאָשטשער לעגענדע האָט זיך געוועבט, אַרומגעכאַפּט אומענדלעכע רוימען. זאַמאָשטש האָט געלעבט אין אים — די פאָלקס־ווערטלעך, די לידער; יעדער שמועס האָט געהאַט דעם נאַטירלעכן טעם פון יידישן קלאַנג, קאָלירן, זיפצן, שפּרוכן, געלעכטער, אַ ביסל אויסגעאיידלטער צווייפל. יידן האָבן געצויגן חיונה פון מלמדות, אַנדער האָבן סתם קיין פּרנסה נישט געהאַט. אַ שטאָט פון פּקחותדיקע יידן, וואָס שיטן מיט גראַמען, וויצן, גלייכווערטלעך. ס׳האָט געבלאָזן דער לינדער ווינט פון דער אויפלעבונג־תקופה. אַ זון פון יענע אַלטע פילאָזאָפן, איז ער געווען דער סכום פון אַן אָפּגעשלאָסענער עפּאָכע, ביז די געטאָ־טויערן האָבן זיך אויפגעבראָכן.

און דאָ ציטערט ער אַליין, אַז די מאַסע פאַרשטייט אים נישט. טאָ פאַר וועמען פאָרט שרייב איך ? צי איז דען אַ צייט פאַר ראָמאַנטיק, ווען אין די פינצטערע ציטאַדעל־צעלן צעטרעטן סקאַלאָנס זשאַנדאַרמען די יונגע שפּראָצן, די הייסע שטרעבונגען פון דער דערשטיקטער יידישער יוגנט ? די רוישיקע „יידישע גאַס" ציט אים מיט אַ גרויסער בענקשאַפט. צווישן דעם יונגוואַרג, די באַלמעלאָכעס, די נייטערקעס, די שטרייקערס, די מורדי במלכות, פילט ער, לעבט די גרויסע נשמה יתירה פון פאָלק. ווי אַזוי געווינט מען אָבער זייער צוטרוי, זיי זאָלן נישט אַרויפקוקן צו אים, ווי צו אַן „אינטעליגענט מיט שטייפע, ווייסע מאַנזשעטן ?"...

ער ציט שנעל אַרויף די פעלערינע, טוט אַ וואָרף דאָס גרינע קאַפּעלושל אויפן געדיכטן קאָפּ מיט די גרויע פּאַסמעס. פאַרבייגייענדיק דעם שאַפע־שפּיגל, טוט ער אַ בערשטל די וואָנסן און לאָזט זיך אַראָפּ מיט די טרעפּ, מיט אַ יונגן גאַנג. די שבת־פרימאָרגנדיקע צעגלאַנצטע גאַס וועקט זיך. יידן מיט טליתים־זעקלעך אונטערן אָרעם, פירן ביי דער האַנט ייִנגלעך מיט פּיאותלעך, גייען דאָ באַלד, אין נאָזשיקס שול אַריין, איילן צו די אַרומיקע חסידים־שטיבלעך. די סטרוזשעס מיט די גלאַנציקע דאַשיקעס, פאַרקערן שוין פאַר די טויערן. נישט קיין פּלייצע־טרעגער, נישט קיין האַנט־וועגעלעך, נישט קיין קוילן־פורגאָנעס, פאַרטומלען די גאַס. הייליקע, אָרעמע, שבתדיקע יידישע מנוחה. אָבער עפּעס איז פאָרט קראַנק אין יידישן לעבן. מען מוז זיך איילן. ס׳יונגוואַרג, פילט ער בחוש, זוכט, ראַנגלט זיך, גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַפילו — קיין סיביר. דער אַלטער יידישער גאָט איז מיד. דאָס חסידות — אויך. דאָס דערהויבנסטע דעגענערירט. עס פאַרענטפערט נישט מער די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מחלות און אַספּיראַציעס. וואָס איז מער אחוזה — ציוניזם... בונד... אַסימילאַציע... ווו איז דער אויסוועג ?

און ער שפּאַנט צו זיי מיט אַ יונגן טראַט, צום יידישן ברוויזנדיקן און פאַר־בענקטן יונגוואַרג. ער האָט זיי אַזוי פיל צו זאָגן. זיי טראָגן אָבער פאַרשלאָסן אַ גרויסן סוד צווישן זיך. זיי שווייגן פאַרביסן, מיט פאַרדאַכט. נישט אַזוי לייכט עפנט זיך דער סוד פאַר אַזאַ איינעם, וואָס שטייט אויסער „די געשלאָסענע רייען״.

אין זאַקסישן גאָרטן, צווישן די גראָד־צעשניטענע אַלייען, איינגעטונקען אין צע־בליטע קאַשטאַנען־וועלט, גאָענט צו „יענע״ גאַסן, איז אין שבתדיקן פרימאָרגן פול מיט יונגן געלעכטער. די יונגעלייט מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט אַ שיטערן אויס־שפּראָץ אויף די באַקן, מיט פּאַפּירענע „הערצלעך״, מיט קליינע חסידישע היטעלעך איבער די אויגן, וואָס ברענען; פּריילינס מיט זאָנטיקעס. זיי שפּאַצירן הין און צוריק אין די אַלייען, זאַמלען זיך אַרום די בענק. פּרץ שוועבט פאַרביי, אין זיין פּעלערינע, דאָס קאַפּעלושל מיט דער פעדער — איבערן הויכן שטערן. ער גריסט זיי, שמייכלט צו זיי פאָטערלעך. זיי קוקן אים נאָך מיט גרויס דרך ארץ און וואַגן נישט באַלד צו־צוגייען. זיי ווייסן, אַז דאָס איז י. ל. פּרץ, וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס ביכל „באָנטשע שווייג״; ער רעדט מיט אַזוי פיל פלאַם אין די פּרייטיק־צונאַכטסן אין „הזמיר״. די בראָשורן, די „יום־טוב־בלעטלעך״, וואָס ער גיט אַרויס, גייען פון האַנט צו האַנט. מען לייענט זיי אויף די „קרייזן״, אויף די „סכאָדקעס״ הינטער דער שטאָט, אין די וועלדער, פאַרבאָרגן פון אַ פּאָליציייאיש אויג. מען טייטשט אין זיי אַריין; זיי עפענען די אויגן צו דער וועלט.

ס׳איז געווען עפּעס אַ פּלואיד, וואָס האָט געפּלאָטערט צווישן פּרצן און דעם יונג־וואַרג. ער אַליין איז שוין אַלץ וויניקער געקומען אין „גן עדן פון השכלה״, אין קראַ־שינסקיס גאָרטן, אין האַרץ פון דער יידישער געגנט, וווּ מ׳האָט זיך געקליבן אין געדיכטע געזעמלעך. דאָרט זענען זיי אויך אַ ביסל „געכאַפּט״, שמועסן פון אַפּי־קורסות, רעדן מיט מליצה, אַ ביסל דייטשמעריש, פון שילער, היינע. אַ מוכר־ספרימ־ניק, אַליין אַ שטיקל מחבר; יונגעלייט מיט אויסגעריבענע אַרבל; זיי זוכן לעקציעס. צווישן אָט דעם משכילישן עולם, העברעאישע פּובליציסטן, איז אין די יאָרן געווען אַ נייגונג צו ניטשעס פילאָזאָפיע, צו זיין תורה פון „איבער־מענטש״. מ׳האָט אַריינ־געטייטשט; ווי דער אָפּגעשוואַכטער יידישער גוף וואָלט געבענקט נאָך כוח. לויט זיי איז אויסגעקומען, אַז מען דאַרף אַריינברענגען אין יהדות, אין יידישן געדאַנק, אַ נייע שיטה. ס׳הייסט, מ׳זאָל אויפגעבן די אַלטע באַגריפן, אַז דאָס לעבן פונעם מענטש איז געבויט נאָר אויף דער מאַכט פון יושר, צדק, רחמנות, נאָר להיפוך — דער תכלית איז צו דערוווערבן וואָס מער מאַטעריעלע אינטערעסן, נישט נעמענדיק אין אַכט, אַז מען באַרויבט דערמיט דעם שוואַכערן. האָבן אָבער אַנדערע געטענהט, אַז צופּאַסן ניטשעס תורה צו יהדות, איז פאַלש. וואָס הייסט עס — דער „אויבער־מענטש״ זאָל שטיין העכער איבערן כלל־מענטש, וואָס מעג זיין נידעריק און שפלדיק, און נאָר דער „האדם העליון״ וועט זיך אויפהייבן גייסטיק; און די איבעריקע צו וואָס זענען באַשאַפן — נאָר אים צו באַדינען ?

— העם העליון !... — האָט זיך דאָרט געקאָכט אַ באַברילטער יונגערמאַן מיט אָפּגעטראָטענע שיך — דאָס איז די אינעווייניקסטע שיינקייט, קעגן שקר, רשעות... האדם העליון איז די רויע קראַפט, אָבער אָן דער מאָראַל. דאָס גרויזאַמע, געבויט אויף כוח, איז פרעמד דעם רוח היהדות, וואָס איז אין אַלע דורות אַ פּראָטעסט קעגן כוח

און ממשלה, נישט געוועלטיקן איבערן צווייטן, די וועלט זאָל זיך פירן לויט די פרינ־ציפּן פון צדק, פאַר אַלע גלייך...

— טע, טע, טע, יונגערמאַן, דאָס איז דאָך שוין באַלד, איר זאָלט מיר מוחל זיין, ווי רופן זיי עס... סאָציאַליזמוס... — האָט דאָרט איינער שאַרף אָוועקגעמאַכט מיטן אויסגעריבענעם עלנבויגן.

ס׳איז געווען די שעה פון רחמים, ערב זון־אונטערגאַנג. דער טאָג שטאַרבט מיט אַ מיתה נשיקה. אין דער צייט, ווען אַרום גאָרטן, אויף דער שוו. יערסקע, אויף די נאַלעווקעס, אַרום אַלע טירן און טויערן, שמייען פאַרדאגהטע יידן, זוכן, נעבעך, אַ גראָשן פּרנסה.

ער כאַפּט זיך נאָך טייל מאָל אַריין אין אַ ספרים־געוועלבל אויף די נאַלעווקעס. ס׳קומען אַהין אַריין משכילים, משוררים. פּרצן טרייבט עס אָבער פון דאָרט אויך. ער לאָזט זיי איבער און שלייכט זיך אַוועק צום קליינעם, פאַרשטעקטן רעסטאָראַן. דאָרט קלייבט זיך אַ גאַנץ אַנדער עולם. מען היט זיך פאַר אַ זייטיקן. ער פּילט זיך אָבער גוט צווישן די באַלמעלאָכעס. זיי קומען אַריין, כאַפּן זייטיק אַן אומרואיקן בליק, שאַרן זיך אַריין אין הינטערשטן שטיבל. זיי וואַרפן זיך נישט צו פיל אין די אויגן, די לייט. ער דערקענט זיי שוין לויט זייער פאַרזיכטיקן אַרומקוקן זיך. ס׳איז אין די טעג פון גרויסן שטרייק ביי די קאָמאַשנמאַכער. די קליינע פאַבריקלעך פּוסטעווען. די יונגעלייט, מיט די שטעקעלעך, דרייען זיך אויף דער „בערזע״. צווישן זיי, פּילט פּרץ, ציען זיך די וואָרצלען פון פּראָסטן יידיש — קלאַנגען, קאָלירן, שפּרוכן, פאַרשטיקטע רייד, אַרבעטער־לידער.

— מיר זענען נישט קיין בני־יחידים ביים רבונו של עולם... — טענהן זיי, די שאַרפע משכילים, די חובבי ציון — פאַראַן נאָך אַנדערע יידן, צעוואָרפן איבער די תפוצות, מיט פאַרשיידענע לשונות, אָדער „יידישן״ אין זייער מויל...

— די דאָזיקע שפּראַכן פאַרמאָגן אָבער נישט די צניעותדיקע שיינקייט, זיי זענען גיכער פון אַ לאָקאַלן קאָלאָריט. וואָס פאַראַ נשמה האָבן זיי דען אַריינגעלייגט אין די לשונות ?

ס׳האָט אים ווי געטון, ווען אַ פאַרדייטשישטער, אָדער פּאָלאָניזירטער ייד, האָט גערעדט מיט ביטול וועגן „פּאָלקס־זשאַרגאָן״.

— מיין יידיש איז נישט בלויז קיין זאַמאָשטשער, מיט אירע מערק און געסלעך. ער איז אויך דער עלעמענט פון גרויס־פּוילן, פון ליטע, פון וואָלין, מיטן ריח־התורה, באַווירצט און באַ׳טעמט, און גייט מיר נאָך פון מיין טאַטנס הויז, פון די אַלטע און נייע בתי מדרשים, פון די בעלי עגלות און וויל־לערנער, פון די ישובניקעס און בית מדרש־יידן, פון די געזעלן און נייטערקעס.

אָבער דאָס פּשוטע וואָרט — בלייבט סוד. ווייט פון די חסידישע יידן, האָט גע־געלעבט אין אים אַ חסידישער גלגול — געפיל, השתפכות הנפש, שטענדיקער ציטער, פּראָטעסט צו אַלץ, וואָס איז פאַרעלטערט. ער האָט דערזען דאָס חסידות גיכער דורך דער וועלט פון שפּירונגען, קלאַנגען; דער ניגון, אַן ווערטער, דער פליגל־געפּאַך, דער בת־קול־ברום.

וואָס פאַראַ צוריקגעפונענע וואַרעמקייט ס׳האָט געקוועלט פון די אָנגעצונדענע בליקן ביי די געזעלן און נייטערקעס אין מחיהדיקן שבת־פרימאָרגן אין זאַקסישן גאָרטן.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

איבער געגנבעטע גרענעצן

די טיפֿע וווּנד, וואָס דער רוסישער „אָכראַנע"־אָפֿיציר זובאַטאָוו — די „זובאַטאָוושטשינע" — האָט אָנגעמאַכט אין דער „באַוועגונג", אויף די געדיכטע אַרבעטער־בירזשעס פֿון מינסקער „טאָלק", צווישן די „עקאָנאָמיסטן", בונדיסטן, טעריטאָריאַליסטן, עסערן — האָט זיך לאַנגזאַם געגומען פֿאַרהיילן. די פּאַרפּירטע, די שוואַכע, זענען אָפּגעפֿאַלן. כמעט איבער נאַכט האָבן געזונטע, פֿרישע כּוחות ווידער געשפּאַרט פֿון אונטער דער ערד. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט זיך טיף פֿאַרוואָרצלט אין דער יידישער אָרעמקייט, דער עיקר אין די מקומות, וווּ ס׳האָט געקלאַפּט די קליינע אינדוסטריע. אָבער די אינערלעכע דיסקוסיעס אין דער „באַוועגונג" האָבן ליפּען שווער געמאַכט דאָס האַרץ. די פּ. פּ. ס. , ווידער, האָט פֿאַרגעסן, אַז אַ חוץ פּאָליאַקן, איז אויך פֿאַראַן אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט. לויט זיי, זענען די יידן געווען אַ צעשטויבטע מאַסע פֿון קליינהענדלערישער פּסיכאָלאָגיע, אַבערגלויבעריש, רעאַקציאָנער. זיי האָבן איגנאָרירט די יידישע אַרבעטער. אין „פּשעדשוויט" איז אַפֿילו געווען אַ נישט־פֿאַרמאַסקירטער סטראַשונעק, אַז אויב די פּוילישע יידן וועלן נישט זיין נייטראַל אין קאַמף פֿון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן קעגן דער רוסישער אַליינהערשאַפֿט, קען עס אַרויסרופֿן אַנטיסעמיטיזם, פּאָגראָמען... בפֿרט, אַז די יידן פֿאַרנעמען אַזאַ אָנגעזועען אָרט אין דער עקאָנאָמיע פֿון לאַנד.

ס׳איז טאַקע אין יענע יאָרן געווען אַ גרויסער אָנגעלויף פֿון יידן קיין וואַרשע, קיין לאָדזש. די „אינוואַזיע פֿון די רוסישע יידן און ליטוואַקעס" האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן גירוש מאָסקווע. ס׳איז געווען אַ קליינע, שטילע פֿאָלקס־וואַנדערונג פֿון יידן, פֿרעמד אין זייער לשון און קולטור, אין זייערע פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע סימפּאַטיעס. זיי זענען אַריינגעדרונגען אין דער אינדוסטריע, אין האַנדל, אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. די ליטוואַקעס האָבן זיך געכאָוועט אין דער רוסישער ליטעראַטור, אויף טאָלסטאָיס לערע. די וואַרשעווער אינטעליגענץ, פֿאַרקערט, איז געווען פּויליש אַסימילירט, פֿאַרכאַפּט פֿון מעסיאַניזם פֿון מיצקעוויטש, פֿון סלאָוואַצקי. זיי האָבן פֿאַרגאָסן טרערן איבערן גורל פֿון פּוילישן פֿויערטום. די ליטוואַקעס האָבן אָנגעפֿילט די רוסישע טעאַטערס, די אָפּערע, וואָס האָבן גאַסטראָלירט אין וואַרשע.

אויך טייבעטשקע איז פֿאַרכאַפּט געווען פֿון באַזונדערן וואַרשעווער רייץ, פֿון דער איבערגעטריבענער עלעגאַנץ; די שלעסער, די פּאַרקן, די מאָנומענטן, די טעאַטערס „ווּיעלקי", „ראָזמאַיטאָשטשי", „לעטני"; די זונטיקדיקע סימפֿאָנישע קאָנצערטן אין „דאָלינאַ שווייצאַרסקאַ" אין די שיינע אויאַזדאָווער אַלייען.

די היים־שטאָט אויפֿן בוג איז שוין געווען אַזוי ווייט. אָבער אויך דאָ, אין רוסיש־פּוילן, האָט די ערד געברענט אונטער די פֿיס. די תּפֿיסות האָבן זיך אָנגעפֿילט. לאַנגע, אומעטיקע עטאַפּן־קאַראַוואַנען האָבן זיך געצויגן אויף די וועגן, קיין סיביר.

אין אָט דעם אומרואיקן זומער האָט ליפּע קאַמאַשנמאַכער, צוזאַמען מיט טייבעטש־קען, זיך אויך לסוף געלאָזן איבער די גרענעצן. זיי זענען דעלעגירט געוואָרן צום צוזאַמענפאָר, וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט פאַררופן אין דער שווייץ. ס׳איז געווען באַלד נאָך דער שטורמישער קאָנפערענץ פון דער אַל־רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין לאָנדאָן.

זי איז געווען אין אַ קורץ, אָפּגעטראָגן זשאַקעטל, שיך מיט הויכע כאַלעווקעס, צום פאַרשנורעווען, אַ טיכל אויפן קאָפּ, איז געווען אויסגעמישט מיט די פאַבריק־מיידלעך. אָבער צו דער געפערלעכער רייזע איבער געגנבעטע גרענעצן, האָט געטויגט זי זאָל צוריק ווערן די אָפּגעציטערטע קורסיסטקע, אין אַ לאַנג קרינאָלינע־קלייד, די האָר אין אַ הויכן גרעק, פאַרנומען מיט אַ חנודיק בענדעלע אונטערן ברייטן שטרוי־הוט. זי האָט צוריק אַ שיין געטון מיט דער געשמאַקער פרישקייט פון אַ באַ־לעבאַטישער טאָכטער. אויך ליפּע האָט זיך אַרומגעשוירן די וואָנסן, געלאָזן אַ דין וואָנסעלע, ווי אַ קוילן־שטריך, געטראָגן אַ האַרטן קראַגן, אַ שטעקעלע און הענטש־קעס. ער האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט, טייבעטשקען; זי איז נאָך אַלץ געווען ווי אַ פלאַטערל, אָבער די ליפּן — פאַרביסן. ער האָט זי פון דעסטוועגן פאַרזיכטיק, מיט אַלע קאָנספּיראַטיווע פּאָרטלען, אַרויסגעפירט פון די גדיכטע וואַרשעווער בירזשעס, מלינות, געפאָרן אין בײנאַכטיקע שלעפּנדיקע באַנען, צוזאַמען מיט יידישע געזינדלעך, וואָס האָבן זיך געשמוגלט איבער דער גרענעץ, אויפן וועג קיין אַמעריקע. דורך די גרענעץ־פּונקטן אין רוסיש־פּוילן, האָבן זיי די וועגן דערנאָך שוין געפירט איבער גאַליציע, איבער ווין, צו די קליינע, ציכטיקע אוניווערזיטעט־שטעט אין דער שווייץ.

געלאָזן האָבן זיי זיך דאָס מאָל איבער ראַדזיווילאָוו־בראָדי. ער האָט גאָר טיי־בעטשקען נישט אויסגעזאָגט דאָס אַלץ, וואָס האָט געדריקט אויף זיין געמיט. ער האָט מיטגעפירט אָפּגעריסענע שטימונגען, וואָס האָבן זיך ערשט באַדאַרפט אויס־לייטערן, אויסקלאָרן, איבערקאָכן, אונטערוואָרפן אַ שטרענגע קאָנטראָל פון וויסנ־שאַפטלעכן מאַרקסיסטישן אַנאַליז. די אַסימילאַטאָרישע שיטה פון דער „איסקראַ" האָט אַלץ מער אַרויסגערופן אַ ווייטן אומרו און אַ פאַרדאַכט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז נאַציאָנאַלע ענינים בכלל איז אַ בורזשואַזער באַגריף.

מיט די פאַלשע פּאַספּאָרטן, האָבן זיי געצויגן צו דער שווייץ, ווו עס האָבן גע־רוישט די סטודענטישע „קאָלאָניעס". דאָרטן, אויף די ליאַמעס, וועטשערינקעס און שטורמישע פאַרזאַמלונגען, אין די טאַווערנעס, זענען געבוירן, פאָרמולירט און אויס־געפּאַכטן געוואָרן די טעאָרעטישע פּראָגראַמען פון מאַרגנדיקע הערשער און דיקטאַ־טאָרן. ס׳איז בכלל אין דעם זומער, נאָכן 6־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, גע־ווען אַ גרויסער אָנגעלויף. זיי האָבן געוווּסט, אַז אויך אברהם, ר׳ יחיאלס עלטערער זון, באַדאַרף זיך דאָ צו געפינען.

פאַרפאָרן קיין זשענעווע זענען זיי גאַנץ פרי, לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט, ביז זיי האָבן זיך דערפרעגט צום קאַרוזש, צום אויסלענדישן קאָמיטעט. אין דער פאָרשטאָט, אַרום אָפּגעלעגענעם גרעניס־פּלאַץ, אין קוואַרטאַל קאַרוזש, האָבן זיך אויפגעהאַלטן די מערסטע פּאָליטישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד. אַרום טייכל אַרוו — וויסטע פּלע־צער, פאַרוואָרפן מיט געהילץ, קוילן־סקלאַדן, מעטאַל־גיסערייען, וועגענער־וואַר־שטאַטן, אייזן־ברוכוואַרג, שאָפּעס. ברייטע גאַסן, אַלטע, נידעריקע, געל־געפאַרבטע געביידן. אין די עטלעכע פאַרשטויבטע צימערלעך איז פול געווען מיט גערויש, מיט

אינטענסיווער אַרבעט. דאָ האָט געקלאַפּט דער פּולס פון אויסלענדישן קאָמיטעט — אַ קליינע דרוקעריי, די רעדאַקציע פון „וויעסטניק בונדאַ״, פון די „לעצטע פּאַ־סירונגען״, פון אַ פּוילישן זשורנאַל. די אַלע אויסגאַבן, געדרוקט אויף דינעם פּליס־פּאַפּיר, זענען אומלעגאַל אַריינגעשמוגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד דורך ווערזשבאָלאָווע, ביי דער פּרייסישער גרענעץ, אָדער דורך קראָקע.

ס׳איז געווען מוזיק אין זאַנפטן אַרויסרעדן דאָס וואָרט — „חבר״; דאָס גרויסע געפיל, די אחריות, די ברידערלעכקייט. אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן זיך צעקושט. מ׳האָט פאַרברענגט ביי אַ היימיש גלעזל טיי. ס׳איז גלייך געווען צו מערקן, אַז דאָ לעבן זיי באַשיידן, קאַרגלעך, פון דער אָרעמער פּאַרטיי־קאַסע. יעדער גראָשן איז הייליק. מען טאָר אים נישט אָנרירן. חבר אַלעקסאַנדער האָט, למשל, געפלעגט צו־שטעלן אַזאַ חשבון : העמדער וואַשן — 1 פראַנק, טיי מיט צוקער — 50 סענטים, ברויט — 30 סענטים. מער האָט מען זיך נישט דערלויבט. אַהער פלעגן זיך אַראָפּ־כאַפּן חברים פון רוסלאַנד, אָפּרוען זיך, נאָך יאָרן סיביר, תפיסות; אָנגעמען זיך מיט אַ ביסל בילדונג, וויסן. די נשמה פון דעם לאָקאַל איז אין יענעם יאָר געווען חבר אַלעקסאַנדער. זיינע ווייסע, איידעלע הענט האָבן לאַנג אונטערגעציטערט, ווען ער האָט ליפען און טייבעטשקען פאַראינטערעסירט אויסגעפרעגט זיך וועגן דעם, וועגן יענעם חבר, וואָס מען הערט אויף די „בירזשעס״ אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין מינסק, אין ביאַליסטאָק. ער איז שוין לאַנג געווען אָפּגעריסן פון דאָרט און האָט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך זיי.

— דאָ וועט איך אויסקומען צוצוהערן זיך צו די דיספּוטן, סיי מיט די ציוניסטן, סיי מיט די „איסקראָווצעס״... זיי דערזעען נישט קיינס, אַז די רעוואָלוציע וואַקסט אונדז אַריבער. זיי פּלפּולן זיך, און די רעוואָלוציע גייט דערווייל מיט זיבערע טריט פאָראויס...

— און אפשר וועט אין טעאָרעטישן קאַמף — האָט ליפע באַלד געוואָלט וויסן — אויך קלאָר ווערן דער גאַנג פון יידישן אַרבעטער...

— ס׳איז אמת — האָט חבר אַלעקסאַנדער געענוי פאַרשטאַנען וווהין ער צילט — טאַקע, צו וועמען צוהערן זיך ? זיי פאַרשוויגן די נאַציאָנאַלע פראַגע. דאָס איז נישט קיין צופעליקער פאַרזען. דאָס איז אַן אַלטע קרענק, פון וועלכער ס׳ליידט די ס. ד.־פּאַרטיי. דאָס שטויסט אָפּ די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון די אונטער־דריקטע נאַציעס אין רוסלאַנד. זיי געפינען נישט אין די טעאָרעטישע פאָרמולירונגען קיין שום ענטפער אויף די ברענענדיקע בויטן פון זייער אייגן לעבן.

און ער האָט מיט אַ זיפצל צוגעגעבן :

— אויפן 4־טן צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן, ווייסט איר דאָך, איז די ערשטע דיס־קוסיע ביי דער דערפעננונג געווען — אונדזערע פאָדערונגען פון אויטאָנאָמיע, אין די ראַמען פון דער ס. ד. דער בונד האָט געפאָדערט מ׳זאָל אים אָנערקענען אַלס פאַרשטייער פון יידישן אַרבעטער, אָנערקענען די רעכט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אין נאָמען פון דער „איסקראַ״ איז אַרויסגעטראָטן מאַרטאָוו, אַליין איי־נער פון די מיט־גרינדער פון בונד, און דווקא ער האָט שאַרף אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע עלעמענטאַרע פאָדערונגען, מיט כעס, מיט צאָרן...

— מיר דוכט זיך, אַז זיין אַטאַקע איז עפּעס פאַרדעכטיק — האָט ליפע זיך אָנ־גערופן — צי האָט ער נישט געוואָלט דערמיט פאַרווישן זיינע אייגענע „נאַציאָנאַ־

ליסטישע" און „סעפּאַראַטיסטישע" עבירות פון אַ מאָל, אין זיין ווילנער מאַי־רעדע, ווען ער האָט מיט אַזאַ איבערצייגנדיקער קראַפט, באַגרינדעט די נויטיקייט פון אַ באַזונדערער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע ?...

— פאַר יעדן פונקט האָט מען באַדאַרפט קעמפן, קעגן דער אַנטשיידנדיקער אָפּאָזיציע פון די „איסקראָווצעס". קאָנצעסיעס וואָלט געהייסן — דער אומקום פון בונד. „דער בונד — האָבן זיי געשריגן — וויל אַ מאָנאָפּאָל אויף די יידישע אַרבעטער"...

— כ'האָב געלייענט לענינס אַרטיקל „מאַקסימום אומפאַרשעמטקייט און מינימום לאָגיק". ער באַשולדיקט אונדז אין „עקאָנאָמיזם", אַז מיר דערקייקלען זיך צו רעפאָרמיזם. דאָס, וואָס דער בונד איז אַרויס מיט אַ מאַקסימאַלן און מינימאַלן סטאַטוט פאַר אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן איבערבוי פון דער פּאַרטיי, האַלט לענין פאַר — סוהרישע פראַקטיק. ער פרעגט מיט איראָניע, צי דעם בונד'ס אולטימאַטיווע פאָדערונגען זענען — „דער לעצטער פּרייז ?"... אַרויסשטעלן אַ געוואַלדיק־הויכן פּרייז, דערנאָך אַראָפּלאָזן גאַנצע 75 פּראָצענט... צי איז דען פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן מסחר און פּאָליטיק ?"...

— ס'איז אָבער נישט צו פאַרשטיין. דווקא די יידישע אַסימילירטע אינטעליגענץ אין די „איסקראַ"־קרייזן, זענען די פאַרביסנסטע קעגנער פון נאַציאָנאַלע יידישע לייזונגען. כ'וויל עס פאַרשטיין און קען נישט... כ'מיין מאַרטאָוון, לעוו דאַווידאָוויטשן און די אַנדערע. זיי דרייען זיך דאָ אַלע אַרום. זאָלסט הערן די אַרגומענטן זייערע...

מאַרטאָוו האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ קליינשטעטלדיקער מלמד, האָט זיך געפּשטלט, געדרייט מיטן פינגער. מ'ווייסט נישט פון וואַנען ס'האָט זיך צו דעם ייד דערנומען אַזאַ בלינדע פאַרביסנקייט קעגן די עלעמענטאַרע יידישע פאָדערונגען. ער האָט אָבער איבעראַשט מיט זיין חריפות, מיט זיינע טיפּיש־יידישע שטעכווערטלעך. זיינע גלות־אויגן האָבן זיך דערביי פאַרצויגן מיט אַ גרין פייערל פון אַ ייד קנאי. ער האָט געצוווּנגען צוצוהערן זיך. זיינע אַרגומענטן ! אַ קאַלטער קאָפּ, אייזערנע לאָגיק, רעאַל־פּאָליטישער שכל. ער באַווייזט אייך קלאָר, אַז יידן זענען נישט קיין נאַציע, די יידישע שפּראַך — אַ זשאַרגאָן, און אַז דער בונד זינקט טיף אין נאַציאָנאַליזם :

— די אידייע, חברים, וועגן אַ באַזונדער יידיש פאָלק האָט נישט קיין שום האַפּט. אַזאַ אידייע איז רעאַקציאָנער אין איר סאַמע פּאָליטישן תוך. אין גאַנץ אייראָפּע איז האַנט־אין־האַנט מיטן פאָלק, פון מיטלאַלטער אָן, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער פרייהייט, געגאַנגען די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע פון יידן. די יידן־פראַגע שטייט בפירוש אַזוי : אַסימילאַציע, אָדער אָפּגעזונדערטקייט. בפרט, אַז די אידייע וועגן אַ יידישער נאַציאָנאַליטעט איז סותר די אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט גופא...

לעוו דאַווידאָוויטש, ווידער, לויטן נאַציאָנאַלן פּאַספּאָרט — אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, אַ קאָסמאָפּאָליט, מיטן שפּיץ־בערדל, מיטן פינקל פון זיינע פּענסנע, איז אַרויסגעטרעטן נאָך שאַרפער. אָט די דעבאַטן זענען פאָרגעקומען באַלד נאָכן קישינעווער פּאָגראָם ! דווקא די נישט־יידן האָבן זיך צוערשט געהאַלטן ווי אין אַ זייט פון די הייסע דיסקוסיעס.

— דער בונד — האָט לעוו דאַווידאָוויטש געשטורעמט מיט זיין געווינלעכער

ביטערער איראָניע — שאַפט דערמיט אַ געפערלעכן פּרעצעדענט. אויב אַזוי, וועלן די פאַרשטייער פון אַלע פעלקערשאַפטן באַדאַרפן צו פאָדערן דאָס זעלבע...

— פאַר וואָס טאַקע נישט ?! — האָט מען אויפן לאַנדאָנער צוזאַמענפאָר געמאַכט צווישנרופן פון די בונדישע דעלעגאַטן־בענק — און זיי וועלן עס דערגרייכן אויך...

— וואָס זשע וועט זיך באַקומען ? עס וועט זיך באַקומען אַ לויזער פאַרבאַנד פון פּאַרטייען. וואָס שייך קולטורעלער אויטאָנאָמיע, ברענגט עס דעם זעלבן גייסט פון סעפּאַראַטיזם לגבי דער פּאַרטיי, מלוכה און נאַציע. דער סאָציאַליזם נעמט זיך אָבער פאַר אומצוּוואַרפן די באַריערעס צווישן ראַסן, רעליגיעס און נאַציאָנאַליטעטן...

— הלוואַי זאָל עס אמת זיין... — האָט עמעצער הויך, אויפן קול, געצווייפלט — ס׳וואָלט צו־שיין געווען...

לעוו דאַווידאָוויטש, פינקלענדיק מיט זיינע ברילעכלעך, האָט נישט אַנדערש, נאָר געוואָלט איינרעדן, אַז אַלע יידן אין רוסלאַנד רעדן און פאַרשטייען רוסיש. ער האָט עס אפנים גענומען דערפון, וואָס די סטודענטן אין דער שווייץ האָבן זיך צוביס־לעך געשעמט צו רעדן עפנטלעך יידיש, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי פאַרשטייען נישט אַ וואָרט. און די בונדישע טוער האָבן זיך אַלץ געהאַלטן ביי זייערן :

— אָט די אייזערנע וואָנט צו אַלץ, וואָס איז יידיש, מוז דורכגעבראָכן ווערן.

די אַלע יידן־אַפּשטאַמיקע זענען, מער ווי די רוסן, געווען „איראָפּייער״, לייכט אויפגעכאַפּט פרעמדע שפּראַכן. אָבער די רוסן גופא האָבן זיך אינטערעסירט בלויז מיט רוסישע ענינים. אָט די אַלע יידן־אַפּשטאַמיקע האָבן זיך געפילט אומעטום ביי זיך. זיי האָבן עס פאַר די איבעריקע אויפגעקלערט די ספּעציפיש־רוסישע פּראָבלע־מען, אָבער איגנאָרירט די ספּעציפיש־יידישע פּראָבלעמען. די ביאַליסטאָקער, די מינסקער בירזשעס, די טיף־פאַרוואָרצלטע „יידישע גאַס״, האָבן אָבער פאַרלאַנגט אַ באַלדיקע לייזונג.

טאַקע, מיט וואָס פאַרא צוזאָגן און האָפענונגען — האָט ליפע באַטראַכט ממש מיט פחד — וועלן איך דען קומען צו זיי ? ער האָט געפילט בחוש, אַז ביידע צדדים זענען ערגעץ ווו אומגערעכט, אַז סאָציאַליזם מוז זיך אויפהייבן איבער ביידע שטאַנד־פּונקטן, מעסטן דערשיינונגען מיט גאָר אַן אַנדערער מאָס. די ציוניסטן האָבן גע־טענהט — ווער ס׳איז נישט מיט אונדז, איז אַן אַסימילאַטאָר, די סאָציאַליסטן — ווער ס׳איז נישט מיט אונדז, איז אַ נאַציאָנאַליסט. עס מוז געפינען ווערן אַ דריטע שיטה. זי איז דאָ. זי שוועבט אין דער לופט.

פון אַלע זייטן איז די „באַוועגונג״ געשטורעמט געוואָרן. אָט איז אויפן 4־טן צוזאַמענפאָר פון פּ. פּ. ס. אָנגענומען געוואָרן אַ שאַרפע רעזאָלוציע, ס׳איז פאַקטיש אָפּגעפרעגט געוואָרן די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון בונד, די רעכט פון יידישע אַרבעטער צו האָבן זעלבשטענדיקע אויפגאַבן, אַז — „דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קען נאָר האָבן געמיינזאַמע צילן מיטן פּראָלעטאַריאַט פון פאָלק, צווישן וועלכן ער לעבט״; אַז די טעטיקייט פון בונד שטעלט זיך אָפּט אין אַ פיינטלעכער לאַגע צו דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז נישט סאָלידאַר אין קאַמף פאַר באַפרייען זיך פון רוסישן יאָך. די אומלעגאַלע „ראַבאָטניק״ און „פּשעדשוויט״ האָבן אַפילו באַשולדיקט דעם בונד אין רוסיפיקאַציע, אַז זיי שלעפּן זיך נאָך דער יידישער בורזשואַזיע; האָבן געדראָט, אַז דאָס וועט צווישן די פּוילישע אַרבעטער גורם זיין אַנטיסעמיטיזם... פּונקט ווי אַן דעם איז קיין אַנטיסעמיטיזם נישט בנמצא. דער צ. ק. פון בונד האָט

אויף דעם געענטפערט מיט אַ בראָשור : „די מלחמה פון פּ. פּ. ס. קעגן יידישן אַרבע־טער־בונד״.

אויפן צוזאַמענפּאָר פון דער „רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבע־טער־פּאַרטיי״ איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די באַזונדערע אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט פאָדערן אַ באַזונדערע יידישע אָרגאַניזאַציע; אַז די יידישע אַרבעטער ליידן פון אַ טאָפּלטן יאָך : די געזעצן, לויט וועלכע די בורזשואַזיע עקס־פּלואַטירט די אַרבעטער, און די ספּעציעלע געזעצן קעגן יידן. די יידישע אַרבעטער פעלט איינע פון די וויכטיקסטע אַטריבוטן, דורך וועלכע דער לוין־אַרבעטער שיידט זיך אונטער פון אַ שקלאַף : זיי פעלט דאָס רעכט פריי צו באַוועגן זיך, פריי צו וווינען אומעטום. מען נעמט זיי נישט צו אויף „קאַזיאָנע זאַוואָדן״, אין אייזנבאַן־ווערק־שטאַטן. צי איז די ר.ס.ד.א.פּ. (רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי), נישט אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע, בכוח צו פאַר־טיידיקן די ספּעציפישע אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער ? קלאָר, אַז ניין !

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

עס רוישן די רוסישע „קאָלאָניעס״

אָפּגערוט אַ ביסל פון לאַנגן, געפערלעכן וועג, איבער די געגנבעטע גרענעצן, האָבן ליפּע און טייבעטשקע אין אָוונט שפּאַצירט אונטער די ברייט־צעוואָקסענע פלאַטאַנען, צווישן די שטילע, אָפּגעלעגענע געסלעך אין דער פאַרשטאָט קאַרוזש. ס׳האָט זיך שוין געפילט אין דער לופט דער סוף־זומער, נישט אין גאַנצן ענלעך צום פריי־האַרבסט אין דער ווייטער היים. אַ מידע, פלאַמיקע זון האָט זיך געזעצט איבער דער לעמאַן־אָזיערע; מעוועס האָבן דורכגעשניטן דעם קלאָרן רוים; און זיי האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרבענקט נאָך די היימישע נידעריקע הייזלעך אויפן ברעג; דאָרט שטייען שוין איצט די ערב־ימים־נוראים־טעג. פון די הינטערגעסלעך דערטראָגט זיך אַ וויט שופר בלאָזן...

דאָס האָט דער חבר אַלעקסאַנדער זיי געפירט צום „שווייצער־בונד־זאַל״ פון דער „קאָלאָניע״. ס׳האָט פּלוצעם גענומען גיסן אַ רעגן. אונטער אַ שירעם זענען זיי דער־לאָפן אַהין, אַ שפּאַר געטון די טיר און אַ גרויסע וואַרעמקייט האָט זיי מיט אַ מאָל אַרומגענומען. אַ יום־טובדיקער עולם, סטודענטן, אַרבעטער, האָט אָנגעפילט די צוויי קליינע שטיבלעך. רויטע שלייפעלעך אין די קלאַפּעס. מען זינגט די „שבועה״. אַ סטודענט אין אַ העמדל דעקלאַמירט פון דער קליינער טריבונע ש. אַנ־סקי׳ס „אין זאַלציקן ים פון די מענטשלעכע טרערן״.

די רוסישע „קאָלאָניעס״ אין דער שווייץ האָבן גערוישט. דאָ, אין אָפּגעלעגענעם קוואַרטאַל, אין קאַרוש, האָט זיך ערגעץ אין אַ צימערל, ביים חבר יעפּים, אַ רוסיש־יידישער אינטעליגענט, אַן אַרבעטער, אויפגעהאַלטן אַ גאַנצע קאָמונע — חברטע

ווערא, פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו. וולאַדימיר איליטש פּלעגט פּלוצעם אַריינפּאַלן און פאַר־שווינדן פּונקט אַזוי פּלוצעם. פון דער ווייטער פאַרשיקונג אין סיביר איז אין יענעם יאָר אומגעריכט געקומען אַנצולויפן לעוו דאַווידאָוויטש; אַ פרייער גייסט, אַן אַנטי־דאָגמאַטיקער, האָבן אים נישט געבונדן מיט קיין שום פּאַרטיי־דאָגמען, און אַוודאי נישט — צו קאַנאָניזירן מענטשן. אים איז געגאַנגען אין גאַנצן און גרויסן — די רע־וואָלוציע. ער האָט געהאַלטן, אַז דער באַגריף פון קליינע נאַציעס איז פאַרעלטערט, במילא — גרענעצן, לענדער. ער האָט געוואָלט אַריבערשפּרינגען דורות, גלייך אין דער צוקונפט אַריין. וולאַדימיר איליטש, דער זאַכלעכער, דער קילער רוסישער אינ־טעלעקטואַל, האָט אים פּאָטערלעך געמוסרט; אָבער ס׳איז געווען צו מערקן, אַז אין אים, אין לעוו דאַווידאָוויטשן, האָט געברויזט אַ ווילדע, באַפרייטע ענערגיע. ער איז געווען צווישן זיי דער אינטערנאַציאָנאַליסט, אין שענסטן זין פון וואָרט. כאָטש אין זיינע ביטערע רייד און שכלדיקע אַרגומענטן, באַגרינדעט מיט אייזערנער לאָגיק, האָבן, אפשר אַליין נישט וויסנדיק, געקלונגען טענער פון דורותדיקן, דערשטיקטן האַס און פאַרשעמונג; ס׳איז געווען יידישער נביאישער גייסט אין זיינע פּלאַמיקע רע־דעס, אין זיינע אַרטיקלען, געשריבן אין אַ מייסטערהאַפטן, קלאָרן סטיל, אין פאַר־טיידיקונג פון אַלע אונטערדריקטע. דער חבר יעפים, מיט זיין ברייטער, צעשויבער־טער באָרד, איז גיכער ענלעך געווען צו אַ קליינשטעטלדיקן רב, ווי צו אַ רעוואָלו־ציאָנער, וואָס גייט איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ־אַראָפּ. ער האָט זיך שוין דאָ, נאָך די ערשטע ביטערע עמיגראַציע־יאָרן, ווי־נישט־איז געהאַט איינגעאָרדנט ביי אַ מלאכה, אין אַ מעטאַל־פאַבריק. ער האָט ברייט, פּאָטערלעך אויפגענומען די אַלע אַנ־געלאָפענע פּאָליטישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס זענען אָפט געקומען אָנקלאַפּן אין זיין טיר. ער האָט זיך געטיילט מיט זיי מיטן ביסן, מיט אַ בגד אויפן לייב. אפילו איליטש האָט אים געהאַלטן פאַר זיין אינספּיראַטאָר אין מאַרקסיזם, פאַר זיין רבין. די פאַרשטויבטע ברילן ביים חבר יעפים האָבן זיך אַלע ווילע אַראָפּגעגליטשט איבער דער ברייטער נאָז און באַקעט אָפּגעדעקט זיינע אויסגעשרויפטע, שטאַרק־קורצ־זיכטיקע אויגן; כאָטש זשאַן זשאָרעס, דער פראַנצויז, האָט זיך וועגן אים געהאַט אויס־געדריקט — „דער טיפּישסטער סלאַוו, וואָס כ׳האָב ווען עס איז געטראָפן"...

— י ע נ ע ר סלאַוו... — האָבן די יידן זיך שטאַרק געוויילט.

אַ סאָציאַליסט, אַ רעוואָלוציאָנער, אַן „איסקראָוויעץ". וועגן בונד האָט ער זיך געהאַט אויסגעדריקט : „אַזוי ווי די יידישע אַרבעטער, יידן בכלל, זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָט דער בונד די ספּעציעלע מיסיע צו ווערן דער פּיאָנערן־טרעגער פון אינטערנאַציאָנאַליזם". גערעדט און געשריבן האָט ער אויף עטלעכע שפּראַכן. פּלעכאַנאָוו האָט ביי אַ געלעגנהייט געמאַכט אַ וויץ וועגן חבר יעפים : „חבר יעפים רעדט אַ גוזמא שפּראַכן, אָבער אַלע — אויף יידיש"... אָבער ער אַליין, חבר יעפים, האָט זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי זיינס :

— מעגלעך, אַז דער ווילן פון די „איסקראָווצעס" צו צעמענטירן אין רוסלאַנד אַ פעסטע אָרגאַניזאַציע, אָפּרייניקן זי פון די אַלערליי ראָמאַנטישע אוטאָפּישע רע־וואָלוציאָנערן, „נאַראָדניקעס", אַנאַרכיסטן, רופט אַרויס אַזאַ שאַרפע קעגנערשאַפט צו אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע... דאָס, חברים, באַטראַכט איך נאָר — דאָס פאַרטונקלט אָבער אויף אַ האָר נישט די באַזונדערע יידישע פּראָבלעמען...

ווערא האָט אומגעדולדיק געשפּאַנט מיט ברייטע שפּרייזן איבערן צימערל אין אירע אָפּגעטראָגענע טופליעס. זי האָט נערוועז געדרייט אָרעמע סיגאַרעטלעך אין פּליס־פּאַפּיר, צוגלייך מיט די בערדיקע מאַנספּאַרשוינען, פּאַרצויגן דעם רויך טיף, וואַרפנדיק דאָס אַש, די אָפּגעריכערטע עקלעך, דורכן פענצטער, אויף דר׳ערד, אויפן טיש. דאָס אַש האָט זיך געשאָטן אויף איר בלוזע, אין דעם גלאָז טיי, אויף די געדיכט־פּאַרשריבענע בלעטלעך, פּאַרגראָבן דעם שויבערדיקן קאָפּ אין זיי. זי האָט גערעדט הייזעריקלעך, ס׳איז אָבער געווען מוזיק אין איר וואָרט, ווי זי וואָלט געוועז אַ שוישפּילערין און געשטאַנען אויף דער בינע. דער יונגער לעוו דאַווידאָוויטש האָט געקוקט אויף ווערען און אַלץ נישט געקענט זיך צוגלויבן, אַז דאָס איז זי טאַקע, די באַרימטע רעוואָלוציאָנערין, וואָס איר נאָמען איז לעגענדע. זיי האָבן דאָרט, אין רויך, אין דיסקוסיעס, געטרונקען פון צעבויגענעם סאַמאָוואַרל, צוגעביסן, ווי אין דער אַלטער היים, ברויט מיט ווורשט.

— דער קאָלבאַס — האָט ווערא געריימט — איז ביי זיי נישט קיין שלעכטער... נאָר ווי קומט ער צו אונדזער אמתן רוסישן קאַשע־ווורשט...

מאַרטאָוו האָט זיך קוים צוגערירט צו איר געריימטן קאָלבאַס, ווי ער וואָלט זיך אַלץ געמיאוסט צו עסן טרפות... ער האָט זיך נאָך דאָרט געבייזערט, געדרייט מיטן בלייכן פּויסטל, געוואָרפן די הענט, ווי אַ מגיד. ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגעקערט פון בונד, פון די יידישע „בירזשעס״, געגרינדעט צוזאַמען מיט וולאַדימיר איליטשן דעם „פּאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון אַרבעטער־קלאַס״. ער איז אָוועק נאָך אים אין גלות, געגרינדעט די „איסקרא״. אַ שאַרפער אַנאַליטיקער, ס׳גרינגע פּייערל אין זיינע גלות־אויגן, האָט ער געשאָטן פייער קעגן „אָפּאָרטוניזם״ פון חבר יעפים.

צווישן זיי אַלע איז וולאַדימיר איליטש געווען דער סאָלידער אָנשפּאַר; אַן אָרגאַניזאַטאָר, אַ ניכטערער מוח. ס׳איז אָבער נישט באַוווסט געווען וואָס הינטער זיין קלוגן שמייכל קען אַ מאָל שטעקן. מאַרטאָוו און ווערא האָבןביידע נאָך, אין גרונט, געהערט צום דור ראָמאַנטישע רעוואָלוציאָנערן, דער חבר יעפים אַריינגערעכנט. אין זיי האָבן געברויזט נישט אַזוי די טעאָרעטישע פּרינציפּן, ווי דער האַס צו דער מאָראַלישער דערנידערונג, סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. גרויסמוטיק, שיין, פּשוט, זענען זיי גיכער געווען — קינסטלער, באַהעמען. איליטש, פּאַרקערט, איז געווען אומראָמאַנטיש, אויף אַ האָר נישט סענטימענטאַל. אָבער פולשטענדיק אומראָמאַנטיש האָט מען נישט געקענט זיין, אין דער צייט, ווען די רעוואָלוציע גופא איז נאָך געווען מער אידייע, חלום, ווי וואָר. איליטש האָט דערשטיקט אין זיך דעם וויכן, איבערערדישן ראָמאַנטיזם, וואָס פּירט אין ערגעץ נישט. זיין ברודער, דער „נאַראָדניק״, איז געגאַנגען צו דער תליה פאַר זיינע אידייען; האָט איליטש דערפאַר געוווסט דעם טייערן פּרייז פון בלוט, וואָס מען באַצאָלט, ווען מען טרעט נישט פעסט און זיכער אויף דער ערד. ער האָט זיי דאָ אַלע צוריקגערופן צו דער רעאַליטעט, צו צוימען זיך, צו קאַלטבלוטיקייט, צוגעוווינען זיך צו פּרעציזע אַרבעט־מעטאָדן, צו שטרענגער זעלבסט־דיסיפּלין, צו שטודירן, דערגרונטעווען זיך ביז סאַמע תוך פון די פּראָבלעמען. ער האָט זיך זעלטן געוויזן צווישן די טומלדיקע גרופּן רוסישע עמיגראַנטן אין די טאַוערנעס. לויט אים האָט די דיסקוסיע באַדאַרפט זיין נאָר — אַ צוגרייטונג צו אַקציע. אין די אויגן פון לעוו דאַווידאָוויטשן האָט ער זיך צו ערשט אויסגעוויזן

צו טרוקן, פּונקט ווי דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער מאַרקסיזם, די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, דער מאַטעריאַליזם גופא. יאָרן האָבן געדאַרפט פאַרבייגיין, ביז ער האָט אַנטדעקט די גרויסקייט פון אָט דער פּראָזאַאישער פערזענלעכקייט, פּונקט ווי די שׂכלדיקע פּאָעזיע פון מאַרקסיזם.

אויך פּלעכאַנאָוו, פּונקט ווי ווערא, איז געווען פאַר לעוו דאַווידאָוויטשן איינער פון די לעגענדאַרע העלדן. ער האָט געלייענט זיינע טעאָרעטישע שריפטן אין די אומלעגאַלע אויסגאַבן, זיצנדיק פאַרוואָרפן אין ווייטן סיבירישן דאָרף; אַ פילאָזאָף, אַן אידעאָלאָג פון אַ נייער שולע, אַן אָראַטאָר, אַן עסטעט, קיל, שטאָלץ. אָבער ביים ערשטן צוזאַמענטרעף אין קליינעם, אָנגערויכערטן צימערל ביים חבר יעפּים, האָבן זיי זיך ביידע אָפּגעשטויסן, ווי צוויי פּאָליוסן; און דווקא אפשר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט אַזוי פיל געמיינזאַמס — שאַרפע פּאָלעמיקער, שאַרפע מוחות, מיט אַ ביסל טעאַטראַלער פּאָזע ביים אויפטרעטן פאַרן פּובליקום. פּלעכאַנאָוו — דער שטערן, וואָס האָט געהאַלטן אין אויסלעשן זיך, לעוו דאַווידאָוויטש — דער אויפגייענדיקער שטערן.

פּלעכאַנאָוו, אין שפּיץ פון דער „גרופּע פאַר באַפרייען די אַרבעט", איז דורך די סטודענטן און קורסיסטקעס ממש פאַרגעטערט געוואָרן; זיין איבערשאַצונג פון די אַלטע ווערטן, זיין קאַמף מיטן אַנאַרכיזם, באַקוניניזם, מיט די „נאַראָדניקעס", האָבן אַריינגעפירט אין אַ נייער אידייען־וועלט, געגעבן אַ פעסטן פונדאַמענט. ער האָט געלערנט צו פאַרשטיין דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, ווי אַזוי אָנצווענדן די מאַרקסיסטישע מעטאָדע און אַנאַליז פון דער רוסישערווירקלעכקייט. זיינע בראָשורן „אונדזערע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן" און „סאָציאַליזם און דער פּאָליטישער קאַמף", האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין די מוחות. אַ סך זענען נאָך געשטאַנען מיט ביידע פיס אין אידייען־קרייז פון באַקונינען מיט זיינע פערמאַנענטע פויערים־בונטן און אייביקע מלחמות קעגן שטאַט. עס וואַקסט אַ רוסישער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער וועט באַפרייען דאָס לאַנד. פּלעכאַנאָוו האָט שוין אָבער אין יענעם יאָר אויסגעזען אומעטיקלעך. פון פראַנקרייך האָט מען אים אויסגעוויזן, אויך אין דער שווייץ האָט מען געקוקט אויף אים מיט אַ ביסל חשד. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דער זעלבער געגנט, אין קאַרוזש, אין אַ ווינקל הויף. אין שטיבל ביי אים איז אַלץ געווען אָנגעוואָרפן — ביכער, ציַיטונגען, טעלער, גלעזער, אַ ספּירט־לעמפּל, אַ טשייניק. ער האָט זיך באַוועגט, נערוועז, האַסטיק. ס'האָט זיך אָפט אַריינגעכאַפּט צו אים דער פלעגמאַטישער, שווייגנדיקער קוזמאַ, אַן איינזאַמער פּאָליטישער עמיגראַנט. ער האָט דאָ געאַרבעט אין אַ קליינער פּאַרטיי־דרוקעריי. ער האָט, ווי געוויינלעך, געמאַכט בייזע באַמערקונגען, קוזמאַ, געבעטן עפּעס צוצובייסן. אין צימערל איז געזעסן אויפן נידעריקן בעטל איינער, אַ רוסישער ליבעראַל, און יענער האָט נישט אַנדערש ווי געוואָלט וויסן, דערגיין ביי פּלעכאַנאָוון, וואָס עס וועט זיין די פּאָליטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף צו מאָרגנס נאָכן איבערנעמען די מאַכט.

— פריער פאַר אַלץ — האָט פּלעכאַנאָוו, קוקנדיק פון דער זייט, בייזלעך געבורטשעט אין די וואָנסן אַריין — וועלן מיר דאַרפן פּטור ווערן די אַלע מינים רעאַקציאָנערן און ליבעראַלן...

— וואָס מיינט איר דערמיט, געאָרגי וואַלענטינאָוויטש ?

— גאַנץ פּשוט — מיר וועלן זיי אויפהענגען...

יענער האָט גאָרנישט דערכאַפּט די איראָניע, איז פּלוצעם רויט געוואָרן, אָנגעהויבן זיך בעטן ביי אים:

— „פּאַמילויטיע”, געאָרגי וואַלענטינאָוויטש... כ'האָב זיך גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן...

— איר האָט זיך שלעכט פאָרגעשטעלט...

אָבער חבר יעפּים, דער מינסקער ייד, האָט זיך געהאַט זיין ביסעלע חשד צו דער פּרעטענציעזער אינטעליגענץ. ער האָט דערפאַר געהאַט אַן אומדערשיטערלעכן גלויבן אין אַרבעטער־קלאַס. ער האָט געגלויבט!

— די אַרבעטער — האָט ער זיך געהאַלטן ביי זיינס — וועלן סוף כל סוף געפינען דעם ריכטיקן וועג צום סאָציאַליזם. און אַוודאי — די יידישע ארבעטער, וואָס זענען די סאַמע דערנידעריקטסטע...

אין אָט דעם קרייז האָט מען, הגם זעלטן, געקענט אויך זען ראָזאַ לוקסעמבורג — אַ קליינע פרוי מיט אַ מאַנסבילש־געשניטענעם קאָפּ פון אַ יידישן תלמיד־חכם, מיט אַ שווערלעכן גאַנג; קלוג, שאַרפזיניק, מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק. אין איינעם מיטן מאַן, טישקאָ, האָט זי אַרויסגעגעבן אין פּויליש די „ספּראַוואַ ראָבאָטניטשאַ”, האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, ווען ליפּע קאַמאַשנמאַכער האָט זיי לעבעדיק געמאָלן די שטרייקן, די פאַרזאַמלונגען, די קרייזלעך; דער עיקר האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט וועגן דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און ווי מען באַציט זיך צו דער נייער ווענדונג, צו די פּ. ס. ד. (פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן). די נעגאַטיווע ווענדונג צו דער טאַקטיק פון די פּ.פּ.ס. האָט ראָזאַ אויפגענומען צופרידן.

— מיט אַ חודש צוריק — האָט זי דערציילט — האָט זיך דאָ אין אַ צימער דערשאָסן אַ פּויליש־יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, נאָך אַ שאַרפן דיספּוט מיט אַ „סאָציאַל־פּאַטריאָט” פון די פּ. פּ. ס. יענער האָט אים גראָב באַליידיקט צוליב זיין יידישקייט... זיי זענען, ווייסט איר, שאָוויניסטן, זיי ציען צו סעפּאַראַטיזם. מיליטערישע עקספּערטן גרייטן דאָ באַצייטנס צו קאַדרן פאַרן קאַמף קעגן רוסישן „נאַיאַזד” (איבערוואַזיע). און עפּעס איינער, אַ פּילסודסקי...

אַרום דריי צענטראַלע פיגורן האָט זיך גרופּירט די אַנגעלאָפענע עמיגראַציע פון פּוילן: פעליקס פּערעל, פּאַוועל אַקסעלראָד און ראָזאַ לוקסעמבורג. אַלע דריי — יידן; אָבער בלויז פּערעל האָט געוויכט פון די יידישע סטודענטן, פון די יידיש־רוסישע עמיגראַנטן. שטיף, אָנגעצויגן, מיט זיין פּוילישער אויפגעבלאָזענער וואָנץ, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר מער פּאָליאַק, ווי די פּאָליאַקן גופא; כאָטש זיי, די פּאָליאַקן, מיט די קאָנטיקע, בלאָנדע יאָזשן־קעפּ, האָבן געמורמלט הינטער זיין רוקן שטעכווערטלעך וועגן זיין יידישן אַקצענט. דער דור, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן הויך צו פליען, האָט אונטער דער שווערער לאַסט פון יידישן גורל, זיך איינגעבראָכן. אַ טיפּיש יידישע פיגור פון אַ לערנער, אַ בן־תורה, אַ פרעמדע פלאַנץ צווישן זיינע חברים. ווען ער האָט גערעדט אין נאָמען פון די פּוילישע סאָציאַליסטן, האָט זיין שטימע — נישט דער אַקצענט — געהאַט אַ באַזונדערן קלאַנג; דווקא די שאַרפע לאָגיק פון זיינע אַרגומענטן האָט בולטער געמאַכט זיין יידישקייט. פּערעל האָט געהאַט דעם מוט צו וואָרענען מעלאַנכאָליש, אַז פּילסודסקי'ס מיליטערישע קאַדרן זאָלן אַ מאָל נישט, אויפן וועג צו פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, פאַרלירן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. נאָר אויבנאויפיק האָט עס אויסגעזען, אַז דער קלאַסן־קאַמף איז דער אַנטשיידנדיקער

פּרינציפּ. אין דער אמתן איז דער געראַנגל דערפירט געוואָרן דערצו : וואָס דאַרף מען פריער מקריב זיין ? און דער קרבן איז שטענדיק געווען דער סאָציאַליזם. אָבער פּערעל איז געבליבן טריי דער אַסימילאַציע, ביזן סוף.

ראָזאַ לוקסעמבורג האָט געלעבט אין אַ זייט פון די סטודענטישע קאָלאָניעס, האָט זייער זעלטן באַזוכט די פאַרזאַמלונגען פון די פּוילישע „פּאַטריאָטן". אַ טאָכטער פון אוראַלט־יידישן לובלין, האָט זי פיל בעסער פון די פאַרריסענע לייט געקענט פּויליש. אָבער וועגן יידיש האָט זי גערעדט מיט ביטול. דאָס לשון פון די יידישע פאָלקס־מאַסן איז, לויט איר, געווען אַ „באַרבאַרישער זשאַרגאָן". זי האָט זיך אָבער באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך אַ מאָל אַפילו אַריינגעכאַפּט צו אַ דיסקוסיע אין דער טאַווערנע „עדעלוויס". אויסגעקאָכט אין ים פון מאַרקסיזם, אַ שאַרפע אַנאַליטיקערין, נערוועז, האָט זי זיך אַ ביסל געפלאָנטערט, אָבער מיטגעריסן מיט איר ענטוזיאַזם. די אַרבעטער, האָט זי געפּרעדיקט, האָבן נישט קיין אַנדערן אינטערעס, ווי דעם קלאַסן־קאַמף, אַז סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם איז די אידעאָלאָגיע פון דער קליין־בורזשואַזיע. זי איז אָבער שוין לאַנג געווען אָפּגעריסן פון פּוילן; און דאָרט איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נאָך גאַנץ ווייניק געהאַט אַריינגעדרונגען צווישן די פּוילישע אַרבעטער. די פּ. פּ. ס. האָבן געזען אין איר אַ שונא פון אַלץ, וואָס איז פּויליש, פּוילישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. אויף איר אַדרעס האָט דער פינצטערער „פּאַטריאָט" אַנדזשעי ניעמאָיעווסקי געשריבן אין „מישל ניעפּאָדלעגלאַ" : „די יידן העצן אונטער די אַרבעטער, צו מאַכן דעם סאָציאַליזם פאַר אַ שונא פון פאָטערלאַנד... דאָס, מיט וואָס ראָזאַ לוקסעמבורג און אירע אָנהענגער — די יורשים פון אַרענדאַרן און שענקערס — שפּייזן, איז סם. די טייוולישע צעשטערונגס־אַרבעט פון די יידלעך, אונטער דער מאַסקע פון פּאַרטיידיקן די אַרבעטנדיקע, איז אין דער אמתן — אָנצופילן זיי מיט האַס קעגן פּוילן, אויסנוצן זיי פאַר די אינטערעסן פון דער יידישער קליין־בורזשואַזיע, ווייל זיי זענען „אַנטי־גוים"...

אין רוסלאַנד, ווידער, איז געהאַט אויפגעקומען אַן אַנדער פאָרם פון אַנטיסעמיטיזם, אַ קולטור־אַנטיסעמיטיזם פון פּאָליטיש־ליבעראַלע אינטעליגענטן. זיי האָבן געלייקנט, אַז דאָס איז אַנטיסעמיטיזם, האָבן עס דווקא גערופן „אַסעמיטיזם". די רוסישע ליטעראַטור, די רוסישע זשורנאַליסטיק — האָבן זיי געזאָגט — איז שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער יידישער אינטעליגענץ. דאָס איז נישט נאָרמאַל. זיי טראָגן אַריין אין גייסטיקן לעבן פון רוסישן פאָלק זייערע אידעאַלן.

ראָזאַ לוקסעמבורג האָט אַוועקגעגעבן די שענסטע יאָרן פון איר לעבן איינצופלאַנצן דעם מאַרקסיזם אין פּוילן. אַ פאַראיינזאַמטע, אַרום איר — שנאה, האַס, ביטול. אָבער איר עקשנות, איר ענערגיע, האָט דורכגעבראָכן די אייזערנע וואַנט. פיל מער ווי אין רוסלאַנד, איז שוין פּוילן, נענטער צום מערב, געווען אַ שטאַרק אַנטוויקלט קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. די טראַדיציע פון דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" איז נאָך געווען פריש אין זכרון. ראָזאַ האָט אָנגעהויבן איר קאַמף קעגן פּוילישן סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם און פאַרענדיקט איר לעבן אין אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן אַלוועלטלעכן סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם. זי האָט זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד, דורכגעפירט אַ פּיקטיווע חתונה מיט אַ דייטשן בירגער און איז אויפגעשווומען אין די סאַמע שפּיצן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער אויך זי האָט געשטעמפּלט דעם בונד ווי — סעפּאַראַטיזם.

— נישט קיין באַזונדערע יידישע אָרגאַניזאַציע... נישט דעם „זשאַרגאָן", נאָר די שפּראַך פון דער באַפעלקערונג, צונויפגיסן זיך מיט דער נישט־יידישער אַרבע־טערשאַפט... יעדער אַנדער וועג, חברים, וועט בלויז פאַרפירן אין נאַציאָנאַליסטישן זומפּ...

כאָטש וועגן איר אַליין האָט זיך איליטש אַנומלטן געהאַט אַרויסגעכאַפּט, נאָך אַ דיסקוסיע, אַז זי רעדט אַ שלעכטן רוסיש, ס'שאָקירט דאָס אויער.

— זי רעדט אָבער גוט — מאַרקסיסטיש... — האָט זיך לעוו דאַווידאָוויטש איינ־געשטעלט פאַר איר.

ער אַליין איז אַנטלאָפן פון די אַלע דעליקאַטע פראַגן, נאָר ער האָט זיך אומגע־ריכט פאַרפּלאָנטערט, עפּעס כסדר געמוזט זיך אַזוי ווי פאַרענטפערן:

— די נאַציאָנאַלע פראַגע, אַזוי וויכטיק אין רוסישן לעבן, איז מיר פרעמדלעך. ס'רופט אַרויס ביי מיר אַ שלעכט געפיל, וואָס ס'קען נאָר האָבן אַ ראַציאָנאַליסט, אַ מין מאָראַלישער איבל. אפשר האָט מיך טאַקע דאָס געשטויסן צום אינטערנאַציאָ־ליזם...

אומעטום איז ליפּע בייגעווען, אויף אַלע דיספּוטן, אין די טאַווערנעס, אין די אַנגערויכערטע פאַרטיי־לאָקאַלן. ער האָט אַלץ געזוכט, געפילט די שאַרפע באַדער־פעניש צו געפינען אַ פעסטן שטיצפּונקט, אַן אמתן סאָציאַליסטישן קוק אויף אונדזער גרויסן, פאַרפּלאָנטערטן פּראָבלעם. ווייל אויך מיט די „איסקראַוועצעס" איז נאָך אַלץ נישט אַזוי קלאָר געווען. ס'איז, אמת, געווען אַ נייע, דרייסטע שיטה. ס'האָט זיך גע־האַנדלט אין געפינען די ריכטיקע מעטאָדן ווי אַזוי אַריינצודרינגען צווישן די רוסישע אַרבעטער־מאַסן, צווישן אָפּגעשטאַנענעם פויערטום. אויב מען קען נישט ברענגען אַ קעגנער צום שכל — האָבן זיי געזאָגט — מוז מען אים פּאָליטיש, געזעלשאַפטלעך פאַרניכטן. דער ציל באַרעכטיקט אַלע מיטלען. דורך אַזאַ געדאַנקען־גאַנג איז די „איסקראַ" געקומען צו אַן אָרגאַניזאַציע־פּלאַן, וואָס איז געווען צענטראַליסטיש־דיק־טאַטאָריש, נישט פון אַ מאַסן־פּאַרטיי, נאָר פון אַ סעקטע. דער צענטער פון דער פּאַרטיי — פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, אָפּצוהיטן די ריינקייט און קלאָרקייט פון יעדן פּינטעלע פון מאַרקסיזם. יעדער מיטגליד — אונטער אַ שטרענגער קאָנ־טראָל און השגחה. דער צענטער האָט נישט געדאַרפט קאָנטראָלירט ווערן פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, נאָר פאַרקערט.

— די אינטעליגענץ — האָט וולאַדימיר איליטש געזשמורעט די שמאָל־געשני־טענע אויגן — איז אומגעדולדיק. ס'איז נישטאָ קיין צייט צו וואַרטן ביז די מאַסן וועלן קומען צום באַוווסטזיין, ווי די „עקאָנאָמיסטן" פּרעדיקן. זיי זענען אַ שטער, אַ גרויסער שטער!...

אָנגעהויבן דעם קאַמף מיט די „עקאָנאָמיסטן" האָט נאָך פיל פריער, פּלעכאַנאָוו אַליין: „איר זענט נישט קיין פירער — האָט ער זיי געזידלט — איר שלעפּט זיך נאָך דער מאַסע... ס'קען אין בעסטן פאַל ברענגען עפּעס ענלעכס צום פאַרגליווערטן צושטאַנד פון די ענגלישע לייבאָריסטן. זיי ווילן זיך, הייסט עס, נישט מישן אין פּאָ־ליטיק. אָבער די פּאָליטיק מישט זיך צו אונדז! מען דאַרף די מאַסן פירן מיט אַ פעס־טער האַנט, אַוועקשטעלן די ברייטסטע פּאָליטישע אויפגאַבן"...

— אָבער איר, די „איסקראַ", שטעלט זיך איבער דער מאַסע. דערפאַר זענט איר

פאַרבליבן אַן אינטעליגענטן־קרייזל, אָפּגעריסן פון פאָלק... — האָבן די אָפּאָנענטן דערווידערט.

וולאַדימיר איליטש, מיטן קלין־פאַרשניצטן, געלבלעכן בערדל, מיט די בולטע קינען, האָט אויף די סטודענטן־פאַרזאַמלונגען אין די טאַווערנעס און לאָקאַלן פון בערן, זשענעווע, גערעדט שטיל, פאַרביסן, טרוקן, אָן שום מליצה. ס׳איז געווען אַרויסצופילן ביי אים אַ מין אומצוטרוי צום מענטש גופא, מיט זיינע פאַרבייגייענ־דיקע שטימונגען און סענטימענטן. ער האָט אָבער געוווסט וווהין ער צילט; אַז ס׳אַרט אים גאָרנישט קיין מינדערהייט. ער קוקט אַ ביסל אין אַ זייט, הערט אייך אויס זייער אויפמערקזאַם און עפּעס גלויבט ער אייך פאָרט נישט. פון זיין מויל הערט מען טאָקע נישט דעם „איך״, דערפאַר — אומצוטרוי צו דער מאַסע, וואָס קען גיין וווהין דער ווינט בלאָזט. אַן אייזערנע האַנט פאָדערט ער, וואָס זאָל פירן, פּראָפעסיאָנעלע רע־וואָלוציאָנערן, אַז איר ווילט — פונקציאָנאַרן. אומוואַרפן די אַלטע, לויזע אָרגאַניזאַ־ציעס! אין דער אַטמאָספער פון אידייאישער עקזאַלטאַציע, אויסגעוואַרעמט דורך די פּאַרטיי־אַפּאָסטאָלן, זענען די אַנאָנימע טעכניקער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, באַלד טאַקע געוואָרן די האַרטע פויסט, וואָס האָט רעאַגירט, גרייט צו גיין, ווו מ׳האָט זיי געשיקט. איליטש האָט פאַרכאַפּט מיט זיין גראָדליניקייט, מיט זיינע איינפאַך־געבויטע און נאָך איינפאַכער־אַרויסגעזאָגטע סכעמעס. ער האָט גערעדט, ווי ער וואָלט געהאַקט האָלץ. אין יעדן זאַץ האָט זיך געפילט אומקאָמפּראָמיסלעכע עקשנות פון אַ רוסישן סעקטאַנט. מיט זיין אייזערנער לאָגיק און זיכערקייט האָט ער אָנגעשטעקט די צוהערער, און — מ׳האָט אים געגלויבט.

נישט אַזוי דער בונדישער „נאַציאָנאַליזם״, ווי דער עיקר זיינע אָרגאַניזאַציאָ־נעלע פּרינציפּן שטייען אין וועג פון זיינע פּלענער און פּאַרטיי־אַמביציעס. ס׳איז גע־ווען אַ קאָנצענטרירט פייער — די יידן זענען נישט קיין נאַציע! אַ פאָלק דאַרף האָבן אַ טעריטאָריע, אַ געמיינזאַמע שפּראַך. די יידן האָבן עס נישט. די, וואָס זענען קעגן אַסימילאַציע, באַפּעסטיקן נאָר דעם באָדן, אויף וועלכן עס וואַקסן די געטאָ־שטימונ־גען ביי די יידישע מאַסן. די ראַציאָנאַליסטישע לייזונג פון דער יידישער פראַגע ליגט אין דער פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע פון יידן, אין אָפּזאָגן זיך פון „זשאַרגאָן״, אין רעדן אויף דער שפּראַך פון פאָלק, צווישן וועלכן זיי לעבן.

— זיי, די בונדיסטן, אָטעמט זיך לייכטער אין דער אַטמאָספערע פון נאַציאָנאַ־לע שטרעבונגען, איידער אויף די בערג פון אַלמענטשלעכן אינטערנאַציאָנאַליזם...

— דער בונד איז אָבער אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, אַרויסגעוואַקסן פון דער סאַ־מע ביטערער יידישער נויט... — האָט אים חבר אַלעקסאַנדער נישט איין מאָל אָפּאָנירט.

ער האָט ממש געליטן, חבר אַלעקסאַנדער. זיין איידל, לענגלעך, בלייך געזיכט האָט באַקומען קרענקלעכע, רויטע פלעקן:

— די טענות פון דער „איסקראַ״ וועגן דעם, אַז דער בונד ציט אָפּ די קרעפטן פון די אַלגעמיינע רוסישע אָרגאַניזאַציעס, זענען שטאַרק פוגאַנדערגעבלאָזן. און אויב אַפילו מיר ציען אָפּ איניקע יידישע אַרבעטער פון די „אַלגעמיין־רוסישע אָר־גאַניזאַציעס״, באַווייזט עס נאָר איין זאַך: אַז די באַדערפעניש פון די יידישע אַרבע־טער זענען ספּעציפישע.

— טאָ וואָס־זשע, אייגנטלעך, ווילן זיי — האָט ליפע לחלוטין נישט פאַרשטאַנען

— זיי אָנערקענען נישט אונדזערע עלעמענטאַרסטע רעכט און פֿאָדערן אָװעקצוגעבן זיי אַלע אונדזערע כּוחות...

דער קאָמיטעט פֿון בונד האָט פֿאַרגעלייגט, אַז די פֿראַגן פֿון פֿעדעראַציע און קולטור־אויטאָנאָמיע זאָלן אַלזייטיק באַהאַנדלט ווערן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, פּאָליאַקן, אַרמענער, לעטן, ליטווינער, וואָס אויך זיי זענען פֿאַראינטערעסירט אין דער ריכטיקער לייזונג פֿון זייערע נאַציאָנאַלע פֿראַגן. אָבער די „איסקראַוועצעס" האָבן זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי זייערס:

— אַ מלחמה אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, ביז — שפּאַלטונג! אָננעמען די אומזיניקע פֿעדעראַציע קענען מיר אַבסאָלוט נישט. מיר אָנערקענען בלויז אויטאָנאָמיע, לויטן סטאַטוט פֿון יאָר 1898. מיר דאַרפֿן זיך באַציען צום בונד זייער קאַלט, פֿאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך, און אויפֿן געזעצלעכן באָדן, אומברחמנותדיק. זאָל ער אַוועקגיין, אויב ער וויל... פֿאַרשיידענע פֿעלקער, וואָס לעבן אין דער זעלבער מלוכה, בײַנדן טויזנטער פֿעדעם, עקאָנאָמישע, רעכטלעכע, שטייגערישע. ווי אַזוי זשע קען מען אַרויסרייסן, למשל, דאָס שול־וועזן פֿון אָט דער נעץ? צי קען מען זיי „אויסטיילן פֿון דער מלוכהשער קאָמפּעטענץ", ווי עס קלינגט די בונדישע פֿאָרמולע? דאָס איז רעאַקציאָנער. דאָס הייסט — סעפּאַרירן די יידישע קינדער פֿון אַנדערע פֿעלקער־שאַפֿטן און שאַפֿן פֿאַר זיי באַזונדערע שולן. צום אָפֿטסטן פֿירן ביי אונדז פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע" די בונדיסטן, צוזאַמען מיט די יידישע בורזשואַזע פּאַרטייען. דער אַרבעטער־קלאַס פֿון רוסלאַנד קעמפֿט און וועט קעמפֿן מיט דער רעאַקציאָנערער, שעדלעכער, קליינבירגערלעכער, נאַציאָנאַליסטישער אידייע פֿון „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע"...

— ס׳הייסט, מ׳האָט די פֿאָדערונגען פֿון די יידישע אַרבעטער שלעכט פֿאַרשטאַנען, פֿאַלש אויסגעטייטשט, געשאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון ביטערער פֿיינטשאַפֿט — האָט זיך ליפֿע נישט געקענט שענקען.

נאָך אין זעלבן זומער 1903 איז טאַקע דער בונד אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

און אַרום איז געווען די פֿראַנצויזישע שווייץ, די נישט־הויכע זשוראַ־בערג און די ליכטיקע קייט אָזיערעס. די טאָלן, די לאָנקעס — באַדעקט מיט טעפּיכער פֿון טוליפּן. אויף די בערג האָט חברה געלעבט אין אַ קאָמונע. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין די שטעטלעך איינקויפֿן עסנוואַרג, און צוריק פֿאַרפֿאַלן געוואָרן צווישן די בערג־שטעגעלעך. ווי קיינער פֿון זיי וואָלט גאָרנישט באַמערקט די גרויסע שיינקייט, אַזוי פֿאַרקאָכט איז מען טאָג און נאַכט געווען אין די דיסקוסיעס, ווי אַזוי צו ראַטעווען די מענטשהייט...

ווי געמיטלעך דאָ איז אַלץ געווען אין יענעם יאָר. קוקסט זיך אַרום: מעכטיקע וווּנדער האָט די נאַטור אויפֿגעטון, אָבער נישט ווייניקער — די רואיקע, סאָלידע, אַ ביסל פֿאַרטעמפּטע בערג־לייט. זיי האָבן דאָס געפֿיל פֿאַר געשיכטע, אויף זייער אופֿן, כאָטש אַליין מאַכן זיי שוין לאַנג קיין געשיכטע נישט. אויף אַ ליאַדע שטיינערן הויז, אויף אַ ליאַדע וואַסער־בעקן, ווו ס׳גיסן זיך אַראָפּ די רוישיקע באַרג־שטראָמען, אויף אַ ליאַדע געשניצט טויערל, קען מען געפֿינען איינגעקריצטע דאַטעס — אַנגאָ 1748, אָדער נאָך אַ סך פֿריער.

— גאָרנישט האָט זיך ביי זיי געריִרט. ווי די צייט וואָלט ביי זיי פאַרגליווערט געוואָרן — האָט ליפע זיך נישט אויפגעהערט צו חידושן — אין דער צייט, ווען ביי אונדז, אין די יאָרן... גאָט מיינער...

אַ יידישער אינטעליגענט קען עס נישט פאַרבייגיין גלייכגילטיק. די דאָטעס שפּרינגען פאַר זיינע אויגן, און יעדע דאַטע — אַן עטאַפּ אין דער וועלט־געשיכטע, צו פיל רו קלינגט זיי פּרעמד, פאַרדעכטיק אין די אויערן. די זינגענדיקע באַרג־שטראָמען רוישן, רוישן. דער מענטש גייט דאָ לאַנגזאַם אויף דער ערד. ער איילט זיך נישט. אָבער די אָנגעפּאָרענע פּאָליטישע עמיגראַנטן, איבערהויפּט די יידן, טראָגט עס — מ׳קען נאָך עפּעס פאַרשפּעטיקן...

— קומט, וועל איך אייך פירן אין אַ קליינער באַרג־קירכע... איר וועט הערן די מוזיק פון באַך... — האָט זיי חבר אַלעקסאַנדער איין מאָל פאָרגעלייגט.

— אין אַ קירכע ?... רעליגיעזע מוזיק ?...

פון דעסטוועגן האָבן זיי זיך געלאָזן פירן. אונטערן געוועלבטן היכל איז געשטאַנען אַ געשפּאַנטע שטילקייט. אַ קליינע עדה איז פייערלעך געווען פונאַנדער־געזעצט; אויף די שטענדערס, פאַר־זיך — געדרוקטע טעקסטן. מיט דבקות האָב זיי זיך מיטגעשאָקלט צום טאַקט. אַ האַרמאָנישער געמיש פון פּרויען־ און מענער־שטימען, פידל, פלייט, אָרגל, האָבן זיך צונויפגעגאָסן, זענען געקומען ווי פון אונטער דער ערד; טיפע, איידעלע, צאַרטע טענער, און דאָס ווייטע געוויין, ווי פון אַ קינד. דאָס האָט דער אָרגל, פון דער טיפעניש ערגעץ, באַוועגט פון אַ נישט־זעבאַרער האַנט, אַקאָמפּאַנירט דאָס געזאַנג. ליפע און טייבעטשקע האָבן איינגעאָטעמט די כישופדיקע טענער. ס׳האָט עפּעס אין זיך מיטגעזונגען. זי האָט געפּרוּווט צו טרעפן דעם קומענדיקן אַקאָרד, אָבער יעדעס מאָל איז דער אַקאָרד פאַרשוווּנדן, און אַנדע־רע, אין גאַנצן נישט דערוואַרטע, האָבן געציטערט אין חלל. ליפע האָט זיך מיט דער האַנט פאַרשטעלט די אויגן. חבר אַלעקסאַנדער איז זיצן־געבליבן ווי פאַרגליווערט. ביי טייבעטשקען זענען די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ טוי.

פון דער קליינער באַרג־קירכע זענען זיי אַרויס שווייגנדיקע. זיי האָבן יעדער שטיל פאַר זיך אַוודאי געטראַכט, אַז סאָציאַליסטן־פרייַדענקער מעגן אויך הערן די רעליגיעזע מוזיק פון באַך.

אַזוי האָט מען זיך פאַרגעסן; כאָטש ליפען האָט נאָך אַנאַנד נישט צו רו געלאָזן דער געדאַנק, אַז גאָר אין קורצן וועט ער זיך ווידער דאַרפן אומקערן אַ היים, קיין רוסלאַנד, צו די היימישע „בירזשעס״. דאָרט וואַרט אויף אים אַ שווער, פאַרפאַלגט לעבן. קאַמף. און דאָ... ווי אַזוי לאָזט מען דאָ איבער טייבעטשקען איינע אַליין אין אַזאַ מעמד ?

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

צווישן זינגענדיקע באַרג־שטראָמען

נישט צום פאַרגעסן איז פאַרבליבן דער לעצטער אַרויספאָר אין שײנעם שווײ־צאַרישן פרײ־האַרבסט צו די ציכטיקע דערפלעך אַרום דער זשענעווער אָזיערע. זײ האָבן זיך עפּעס דערפילט ווי אויף אַ האָניק־חודש־רײזע, אין פאַרליבטן פלאָטער, אײנער בײ דער זײט פון אַנדערן. ס'איז אַלץ אַ שאָד געווען, יעדע פאַרלאָפענע רגע איז אַ שאָד געווען, ווי זײ וואָלטן געאָנט, אַז זײ זענען צוזאַמען אפשר צום לעצטן מאָל; ווײל באַלד דערנאָך האָבן זיך טאַקע אָנגערוקט די גרויסע שטורעמס.

די דיסקוסיעס אין די אָנגערויכערטע טאַווערנעס האָבן מיד געמאַכט דעם מוח. נײן, ס'האָט דערווײל אין ערגעץ נישט געפירט. מ'האָט באַדאַרפט אַ ביסל זיך פאַרגעסן. די קלײנבאַן האָט זײ אין לויטערן פרימאָרגן אַרויסגעפירט פון טונעל. זײ זענען אַרײנגעפאָרן אין אַ ראָזן וואָלקן, האָבן ווי אין שיכרות, אַרומגעשוועבט אין אַ זילבער־לעכן נעפּל. פון הינטער די בערג, צווישן סאָסנע־קרוינען, האָט אומגעריכט געשפּאַרט אַ גרויסע ליכטיקײט. ערגעץ טיף, אונטן, איז געלעגן די אָזיערע, ווי אַ שטיק הימל וואָלט אַראָפּגעפאַלן אין טיפן טאָל אַרײן. דורכן וואַגאָן־פענצטער האָבן אָנגעווײעט דופטן, ים־ריחות. ס'האָבן זיך באַוויזן ציכטיקע שטעט און שטעטלעך — לאָזאַן, מאָנטרע, טעריטע, דער באַרימטער שלאָס פון שיליאָן; ס'האָט פאַרבײדעפילירט די שווײצאַרישע ריוויערע אַרום דער לעמאַן־אָזיערע. די קלײנע, פאַרביקע האָטעלן אין די בערג, די שפּיציקע דעכער מיט די געקרײצטע באַלקנס, די ברײטע, זוניקע וועראַנדעס, וואָס זענען געהאָנגען איבער די אָפּגרונטן. אומעטום פול באַלײגט מיט געסט. די הויכע בערג, ווי אַ וואַנט, האָבן באַשיצט פון די קילע, פײכטע ווינטן, וואָס נעמען שוין בלאָזן אין דער צײט פון צפון.

פאַרקליבן האָבן זײ זיך סאַמע אויבן, אויפן גאַרן, אונטער אַ דאָרפישן הילצער־נעם באַלקן. דורך די קוואַדראַטנע שײבלעך, צווישן קריכנדיקע פלאַנצן, אָנגעשטעלט מיט וואַזאָנען־טעפּלעך, אויפגעפלאַמטע כריזאַנטעמעס, האָבן זײ אַראָפּגעקוקט צום ברעג אָזיערע אין דער נידער — דאָרט האָט דעם גאַנצן טאָג געווימלט אַ פאַרביקער עולם; קאָפּעען, רעסטאָראַנען, מוזיק. אויבן, אויף די באַרג־טעראַסן — ווײנגערטנער, אַרומגעשטעלט מיט שטײנער־ווענט. קלײנע יאַשטשערקעס האָבן זיך נאָך געוואַרעמט אין דער לוילעכער זון. אַ זינגענדיקער באַרג־שטראָם. די עפּל־בײמער שטײען שווער־אָנגעלאָדענע. די פאָרמען פון די בערג זענען ווײך, האַלטן אין אײן בײטן די פאַרבן. די לונגען גיסן זיך אָן מיט אַ מילדער גרינגקײט. אויף די ווײטע בערג־שפּיצן — שנײ, אַלטע סאָסנע־וועלדער. אויף דער אָזיערע — ווײסע זעגלען פון פישער־שיפלעך, אַ געשרײ פון מעוועס.

ס'איז געווען אַ הײמישער פּאַנסיאָן, אַ הײזל, ווי צוגעקלעפּט צום באַרג. באַ־וווינט פון לויטער געקומענע פון רוסלאַנד, פון פּוילן, אַ סטודענטישער עולם, אין די

סאַטינענע העמדלעך, מיט די ווילדע שעוועליורעס. ס׳איז אַרום געווען — די גרויסע, זינגענדיקע שטילקייט. פון די בערג־לאַנקעס גייט אויף דעם גאַנצן טאָג דאָס דינע גלעקלען פון די קי. אָבער דורך די אָפענע פענצטערלעך שווימט נאָך אַנאַנד א מאַ־כאַרקע־רויך און ס׳הערן זיך אַלץ די איינגעשפּאַרטע קולות, ווי געוויינטלעך, אין רו־סיש. מען דיסקוטירט.

נאָך עטלעכע טעג איז דער אומרו צוריק געקומען. ביי זיי אַלעמען איז געווען דאָס שאַרפע געפיל — די בערג ווערן דערדריקן, ס׳ווילט זיך אַרויס פון די גרינע ווענט, צוריק אַנטלויפן צו די ברייטקייטן פון דער וויטער היים־ערד. לייכט אָפּצו־רעדן — ווי אַזוי אַנטלויפן ? טייבעטשקע האָט זיי צו לעצט איבערגעלאָזן, איז אַרויס, איז זיצן־געבליבן אויף דער וועראַנדע, אַן אָנגעגאָסן־מידע, אַ צערוויטלטע. זי האָט מער נישט געקענט. איר אין רוקן האָט געצויגן א לינד ווינטל. ס׳איז פרי צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט. די בערג הינטער דער אָזירע זענען ברוין געוואָרן, ווי באַשאָטן מיט צימערינג, און זי האָט זיך אַלץ געשראָקן צו ברענגען עס פאַרן מויל, אויסצוזאָגן עס ליפען. דער אומרו זיינער... דאָס נערוועזע אַרומשפאַנען... די פאַרשטיקטע ידיעות, וואָס רייסן זיך אַדורך פון רוסלאַנד... אָט וועט מען זיך אַ ליאָדע טאָג אפשר באַדאַרפן רירן אין וועג אַריין, דורך אומבאַקאַנטע גרענעץ־שפּאַרעס. די אומזיכערע גרענעץ־פונקטן, ווו מ׳ווייס קיין מאָל נישט וואָס פאַראַ סיורפּריזן ס׳קענען אונטערקומען; ווידער וואַלגערן זיך אויף פאַרדעכטיקע אכסניות. ווי אַזוי וועט זי עס דען קענען ? טאָמער כאַפּט עס איר אָן ערגעץ אונטערוועגנס ? און זי האָט מיט אַ מאָל דערפילט אין זיך אַזוי פיל צערטלעכקייט, אַזוי פיל ציטערניש פאַרן ברעקל, וואָס צאַפּלט אין איר. דאָס לינדע ווינטל האָט געקילט אירע צעפלאַמטע באַקן. זי האָט פּלוצעם דער־פילט, ווי די האַנט ליפעס באַרירט זי.

— טייבעטשקע... — האָט זי געהערט זיין קול און האָט זיין פּנים נישט געזען — זאָרג נישט... מיר האָבן שוין דאָ אַלץ באַטראַכט...

דורך אַ זייטיקער טיר האָט זיך הינטער זיי באַוויזן, האָט אַזוי ווי אויפגעטויכט, חברטע זשעניע, די „מאַמע”. אַ הויכע, אַ ברייטלעכע, אַ וואַרעמע, טאַקע ווי אַ מאַמע; ווי זי וואָלט שוין אַלץ געוווסט, אַלץ באַשלאָסן.

— וועסט דאָ דערווייל בלייבן מיט אונדז, טייבעטשקע... מירן זיך שוין מיט דיר ווי־נישט־איז פאַרנעמען... ס׳איז, נאָך אַלעמען, אונדזער קינד...

— און ליפע ? — האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט, און זי האָט זיך באַלד פאַר־שעמט פאַרן אייגענעם זאָג.

— ליפע, טאָכטערקע, געהערט נישט בלויז צו זיך אַליין...

ס׳איז געווען מילדע שטרענגקייט אין איר וואָרעם, אַ ביסל פאַרנאַשט קול. האָט זי זיך מער גאָרנישט אָפּגערופן, טייבעטשקע, נאָר האָט פון דעסטוועגן די טרערן נישט געקענט באַהאַלטן.

די זיבן־אַכט טעג זענען עפּעס אַזוי שנעל דורכגעלאָפן. מ׳האָט באַלד געדאַרפט צוריקפאָרן. חברטע זשעניע האָט זיי באַגלייט, איז ערגעץ אָפּגעשטיגן, ווי געוויינלעך, אומגעריכט פאַרפאַלן געוואָרן. און איידער וואָס־ווען, האָט מען זיך אָפּגעזעגנט מיט ליפען. ער איז אַוועק אין אויסלענדישן קאָמיטעט, איבערצורעדן מיטן חבר אַלעק־סאַנדער. ס׳האָט אים נישט געלאָזן רוען ! זיי זיצן און פּלפּולן זיך וועגן נאַציאָנאַל־

קולטורעלער אויטאָנאָמיע, ביז מען דעררעדט זיך — צו אַ פאָלקס־שול־סיסטעם... אין דער צייט, ווען אין רוסלאַנד וויקלען זיך פונאַנדער שטורמישע געשעענישן...

אַ נעם געטון האָט ער איר אומגעריכט, טייבעטשקען, נאָך אין זעלבן אָוונט. ליפּע איז שוין נישט געווען. אין קליינעם, ציכטיקן סטודענטישן צימערל האָבן די חברטעס, צערויטלטע, פאַרטועגע, געוואַשן די פּאָדלאָגע, געוואַרעמט טעפּ וואַסער, אָנגעריסן ווינדעלעך, וויקל־שנורן, געלאָפן אַריין און אַרויס. איינע פון זיי, חברטע צעשע, איז געווען אויפן לעצטן קורס אַקושעריע. קיין קאָמפּליקאַציעס זענען, צום גליק, נישט געווען, און טייבעטשקע איז לאַנגזאַם צוריקגעקומען צו די כוחות. זי האָט פאַרפּלאָמט געטוליעט ס׳קינד, אַ ראָז, שיין ייִנגעלע. ס׳האָט געוואַרפן מיט די פיסלעך, אויסגע־שטרעקט די קליינע, פאַרבלויטע פויסטלעך, ווי ביי אַ פויגל, ווען זי האָט עס אָנגע־האָדוועט פון דער קוועלנדיקער ברוסט. זיי האָבן דאָרט אַלע, לאַכנדיק, באַלד איינ־געפונען, אַז ס׳זשמורעט די אייגעלעך, פונקט ווי ליפּע.

מ׳האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט לאָזן זיך מיטן פּיצל אויף דער האַנט איבער גרענעצן, אין אַזאַ שטרענגן ווינטער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. ס׳קינד האָט זיך פאַרקייכט, ס׳האָט געליטן אויפן בייכעלע. ס׳איז אָנגעפאַלן אַ טיפער שניי. קאַלטע נעפּלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פון די בערג. אין אָוונט, ביים היימישן סאַמאָוואַרל, איז חברטע זשעניע ווידער אַריינגעפאַלן. איר וואָלענע שאַל איז געווען באַדעקט מיט פרישע שנייעלעך. זי האָט זיך אַרויסגעוויקלט, און ס׳האָבן אַ שיין געטון אירע פאַר־גרויטע, גלאַט־אָפּגעצויגענע האָר, מיטן שטרענגן שרונט אין דער מיט. זי איז נאָך אַ ביסל אונטערגעזעסן, ווי אַ היימישע מומע, וואָס קומט צו אַ חולה שטעלן אים באַנ־קעס. זי האָט געטרונקען טיי, זופנדיק הויך פונעם שעלעכל, צובייסנדיק קוים מיט אַ פּיצל צוקער, „נאַ פּריקוסקו״, אויפן רוסישן שטייגער.

— און ווי וועט ער הייסן ביי דיר, דער קדיש דיינער ? — האָט זי געפרעגט.

— הירשקע... נאָך הירש לעקערט...

די שייבלעך זענען פאַרלאָפן געווען אין נעפּל. פאַרוויקלט אין איר געשטריקטער וואָלענער שאַל, איז חברטע זשעניע נאָך לאַנג אונטערגעזעסן אין קליינעם סטודענ־טישן צימערל, אַ צעשפּיליעטע, אָנגעבלאָזן ווי אַ מיידעלע, זופנדיק הויך פונעם שע־לעכל. ס׳קינד אין וויגעלע האָט פון צייט צו צייט אַ פּישטשע געטון; און זי האָט זיך אַלץ אָנדערציילט :

— מיט ליפּען זענען מיר אָפּגעשטיגן אין אַמסטערדאַם, אויפן קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל... דאָרט האָט, שטעלט אייך פאָר, זשאַן זשאָרעס גערעדט... אין פרי־לינג ריכט מען זיך אויף גרויסע געשעענישן...

אָבער ליפּע האָט זיך נאָך איין מאָל באַוויזן, איידער די שטראָמען האָבן זיך אַ לאָז געטון פון די שניי־בערג, ווי נאָר די זון האָט צוריק אַ שיין געטון. ער האָט זיך באַוויזן מיט די ערשטע ידיעות וועגן די מאַסן־שטרייקן, וואָס האָבן זיך ווי אַ לאַווע צעגאָסן איבער גאַנץ רוסלאַנד. ס׳איז דערגאַנגען וועגן די מאַניפעסטאַציעס צום ווינ־טער־פּאַלאַץ, אין פעטראָגראַד, וועגן די שיסערייען, וועגן מאַניפעסט, ווי אויך וועגן פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק. ער איז געווען צעטראָגן, ווי קיין מאָל נישט :

— יאָרן לאַנג האָבן מיר געוואַרט אויפן גרויסן יום־טוב... און אָט איז ער גע־קומען; ס׳איז אָבער נישט צו פאַרשטיין, פאַר וואָס מוז די רעוואָלוציע פאַרפּלייצט ווערן פון טייכן יידיש בלוט ?...

ס׳איז געוואָרן שיטערלעך אין די טאַווערנעס, אין די רוסישע „קאָלאָניעס“. די שוואַכע זענען אַריינגעפאַלן אין יאוש. אַנדערע האָבן שטילערהייט זיך צוריק אַ לאָז געטון איבער גרענעצן, קיין רוסלאַנד. צי האָט מען דען אין אַזאַ צייט געקענט זיצן רואיק און אָפּוואַרטן ? אין די אָוונטן האָט ליפּע, צוזאַמען מיטן חבר אַלעקסאַנדער, אַרומגעבלאָנקעט איבער די שטילע הינטערשטאָטישע גאַסן, געבויט גאַנצע פּלענער — ס׳עפענען זיך אפשר נייע מעגלעכקייטן, אַ ברייטע, לעגאַלע אַרבעט. אין פּעטראָגראַד, הערט מען, דערשיינען שוין פרייע סאָציאַליסטישע צייטונגען. זיי זענען שטיינגעבליבן איבער דער פּאַרוויכערטער באַן־בריק. אונטן גייען אָפּ, וועקסלען זיך צוגן. די געדיכטע רויכן פּאַרווישן די נידעריקע, ווייט־צעוואָרפענע אַנגאַרן. לאָקאָמאָטיוון וואָיען אין דער נאַכט אַריין. טייל גייען אָפּ קיין צפון, אַוודאַי צום ווייטן רוסלאַנד; ווער ווייס, אפשר וועלן זיי אין גיכן אויך דאָ זיצן אין אַזאַ צוג, אויפן וועג אַ היים. זיי וואַרטן נאָר אויפן סיגנאַל.

זיי זענען צוריקגעגאַנגען, געאיילט צום מיטינג וועגן די לעצטע געשעענישן. דער שיטער־געוואָרענער עולם אין די לאָקאַלן, אין די טאַווערנעס איז געווען נערוועז, אויפגעבראַכט. ס׳איז שווער געווען צו געפינען דאָס וואָרט פון פרייד און האָפענונג. די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט געענטפערט מיט פּאָגראָמען, רויב, מאָרד איבער יידישע שטעט און שטעטלעך. כמעט די גאַנצע יידישע ליבעראַלע און נאַציאָנאַליסטישע אינטעליגענץ איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון יאוש, פון פּאַניק. אין „וואָסכאָד“ האָט דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו אין אַן אַרטיקל „קנעכטשאַפט פון דער רעוואָלוציע“ אַטאַקירט נישט בלויז די אַסימילאַטאָריש־געשטימטע יידישע סאָציאַליסטן, נאָר אויך דעם בונד, פאַר זיין גלויבן אין דער עמאַנציפּאַציע פון יידן דורך דער רעוואָלוציאָנערער פרייהייט־באַוועגונג פון רוסישן פאָלק. פאַרן בונד, זאָגט ער, זענען די פּאָגראָמען בלויז אַן עפּיזאָד פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. ווי אַ פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגענומען אַן אויסשליסלעך קלאַסן־פּראָלעטאַרישן פּראָגראַם, קען דער בונד נישט דינען דער פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. דער קאַמף צווישן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און פון פּראָלעטאַריאַט, פאַרשטעלט פאַר זיי אין גאַנצן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. דאָס יידנטום אַלס גאַנצעס אָנערקענען זיי בכלל נישט. זיי צעשניידן אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם אין צוויי טיילן און זאָגן : אָט דאָס איז אונדזער טייל, דער פּראָלעטאַריאַט, און דער אַנדערער — איז אַ בורזשואַזער... אַ ציוניסטישער... אָבער די יידישע רעכטלאָזיקייט דריקט גלייכצייטיק דעם אַרבעטער און דעם קליינעם יידישן מענטש. אויף די גאַסן פון די פּאָגראָמירטע שטעט ליגן איינע לעבן די אַנדערע, מיט צעשפּאָלטענע שאַרבנס, אַלע יידן. דאָס איז אָפּגעפרעמדטקייט פון מאַרקסיסטישע פאַנאַטיקער. זיי האָבן זיך בעת די אָקטאָבער־מאַניפעסטאַציעס באַמיט צו זיין „רוסישער ווי די רוסן אַליין“. אויף די פּאָגראָמען, טענהן זיי, אַז דאָס איז נישט מער ווי „קאָנטר־רעוואָלוציע“.

— אייגנטלעך — האָט זיך חבר אַלעקסאַנדער געכאַפּט — איז דובנאָוו טריי געבליבן דעם ראַציאָנאַליסטישן אינדיווידואַליזם. זיין איבערגאַנג פון קאָסמאָפּאָליטיזם צו נאַציאָנאַליזם, איז נישט קיין שאַרפער איבערברוך, ווייל דער קאָסמאָפּאָליטיזם פון דעם משכיל־אויטאָדידאַקט איז געווען אַן אויבנאויפיקער, האָט זיין מקור נישט אין געפיל, נאָר אין סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאָנצעפּציעס, אין קריטיק פון מאַרקסיזם.

ער באַרעכטיקט אַלץ מיט דער הילף פון געשיכטע. דאָס איז נישט שווער. ווייל גע־ווינלעך לערנט אונדז די געשיכטע דאָס, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון איר...

— אָבער זיינע טענות צום בונד — האָט געזאָגט ליפּע — דאַרף אונדז אויך ברענגען צום פאַרטראַכטן זיך. אפשר טאַקע... איך טראַכט מיט אומרו, אַז די רעוואָ־לוציע קען זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל, ווייל די רוסישע געזעלשאַפט איז, זעט אויס, דערווייל דערוואַקסן נאָר צו אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע...

— מען קען אָבער נישט אָננעמען זיין טענה, אַז אין די רייען פון דער ס. ד.־פּאַרטיי טרעטן מיר אַרויס אויסשליסלעך מיט אַלגעמיינע פּאָליטישע און נישט קיין נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. מיר ווערן, הייסט עס, דערדריקט פון ביידע זייטן...

— פאַראַן אַ גרויסער אמת דערין. דער יידישער רעוואָלוציאָנערער פּראָטעסט ווערט פאַרלוירן אין אַלגעמיין־רוסישן. מען הערט נישט אַרויס דעם צאָרן פון — אַמיינסטן דערנידעריקטן און געררודפטן פאָלק. די יידישע אַסימילירטע אינטעלי־גענץ הייבט נישט אויף איר שטים. אַ יידישע פּאַרטיי האָט, לויט דובנאָוון, נישט קיין רעכט צו פירן אַ פּאָליטיק, צום שאָדן פון דער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער, און דער־מיט „צעברעכן פון אינעווייניק דעם אַרומגערינגלטן לאַגער".

אַ בלייכער, איז ליפּע געשטאַנען אויף דער קליינער טריבונע, אויפן פּראָטעסט־מיטינג פון דער יידישער סטודענטישער יוגנט קעגן די פּאָגראָמען. אין זאַל — אַ נערוועזער, אויפגערעגטער עולם. ווען ליפּע האָט זיך באַוויזן, איז פּלוצעם שטיל גע־וואָרן; און ער האָט אין עקסטאַז אַ וואָרף געטון דאָס וואָרט, וואָס איז דערנאָך געוואָרן היסטאָריש; ווייל מ'האָט עס באמת אַזוי געקענט אויסטייטשן: „דאָס בלוט פון יע־דער רעוואָלוציע, האָט ער געזאָגט, איז דער אייל, אָן וועלכן ס'רוקט זיך נישט פאָר־אויס דער רייט־וואָגן פון דער געשיכטע"... מ'האָט עס אויסגעטייטשט, אַז — „דאָס בלוט פון די פּאָגראָמירטע יידן איז דאָס גויטיקע אייל פאַר דער רוסישער רעוואָלו־ציע"... אָבער אַפילו ווען ער זאָל האָבן אַנדערש געזאָגט, אַנדערש געמיינט, איז עס גאָרנישט אַזוי וויט געווען פונעם טרויעריקן אמת.

ס'האָט זיי דאָרט אַלעמען סיי ווי, מיט אַ גרויסער, נישט־געשטילטער בענק־שאַפט, צוריקגעצויגן אַהיים, ווי די פייגל פרילינג־צייט, צו די היימישע קאַנטן. אין אויסלענדישן קאָמיטעט, אין קאַרוזשו, איז נאָך פאַרבליבן אַ היפּשער זאַפּאַס פון פאַל־שע פּאַספּאָרט־בלאַנקן אויסצושטעלן. און צוזאַמען מיטן חבר אַלעקסאַנדער, האָט זיך ליפּע געלאָזן אין וועג אַריין. אין בערלין זענען זיי קורץ אָפּגעשטיגן, באַקליידט זיך זיך „אַנשטענדיק", נישט אויסצוזען ווי קיין פרעמדע, נישט ציען אויף זיך די בליקן פון די „ציווילע", וואָס זענען אומעטום געווען פאַרשטעקט. שפּעט ביינאַכט זענען זיי אָנגעקומען אויף דער גרענעץ אין ווערזשבאָלאָוואָ. אויף דער אויסגעווייקטער פּלאַט־פאָרם — פּוסט, פינצטערלעך. אַ רעגנדל האָט געשמיסן אין דער קרום. די לאַמטערן האָבן זיך געשאָקלט אין ווינט. אין שמוציקן רוסישן וואַגאָן האָבן געברענט ליכט. שיכורע אָפּיצירן האָבן זיך פון איבערן וועגטל געזידלט — „זשידי... אַלץ זיי"...

מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן זיי זיך פאַרזיכטיק דערפרעגט אויף דער „יאַוור־קע", אין דער געגנט פון מוראַנאָוו, אין וואַרשע. די ברוקן פון דער פּאַרטייטער, אויסגעלאָשענער שטאָט האָבן אין די נעכט הילכיק אויסגעקלאַפּט די קאָפּיטעס פון ווילדע, קאָזאַקישע פערדלעך. פון די הינטערגאַסן האָט מען געפילט אויפגיין דעם האַס צום צאַרישן קנוט. דער פּאַוויאַק איז געדיכט באַשטעלט געווען מיט מיליטער.

מ׳האָט זיי אָפּגעפירט צום חבר נח, אין דער געהיימער מלינה, אויף קופּיעצקע געסל.

— חבר ליפּע ! דו אויך ? גוט וואָס איר האָט זיך דאָרט דערמאָנט, אין אויסלאַנד. מיר גייען דאָ אַנטקעגן, זאָלט איר וויסן, גרויסע טעג...

ס׳איז געווען סוף נאָוועמבער. דער אָקטאָבער־שטרייק איז געווען פאַרענדיקט. אין די פּוילישע געביטן — קריגס־צושטאַנד. אַ צייט פון בין־השמשות. אויף דער גאַס — פינצטער, פּוסט. אָבער מען פילט נאָך די טריט פון דער רעוואָלוציע. ס׳איז אַ מין וואָפנשטילשטאַנד. חברים האָבן זיך אומגעקערט פון סיביר. אַ מיטינג אין דער הילצערנער צירק־געביידע. מען שפּילט די „מאַרסעליעזע״. ס׳טרעטן אַרויס חברים פון אַרבעטער־ראַט. אַרום דער צירק־געביידע רייטן אַרום הערטלעך קאָזאַקן. אַ ייִדישער סטודענט מיט אַ געפּלאַצטן קאָזיראָק איבער די אויגן שפּרינגט אַרויף אויף דער טריבונע און דעקלאַמירט מיט גרויס פּאַטאָס גאָרקי׳ס „שטורעמפויגל״.

ליפּע איז דאָ פאַרבליבן דערווייל, אָבער חבר אַלעקסאַנדער האָט עס מיט אַ גרויסער בענקשאַפט צוריקגעצויגן אַהין, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיינע סטודענטישע יאָרן, קיין פּעטראָגראַד, צום גרויען הימל, צו די גראַניט־געביידעס, וווּ עס בעסטיקן די צאַרישע קאַנצעלאַריעס, צעלייגט אַרום דער נעוואַ; אָבער וווּ ס׳לעבט און קעמפט אַ וווּנדערלעך אַרבעטער־פאָלק. דאָרט האָט זיך ערשט נישט לאַנג צוריק אַלץ אָנגעהויבן. דאָרט איז דאָס גלחל גאַפּאָן, בראש פון אַ מאַסע, מיט הייליקע בילדער, די קעפּ אָפּגעדעקט, אַוועק צום ווינטער־פּאַלאַץ. דער שניי איז פאַרפלעקט געוואָרן פון זייער פאַרגאָסן בלוט.

דאָרט האָט דער צאַר אַליין, אַ טויט־איבערגעשראָקענער, אין יאַנואַר 1905, צונויפגערופן אַ קאָמיסיע, דורכצופירן אַן אַנקעטע וועגן די געשעענישן. אָט די קאָמיסיע האָט באַפולמעכטיקט די אַרבעטער אויסצווויילן אין די פאַבריקן דעלעגאַטן, אַרויסצושטעלן זייערע פאָדערונגען. דער סאָוויעט האָט אָבער אומגעריכט באַקומען אַ גרויסע אויטאָריטעט. די רעגירונג האָט ביז איצט געהאַט נאָר פאַראַכטונג צו אַ פאָלקס־פאָרשטייערשאַפט. באַלד נאָכדעם האָט זיך לעוו דאַווידאָוויטש באַוויזן אין פּעטראָגראַדער סאָוויעט. ער איז געקומען געהיים אַנצולויפן איבער פינלאַנד. אין די קולואַרן פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט איז געשטאַנען אַ פיבער. די שטרייקנדיקע אַרבעטער האָבן אָנגעפילט די זאַלן, טאָג און נאַכט, געקאָכט זיך אין הייסע דעבאַטן; ס׳איז אומגעריכט געווען אַ מין פּאַרלאַמענט, רעפּרעזענטירט דורך אַלע ניואַנסן. די דיסקוסיעס זענען נאָך נישט געווען פאַרענדיקט, ווען דעם 17־טן אָקטאָבער האָט דער צאַר, אין איין שרעק, אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט, צוגעזאָגט אַ קאָנסטיטוציע, ציווילע פרייהייט און פרייע וואַלן. אַן אויסברוך פון פרייד. אַ המון האָט פאַרפלייצט די גאַסן און פּראָספּעקטן, געלייענט דעם אויסגעקלעפּטן מאַניפעסט אויף די מויערן פון שטאָט. און אין דער מיט פון דעם אַלעמען האָט לעוו דאַווידאָוויטש אויפגעטויכט. ס׳זענען געפאַלן די ערשטע מעכטיקע קלעפּ. אַרעסטן. דאָס געריכט, ווי אַ פעסטונג, איז געווען אַרומגערינגלט מיט פאַרשטאַרקטע קאָזאַקן־סאָטניעס. אויף דער באַשולדיקונג־באַנק זענען, נאָך דער דערשטיקטער רעוואָלוציע, געזעסן די איניציאַטאָרן, די פירער פון פּעטראָגראַדער סאָוויעט. דער טריבונאַל — פאַרפלייצט פון אַ מבול רעזאָלוציעס, טויזנטער אונטערשריפטן, דעקלאַראַציעס פון אַרבעטער, ווי למשל : „מיר, די אַרבעטער פון דער פאַבריק אַבוקאָוו, דערקלערן אַז דער סאָוויעט איז נישט קיין בינטל קאָנספּיראַטאָרן, נאָר די אויטענטישע פאָרשטייער פון

פעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט. אויב איר געפינט אונדזערע חברים שולדיק, זענען מיר אַלע מיטשולדיק". די בענק פון די אַרעסטירטע זענען פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בלו־מען, מיט פעקלעך עסנוואַרג. בלומען — אין די קלאַפּעס, אין די הענט. און ווען די באַשולדיקטע זענען אויפגעשטאַנען, אין שטילשווייגן, צו באַערן זייערע דערמאָרדעטע חברים, האָט זיך דער גאַנצער זאַל אַ הייב געטון, אַפילו די זשאַנדאַרמען און די ריכ־טער. אין זיין לעצטן וואָרט, איז לעוו דאַווידאָוויטש געשטאַנען, צו וואַרפן זיינע ריכטער אין פנים אַריין :

— צי האָט דער סאָוויעט, אין געוויסע באַדינגונגען, רעכט אָנצווענדן כוח ? יאָ ! אין דער געשפּאַנטער סיטואַציע, דורכן פּאָליטישן גענעראַל־שטרייק, וואָס דער וויכטיקסטער ציל זיינער איז צו פּאַראַליזירן די אַלטע, אָפּגעלעבטע מלוכה־מאַשין. אָט די פאַרזשאַווערטע מלוכה־מאַשין, וועלכע איז אַפילו מיט באַרבאַרישע מיטלען נישט געווען בכוח איינצוהאַלטן און פאַרזיכערן די עפנטלעכע רו, בשעת טויזנטער אַרבעטער זענען אַרויס פון די פאַבריקן, פאַרפלייצט די פּראָספּעקטן. ווער האָט באַ־דאַרפט פירן די דאָזיקע מאַסן ? אַן אינסטרומענט פון דער פאַרפוילטער מאַכט ? די פּאָליציי אפשר ? קיינער נישט, אויסער די אויטענטישע פאַרשטייער פון פאָלק, די אַרבעטער־דעפּוטאַטן...

אין דער זעלבער צייט האָט זיך ליפע קאַמאַשנמאַכער צוריק אַריבער־געכאַפּט צו זיין היימישן ביאַליסטאָק. אַהין האָט עס אים אַלע מאָל געצויגן. די שטאָט איז אין יענעם נאָוועמבער געלעגן שטום, אויסגעשטאָרבן, אָבער אונטערן אַש, האָט מען געפילט, זשאַרעט נאָך דער פלאַם. נאָך דער מפּלה מיט יאַפּאַניע, נאָך די גרויסע מהומות, איז דאָ געהאַנגען אַ פינצטערער וואָלקן. די פאַרחושכטע וועבערס האָבן געהאַט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אין די וועלדער, הינטער דער שטאָט, זענען גערופן געוואָרן אַרבעטער־מיטינגען. דער ראַטמיסטער גריבאָיעדאָוו איז מיט זיינע זשאַנ־דאַרמען דעם צווייטן טאָג סוכות באַפאַלן אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד. אין דער פינצטער האָבן זיי דאָרט ווילד געריטשעט : שטיין בלייבן ! און גלייך אָפּגעגעבן אַ זאַלפּ שאָסן, געשניטן מיט די שווערדן. בלוט האָט זיך געגאָסן.

דער צ. ק. פון בונד האָט אַרויסגעלאָזן אַ צירקוליאַר, אַ פּראָטעסט קעגן דער שחיטה, גערופן צו דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן. די אַרבעטער האָבן זיך געלאָזן צו די פאַבריקן, אַראָפּגענומען די טראַנסמיסיע־פּאַסן. מ'איז באַפאַלן די פּאָסט, די זשאַנ־דאַרן־צירקלען. איבער נאַכט איז געקומען פאַרשטאַרקונג פון מיליטער און פּאָליציי. די אַרבעטער האָבן זיך באַוואָפנט מיט אייזנס, מיט לאָמען, מיט שטעקנס. די פאַב־ריק־מיידלעך האָבן געכאַפּט שטיינער פון ברוק און געשריגן :

— ברידער ! מיר וועלן קעמפן אויף לעבן און טויט !

די לוויות פון די געפאַלענע האָבן פאַרפלייצט די שטאָט מיט המונים. שווער און פייערלעך, ווי פון אונטער דער ערד, האָט זיך געקייקלט אונטער די פלאַטענדיקע פענער דאָס ליד וועגן די חברים, „געפאַלענע אין שלאַכט".

די אַנאַרכיסטן, „טשאָרנאָיע זנאַמיא" (די שוואַרצע פאָן), זענען אָנגעפירט גע־וואָרן דורך זיידל וועבער, אַ יונגער אַרבעטער, זייער אַ היציקער. ער האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אומגעקערט פון סיביר. אונטער דער אָנפירונג פון זיידל אַנאַרכיסט זע־נען אין שטאָט דורכגעפירט געוואָרן עקספּראָפּריאַציעס, אָדער „עקסן".

— דער באַלעבאָס — האָט זיך זיידל געקאָכט — זויגט דאָס בלוט פון די אַרבעטער... אויב מען קען נישט נעמען ביי אים דורך געהעכערטע שכירות, דאַרף מען נעמען ביי אים מיט כוח...

דער בונד איז געווען קעגן „פּראָפּאַגאַנדע דורך טאַט", ווייל ס'פירט צו פאַרברעכן. קליינע „מייסטערסקייעס" האָבן זיך אין בהלה פאַרקלאַפּט. די באַלעבאַטים זענען זיך צעלאָפן פון שטאָט. זיידל האָט געפאָדערט מ'זאָל אַן אָפּגעזאָגטן אַרבעטער באַצאָלן פאַר דריי חדשים. אויף סוראַזער גאַס, אויפן שול־הויף, האָבן זיי איינגעשטעלט אַ טריבונאַל, וואָס האָט אויסגעגלייכט סיכסוכים צווישן דינסט־מיידלעך און זייערע באַלעבאָסטעס. דער טריבונאַל האָט אַרויסגערופן ביידע צדדים, אויסגעהערט די טענות און אַרויסגעגעבן זיין פּסק דין. ווי איז געווען צו יענעם, וואָס האָט זיי נישט געהאָרכט...

ס'איז טאַקע פּראָקלאַמירט געוואָרן דער מאַניפעסט פון צאַר, אָבער די סאָלדאַטן האָבן געשאָסן אין די גאַסן, געהרגעט ווו נאָר זיי האָבן דערזען יידן. ס'האָט זיך לאַנגאַזם געצויגן אַ „פּאַטריאָטישע" מאַניפעסטאַציע פון „טשינאָווניקעס", איבערגעטוענע פּאָליציי־לייט, אונטער־וועלט־באַנדעס. פּלוצעם האָט עמעצער געוואָרפן אַ באָמבע. די סאָלדאַטן, צעשטעלט אין אַלע ראָגן, האָבן געעפנט אַ שיסעריי און דערהרגעט 25 יידן.

ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז לויטן מאַניפעסט, וועט מען אַלע אַרעסטירטע אַרויסלאָזן אויף דער פריי. האָט מען זיך אַ לאָז געטון צו דער טורמע, אָבער אַ וואַנט פון סאָלדאַטן האָט פאַרשטעלט די גאַס, האָבן געשאָסן אין המון אַריין. עס זענען געפלויגן בלעטלעך, אַז די יידן וואַרפן באָמבעס אין צערקוועס און קאָשציאָלן. אַ פּראַוואָסלאַוונע פּראָצעסיע האָט געצויגן פון סאָבאָר, לענגאויס דער ניקאָלאַיעווסקי און אַלעקסאַנדראָווסקי. ביים פאַרקירעווען אין דער אינסטיטוטסקע, האָט אַ פּראָוואָקאַטאָר אַ וואָרף געטון פון יענקל רעכיטיסעס הויז אַ באָמבע. דאָס איז געווען דער סיגנאַל. 810 יידישע קרבנות זענען אין דעם טאָג געווען אין שטאָט. אָבער די סוראַזער גאַס האָבן די כוליגאַנעס אויסגעמיטן. דאָרט האָט געגעסטיקט דער פּראָלעטאַרישער כוח, די זעלבשוץ פון די יידישע אַרבעטער.

דער פּלאַן פון „סטיכישן" פּאָגראָם איז מיט אַלע איינצלהייטן אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן ביאַליסטאָקער גענעראַל־לייטענאַנט באָגאַיעווסקי, ער האָט זיין שטיקל אַרבעט דורכגעפירט זייער קאַלטבלוטיק. אַ וואָלקן פון פעדערן האָט זיך געטראָגן איבער די יידישע גאַסן און ליקלעך. אויפן וואָקזאַל האָבן די כוליגאַנעס אָפּגעוואַרט די צעשראָקענע יידן, וואָס האָבן געפּרוווט צו אַנטלויפן פון שטאָט. אין יידישן שפּיטאָל זענען די קאָרידאָרן, די מתים־שטיבלעך געווען פאַרוואַלגערט מיט הרוגים, גוססדיקע, מיט צעבראָכענע שאַרבנס, אויסגעשטאָכענע אויגן, אָפּגעשניטענע צונגען. איבער די יידישע גאַסן און ליקלעך איז געשטאַנען אַ יאָמער, אַ געקלאָג.

ס'האָט געהייסן אַז אין ביאַליסטאָק האָבן יידן געוואָרפן באָמבעס אויף אַ רעליגיעזער פּראָצעסיע. ס'איז דערהרגעט געוואָרן אַ קאַטוילישער גלח, ס'האָט אָפּגעריסן אַ פוס ביי אַ פּראַוואָסלאַוונעם פּאָפּ. קינדער, וואָס האָבן געטראָגן הייליקע בילדער, זענען צעטרעטן געוואָרן. די „העלדן" פון פּאָגראָם זענען געווען: דער גובערנאַטאָר קיסטער, דער פּריסטאַוו שערעמענטיעוו, דער אָקאָלאָדאָטשניק בייבאַק, קאַפּיטאַן אַזאַל, גענעראַל באָגאַיעווסקי, זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק גריבאָיעדאָוו.

רוסלאַנד האָט שוין געהאַט אַ „דומע". 49 דעפּוטאַטן האָבן אַריינגעטראָגן אַן אָנ־קלאַגע, אַ תיכפדיקע אָנפראַגע ביים אינערן־מיניסטער. ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון די דעפּוטאַטן שטשעפּקין, פּראָקוראָר אַרקאַנצעוו און יאַקאָבזאָן. זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז עס זענען נישט געווען קיין שום סיבות פון נאַציאָנאַלער שנאה, אַזוינס האָט נישט עקזיסטירט צווישן יידן און אַנדערע פעלקערשאַפטן אין ביאַליסטאָק. זיי האָבן געפאָדערט איבערגעבן צום געריכט אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע און דעם מיניסטער — אין דעמיסיע. לעוו טאָלסטאָי האָט געשריבן: „דער פּאָליציי איז געווען גאַראַנטירט, אַז זי קען אומבאַשטראָפט באַגיין די שווערסטע פאַרברעכנס, הרגענען יידן, אונטערצינדן זייערע הייזער". די לינקע ליבעראַלן האָבן געשטורעמט קעגן דער צאַרישער פּאָגראָם־מאַכט. אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט דער צאַר באַפוילן פונאַנדערצולאָזן די „גאָסודאַרסטווענע דומע".

די עסערן־מאַקסימאַליסטן, וואָס האָבן נאָך געהאַלטן פון טעראָר, ווי אַ שנע־לערן עטאַפּ צו דער רעוואָלוציע, האָבן אַרויסגעגעבן טויט־אורטיילן אויף די צאַרי־שע „אָכראַניקעס". אויסצופירן די טויט־אורטיילן איז איבערגעגעבן געוואָרן די „באָיעווקעס". אין משך פון עטלעכע חדשים זענען דערשאָסן געוואָרן: דער פּריס־טאַוו פון 4־טן צירקל, שערעמענטיעוו, דער זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק גריבאָיעדאָוו. דאָס האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון באַן, קאָלטעבלוטיק, מיט די שפּאָרן, געשפּאָלטן די מוחות פון די שווער־פאַרוואונדעטע יידן. כאָטש ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער שמירה, האָט אים איינער אַ פלינקער שיסער, שימעק, אַוועקגעלייגט. ווען ער איז געפאָרן אויף אַ קאָנקע איבער ניקאָלאַיעווער גאַס. די עסערן־מאַקסימאַליסטן האָבן דערנאָך אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע, אַז דער גערעכטער משפּט איז אויס־געפירט געוואָרן.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

די דין־תורה ביי ר׳ חיים׳קען

טראָגנען האָבן זיך געוואַקלט, אָבער דאָס הויז ביי לייבל זיידמאַן איז ביז דעם אומפאַרגעסלעכן יאָר געשטאַנען אויף זיינע פונדאַמענטן, אייזן־פעסט, פון אָרט נישט צו רירן. אַזוי האָט זיך אים געדאַכט, דעם איבערגעשפּיצטן ייד. אין טאַרטאַק, אין מיל, ביי זיך אין הויז, האָט ער טאַקע געוועלטיקט מיט אַ שטאַרקער האַנט, מיט גע־וואַלדן, מיט קולות, איבער אַלץ און אַלעמען, אָבער נישט איבער דער עלטערער טאָכטער, איבער טייבעטשקען — אַזוי האָט זיך אַרויסגעשטעלט. זי האָט זיך אַרויס־געריסן פון זיין גדר; איז אַוועק, פאַרשוווּנדן, ווי אין וואַסער אַריין, מיטן „צער בעלי חיים"־יונג, מיט ליפע קאַמאַשנמאַכער. קינד־און־קייט אין שטאָט האָבן גערעדט דער־פון, געוווּנדערט זיך, געלאַכט אין די פויסטן. איינער, אַ לץ, האָט אפילו פאַרפאַסט דערפון אַ לידל. לייבל זיידמאַן איז אַרומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד. ס׳וויב מיט

די טעכטער האָבן גאָר מורא געהאַט צו ווייזן זיך פאַר זיינע אויגן. אויף אַזאַ פאַר־שעמונג האָט ער זיך נישט געריכט, ניין.

ער האָט זיך איצט אַרומגעקוקט, אַז ער איז נאָך אַלץ אַנגעבונדן, ווי מיט אַ קייט אויפן האַלדז — די וועקסעלעך, די „זשירעס", די היפּאָטעקן, די קאָנטראַקטן — צו זיין שותף, דעם פאַרגוויישטן ייִד, סאַלאָמאָן סקאָרבניק. יענער, קען מען זיך פאַר־שטעלן, איז אויך נישט געווען דער גאַנצער נאַר. ער האָט לייבלען געהאַט אין דער האַנט. ס'האָט זיך, געווייִנטלעך, געצויגן אַזוי יאָרן, דאָס שותפות, די „פּאַדריאַדן"; כאָטש ביי יענעם איז דאָס אַלץ גאָרנישט געווען דער עיקר. ער האָט געהאַט וויכ־טיקערע עסקים אין „טיף ראַסיי", און דאָ באַלד, אין דער וועבער־שטאָט ביאַליס־טאָק, פון וואַנען ער האָט זיך נאָר וואָס קוים מיטן לעבן געראַטעוועט.

סאַלאָמאָן סקאָרבניק האָט זיך פלוצעם אַראָפּגעיאָוועט אַהער, מיט אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס, דאָס מעלאָן־קאַפּעלושל איבער די אויגן, אַ נישט־געגאָלטער; און נישט אין דער קאָטש מיט די גומענע רעדער. ער האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס דאָ איז זיך פאַר דער צייט פאַרלאָפן. ס'איז געווען שטילער ייִדישער קרעכץ אין זיינע רייד:

— דו הערסט, לייבל — האָט ער זיך אומגעריכט געטון אַ שטעל אַריין — ס'איז אמת... די גויים ווילן אונדז טאַקע נישט...

דאָס שפּיץ־בערדל היפּש פאַרגרויט, האָט ער דאָס מאָל, ווייניקער פאַרריסן, גע־נומען צואיילן די חתונה, ווי ס'איז געווען אָפּגעשמועסט, פון זיין בנ'אָק, פון אַרטשיקן, מיט לייבל זיידמאַנס בתולה, מיט טייבעטשקען.

— אַ סוף אָן עק זאָל עס נעמען !... — האָט ער אונטערגעאיילט.

און דאָ איז לייבל שטיינגעבליבן מיט אָן אָפן מויל. הייסט עס... וואָס זאָל ער אים דאָ גיין ענטפערן ?... זעט אויס, אַז ער ווייסט טאַקע פון גאָרנישט...

ווייל אַרטשיק האָט זיך מער אין גאַנצן נישט אַריינגעוויזן, זינט דער טאַטע האָט זיך אומגעריכט אַראָפּגעיאָוועט, נישט אין הויז, נישט אין קאָנטאָר. ווער ווייס אים, ווו ער וואַלגערט זיך ערגעץ אַרום אין די נעכט ? און אפשר האָט ער גאָר מורא געהאַט צו ווייזן זיך פאַרן אייגענעם טאַטן ?

ווי אַ נייער כוח וואָלט אים געטריבן, דעם פאַרגוויישטן ייִד סאַלאָמאָן סקאָרבניק. ער האָט פלוצעם גענומען ייִדישלעך אונטערקרעכצן; האָט זיך צוריק באַזעצט אין זיין אָפּגעלאָזענער, צעטראָגענער קאָמעניצע, אויפגעהויבן זיך מיט טאָג־צוגלייך, ווען אין דרויסן איז נאָך פינצטערלעך, באַפוילן אַריינצוטראָגן אים אין קאָנטאָר אַ פאַ־רעדיקן סאַמאָוואַר; געזעסן און געפּיפּקעט ציגאַרן; געהייסן זיך, אומגעריכט, דער־לאַנגען די געשעפט־ביכער, אַריינגעבליקט אין זיי מיט איין פאַרקוועטשט אויג, צו זען ווו מ'האַלט ערגעץ אין דער וועלט. באַלד האָט ער אַלץ אָוועקגעשמיסן, אויפגעהויבן זיך און אַרויסגעלאָפן, אָפן לאָזנדיק די טירן, נישט אומקוקנדיק זיך אויף לייבלען, וועלכער איז געזעסן אין אַ ווינקל, בלייך ווי די וואַנט, קייענדיק דאָס שפּיץ בערדל. אָנגעצויגן אין אַ פאַר טיפע שטיוול, אין אַ פּודיאָווקע, דעם פוטער־קאָלנער אויפ־געשטעלט, האָט סאַלאָמאָן סקאָרבניק זיך אַראָפּגעלאָזן צו די גאַטאָרס אין די שאָפּעס פון טאַרטאַק, געדרייט זיך אויפן פאַרוואַלגערטן פּלאַץ, באַטאַפּט דאָס געהילץ, גע־קרימט מיט דער נאָז, געמרוקעט; צוגעקוקט זיך פון דער זייט, מיט אַ פאַרזשמורעט אויג ווי די גוישע באַלמעלאָכעס, די שוואַרץ־אַרבעטער, די טאָג־לוינער, שלעפּן

אַרויף מיט די לאַנגע באָרסוקעס די קלעצער פון טייך, און אין דער האַרבסטיקער ליידיקייט הילכט פון ווי וויט זייער „היי, אוכניעם !".

ס'איז שוין געווען אַ שטיק נאָך סוכות. ס'האָט שוין באַצייטנס געצויגן מיט ביי־טערע קעלטן. באַגינען איז ליגן־געבליבן אַ ווייסע ראָסע אויף די דעכלעך פון די שאַ־פעס און אויף די צעטראָטענע גרעזער. סאָלאָמאָן סקאָרבניק האָט באַפוילן, אַז אַלע קלעצער, וואָס זענען דורכן זומער געקומען אָנצוציען פון די טיפע פּאָליעסער וועל־דער, מיטן טייך, זאָלן — איידער ס'וואַסער שטעלט זיך — אַרויפגעצויגן ווערן. דער ברעג איז פאַרוואַלגערט געווען מיט שווערע דעמבעס, ליפּעס, סאָסנעס. דער סאַק איז נאָך גערונען פון זיי.

גויים, בלויז גויים, האָט ער זיך פלוצעם געכאַפּט, אַרבעטן ביי אים. זיי האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, ביי שטורקאַצן, אַפילו אום שבת און זונטיק. לייבל האָט אָפּ־געשאַפט אַלע יידישע באַלמעלאָכעס. פאַר וואָס ? — האָט סאָלאָמאָן סקאָרבניק גע־וואָלט וויסן. און ער האָט זיך איילן אומגעקערט צום קאַנטאָרל. לייבל האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט אויף די שפּיץ פינגער, פּאַרטייעט, אויסגעמיטן דעם שותּף, גע־ציטערט פאַר זיין גרויס מויל. יענער האָט דאָ אומגעריכט גענומען צו פיל אַריינקוקן אין זיינע פירעכצן. „ס'וועט מיך נישט מיידן — האָט ער זיך געפרעסן — פאַר־פאַלן, מ'עט דעם בלאָטער מוזן אויפשטעכן"...

די פאַרפּלאָנטערטע חשבונות האָבן זיך געצויגן אַזוי פון איין יאָר צום צווייטן. יעדעס יאָר, נאָך סוכות, איז געבליבן שטיין עפּעס אַ סענק אין די ביכער. ער האָט זיך אייביק געאיילט, סאָלאָמאָן סקאָרבניק; האָט זיך אויפגעהויבן און איז ווידער ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. מיטן חתונה מאַכן טייבעטשקען, האָט לייבל באַרעכנט, וועט מען די אַלע קליינע סענקעס אויסגלייכן, אין גוטן מוט; במילא וועט אַרטשיק אַלץ איבער־נעמען, כאָטש דער באַלעבאָס וועט, ער, לייבל, פאַרבלייבן; ס'וועט זיין, ווי מ'זאָגט, אַ גלייכע זאַך, אַ משפחה־ענין. און דאָ — אַזאַ אומגליק. גיי דערצייל עס אים !

צו פאַרטומלען אים מיט די ביכער, מיט די חשבונות, האָט לייבל ס'ערש־טע מאָל אונטערגעטראָגן אים די געחתמעטע צעטעלעך אַרטשיקס, מיט די גע־כתיבהטע לשון־קודשדיקע אותיות : „עד לחשבון".

— ווען ? ווי אַזוי ?! שטעלט ער דאָך מיר, אויב אַזוי, בדיל הדל, דער ליידיק־גייער... — האָט סאָלאָמאָן סקאָרבניק, אַריינקוקנדיק מיט דער בריל אין די אונטער־געחתמעטע צעטעלעך, ראַפּטעם געטון זיך אַ שטעל אויף, געכאַפּט זיך אַזש פאַרן קאָפּ.

— היתכן ? — האָט לייבל אויסגעשטעלט אַ פּאָר קאַלטע פיש־אויגן — האָסט אָנומלטן אַליין באַפוילן אויסצוצאָלן אים עד לחשבון, האָב איך אויסגעצאָלט... וואָס ווייס איך ? ס'איז דיין בנ'אָק, נישט מיינער...

— אָבער אין איין וואָך אַזש דריי הונדערט קאַרבובינים ! ... — איז אים געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן — ווו איז ער ערגעץ, דער שאַרלאַטאַן... כ'וועל אים דורסן... ניין, לייבל... — האָט ער זיך באַלד אָבער צוריקגעכאַפּט — ס'איז מיר עפּעס צופיל... לאָמיר נאָר אָקאָרשט „פּאָדראָבנע" אַריינקוקן אין די ביכער...

אָבער נישט פון די ביכער און נישט פון אָנקוקן דעם שיינעם לייט, אַרטשיקן, איז אים עפּעס קלאָר געוואָרן. און דאָ האָט אים אויך לייבל, באין ברירה, אַלץ פּותר געווען : אַזוי און אַזוי... נישטאָ קיין טייבעטשקע... זי האָט אים רואינירט, איז אַנט־

לאָפּן מיטן „צער בעלי חיימניק"... נאַדיר — האָט ער אויסגעשטרעקט דעם האַלדז — און שעכט...

— אַ ז ו י ! — איז יענער געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל — הייסט עס, אַז קיין „וואָרט" איז שוין קיין וואָרט נישט... הפקר פּעטרישקע...

און ער האָט זיך באַלד געכאַפּט :

— כ'פאַרשטיי שוין... אָבער אײדער וואָס־ווען, באַפויל איך באַלד צוריק אַריינ־צונעמען אַלע יידישע באַלמעלאָכעס, דו הערסט ! — האָט ער געזעצט מיט דער פויסט אין טיש אַריין — כ'קום פון דער וועלט... ס'איז אַ בראָך צו אונדזערע יאָרן... קיינער וויל אונדז נישט... און דו — אויך נישט ?!... גאָספּאַדין לעאַניד זיידמאַן... דאָס וואָלט גיכער געפּאַסט פאַר מיר... אָבער איך, זעסטו, האָב שוין פאַרשטאַנען... נאָך ווי פאַרשטאַנען...

און ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און איז אַרויסגעלאָפן.

די היגע לייט זענען געווען לויטער ביטערע עקשנים; האָבן ליב געהאַט אַליין ווייט נאָכצוקלערן, נאָכצורעכענען, אַליין מעיין זיין אין אַ ספר, נישט פאַרלאָזן זיך אַלע מאָל, וואָס דער דיין, אַדער אַפילו דער רב אַליין וועט פּסקענען; זיך נישט געַ־רעכנט וואָס עמעצער האָט דאָרט געזאָגט, האָט יענער געמעגט זיין מי יודע ווער. אָבער פאַרן אַלטן בריסקער רב ר' חיימקע האָבן זיי אַלע גרויס דרך ארץ געהאַט.

ס'איז נישט אַריבער קיין מעת לעת, האָט מען דורך אַ שמש באַפוילן לייבלען, מיטן האַרבן וואָרט, למען השם זען אַריבערצוקומען אין בית־דין־שטיבל, צום רב ר' חיימקען.

אַפילו ווייטעלכע, אָפּגעפרעמדטע יידן האָבן געלעבט אין שאָטן פון רבנישן הויז, פון די סאַלאָווייטשיקס, באַקאַנט בכל תפוצות ישראל. די קהלה־לייט זענען טאַקע געווען שאַרפע מתנגדים, חריפותדיקע מוחות, אָבער, במחילה, טרוקענע ליטוואַקעס. זיי האָבן געזאָרגט פאַר כלל־ישראל, ס'זאָל אַ יידן, חלילה, נישט געטון ווערן קיין שום עוולה. זיי האָבן אָבער נישט דערלאָזן אויפשפּאַרן אַ לופּטשיקל, אַריינצולאָזן אַ ביסל פרישע, געזונטע לופט אין יידישן כלל־לעבן. די „צער בעלי חיים", ווידער, די יידישע בעלי־מלאכות, האָבן זיי פּשוט מחרים געווען, געראָדפט זיי עד חרמה. אָבער אין אַזעלכע ענינים ווי אַ „וואָרט", אַ תקיעת כף, האָט שטאָט נישט געשוויגן, דערצו נאָך — ביי דעליקאַטע געלט־ענינים.

אין דער נידעריקער בית־דין־שטוב, פון פאָרנט, האָט דורך די דינע לעדלעך געלויכטן זיך ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. יידן, וואָס האָבן פאַרבייגעשלייכט מיט שטילע טריט דאָס געסל, האָבן געוווסט, אַז דאָס ריכט ר' חיימקע אָפּ תיקון־חצות. ס'האָט געשוועבט אַ פאַרכטיקייט אַרום רב'ס געהויקערטער, הילצערנער שטוב, נאָך דער צווייטער אשמורה; ס'האָט געשוועבט ווי אַ טויבן־געפלאַטער, אַ טרוי־עריק געזאַנג — די שכינה, ווײ־געשריגן, איז אין גלות. ס'איז די שעה פון רחמים, פון קלאָגן און וויינען אויפן חורבן בית־המקדש. דער פאָטער זיינער, זאָל זיין אָפּגע־שיידט, דער צדיק ר' יאָשע בער, אַ מופלג הדור, אַ עוקר הרים, איז געזעסן יומם ולילה אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער אייטלדיקער וועלט, פון גשמיות, פון די ער־דישע התנהגותן, האָט, דוכט זיך, אַפילו רעכט קיין צורת מטבע נישט געקענט, איז אויך געווען אין די דינים האַרב, אָן רחמנות. אָבער דער זון, ר' חיימקע, איז שוין גע־ווען מער מקיל, נענטער צום פּשוטן באַלמעלאָכע, צום קרעמער, מער אויסגעבונדן

מיט וואָכעדיקע הצטרכותן פון קהל און פון פּראָסטן עולם. אַז אַ יידענע איז אַ מאָל געקומען צו אים מיט אַן עוף, זי האָט געפונען אַ סרחה — ס'איז מיר ביטער, רבי... — האָט זי געקלאָגט — דער מאַן מיינער איז חרוב... ער דאַרף, נעבעך, אויסנאָגן אַ פליגעלע, ער דאַרף דאָס ביסעלע יויך, ווי ס'לעבן... האָט דער רב קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט און געפּסקנט: כשר...

אויך האָבן די יידישע מורדי במלכות אין די לעצטע צייטן פאַרשאַפן אים נישט ווייניק עגמת נפש. כאָטש ער אַליין האָט שטילערהייט אויך נישט געקענט משלים זיין, נאָך אַנאַנד געשלאָגן זיך מיט דער דעה, צי איז טאַקע אַלע מאָל דינא דמלכותא דינא. וואָרום, מ'זעט דען נישט, ווי דאָס מלכות זדון וויל אונדז אַלעמען דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער, אומברענגען. כסדר נייע גזרות, אָנשיקענישן, פּאָגראָמען. אָבער די דיינים, די גבאים, די חשובע בעלי־בתים, מיטן פּרנס ר' ירוחם שאַץ בראש, האָבן געמאַכט געוואַלדן, איינגעלייגט וועלטן, באשר די מורדי במלכות, וועלן נאָך, חלילה, אָנשיקן כלערליי אומגליקן אויף יידן, מיט זייערע „זאַבאַסטאָווקעס", מיט זייער איינרייסן מיט „קאַזנאַ", מיט זייער אָנטון צרות די ברויט־געבער זייערע. ס'איז א סכנה, גאָט זאָל אָפּהיטן, פון אַ פּאָגראָם...

אָבער נישט דערוועגן איז דערווייל געגאַנגען די פלוגתא ביים רב ר' חיימקע אין בין־דין־שטיבל.

— ווי צו די אויערן, וואָס הערן עס... אַ תקיעת כף! מ'האָט געמאַכט אַ „וואָרט"... ביידע צדדים האָבן מקבל קנין געוועז... — האָט דער דיין ר' שמחה־זעליג, אַ קליין יידל מיט אַ דאַרער, פאַרגרינטער באָרד, ווי אַן אויסגעריבן בעזעמל, מיט ווילדע ברעמען, געקלאַפּט מיטן בלייכן פויסטל אין שטענדער אַריין.

ר' ירוחם שאַץ, דער פּרנס, איז געווען אַ ייד אַ תקיף, אַן איינגייער ביים פּריס־טאַוו, ביי „נאַטשאַלסטוואָ"; ווען דער צאַר איז דאָ געקומען, איז ער אים אַנטקעגנ־געגאַנגען מיט אַ ספר תורה, מיט ברויט און זאַלץ אויף אַ טאַץ. ער האָט זיך געשטעלט ברייט מיט זיין היפשן בויך פאָראויס:

— לייבל! — האָט ער אים נישט געאירצט, נישט גערעדט, נאָר געדונערט, געשטאָלפּערט אין דער פּאָדלאָגע מיטן שטאָק מיט דער זילבערנער גאָלקע — דיין בתולה זאָל נעמען און אָפּטון אַזאַ זאַך! וואָס פאַראַ טאַטע, פרעג איך דיר, ביסטו, האַ? ווו איז עס געהערט געוואָרן?

— צער גידול בנים... — האָט לייבל, בלייך ווי די וואַנט, צענומען די הענט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און אַנטשוויגן געוואָרן, ווי א זינדיקער.

— אָבער דאָס — האָט ר' חיימקע נישט געוואָלט פאַרגעסן, ווי ס'וואָלט געוועזן ביי אים אַן אַ שיעור וויכטיקער, אפילו ווי דער תקיעת־כף — פאַרשטיי איך שוין לחלוטין נישט. נעמסט, הער איך, יידישע בעלי מלאכות, אביונים, נעבעך, באהאָנגען מיט ווייבער און פיצלעך קינדער, און וואַרפסט זיי אַרויס אויף דער גאַס... און אויף זייער אָרט נעמסטו אַריין יוונים... בלויז גויים.. באשר, ס'מאכט דיר אַוודאי אויס ביי־ליקער... געוואַלד־געשריגן, ס'איז שוין טאַקע הפקר אַ וועלט? לית דין ולית דיין... ווו איז א ביסל יהדות, וויל איך וויסן!...

— אַלע צרות, רבי, זאָלט איר וויסן זיין, נעמען זיך טאַקע פון די יידישע בעלי־מלאכות, די „צער בעלי חיים", וואָס האָבן זיך דאָ איינגענאַדיעט... פריער האָט מען פון אַזוינס נישט געוווסט... ריכטיקע „ראַזבאָיניקעס"! מיט זייער „אונטערבורזשען"

דעם „נאַראַד“, האָבן זיי זאַראַזעט די גוים אויך... זיי האָבן מיר מיין טאָכטער צוגע־רויבט... און אַלץ דער ליפע קאַמאַשנמאַכער, ימח שמו וזכרו...

נאָך די רייד האָט אים באַשלאָגן אַ טויט־בלייכקייט. אַ פּערלדיקער שוויס האָט באַדעקט זיין געקאַרבטן שטערן. מער האָט ער שוין נישט געקענט. ער האָט זיך ראַפּטעם אַראָפּגעזעצט אויף דער באַנק, איז מיט איין אויסגעשפּיצטן אַקסל אַ פּאַל געטון צום ווענטל, דאָס אויג — פאַרגלייזט, ווי אַ חלוש. אָבער קיינער האָט זיך גאָר מער אויף אים נישט אומגעקוקט. קיין שום רחמנות נישט!

— יידן באַדאַרפן אויך צו לעבן! — האָט ר׳ חיימקע געצויגן מיט אַ ניגון, אַראָפּ־גערוקט די שפּאַקולן איבער די אויסגעשרויפטע אויגן. זיין זקנישער בליק פון אונטער די געדיכטע ברעמען, אַ פּאָטערלעכער, אָבער אַ שטרענגער און פייערדיקער, האָט דורכגענומען די חשובי העיר, פאַרזאַמלטע אין בית־דין־שטיבל, אַז ירוחם שאַץ אַליין, מיט זיין היפּשן בויך אונטערן ליפּאַגענעם כאַלאַט, מיט זיין שטאָק אין דער האַנט, איז אַזוי ווי צוריקגעפאַלן אין זיך.

— כ׳בין דיר גוזר, לייבל — האָט ר׳ חיימקע געטייטלט מיטן דאַרן פינגער — זאָלסט, למען השם, צוריק אַריינגעמען צו דער אַרבעט די יידישע בעלי מלאכות, דו הערסט צי ניין... די מעשה, ווידער, מיטן תקיעת כף, מיט די איבעריקע טענות, וואָס כ׳הער דאָ פון ר׳ שלמה סקאָרבניק, וועלן מיר, אם ירצה השם, אויסגלייכן אין גוטן מוט. מ׳עט מוזן געפינען אַ פּשרה, אַבי ס׳זאָל, חלילה, נישט דערגיין אין גוישע הענט אַריין... דער היגער „סודיאַ“ איז, הער איך, אויך אַ גרויסער שונא ישראל, זוכט נאָר יידן צו לאָזן שמידן אין קייטן... אוי, יידן, יידן, מ׳דאַרף האָבן גרויס רחמים! איך ווייסט גאָרנישט וואָס פאַראַ צוררים עס לאָקערן אויף אונדזער לייב־און־לעבן...

אַן אימה איז באַפאַלן די חשובע בעלי־בתים צו הערן אַזעלכע דיבורים. אַלע זענען זיך באַלד דערנאָך צעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, שטאַרק פאַרמוח־טע. זיי האָבן, נישקשה, גוט צעקייט די רמזים פון רב זייערן. ווייל אין די גרויסע שטעט, הערט מען, טוען זיך אָפּ מעשים תעתועים. מען שעכט, רחמנא לצלן, מענטשן אין די גאַסן, מען שיסט אין „נאַראָד“ אַריין...

די מהומות האָבן זיך טאַקע באַלד אָנגערוקט אַהער אין שטאָט אַריין אויך. זעט אויס, אַז ערגעץ ווו איז דאָ געווען אַ האַנט, וואָס האָט געקערעוועט מיט די אַלע מהו־מות און מרידות.

אַלע אומגליקן, האָבן די באַלעבאַטישע יידן באַקלערט, נעמען זיך נאָר פונעם יונגוואַרג, וואָס איז אַרויס לתרבות רעה. אַזוי האָבן זיי באַקלערט. אמת איז, ס׳האָט זיי געצויגן אין דער ברייטער וועלט אַריין. זיי האָבן דאָ אין שטאָט קיין שום תכלית נישט געזען פאַר זיך. מ׳איז געלאָפן ווו די אויגן האָבן געטראָגן. דער אָוונטיקער שפּאַציר־גאַנג, דאָס „גיין צום וואָקזאַל“, האָבן זיי געפילט, שמעקט שוין עפּעס מיט „גיין אין דער וועלט אַריין“. דער אומעטיקער, לאַנגער, אויסגעצויגענער פייף פון די אָפּגייענדיקע באַנען, אין דער נאַכט אַריין, האָט געוועקט די קראַנקע בענקשאַפט. דאָס זעלבע אויך — די גליקלעכע, וואָס האָבן דאָ פאַרענדיקט די „קאָמערטשעסקע אוטשילישטשע“, וואָס זענען אַוועק צו די ווייטע, גרויסע שטעט, אָנצושעפּן זיך מיט וויסן, מיט בילדונג. זיי האָבן זיך אומגעקערט אויף די זומער־וואַקאַציעס, פון בער־לין, פון פּעטערבורג. אויף די בולוואַרן פון „ניעווסקי פּראָספּעקט“ האָט מען זיך גע־

אַמפּערט איבער אַ פּסוק פון פּלעכאַנאָוו, פון לעוו טאָלסטאָי. ס׳האָבן זיך געמערט די גרופּקעס, די קרייזלעך פון אַלע ריכטונגען, בונד, ציוניסטן, „איסקראָווצעס״,עסערן. זיי אַלע האָבן זיך פאַרמאָסטן „איבערצוקערן״ די אַלטע וועלט. די „אויפגעקלערטע״ האָבן געטראָגן ווייכע היט מיט ברייטע ראַנדן, די סטודענטן — אַ היטל מיט אַ הויכער דענקע, אַ רוסישע שוואַרצע רובאַשקע, אַ רוסיש בוך אונטערן אָרעם. צו זיי זענען אין יענעם זומער אויך צוגעשטאַנען כאַצקל קצב מיט בנים, בענציע שינדער מיטן „שטאַב״ טרעגערס און באַלעגאָלעס, גרייט זיך אָפּצושלאָגן; געגעבן קלעפּ די ווילעיונגען, וואָס האָבן זיך אויף זיי פאַרלייגט, פאַרלאַנגט פּרעטענזיע־געלט פאַר „גיין״ מיט אַ מיידל שפּאַצירן. די ווילע־יונגען האָבן זיך איין מאָל אַראָפּגעיאַוועט אויפן „צער־בעלי־חיים״־בולוואַר, מיט שטעקנס און מעסערס, אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן די קאַפּעלושלעך, די היטלען פון די „יאָלדן״. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן ס׳אמתע געשלעג. דאָס, האָט מען געפילט, איז שוין די געהיימע פויסט פון דער זעלבשוץ, די „סאַמאָאָבאָראָנע״.

אָבער ערגעץ זענען אַוודאַי געווען שטילע, פינצטערע פאַרבינדונגען אין שטאָט, צווישן די באַנדעס פון „מיכאַעל אַנגעלאַ״ מיטן קורלענדישן קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג, באַראָן פאָן לייבינג, אַ באַלטישער דייטש. דער גאַרניזאָן איז אויך פּלוצעם פאַרשטאַרקט געוואָרן מיטן באַרימטן ליבאַווער פּאָלק. דאָס האָט געהאַט אַן ענגע שייכות מיט דער פרייהייט־כוואַליע, וואָס האָט אויך אַ שווענק געטון די פונדאַמענטן פון דער היגער „באַטשאַלסטוואָ״. אויף די בולוואַרן האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן. מ׳האָט געזונגען לידער וועגן דער פרייהייט. פּראָסטע יידן, באַלמעלאָכעס, האָבן געגלויבט, אַז ס׳איז טאַקע משיחס צייטן. אַ ווילדע פרייד האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט.

די פרייד איז אָבער גיך אויסגעלאָשן געוואָרן. דער קאַלטער חלף האָט געגליווערט דאָס בלוט אין די יידישע אָדערן. אין איינעם אַ טאָג האָט זיך געטראָגן איבער די קרומע געסלעך אַרום ברעג דאָס ווילדע געשריי — פּאָגראָם! איבערגעטון אין ציוויל, האָבן די כוליגאַנעס פון ליבאַווער פּאָלק, צוזאַמען מיטן פינצטערן המון פון די פאָרשטעט, באַנדעסווייז זיך אַרויסגעשאָטן שפּאַלטן יידישע קעפּ, רייסן בעטגעוואַנד, ראַבירן. גאַנצע עשאַלאָנען פון די טיפע פּוילישע פּראָווינצן, רעזערוויסטן, וואָס מ׳האָט זיי געשיקט אויפן וויטן מזרח, קעגן יאַפּאָניע, האָבן פאַרבייגעצויגן די שטאָט. האָבן זיי זיך פון וואָקזאַל אַראָפּגעשאָטן אויפן מאַרק. אין די טראַקטירן האָט מען זיי געגעבן אָנצוטרינקען זיך און מיטגערופן זיי אין די יידישע געסלעך.

די ייגגלעך פון די פאַבריקן, וואָס האָבן געליפערט קיין רוסלאַנד מיליאָנען קאָנווערטן, פּאַפּיראָסן, געזוברעוועט קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיקע, פאַרטייטשט אַ פּרק אחד־העם, אַ קאַפּיטל מאַרקס און ענגעלס, דעקלאַמירט פּושקין און לערמאָנטאָוו, ביאַליק און פּרצן, געשפּילט אויף באַלאַלייקעס אונטער די גערדיכט־צעוואַקסענע קאַשטאַנען און טאָפּאָלן — זיי אַלע זענען, צוזאַמען מיט די קצבים, טרעגערס, באַלעגאָלעס, פּלוצעם אויסגעוואַקסן אויפן מאַרק. די קראָמען האָבן זיך געטון אַ פאַרקלאַפּ אויף די אייזערנע פּרענטעס. דער קויש בייגל פון דער יידענע אויפן ראָג האָט זיך צעשאָטן אין דער בלאָטע. די יידענע, איינגעוויקלט אין דער פאַטשיילע, האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון שטיין. זי האָט א פאַרגלאָץ געטון די אויגן און אַוועקגעחלשט. די באַנדע כוליגאַנעס האָט זיך געהאַט אַרומגעשטעלט, געכאָכאָטשעט. באַלד דער־

לעבן זענען געווען געשטעלן פון שניט־סחורה, פויערישע שטיוול, אייזנוואַרג. אַלץ איז אין דער בהלה איבערגעדרייט געוואָרן. פויערימלעך האָבן געכאַפּט, באַבעס האָבן גע־כאַפּט; און קיין איין סטראַזשניק איז אַרום נישט געווען צו זען.

דעמאָלט זענען פון די זייטיקע יאַטקע־געסלעך אַרויס די קצבים, די טרעגערס, די קאַוואַליעס, די סטעלמאַכעס, די „צער בעלי חיים"־לייט. זיי האָבן זיך אַ וואָרף גע־טון אויף דער באַנדע. אין זייערע הענט — דרענגער, לאָמען, דישלעס פון די וועגע־נער. איינער, אין אַ שוואַרצער רובאַשקע, האָט פלוצעם אויסגעשאָסן פון אַ רעוואָל־ווער. ס'איז געוואָרן אַ ווילד געלויף. די כוליגאַנישע באַנדעס האָבן זיך אָפּ־געטראָגן מיטן שאַסיי, איבערגעלאָזן עטלעכע מיט צעשפּאָלטענע קעפּ, אין אַ קאַלוזשע בלוט. ערשט דעמאָלט האָבן אַ שנייד געטון אין דער לופט די פּאָליציייאישע פייפלעך.

— קודאַ! — זענען זיי אויסגעוואַקסן — צוריק!

דערווייל האָט זיך, ווידער, געמאַכט אַ נייע משעה. ס'איז נפטר געוואָרן דער דיין ר' סרולטשע, אַ ייד אַ חלוש און אַ צדיק. האָט עמעצער אונטערגעטראָגן די פּני העיר, אַז בעתן הספד פאַר דער גרויסער בית הכנסת, גרייטן זיך די „צער בעלי חיים"־לייט צו קומען האַלטן אַ רעוואָלוציאָנערע דרשה, אויפצוקלערן וועגן די מהומות און רופן צום קאַמף.

— אַ חילול השם!

— אַזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן! — האָבן יידן זיך געקאָכט, אין גרויס צאָרן.

אַנגעשראָקן פאַר דער חברה „צער בעלי חיים", וואָס מיט זיי שפּילט מען זיך נישט, האָבן זיי געזוכט מיט גוטנס צו פאַרמיידן אַזאַ נבלה. זענען אַלע מסכים געווען מ'זאָל אַריבערגיין צו שעפּסל קאַניוך, אַ שטאַרקער ייד, אַ גבר, אַז ער זאָל זיך זען אַריינלייגן אין עסק; ווייל ס'איז נישט דער יידישער שטייגער אויסצוהערן אַפּיקורסי־שע דרשות ביי דער פּטירה פון אַ צדיק.

שעפּסל קאַניוך איז אין משמר בית מדרש נישט געזעסן ביי דער מזרח־וואַנט, נאָר צוזאַמען מיט אַלע באַלמעלאָכעס, פּראָסטע, ערלעכע יידן, נאָענט צו דער טיר. זיי האָבן אַרויפגעקוקט מיט דרך ארץ צו די לומדים, צו די נגידים. שעפּסל האָט זיך שיין געלאָזן קאָסטן, האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט צו געבן צדקה, אַ גמילות חסד פאַר אַ נצרך. דער איינפאָר אין זיין הויף איז געשטאַנען אָפן פאַר דורכפאָרער, וואָס זענען געבליבן שטעקן אונטערוועגנס, נישט באַוויזן אַהיימצוקומען אויף שבת צו ווייב־און־קינדער. דאָס זענען מערסטנס געווען יידישע שמאַטע־קלייבער, דזשעגעכץ־פירער. זיי זענען פרייטיק, ערב ליכט־צינדן, פאַרפאָרן אין הויף אַריין מיט פערד־און־וואָגן, געהאַלטן שבת ביי שעפּסלס ברייטן טיש. די פערד זייערע האָבן די משרתים אַריינגעפירט אין די שטעלער, געגעבן זיי פאַשע, אָן אַ גראָשן געלט.

— אַזאַ זאַך! — האָט שעפּסל קאַניוך, אויסהערנדיק עס, אַ מאַך געטון מיט אַ ראַזמאַך; און ער האָט זיי טאַקע באַלד געלאָזן באַפוילן, די „צער בעלי חיים", מיטן האַרבן וואָרט, ס'זאָל, חלילה, נישט קומען צו אַזאַ פאַרשעמונג, ווייל אַז נישט...

צי די גאַנצע מעשה מיטן גיין האַלטן דרשות ביי דער לוויה פון ר' סרולטשע דיין איז טאַקע געווען אמת, אָדער נישט, ווייס מען נישט אַקוראַט עד היום; נאָר פון דעמאָלט אָן האָט זיך עס אָנגעהויבן דער גרויסער האַס, די געשלעגן צווישן די „צער בעלי חיים" מיטן הויז פון שעפּסל קאַניוך; און נישט בלויז מיט שעפּסל קאַניוך אַליין;

ווייל אַרטשיק, סאָלאָמאָן סקאָרבניקס בנ'אָק, איז — אפשר נישט אומגעריכט — פאַרמישט געווען אין דעם גאַנצן אומגליק. ער האָט, ווי מען ווייס, געטראָגן אַ שווער האַרץ אויף זיי, צוליב טייבעטשקען.

פאַרן טאַטן האָט ער זיך דערווייל אין גאַנצן נישט געוויזן, נישט אַהיימגעקומען נעכטיקן. טאַקע, וואָס ער האָט אים דען געהאַט צו ענטפערן, דעם טאַטן? איז די טעג און די נעכט אָפּגעלעגן אין די טראַקטירן מיט די „גוטע־ברידער", מיט די „שאַנסאָנעטקעס". מ'האָט געטרונקען, באַלאַלייקעס האָבן געגרימפּלט. ס'האָט געקאָנט אויסזען, אַז ער וויל פאַרטרינקען דעם וואָרעם, וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזן מיט טייבעטשקען. אָבער אָט איז דער טאַטע אַראָפּגעקומען און עפּעס וועט זיך דאָ אָפּטון... פאַרבייגייענדיק פאַרנאַכט־צייט דעם בולוואַר, האָבן אים די באַלמעלאָכעס און די בייטערקעס קרום נאָכגעקוקט, אַרטשיקן. מ'האָט געפילט, אַז עפּעס שמעקט ער דאָ צופיל אַרום, עפּעס וויל ער דאָ זייטיק געוויר ווערן.

כאָטש אַרטשיק האָט זיך כלומרשט נישט אומגעקוקט אויף זיי, זיך איינגענאַדיעט ביי שעפּסל קאָניוך אין הויף. הינטער די הפקרע פלעצער פון טאַרטאַק זענען געווען צעלייגט די פערד־שטעלער און דאָס הויז מיט די גאַניקעס. דאָס טויערל און דער צוים — צום מאַרק. אין די יאַריד־טעג איז די זאַמדיקע גאַס פאַרשטעלט געווען מיט אויסגעשפּאַנטע פויערישע פורלעך. שעפּסל קאָניוך מיט די בנים זענען געווען פאַרהאַוועט, געקויפט פערד, פאַרקויפט פערד, צוגעקלאַפּט אין די פאַרהילצערטע דלאָניעס פון די באַלעגאָלעס און פויערימלעך.

אין די טיפע זעכציקער, איז ער נאָך געווען אַ פעסטער ייד, שעפּסל, מיט אַ פאַרברוינט פּנים, ווי געגאָסן פון קופּער, מיט אַ רויטן קאַרק. פאַר אים האָבן דרך ארץ געהאַט אַפילו די ווילדע יונגען, די טרעגערס, די קצבים. דער אַלטער האָט נאָך אַליין פלינק אַריבערגעוואָרפן אַ פוס אויף אַ שימל, אַרויפגעכאַפּט זיך, אויסגעפרוון עס אין גאַלאָפּ, צי ס'האָט נישט עפּעס אַ סירחה; געמאַכט אַ רונדע איבערן מאַרק, און מיט איין זאַמאַך — אַריבערגעשפּרונגען דעם נידעריקן פּלויט, גלייך צו אים אין הויף אַריין. אין „קרעפּאָסט" איז איינגעשטאַנען אַ פּאָלק קאַוואַלעריע און אַ פּאָלק אַרטילעריע. יעדעס יאָר, אַזוי אַרום נאָך־סוכות, האָט זיך געפירט מכּמה יאָרן, אַז דער פּאָלקאָווניק האָט אויסבראַקירט אַ היפּשע פּאַרטיע פערד, שלאַנקע, דין־פּיסיקע רייטפערד, וואָס טויגן שוין נישט צום זאָטל, אָדער — די נידעריקע, די קרעמפּע פערד מיט די פאַרוואַקסענע סטאָפּעס, צו שלעפּן די שווערע האַרמאַטן און דעם „אָבאָז". זיי האָבן שוין, הייסט עס, זייערס אָפּגעדינט. אין לאַנגע רייען, זענען די פערד דורך די שטרענג־אָפּגעשלאָסענע טויערן פון דער פעסטונג, געפירט געוואָרן אויף ליציטאַציע אין שטאָט אַריין, אויפן מאַרק. שעפּסל קאָניוך איז געווען אויסגעבונדן מיטן פּאָלקאָווניק, פּונקט ווי מיט די שטאַל־מייסטערס, האָט יעדן אונטערגערוקט אַ פעטע מטבע, און זיי האָבן שוין געוווסט צו באַשטימען גאַנץ נידעריקע פּרייזן, אָפּגעגעבן כמעט פאַר אַ שיבוש די אויסבראַקירטע פערד. די ליציטאַציע איז געווינלעך פאָרגעקומען אין גרויסן הויף, ווו ס'איז געשטאַנען אַ הירזשעריי, און ס'האָט תּמיד געאַווירט מיט פאַרבאַקענע פערדישע השתּנה און מיסט.

אין דעם טאָג זענען זיך צונויפגעפאָרן יידן, קאָניוכעס, פון גאַנצן קאַנט, פויערימלעך פון די אַרומיקע דערפער. אויך דער פּריסטאַוו און דער פּאָליצמייסטער אָרגאַנעסיעוו זענען אַראָפּגעקומען. ס'איז געווען אַ פולער הויף זשאַנדאַרמען. ווייל ביי

אַזעלכע קניות איז געווען וואָס אויסצוטרינקען, וואָס צו פאַרבייסן און וואָס אַראָפּ־צולאָזן אין קעשענע אַריין. זיי האָבן אויך אָפּגעלעקט אַ ביינדל. נאָכן גאַנצן מסחר, פאַרנאַכט, האָט מען זיך אַרויסגעשאָטן פון הויף, וואָס איז געשטאַנען אין שטויב, ביזן הימל; באַלייגט די וועראַנדעס, אונטערגעשפּאַרט די נידעריקע באַלקנס. מ׳האָט זיך אויסגעחשבונט, געלייגט דאָס געלט אויפן טיש, פול אָנגעשטעלט מיט פלעשער און צובייסן. דאָס קליינגעלט, דאָס קופּער־ און זילבער־מינץ, זענען אין גאָרשטן פאַרטיילט געוואָרן צו אָרעמעלייט. אַזוי האָט ער זיך געפירט אַלע יאָרן, שעפּסל.

עפּעס אַ בלינדער צו להכעיס האָט אַרטשיקן אין דעם זומער געצויגן צו דער גאַנצער חברותא פאַרגרעבטע יידן און „נאַטשאַלסטוואָ" אויפן פערד־יאַרמאַרק. ס׳איז אים טאַקע געפעלן געוואָרן אַ נעם צו טון ביי שעפּסל קאָניוך אַ שיין, געשטאַלטיק פערד פון די שטעלער אַרויס, אַרויפזעצן זיך דערויף, דורכגאַלאָפּירן די זאַמדיקע גאַס, ביז אַרויף, צום „ביעווסקי פּראָספּעקט". ער האָט געטראָגן איינגעצויגענע רייט־הויזן, געשמיסן אין דער לופט מיטן בייטשל, און אַזוי אומגערן פאַרקירעוועט, פאַרבייצו־רייטן דווקא הינטער די פענצטער פון לייבל זיידמאַנס הויז. ער איז אַ בעלן געווען, אַז טייבעטשקע, אַ שטייגער, זאָל אים אַזוי זען רייטן אויפן שלאַנקן, ווייסן פערדל; כאָטש ער האָט גוט געוווסט, אַז ס׳איז שוין נישטאָ מער קיין טייבעטשקע. די פענצטער זענען געשטאַנען שטום, פאַרהאַקט. אַפילו קיין ברעג פאַרהאַנג האָט זיך נישט קיין באַוועג געטון, און דאָס האָט אים נאָכמער געקרענקט.

לאַנגזאַם געטראָטלט אַזוי אויפן ווייסן פערד, אַ שימל, מיט שוואַרצע לאַטקעלעך אויף די פיס, ווי באָטן, איבער דער זאַמדיקער גאַס, איז ער פלוצעם, פונקט ווי שעפּסל אַליין, ראַפּטעם אַריבערגעשפּרונגען דאָס נידעריקע פּלויטל, גלייך אין הויף אַריין. אויפן גאַניק פון דער ברייט־צעליגטער שטוב זענען געשטאַנען ביידע געזונטע מיידן, יענטל און נעכע, מיט זייערע ווילד־צעפּלאָשעטע קעפּ און פול־אָנגעגאָסענע בלוזקעס. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די באָקעס פון געלעכטער פון דעם נגידישן „יאָלד", וואָס ליגט דאָ אָפּ טעג און נעכט. זיי זענען געווען צעוואַקסענע, די מיידן, בלאָנדע, שיקסע־וואַטע, מיט ווייסע ברעמען און קלייענדיקע פּנימער; געהאַרעוועט אַרום הויז, געשייערט טעפּ, געהאַקט האָלץ, צוגעשטעלט פולע סאַגאַנעס, געטראָגן וואַסער אויף קאָ־ראָמיסלעס פון טייך אין דער נידער, אַפילו געהאָלפן אָנקאָרמען און אָנפּאָיען די פערד אין די שטעלער. ווען אַרטשיק איז צוגעריטן אין גאַלאָפּ צום גאַניק, אָנגעבונדן דעם שימל אין סלופּיקל, אַ גיי געטון אויף די טרעפּלעך, זענען די מיידן, ווי אַ סטייע איבערגעשראָקענע הינער, מיט אַ הילכיק געלעכטער אַנטלאָפן אין הויז אַריין. די אַלטע, וואָס האָט זיך דאָרט געפּאָרעט אין קיך, ביי די גרויסע, זידנדיקע טעפּ, האָט געגומען וואָרטשען מיטן ציינלאָזן מויל:

— וואָס איז פלוצעם אויף אייך אַזוי ס׳געלויף ?... גלאָמפּן...

— מאָמע ! — האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי די באָקעס, געשאָטן זיך פון געלעכ־טער, געשטשירעט די ווייסע, געזונטע ציינער — אַרטשיק איז שיעור נישט אַרויפגע־ריטן אויפן גאַניק...

— איר וואָלט זיך בעסער צוגעקעמט אַ ביסל די צעפּלאָשעטע גזשיוועס אייע־רע... — האָט זי די טעכטער אַ באַקוק געטון מיט אַ צוגעזשמורעט, מבֿיניש אויג — איר שעמט זיך גאָרנישט... כ׳ווייס, ס׳קומט אַ מאָל אַריין אַ מענטש אין שטוב אַריין... באַרישע מיידן, וואָס איר זענט...

ווייל אַרטשיק איז גאַנצע טעג אָפגעלעגן אין הויף, פריילעך אַרומגעפלאַפלט מיט אַלעמען, געטשעפעט מיט די מיידן, געלאָזן ברענגען ביר. ער איז די טעג פון דער ליציטאַציע אַרומגעגאַנגען צווישן די פערד, געפּאַטשט זיי אין די געזעסן, געזאָגט מבינות. דער פּאָליצמייסטער אָרגאַנעסיעוו אַליין האָט אים אַנומלטן שטאַרק גערימט:

— אַראָן סאָלאָמאָנאָוויטש — האָט ער אים שטאַרק גערימט — איר רייט אַזוי ווי אַ וויכער... יעי באָגו...

אַוודאַי האָט ער גוט געקענט דעם טאַטן זיינעם, געוווסט, אַז ער, אַראָן סאָלאָמאָנאָוויטש, איז, דוכט זיך, אַ סטודענטל. מ׳האָט דאָרט צוזאַמען אָנגעקלאַפּט די טיי־גלעזער בראָנפן, אויסגעטרונקען, צוגעביסן. די ברייטע, נידעריקע שטוב איז פול געווען מיט רויך, מיט שאַרפע קיך־ריחות. די גאַניקעס, ווו ס׳זענען געווען אָנגעבונדן די הירזשענדיקע פערד, זענען באַלייגט געווען. פטור געוואָרן פון דער „נאַטשאַל־סטוואָ", זענען זיי אַלע דערנאָך אַריבער די זאַמדיקע גאַס, צו דער יידענע טויבע, וואָס האָט געהאַלטן אַ „בלינדע שענק", ס׳הייסט אָן אַ פּאַטענט. דאָרט האָט מען ערשט ווידער אויסגעטרונקען, צוגעביסן מיט געגנדזענע לעבערלעך, פּופּיקלעך, וואָס מ׳האָט אַ כאַפּ געטון מיט צוויי פינגער פון טאָפּ אַרויס און געוואָרפן זיי גלייך אין מויל אַריין.

הינטער די קוואַדראַטנע שייבלעך האָט דער בונטער יאַריד, אויסגעשפּרייט ווייט אַרויף, ביזן שאָסיי, שוין באַלד געהאַט אָפגערוישט. אין אויפגעהויבענעם שטויב, אין הייסן זון־זעצן זיך, איז ער אָפגעשווומען. די קולות, די הירזשעריי זענען ביסלעכווייז אָפגעשטאָרבן אויפן ווייטן טראַקט. ערשט דעמאָלט האָט שעפסל קאָניוך אַ וואָרף געטון די צעשפּיליעטע וואַטענע וועסט, געוואַשן זיך צום עסן, געווישט די רויט־אָנגעדראָלענע הענט אין האַנטוך פון גראָבן דאָרפישן לייוונט, געמורמלט „שאו ידיכם". די יידענע האָט אונטערגעטריבן צום טיש. די גרויסע טעפּ פלייש אין קיכל האָבן געזאָטן, געפּאַרעט, אָנגעשפּיצט די נאָזלעכער פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע מאַנסלייט אונטערן נידעריקע באַלקן.

אין דעם דערהערן זיי אָפגעריסענע קולות, אַ זאַלפּ פון רעוואָלווערן, האַרט הינטער די פּלויטן. האָבן זיך שעפסל מיט די בנים גלייך אַ הייב געטון פון טיש, געלאָזן ליגן די הילצערנע לעפל און אַ לויף געטון צום הויף. די זאַמדיקע גאַס, האָבן זיי באַלד פון גאַניק דערזען, איז שוואַרץ פון המון. די „צער בעלי חיים", די זעלבשוץ, האָבן דאָרט געהאַט פאַרטריבן די ציוויל־איבערגעטועטע פון ליבאַווער פּאָלק, די רעזערוויסטן, די כוליגאַנעס פון די פאָרשטעט. אַ געדיכטע מאַסע, אין אַרומגעפליקטע כאַלאַטלעך, די באַלמעלאָכעס, די נייטערקעס, די זאָקן־מאַכערקעס, די קצבים, די שינדערס. זיי זענען געלאָפן אין דער קרום איבער דער זאַמדיקער גאַס, מיט דישלעס, מיט שטיקער אייזן אין די פאַרשטייפטע הענט. דערזען, ווי דער הויף, דער גאַניק איז פול באַלייגט מיט זשאַנדאַרן, האָבן זיי אויסגעשאָסן פון עטלעכע רעוואָלווערן פאַר אַ מאָל. די סטראַזשניקעס, אויף טויט דערשראָקענע, האָבן זיך געוואָרפן צו די אָפענע פענצטער, דורך די הינטערשטע פּלויטן, מיט קרומע שפּרייזן, זיך אַראָפּגעקוליעט צום ברעג. שעפסלס בנים האָבן זיך איינגעטיילט אין צוויי פּאַרטיעס, פאַרשטעקט אין די זייטן פון פּאָדערהויז, געלויערט, געוואַרט וואָס ס׳וועט זיך דאָ מאַכן.

איידער וואָס־ווען, איז צוגעפאַלן אַ פינצטערניש. די גאַס־לאַמטערן האָבן נישט געברענט. עמעצער האָט מיט שטיינער אויסגעזעצט די שייבלעך. און דאָ קנאַקן פון

אַלע זייטן טרוקענע רעוואָלווער־זאַלפּן. שטיקער פייער זענען געפלויגן איבערן דאַך, איבער די שאָפּעס. די אויסגעשפּאַנטע פערד אין די האָלאָבליעס האָבן געהירזשעט, געשטעלט זיך דיבאָם. פון הינטערן גאַניק, פון הינטער די פּלויטן, האָט מען צוריק־געשאָסן. אַרטשיק איז דאָ פון ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען, געריטשעט נישט מיט זיין קול :

— מיין טויט, אָדער זייער טויט !

אין זיין האַנט האָט אַ קנאַל געטון אַ שטיק פייער. אַ ווילד געלויף. מ׳איז געפאַלן איינער איבערן אַנדערן. ערשט דערנאָך, ווען דער המון איז אָפּגעפלאָסן, האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז איינער פון די „צער בעלי חיים״ איז ליגן געבליבן האַרט ביים פּלויט. מ׳האָט נאָך געהערט אַ פאַרשטיקט קרעכצן, אַ גערודער, ביז די קולות זענען געוואָרן אַלץ ווייטער און פאַרדומפּענער.

צו מאָרגנס, באַלד באַגינען, האָט זיך אין טייך־געסל שוין געקאָכט, אַז דאָס איז דער חבר, וואָס האָט געטראָגן די פאָן, געפאַלן, דורכגעלעכערט פון קוילן, היב־טערן פּלויט פון שעפּסל קאַניוכס הויף. אַן אימה איז געהאַנגען איבערן ברעג, די לעדלעך — פאַרהאַקט. מ׳האָט באַלד געוווּסט, אַז ס׳וועט אַזוי גלאַטיק נישט אָפּגיין. און אַרטשיק ? ווו איז ערגעץ אַהינגעקומען אַרטשיק ? ער איז פאַרשוווּנדן, ווי אין וואַסער אַריין.

האָבן שעפּסלס בנים, אין גרויס בהלה, קודם געכאַפּט ווייב־און־קינד און אויף פורלעך ביינאַכט עוקר געווען פון שטאָט. פאַרבליבן אין הויף איז איין שעפּסל. דער ייד, דער גבר, האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט. פרייטיק, שפּעט נאָכן האַלבן טאָג, האָט פאַרבייגעצויגן די לוויה פון קרבן, געפאַלן אין שלאַכט. אַ גערדיכ־טער, קיין מאָל נישט געזעענער המון איז לאַנגזאַם געשווומען איבער די געסלעך. איבער קעפּ איז געטראָגן געוואָרן די מיטה מיטן מת, פאַרדעקט מיט אַ רויטער פאָן. די מיטה האָט זיך לאַנג געהוידעט איבער קעפּ און אַקסלען. קיין איין סטראַזשניק האָט זיך נישט געוויזן. זיי זענען פאַרבייגעפלאָסן דעם הויף, פאַרבייגעשאָטן זיך. ווי פון אונטער דער ערד, האָט זיך געקייקלט אַ שווער געזאַנג פון די העלדזער :

און ביסטו געפאַלן אַ טויטער,
די אויגן, די ליבע פאַרמאַכט,
דאַן וויקל איך דיר אין דער פאָנע, דער רויטער,
און פאַל מיט דיר צוזאַמען אין שלאַכט.

די רויטע פאָן איז געשווומען איבער די ענג־צונויפגעשטופּטע קעפּ. אָבער אומ־געריכט האָט עמעץ אויפגעריסן ס׳טויערל, וואָס איז פאַרשפּאַרט געווען מיט דרענגלעך, און אַ מאַסע האָט זיך אַ שפּאַר געטון אין הויף אַריין. שעפּסל איז געשטאַ־נען ביי די שאָפּעס אין זיין קורץ וואַטאָווע וועסטל, מיט דער קוטשמע איבערן נידע־ריקן שטערן. געזען דעם פינצטערן אָנגעלויף, זענען זיינע ווייסלעכצער פאַרגאָסן גע־וואָרן מיט בלוט, די ציין — פאַרשטשעמעט. ער האָט פּונקט געהאַלטן אין אונטער־שיטן קלייען מיט אָבריק די פערד, אַריינגעטראָגן עמערס וואַסער צו די קאַריטעס. ס׳האָט אַ פלאַם געטון אַ טרוקענער קנאַק. עטלעכע זענען געלאָפן איבערן הויף, אַרום די פּלויטלעך. איינער, אַ שויבערדיקער, אין אַ סאַטינען העמדל, האָט זיך געראַנגלט

מיטן אַלטן. עס זענען פון דער זייט אונטערגעלאָפן נאָך עטלעכע. אָבער דער אַלטער האָט מיט צעפּאָכעטע הענט, מיט געביילטע פויסטן, ווי מיט האַמערס, זיי אַלעמען אָפּגעשליידערט פון זיך. זיי זענען געפאַלן איינער איבערן אַנדערן. אַ דאַרער, לאַנגער בחור איז צוגעשפּרונגען הינטן אַרום, דעם אַלטן געשטאָכן מיט אַ שוסטעריש מעסער. די אַנדערע האָבן זיך דערוויייל אַ וואָרף געטון צום גאַניק. איבערן הויף האָבן באַלד אַ פּלי געגעבן פעדערן פון פּערינעס.

— ווו זענען די בנים ? — האָבן זיי טויב געשריגן דעם אַלטן אין די אויערן אַריין — ווו איז אַרטשיק ?

— זאָג, אַז נישט וועט מען דיר צעטרייבערן די בעבעכעס !...

— אַ מכה וועל איך אייך זאָגן !... — האָט דער אַלטער, שוין ליגנדיק אויף דר׳ערד, געשטשירעט די ציינער, ווי אַ וואָלף.

שעפּסל איז ליגן געבליבן אין אַ רויטער קאַלוזשע. ווען מ׳כאַפּט אים נישט אַוועק אין אַפּטייק אַריין, וואָלט ער מסתמא אָפּגעגאַנגען אין אייגענעם בלוט.

שפּעט אין אָוונט האָט דער הימל איבערן טייך־געסל, אין סאַמע פּריטיק־צו־נאַכטס, אויפגעלויכטן. מ׳ווייסט נישט אַקוראַט ווער ס׳האָט אונטערגעצונדן דעם טאַר־טאַק, די מיל. די הילצערנע שאַפעס, אויסגעטרוקנט פון די מיט־זומערדיקע היצן, האָבן געפלאַקערט, ווי אַ ליכטל. קיין איין סטראַזשניק איז נישט געווען צו זען.

ווען די משפּחה האָט זיך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אומגעקערט, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס אָפּצאָלן יעדן איינעם באַזונדער זיין חלק. די געבלותן האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעקילט. דעם עלטערן, זישען, האָבן זיי געפּאַקט אין אַ פינצטער געסל, אונטערגעהאַקט אים די זשעבערעס. ער האָט געקרענקט אַ גאַנצן ווינטער. דעם מיטלסטן, בערען, האָט מען נאָכגעשאָסן. די קויל האָט אים געטראָפן אין דער לינ־קער האַנט. אָבער אַרטשיקן האָבן זיי אין שטאָט מער נישט געפונען. ער איז פון דע־מאָלט אָן פאַרשוואונדן, ווי אין שאול תחתיה.

די קוימענס איבערן ברעג האָבן אין יענעם יאָר שוין מער נישט גערויכערט. די פלעצער זענען געלעגן אָפּגעברענט, פאַרוויסט. נאָר ס׳הילצערנע קאַנטאָרל אויפן אַנשיט איז, ווי דורך אַ נס, שטיינגעבליבן. ווי ס׳האַרץ וואָלט זיך אים אָפּגעשטעלט, לייבלען. נאָך די וויסטע מהומות אַרום ראַד קראָמען, נאָך דער שיסעריי אין דער פינצטער, ווען איינער פון די „צער בעלי חיים״ איז געפאַלן, איז אַלץ אין איין נאַכט אַוועק מיטן פייער. אין שטאָט האָט מען געשמועסט פאַרשיידנס. אַנדערע האָבן געזאָגט — די גוים האָבן אונטערגעצונדן. לייבל איז אין יענער נאַכט קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן, אָפּגעשלאָסן זיך מיטן בני בית הינטער טירן און פרענטעס, געשטאַנען באַהאַלטן, אַראָפּגעקוקט, געזען דורך אַ שפּאַרע, ווי דער הימל איבערן ברעג פלאַמט אויף מיט שפּיציקע צונגען. ס׳רייסן זיך אָפּ שיסערייען, פאַרשטיקטע קולות.

אויסגעניכטערט, באַדאַכט, צופּנדיק דאָס פאַרגרויטע לאַפּעטע־בערדל, האָט עס אום שוין דערנאָך, דעם אמת געזאָגט, מער אַזוי שטאַרק נישט געאַרט. פאַרקערט. פּטור אָן עסק — האָט ער באַרעכנט — אויס חשבונות, אויס שותפות...

— גענומען און געמאַכט אַ בורא מאורי האש... — האָט סאָלאָמאָן סקאָרבניק אָפּן חושד געווען, אַז ער אַליין האָט אַלץ געלאָזן אונטערצינדן — זיי וויסן, לייבל, אַז ס׳וועט אַזוי גלאַטיק נישט אָפּגיין...

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

צייטן אַנגעשטאַנען!...

אין פאַרכמאַרעטן פאַרנאַכט איז לייבל דעמאָלט מיט אונטערגעבראָכענע קני קוים אַהיימגעקומען. ער איז געווען אָפּגעגאָסן אין אַנגסטן. דער שאַרפער, זקנישער בליק איבער די שפּאַקולן פון גרייז, דעם אַלטן בריסקער רב ר׳ חיימקע, איז אים די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר די אויגן. דער דאַרער פינגער האָט געגראָזשעט, אַז ער האָט זיך נישט געקענט אָפּטרייבן. טריט ביי טריט איז ער אַרויף די ברייטע טרעפּ, אַ שטופּ געטון די טיר פאַר־זיך, שווער אַראָפּגעלאָזן זיך אויף דער איינגעפּאַלענער סאָפע. מיט אַ שוואַך קול האָט ער באַפוילן דער יידענע, זי זאָל אים באַלד צוגרייטן ס׳בעט אין אַלקער.

— ווי איז מיר... — האָט זי געפּרוווט צו טרייסטן אים מיט אירע פּראָסטע, ווייבערישע רייד — דער הימל ליגט נאָך נישט אויפן קאָפּ...

ער האָט דער יידענע גאָרנישט געענטפערט, לאַנג און שאַרף זי אָנגעקוקט פון אונטער דער קרומער ברעם, אַ בליק — ווי אַ חלף. אַן אויג איז אים פאַרשטאַרט געוואָרן, ווי ביי אַ געהאַנגענעם. ער האָט גאָרנישט געוואָלט מער הערן אירע נאַרישע ווייבערישע רייד, און האָט באַלד אַ ווייטן קלער געטון, אַז זיי האַלטן אפשר אַלע שטילערהייט מיט דער מויד. ווי דען! מסתמא אויך — מיט דער באַנדע „צער בעלי חיים“... אַלע, אַלע זענען זיי קעגן מיר...

— בהמה! — האָט ער הייזעריק געכאָרכלט — ווייסט אַפילו נישט אַז ס׳בלייבט אונדז איצט איבער נישט מער, ווי צו נעמען אַ טאָרבע און גיין איבער די הייזער...

אַ צעפּלאָשעטע, ווי אַ הון, האָט די יידענע אַ לויף געגעבן צוגרייטן אים ס׳בעט אין אַלקערל; צודערלאַנגט אים הייסע גלעזלעך טיי מיט לימענע, גוט אַרומגעדעקט אים. ער איז געלעגן אונטער די פּערינעס און געשווידערט, כאָטש די הרובעס זענען געווען אָנגעהייצט אין הויז.

— בררר... — האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן — קאַלט... קאַלט...

פון אונטערן באַרג פּערינעס האָט אַרויסגעשטעקט דאָס קרומע לאָפּעטע־בערדל, אַן אָפּגעקראָכנס, פאַרריסן צום באַלקן. האָט זי דאָך באַלד דערזען, די יידענע, אַז ס׳איז נישט קיין געלעכטערל, איז מען גלייך געלאָפן און מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט אין הויז אַריין דעם דאָקטער זינאָווי שטיינבערג. ס׳איז שוין געווען גוט נאַכט, ווען דער דאָקטער איז פאַרפאָרן אין זיין צוויי־רעדערדיק בריטשקעלע פאַרן הויז. דער באַרימטער דאָקטער שטיינבערג איז געווען דאָקטער־פּאָלקאָווניק אין דער רוסישער אַרמיי. אַ שטאַלטנער ייד, מיט אַן אויסגעגאָלטן קאָפּ, מיט גילדערנע פּינקלענדיקע פּענסנע איינגעדריקט אין דער ביינערדיקער אָדלער־נאָז. מ׳האָט זיך שטילערהייט אָנדערציילט, אַז דער קייסער אַליין האָט אים אין פּעטערבורג געוואָלט נאָמינירן פאַר גענעראַל, נאָר בתנאי ער זאָל נעמען און אויסבייטן ס׳רענדעלע... ס׳הייסט שמדן זיך.

„עקסעלענץ, דאָס נישט ! — האָט ער שטאָלץ געענטפערט דעם קייסער אַליין — כ׳וועל נישט פאַרלאָזן מיינע אָרעמע, געפּלאָגטע ברידער״...

ער איז דאָרט לאַנג געזעסן לעבן בעט פון חולה. ער האָט זיך דאָס מאָל עפּעס נישט געאיילט, אויסגעפּרעגט זיך, געשאָקלט מיטן קאָפּ, פון צייט צו צייט אַ טאָפּ געטון דעם דופק ביים חולה מיט זיינע קילע פינגער, און גערעדט, דוכט זיך, סתם אַזוי :

— פאַראַן ביי „זיי״ איינער אַ „פּיסאַטיעל״, מאַקסים גאָרקי... מיינט נישט, זיי האָבן זיך אויך זייערע נביאים, זייערע שטראָפער... אין אַ טעאַטער־שטיק ביי אים, אויב דער זכרון דינט מיר, „איגאָר בולישעוו״, שרייט ער, דער „קופּיעץ״, ווען ער זעט שוין, אַז אַלץ גייט אונטער, ליגנדיק אויפן טויטן־בעט : „טרובי מיכאַילאָ !״... פאַרטרייב, הייסט עס, די רוחות, די שדים... אָבער, כ׳בעט אייך, צי קען מען דען פאַרטרייבן די צייטן, וואָס מיר גייען אַנטקעגן ? כ׳זאָג עס קעגן דעם, וואָס אונדזערע יידעלעך פאַרגעסן זיך... מיר בויען דאָ, זאָלט איר וויסן זייך, אויפן זאַמד... ניין, מיר האָבן דאָ קיין שום גוטס נישט צו דערוואַרטן...

— טאָ וואָס איז דער תכלית ? — האָט דער חולה נישט אַלץ דערכאַפּט, געוואָלט דערגיין דעם סאַמע תוך — די קינדער אונדזערע גייען אַרויס לתרבות־רעה, גייען אויף קרומע וועגן... צייטן אַנגעשטאַנען !...

— לאָזט זיי, ר׳ לייבל, לאָזט זיי... זיי וויסן אפשר בעסער פון אונדז, וואָס זיי ווילן, די „מאַלאַדיאָזש״...

— זיי האָבן מיך רואינירט, בדיל הדל געשטעלט, די טאָכטער מיינע אָוועקגערויבט... אָנגעטון חרפּות און בושות...

אַ שיינע פּאָר וואָכן איז ער אַזוי אָפּגעלעגן אין בעט, ביז אַרום חנוכה. ס׳איז אין יענעם יאָר אָנגעשטאַנען אַ ביטערער ווינטער, מיט טיפע שנייען, מוראדיקע פרעסט, זאַווערוכעס. אָרעמע לוויות האָבן זיך געצויגן צום יידישן בית־עולם הינטער דער „קיעווער סלאָבאָדקע״. די ערד איז האַרט געווען ווי אייזן. מ׳האָט זי מיט לאָמען באַדאַרפט אויפהאַקן.

געלעגן איז דער חולה אַרויפצו, אין פינצטערלעכן אַלקער, ביי אַראָפּגעלאָזענע פאַרהאַנגען, און האָט פון הינטער טירן פאַרנומען עפּעס ווייטע, פאַרשטיקטע געררודערס אין הויז. די ווייטע גערודערס זענען דערגאַנגען צו אים, ווי פון אַן אַנדערער וועלט. זיין וועלט, האָט ער געפילט בחוש, איז שוין סיי ווי אַ פאַרשפּילטע. ער באַלאַנגט שוין מער נישט צו איר.

ווי גיך די פּאָר יאָר זענען איבערגעלאָפן. די יינגערע מיידלעך אין הויז האָט מען נאָך אַלץ נישט חתונה געמאַכט. דאָס האָט ער שוין מער נישט געקענט אַריבערטראָגן. מ׳האָט באַדאַרפט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ. דאָס הויז איז פאַר זיינע אויגן חרוב געוואָרן.

פון צייט צו צייט האָט, אין געהיים, פאַרבלאָנדזשעט אַ בריוועלע, צו דער מאַמען אין דער האַנט אַריין. עמעצער האָט עס שטיל געבראַכט צוטראָגן דורכן הינטערשטן אַריינגאַנג, צו דער קיך. די אַלטע האָט שוין פון לאַנג געוווסט, אַז זי איז ערגעץ אין אויסלאַנד, טייבעטשקע, אַז זי האָט געבוירן אַ זון. טייבעטשקע האָט געשריבן, זי זאָל נישט זאָרגן, די מאַמע. נאָך די מהומות, האָט זי געהערט אַ „סלוך״ וועגן שיינעם „געניידעם״ אירן, וועגן ליפען. ער זיצט, האָט מען דערציילט, ער זיצט פעסט. און זי,

טייבעטשקע, האָט באַפוילן, אַז זי דאַרף דאָ איבערוואַרטן דעם ווינטער. ס'האָט אַוודאי געהאַלטן שלעכט. זיי האָבן זיך דאָרט דערוווסט, אין דער „אַכראַנע", פון אַלע זיינע פאַלשע פּאַספּאָרטן און אַלע זיינע חטאים, נאָכשלעפּעניש, זענען קאַפּויער געקומען. ס'האָט אים געדראָט לאַנגע יאָרן סיביר. ביזן „סוד" איז ער דערווייל געזעסן פאַר־שפּאַרט אין וואַרשעווער „ציטאַדעל", אין 10־טן פּאַוויליאָן.

דער חולה האָט עס, חלילה, נישט באַדאַרפט צו וויסן, אַז טייבעטשקע קלייבט זיך צו קומען אין הויז אַריין; כאָטש ס'איז שוין סיי ווי נישט געווען צו וועמען צו רעדן. ער איז געלעגן אַפּהענטיק, אויסגעלאָשן. די יידענע האָט שטיל אויסגעוויינט אירע אויגן. פּאָרט אַ קינד. זי האָט שוין אַלץ געוווסט. מיט דער שאָל טיף אַנגערוקט איבערן שטערן, האָט זי זיך אין פּראַסטיקן פאַרנאַכט אַראָפּגעלאָזן צום טייך־געסל, האָט זיך מיט חשד אַרומגעקוקט, לאַנג געזוכט דאָס פּאָדער־הייזל. ליכט־פּאַסן זענען גע־פאַלן דורך די פאַרמאַכטע לעדלעך. ביז זי האָט קוים געטראָפן צו דער קרומער שטיג, צום עלטערן מיידל מערע די זאָקן־מאַכערקע. אַ שפּאַרע האָט זיך דאָ ערגעץ אָפּגע־ריגלט. דאָס מיידל, האַלטנדיק דעם לאָמפּ הויך איבערן צעפּלאָשעטן קאָפּ, האָט זי פרעמדלעך אַ באַקוק געטון מיט רויטע, אָנגעבלענדטע אויגן, אָן אַ ברעקל צוטרוי.

— מערע־לעבן... — איז זי צוגעפאַלן צום פרעמדן מיידל — זאָג מיר כאָטש ווו איז ערגעץ מיין טייבעטשקע ?...

— מ'עט אייך שוין קומען אָנזאָגן !... — האָט מערע בייז געוואָרטשעט, און צוריק אַ פאַרקלאַפּ געטון די טיר.

געקומען אָנזאָגן איז מען אין זעלבן פאַרנאַכט, ווען לייבל איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעלאָשן, איינגעצערט, דער ביטערער ייד, איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג. די לוויה האָט געררט פון הויז אין שפּעטן ווינטער־דיקן נאָכמיטאָג. אַ שיטער געזעמל פאַרהויקערטע יידן אין פעלצן, אין הויכע פוטערנע היטלען, איז אונטערן נידעריקן, אויסגעלאָשענעם הימל, נאָכגעקראָכן די עגלה, ביז דער „קיעווער סלאָבאָדקע", אין זאַווי.

אין זעלבן פאַרנאַכט איז פאַרפאָרן אַ שליטל צום הויז. ס'איז אויסגעשטיגן אַ דאַמע, פאַרוויקלט אין אַ שאַל, זי האָט געפירט ביי דער האַנט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר פינף. זי איז אַ רגע שטיין געבליבן, באַטראַכט דאָס הויז, ווי צום סאַמע ערשטן מאָל, און איז אַרויף די טרעפּ. זי האָט שטיל אַ קלונג געטון, אָבער קיינער איז נישט גע־קומען אויפמאַכן. ס'הויז איז געשטאַנען הפקר. זי איז אַריין אין סאַלאָן, פאַרהאַלטן זיך אויף דער שוועל, און האָט אין דער רגע שוין אַלץ פאַרשטאַנען. הייסט עס... און אַ טרער איז הענגען געבליבן אויף איר וויע. זי האָט געפילט דעם ווינט, וואָס גייט איבער די צימערן; האָט דערפילט די שאַרפע ריחות פון רפואות איבערן הויז, און ס'האָט זיך איר אַ רגע געדאַכט, אַז דער סאַלאָן שטייט נאָך אין דער זעלבער צערו־דערונג, ווי דעמאָלט, ווען זי איז אַוועק, האָט צום לעצטן מאָל אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר.

אין אבלדיקן הויז איז טייבעטשקע אַרומגעגאַנגען שטיל, פאַרשלאָסן אין־זיך, אַלע מאָל, ביים מינדסטן שאָרך, איז זי געוואָרן אויפגעשפּיצט, געלאָפן האָרכן צו דער טיר. זי האָט זיך געהאַט פאַרקליבן מיטן קינד אין לעצטן אַלקער, אַרויפצו, דאָרט, אין דער האַלב־טונקלקייט, ווו דער פאָטער איז אָפּגעשטאָרבן. אויפן גאַס האָט זי זיך זעלטן געוויזן, פאַרוויקלט אין אַ שאַל, טיף איבער די אויגן; איז פאַרשוווּנדן אויף וואָכן, און

שטיל, נאָך האַלבער נאַכט, צוריקגעקומען. אין גאַנצן אומגליק, איז איבער די צימערן אַרומגעלאָפן דאָס בלאָנד־געקרייזלטע ייִנגעלע, הירשקע, פאַרקלונגען מיט זיין זיס שטימלע דאָס אומעטיקע הויז. ס'האָט גערופן „מאַמע" און די מאַמעטשקע איז נישט געווען. דאָס איז זי אָפּט געלאָפן קיין וואַרשע, אָפּצושרייען דעם פינצטערן גזר אויף ליפען; דאָס איז זי פאַרפאַלן געוואָרן, אין געהיימע שליחותן פון דער „באַוועגונג".

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

אַ הענגל בעז צווישן תפיסה־ווענט

נאָך לאַנגע עטאַפּן, אויספאַרשונגען, פון תפיסה צו תפיסה, איז ליפּע אין ערב־מלחמה־יאָר צוריקגעבראַכט געוואָרן אין וואַרשעווער „ציטאַדעל". דאָ האָט ער געזאָלט געמשפּט ווערן. צווישן די טויבע ווענט פון „ציטאַדעל" זענען מענטשן אָפּגעזעסן יאָרן, געוואַרט אין דער פינצטערער נאַכט אויפן שפּראָץ פון באַגינען, ווען מען וועט זיי פירן צו דער תליה. אויף דער וואַנט אין דער צעלע האָט ליפּע צווישן פאַרפאַטשקעטע אויפשריפטן איבערגעלייענט: „כ'בין פאַרמשפּט צום טויט"... אַן אַנדערע האַנט האָט צוגעשריבן: „ערע דעם אָנדענק פון אַ געפאַלענעם חבר"... ער איז גרייט געווען דערצו. ער האָט זיך געזאָגט: ווען מיר קומט אויס נאָך אַ מאָל דורכצוגיין דאָס לעבן, וואָלט איך געגאַנגען דעם זעלבן וועג, אין קאַמף פאַרן פרייען מענטש, פאַרן געפּלאָגטן פאָלק פון אַרבעטער און אונטערדריקטע.

טייבעטשקע האָט אָבער נישט גערוט. חדשים־לאַנג איז זי אַרומגעלאָפן צו אַדוואָקאַטן, צו חברים אין די פאַרשטעקטע מלינות. זיי האָבן דאָרט אַצינד געלעבט נאָך מער פאַרטייעט, אין דער געדיכטעניש פון די וואַרשעווער הינטערגאַסן. אַלע האָבן געפילט, ס'רוקט זיך אָן אַ נייע, פינצטערע כמאַרע; ס'איז אָבער די פינצטערניש ערב דעם אויפשיינען פון פרימאָרגן.

דורך די קראַטן פון שוואַרצן טורמע־וואָגן, האָט ליפּע דערבליקט די פאַרבייַלויפנדיקע אָפענע אויטאָמאָבילן מיט די באַרמהאַרציקע „שוועסטער", צוזאַמען מיט יונגע, לאַכנדיקע אָפיצירן. אויף די טראָטואַרן — פרויען אין ווייסן. ס'איז וווּנדערלעכער מאַי, און אים פירט מען פון דער געריכט־פּאַלאַטע צוריק אין דער געפענקעניש. פיר יאָר קאַטאָרגע, פאַרלירן אַלע רעכט — אַזוי האָבן זיי אָפּגעפּסקנט.

פון דעסט וועגן איז ער געווען מאָדנע רויִק. אַ שטילער טרויער האָט אים פאַרוויגט. די קראַנקע בענקשאַפט האָט זיך געשטילט. דער 10־טער פּאַוויליאָן. אַ טיפער הויף, אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. אַקאַציעס. רייפער פרילינג. אין קרומען ליכט, וואָס פאַלט איבער די זשאַווערנדיקע מויערן און ברעכט זיך איבער, ווי שטראַלן אין אַן אַקוואַריום, האָט ער אַפילו איין מאָל דערבליקט פון אַ שאָטנדיקן ווינקל אַ שיין טון איבערן הויכן פלויט די הענגלעך בעז. דאָס האָט אים מער פון אַלץ פאַרקלעמט. ער האָט דעם בליק נישט געקענט אָפּרייסן פון בלוילעכן, פרישן, טויאיקן הענגל בעז. היינ־

טער די הויכע מויערן גייט ערגעץ־ווו אַ רווישיק לעבן. פּרויען אין ווייסן אָנגעטון. טראַמווייען קלינגען. און ער, ווי ער וואָלט שוין צום דאַזיקן לעבן מער נישט באַ־לאַנגט. ווער ווייס, צי ער וועט נאָך אַ מאָל צוריקזען טייבעטשקען... ס'קינד ?...

די קרומע, שאַרפע זון איבער די מויערן האָט געלאָזן אין קילן שאָטן די טיפע נישעס, און אין דער ליכטיקער מאַי־זון זענען די בלייכע, איידעלע הענגלעך בעז איבער די דיקע מויערן אַריבערגעהאָנגען, ווי פאַרשעמט.

און דאָ, אויפן שטרענג־אָפּגעמאָסטענעם טעגלעכן שפּאַציר, צווישן די פינצטערע ווענט, האָט ער איין מאָל אומגעריכט דערכאַפּט אַ קענטלעך פּנים; דוכט זיך — מישאַ, דער פּאָלטאַוואָער סטודענט. גאָט מיינער, וויפל יאָרן ס'זענען שוין געהאַט פאַרביי. דער צערודערטער סאַלאָן ביי טייבעטשקען אין הויז... אין דעם זומער, ווען אַלץ איז אַזוי אומגעריכט, בהלהדיק אַנטשיידן געוואָרן אין זייער לעבן. רייד, רויך, דעבאַטן... די פינצטערע מחשבות האָבן זיך געגומען שמעלצן. ס'איז אים באַפאַלן אַ גרויסע, אומגעריכטע פריידי צו באַגעגענען דאָ, צווישן די פינצטערע ווענט, אַ באַ־קאַנט פּנים.

ביז זייערע טריט אַרום די הויכע, פינצטערע מויערן האָבן זיך אויסגעגלייכט. ביידע האָבן זיי פאַרגאַפּט אַרויפגעקוקט אויבן, צו די פאַרחלשטע הענגלעך בעז. מישאַ האָט זיך, ווי אַמאָל, געביסן די טיף־אַרומגעשניטענע נעגל, ווייטער גע־צויגן די אַלטע וויכוחים, ווי נעכטן וואָלט עס געווען:

— ס'איז די צייט פון בין השמשות, חבר ליפע, נאָך דער דורכגעפאַלענער רע־וואָלוציע. קלאָר, אַז ס'איז נאָך נישט אַלץ פאַרשפּילט, אָבער מיר האָבן פּלוצעם שאַרפער דערזען אונדזער אויסוועגלאָזיקייט...

און ליפע האָט אים געענטפערט, ווי ער וואָלט נאָך דאָרט אַלץ געזעסן ביי טיי־בעטשקען אין אָנגערויכערטן סאַלאָן:

— די נאַציאָנאַלע פראַגע קען אָבער בשום אופן נישט אַרויסגעריסן ווערן פון דער אַלגעמיינער ראַם. ס'ענדיקט זיך אַ לאַנגע, פינצטערע תקופה, אָבער וואָס פאַרא צייטן גייען מיר אַנטקעגן ?

פינצטערע מחשבות האָבן געמאַטערט דורך די שלאָפלאָזע נעכט. מיט בענקשאַפט האָבן זיי געקוקט אויף די זוניקע פלעקן, אויף די שפּיץ־מויערן, דורך די קראַטעס. מ'האָט בחוש געפילט, אַז ס'ענדיקט זיך די לאַנגע נאַכט. דאָס וועכטער־פייפל האָט זיי צוריק פאַרטריבן אין די איינצל־קאַמערן. זיי האָבן אָבער נישט געוווסט, אַז זיי וועלן זיך שוין מער בכלל אפשר נישט זען; ווייל באַלד צו מאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע בהלה, די עוואַקואַציע פון אַלע קאַנצעלאַריעס, אַמטן, דער לעצטער צוריק־טריט פון די רוסישע אַרמייען אויף יענער זייט ווייסל.

די נעכט האָבן אָממערסטן געשראָקן; אַ ווייטע שיסערייַ. עפּעס טוט זיך דאָרט הינטער די ציטאַדעל־מויערן. באַגינען פאַרפאָרן אין הויף די שוואַרצע טורמע־וואַגנס. קאָזאַקן אויף פערד באַוואַכן די טויערן. מען רייסט אויף די צעלעס. מען פירט זיי לאַנג איבער די גאַסן, צו דער מאָקטאָוואָער תפיסה. ס'איז אַ שטילע בהלה. ערגעץ גייט שוין די מלחמה אויף דער רוסישער ערד. די אַרעסטאַנטן ווערן אַרויסגעפירט טיף אין לאַנד אַריין. די טורמע איז איבערגעפּאַקט מיט אָן אָנגעטריבענעם עולם, מיט אַלערליי לייט, פאַרדעכטיקע אין שפּיאָנאַזש — קאַבאַרעט־זינגערינס, פרויען פון אַ

לייכטן מין, עפּעס סתּם קאָמישע פֿאַרשוינען, גאַסן־קאָמעדיאַנטן. אָבער די מערסטע — פּאָליטישע.

אַ שווערע חמימה איז אין מיטן חודש אויגוסט געפֿאַלן אויף דער שטאָט. אין די ענגע צעלעס זענען די פֿענצטערלעך פֿאַרהאַקט. אין דער גאָרער שטילקייט הערט מען נאָר אַ ווייט, איינטאָניק, סאָלדאַטסקע געזאַנג. די שנעלע פֿעלד־געריכטן אַרבעטן אין די טויבע, אויסגעלאָשענע נעכט. אין באַגינען, מיטן שפּראָץ אויף טאָג, פֿירט מען אַרויס די פֿאַרמשפּטע צו די אויפֿגעשטעלטע תּליות אין תּפֿיסה־הויף.

אין לאַזאַרעט, וווּ מ׳האָט ליפֿען אַריינגעוואָרפֿן, האָט געווילדעוועט דער טיפֿוס. גוססדיקע, אָנגעשוואָלענע וואַלגערן זיך אויף דר׳ערד, אין שטרוי. יעדע נאַכט טראָגט מען אַרויס פֿון דער פּאַלאַטע די אַוועקגעפֿאַלענע. און איבער אַלעמען הענגט אַ שרעק — די עוואַקואַציע.

דער שטילער גערודער האָט זיך געשטעלט אין פֿינצטערן באַגינען. פּאַרטיעסווייז זענען די אַרעסטאַנטן, מיט קלעפּ, מיט נאַהייקעס, אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון די צעלעס. אַרומגעשטעלט מיט קאָזאַקן, אויף זייערע ווילדע פֿערדלעך, מיט הויך־אויפֿגעשטאָכענע באַיאָנעטן, זענען זיי צופֿוס געטריבן געוואָרן איבער די האַלב־פֿינצטערע גאַסן. די קייטן אויף די פֿיס האָבן נאָכגעקלונגען. הינטער זיי האָבן געצויגן לאַנגע שורות שוואַרצע טורמע־קאַסטנס, צו די אָפּגעלעגענע באַן־פּלאַנטן. דאָרט זענען שוין געשטאַנען גרייט די פֿאַרקראַטעוועטע אַרעסטאַנטן־וואַגאָנען. די טירן פֿאַרהאַקט מיט שווערע שטאַנגען. די היץ גליט אָן די דעכלעך. צעכראַסטעטע, פֿאַרלייזיקטע, פֿאַרוואַקסענע, מיט אויסגעלופּעטע אויגן פֿון דורשט, ליגן זיי אויף די שמוציקע ברעטער. לאַנגע מעתן לעתן וואַרט מען אויף די זייטיקע ליניעס, דורכצולאָזן די עשאַלאָנען, וואָס ציען טאָג און נאַכט צום פֿראָנט.

דאָס מאָל, האָט ער געפֿילט, ליפֿע, וועט ער עס שוין אפֿשר מער נישט איבערהאַלטן. דאָס איינגעפֿאַלענע פּנים — פֿאַרוואַקסן, די אויגן — אין פֿיבער. אָבער ברענענדיק אין היץ, האָט ער ווייטער געפֿירט מיטן אייביקן סטודענט מישאַ די אייביקע וויכּוחים. איין שוואַכער שטראַל פֿון האָפֿענונג האָט געטליעט, אַז מ׳וועט די שווער־קראַנקע כאָטש נישט עוואַקואירן מיטן עטאַפּ. די רויע געשרייען פֿליסן אָפּ. אַלץ שטילער און פּוסטער ווערט אין תּפֿיסה־הויף. ס׳הערט זיך נאָר אין דער טונקעלער פּאַלאַטע, ווו ס׳רויכערט אַ נאַפֿט־לאָמפּ אויף אַ דראָט, דאָס שווערע כאָרכלען פֿון די קראַנקע און די טריט פֿון די וועכטער אויפֿן קאָרידאָר.

און פּלוצעם — מעכטיקע קראַכן; דאָס זענען די בריקן איבער דער ווייסל, זאָגט מען, אויפֿגעריסן געוואָרן. דאָס צעשאָקלטע נאַפֿט־לעמפּל אויפֿן דראָט טוקט זיך. ס׳איז אַ טריט פֿון יאוש צו האָפֿענונג. און אפֿשר איז עס אַ חלום ? שוין נישט איין מאָל האָבן אים געמאַטערט די קאָשמאַרן — ער איז פֿריי... אָבער ווען ער כאַפּט זיך אויף...

ס׳הייבט קוים אָן צו גרויען. מיטן אָנגעשפּיצטן געהער, דערכאַפּט ער, ווי דער בירגער־קאָמיטעט מעלדעט : איר זענט פֿריי !... ער נעמט זיין אָרעם זעקל און גייט נאָך אַלעמען איבערן קאָרידאָר, שטעלט נישט זיכערע טריט צום טויער. דאָס טויער שטייט אָפֿן, צעפּראַלט. די גאַסן ביז אַראָפּ — פּוסט. ערשט איצט קומט ער צו זיך — טייבעטשקע... ווו איז טייבעטשקע מיטן קינד ? מיט וויפֿל איינשטעלעניש

זי האָט זיך דורכגעריסן צו דער לעצטער זעאונג. „ס׳איז שוין נישט אויף לאַנג — האָט זי אים געטרייסט — די רעוואָלוציע קומט״...

פאַרלאָזן האָבן אים נישט די האַרציקע חברים פון וואַרשעווער קאָמיטעט. זיי האָבן אים אָפּגעוואַרט הינטער די תפיסה־מויערן. אַ חברטע האָט אים צוגעטראָגן אַ בינטל בלומען. ווי אַ וואַנט זענען זיי אויסגעוואַקסן, מיט רעוואָלווערן, גרייט, אויב מ׳עט דאַרפן, אָפּצושלאָגן דעם קראַנקן חבר ליפע. זיי זענען צו צום טויער, אָנגעקלונגען. דאָס קליינע טירל איז געשטאַנען אָפן. אויף זייערע הענט איז ער אַ פאַל געטון. ער האָט קוים געקענט שטעלן אַ טריט. זיי האָבן אים געוואָלט פירן אין אַ דראָזשקע, נאָר ער האָט געוואָלט גיין, פילן די האַרטע ערד אונטער די פיס.

אָבער טייבעטשקען איז מער נישט געווען צו זען. אין דער וויסטער בהלה, האָט זי זיך מער נישט געקענט דערשלאָגן אַהער, מיט די פול־באַלייגטע באַנען. דער פראָנט האָט אומגעריכט אַ שפּאַר געטון און אַלץ איבערגעריסן.

אַזוי איז טייבעטשקע מיטן יינגל שוין פאַרבליבן „אויף יענער זייט״. אַ נייע וואַנט האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי; און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג ?

צווייטער טייל

די רעוואלוציע עסט אויף אירע אייגענע קינדער

קאַפּיטל איינס

די שטאָט אויף ברייטע טייכן

נאָך די גרויסע מרידות אין פוילן, אַוודאַי מיט אַ יאָר הונדערט צוריק, ווען ניקאָלאַי דער 1־טער איז נאָך געזעסן אויפן בענקל, איז פלוצעם אַרויס אַ וויסטע גזירה אויף אַ שטאָט מיט יידן. דער רוסישער גענעראַל פון גאַרניזאָן אויפן בוג, אַ באַלטישער דייטש, האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַפוילן מ׳זאָל די אַלטע, הילצערנע שטאָט, וואָס זיצט אויף ברייטע טייכן און טיפע אָזיערעס, אין גאַנצן אַראָפּרוימען, אָנשיטן הויכע וואַלן, דורכשניידן גראָבנס, בויען אַ פעסטונג — געווער־מאַגאַזינען, פאָרטן, קאַזאַרמעס. מ׳זאָל, הייסט עס, די אַלטע יידישע שטאָט אויפן בוג, אַ רוק טון אַ ביסעלע טיפער, מזרח־צו, איבערן נידעריקן פלאַכלאַנד, אַ וויאָרסט פינף לענגאויס דעם ברעג. און געבויט זאָל די שטאָט ווערן נישט בלויז פון האָלץ, נאָר דער עיקר פון שטיין און ציגל, אָבער נישט העכער פון צוויי שטאָק. העכער אַרויפציִען איז פאַרווערט, קיין זייטיק אויג זאָל נישט צו פיל אַריבערקוקן צו דער פעסטונג. סיי ווי איז די שטאָט פון הילצערנע הייזלעך, צוגעטוליעט האַרט צום בוג, אין די גרויסע היצן, וואָס האָבן זיך געשטעלט, נאָר־וואָס ווידער געהאַט אַראָפּ מיטן פייער; גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן, און זי איז אין דעמפּיקער זומער־נאַכט פון חודש אָב כמעט אין גאַנצן פאַרצוקט געוואָרן פון די העלישע פלאַמען.

מקדמונים אַ עיר ואם בישראל, די שוועל אויף די קרייץ־וועגן, פון יאָרהונדערטער יידישע וואַנדערונגען און האַנדל צווישן דרום־מזרח און מערב. אָרטיקע יידן האָבן אַלע יאָרן געפאַכטעט מלוכהשע הכנסות, קאָפּ־שטייער, אַלערליי סאָרט „פּאַדאַטקעס”, וועלדער, סעדער, פאָלוואַרקעס, בראָנפן־ברויערייען; געמסחרט אין גאַנצן קאַנט מיט פעל, רויכוואַרג, וואַקס, פאַפיר, אייזן, בליי, מאָראַוועער טוך, אונגאַרישע לייוונט, היטלען צוקער, זייד, מעטאַל־צוימען פאַר די פערד־געשפאַנען.

אויך איז די שטאָט פון קילע, שכלדיקע מתנגדים געווען די לעצטע פעסטונג, צו ברענגען שלום אין דער ביטערער מחלוקת, וואָס האָט יאָרן לאַנג געפלאַקערט מיטן חסידות אין רייסן, ליטע און פוילן. דער מתנגדישער ייד איז געווען בטבע אַ שטרענגער, אַ מחמיר, אַן אויפגעברויזטער; נישט פאַרגינען זיך, קוים אַליין נהנה געווען פון עולם הזה. פון די צדיקים, די בעלי־מופתים, וואָס נעמען קוויטלעך און פאַרלאַנגען אַ פדיון, האָבן זיי כלל נישט געהאַלטן; אויסגעלאַכט זיי, פאַרשריגן, ביטער געחוזקט. זיין, ווידער, אַ מתנגד, איז אויך נישט געווען פון די לייכטע זאַכן — אָפּגעהיטן גאָטס וואָרט, געגנוי לויטן „שולחן ערוך”, זיינע מפרשים און מפרשי מפרשים,

געציטערט איבער יעדן אות, איבער יעדער חומרא,ביים מקיים זיין יעדער דין און מנהג, יעדער געבאָט און פאַרבאָט. אין די ווייטערדיקע דורות זענען זיי אַפילו געוואָרן אַ ביסעלע געלאַסענער, אין דער שטאָט פון תורה, גייסטיקער התנהגות און בילדונג. אָבער ס'פינטעלע מתנגדות פון שטרענגער, קילער שכלדיקייט און הויכער אמונה האָט, זעט אויס, געטליעט, געשטעקט אין כמעט יעדן איינעם, אַפילו ביי די שפּעטער־דיקע משכילים, חובבי ציון, ציוניסטן און סאָציאַליסטן.

ס'איז זיי אָבער גאָרנישט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טון, אָט די קילע, מיושבדיקע יידן, אַפילו נישט די אויפגעקלערטע, דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע, סאָציאַליסטישע אידייען, אַז זיי לעבן דאָ אין אַ געפערלעכן ברען־פּונקט פון פיל הונדערט־יאָריקע אינטערעסן־שטרייטן, אינטריגעס, צווישן די סלאַווישע און גערמאַנישע שבטים און פעלקערשאַפטן; אַז אונטערערדיש קומען־אויף און ווערן מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן אַרויף אויף דער אויבערפלאַך מעכטיקע כוחות, וואָס נעמען יידישע קהילות איבער־הויפּט נישט אין באַטראַכט, טרעטן אויף זיי, אָט ווי מען טרעט, אַ שטייגער, אויף ווערעם; שמייכלען טאַקע אונטער צו אונדז אין שווערע איבערגאַנג־תקופות, וואַרפן אַפילו צו אַ ביינדל, אַ פּריווילעגיעלע, אָבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט ווערן זיי אונדז, צוליב די מינדסטע אינטערעסן זייערע, דערשטיקן, אויסראָטן. זיי נוצן נאָר כיטרע אויס אונדזערע פעאיקייטן, אונדזער זשעני, אונדזער פאַרמעגן, אונדזער פעדער־ און מויל־קראַפט. זיי האָבן נישט געאָנט, די יידן, פון אַלע שיכטן, שיטות, באַוועגונגען, אַז זיי פלאָנטערן זיך דאָ נאָר אונטער די פיס פון מעכטיקע כוחות; אַז זיי מוזן סוף כל סוף פאַרשווינדן פון דער צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּעאישער לאַנד־שאַפט. זיי זענען איבערהויפּט קיין צד נישט. קיינער אָנערקענט גאָרנישט זייער עטנישע באַזונדערקייט; אַזוי איז עס אויך געווען מיט די מיטלאַלטערלעכע געטאָס, אין שפּאַניע, איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ביז צו אונדזערע טעג.

אַזוי אויך איז געשען אין מיטן הייסן חודש אָב, 1915. אַ געדיכטע שטאָט מיט יידן ביים בוג איז צום אַנדערן מאָל פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע היימען. און די אויפגעקומענע נגידים האָבן דאָ, אין די יאָרן פון שפע, געבויט ציגלדיקע קאָמעני־צעס, געסקלעפּעוועטע מאַגאַזינען אין די טיפע הויף, מאַסיווע געבייען, ווי אין דער אייביקייט אַריין. פּלוצעהאַלבן, אין איינעם אַ פרימאָרגן, האָט דער רוסישער גענע־ראַל פאָן לייבינג, פון גאַרניזאָן אין דער פעסטונג, געלאָזן אויסקלעפּן באַקאַנטמאַכונ־גען אויף אַלע ראָגן, מיטן באַפעל, די תושבים זאָלן במשך פון אַ פּאָר שעה אָפּ־ליידיקן די שטאָט. ס'האָבן אַרום דער פעסטונג, האָט מען געשמועסט, זיך געגרייט גרויסע שלאַכטן מיט די דייטשע חיילות, וואָס האָבן אָנגעצויגן פון מערב; און נאָך איידער די קנאַפּע פערציק טויזנט יידן האָבן זיך, אין גרויס בהלה, געלאָזן אין גלות אַריין, האָבן באַלד באַגינען פון אַלע זייטן די פלאַמען שוין געהאַט אַרומגעכאַפּט גאַנצע קוואַרטאַלן. דאָס אַרעמע טייך־געסל איז באַלד אַראָפּ מיטן פייער, ס'רוב היל־צערנע הייזלעך, קיין זכר איז נישט געבליבן. אויף צעשאָטענע פורלעך, צופוס, באַ־לאָדן מיטן ביסל אָרעמקייט, מיטן רויט־אָפּגעצויגענעם בעטגעוואַנד, די שבת־לייכ־טער, אַ פּאָר מחזורים, האָבן די גירושים געצויגן אין אויפגעהויבענעם שטויב, ביזן הימל, אין אַ זייט שאָסיי. דער שאָסיי, ביז ווייט אַרויף, איז שוין באַלייגט געווען מיט קאָזאַקן־סאָטניעס, אויף זייערע פלינקע פערדלעך, פון די דאָנער און קובאַנער סטע־פּעס. די שווערע אַרטילעריע האָט געטראַסקעט איבער די גרויסע שפּיציקע ברוק־

שטיינער. אַ קאַרג יאָר ווי ס׳האָט געפלאַקערט די מלחמה, אין די גאַליצישע געביטן און ערגעץ אין קרוין־פּוילן; אַ געדיכטע יידישע שטאָט אין דער מיט פון אַזאַ בראַנד. די ווייט־נאָכטראַכטערישע יידן, איבער נאַכט גרוי געוואָרענע, האָבן דאָס מאָל בפירוש דערזען, אַז ס׳איז נאָר אַן איינרעדעניש — די היים.

מיטן צוריקגאַנג פון די רוסישע אַרמייען, האָבן זיך אָנגעהויבן ציען די „ביעזשענצעס“. די נעכט זענען געשטאַנען אויפגעלויכטענע, רויט פון די ברענענדיקע פאָרשטעט, געוווער־מאַגאַזינען. די רוסן האָבן פאַרן אָפּטרעטן אומעטום אויפגעריסן די בריקן. די שווער־געפּאַנצערטע דייטשע חיילות האָבן טאַקע באַלד אַ שפּאַר געטון ביז די מקומות, אַרומגערינגלט די פעסטונג. די שריפות האָבן זיי איינגעלאָשן, אָבער דעם שטראָם פּליטים, וואָס האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן אין די עשאַלאָנען קיין טיף־רוסלאַנד, האָבן זיי פאַרטריבן, נישט געלאָזן מער צוריקקערן זיך אין זייערע היימען. די גאַנצע שטאָט איז באַלד דערנאָך, מיט יעקישן מעטאָד, מיט אייזערנער דיסציפּלין, מיט קולות, מיט געוואַלדן, פּלאַנמעסיק צעשניטן געוואָרן אין אין גרויסן מיליטער־לאַגער, צעקעסטלט אין פּיל־פּאַכיקע דראָט־פאַרצוימונגען, מיט וואַכן און וואַך־טורעמלעך. אין די ברייט־צעלייגטע, גאַנץ־געבליבענע קאַמעניצעס, אויפן „ניעוווסקי פּראָספּעקט“, אין דער טאָפּאָלן־גאַס, האָבן שוין געקלאַפּט די מיליטערישע קאַנצעלאַריעס, אַ קאָמענדאַנטור. אין די טיפע הייף זענען די סוחורה־מאַגאַזינען און לאַגערן פאַרנומען געוואָרן פאַר פערד־שטעלער, גאַראַזשן. איינגעגראָבן טיף אין די אָקאָפּעס אַ יאָר צוויי־דריטהאַלבן, איין אַרמיי קעגנאיבער דער אַנדערער, אין די פינסקער בלאָטעס, נישט צו רירן זיך פון אָרט, איז די אַלטע פעסטונג אויפן בוג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דייטשן הויפּט־קוואַרטיר פון מזרח־פראָנט.

צאַליע רימער מיט זיין קליינער משפּחה — ס׳שווערלעכע ווייב מיט די צוויי־געלע, אונטערגעוואַקסענע מיידן — האָט שוין ווייט פון דער ברענענדיקער היים נישט באַוויזן צו אַנטרינען. זענען זיי אין די ביטערע פאָר יאָרן שטעקן־געבליבן אין שטרויענעם דאָרף טשיזשעוויטש, אין גאַנצן אַ קילאָמעטער פופצן פון דער היים־שטאָט, אויף דער פּוילישער זייט בוג. אין דער נידעריקער קרעטשמע־שטוב מיטן אַראָפּגעזעצטן דאַך, אויפן קרייץ־וועג, האָט זיך מכמה יאָרן אויפגעהאַלטן זיינס אַ שטיקל קרוב פון טאַטנס צד, מאיר ישובניק, אַליין אויך מיט אַ היפּש געזינדל זין, טעכטער, איידעמס און שנורן. דער ייד האָט מער נישט געפירט די קרעטשמע, נאָר האָט געהאַלטן אין אַרענדע די פעלדער ביים פּריץ, פּאַן פּילעצקי. און אַז צאַליע איז אין דער בהלה געקומען אָנצוציען, האָט אים דער אַלטער אין דער ענגשאַפט אויך אָפּגעטראָטן אַ קאַמער.

אין דער דאָרפישער באַלעבאַטישקייט האָט צאַליע שנעל אויסגעטויגט זיך, אויספּאַרריכט די צעפּליקטע פערדישע געשפּאַנען ביי די פּויערימלעך; צוזאַמען מיטן ווייב און מיט די מיידלעך, פאַרזייט אַ ביסל קאַרטאָפל הינטערן הויז, געמאָלן הרעטשענע גרויפּן אין היימישן מילעכל, אין דער „זשאָרנע“, אַ ביסל קאַשע, און מיט גרויס איינשטעלעניש — געשמוגלט אַ קערצל תבואה, אַן עוף, אין די אַרומיקע שטעטלעך. אויף טריט און שריט זענען די וועגן פאַרשפּאַרט געווען. מ׳האָט באַדאַרפט אַרויסקריגן אַ פּאַסיר־שיין פון דער עטאַפּן־קאָמאַנדאַנטור, פון הויפּטמאַן וועלמאַן — אַ הויכער, אָנגעפּרעסענער פּרייס, דאָס פּנים צעאַקערט פון געפעכטן אין די סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס, אַ מאָנאָקל אין נישט־בלינדן אויג, אַ בייטשל אין האַנט. ס׳איז

אין די שטעטלעך אַרום געווען אַ געפאַר פון עפּידעמיעס; ס׳האָט געפּאַנעוועט דער טיפוס, דיזענטעריע. די דייטשן האָבן געטריבן מיט געוואַלד אין באָד אַריין, דיזענ־פעקצירן די קליידער. ס׳האָט געהייסן „די ענטלויזונגס־אַקציע". אַלץ האָבן זיי רעק־ווויזירט, די יעקעס. דערנאָך האָבן זיי די געזונטע מענער געשיקט אין צוואַנגס־באַ־טאַליאָנען, אין די ביאַלאָוועזשער וועלדער, אין די באַן־וואַרשטאַטן, אין די קוילן־גרובן פון רור־געביט.

אַזוי האָט מען אין גרויס דחקות דערצויגן ביזן אומפאַרגעסלעכן פרילינג פון 17־טן יערל. מ׳ווייס נישט אַקוראַט ווי אַזוי, פון וואַנען, נאָר ער האָט עס באַלד דער־שמעקט, צאַליע, אַז ס׳ציען לינדע ווינטן פון יענער זייט פראָנט, אין רוסלאַנד, כאָטש ס׳איז נאָך געשטאַנען טיפער ווינטער אויף דער וועלט. אין פינצטערן באַגינען האָט ער אַ וויש געטון ס׳פאַרהויכטע שייבל, צו זען וואָס פאַראַ וועטער ס׳איז. ער האָט מער נישט געקענט איינליגן אויף דער נאַרע. ס׳איז געפּעדלעך געווען אַרויסצורירן זיך פון דאָרף; און ער, דער אָפּגעריסענער טייוול, האָט זיך ערגעץ אַרומגעשלענדערט, האָט זיך אַפילו אַלע פּאָר טעג אַריבערגעכאַפּט צו די נאָענטע שטעטלעך, צו די בריסקער פּאַרשטעט, געגאַנגען איבערן פאַרפרוירענעם בוג. ער האָט גוט געקענט די הינטערוועגן, דורכצושלייכן זיך, אויסצומיידן די צעשטעלטע דייטשע וואַכן ביי די בריקלעך און אייזנבאַן־שינעס. הינטער די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן און קאַרפּוסן, אויף יענער זייט בריק, פאַרוואָרפן איבערן פלאַנט, אויפן צענטראַלן באַן־קנופּ, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער האַלב־חרובער, פאַררויכערטער וואָקזאַל, פאַרסמאַליעט פון די איינ־געלאָשענע שריפות און האַרמאַטן־לעכער; ווייל די רוסן האָבן אַלץ אונטערגעצונדן, ערב אָפּטרעטן. פאַרסאַדזעטע לאָקאָמאָטיוון האָבן געשפּיגן מיט גערדיכטן רויך, היי־זעריק געפּיפן, קראַנק געוואָיעט אין ווינטערדיקן, פריי־צוגעפּאַלענעם אָוונט, צע־שטעלט אויף די זייטיקע ליניעס. אַ גערדיכטער שניי האָט אים געיאָגט אין רוקן, אַ ווינט האָט פאַרווישט די שפּורן פון זיינע פאַרזיכטיקע טריט.

ער האָט זיך, דאָ באַלד ערגעץ, אַריינגעשאַרט אין פּאַדער־הייזל פון אַ האַלב־אויסגעבערענט הויז; אַ רגע זיך פאַרהאַלטן, פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט זיך. דאָרט האָט זיך אויפגעהאַלטן דער לאַנגער, געשטופּלטער מעכאַניקער יאַן בידאַ, אָבער צוליב קאָנספּיראַציע האָט ער זיך ביים דייטש גערופן סטאַך. אַ פּאַליאַק, אַ באַן־שלאָסער, אַן אַלטער פּ. פּ. ס.־אָוויעץ. ער האָט ביי צאַליען שוין אַלעמאָל אָפּגענומען דאָס ביסל סחורה. אָבער נישט אין דעם איז עס געגאַנגען. צאַליע האָט ביי אים אַלץ געוואָלט דערגיין :

— ס׳איז נאָך אויף לאַנג, סטאַכו ?...

— עט, אַכיבאָ נישט... דער שוואָב וועט אין גיכן ברעכן דעם קאַרק...

און הינטער די פאַרנעפּלטע שייבלעך זענען געשטאַנען די אויפגעלויכטענע נעכט. דער הימל איבער דער נאָענטער פעסטונג איז רויט געווען, ווי פון שריפות. פאַרשטיקטע, שיכורע געזאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין ערב ניי־יאָר פון די ליכטיקע קאַנטינעס אַרום וואָקזאַל, הינטער די גיי־ און פאָר־בריקן. ס׳האָבן זיך געהערט פון מאָל צו מאָל שאָסן, אַן אָפּגעריסענער : וויוואַט... האָך־האָך !...

די פעסטונג, דער אָנגעהויף פון פאָרטן, שיס־לעכער, אַ שטומע, אַ דראָענדיקע, פאַרשפּינט אין שטעכל־דראָט־צוימען אויף טריט און שריט, איז געלעגן אַראָפּצו,

הינטער די באַן־בריקן און אויסגעלאָשענע סעמאַפאָרן. ס'האָט דאָרט פון צייט צו צייט אַ בליץ געטון מיט רויטע און גרינע פייערן.

דאָ האָט צאַליע אָפּגעשטעקט דאָס ביסל סחורה, ווען ר'איז געקומען צושלייכן. אַ טיר האָט זיך אויפגעמאַכט, אַ פּראָסטיקע פּאַרע האָט אַ זעץ געטון צום דרויסן. צאַליע האָט זיך פלינק אַריינגעגליטשט. יאָן בידאַ האָט אים שוין יעדעס מאָל פאַר־זיכטיק אָפּגעוואַרט. ביי אים האָט ער זיך היפּש פאַרזאַמט. איבערגענבכטיקט, האָט ער זיך צוריקגעקערט פאַרנאַכטלעך, דורכגעגליטשט זיך די דייטשע וואַכן, ס'ליידיקע זעקל אויפן קאָפּ, ווי אַ סטראַשידלע. ער האָט זיך אָפּגעטראָגן מיט הינטערוועגן, דער טייוול. אַריבערגעשפּריזט אין דער קרום דעם פאַרפרוירענעם בוג, האָט צאַליע צום היימישן דאָרף נאָך געהאַט דורכצושניידן די ווינטער־תבואות, דאָס נאַקעטע אָליעכע־וועלדל, לענגאויס דעם נידעריקן ברעג. ער האָט זיך דאָס מאָל אונטערגעאיילט. איי־דער וואָס־ווען, פאַלט צו אַ פינצטערניש. פון מערב־זייט, ווו דער פאַרנאַכט האָט זיך געזעצט אין בלייכע פאַרבן, האָט דווקא געצויגן אַ לינד וועטער. ס'קען ווערן אַן אָד־ליגע, אַ נאַסער שניי קען פאַרשיטן די וועגן. דער טייך קען פלוצעם נעמען ריירן. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, איז גלייכער באַצייטנס צו זיי אין דער היים. דורכגעשניטן דאָס צע־גראָבענע קאַרטאָפל־פעלד, האָט ער אין צופאַלנדיקן אָוונט דערקענט הינטער דער שאָפּע, פון ווי ווייט, די שפּיציקע ווינטער־קוטשמע פון אַ האָזן־פעלעכל, פאַררוקט איבער די אויגן,ביים קליינעם ייד, דעם ישובניק. יענער האָט דאָרט מיטן היי־גאָפל איבערגעוואָרפן אַ ביסל גנאָי, צום פרילינג־פאַרזיי. ווי אַ גרויער וואָלף פון די פליי־נעץ, מיט אַן איינגעפאַלענעם בויך, אַזוי פאַרזיכטיק איז צאַליע געקומען צושלייכן, אויסגעוואַקסן האַרט הינטער זיין רוקן, אָן אַ קול זיך אַ צעלאַך געטון, אונטערפּייפנ־דיק דורך די שיטערע ציין :

— שוין, פעטער... די בראָך איז שוין פאַרטיק...

— האָסטעך מיר שיער נישט צום טויט איבערגעשראָקן, צאַלינקע... — האָט זיך דער אַלטער האַסטיק אומגעדרייט — פון וואַנען, זאָג מיר, ציסטו אַזוי שפּעט ? אויף די וועגן איז אומרואיק און ער קריכט אַרום..

— כ'קום פון גרייעווקע, פעטער... כ'האָב אין שטאָט, משלט אייך, אויך אַריינ־געשמעקט... אויסגעברענטע חורבות — אַ שרעק ! קיין לעבעדיקן הונט נישט צו זען... די יעקעס גראַגערן שוין — „אַלעס קאַפּוט !"...

— דיך ציט עס אָבער, זע איך, ווי דעם וואָלף, אין וואַלד אַריין... ביסט אַ טאַטע פון קינדער, יאָ, צי נישט ?... געדענק, צאַלינקע...

דער קליינער ייד, דער ישובניק, אַוודאי אַ זיבעציקער, אויב נישט מער, אָבער אַ קרעמפּער, ווי אַ וואָרצל, מיט אַ ווייס, שיטער בערדעלע אויף דער נאַקעטער גאָמ־בע, איז אים פאַרזיכטיק נאָכגעגאַנגען ביזן פאָדער־הייזל.

— אַזאַ קרירה... אַ גלעזל וואַרעמס וואָלט גאַרנישט געשאַדט... — האָט זיך צאַליע געטון אַ שטעל אַריין אין דער אָנגעהייצטער כאַטע, אונטערגעפּייפט, אַלץ פאַררעדט דעם אַלטן די ציינער מיט אַ חכמהלע, מיט אַ ווערטל.

דער קליינער, תמימותדיקער ייד האָט אים בשום אופן נישט געקענט צעקייען, צאַליען, אָנגעקוקט אים פון דער זייט מיט אַ ביסל חשד, ווי ס'קוקן געווייגלעך דאָרפס־לייט אויף שטאָט־מענטשן — מאַטערט זיך, דער אָפּגעריסענער לץ, ווערט אויסגעריסן, שטעלט איין ס'לעבן; אָבער וואָס ער גראָבט דאָרט, האָט ער, אָסור, נישט

אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין. צוליב וואָס? אַלע נייעסן, וואָס ס׳טוט זיך ערגעץ אָפּ אויף דער גרויסער וועלט, ברענגט ער דער ערשטער צעטראָגן — באשר אין „ריסנלאַנד״ טוט זיך חושך. ניקאָלאַיקע איז שוין געגאַנגען אין דר׳ערד אַריין מיטן קאָפּ, און אַז „יעקע גנב״ וועט אויך אַ ליאַדע טאָג ברעכן דעם קאַרק...

אַז דער דייטש זאָל ברעכן דעם קאַרק — אויף דעם האָבן אַלע אין קאַנט אויס־געקוקט דעם טאָג, די שעה, די מינוט. ס׳פּוילישע פֿויערל פֿון ד ע ר זייט בוג האָט געצויגן די פֿאַרשטייפֿטע וואָנץ — „דער שוואַב, פּשיאַ קרעוו... די ביינער פֿרעסט ער אונדז אָפּ״... די יונגע מאַנסלייט האָבן די זשאַנדאַרמען אַוועקגעשלעפּט אויף צוואַנגס־אַרבעט אַרום די באַן־וועגן, אין די טיפֿע ביאַלאָוועזשער וועלדער, אין די לאַגערן פֿון דער חרובער שטאָט, אין דער פֿעסטונג גופא, פֿול מיט רוסישע „פּלעננינקעס״. זיי זע־נען דאָרט, הינטער די געדיכטע שטעכל־דראָט־צוימען, אין די באַראַקלעך, געשוואָלן געוואָרן פֿון הונגער, די לייז און דער טיפֿוס האָבן זיי פֿאַרצערט. זיי האָבן אָנגעפֿילט די ברידער־קברים. זינט ווען אָבער מ׳האָט געהערט, אַז אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע זענען אויסגעבראָכן מרידות, איז קיין פֿראָנט מער כמעט נישט געווען. טיף אין די פֿינסקער בלאָטעס, צווישן ווילדע קעמפּעס, אונטערגעשווענקטע וועלדער, זע־נען די רוסישע אָקאָפּעס געשטאַנען האַלב־פֿאַרלאָזן. די סאָלדאַטן, דער עיקר די פּוי־ערים, האָבן אָנגעהויבן צו לויפֿן פֿון די פֿראָנטן, צו זייערע ווייטע דערפֿער, ערגעץ אַרום דער וואָלגע. קיין שום כוח האָט זיי מער נישט געקענט אָפּהאַלטן. פֿוןביידע זייטן אָקאָפּעס זענען זיי אַרויס איינער צום אַנדערן, די רוסישע און דייטשע סאָל־דאַטן, צוזאַמען פֿאַרראַכערט, אויף שטום־לשון, מיט די הענט, צוזאַמענגערעדט זיך, אַז צו וואָס זיך אויסמאָרדן, פֿאַרגיסן אַרבעטער־בלוט, פֿאַר די אָנגעפֿרעסענע בור־זשויען?...

די אויסגעמאָרעטע רוסישע געפֿאַנגענע אין די באַראַקן, ערד־לעכער, אין די פֿאָרטן פֿון דער פֿעסטונג, האָבן שוין אויך געהאַט עפּעס דערשמעקט, פֿון דער לופֿט דערשמעקט. זיי האָבן עס אַליין געזען, ווי צום ווייסן פּאַלאַצל, וווּ ס׳שטייען פֿון ביידע זייטן צופֿאַר איינגעמויערט די צווי אַלטע, פֿאַרזשאַווערטע האַרמאַטן, זענען אין פֿאַרוויילטן דעצעמבער־פֿרימאָרגן פֿאַרפֿאָרן אָפֿענע אויטאָמאָבילן. דאָרט, האָט מען געשמועסט, קומען עס פֿאַר די אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום. ווער עס זענען די באָלשעוויקעס, די מענשעוויקעס, די עסערן, האָבן די פּויערימלעך פֿון ווייטע רוסישע קאַנטן נישט אָנגעהויבן צו וויסן.

— פֿאַרקאָכט אַ קאַשע... — האָבן זיי געבורטשעט, בייז אויסגעשפּיגן — זאָלן זיי עס אַליין אויפֿעסן...

אָבער קיינער נישט אפשר, ווי דער לאַנגער צאַליע רימער, וואָס האָט דאָס לעבן זיינס אַוועקגעגעבן דער „באַוועגונג״, האָט מיט אַלע זיינע פֿיבערן און אָנגעשפּיצטע חושים, געפֿילט, געאַנט, וואָס, אַ שטייגער, דאָרט קען זיך אַצינד אָפּטון, הינטער די פֿאַרשטאַרקטע וואַכן און שטעכל־דראָט־צוימען, אין דער אומהיימלעך־צעלייגטער פֿעסטונגביים בוג. ס׳זענען געשטאַנען די אויפֿגעלויכטענע נעכט. אין די פֿאַר וואָכן, ערב ניי־יאָר, איז דאָרט געווען אַן אומגעוויינלעכער גערודער אַרום אַלע קאַנצעלאַר־יעס, אַרום די אָנגעפֿאָרענע דעלעגאַטן, וואָס זענען אַרומגעפֿלויגן אין די אָפֿענע אוי־טאָמאָבילן. און ער איז פּלוצעם זייער שטאַרק געווען, דער אָרעמער, אַרומגעריסענער טייוול, צאַליע רימער, זיין אייגענע חשיבות איז ממש געוואַקסן, וואָס דאָרט, אין ווייסן

פּאַלאַצל, ביים גרינעם טיש (פון דער געשיכטע) זיצט אַצינד מיט זיי דאָרט אַ רעַ־וואָלוציאָנער, דווקא אַ ייד, לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי, און ער גיט זיי צו שמעקן פּולווער, זאָגט זיין אַריין — ווי ס׳שרייבן די בלעטער — אין דער גאַל אַריין, די רויבערישע אימפּעריאַליסטן, די בלוטיקע מיליטער־לייט, וואָס האָבן אָנגעצונדן אַזאַ ווּיסטע וועלט־שרפה...

כאָטש ס׳זענען מער נישט געווען די אַמאָליקע כוחות. די ביטערע פּאָר יאָר האָבן זיך שווער געלייגט אויף די אַקסלען; אָבער דאָס אַלטע פייער האָט נאָך אַלץ געגליט אין אים. אַפילו זיינע ביטערע געלעכטערלעך האָט ער נישט פאַרגעסן. דאָס איז אים אָן שום ספק בייגעשטאַנען די טיפע לערע פון חבר ליפע קאַמאַשנמאַכער אין יענע יאָרן, אויף די אָפענע בולוואַרן, אויף די שיפלעך, אין די אומפאַרגעסלעכע זומער־נעכט; ווען ר׳האָט זיך דאָ שטילערהייט באַוויזן, „אָרגאַניזירט״ די חברה „צער בעלי חיים״, די שטרייקן, אַריינגעטייטשט מיט זיי וועגן געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן, וועגן די דערשטיקטע פעלקער, וואָס ווילן, ווען דער טאָג וועט קומען, אַראָפּוואַרפן די קייטן פון שקלאַפעריי...

ס׳איז געגנוג געווען ער זאָל עפּעס אָנשמעקן, ווי אַ טשאַד, פון דער לופט, אַריינ־בליקן און שווערלעך אַ לייען טון אין אַ פאַרבלאָנדזשעטער דייטשער צייטונג, וואָס איז געפלויגן מיטן ווינט איבער דער פאַררויכערטער באַן־בריק, ער זאָל זיך גלייך כאַפּן, וואָס פאַראַ ווּיסטע שפּיל דאָרט ווערט געפירט, „אַרום גרינעם טיש פון דער געשיכטע״. ס׳האָט אים דאָרט קנאַפּ וואָס געאַרט, וואָס ס׳שווערלעכע ווייב מאַכט אים דעם טויט, עסט אים לעבעדיקערהייט, שעלט מיט טויטע קללות, ער זאָל זיך נישט שפּילן מיט קיין פייער, נישט אַזויפיל אַרומצאַפּלען, נאָר ליגן איינגעלייגט, ס׳מויל זאָל אים שטיינבלייבן פון הינטן... אויסגעהערט דאָס אַלץ מיט אַ קרומען שמייכל, האָט ער אַ פאַררוק געטון דעם דאַשיק איבער די אויגן, אַ צי אַרויף געגעבן די הויזן, ווי איי־נער זאָגט... זאָל זי... דערפאַר זענען די אונטערגעוואַקסענע טעכטער, די געלע מיידן, געווען שטאָל און אייזן אויף זיין זייט.

— נישקשה, ער ווייסט וואָס ער רעדט, דער טאַטע — האָבן זיי אים אונטער־געהאַלטן — ס׳קומען אַן נייע צייטן... די קייטן פון שקלאַפעריי מוזן צעריסן ווערן...

זיי האָבן, פונקט ווי צאַליע, געהאַלטן אין איין לייענען די צעשאָטענע יידישע ביכלעך, וואָס צאַליע האָט ערגעץ ווו דערטאַפּט און געברענגט צו טראָגן. אַפילו דער קליינער דאָרפס־ייד, מאיר ישובניק, האָט אים נאָכגעקוקט מיט חשד מיט זיינע רויט־לעכע, טרערנדיקע אויגן, ווי מיט דרך ארץ. אָבער נאָך וואָס ציט עס אים ? — האָט ער נישט פאַרשטאַנען. גיי דערצייל עס אים, אַז צאַליע האָט זיך געפרייט, ווען ער האָט אויסגעלייגט פאַר זיי, אַז אָנגעהויבן די ווּיסטע מלחמה מיטן פאַרריסענעם קייזער ווילהעלם האָט דער אַלמעכטיקער רוסישער צאַר, און אָט פאַרענדיקט זי איצט — אַ יידל פון אוקראַינע, מיט אַ קאָמעץ־בערדל, לייבעלע בראָנשטיין, ווי יידן האָבן אים היימיש גערופן, אָדער לויטן רעוואָלוציאָנערן פּסעוודאָנים — לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי; אַ פייערדיקער קאָפּ, אַ רעדנער, איינער אין דער וועלט. יאָרן לאַנג פריער האָט ער זיך געוואַלגערט אין די טורמעס, אויף סיביר, אויף עמיגראַציע. ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז ער געקומען אָנצולויפן, איבער די סקאַנדינאַווי־

שע לענדער, קיין פּאַטראָגראַד, אין סאַמע פלאַקער פון דער רעוואָלוציע. און אַט זיצט ער „פּנים אל פּנים מיט אייראָפּע", מיט דער וועלט, און דיקטירט זיי, אין נאָמען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זיינע באַדינגונגען.

קאַפּיטל צוויי

ביים גרינעם טיש פון דער געשיכטע

אין שלום־דעקרעט פון איליטשן, געהתמעט אויפן קאָנגרעס פון סאָוועט, דעם 6־טן אָקטאָבער 1917, וועגן אָפּשטעלן די מלחמה, איז בפירוש געזאָגט געוואָרן:

„די רעגירונג וועט באַטראַכטן ווי דעם סאַמע גרעסטן פאַרברעך קעגן דער מענטשהייט פאָרצוזעצן די מלחמה, מיטן איינציקן ציל צו דעצידירן וועלכע פון די רייכע און מעכטיקע נאַציעס זאָל דאָמינירן די שוואַכע נאַציעס. די רעגירונג פּראָקלאַמירט פייערלעך איר אַנטשלאָסנקייט תיכף אָפּצושליסן אַ שלום, יושרדיק פאַר אַלע נאַציעס, אָן אויסנאַם! די סאָוויעטישע רעגירונג דערקלערט פאַר אומגילטיק די געהיימע אימפּעריאַליסטישע אָפּמאַכן, אונטערגעשריבן דורך פריערדיקע רוסישע רעגירונגען. זי רופט די פעלקער אויפצושטיין קעגן זייערע רעגירונגען, צווינגען זיי תיכף אונטערצושרייבן אַ פייער־אָפּשטעל".

דאָס אויסגעבלוטיקע לאַנד, אויסגעהונגערט, פּאַרלייזיקט, האָט אויפגענומען מיט דערלייכטערונג דעם שלום־דעקרעט. די רעגירונגען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, די אַלירטע, האָבן דערויף געענטפערט מיט היסטעריע: פאַרראַט!

דעם 26־טן דעצעמבער אין די סאָוויעטישע דעלעגאַציע, אין פּראָסטע לייוונטענע רובאַשקעס, אין פּאַפּאַכעס, אין פעלצן און שטיוול, געקומען אָנצופאָרן אין ספּעציעלן צוג אויפן אויסגעבערענטן בריסקער וואָקזאַל. אין ביטערן פראָסט, אונטער אַ נידעריק־פאַרטונקלטן הימל, האָבן זיי אויפגענומען אויפן שטרענג־אָפּגעלייזיקטן פּעראָן די דייטש־עסטרייכישע פאַרשטייער. הינטער זיי — אַ גרופּע שטאַב־אָפיצירן, בראש מיטן גענעראַל פאָן האָפמאַן, אַן ערך־וואָך. פון וואַגאָן זענען די ערשטע אַרויס פון טרעפּל דריי באַברילטע יידן: טראָצקי, יאָפע און ראַדעק. לעוו דאַווידאָוויטש, מיט זיינע פאַרהויכטע פענסנע, מיט דער לייבן־טשופרינע, מיטן שפּיץ־בערדל; יאָפע, אין אַן אַלטפרענקישן מעלאַניק, מיט אַן אַלטמאָדישער גילדערנער בריל אין שוואַרצע רעמלעך, ס'שנירעלע אונטערן אויער, פאַרטשעפּעט אין אויבערשטן וועסטל־קעשענע; און ראַדעק, מיט זיינע דיקלעכע האָרן־ברילן איבער די אויסגעשרויפטע אויגן, אַ לאַכעדיקער, מיט העלע, קרייזלדיקע באַקן־בערד, שיער נישט אַ־לאַ פראַנץ יאָזעף. אַ גאַליציאַנער ייד פון טאַרנאָוו, אַ בייסיקער פּאַלעמיסט אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, האָט ער באַצייטנס מיטגעפירט מיט זיך אַ פולן וואַגאָן פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, בלעטלעך, די צייטונג אין דייטש, „די פאַקעל", רעדאַגירט צוזאַמען מיט לעוו דאַווידאָוויטשן.

דער פאַררויכערטער צוג, דורכגעלעכערט פון קוילן־סעריעס, האָט זיך פאַרהאַלטן לאַנגזאַם. אַן אײַזיקער ווינט האָט שאַרף געצויגן פון די אָפענע פליינען. אַ צערויטלטער, אַ שמייכלענדיקער, איז ראַדעק אַראָפּגעשפּרונגען און באַלד גענומען שלעפּן פון וואַגאָן און פונאַנדערגעטיילט אויפן וואָקזאַל די דייטשע סאָלדאַטן די בלעטלעך, די צייטונגען; און דערביי, זייער פריילעך, זייער היימיש, צעשמועסט זיך מיט זיי. די שטייפע הערן, דער עיקר דער גענעראַל פאָן האָפמאַן, מיטן מאָנאָקל אונטערן פּיקל־הויב, מיט דער ברוסט מעדאַלן, האָבן זיך מאָדנע איבערגעקוקט. זיי האָבן נאָך נישט געוואַגט. פון דיפּלאָמאַטן האָבן זיי זיך אַזוינס נישט געריכט. אין די שלעכט־באַדרוקטע בלעטלעך איז בפירוש געזאָגט געוואָרן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע פאַרטיידיקט נאָר די קלאַסן־אינטערעסן, נישט די אינטערעסן פון אַ נאַציע; אַז אַפילו דער באַגריף „נאַציאָנאַלער שונא" איז זיי פרעמד...

נאָכן קילן, שטייפלעכן, שנעל־אָפּגעכאַפּטן ברוך־הבא, איז די קייט גרויע אָפענע אויטאָמאָבילן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ פאַרדומפּענעם רויך פון בענזין, באַלד דערנאָך אָפּגעפאָרן איבער די הענג־בריקן, דורך די קוים אָנגעצייכנטע גאַסן פון דער חרובער שטאָט, ביז אַראָפּ, צו דער פעסטונג ביים בוג, דאָס זיץ־אָרט, די הויפּטקוואַרטיר פון די דייטשע מזרח־אַרמייען.

דורך די פאַרלאָפענע צעלולאָיד־שייבלעך פון אויטאָמאָביל מיטן אַראָפּגעלאָזענעם דעכל האָט לעוו דאַווידאָוויטש, אין פינקל פון די צוגעקלעפּטע פענסנע, אַ בליק געטון, נישט אָן אַ געוויסער ווייטער געדעכעניש פון נאָסטאַלגיע — חורבות... חורבות פון אַ פרעמד יידיש לעבן. ווער זענען זיי, אין זייער עקשנות צו עקזיסטירן? אַ געדיכטער שניי האָט געקרייצט הימל און ערד. ביי די שטרענג־באַוואַכטע דורכפאָר־טויערן און באַריערעס, האָט זיך די קייט אויטאָמאָבילן עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן. זיי האָבן נאָר געהערט פון דרויסן די דונערדיקע, סאָלדאַטסקע שטימען, דעם פּזמון: „מעלדע געהאָרכזאַם"... ווי די וואַכמייסטערס, אין די טיף־אַראָפּגערוקטע שטאַל־העלמען, קלאַפּן ענג צונויף די קורצע, ברייטע שטיוול מיט די טעמפּע נעזער. דער רויט־שוואַרצער שלאַגבוים הייבט זיך אויף, דורכצולאָזן די קייט אָפענע און פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן. ביז מ'איז דורכגעפאָרן די לעצטע הענג־בריק, אויף קייטן, איבערן טיפן גראָבן, פאַרפאָרן צום ווייסן פּאַלאַצל, הינטער דער שורה נאַקעטע קליאָנען, דאָס זיץ־אָרט פון אַמאָליקן קאָמאַנדאַנט פון דער פעסטונג ביים בוג.

נאָך איידער די נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן, איז די רווישיקע רוסישע דעלעגאַציע, אַ מאַן צוואַנציק אַוודאי, איינקוואַרטירט געוואָרן אין די פּראָוויזאָריש־צוגעגרייטע באַראַקן. די אָפיצירן־קאַנטינע, אין ווייסן פּאַלאַצל, אויפן ערשטן שטאָק, איז באַשטימט געוואָרן פאַרן קאָנפערענץ־זאַל. אין די הויכע פענצטער האָט זיך שוין געלויכטן. די רוסישע מענטשן האָבן זיך דאָ, אין ערשטן מעת־לעת, עפּעס דערפילט ווי געפאַנגענע, פאַרנאַרט אין אַ פּאַסטקע, אין הערמעטיש־אָפּגעשלאָסענעם רוים פון שטעכל־דראָט, מיליטערישן געשאַל פון פאַנפאַרן; באַגינען, אין אָוונט האָבן זיי גערופן צום אויפשטיין, צו לייגן זיך שלאָפן, צו טרעוואָגע; אין דער אַטמאָספער פון אַ פּרייסישער קאַזאַרמע, איבערגעטראָגן אויף די ווייסרוסיש־אוקראַיִנישע פליינען.

ס'איז טאַקע פון דעסטוועגן געווען אַ ביסל מאָדנע. פון איין זייט רונדן טיש, באַצויגן מיטן גרינעם געוואַנט, האָבן זיך באַדאַרפט אַוועקזעצן — באַרימטע לייט, פון פּרייסישן אַדל, דורכגעטריבענע דיפּלאָמאַטן. קעגנאיבער זיי — פּראָפעסיאָנעלע

אַגיטאַטאָרן, נאָר וואָס באַפרייטע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, קאַטאָרזשניקעס, פּראָסטע אַרבעטער און פּויערים, אין פּעלצן, די וויכטיקסטע פון זיי — יידן! געווען אַפילו צווישן די דעלעגאַטן אַ טיפּיש־רוסישע פּרוי, מאַלאַשאַ ביטסענקאָ, אַן אָפּשטאַמיקע ערגעץ פון די וואָלגע־געגנטן, מיט אַ ברייט טאַטעריש פּנים, מיט אַ קורץ־פאַרשוי־רענעם מענערישן לאָק פון אונטערן רויטן בערעט; אַ טעראָריסטקע, פון די לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. ס׳האָט איר נאָר געפעלט דער נאַגאַן, אַנגעהאָנגען ביי דער זייט. זי האָט געהאַט „אַוועקגעלייגט” אַ צאַרישן מיניסטער, איז פאַרשיקט געווען אויף אייביקער קאַטאָרגע. די רעוואָלוציע האָט זי נאָר־וואָס באַפרייט.

אין די וויכע סאָפיאַן־שטיוועלעך, אין אַ רוסישער בלוזע אונטערן פּרענטש, וואָס איז געלעגן געניי אויסגעפּאַסט אויף זיין פיגור, דאָס שיטערלעכע שפּיץ־בערדל איר ווינט, האָט לעוו דאַווידאָוויטש דעם ערשטן אָוונט האָפערדיק דורכגעשפּרייזט דעם באַראַק, און צו איר, צו מאַלאַשאַ ביטסענקאָ, האָט ער, נישט אָן גאַלאַנטער אי־ראָניע, אַ זאָג געטון:

— זיי זענען זייער איראָפּעאיש־העפלעך, די דייטשע אימפּעריאַליסטן, נישט אמת?... אָבער צופיל חברן זיך מיט זיי וואָלט איך פון דעסטוועגן נישט געראָטן...

— גישט מיר באַדאַרפט איר עס זאָגן, חבר קאָמיסאַר... — האָט זי געבלאָזן דעם רויך פון אַ מאַכאָרקע־טרייבל, און ס׳האָט זיך קוים באַקומען אַ שמייכל אין אירע שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך.

זייער פאַרטון, זייער פאַרמוחט, האָט לעוו דאַווידאָוויטש אין פּרימאָרגן אַרויפ־געשפּאַנט די ברייטע טרעפּ צו די גאַלעריעס, צודריקנדיק פעסט אין דער רעכטער האַנט די טעקע דאָקומענטן. די פּאָלעס פון זיין לאַנגן, געניי אויסגעפּאַסטן שינעל, כמעט ביז די טריט, צעפלויגן. די פענסנע זענען אים פאַרהויכט געווען פון דער שאַרפער פראָסטיקער לופט. ער האָט זיי אַראָפּגענומען, געווישט לאַנג מיטן טיכעלע, געזוכט פאַרן צעשוווּמענעם בליק, מיט פאַרקוועטשטע אויגן, די ווייסע, ווייטע בלענ־דיקייט; און ווען ער האָט די צוויקערס צוריק פאַרזעצט, אַ ביסל העכער פונעם רויט־אָנגעדריקטן אָרט אויף דער נאָז, האָט ער נאָך שאַרפער דערפילט די ליכטיקייט, וואָס שפּאַרט פון הינטער די ענגע־בריקן. אַ פלאַמיקע ווינטערדיקע זון איז געלעגן אויף די ווייטע שנייען, ביז אַראָפּ צום פאַרקאַוועטן בוג, הינטער די איינגעמאַסטעטע וואָלן. דאָס אַלץ אַרום דאָ האָט ביז ווייטיק עפּעס אַ דערמאָן געגעבן ס׳פאַרוואָרפענע דערפל אין סיביר, פאַרזונקען אין טיפע שנייען, און — זייער אייגן דאָרף, פון דער יוגנט, אין דער אוקראַינע, ניקאָלאַיעווער אויעזד. דאָרט איז ער געבוירן, ביים טאַטן, דעם קליינעם גוט־אייגנטימער. די מאַמע... די ניאַניע... די שוועסטערלעך, די יידן... די פּויערימלעך, וואָס האָבן ביי זיי אָנגעפּילט דעם גרויסן הויף פון דער מיל...

ער האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ לייכטן קאָפּ־ווייטיק. ביז שפּעט, אין פאַסקוד־נעם רויך פון ראַדעק׳ס באַהעמישע פייקעס, פון דער שלעכטער מאַכאָרקע, האָבן זיי לאַנג אַרונטערגערעדט פון צוויי־שטאָקיקן בעט, ליגנדיק איינער איבערן אַנדערן, אין אויסגעווייסטן קאַזאַרמע־צימער. ס׳האָט אים אַליין אויסגעוויזן באמת קאָמיש, נאָר צום לאַכן — עטלעכע יידן, אַ ייד פון דער טיפער, פעטער אוקראַינע, און אַ גאַליצ־יאַנער ייד פון טאַרנאָוו, מיט דיקע ברילן, מיטן קלוגן שטערן פון אַ תלמודיסט, עפּעס אַ סאָבעלסאָן, צוזאַמען מיט עפּעס אַ בראָנשטיין, מיט עפּעס אַ יאָפע, זענען דאָ אַוועק־געזעצט געוואָרן ביים גרינעם טיש פון דער געשיכטע, צו פאָדערן, צו פאַרהאַנדלען,

צו משפטן וועגן דער עקזיסטענץ פון פעלקער, פאַרטיידיקן זיי מיט די ריינסטע כוונות, אָן האַס, אָן נקמה־געפילן פאַר דעם, וואָס זיי, די פעלקער, האָבן אָפּגעטון צו זייערע אָבות, זייט דורות. זיי זענען, אַז מען וויל, אין דער ראָלע פון נביאים, פּראָ־פעטן, אָבער — אומברחמנותדיק קעגנאיבער די גערמאַנישע וואַלד־רויבער, די טעוו־טאָנען, אָנגעצויגן אין דער פעל פון אַ מאַניאַקישער, פערפידער „ציוויליזאַציע", אין זייערע פראַקן און צילינדערס; און זיי, די פאַרשטייער פון דער רעוואָלוציע — אין פשוטע רוסישע העמדלעך, אין פרענטשן, אַפילו אָן קראַוואַטן, אין קורצע שטיוול, נאָר וואָס פון די באַריקאַדן־אַראָפּ. צי וועלן זיי עס אַ מאָל פאַרשטיין — די רוסן, די אוקראַינער, די ווייסרוסן, די פּאָליאַקן, די ליטווינער ? מיר האַלטן דאָס צינגל פון דער געשיכטע. מיר וועלן נישט לאָזן עס אַרונטערדריקן אויף דער זייט פון די אימ־פּעריאַליסטישע רויבער. דאָ גייט אָן אַ גיגאַנטישער נאַציאָנאַלער קאַמף, אין נאָמען פון אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם, כאָטש יעדער נאַציאָנאַליזם זייערער, אַז מען גיט אים אַ קראַץ פון אויבן... אָט ווי אילישטש אַליין האָט זיך אויסגעדריקט.

ווי אַ וויזיע, האָט עס אַ בלענד געטון, וואָס ער האָט געזען בייטאָג, אין דער שניי־וויוגע, אונטערן נידעריקן, פאַרכמאַרעטן הימל, ווען זיי האָבן דורכגעשניטן ווי אַ ווינט די חרובע יידישע שטאָט — פּוסטע, אויסגעברענטע, אויסגערויכערטע יידישע היימען; יידישע געסלעך, ווי אַ לאָמטערן מיט אויסגעזעצטע שויבן, די יידישע געבעט־הייזער. ס'איז נישט מער אונדזער גאָט; אָבער ווער וועט זיך פאַר זיי איינשטעלן ? און ער האָט זיך דערמאָנט, ס'האָט אים קורץ אַ פּייניק געטון ס'געוויסן פאַרן שאַרפן אַרויסטריט קעגן די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון בונד, דעמאָלט, אויפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר אין 1907. וואָס האָבן זיי דען, נאָך אַלעמען, פאַרלאַנגט ? נישט מער ווי אַ שטיקל בידנע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע... צו באַשיצן זיך צווישן אַזוי פיל וועלף. זייער נאַציאָנאַליזם איז דער אַמווינציקסטן בלוט־דורשטיקער. זיי האָבן קיין פרעמד בלוט נישט פאַרגאָסן. דער פינצטערער ביילים־פּראָצעס ערב דער מלחמה האָט עס בולט באַוויזן. אין זייערע געבעט־ביכער איז קיין שפור נישטאָ פון בלוט־פאַרגיסונג. זיי ציטערן פאַר בלוט. זיי האָבן אַן עקל פאַר בלוט, אַפילו ווען זיי עסן פלייש. זייער מאָראַליטעט שטימט געניי מיט זייער דערשטיקט לעבן. כאָטש ס'איז זינלאָז, ס'פּירט נישט אין ערגעץ, זיי דאַרפן זיך, זיי מוזן זיך אויפלייזן צווישן אינ־טערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאָלק פון מאָרגן. ער האָט זיך אַ רגע פאַרלוירן, פאַר זיך אַליין; ווען עמעץ וואָלט אַריינגעקוקט אין זיינע מחשבות...

און אילישטש האָט נאָך פאַרגעלייגט — „קאָמיסאַר וונוטרניך דיעל", ס'הייסט, קאָמיסאַר פאַר אינערן־ענינים. איין קליינינקייט ! איך, ליאָוואַ בראָנשטיין, זאָל זיי פאַר־פאָלגן, אַרעסטירן, פּייניקן, צעשיסן... די אַרבעט פון אַ הויפּט־פּאָליציאַנט האָט בכלל נישט געהערט צו זיינע געשמאַקן. דער אינטערנאַציאָנאַליסט, דער קאָסמאָפּאָליט, וואָס גייט צעשטערן די אַלטע וועלט און איבערבויען זי אויף נייע יסודות, האָט זיך נישט געקענט אַראָפּלאָזן צו פאַרנעמען זיך מיט דער שמוציקער קיך־ווירטשאַפט...

אילישטש האָט אָבער אַוועקגעמאַכט, נישט געוואָלט הערן : מ'דאַרף האָבן אַ פעס־טע, זיכערע האַנט, און ער, לעוו דאַווידאָוויטש, איז, לויט אים נאָך, דער סאַמע פּאַ־סיקסטער. ביז יאַקאָוו סווערדלאָוו, אַ מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט, אַליין אויך אַ ייד, האָט עס אילישטשן זייער איידל געגעבן צו פאַרשטיין :

— ביז איצט האָבן מיר געהאַט צו טון מיט די גרויסע שטעט, מיט די אַרבעטער־

מאַסן. אינערן־עניינים, הייסט אויך האָבן צו טון מיטן דאָרף, מיט פּויער, וואָס איז נאָך טיף־רעליגיעז, טיף־פּראַוואָלסאַוונע. זיי לעבן בכלל מיט אומצוטרוי צום שטאָטישן מענטש, מיט פאָראורטיילן; בפרט צו אַ יידן־אַפּשטאַמיקן...

ער האָט דערפאַר געגרן אָנגענומען די באַשטימונג פון ערשטן קאָמיסאַר פאַר אויסערן־עניינים. דאָ האָט ער זיך געפילט פאַרן פאַסיקן מענטשן, אויפן ריכטיקן אָרט, צו שטיין „פּנים אל פּנים מיט אייראָפּע".

ער האָט אַ פּיר געטון די בלייכע האַנט איבערן הייסן שטערן, אַ פּיר געטון איבערן בערדל.

— וואָס — האָט ער פּלוצעם זיך אָפּגערופן — זאָגסטו נישט דערצו, קאַרל מאָיסייעוויטש ?

— נו, יאָ... — האָט ראַדעק עפּעס דערכאַפּט אין זיין בליק, געניי פאַרשטאַנען זיין געמיט — מיט די אינערן־עניינים פאַרנעמט זיך שוין ביי אונדז, זייער געשיקט, דזשערזשינסקי, און מיט די נאַציאָנאַלע עניינים — דער נידעריקער, געשטופּלטער גרוזינער דזשוגאַשווילי. ווער ווייס אָבער וואָס פאַראַ קאַשע ער קען נאָך דאָרט פאַרקאָכן. עפּעס האָט ער אין 1913 אָנגעשריבן אַ דילעטאַנטישע בראָשור מיט פעסטבאַשטימטע דאָגמעס, און פּרעטענדירט, אַז קיין איין אות טאָר, חלילה, נישט געמינערט ווערן. ס'וואָלט געוווען נאָר צום לאַכן, ווען הינטער דעם אַלעמען זאָל אַמאָל נישט אַוועקגעשטעלט ווערן — די פּויסט, דער פאָליציי־שווינדל... און כ'ווייס, אפשר אויך — סיביר... אָט ווי דעליקאַט ס'איז צו וואַרפן ווערטער צווישן פעלקערשאַפטן, וואָס זענען נאָך פּרימיטיוו, אַפילו געצענדינעריש, זענען מסוגל אַראָפּצולאָזן די האַק איבער דיר, און פאַלן נאָכדעם אויף די קני און קלאָגן : „אוביו, יעי באָגו, אוביו"... (כ'וועל דערהרגענען, ביי גאָט, ווי כ'וועל דערהרגענען...) — ראַסקאָלניקאָוו ! צי קען, פרעגט זיך, אַפילו די מעכטיקע רעוואָלוציע איבעראַנדערשן פון היינט אויף מאָרגן די בלינדע אינסטינקטן, וואָס יערן אין זיי, זייט דער עוואָלוציע פון דער וואַלד־חיה, ביזן מין בן אדם ?...

ס'איז קיין סך צייט נישט געווען אויף אַזעלכע מיני דיגרעסיעס. פאַר זיי און הינטער זיי האָבן שוין געאיילט די דעלעגאַטן. אין די קאָרידאָרן האָט זיך געשפּאַרט אַ נישט־געוויינלעכער עולם, אַ צופעליקער געמיש פון פעלקערשאַפטן. ער האָט נאָך דערבליקט ווי קאַרל ראַדעק, מיט זיינע באַקן־באַרדן, ווי באַגאָסן מיט זייף־שוים, מיט זיינע גראָבע אויגן־גלעזער, ס'ווינטערדיקע פוטערנע היטל מיט די אויערן־לאַפּן טיף איבערן שטערן, טיילט דאָרט אַלץ די דייטשע „קאַמעראַדן" בלעטלעך, בראָשורן טענהט מיט זיי אייך, זייער פרייליך, קלאַפּט זיי איבער דער פּלייצע, דריקט פעסט זייערע הענט.

— קאַרל מאָיסייעוויטש... — האָט ער אים לייכט אַ נעם געטון ביי אַן אַרבל אין מיטן גאַנצן געזעמל און אים אַוועקגערופן אין אַ זייט — איר קאָכט זיך דאָ, זע איך, ווי אַן אמתער גאַליציאַנער ייד אויפן יאָר־מאַרק... אפשר דאַרף מען נישט אַזוי אָפּן... קומט, זיי וואַרטן.

און זיי זענען, מיט אַ לייכטן טריט, זייט ביי זייט, אַרויף צו די גאַלעריעס, וווּ ס'איז שוין אויפגעגאַנגען אַ גאָרגלדיקער אָפּהילך פון שטימען, קורץ איידער דאָס גלעקל ביים לאַנגן, גרינעם טיש האָט אַ קלונג געטון אין דער האַנט פון דייטשן אויסערן־מיניסטער קהילמאַן, מיט דער שטרענגקייט פון אַ פאָלקס־שול־לערער.

דעם 27־טן דעצעמבער, אין פּראָסטיקן גליוער פון אַ גרויען פרימאָרגן, האָט זיך דער לענגלעכער, נישט גרויסער זאַל אויבן, אָנגעפילט מיט אַ נישט געוויינלעכן פּובליקום. אַ טריב ליכט איז ביסלעכווייז אויפגעגאַנגען הינטער די ברייטע פענצטער. אַ מחנה קראָען איז דורכגעפלויגן, פאַרקליבן זיך אין די הויכע, נאַקעטע טאָפּאָלן. באָענט איבער די טישן, צעשטעלט אין אַ דאַלעד, האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס ליכט פון לאָמפּן אונטער שירעמס. ביים עקסטן טיש, צווישן סעקרעטאַרן און אונטער־סעקרעטאַרן, צעזעצט — די דייטש־עסטרייכישע דעלעגאַציע. קהילמאַן, דער דייטשער אויסערן־מיניסטער, אין טונקעלן ראָק, אין ווייכן קאָלנער, גיכער ענלעך צו אַ שטייפן פּרייסישן אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן לעבן עסטרייכישן פאָרשטייער, גראַף טשערנין, אַ ווינער דענדי, מיט דינע וואָנסעלעך. אַ ביסל אָפּגערוקט — גענעראַל פאָן האָפמאַן, מיטן מאָנאָקל אין אויג, זיין פּיקל־הויב מיטן גאָטישן שפּיץ, אַרונטערגענומען מיט ווירדע, האָט געפינקלט מיט אַ גילדערנעם בלאַסק, האָט אָפּגעדעקט זיין קורץ־געשניטענעם קאַנטיקן קאָפּ, דעם אויסראַזירטן קאַרק, דעם שטרענגן, באַזילבערטן שרונט אין סאַמע מיט. אַ גראָבער ציגאַר — אויף זיינע פעטלעכע ליפּן. קהילמאַן האָט דעם אַנדערן מאָל אַ קלונג געטון אין גלעקל. ער האָט געעפנט דעם סעאַנס און באַלד אויפן אָרט דערקלערט, אַז די פּרינציפּן, אַקצעפּטירט דורך די צענטראַל־מאַכטן — אַ שלום אָן אַנעקסיע און אָן אַנטשעדיקונגען — קענען נאָר אָנגעווענדעט ווערן ביי אַלגעמיינע שלום־פאַרהאַנדלונגען. אָבער אַזוי ווי די מערב־מאַכטן, די אַלירטע, האָבן דערווייל אָפּגעוואָרפן, האַנדלט זיך עס בלויז אין אַ סעפּאַראַטן שלום; פילן דעריבער נישט דייטשלאַנד און אירע פאַרבינדעטע, די אַנטאַנטע, זיך געבונדן דורך די פּרינציפּן. ער צווייפלט אויך, האָט ער באַלד געלאָזן הערן, אין דער אויפריכטיקייט פון שלום־ווילן פון די סאָוויעטן; ווייל צוליב וואָס איז אַזאַ מאָמענט די פּראָפּאַגאַנדע קעגן... „דייטשן אימפּעריאַליזם“, מיינע הערן ?...

און ער האָט אָנגעוויזן אויפן באַרג פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורן, פּינקטלעך צונויפגעלייגט ביי זיין רעכטער האַנט, „צו די דייטשע סאָלדאַטן“...

אין אַנדערן עק טיש האָט אַ פינקל געטון די בריל, אין שיין פון די לאָמפּן, ביי לעוו דאַווידאָוויטשן. ווי אַ לייכט ווינטל איבערן וואַסער־פלאַך, אַזוי איז דורכגעפלויגן זיין איראָנישער שמייכל. ער האָט עס דאָ אַלץ אויסגעהערט זייער רואיק, נישט געכאַפּט זיך באַלד צו ענטפערן. נאָך דער לאַנגער עקספּאָזע, איז לייכטער געווען אַרויסצודרינגען, אַז קהילמאַן, דער ביירישער קאַטאָליק, דער כיטרער דיפּלאָמאַט, האָט פון דעסטוועגן אַ ברייטערן קוק; אַז ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, ס'איז שוין כמעט קלאָר, אַז דייטשלאַנד וועט סוף כל סוף פאַרשפּילן די מלחמה, אויף ביידע פראָנטן. ער איז דעריבער אומגעדולדיק אונטערצושרייבן אויפן מזרח־פראָנט אַ שלום־אָפּמאַך, גינסטיק פאַר דייטשלאַנד, נישט צו שטרענג פאַר רוסלאַנד. אפשר וועט זיך נאָך עפּעס לאָזן אָפּדינגען ? אַ שטרענגער שלום־דיקטאַט אין איצטיקן מאָמענט, וועט נאָר באַווייזן די מערב־מלוכות, אַז אויב זיי וועלן פאַרשפּילן, וועט דייטשלאַנד זיין אומברחמנותדיק. כאָטש די גענעראַלן לודענדאָרף און הינדענבורג זענען שוין איצט פאַר אַ שטרענגן דיקטאַט. קהילמאַן האָט אָבער געוואָלט אויסנוצן די רוסישע שוואַכקייט, דעם רעוואָלוציע־כאַאָס, און אין אַ פאַרמאַסקירטער פאָרם פון כלומרשטער „באַפרייאונג“, אַנעקסירן די פּוילישע און באַלטישע טעריטאָריעס; נו, און די אוקראַינע, פאַרשטייט זיך. גענעראַל פאָן האָפמאַן איז געווען אומגעדולדיק; ער האָט שוין געוואָלט

צוריקציען די אַרמייען זיינע פון מזרח־פראָנט און באַלד וואַרפן זיי אין אַן אָפענסיווע אויפן מערב־פראָנט.

גראַף טשערנין, דער עסטרייכשער פאָרשטייער, האָט נאָך שאַרפער ווי די דייטשן דערפילט די אָנרוקנדיקע קאַטאַסטראָפע. אין די געהיימע אָפּמאַכן צווישן צאַר און די מערב־מאַכטן, אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער שיין דורך די סאָוויעטן, איז קלאָר געוואָרן, אַז די מערב־אַליִרטע קלייבן זיך צו צעטיילן די עסטרייך־אונגאַרישע אימפּעריע. אין ווין — אַ הונגער. דער רעוואָלט פון די מינדערהייטן העננט אין דער לופט. פאַקטיש האָט זיך דער צעפאַל פון דער אימפעריע שוין אָנגעהויבן. טשערנין אַליין האָט אַפילו שאַנטאַזשירט די דייטשן, אַז ער וועט, פון זיין זייט, שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום, אויב ס׳וועט צו גאָרנישט דערפירט ווערן. ער האָט דערביי זייטיק באַטראַכט לעוו דאַווידאָוויטשן — „אַ פלינקער, אַ געפערלעכער, אַן אויסערגעוויינלעך פעאיקער“... צוריקגעצויגן הינטער דער טיר פון זיין קאַבינעט אין דער הויפט־קוואַרטיר, האָט ער זיך פאַרטיפט אין די מעמואַרן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער האָט אַלץ געפרוווט צו געפינען דאָרט די מאָס פון זיין געפערלעכן קעגנער, פרעגנדיק זיך: צי וואַרט שוין נישט ערגעץ ווו, הינטער זיינע פּלייצעס, אַן אַטענטאַט פון אַן אָפּאָזיציאָנער? ער איז דער איינציקער, וואָס האָט — אפשר גאָרנישט נאַריש — געזוכט היסטאָרישע פאַראַלעלן. דאָס האָט אים אַוודאַי אַ ביסל לייכטער געמאַכט דאָס געמיט.

די אַלע האָבן צוערשט געזען אין לעוו דאַווידאָוויטשן און זיינע חברים, קליינע אַוואַנטוריסטן, אָדער אין בעסטן פאַל — דאָן קיכאָטן, וואָס דער גורל האָט זיי אַ וואָרף געטון אויף דער וועלט־אַרענע, אַפּצושפּילן אַ קורצן, גראָטעסקן עפּיזאָד אין אַ וועלט־טראַגעדיע; אַז אין דער דאָזיקער טראַגעדיע זענען זיי, די דינער פון צוויי רומפולע דינאַסטיעס, די הויפט־פערסאָנאַזשן. זיי האָבן אָבער באַלד איינגעזען, אַז מען קען די סאָוויעטישע דעלעגאַטן נישט אָפּקויפן מיט אַבי־וואָס, מיט צוואַרפן זיי קליינע הנחות. האָבן זיי געפרוווט צו מאַנעווורירן, אָוועקשטעלן זיי אויף זייער אָרט, אַז זיי זענען פאַרט די פאַרשפּילטע. אָט האָבן זיי אומגעריכט קעגנגעשטעלט דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע אַן אוקראַיִנישע דעלעגאַציע, וועלכע האָט גאָר פּרעטענדירט צו רעפּרעזענטירן דאָס אומאָפּהענגיקע אוקראַיִנע, וואָס וואַרפט אָפּ פּעטראָגראַד דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון גאַנץ רוסלאַנד.

איבערגעשלאָפן אַ קורצע, פיבערדיקע נאַכט, האָט זיך לעוו דאַווידאָוויטש אויפגעכאַפּט מיט אַ נייעם שאַרפן ברויז אין די געבלוטן. די אוקראַיִנישע פאָרשטייער האָבן אים פון דעסטוועגן אַ ביסעלע באַאומרואיקט. אין רוישיק־אָנגעפילטן זאַל האָט ער צום ערשטן מאָל געלאָזן הערן זיין שטים:

— די סאָוויעטן — האָט ער קודם פייערלעך געמאָלדן — האָבן נישט קעגן דעם, אַז אוקראַיִנע זאָל אָנטייל נעמען אין די געשפרעכן. מיר האָבן אָנערקענט דאָס רעכט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן צו דיספּאָנירן מיט זיך אַליין. מיר זענען געקומען אַהער, אין דייטשן הויפט־שטאַב פון מזרח־פראָנט, צו דערוויסן זיך קלאָר און פּרעציז, אויב ס׳איז מעגלעך אַ ווירדיקער שלום אויך לגבי די פּאָליאַקן, ליטווינער, עסטן, לעטן און אַנדערע פעלקערשאַפטן, וועלכע די רוסישע רעוואָלוציע האָט באַפרייט און גאַראַנטירט זיי די פולע זעלבּ־באַשטימונג־רעכט...

ער האָט גלייך דערפילט, אַז דאָ איז נישט אַזוי איינפאַך, אַז ס׳ליגט אויף אים

אַ גרויסע אחריות. אין דער דראַמאַטישער דיסקוסיע איבער די פּרינציפּן פון זעלבּ־באַשטימונג־רעכט, איז פּאַקטיש געשטאַנען אין קאָן דער גורל פון די פעלקער, וואָס לעבן אין רוים, צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. ס׳האָט זיך געקענט דוכטן — אַ דיסקוסיע, אָן ליידנשאַפט, כמעט אַן אַקאַדעמישע, איבער יורידישע, סאָציאָלאָגישע, עטנישע, היסטאָרישע פּראָבלעמען. אָבער הינטער דעם אַלעמען — די רעאַליטעט פון אַ ביטערער מלחמה, רעוואָלוציע, אָקופּאַציע, אַנעקסיע. קהילמאַן איז נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק, אַז לעוו דאַווידאָוויטש וויל דאָ איינהילן די רוסישע קאַפּי־טולאַציע אין באַמבאַסטישע פאָרמולעס, אַראָפּצושלינגען עס ווי אַ רפואה אין אַ זיס צוקערל. ער האָט אָבער אַלץ געטון, צו פּראָוואָצירן אַן אָפענעם קאָנפליקט צווישן רוסן און אוקראַינער, כדי צו שפּילן די ראָלע פון אַ פאַרמיטלער.

לעוו דאַווידאָוויטש האָט געשיקט אויסגעמיטן אָט די נעץ, האָט שאַרף אָפּגע־וואָרפן די ביטרע־פאַרשטעלטע פּראַזן, אַנרופנדיק זאַכן ביי זייער ריכטיקן נאָמען — נישט זעלבּ־באַשטימונג, נאָר — אָקופּאַציע, אַנעקסיע...

קאַפּיטל דריי

נישט מלחמה, נישט שלום

מען מוז זאָגן, אַז דער דייטשער פאַרשטייער, קהילמאַן, האָט פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט געניט דעליקאַט, כאָטש האַרט, מיט זיין גאַנצער יעקישער דיפּלאָמאַ־טישער חכמה פון אַ קאָנסערוואַטיוון מלוכה־מאַן, קעגנאיבערן אומגעצוימטן פענאָמען פון דער רעוואָלוציע. ער האָט אָבער געהאַט פאַר זיך אַ מאַן מיט נאָכמער אומברח־מנותדיקער, שניידנדיקער לאָגיק, נאָכמער סובטעל. לעוו דאַווידאָוויטש האָט זיך בולט אַמוזירט פון זיין איגענעם, בייסיקן הומאָר, אַז דער שטייפער גענעראַל פאָן האָפמאַן האָט אַזש יעדעס מאָל אַרויסגעבורטשעט פון דערשטיקטן גרימצאָרן, און די דעלעגאַטן האָבן קוים איינגעהאַלטן זייער געלעכטער...

די דיסקוסיעס האָבן אַרויסגעבראַכט נישט נאָר אין גרונט היפּוכדיקע וועלט־אָנשויאונגען, נאָר אויך צוויי קאָנצעפּציעס פון געשיכטע, פון מאָראַל. די צוקונפט פון די אָקופּירטע פעלקער איז דאָ געשטאַנען אין קאָן. איינער פון די רוסישע דע־לעגאַטן האָט אַפילו איינגערוימט לעוו דאַווידאָוויטשן, אַז אַפּלייקענענדיק אַזוי ברוּ־טאַל די רעכט פון דייטשלאַנד צו האַלטן די נאַציעס אונטער זייער שטיוול, שטעלט ער אויך רוסלאַנד — דאָס פיל־פעלקערדיקע רוסלאַנד — אין אַ זייער דעליקאַטער לאַגע... קיין שום טראַדיציאָנעלער רוסישער דיפּלאָמאַט וואָלט אַזוי נישט גערעדט...

— מיר אַנגאַזשירן זיך — האָט לעוו דאַווידאָוויטש געדונערט — קיין שום לאַנד נישט אָנצוּוואַרפן אַזאַ, אָדער אַן אַנדער רעזשים און רירן אין קיין שום פאַל נישט אָן די אומאָפּהענגיקייט זייערע. מיר ווילן וויסן, צי אויך די עסטרייך־אונגאַרישע און דייטשע דעלעגאַציעס זענען גרייט צו געבן אַזעלכע גאַראַנטיעס. פינלאַנד, וואָס איז

עוואַקואירט געוואָרן דורך די רוסישע אַרמייען, איז אַביישפּיל פון אונדזער שטע־לונג...

דעם 5־טן יאַנואַר בעט ער אַן איבעררייס פון די פאַרהאַנדלונגען, כדי צו אינ־פאָרמירן זיין רעגירונג. די קאָנפערענץ האָט זיך שוין געהאַט פאַרצויגן און קיין אויס־וועג איז נאָך אַלץ געווען צו זען. די רוסישע אָקאָפּעס זענען געשטאַנען פאַר־לאָזן. קיין שום כוח איז נישט געווען הינטער אים. ערשט איצט האָט ער נאָך מער דער־פילט, אַז שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום וועט שטאַרק דיסקרעדיטירן סיי רוסלאַנד, סיי די רעוואָלוציע. ער האָט אַלץ געהאָפט, אויסגעקוקט ממש, אַז אָט וועט ער זיך אויפ־הייבן אין דער פרי און ס׳וועט דורך די צייטונגען דערגיין צו אים די ידיעה, אַז די אַרבעטער און סאָלדאַטן פון דייטשלאַנד און עסטרייך זענען אויפגעשטאַנען, פּונקט ווי די פעלקער אין רוסלאַנד. און נאָר דאָס וואָלט געקענט ראַטעווען די רעוואָלוציע. ס׳האָט אַפילו אויסגעזען, אַז זיינע רופן צום אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט האָבן דאָך געבראַכט רעזולטאַטן: מאַניפעסטאַציעס און שטרייקן אין בערלין, אין ווין, פּראַ־טעסטן קעגן גענעראַל פאָן האָפמאַן, אָנצוואָרפן דעם דייטשן דיקטאַט. די סאָוויעטן, הייסט עס, דאַרפן בשום אופן נישט מסכים זיין צו זייערע באַדינגונגען, נאָר אָפּוואַרטן דעם גינסטיקן מאָמענט.

אַזעלכע ספקות האָבן אים געפרעסן, געדריקט דעם איבערגעשטרענגטן מוח, ליגנדיק אין די טויבע נעכט אין דער אומהיימלעכער פעסטונג ביים בוג. ווי קיין מאָל נישט, איז ער געווען אומגעדולדיק, ווי אַזוי די געשעענישן אַנטוויקלען זיך דאָרט, אין דער הויפּט־שטאָט, פון שעה צו שעה, פון מינוט צו מינוט.

נישט מיט קיין לייכט געמיט האָט ער זיך דעם 7־טן יאַנואַר אומגעקערט קיין פעטראָגראַד. דער צוג איז שטעקן־געבליבן אין די טיפע ווייסרוסישע שנייען, צווישן אויפגעריסענע ליניעס, ביז ער האָט זיך קוים דערקריגן צו די פאַרשטעט פון דער הויפּט־שטאָט. ער איז אַריינגעפאַלן אין טאַורישן פּאַלאַץ, אין סמאָלני אינסטיטוט, אין מיטן קאָנפליקט צווישן סאָוויעט און דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג. די רעכטע עסערן האָבן געהאַט די מערהייט. די באָלשעוויקעס און די לינקע עסערן האָבן זיך קעגנגעשטעלט צו ראַטיפיצירן דעם דעקרעט פון איליטשן וועגן צעטיילן די ערד די פויערים, וועגן שליסן א שלום, פאַר יעדן פּרייז. דער לאַנגער זאַל — פול מיט פּאַפּאַכעס, שטיקעס, שוויס־ריחות. אויף דער טריבונע איז אַרויף אַ קליינע פרוי, צו באַשולדיקן איליטשן און לעוו דאַווידאָוויטשן אין פאַרראַט. ס׳איז געווען די באַ־רימטע מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ, פון די רעכטע עסערן. זי האָט דאָס מאָל פאַרלוירן איר געווײנלעכן ליריזם און אָפּן געדראָט: „כ׳וועל זיך באַנוצן — האָט זי היסטעריש געשריגן — מיטן רעוואָלווער און מיט דער באָמבע, ווי אין די צאַרישן צייטן“...

איליטש האָט זיך אויפגעשטעלט. די הענט פאַרשטעקט אין אַן־אַרבלדיקן וועסטל, איז ער, ווי אַלע מאָל, געווען זייער רואיק, זייער שמייכלענדיק, אַפילו ווען מ׳האָט אים פערזענלעך אַטאַקירט, געזידלט, ווען ס׳האָבן געהאָגלט אויף אים דירעק־טע דראָאונגען. אין אָט דעם טראַגישן מאָמענט ווייסט ער גוט וואָס ס׳שטייט אין קאָן. דער ברייטער שמייכל גיט אים אָבער אַן אויסערגעווײנלעכע קראַפט. פון צייט צו צייט — אַן אַרגומענט, וואָס פאַרלעשט דעם שמייכל אין זיינע שמאָלע אויגן, טרעפט דעם קעגנער, ווי אַ בליץ. זיצנדיק לעבן אים, פּרוווט אויך לעוו דאַווידאָוויטש צו שמייכלען, אָבער דער כעס, די עמאָציע, פאַרוואַנדלען זיין שמייכל אונטער דער

שאַרפער בריל, אין אַ גרימאַסע. דער קרומער שמייכל לעשט זיך אויס. ער באַווייזט זיך אונטער אַ מעפיסטאָפאָלישער מאַסקע. ס׳איז באַלד צו מערקן, אַז ער האָט נישט די קאַלטבלוטיקייט, דעם רואיקן פויערישן געדולד פון איליטשן.

— מ׳דאַרף, הייסט עס, איבערמאַכן, אָדער די קאָנסטיטואַנטע, אָדער די אָקטאָבער־רעוואָלוציע... — האָט לעוו דאַווידאָוויטש איראָניזירט.

זייט 6־1905 האָט ער פאַרטיידיקט די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט. ס׳איז מער נישט געווען אויסצווייגלן, צווישן דיקטאַטור און פאַרלאַמענטאַריזם. דעם זעלבן טאָג, ווען ער איז אַריינגעפאַלן קיין פעטראָגראַד, האָבן די רעכטע עסערן געפרווט צו אָרגאַניזירן אַ פאָלקס־מאַניפעסטאַציע קעגן דער אויפלייזונג פון דער קאָנסטיטואַנטע, אָבער זי איז דורכגעפאַלן. דעם 8־טן יאַנואַר, אויף דער שטורמישער זיצונג פון צ. ק. וועגן — מלחמה, אָדער שלום — האָט לעוו דאַווידאָוויטש אָפגעגעבן אַ באַריכט פון זיין מיסיע אין דער בריסקער פעסטונג און איז געקומען צום אויספיר: נישט קיין שלום און נישט קיין מלחמה! אָבער איליטש האָט פאָרגעלייגט מ׳זאָל אפשר מסכים זיין מיט די באַדינגונגען פון די דייטשן. בוכאַרין האָט זיך געקאָכט: „אַ רעוואָלוציאָנערע מלחמה קעגן די האַבסבורגס און האָהענצאָלערנס״! די מערהייט איז געווען פאַר איליטשעס פאָרשלאָג, פאַר אַ באַלדיקן שלום. דזשערזשינסקי האָט פאָרגעוואָרפן איליטשן צו פאַרלייקענען דעם גאַנצן פראָגראַם פון דער רעוואָלוציע. אַקצעפטירן דעם דיקטאַט פון קייזער — האָט בוכאַרין געזאָגט — וועט הייסן אויך געבן מיט אַ מעסער אין רוקן דעם דייטשן און עסטרייכישן פראָלעטאַריאַט. אין ווין — גענעראַל־שטרייק קעגן דער מלחמה. לויט אוריצקין, איז איליטשעס פאָרשלאַג — פון אַן ענג־רוסישן שטאַנדפונקט און נישט פון אינטערנאַציאָנאַלן. איליטש ווייזט זיך אָבער אַרויס סקעפטיש סיי בנוגע די אומרוען אין בערלין און סיי בנוגע דעם גענעראַל־שטרייק אין עסטרייך, אויף וועלכע לעוו דאַווידאָוויטש לייגט אַזוי פיל וואָג:

— דער אינדוסטריעלער פראָלעטאַריאַט פון מערב — דערווידערט איליטש — מיט געוואַלדיקע טראַדיציעס פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווייכלייביק. זיי האָבן אין זייערע פאַרלאַמענטן אין 1914 געשטימט פאַרן קעגנזייטיקן אויסמאָרדן זיך. די מעכטיקע שטימען פון קאַרל ליבקנעכט און זשאַן זשאָרעס זענען נישט דערהערט געוואָרן. מ׳האָט זשאָרעסן דערמאָרדעט, און זיי האָבן דאָרט אַפילו רעכט נישט רעאַגירט.

— אָבער צי וועלן מיר דען קענען אויסהאַלטן אָן זייער הילף? — האָט לעוו דאַווידאָוויטש געפרעגט מיט זאָרג — ס׳וועט אפשר אויסקומען צוריקצוציען זיך אויף יענער זייט אוראַל, ווענדן זיך צום פאַרשלאָסענעם אַזיאַטישן ספינקס פון וויטן מזרח. און מיט אַ פאָר יאָר שפעטער וועלן מיר זיך צוריקקערן מיטן פנים צו אייראָפע...

איליטש זאָגט: מיר זענען אוממעכטיק. ער אָנערקענט, אַז ער פאַרטיידיקט אַ „חרפּהדיקן שלום״. ער איז אָבער איבערצייגט, אַז אויב די רעגירונג וועט אָפזאָגן די שלום־באַדינגונגען, וועט זי מוזן אַוועק, און אַן אַנדערע רעגירונג וועט זיין געצוווּנגען צו אַקצעפטירן פיל ערגערע באַדינגונגען. איז דערפאַר לעוו דאַווידאָוויטש׳ס פאָרשלאַג די בריק, וואָס פאַראייניקט ביידע לאַגערן. ער וועט מאַכן דעם צווייטן פרווו אין בריסק, דער עיקר כדי צו געווינען צייט. זיין רעזאָלוציע איז געווען: „מיר רייסן איבער די מלחמה און — שרייבן נישט אונטער קיין שלום״.

— אָט די טאַקטיק איז פאַקטיש גילטיק אַזוי לאַנג, ווי די דייטשן גיבן אונדז די

מעגלעכקייט אויסצווייל צווישן מלחמה און שלום.

— וואָס וועט אָבער זיין — איז איליטש געווען אומרואיק — אויב זיי וועלן אויסקלייבן צו באַנייען די מלחמה־אָפּעראַציעס ?

ווייל ער איז כמעט זיכער געווען, אַז אַזוי וועט זיך באַקומען.

אין מיטן יאַנואַר 1918 האָט זיך לעוו דאַווידאָוויטש צוריקגעקערט אין דער בריסקער פעסטונג, צום קאָנפערענץ־טיש, אונטערן גלעזערנעם קופּאָל. אין די פּאָר וואָכן זענען די שטרייקן, די פּאַציפיסטישע מאַניפעסטאַציעס אין בערלין און ווין דערשטיקט געוואָרן, אָדער געבליבן אויף אַ טויטן פּונקט. קעגנאיבער אים זענען אַצינד געזעסן די דייטש־עסטרייכישע דיפּלאָמאַטן, מער זיכערע אין זיך. די גאָטישע וואָנסן ביים גענעראַל פאָן האָפמאַן — נאָכמער אָנגעשפּיצט, זיין מאָנאָקל האָט גע־פינקלט מיט אַ וועלפיש, קאַלט פייער.

ס'האָט נישט געהאָלפן; אומזיסט האָט לעוו דאַווידאָוויטש פאַרלאַנגט, אַז פאָר־שטייער פון דייטשע, עסטרייכישע אַרבעטער זאָלן פאַרבעטן ווערן צום גרינעם טיש. אומזיסט האָט ער פאַרלאַנגט מ'זאָל אים אַליין דערלויבן צו פאָרן קיין ווין, שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיטן סאָציאַליסט וויקטאָר אַדלער, וועלכער האָט אין ווינער פאַר־לאַמענט פּראָטעסטירט קעגן דער סאָלדאַטעסקע, קעגן די גראָבע פּרייסיש־יונקערי־שע אויסברוכן פון גענעראַל פאָן האָפמאַן.

פּוילן און אוקראַינע, די צווישן־לענדער, זענען דאָס מאָל געשטאַנען אין צענ־טער פון די פאַרהאַנדלונגען און דיסקוסיעס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קהילמאַן און גראַף טשערנין האָבן אין די קוליסן שוין געהאַט צוגעגרייט אַ סעפּאַראַטן שלום־אָפּמאַך מיט דער אוקראַינישער „ראַדאַ"; אין דער צייט, ווען די באָלשעוויסטישע אָפּטיילונגען פון אַרבעטער און סאָלדאַטן האָבן אין אוקראַינע פאַרנומען איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. די „ראַדאַ" איז געזעסן אין קיעוו, אָבער אין כאַרקאָוו איז שוין געווען די סאָוויעטישע מאַכט. אַ פאָרשטייער פון כאַרקאָוו איז דאָס מאָל מיטגעקומען צוזאַמען מיט לעוו דאַווידאָוויטשן.

די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן פריער דערמוטיקט דעם סעפּאַראַטיזם, האָבן זיך איצט איינגעשטעלט פאַר אַ פעדעראַציע. די דייטשן און עסטרייכער האָבן זיך צביעותדיק ברייט אַרויסגעשטעלט ווי פּראָטעקטאָרן פון אוקראַינישן סעפּאַראַטיזם. דאָס האָבן זיי געהאָפט צו קענען לייגן די האַנט אויף דער פעטער אוקראַינישער שוואַרץ־ערד, אויפן ווייץ, נאַפט, קוילן, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט אין אַזאַ שפע. דער קעגן־אַרגומענט — זעלב־באַשטימונג־רעכט פון די פעלקער. די פאָרשטייער פון דער „ראַדאַ", פּויערים, פאַרטיזאַנער, נאַר וואָס אַרויס פון די וועלדער, זענען צע־טומלט געוואָרן אין גרויסן דיפּלאָמאַטישן שאַך־שפּיל. לובינסקי, דער פאָרשטייער פון דער „ראַדאַ", איז אַרויס מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן דער סאָוויעטישער רעגירונג, אַז זי דערשטיקט די רעכט פון אוקראַינע און וואַרפט זיי אָן מיט קראַפט זייער רע־זשים. לעוו דאַווידאָוויטש האָט זיך אַ רגע דערפילט אַ ביסעלע פאַרלוירן. ער איז געווען בלייך, אַ דינער שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן. ער האָט זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט, אַז זיינע קעגנער האָט זיך איינגעגעבן אַריינצופירן אַ קאָנפוזיע אין גאַנצן פּראָבלעם פון זעלב־באַשטימונג־רעכט פון די פעלקער. אָבער די רעוואָלוציע קען זיך נישט אָפּשליסן אין רוסלאַנד. אוקראַינע טאָר נישט זיין קיין שטערונג אין דער פאַרבינדונג צווישן צפון און דרום־רוסלאַנד. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל, ווען די

אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע זענען געשטאַנען אין בולטער סתירה צו די פּרינציפּן פון פרייען אויסוואַל פון די פעלקער.

אָבער אין מיטן פון די שאַרפע רייסערייען האָט זיך באַקומען אַ מעסאַזש פון איליטשן וועגן פאַלן פון דער „ראַדאַ" און וועגן פּראָקלאַמירן די סאָוויעטישע מאַכט איבער גאַנץ אוקראַינע. ער האָט דעריבער געמאָלדן, אַז ער אָנערקענט מער נישט די רעכט פון די „ראַדאַ"־דעלעגאַטן אָנטיילצונעמען אין דער קאָנפערענץ.

מ'האָט סיי ווי לענגער נישט געקענט פאַרציען. באַראָן טשערנין איז אַפילו געקומען אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביי לעוו דאַווידאָוויטשן, געגעבן אים אָנצוהערן, אַז ס'איז צו ריכטן זיך אויף אַן אָפענסיווע, און אַז ער בעט אָנצווייזן אים די לעצטע באַדינגונגען.

— מיר ציען זיך צוריק פון קאָנפליקט — האָט אויפן לעצטן סעאַנס לעוו דאַווידאָוויטש געוואָרפן פייערדיקע רייד — מיר מעלדן עס אַלע נאַציעס, און דערקלערן, אַז די באַדינגונגען פון דייטשלאַנד־עסטרייך זענען אין טאָטאַלער סתירה צו די אינטערעסן פון די פעלקער. זיי ווערן פאַראורטיילט דורך די אַרבעטער־מאַסן פון אַלע לענדער, אויך דורך די פעלקער פון דייטשלאַנד און עסטרייך. מיר זאָגן זיך אָפּ אָנצונעמען באַדינגונגען, געשריבן דורכן אימפּעריאַליזם מיטן שפּיץ פון שווערד אין לעבעדיקן לייב פון די פעלקער. מיר קענען נישט לייגן די חתימה פון דער רוסישער רעוואָלוציע אויף אַ שלום־אָפּמאַך, וואָס פאַרמשפּט אויף אונטערדריקונג און שקלאַפעריי מיליאָנען מענטשן.

אויף אַזאַ אויסברוך האָבן זיי זיך נישט גערעכט. אָבער לעוו דאַווידאָוויטש האָט געשפּילט די לעצטע קאָרט. ער האָט שוין מער גאָרנישט געהערט; אַ בליץ — אין די אויפגעלויכטענע פּענסנע. ווען די מעכטיקע שטים זיינע איז אָפּגעהאַקט געוואָרן, איז אין זאַל הענגען געבליבן אַ שטילשווייגן. די שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דורכן גענעראַל פאָן האָפמאַן:

— אומדערהערטע חוצפּה! — האָט דאָס פּנים, דער קאַרק, פאַרגאָסן מיט ראָזע אַפּאָפּלעקטישע קאָלירן, זיך געוואָרפן אין צאָרן.

לעוו דאַווידאָוויטש האָט אַפילו נישט געקוקט אין זיין זייט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גערעדט, נישט צו די אָנגעפּרעסענע דייטשע יונקערס, נאָר — צו דער וועלט:

— מיר שטיקן זיך פון חרפּה ביים בלויזן געדאַנק, פאַרן מין מענטש, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע פאַזן פון ציוויליזאַציע, קריסטנטום, אַבסאָלוטיזם, פּאַרלאַמענטאַריזם; פעלקער, דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון סאָציאַליזם, מאָרדן איינע די אַנדערע. אויב די מלחמה דאַרף זיך פאַרענדיקן דערמיט, אַז די פעלקער זאָלן זיך אומקערן אויסצובעטלען אָרעמע ברעקלעך פון די רייכע טישן, וועט די מענטשהייט זיך אַרויסווייזן אומווירדיק לגבי די אייגענע ליידן. אָבער דאָס וועט נישט געשען! די פעלקער פון רוסלאַנד זענען אויפגעשטאַנען קעגן אייראָפּעאישן זשאַנדאַרם, און זיי האָבן אַ פאַרלאַנג צו רעדן צו זייערע ברידער נישט מיט דער שפּראַך פון ביקסן, נאָר מיט דער שפּראַך פון אינטערנאַציאָנאַלער, ברידערלעכער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט. זיי וועלן קומען צו אונדז, מיר וועלן דיסקוטירן נישט מיטן גענעראַל פאָן האָפמאַן, נאָר מיט קאַרל ליבקנעכט, קלאַראַ צעטקין, ראָזאַ לוקסעמבורג. דער פייער־אָפּשטעל איז אַריינגעטראָטן. די קאַנאָנען זענען אַנטשוויגן געוואָרן, און יעדער איינער

דערוואַרט מיט אַנגסט צו וויסן אין וועלכן טאָן די סאָוויעטישע רעגירונג וועט רעדן צו די האָהענצאָלערן און צו די האַבסבורגס. איר קענט גיין זאָגן אומעטום, אַז מיר וועלן רעדן מיט זיי ווי מיט שונאים פון פרייהייט. קיין איינציקן אַטאָם פון דער פרייהייט וועלן מיר נישט מקריב זיין צום אימפּעריאַליזם. נאָר אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז מיר האָבן זיך טועה געווען, אויב אַט דער טויט־שווייגן פון אַרבעטער־קלאַס דאַרף נאָך לענגער דויערן אין איראָפּע, וועלן מיר ווייטער קעמפן פאַר אונדזער רעוואָלוציאָנערער ווירדע, ביזן לעצטן טראָפּן פון אונדזער בלוט. מיר וועלן באַשאַפן אַ מעכטיקע אַרמיי, סאָלדאַטן פון דער רויטער גוואַרדיע. מיר וועלן קומען פאַר דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג און מיר וועלן זיי זאָגן: אַט זענען די באַדינגונגען, וועלכע מען וויל אונדז אָנוואַרפן! וואָס טראַכט איר וועגן דעם? און אויב אַפילו די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג וועט מסכים זיין צו די שענדלעכע באַדינגונגען, וועט די באָלשעוויסטישע פאַרטיי זיך צוריקציען. דעמאָלט וועלן מיר רופן אַלע פעלקער צו אַ הייליקער מלחמה קעגן מיליטאַריזם פון אַלע לענדער...

קהילמאַן האָט נאָך דאָרט עפּעס געשטאַמלט וועגן דער נויטיקייט אָפּצוהאַלטן אַ פּלענאַרן סעאַנס, אָבער לעוו דאַווידאָוויטש האָט עס שאַרף אָפּגעוואָרפן. ס'איז מער גאָרנישט פאַראַן איבער וואָס צו דיסקוטירן. באַלד דערנאָך האָט די סאָוויעטישע דעלעגאַציע פאַרלאָזן דעם זאַל.

טיף ביי זיך האָט לעוו דאַווידאָוויטש נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז די פעלקער, דער עיקר דער אַרבעטער־קלאַס אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, וועלן דערלאָזן זייערע רעגירונגען ווייטער צו פירן אַן אָפענע אַגרעסיע־מלחמה קעגן לאַנד פון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

ער האָט זיך אומגעקערט קיין פּעטראָגראַד. דאָס לאַנד איז געזונקען אין כאַאָס. נאָך איידער ער איז דערפאָרן צו דער הויפּט־שטאָט, האָט גענעראַל פאָן האָפמאַן געגעבן אַ באַפעל די דייטשע טרופּן צום אַטאַק. ס'איז געווען די סאַמע קאָמישסטע מלחמה, וואָס מ'האָט ווען עס איז געווען. די דייטשן זענען געפאָרן מיט דער אייזנבאַן פון איין סטאַנציע צו דער אַנדערער, אָקופּירט די וואָקזאַלן און געפאָרן ווייטער.

קאַפּיטל פיר

אין יענעם פרילינג

געקומען אָנצוציען פון שטרויענעם דאַרף, אויף יענער זייט בוג, צו דער חרובער היים־שטאָט, זענען די עטלעכע געזינדלעך כמעט פון די ערשטע. ס'איז געווען טיפער דעצעמבער. די פרעסט, די וויוגעס האָבן שוין באַצייטנס היפּש אַ סמאַליע געטון. ס'איז אָבער פון טאָג צו טאָג אַלץ געפערלעכער געוואָרן צו בלייבן ווינען אין הפקרן דאַרף. אָפּגעריסענע טיילן פון דייטשן מיליטער האָבן זיך אומגעשלעפּט איבער די פאַרשאָטענע וועגן, די וואַך־ביידלעך ביי די בריקן און באַן־שינעס זענען געשטאַנען

פאַרלאָזן. פון אַלע דערפער און שטעטלעך זענען אַרויס און אָפגעוואַרט זיי אויף די שאָסייען אונטערגעוואַקסענע פוילישע ייִנגלעך, אַנטוואָפנט די דייטשן, אַרונטערגעריסן די עפּאָלעטן ביי די אָפיצירן. זיי האָבן שוין געטראָגן די פיר־קאַנטיקע „מאַטשעיוווקעס“ מיט רויט־ווייסע אָפצייכנס, ביקסן אויף די אָרעמס, געזונגען „יעשטשע פאָלסקאַ“ און — געראַבעוועט ביי ייִדן.

פון דער פעסטונג ביים בוג זענען אין די נעכט אויפגעגאַנגען ווייטע פלאַמען־צונגען. אין דער מיט פון ווינטיקן שאָסיי איז שטייגעבליבן אַ פאַרלאָזענער קאַנאָן, מיטן פיסק פאַרריסן אין הימל אַריין. ס'האָבן זיך נאָך אַנאַנד געהערט אויפרייסן. דאָס האָבן זיי דאָרט אַוועקגעלאָזן, פאַרן אָפטרעטן, מיטן פייער די געווער־ און אַמוניציע־מאַגאַזינען, פאַרברענט די זאַפאַס־לאַגערן, אַפילו די סטאַדעס פי; אַ קליין, פאַר־בלאָדזשעט, אַרומגעסמאַליעט שעפסעלע איז אַרומגעלאָפן אויפן שאָסיי און טרויעריק געמעקעט.

דער קליינער ייִד, מאיר ישובניק, האָט אין פינצטערן באַגינען אָנגעלאָדן עטלעכע שליטלעך, מיטן ביסל אָפגעצויגענעם בעטגעוואַנד, אַרויפגעזעצט די געלײמטע ייִדענע, און איז מיטן גאַנצן הויזגעזינד זיך, טעכטער, איידעמס, שנורן און אייניקלעך, קוים מיטן לעבן געקומען אָנצוציען אין שטאָט אַריין. זיי האָבן אויסגעמיטן די רויכערנדיקע פאָרשטעט, די אייזנבאַן־קנופּן, זיך פאַרנומען איבער דער פאַר־בריק. די פראָוויזאָרישע בריקן זענען געשטאַנען אויף באַרקעס, איבערן פאַרקאָוועטן בוג. די שליטלעך האָבן זיך שווער דורכגעקריגן די שניי־הורבעס, און פאַרנאַכט־צו פאַרפאָרן אין דער טאָפאָלן־גאַס, לעבן „דומסקי פלאָשטשאַד“. צאַליע רימער האָט אים אָבער די גאַנצע צייט פאַרזיכערט:

— משלט איך, פעטער — אַ גאַנץ־געבליבענע קאַמעניצע... ווער ס'האָט אים נישט געקענט, דעם בורזשוי...

אונטערן גרויען, נידעריקן הימל זענען די שליטלעך פאַרפאָרן האַרט ביי די שטאַכעטן פון פאָרנטיקן גערטל. דאָס הפקרע הויז איז נאָר וואָס אָפגעליידיקט געוואָרן פון די דייטשע קאַנצעלאַריעס. הויכע זאַלן. שטאָקן. אַ פראָווינצער מאַסיוו־געבויטע קאַמעניצע מיט פאָרנטיקע און הינטערשטע גאַניקעס, צום אויפגעבראָכענעם הויבסט־סאָד הינטערן הויז. הויכע, ליכטיקע זאַלן, אינקוסטרירטע סופיטן מיט מלאכימלעך, וואָס פון זייער סאַמע פופיק זענען אַרונטערגעהאָנגען הענג־לאָמפּן. קיין באַלעבאָס איז מער נישט געווען. צענומענע פלויטן, אָפענע שטעלער, אָנגעוואָרפן מיט מעבלוואַרג.

אָט באַוויזן זיך שוין צוריק אָנגעלאָפענע לייט צווישן די חורבות, אויף די אָפגעמעקטע גאַסן און סקווערן. באַפרייטע „פלעננִיקעס“, מיליציאָנערן פון דער צייטווייליקער אוקראַיִנישער „ראַדאַ“, אָנגעטון האַלב־מיליטעריש, אין פאַפּאַכעס, אין פעלצן, אין צעריסענע שינעלן, אין שטיוול, קאַלאָשן, באַנדאַזשירטע פנימער. היימלאָזע ציען איבער די גאַסן. זיי פילן אָן די גאַנץ־געבליבענע הייזער, די בתי־מדרשים.

באַלד ווי אין בערלין איז אויסגעבראָכן די מרידה, האָבן דאָ די דייטשע אַרמייטיילן געשאַפן סאָלדאַטן־ראַטן, זיך געגרייט צו עוואַקואירן די אָקופירטע געביטן. די ציוויל־אָנגעלאָפענע, די שטאָטישע, זענען נאָך אַלץ געווען צעשראָקן. איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג אין דער גאַנץ־געבליבענער גימנאַזיע, אויפן „ביעלסקי פראָספעקט“, צו שאַפן אַ בירגער־מיליץ פון ייִדן און ווייסרוסן. ס'איז געוויילט געוואָרן דער „צייטווייליקער שטאָטישער קאָמיטעט“. די פאַראָרדענונגען פון די דייטשן האָט מען

מער נישט געפֿאָלגט. אָבער הינטער זייערע פּלייצעס האָבן די דייטשן שוין געהאַט איינגעפֿירט אין שטאָט די אוקראַינישע אַדמיניסטראַציע פֿון דער „ראַדאַ". באַלד צו־מאָרגנס האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט אַן אוקראַינער און געמאָלדן, אַז ער איז באַשטימט פֿון אוקראַינישן גובערניאַלן קאָמיסאַר אין שטאָט פֿאַר באַצירק־שעף, אָדער פּאָווי־יאַטאָווער קאָמיסאַר. האָט אים דער ציטווייליקער בירגער־קאָמיטעט געענטפֿערט, אַז אַזוי ווי די מלוכהשע אָנגעהעריקייט פֿון דער שטאָט וועט נאָך ערשט פֿעסטגע־שטעלט ווערן, קען דערווייל די אוקראַינישע מאַכט טאָלערירט ווערן, נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל זי וועט נישט נעמען קיין שטייערן און באַזאָרגן די שטאָט מיט לעבנס־מיטלען. האָט ער פֿאָרגעלייגט צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו דער העכערער מאַכט. כאָטש אין שטאָט איז נאָך געזעסן „דער גרויסער סאָלאָדטן־ראָט", איז שוין געווען באַשטימט אַן אוקראַינישער „גובערניאַלער קאָמיסאַר", לויטן נאָמען סקאָראָ־סיפּ יאַלטוכאָווסקי. ער האָט געטראָגן צוויי ווילדע, העטמאַנסקע וואָנסן; ער האָט אין דער אמתן פֿאַרמאָגט אַ גאַנץ קנאַפּע מאַכט. געזעסן איז ער אין פּאַלאַצל אויפֿן „דומסקי פּלאָשטשאַד". דער „גובערניאַלער קאָמיסאַר" האָט אויסגעהערט די דעלעגאַציע. זיי האָבן גערעדט רוסיש, אָבער ער האָט זיי געענטפֿערט דווקא אויף אוקראַיניש, אַז ער נעמט נישט צו קענטעניש זייערע פֿאָדערונגען, און זיי געמוסרט, אַז דער קאָמיטעט איז „צופֿיל באַאיינפֿלוסט פֿון די מזרח־ווינטן"...

דער „גובערניאַלער קאָמיסאַר" האָט געדראָט צו שיקן אַ שטראָף־עקספּעדיציע. זיין געהיליף, דאָנעץ, אַ ברייט־פּלייציקער ריז, אין בלויע הויזן, ווי די זעק, מיט אַ רויט־פֿאַרלאָפֿן אויג, האָט געצויגן די ווילד־אַראָפּהענגענדיקע וואָנץ, רוצחיש גע־ריטשעט:

— כ'וועל קוילענען... ביי גאָט, ווי כ'וועל קוילענען...

אויפֿן וואָקזאַל, אין דער פֿעסטונג זענען נאָך פֿאַרבליבן גענוג אָפּגעפּראַפּטע לאַגערן מיט מאַשינען, עסנוואַרג, מעבל, וואָס די דייטשן האָבן נישט באַוויזן צו עוואַקויִרן. האָבן יידן דערווייל אַלץ אָפּגעקויפֿט פֿאַר אַ שיבוש. אין דער נאַכט, ערב ניי־יאָר, איז די שטאָט אומגעריכט פֿאַרנומען געוואָרן פֿון אַ פּוילישער אולאַנער־אָפּ־טיילונג, בראש מיטן מאַיאָר דאָמבראָווסקי. אויפֿן וואָקזאַל איז פּונקט געקומען אָנ־צופֿאָרן די שטראָף־עקספּעדיציע — עטלעכע צענדליק באַוואָפֿנטע אוקראַינער. זיי האָבן זיך באַרימט, אַז זיי גייען אויסקוילענען אַלע יידן. געהערט, אַז די פּאָליאַקן זענען שוין אין שטאָט, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן אין די נאָענטע וועלדער.

די פּאָליאַקן, ווידער, האָבן זיך גלייך גענומען רעקווירירן הייזער, מעבל, געשמיסן יידן, וואָס האָבן איינגעקויפֿט ביי די דייטשן. ס'איז, מיט איין וואָרט, באַלד געווען צו זען, אַז ס'וועט זיין ביטער. אַ שטראָם פּוילישע „אָסאַדניקעס", באַאַמטע האָבן פֿאַר־פֿולט די שטאָט, גענומען בויען זיך אַ באַזונדערן קוואַרטאַל אין די ראַנד־געביטן, ביי דער באַן. זיי האָבן אויפֿגעמאַכט אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכן קאָאָפּעראַטיוו „ראָלניק", אַ באַאַמטן־קלוב „הינטער די פֿיליאַרן".

און אין גרויסן הויז האָט שוין לעבעדיק געראַוישט אַ לעדער־פֿאַראיין, אַ נאָדל־פֿאַראיין, דער „השומר הצעיר", החלוץ, אַ קולטור־ליגע, אַ נעץ פֿון יידישע פֿאָלקס־שולן, אַ ביבליאָטעק, אַ תלמוד־תורה, חדרים, ישיבות, העברעאישע שולן. שוין אין ערשטן פֿרילינג האָט זיך דאָס גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע לעבן קאָנצענטרירט אַרום הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס.

אין לינדן נאָך־פּורים איז דער קליינער ייד, מאיר ישובניק, אַרויס אין הויף, באַטראַכט דעם נאַקעטן הויבסט־סאָד, אַ שמעק געטון די לופט, אַ קיי געגעבן אַ שטרוי־עלע און איז באַלד אַוועק פאַרען זיך אַרום די שטעלער. די גאַנצע משפחה האָט אָנגעפילט דעם הויף, דאָס קליינע מייערל הינטערן הויז. זיי זענען אַרויס צוהעלפן ארומוואַרפן דאָס געשפּאָלטענע מייערל מיט ליים, געקאַלכט, צעשניטן די ערד אין פרישע בייטן. געזונטע, פרילינגדיקע ריחות האָבן אַ פאַרשמעק געטון.

ס'איז געראָנען פון די דעכער. אַ קליינע זון, ווי אַן איי־געלעכל, פון אונטער פּו־כיקע וואָלקנס, האָט ראַז געמאַכט דעם טיפן שניי אין אויפגעבראָכענעם הויבסט־סאָד, אָנגעצונדן אין רעגנבויגן־קאָלירן די צעפּלעך אייז, וואָס זענען אַרונטערגעהאָנגען פון די דעכער. און דורך זיין שייבל אויפן גאָרן האָט צאַליע באַלד באַגינען דערזען, ווי דער אַלטער מיט די זין פאַרען זיך שוין אַרום הויז. ס'איז געוועזן ביי וואָס צו צעפירן זיך די הענט אין דער באַלעבאַטישקייט. דער עלטסטער זון, אַ שלאָסער, האָט איינגע־מאָסטעט זיין קוזשניצע אין די שטעלער. דער יונגערער, אַ סטאָליער, וואָס האָט אויך געפלעגט צו שפּילן אויפן פידל אויף דאָרפישע „זאַבאַוועס" און חתונות, האָט זיך גע־נומען אויספאַריכטן טיר־און־פענצטער, געקלאָפּט לייסטלעך. אַרום אָפּגעווייסטן מייערל האָט געפּעכלט. די פויערימלעך פון די היימישע דערפער האָבן שוין געוווסט צו פאַרפאָרן דורך די סטעזשקעס פון אויפגעבראָכענעם הויף. זיי האָבן אָנגעפירט קערצלעך תבואה, קאַרטאָפל. אַ ברייטער דאָרפישער אויוון האָט דאָרט געפּלאַקערט. דער אַלטער האָט אים אַליין צונויפגעמייסטרעוועט, און אין באַגינען האָט עס פאַר־שמעקט מיט ריחות פון פריש געבאַקן ברויט. די רויכן פון שמעקנדיקן סאָסנע־האָלץ האָבן זיך געטראָגן נידעריק איבערן אויפגעבראָכענעם סאָד. די ביימער האָבן זיך שוין געגומען באַדעקן מיט אַ גרינעם פוך. אַ גאַנצער יאַריד איז סוף וואָך געשטאַנען אין הויף, צווישן אויסגעשפּאַנטע פורלעך און הירזשענדיקע פערד. צאַליע האָט אויפן גאָרן־שטיבל פאַריכט די צעדרויבלטע פערדישע געשפּאַנען פון די פויערימלעך, און האָט אויך ווי־ס'איז געצויגן חיונה.

„דענקען אין געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס"... — איז אים, צאַליען, אַלץ נאָכגע־גאַנגען פון „יענע יאָרן" דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט פון חבר ליפע, איידער ער איז צום לעצטן מאָל פאַרשווונדן געוואָרן פון דאַנען. כמעט אַנדערטהאַלבן צענד־ליק יאָר זענען געהאַט איבערגעלאָפן. און אָט האָט ער ממש געזען פאַר זיינע אויגן, ווי די „געשיכטע" גייט...

אין הויז, ברייט צעלייגט צו דער טאָפּאָלן־גאַס, האָט געררושט גאָר אַן אַנדער לעבן. צו פרילינג־צו זענען שוין די הויכע, געררימע צימערן געווען אויסגעווייסט, פאַרגאַסן מיט זון, אָנגעפילט מיט אַ פריילעכן קינדערישן געפּלאַפּל. דער יונגער ווינט פון מזרח האָט אָנגעברענגט, צוזאַמען מיטן שטראָם פּליטים, בחורימלעך אין ענג־געפּאַסטע פרענטשן, אין סאַטינענע העמדלעך, מיט פלאַמיקע טשופּרינעס; מייד־לעך מיט קורץ־אונטערגעשניטענע האָר. זיי זענען דאָ אַרומגעגאַנגען איבער די חור־בות, בתי מדרשים, צוזאַמענגענומען די בלייכע קינדער, געבראַנגט זיי אין די ליכ־טיקע זאַלן. פון אַמעריקאַנער הילפס־קאָמיטעט איז פאַרפאָרן אין הויף אַריין אַ וואָגן מיט קינדער־מלבושים, זעק רייז, קאַקאַאָ, קאָנדענסירטע מילך. מ'האָט די קינדער אַרומגעוואַשן, אַרומגעשוירן, די מיידעלעך פאַרקעמט מיט בלויע סטענגעס אין די

הערעלעך. צעזעצט אַרום די טישן, האָבן די קינדער געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, אָנגעגאָסן זיך מיט ראָזע פּאַרבן.

און אין דער מיט פון אָט דעם אַלעם — צאַליע. „ס׳איז די געשיכטע״... — האָט ער זיך כסדר איבערגעחזרט — „זי שטעלט זיך נישט אָפּ, זי גייט פאָראויס״... אין אָוונט זענען די זאַלן און קאָרידאָרן פאַרפולט מיט יונגוואַרג. עס רוישן די פּראָפּעס־יאָנעלע פאַראיינען. אַ רעפעראַט פון אַ רעדנער, אַראָפּגעקומען פון „צענטער״. פון היינטער טירן הילכט אַן אַרבעטער־כאָר. צאַליע האָט זיך אומעטום געפּאָרעט, גע־שלעפּט בענק, טישן, געהיטן די אָרדענונג ביי די טירן. ער איז זיך מחיה געווען מיטן יונגן, זשומענדיקן אָנגעלויף. זיי רוען נישט, זיי שלאָגן זיך פאַר נייע אידייען. אָבער צו וועמען זיך צוהערן, אַז אַלע זענען זיי, דוכט זיך, גערעכט. ביי די רעפעראַטן, ביי די דיסקוסיעס, האָט ער זיך איינגעהערט מיט קאָפּ; אין די אַלע שווערלעכע רייד, דעם אמת געזאָגט, האָט ער נישט אַלץ אַזוי גענוי געקענט צעקייען. אָ, ווען חבר ליפע זאָל געווען אַראָפּקומען אַהער. אפּנים טאַקע, אַז די וועלט שטייט נישט אויף אַן אָרט. „נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע״... — האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין מוח די אַמאָליקע לאָזונגען. און וואָס איז מיטן סאָציאַליזם ? אָט שרייען זיי גאָר, אַז עפּעס אַן ענגלישער לאָרד האָט אונדז צוריקגעגעבן ארץ ישראל און מיר וועלן שוין געהאָלפן ווערן...

אָט הערט ער זיך צו צו די רייד פון די פאַרברוינטע בחורים, וואָס ס׳שמעקט פון זיי מיט ווינט, מיט רויך פון ווייטע שטעט. זיי יאָוועט זיך אַראָפּ פון „דאָרט״, פון „יענער זייט״. זיי וואַקסן אויס אומגעריכט אין די נעכט און פאַרשווינדן פונקט אַזוי אומגעריכט.

אוי, ווי ליפע האָט אים אַצינד אויסגעפּעלט. דער בונד — שרייען זיי — פאַרקי־רעוועט דעם רייטוואָגן פון דער רעוואָלוציע אין דער נאַציאָנאַלער בלאָטע פון אָפּאָרטוניזם, קאָנפאָרמיזם... גיי פאַרשטיי וואָס זיי מיינען דערמיט...

קאַפּיטל פינף

איבער אָפּגעמעקטע גרענעצן

געקומען לאַנגאַזם צו די כוחות, האָט עס ליפען ווידער אונטערגעהויבן. ער האָט מער אין אַזאַ צייט נישט געקענט איינזיצן אין וואַרשע, כאָטש ר׳האָט זיך אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צום געדיכטן אַרבעטער־פאָלק. גרויסע ליידנשאַפטן האָבן אויפסניי גע־ריזלט אין זיין אָפּגעשוואַכטן גוף. די פראָנטן שטייען הפקר. די אויסגעבענקטע רע־וואָלוציע... ער מוז, האָט ער באַטראַכט, וואָס ס׳זאָל נישט געשען, דערשלאָגן זיך אַהין, צו טייבעטשקען מיטן ייִנגל, וואָס זענען געבליבן שטעקן „אויף יענער זייט״.

די אָרעמע גאָרקיכן פאַר אַרבעטסלאָזע, אויף דער קאַמעליצקע, אויפן פשעיאַזד, זענען אין יענעם ווינטער געשטאַנען אין אומרואיקן געזשום. אין דער פאַסנער, שי־

טערער פּאַרע, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון די טעלער זופּ, האָבן אין דער לווילעכער זון פון נאָך־פּורים געשווינדלט פאַר דער אָפּגעשוואַכטער ראיה די בלייכע, מאָגערע פּנימער, די פאַרוואַקסענע נאַקנס פון הונגעריקע מענטשן, מיט אויפגעשטעלטע קעלנערלעך. באַגלייך מיט זיי איז ליפּע מיטאָג־צייט געשטאַנען אין דער רייע, צו באַקומען זיין מאָגער שיסעלע זופּ. חברטע חיה, די פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער גאָרקיך אויף פּשעיאַזד, איז געשטאַנען און געשעפּט מיטן גרויסן לעפל פון קעסל. זי האָט עס ממש נישט געקענט אַריבערטראָגן, האָט זיך, איבער קעפּ, געבעטן ביים היימישן עולם :

— לאָזט אַדורך, חברים... — האָט זי זיך געבעטן רחמים — ווײ־געשריגן, ס'איז אונדז אַ שאַנדע... זעצט אייך אַנידער ביים טיש, חבר ליפּע... מירן אייך שוין אַליין דערלאַנגען...

אָבער חבר ליפּע האָט בשום אופן נישט געוואָלט הערן דערפון, האָט אַפילו זייער פאַריבל גענהאַט, צו וועלן אים גאָר צוטיילן „פּריווילעגיעס”. ער האָט אויסגעוואַרט געדולדיק, מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל אין די וואָנסן, ביז ס'איז געקומען צו זיין ריי. די חברטע חיה, אַ צערויטלטע, האָט דערביי געפלאָמט, אָנגעשעפּט אים כאָטש אויפן דנאָ פון קעסל אַ פול שיסעלע, ביז איבערן אויג, סאַמע געדיכטס; געזען ס'זאָל אים דווקא אַריינפאַלן אַ פאָדעם פלייש, אַ ביין. ער האָט זיך פּשוט פאַרשעמט, טראָגנדיק מיט ציטערדיקע הענט דאָס פולע שיסעלע צום געדיכט־אַרומגעזעצטן טיש. ער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּטרייבן פון דער פולער, צערויטלטער חברטע חיה. ער האָט זיך דאָ אָבער געפילט גוט, צווישן היימישן עולם. זיין עניוות, זיין פּשטות האָבן אים נאָענט געמאַכט מיט זיי. די הענט זייערע, האָט ער געפילט, בענקען נאָך אַרבעט, אָבער די צייטן ביים דייטש זענען וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ ביטערער און שווערער. אויף די פול־געפּאַקטע רעפעראַטן און קעסטל־אָוונטן, יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס, אין די שוואַרץ־פאַררויכערטע לאָקאַלן, וווּ די ווענט האָבן געשוויצט פון היץ, פונקט ווי אין די פלאַמיקע אַרטיקלען אין די „לעבנס־פראַגן”, האָט ער מיט איינפאַכע רייד געפּרוווט אויפצוקלערן זיי, וועקן, מאָנען, מונטערן, אַז — „די ווייזערס אויפן געשיכטלעכן ציפערבלאַט רוקן זיך שנעל פאָראויס... ס'איז נאָך גוט פינצטער, אָבער אַ גרויסע האָפענונג גייט שוין אויף, ווי די זון, אויף מזרח”...

די פראָנטן זענען אין יענעם פריען פרילינג געשטאַנען הפקר. ס'איז געווען אַ גרויסע געפאַר אַרויסצורירן זיך אונטערוועגנס, נאָר ליפּען האָט מער גאָרנישט אָפּגעשראָקן. דער אַלטער, אויסגעפּרוווטער קאָנספּיראַטאָר האָט נאָך אַלץ געלעבט אין אים. אין צעכראַסטעטן פעלץ, אין שווערע שטיוול, מיט אַ ווינטער־היטל, וואָס די חברים האָבן אים איינגעשאַפן, האָט ער זיך אָנהייב אַפּריל, מיט אַקס, פון קיינעם נישט באַמערקט צו ווערן, געקירעוועט פאָרזיכטיק, עטאַפּנווייז, צו די אָפּגעמעקטע דרום־גרענעצן. אויף די פעלדער, פאַרוואַלגערט מיט שטעכל־דראָט, אין די טיפע ראָוועס — רעשטלעך שניי. ער האָט די יידישע שטעטלעך גוט געקענט — קאָוועל... ראָוונע... פּאָדוואָלאָטשיסק... דאָ אַרום ערגעץ האָט ער זיך דורכגעגליטשט. יידן, קאָנטראַבאַנדיסטן, האָבן געפירט אין די נעכט. די היימישע אוקראַינע האָט אַ שלאָג געטון מיט אַלט־איינגעבאַקענע ריחות. די פאַרקאָוועטע ערד האָט געגומען אויפטייען, ס'האָבן אַ בלאָז געטון די ערב־פּסחדיקע ווינטלעך. עטלעכע מעת לעת האָט ער זיך געוואַלגערט אין די נידעריקע, פאַרדעכטיקע אכסניות. אין די לעבלעכע, פינצטערע

נעכט, וואָס האָבן געהויערט איבער יידישע שטעטלעך, איז דאָרט פול געווען מיט איבערגעשראָקענע, פאַרטייעטע יידן, אומבאַקאַנטע לייט, ס׳רוב קאָנטראַבאַנדיסטן; זיי זענען אין דער בהלה געלאָפן הין און צוריק מיט אַ ביסל סחורה, מיט וואַלוטע, פאַרשטעקט און פאַרנייט אין די אָנגעפּעלצטע מלבושים. אומעטום האָט ער זיך אָנגעהערט וועגן די דעמאָראַליזירטע דייטשע און רוסישע אָקאָפּע־סאָלדאַטן, וועגן די רוצחישע היידאַמאַקישע באַנדעס, וואָס קומען אַרויס פון די וועלדער; וועגן יידישע שטעטלעך, אין אימה פאַר פּאָגראָמען.

און אויפן גאַנצן וועג האָט זיך אים אין די אומרואיקע, שלאָפלאָזע נעכט פאַרגעשטעלט — טייבעטשקע... ווי אַזוי וועט זי אים באַגעגענען ?... אָבער אַצינד האָט ער זיך עפּעס מער נישט געאיילט קיין מינסק, ווו זי האָט זיך באַדאַרפט צו געפינען. ער האָט דורכגעלעבט אַן אומבאַשטימטן פלאַטער און צווייפל, נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין צעשיידט.

קיין קיעוו, אויפן קרעשטשאַטיק, האָט זיך ליפע דערשלאָגן באַלד נאָך פּסח, אין מיטן אַ גרויסער פּאַניק, אַ גאַסן־שיסעריי, ביים פאַרטרייבן די פּעטלורישע באַנדעס. דער פרילינגדיקער דניעפּער האָט אַ בלענד געטון מיט לויטערן, אויסגעוואַשענעם הימל־בלוי; ער איז אָבער באַלייגט געווען מיט ברענענדיקע באַרקעס. זיילן רויך האָבן זיך געקנוילט הויך אין הימל אַריין; די וואָקזאַלן פאַרפּלייצט מיט יידישע פּליטים, אַנגעלאָפן פון די פּאָגראָמירטע שטעטלעך. די באַנען — געפּאַקט מיט צעשראָקענע יידישע געזינדלעך. די מאַכט בייט זיך אַלע פּאָר טעג. מען יאָגט דעם שונא אין קאָרק אַריין און אָט — עוואַקואירט מען ווידער, אין גרויס איילעניש, די טעלעפאָן־ און טעלעגראַף־אַפּאַראַטן, די שפּייז־ און אַמוניציע־סקלאַדן. די רויטע גוואַרדיע, איז באַלד געווען קענטלעך, איז נישט קיין געווינלעכע אַרמיי. אָפּגעריסן, באָרוועס, הונגעריק, מיט ביקסן, אָנגעטשעפּעט אויף שטריקלעך, שפּאַנען זיי באַגייסטערט, קעמפן ביטער, אַנטשלאָסן מיט די אוקראַאינישע באַנדעס, מיט די צאַרישע רעשטלעך אין די רויטע אָפּטיילונגען גופא.

אָט איז דער באַגינסקי־פּאָלק אַריבער אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע, אָבער מיט אַלע כיטרעקייטן, האָט מען זיי שנעל אַנטוואָפנט און ליקווידירט. די רויטע סאָלדאַטן פון באַגינסקי־פּאָלק האָבן, גלייך נאָכן פאַרטרייבן פּעטלורען, אַליין אויך געפּרוווט אַ הוליע טון אין שטאָט, געטשעפּעט זיך, געפּאָדערט מ׳זאָל אַרויסטרייבן „אַלע יידישע קאָמיסאַרן", וואָס זענען זיך אָנגעלאָפן אין די סאָוויעטישע אַנשטאַלטן, אַז נישט וועלן זיי זיך אַליין נעמען רייניקן... מ׳האָט צוערשט געפּרוווט באַרואיקן זיי מיט געלאַסענע רייד, אָבער די פּאַרטיי־חברים האָבן זיך דערוויל שטילערהייט געגרייט. יידישע סאָציאַליסטן, אויסגעפּרוווט אין באַריקאַדן־קאַמפן, אין דער „זעלבשוץ", האָבן זיך מאַסנווייז אַריינגעגאָסן אין די שלאַכט־בריגאַדעס. נאָך האַלבער נאַכט האָט מען דעם באַגינסקי־פּאָלק אַרומגערינגלט אין די „רעווקאָם"־געביידעס. זיי האָבן געמוזט לייגן ס׳געווער, אַרויסגעבן די אָפּיצירישע יונקערישע העצערס. מ׳האָט זיי באַלד אויפן אָרט צעשאָסן, די פּשוטע סאָלדאַטן — פונאַנדערגעוואָרפן אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. אין די רויטע באַטאַליאָנען האָט זיך אַריינגעגאָסן אַ נייער שטראָם יידישע בחורים, מיט פאַרשטייפטע מוסקולן; התלהבות, פאַרצווייפלונג, ביטערניש — אַלץ צוזאַמען איז געווען אין זייער גאַנג קעגן די באַנדיטן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. „דער אַמאָליקער גייסט פון „סאַמאָאָבאָראָנע"... — האָט ליפע

באַטראַכט — ס׳הייסט, ביאַליקס „עיר ההריגה״ האָט זיי פּאָרט עפּעס געלערנט״... זיי האָבן מער נישט געוואָלט בלייבן ליגן, פאַרשטעקט אין אַ קעלער, אויפן בוידעם, און וואַרטן ביז מען וועט קומען זיי אַרויסשלעפּן און דערשיסן. בעסער נעמען אין האַנט אַריין אַ „ווינטאַווקע״, אַ נאַגאַן — מיין טויט, אָדער זייער טויט ! זיי האָבן אויסגעגלייכט דעם רוקן, גענומען פירן זיך ווי מענטשן. 17־18־יאָריקע בחורים האָבן גענומען געווער אין די פאַרשטייפטע הענט, אַוועק אין די אַרבעטער־בריגאַדעס, באַשאָסן פון שווערער אַרטילעריע די דערפער, די באַנדיטישע נעסטן. מיט אַ רואיק געוויסן, קיל, האָבן זיי, ווי פאַרשטייער פון דער רעוואָלוציע, אומברחמנותדיק צע־שאָסן די באַנדעס, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. זיי האָבן מער נישט צוגעהערט זיך, וואָס די צעשראָקענע טאַטעס האָבן זיי געוואָרנט, נישט צו מישן זיך, ס׳וועט אונדז טייער קאָסטן...

— פאַרשטייט זיך — האָבן זיי געענטפערט — אַז ס׳וועט טייער קאָסטן... וואָס דען, פויזען אין דער בלאָטע, אין דער אייגענער קאַלוזשע בלוט ? דאָס ווילן זיי דאָך, די „ראַזבאַיניקעס״...

„אַ יידישע מאַכט !״... — איז געגאַנגען די העצע איבער ראַיענדיקע מערק און דערפער פון אוקראַינע. ס׳האָט זיך טאַקע געקענט אַזוי אויסדוכטן, ווייל ווען די באַר־ווּעסע, אַרומגעשליסענע אָפּטיילונגען פון די אַרבעטער־באַטאַליאָנען האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט, האָבן זיך יידן, אָן מורא, מיט שמחה, אַרויסגעשאָטן אויף די גאַסן. זיי זענען אויך מיטגעלאָפן, ווען זיי זענען צוריק אָפּגעטרעטן. די שטעטלדיקע יידישע היימען זענען געלעגן חרוב, פאַרלאָזן. אַ מאַסע איז זיך אַנגעלאָפן אין די גרע־סערע שטעט. עפּידעמיעס האָבן געווילדעוועט, פלעק־טיפוס, אַלערליי פורעינות. אור־מעטום — יתומים, פאַרוואָרלאָזטע קינדער. דער אָנהייב פון בירגער־קריג האָט שוין געפלאַקערט.

און אַרום שטייען דווקא לינדע פרילינג־טעג. אַלע צאַרישע גזרות זענען מיט איין מאָל, איבער נאַכט, בטל געוואָרן. די אַרבעטער־ און פּויערים־ראַטן האָבן פּראָק־לאַמירט די פולשטענדיקע עמאַנציפּאַציע פון יידן, ווי פרייע בירגער און ווי אַ נאַציע. אין קיעוו — רוישיקע יידישע פאַרזאַמלונגען, קולטור־אַוונטן. יעדע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס האָט ברייט אויפגעוויקלט איר פאָן. אַ באַפרייטע יידישע ענערגיע האָט אַ שפּאַר געטון פון אויפגעבראָכענעם תחום־המושב. אין פּעטראָגראַד, אין מאָסקווע, אין קיעוו פאַרזאַמלען זיך קאָמיטעטן פון אַלע שאַטירונגען, צוצוגרייטן דעם אַל־רוסישן צוזאַמענפאָר, די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פאַר יידישע ענינים. פון אומע־טום ציען דעלעגאַציעס צו דער הויפּט־שטאָט, צו דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, צום פּרעזידיום פון ראַט פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איבער קאַטערינאָסלאַוו, איבער קיעוו, האָט זיך אויך אברהם גאָלדבערג, דעם אַלטן לערער ר׳ יחיאלס עלטערער זון, אַן אַנטלאָפענער פון טערקישן טעראָר אין ארץ ישראל, דורכגעריסן זיך, צוזאַמען מיט אַ דעלעגאַציע, צום 7־טן ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע. דאָ האָט ער שוין געטראָפן כמעט די גאַנצע אָדעסער חברה „מפיצי השכלה״, מיט ביאַליקן און קלויזנערן בראש. צוזאַ־מען מיטן פרילינג, איז געקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע. זיי האָבן זיך אַלע גע־וואַרעמט אין די מילדע שטראַלן פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע. מ׳איז געלאָפן צו די גרויסע שטעט, דער עיקר אָבער קיין פּעטראָגראַד, כאָטש ס׳איז נאָך אַלץ שווער גע־

ווען דורכצוקריגן זיך. די באַנען זענען פאַרפּאַקט געווען מיט שפּעקולאַנטן, אינוואַ־לידן, דעזערטירן, אַלערליי פּאַרטייעטע, פּאָליטיש־פאַרדעכטיקע לייט, וואָס האָבן געצויגן צום דרום. אין מיטן וועג האָט געטראָפן, אַז ס׳האָט אויסגעפּעלט קוילן ווײַ־טער צו טרייבן דעם לאָקאָמאָטיוו. אָדער באַנדעס האָבן אָפּגעשטעלט דעם צוג, אַראָפּ־געפירט די יידן, באַרויבט, צעשאָסן.

ס׳איז נישט אַזוי לייכט געווען צו דערשלאָגן זיך צום „סמאָלני אינסטיטוט״, די אַמאָליקע שול פאַר די טעכטער פון רוסישן אַדל. אויף די פּלעצער, אין נעפּל, האָבן זיך נאָך געלאָשן די שייטערס פון אָנגעשליידערטן מעבלוואַרג פון די צעגראַמירטע מלוכהשע קאַנצעלאַריעס; ס׳האָבן זיך נאָך געראַיכערט די בערג אַרויסגעוואָרפענע אַרכיוון. די צופאַרן ביי די הויכע טרעפּ, די שווערע טירן — באַוואַכט פון באַוואָפנטע מאַטראָסן, מיט אונטערגעשניטענע „ווינטאָוועקעס״; די מויערן — באַקלעפּט מיט די לעצטע רעזאָלוציעס.

טאַקע דאָרט, אין די פאַרפּאַקטע קאָרידאָרן, הינטער די טירן צום פּרעזידיום פון ראַט פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן, אין פּעטראָגראַד, האָט אברהם אומ־געריכט אָנגעשטויסן זיך אויף ליפען. מאָגער, פון טיפוס, צי פון הונגער, די אויגן טיף אַריינגעזעצט אין שטערן, אָבער פון אונטער דער בריל ביי ליפען — דאָס אַמאָליקע פייערל.

— כ׳וואָלט געשווירן — מיין אַמאָליקער ציוניסטישער אָפּאָנענט... — האָט ליפע געלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויף אברהמס אַקסל.

אברהם איז אָבער מער נישט געווען אין זיינע אויגן ס׳ראָמאַנטישע בחורל פון אַמאָל. די שוואַרצע גריווע — טיף איינגעביסן, ביז די פאַרגרויטע שלייפן. דאָס דורכ־געוױנטיקטע פּנים — פאַרבראַנדזט, אַ פאַרביסן קנייטשל אַרום די קינען, אַרום די מויל־ווינקלען. אין זייערע וואַנדער־וועגן, צו לייזן די גורל־פראַגן פון אונדזער קיום, האָבן זיי זיך נאָך איין מאָל, צום לעצטן מאָל, שפּעטער צונויפגעטראָפן אין זייער אַלטער היים־שטאָט אויפן בוג.

שפּעט נאָכמיטאָג האָבן זיי זיך דאָרט דערשפּאַרט צום גרויסן זאַל, אונטערן ליכטיקן געוועלב. ביי אַ לאַנגן טיש, באַליגט מיט צייטונגען, פּאַפּירן, פול מיט אָנגע־רויכערטע אַש־בעכערס, זענען זיי פריינטלעך, אויפמערקזאַם אויפגענומען געוואָרן דורך די מיטגלידער פון פּרעזידיום. בראש פון זיי — טשעכאַידזע, און באַלד דער־לעבן — הענריק ערליך, פון די יונגערע בונדישע טוער, אַ זון פון לובלינער רב, דער איידעם פון שמעון דובנאָוו. און ביידע, סיי אברהם, סיי ליפע, האָבן זיך מאָדנע פאַר־וווּנדערט איבערגעקוקט. ס׳איז געווען — אַ היסטאָרישער מאָמענט.

— די רעדער פון דער געשיכטע האָבן זיך, הייסט עס, נישט אומזיסט געדרייט...
— האָט אים אברהם נאָך באַוויזן איינצורוימען זיין, ליפעס, אייגענעם זאָג.

און פאַר־זיך האָט ער אַ טראַכט געטון — ס׳איז אויך אַ מאָמענט פון עליה פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט קומען די פאָרשטייער פון יידישן פאָלק דאַנ־קען די פירער פון פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, צווישן זיי אויך די פירער פון בונד, פאַר צעברעכן דעם שענדלעכן צאַרישן יאָך. ס׳איז, אַז מ׳וויל, מקוים געוואָרן די נבואה, אַז די באַפרייאונג פון די יידן וועט קומען דורך דער רעוואָלוציע. דאָס האָבן זיי פאַרגאָסן זייער בלוט אויף די באַריקאַדן, אָנגעפילט די תפיסות פון לאַנד, אַוועק

אויף לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע אין סיביר. זיי אַלע לייגן זייערע גאולה־האָפענונגען אויפן זיג פון דער רעוואָלוציע. אַ מין ציוניזם פון דער לינקער זייט... און פאַרט...

דורך אַלע טירן גייט מען און מ׳קומט. אין די קולואַרן דרייט זיך אַרום אַ מיטל־וווקסיקער מאַן מיט אַ שוואַרצער אַסירישער באָרד, אַן אויפמערקזאַמען קוק פון אונ־טערן שטערן, פלינקע באַוועגונגען. אַלע האָבן זיך געפרעגט ווער ער איז ?

— איר ווייסט נישט ? דאָס איז דאָך דער באַרימטער ליבער, פון בונד. נאָר וואָס אומגעקערט זיך פון סיביר.

זיין פּאָליטישער עבר — אַ סאָלידע שול, אַ מאַסן־רעדנער, אַ טריבון; איינער פון די וויכטיקסטע זיילן פון די ראַטן, האָט ער זיך באַלד אַרויסגערוקט אין אינער־לעכן קאַמף צווישן די „אַבאָראָנצעס" און „אינטערנאַציאָנאַליסטן", וואָס האָט זיך אין די טעג אַלץ מער צעפלאַקערט אין די רייען פון בונד. די טראַדיציאָנעלע פּעטערבור־גער פּני, אַדוואָקאַט ווינאַווער, סליאָזבערג, באַראָן גינצבורג, זענען מיט אַ מאָל אַראָפּ פון דער אַרענע. אַצינד האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן יידישע סאָציאַליסטן, בונדיסטן, עסערן, סיימאָווצעס, פּאָלקיסטן; אין צעקנייטשטע פּרענטשן, מיטן רוסישן העמדל, דאָס קנעפּעלע פאַרשפּיליעט ביים האַלדז, מיטן פּאַרטיי־זשאַרגאָן וועגן „קלאַסן־אינ־טערעסן", „פּראָלעטאַריזאַציע" אין זייער מויל, אין שאַרפער פּאָלעמיק, קעגן די אַלע שתדלנים, כלי־קודש. זיי האָבן ווידער דערפילט דעם אויפשטייג פון ראָמאַנטישע רעוואָלוציאָנערן. צעטיילט די יידישע סאָציאַליסטן האָט די פראַגע : צי דאַרף מען בויען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אויף אינטערנאַציאָנאַליסטישע יסודות, אָדער שאַפן אַרבעטס־ביוראָען, בלויז פאַר יידן. דער וויכוח איז געגאַנגען אויף די פּאַר־מאַכטע זיצונגען. די פּאָליטישע פּראַקציעס האָבן אַרויסגעשטעלט זייערע רעפערענטן. די „מאַרקסיסטישע פּראַקציע", דער בונד, האָט שאַרף באַקעמפט די נאַציאָנאַל־גע־שטימטע סאָציאַליסטן.

צו ליפען איז אין די קולואַרן צוגעלאָפן חבר ליבער :

— גוט וואָס כ׳האָב דיך געפונען. ס׳טוט זיך דאָרט ביי די „טרודאָוויקעס". קום אין רעסטאָראַן „סמירנאָווקע". דאָרט געפינט זיך לעאָנטי מאַיסיעיעוויטש. וועסט נישט טרעפן ווער נאָך — חבר אַלעקסאַנדער...

ליפע האָט שוין אויך באַוויזן געוווּיר צו ווערן, אַז טייבעטשקע איז טאַקע אין מינסק; צוזאַמען מיט ליטוואַקן, מיט ירחמיאלן, רעדאַגירט זי דעם „וועקער". ס׳גרייט זיך די 10־טע בונדישע קאָנפערענץ. געוווּיר געוואָרן איז ער עס ביי חבר אַלעקסאַנ־דער, אַריינפאַלנדיק צו אים אומגעריכט אין זיין קוואַרטיר אויף וואַסילעווסקי אָס־טראָוו, אַכטע ליניע. ס׳איז געווען אַ נעפּלדיקער פּעטערבורגער אָוונט. די טויערן, ווי געווינלעך אין אַזעלכע ציימן — פאַרהאַקט; ווייל זיי האָבן דאָ נאָך אַלץ געלעבט מיט אַלטע פאַרגעפילן, אַלטע שרעקן, אַז ביינאַכט קען מען אומגעריכט אַריינפאַלן אין הויז אויף אַן „אָביסק". דערקריגן זיך מיטן האַלב־ליידיקן טראַמוויי, האָט אים דער „דוואָרניק" נישט באַלד געוואָלט אַריינלאָזן, געבורטשעט אין די געדיכטע וואָנסן אַריין, אַז מען שלעפּט זיך נישט אַרום אין די נעכט. חבר אַלעקסאַנדער, וואָס האָט מיט אים צוזאַמען דורכגעלעבט די שיינע טעג אין דער שווייץ, האָט, קען מען זיך פאָר־שטעלן, שטאַרק דערפרייט זיך מיט אַזאַ אומגעריכטן גאַסט. די אַלטע רוסישע דינסט האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ סאַמאָוואַר, ברויט מיט פּאָווידלע. מער איז נישט געווען. ער האָט זיך געריבן די בלייכע, איידעלע הענט — „אַזאַ גאַסט אין דער גרוי־

סער, משוגע־געוואָרענער שטאָט... משוגע פון פרייד און — ווער ווייס פון נאָך וואָ־סערע אינסטינקטן". חבר אַלעקסאַנדער האָט געפּרוווט אויסמיידן, און נישט ווילנדיק איז דאָך אויסגעקומען צו דערמאָנען וועגן טייבעטשקען, וועגן ירחמיאלן.

זי האָט זיך אין משך פון די פּאָר יאָר אַרויסגעוויזן — אַ פּערזענלעכקייט. ער האָט עס גאָר אויף אַזוי פיל נישט געוווּסט, ליפּע. איר וואָרט, איר געשריבן און גע־רעדט וואָרט! אין מינסק פאַרנעמט זי זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע, טרעט אַרויס אויף מי־טינגען אונטערן פרייען הימל, אויף פאַרזאַמלונגען אין פאַבריקן.

ער אַליין, חבר אַלעקסאַנדער, איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון דער פּעטער־בורגער תפיסה „קרעסטי". ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, געשפּיגן אין אַ טיכעלע. נאָר ווער קען זיך עפּעס אין אַזעלכע צייטן גיין אָוועקלייגן אין בעט אַריין? ער איז געווען אין אַן ענג־געפּאַסטן פּרענטש, ר'איז אָבער אַרומגעשווומען אין אים; דאָס פּנים געל, ווי ביי אַ מאַנאַך.

— אַט צייטעלעך דערלעבט... — האָט ער זיך געריבן די דערפּרווירענע הענט — וואָלסט זיך עס געריכט, ליפּע?

אויף וואַסילעווסקי אַסטראָוו, אַכטע ליניע, אין אַלטן הויז צווישן די בריקן און קאַנאַלן, וווּ חבר אַלעקסאַנדער האָט זיך אויפגעהאַלטן, האָט ליפּע אין די עטלעכע וואָכן, וואָס ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין פּעטראָגראַד, דורכגעלעבט די פיבערן פון דער רעוואָלוציע. ס'איז מער נישט געווען דער שטורמישער חבר אַלעקסאַנדער פון די טאָוועדנעס אין זשענעווע, אין בערן. די נאַסע ווענט פון דער תפיסה האָבן אים צו־ריקגעבראַכט דעם פאַרשאַרפטן ביינער־רעוומאַטיזם. ביידע האָבן זיי זיך געטיילט מיטן אַרעמען „פּאַיאָק", געשפּאַרט זיך האַלבע טעג אין די „אָטשערעדן", אויסגע־הערט אַלע מיטינג־רעדעס אונטערן פרייען הימל; רעדנער פון פאַרשיידענע ריכטונ־גען, אַנאַרכיסטן, עסערן, באָלשעוויקעס. רויטע פענער האָבן געפלאַטערט אין ווינט. ס'איז אָבער שווער געווען צו פאַרשטיין — וווהין גייען מיר?

ביים טשאַדענדיקן נאָפט־לעמפּל, הינטער אָפּגעשלאָסענע טיר און ריגל, זענען זיי אָפּגעזעסן אין די טויבע נעכט, דערמאָנט זיך מיט נאָסטאַלגיע דעם „קאַרוזש", די טאָוועדנעס אין האַרבסט 1905. נישטאָ וואָס צו רעדן, אַ סך אילוזיעס זענען פאַר דער צייט אויסגערונען.

— ביי די וואַלן צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָבן זיי דאָ אַלע געשטימט פאַר די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן (קאַדעטן). נישט אַלע מאָל האָט מען געקענט מסכים זיין מיט זיי. מ'האָט אָבער געהאַלטן, אַז מ'קען זיי פאַרגלייכן צו די זשיראָנ־דיסטן בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. — אַזוי האָט חבר אַלעקסאַנדער, אַ ביסל פלעגמאַטיש, דערציילט — זיי זענען געשטאַנען איבער אַלע קלאַסן... אָבער די דאָ־זיקע כאַראַקטעריסטיק ווייזט זיך מיר איצט אויס פאַר אַ פאַלשער נבואה.

— און די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט זיי אויך אַלעמען גוט פאַרדרייט דעם קאָפּ — האָט ליפּע געדרונגען פון אברהמס צוריקגעהאַלטענע רייד ביי דער קורצער, אין גאַנצן אומגעריכטער באַגעגעניש — זיי פרייען זיך, זיי יובלען. די ישועה!... צי איז עס נישט אַמאָל צו פרי, פרעגט זיך? מען פּראַוועט שוין יום־טובים. אין קליי־ניקייט — אַן אילוזאָרישע יידישע מדינה! איך פיל, ווי ס'וואָלט אָנגעשטאַנען אַ נייע שבתי צבי־תקופה, אַ מין נאַרקאָז, אָבער די אַנטוישונג קען זיין שרעקלעך... קערענ־

סקי׳ס דעקלאַראַציעס... די ענגלישע דעקלאַראַציע, ווי אַ ווענדונג צום יידישן פאָלק... מאַנעוורעס... צוויי־דייטיקע רייד... דעקלאַראַציעס...

— אַוודאַי — האָט חבר אַלעקסאַנדער ווי פאַרקוקט זיך ערגעץ ווייט, ווי אָפּ־געזיפצט — וואָלט אפשר כדאַי געווען צו האָבן אין אַזעלכע שטורמישע צייטן אַ שטיל, היסטאָריש ווינקעלע, ווו צוצוטוליען זיך, אָדער כאָטש אַ זיכערע האָפע־נונג... ווייל איז די, וואָס גלויבן. ווייל אין גרונט גענומען — אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע...

ליפע האָט אים מיט אַ מאָל אָנגעקוקט אַ ביסעלע צו־דורכדרינגלעך — אויך חבר אַלעקסאַנדער גופא האָט אַרויסגערופן ביי אים גרויס אומרו. ער האָט זיך געהאַט צעשיידט מיט אים נאָכן 5־טן יאָר, אויף די קרייצוועגן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע; ער, ליפע, האָט אַראָפּגעטויכט אין די טיפענישן פון די יידישע אַרבע־טער־בערזעס אין ביאַליסטאָק, אין וואַרשע, אין לאָדזש; איידער ער איז דעם לעצטן מאָל אַריינגעפאַלן אין ציטאַדעל, אין 10־טן פּאַוויליאָן, געשלעפּט געוואָרן מיט די עטאַפּן. אַ תקופה, אָנגעפילט מיט גרויסע, טראַגישע דערוואַרטונגען. די פּאָליטישע אַנטוישונגען, די „זוכענישן״, אין דער פּאָעזיע, מוזיק, מאַלעריי, האָבן פאַרטשאַדעט די מוחות פון די אינטעליגענטן, מיט אַ פאַרגעפיל פון קאַטאַסטראָפע, פון וועלט־שטורעם, וואָס וועט אויסברעכן. די „ריטועלע לעגענדע״, דער ביילים־פּראָצעס, ערב דער מל־חמה, האָט שוין אין זיך געטראָגן די זוימען פון אַפּאָקאַליפּטישע צייטן.

ליפע האָט באַלד דערפילט — אין דער נשמה פון חבר אַלעקסאַנדער האָט זיך אָפּגעזעצט פאַר די יאָרן אַ מאָדנער געמיש פון רוסישע רעוואָלוציע און — יידישע טראַדיציע. די רעליגיעזע וועלט איז אַוודאַי איררעציאָנעל, אָבער זיין צוגאַנג צו רע־וואָלוציע, פּאָליטישע פּראָבלעמען, איז אויך געוואָרן איררעציאָנעל. פאַר אים איז געשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען: ווי אַזוי לעבט מען ווייטער ? פאַר אים וואָלט אפשר די גייסטיקע אַטמאָספער ביי די עסערן געווען מער צוגעפּאַסט; אַזאַ גלויבן, פאַרבאָרגן אין געהיימנישפולן ספינקס, וואָס ס׳שטעלט מיט זיך פאָר דאָס רוסישע דאָרף; אַ מין מיסטישע וועלט־באַנייאונג, אַ נייגונג צו נשמה־לייטערונג, ווי ביי דאָסטאָיעווסקין. ס׳איז געווען די ווירקונג פון דער פּאָליטישער רעאַקציע, אַ מין הייליקער אומרו האָט אים פאַרפאָלגט. דאָס האָט אפשר אויך געשטעקט אין אַלטן יידישן מאַרטירערישן גלויבן, איז געקומען צו אים מיטן אָפּפלוס פון דער רעוואָ־לוציאָנערער כוואַליע.

— אַלעקסאַנדער בלאָק שרייבט ערגעצווו — האָט ליפע דערזופט די אויסגע־קילטע גלאָז טיי, פאַרזיסט מיט סאַכאַרין — „אין די הערצער, וואָס זענען אַ אַמאָל געווען באַגייסטערט, הערשט איצט אַ גורלדיקע פוסטקייט״...

געראָטעוועט דעם חבר אַלעקסאַנדער האָט, זעט אויס, נאָר דער סקעפּטיציזם. מ׳האָט זיי אומעטום באַגעגנט, די „געוועזענע״, „אַוועקגעגאַנגענע״, „קלוג־געוואָרע־נע״. זיי האָבן זיך מער נישט אומגעקוקט אויפן נעכטן; און אויך אויפן פלאַכן, ביר־גערלעכן וועלטל קוקן זיי אַרונטער מיט ביטול; אַ צו־פרי־געקומענער שכל פון זקנים. זיי האָבן מער נישט פאַרטראָגן די לייט פון צ. ק. וואָס הייבן אַלע מאָל אָן דערמיט: „מיר האָבן באַשלאָסן״... אָבער דווקא בימי סטאָליפּין, אין דער צייט פון דער פינצ־טערער פּאָליטישער רעאַקציע, איז אין פּעטערבורג געווען אַן אינטענסיווע אַנט־וויקלונג פון קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע, וויסנשאַפטלעכע יידישע אינסטיטוציעס;

אַ רענעסאַנס פון ליטעראַטור, פּאָעזיע, פילאָלאָגיע, עטנאָגראַפיע; חבר אַלעקסאַנדער איז געווען אַן אָפטער באַזוכער פון די „מיטוואָכס" אין קלוב „טורעם", און אין די פּריוואַטע וווינונגען פון די ברייטע יידישע נגידים. אַלעקסאַנדער בלאָק פאַרצייכנט ערגעץ אין זיינע טאָג־ביכער: „אויף די אינדזלען, אין בין־השמשות. דער ווינט וואַשט דאָס פּנים. אויפן פּראָספּעקט — אַלעקסאַנדער. מיר האָבן זיך דורכגערעדט וועגן די רעליגיעז־פילאָזאָפישע פאַרזאַמלונגען אויף די „מיטוואָכס".

אין די פּעטערבורגער יידישע קרייזן האָט ער פון צייט צו צייט געהאַלטן פאַרטראָגן „איבער יידישער אַפּאָלאָגעטיק". אין די קרייזן פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, אויף אַ פּסחדיקן סדר ביי ווינאַווערן, האָט ער אַפילו איין מאָל געלייענט די הגדה. אַן אַלטער אויטאָדידאַקט, האָט ער זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָפּצוגעבן עקזאַמען אין אוניווערזיטעט, אַלס פרייער צוהערער. גערעדט האָט ער וועגן אַלץ און אַלעם: קריזיס אין דער סימבאָליסטישער פּאָעזיע, מיסטישער אַנאַרכיזם, פילאָזאָפישע זוכונגען אין מערב־אייראָפּע, וועגן דאָסטאָיעווסקי; דאָס אַלץ, אַן פאַפירלעך. מ'האָט אַפילו אויסגעפונען ביי אים „אַן עכט רוסישע נשמה", כאָטש ער האָט זייער נישט פאַרזיכטיק אויסגעקליבן זיין אָפּשטאַם: בערדיטשעוו... אַ סוחרישע פאַמיליע...

— פאַוועל אַקסלראָד... יולי מאַרטאָוו... — פּלאַטערט חבר אַלעקסאַנדער מיט די בלייכע, שווינדזיכטיקע הענט — ווי ווייט מיר זענען אַצינד פון זייערע אידייען, זייער פּלי פון געדאַנק... זיי זענען ביידע געווען אָנהענגער פון אַן אָפּטימיסטישער קאָנצעפּציע. זיי האָבן געגלויבט אין דער „פּאָרמולע פון פּראָגרעס". ווי עפּעמער, אויבערפלעכלעך דאָס אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן...

אַזאַ פּעסימיסטישן טאָן איז אים, ליפּען, שוין דאָ און דאָרט אויסגעקומען אויפצוכאַפּן מיט איין אויער, וועגן די אַלע צוזאָגן, וואָס מ'זאָגט אונדז צו. זינט ווען מ'האָט אים פון דער זייט אַריינגעוואָרפן אַן אָפּגעריסן וואָרט וועגן טייבעטשקען, און אַפילו חבר אַלעקסאַנדער אַליין האָט עפּעס געשטאַמלט — האָט ער זיך מער נישט געאיילט קיין מינסק. וואָס איז מיט דיר, ליפּע? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. אָט האָט ער גאָר באַדאַרפט זיין מיטגעריסן מיט אַלץ, וואָס ער האָט האָט דאָ געזען; און ער האָט גיכער געהאַט אַ פאַרלאַנג אויסצומיידן אַפילו דאָס רויע טאָג־ליכט, וואָס איז געפאַלן אין דער קרום; די לאַנגע „אָטשערעדן" ביי די ברויט־מאַגאַזינען, די מיטינגען, די אַלערליי רעדנער, די גאַסן, וווּ עס זענען אַרומגעפלויגן, האָבן דורכגערוישט די שווערע פאַרבלאָטיקטע לאַסט־אויטאָמאָבילן, באַזעצט מיט מאַטראָסן, די שטיקעס אויפגעשטאָכן אויף די קורצע ביקסן. אויך די העלע, צפונדיקע נעכט זענען געווען אומרואיקע. די פול־באַזעצטע אויטאָמאָבילן האָבן נישט אויפגעהערט צו ראָלן אין די נעכט, אין זילבערלעכן נעפּל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון דער נעווא. שאָטנס האָבן געשלייכט צווישן בריקן און קאַנאַלן. ס'אויפגעשפּיצטע אויער האָט דערכאַפּט אַ נאָענטע שיסעריי, דאָס שטעפּן פון מאַשין־געווער, אַ טראַסקען אין טירן, שאַרפע, אָפּגעריסענע געשרייען.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט ער נישט פאַרשטאַנען, און נאָך האַלבער נאַכט אַראָפּ פון קאַלטן געלעגער נאָכפרעגן זיך ביי חבר אַלעקסאַנדער. אויך ער האָט נישט געקענט צומאַכן אַן אויג — מ'האָט דעם איינדרוק, אַז עפּעס טוט זיך דאָ אָפּ הינטער אונדזערע פּלייצעס...

— באפרייען זיך פון דער „דיקטאטור פון די פראפעסיאנעלע רעוואלוציאנערן", קעגן ארבעטער... — האט חבר אלעקסאנדער גביאיש פאראויסגעזען — ס'איז קלאר מיט וואס עס דראען די נייע פאליטישע קאנצעפציעס... די שרייפעלעך און רעדעלעך, וואס מיט זיי פירט אן דער צענטער, דער „מוח" פון דער מאשין... ביי וועמען שטייט עס געשריבן, אפשר ביי שעקספירן ? אז דער טייוול קען זיך שטיצן אפילו אויף די ארגומענטן פון די הייליקע שריפטן...

און ס'האט אויסגעזען ווי אלע חלומות זענען אויף אן אמת רעאליזירט געווארן. רוסלאנד איז פריי. די „אונטערערד" איז ארויס אויף דער ליכטיקער שיין. אין „לי־טאיני טעאטער" — א מאסן־פארזאמלונג פון „אלגעמיינעם יידישן ארבעטער־בונד". ס'טרעטן ארויס די חברים ערליך, דוד זאסלאווסקי, מ. ראפעס. אין סאוויעט פון אר־בעטער־דעפוטאטן זיצן די פארשטייער פון בונד, ליבער, ערליך, זאסלאווסקי. די פאר־טיי ביורא רוישט אויף ניקאלאיעווסקאיא, אין סאמע צענטער פון רעוואלוציאנערן, צעשטורעמטן פעטראגראד.

אבער איידער מ'האט זיך נאך רעכט נישט באוויזן אפצופרייען מיט דער רע־וואלוציע, האבן יידן גענומען פארטייעט לויפן פון אוקראינע צו די צפון־פראווינצן, געלאפן אין די פוילישע געביטן, אין די באלטישע געביטן, איבער אלע אפגעמעקטע גרענעצן. דער פריילינג האט מיטגעברענגט דעם פארסמטן ווינט פון אויסגעקוילעטע געדיכטע יידישע שטעטלעך אין די דרום־פראווינצן, אין דער אוקראינע. פון די ברעגן פון שווארצן ים, פון קובאן, האט זיך אנגערוקט די פינצטערע קאנטר־רעווא־לוציע. אלע פארשטעקטע אכסניות אין מאסקווע, אויפן ארבאט, ווו יידן האבן זיך ביים צאר אויסבאהאלטן פון א פאליצייאיש אויג, האבן זיך ווידער אנגעפילט מיט צעשראקענע יידן.

אזוי לאנג ווי ליפע האט זיך געוואלגערט אין די גארקיכן אין ווארשע, האט די גרויסע בענקשאפט נאך טייבעטשקען געשיינט פאר אים ווי א פייערל אין דער לאנ־גער נאכט. איז זי דאך א שטיק לעבן געגאנגען ביי זיין זייט, זיך מקריב געווען פאר דער „באוועגונג", פאר אים, ווען ר'איז פארשפארט געווען אין די תפיסות ? און אפשר איז, אין גרויסן געראנגל, גארנישט קיין צייט געווען צו דערקענען זיך ? אז ס'ווייזט זיך ארויס — מ'קען זיך אליין נישט צו מאל. אזוי האט ער איין מאל פשוט באטראכט, זיצנדיק מיטביידע פויסטן אונטערגעשפארט דעם מידן קאפ, אין דער האלבער נאכט, פארנעמענדיק די פארדעכטיקע גערוישן הינטער די ווענט פונעם הויז. ער האט נאר געהערט, אז זי שטורעמט דארט, אין מינסק, אויף די מיטינגען פון ארבעטער, סאל־דאטן און מאטראסן. און אט באדעקט זיך דער הימל ווידער מיט שווערע וואלקנס. די גרינדונגס־פארזאמלונג איז אויפגעלייזט, צעטריבן. ניין, ס'האט זיך נישט איינ־געגעבן צו מאביליזירן די כוחות פון ארבעטער־קלאס ארום סאציאל־דעמאקראטישן פראגראם, קעגנשטעלן זיך די דיקטאטור פון א מינדערהייט, וואס האט אפגעלייקנט די מינימאלסטע פאדערונגען, אפילו נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע פארן יידישן ארבעטער. ווער, פרעגט זיך, איז אין געשיכטלעכן געראנגל אויף דער יידי־גאס גערעכט ?

קאַפּיטל זעקס

צו די אייגענע ברעגן

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָכן גירוש פון יפו, ווען די מלחמה־בהלה איז שוין געהאָנגען איבערן שמאָלן פּאַס לאַנד, אַרום באַספאַר, אַרום סועץ־קאַנאַל, האָט זיך אברהם פון דאָרט, קוים מיטן לעבן, אָפּגעטראָגן. קריגס־שיפן האָבן געקרייזט ביי די ברעגן. די „יונגע טערקן" האָבן געווילדעוועט אין לאַנד. די גרויסע האָפענונגען פון שיטער־צעוואָרפענעם יידישן ישוב זענען ווידער געהאָנגען אויף אַ האָר. אין לעצטן פרימאָרגן האָט ער זיך געטרייסלט אויף אַן אייזעלע ביז די זאַמדן פון תל אָביב. נישט דערקענט צו ווערן, האָט ער זיך אָפּגעגאָלט די באָרד, אָראָפּגעוואָרפן דאָס אַרבעטס־העמדל. מ'האָט אים גוט געקענט אין לאַנד. ס'איז געהאָנגען איבער אים אַ טויט־אור־טייל. מיט וויטיק האָט ער באַטראַכט די פאַרלאָזענע יידישע שכונות אויף די בערג־לעך. ס'איז נאָך געווען פרי. אַ מילכיקער איז פאַרבייגעריטן אויף אַן אייזעלע, באַ־האָנגען מיט צוויי קאַנען פון ביידע זייטן. אַראַבערינס מיט קוישלעך גרינס אויפן קאָפּ זענען געשוואומען אין מאַנאָטאָנעם גאַנג, ווי קעמלען. געשלייכט האָט ער זיך מיט זיי־טיקע סטעזשקעס, אויסצומיידן די פּאָליציי־פּאָסטנס. ביי אַ קריצוועג האָט אים אויפ־גענומען אַ באַלעגאָלע. ער טרייבט אונטער די שקאַפּע, און אָט הייבט זיך אַרויס פאַר זיי ירושלים, אין דורכזיכטיקן נעפּל, קלויסטער־קופּאָלן, העכער — אַראַבישע דערפ־לעך, ליימענע הייזקעס. די היישעריקן זענען אין דעם זומער באַפאַלן די ביימער, די גראָזן, האָבן חרוב געמאַכט, אַרומגעגעסן ביזן וואָרצל די תבואה־פעלדער. די היץ איז געווען גרויס. פויל און שלעפעריק גייט ערגעץ די מלחמה. איכה ישבה בדד העיר. די ישובים פוסטעווען.

די נייע עליה איז דאָ דורכגעגאַנגען, געדיכטער געוואָרן, אָפּגעזעצט זיך; אָנשטאָלטן, ברייט־פאַרצווייגטע קאָלאָניזאַציע־פּלענער, די גימנאַזיע „הרצליה", די יידישע באַנק, דער פּאַלעסטינע־אַמט. איבער 10 טויזנט נפשות אויף די זאַמדן פון תל אָביב. כמעט יעדן טאָג פלעגן די שיפן ברענגען צו די ברעגן פון יפו נייע עולים. אין אָוונט שטראָמען מחנות יוגנט לענגאויס רחוב הערצל, שדרות ראָטשילד, על שפת הים. אין די באַלויכטענע געביידעס — מיטינגען, זיצונגען, רעפעראַטן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אַצינד איז ביינאַכט אַלץ פאַרזונקען אין טיפן חושך. אין גאַס טאָר מען מער ווי ביז 8 אַ זייגער זיך נישט ווייזן. דער קריגס־קאָמאַנדאַנט פון יפו, חאַסאַן ביי, לאָזט פילן זיין שווערע פויסט. אויפן האָריזאָנט באַווייזן זיך פון צייט צו צייט ענגלישע קריגס־שיפן, דאָס רויכל פון פראַנצויזישן קרייצער „זשאַן ד'אַרק".

דער אורטייל פון קריגס־געריכט איז געהאָנגען איבער אים. אַרויספאָרן פון דאָ־נען איז נאָר מיט שיף, דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און ער דרייט זיך דאָ אַרום מיט אַ פאַלשן טערקישן פּאַספּאָרט, אַ פאַרשטעלטער. „שפּילסט זיך מיטן מלאך המוות" —

האָט מען אים געוואָרנט. און אָט לויפט ער. זיי זוכן אַ קירצערן וועג דורך די ווײַנ־גערטנער, אויסצומײַדן דעם פּאָליצײַ־פּאָסטן, שנײַדן איבער די באַן־שינעס. דעם באַ־גלייטער, אַ קאַווקאַזער יידישער יאַט, אים געפעלט אַזאַ שטיקל אַרבעט:

— מעגסט זיין זיכער, יאַ חביב... אין גליל, ברודערקע, ביסטו אַ פרייער פויגל...

דער טערקישער צורר, חאַסאַן ביי, האָט אויפגעפּאָדערט די יידן זיי זאָלן אָפּגעבן דאָס געווער. אָבער קיין געווער גיט מען נישט אָפּ, בפרט אין אַזעלכע צייטן. האָבן זיך די שומרים אויפגעזעצט אויף זייערע פלינקע פערדלעך, אַוועק אין די טאָלן, אי־בער בערג, אין פרייען, ווילדן גליל העליון.

די טאָג־היץ איז נאָך נישט געווען אָפּגעפאַלן, ווען זיי זענען פאַרפאָרן אין דער קבוצה. אין דער אַראָפּגעפאַלענער נאַכט דרייען זיך אַרום די יאַטן, די חברטעס, פרעגן זיך נאָך וועגן דער מלחמה. אָבער אברהם האַלט זיך אין אַ זייט, טאָר זיך נישט לאָזן דערקענען. פאַרטאָג רירט מען וויטער. אויפן וואָגן — אַ בלעך אייל, אַ ביסל האָניק, מאַנדלען. מ׳דאַרף זיך דערקריגן ביז טול־כרם, דער גרענעץ־פונקט צווישן יהודה און שומרון. הינטער די כרמים שטייט נידעריק אין הימל אַ האַלבער לבנה־סערפּ. די הונגעריקע הינט פון אַראַבישן דערפל באַשמעקן זיי. שאַקאַלן וויינען ער־געץ אין דער נאָענט. ס׳בלאָזט אַ פריש פרימאָרגן־ווינטל. אַ פאַרשלאָפענער קעמל־טרייבער פירט פאַר אַ שטריקל זיין גמל. אַ דיליזשאַנס האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען די פערד, אָנצוטרינקען זיי. דורכגעשניטן בשלום די נייע באַן־ליניע דמשק־באר־שבע, שטייגן זיי העכער. עס עפנט זיך דער עמק יזרעאל, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען איז דער הר תבור. זיך פאַרהאַלטן ביי אַ קוואַל אָפּרוען, און אָט ציט אַ שורה גמלים. אויף די באַרג־רוקנס פיטערן זיך פרידלעך שאָף. אַ באַשטאַן מיט קאַוועגעס. דער עמק רוקט זיך פונאַנדער צווישן די בערג־ווענט.

— היי, חברה־מאַן, וואָס האָסטו זיך פאַרגאַפיעט? — שרייט דער קאַווקאַזער.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. די פרידה האָט דערשמעקט דעם נאָענטן ריח פון היימישן מיסט, לויפט זי געשמאַקער.

— היות — זאָגט ער — דזשעמאַל פּאַשאַ באַרימט זיך, אַז ער וועט קיין נייע עולים נישט אַריינלאָזן קיין ארץ ישראל, על כן איז זיין פּלאַן, אַז יעדער ייד אין לאַנד זאָל זיך נעמען צו עטלעכע ווייבער... וועלן זיי מיט דער צייט פאַרווירקלעכן אַן אי־נערלעכע עליה... מ׳וואָלט אַפילו געדאַרפט באַשטימען אַ ספּעציעלע פּרעמיע פאַר יינגלעך...

זיי זענען אַרומגערינגלט, פאַרמאַכט צווישן הויכע פעלדזן. ס׳איז אומהיימלעך. דאָ איז לייכט צו באַפאַלן. ס׳איז מאָדנע שטיל צווישן די יונגע וועלדלעך. אונטן מורמלט אַ קוועלעכל. פון וויטן רוקן זיך סילועטן, רייטער. ווער זאָל עס זיין? פריינט, צי פיינט? אברהם לייגט אַוועק די האַנט אויפן נאַגאַן און זיי גייען לאַנגזאַם, גרייט אויף אַלעם. וויזט זיך גאָר אַרויס — אייגענע חברה, שומרים. ווי וואַרעם ס׳קלינגט דער „שלום״ אין גליל! זיי פאַרפאָרן צוזאַמען צום ישוב.

איבערגענעכטיקט, איילט אברהם פאַרטאָג קיין ביירות. דאָרט וועט אפשר זיין אַ שיף. ס׳ציען מחנות מיליטער. אַ צעשאָסענע באַן־סטאַציע. ס׳טויכט אויף די בלוי־קייט פון ים צווישן די כרמל־בערג. ס׳האָט שוין אַ פּאָר מאָל פּאַסירט, אַז חברה האָט זיך אויף שיפלעך אַרויסגעכאַפּט אין מיטן ים, אויפגענומען געוואָרן דורך פראַנצוי־זישע קריגס־שיפן. און אויך אים האָט עס אָפּגעגליקט.

ענדלעך אין אָפענעם ים. ס׳איז סוף חודש. פינצטער. די שיף דערוויטערט זיך פון די הויכע ברעגן, באַזעצט מיט פייערלעך. אַ פּאָר מיידלעך, אַ פּאָר בחורים. אַ שווערער אומעט, אָן אומרו אין זייערע הייסע בליקן. קיין שום רייד נישט. אַ שטיק האַרץ רייסט זיך אָפּ, מיטן פאַרשווינדן פונעם פאַסיקל ערד, צו וועלכער מ׳האָט זיך אַזוי שטאַרק צוגעבונדן און צו וועלכער זיי וועלן זיך נאָך אומקערן.

אַזוי האָט עס אברהמען צוריקגעפירט איבער געפערלעכע גרענעץ־פונקטן, מל־חמה־צייט, קיין רוסלאַנד. ער האָט געהאָפט, אַז דאָ, אין מאָסקווע, צווישן די אָנגעלאָ־פענע פון אָדעסער קאָמיטעט, וועט אים אַלץ קלאָר ווערן. ס׳איז געווען ווי אַ בשורה פון אויבן, וואָס ער האָט זיי געבראַכט: „דאָס פּי האָט געאַקערט און די אייזעלינס האָבן זיך געפיטערט ביי דער זייט. דיינע זין און טעכטער האָבן געגעסן, געטרונקען וויין. איז אַ גרויסער ווינט געקומען פון מדבר־זייט, האָט אַ ריר געטון די פיר ווינק־לען פון הויז, איז עס איינגעפאַלן אויף די יונגען, און זיי זענען געשטאָרבן״...

— אַלע מוזן איצט דערפילן די טיפע, גרויסע בראָך, וואָס האָט זיך פּלוצעם אַריינגעריסן אין אונדזער הויז... — האָבן ביי אברהמען די אויגן געפיבערט פאַר דער מסיבה אין אָפּגעשלאָסענעם הויז — כ׳בין אַרומגעגאַנגען איבער די קאָלאָניעס. וואָס פאַראַ שטראָמען פון פרייד ס׳האָבן מיך אַרומגענומען, זעענדיק ווי ס׳ווערט אויפגע־בויט אַ שטיין אויף אַ שטיין, מיט די אייגענע הענט; די רחבות הלב, ווען מען זעט, ווי אַלץ הייבט אָן ווערן ממשות,ווירקלעכקייט, ווי דאָס איינגעפלאַנצטע ביימעלע לאָזט טיפע וואָרצלען אין דער קרקע.

ער האָט באַהאַלטן זיין צער און בענקשאַפט נאָך חנהקען, נאָכן קינד. זיי זע־נען דאָרט פאַרבליבן אין דער קאָלאָניע, אין גליל העליון. ווי טראָגן זיי עס דאָרט איבער?

— אַסימילאַטאָר, אָדער יידישיסטישער גלות־ציוניסט — אַלע מוזן מיר איצט וואָך זיין צו אונדזער אומגליק. ס׳איז אפשר אַ חלום, אָבער מיר קענען נישט לעבן אָן דעם חלום.

— חלומט געזונטערהייט... — האָט אים ליפּע צוגעוואָרפן — אָבער רעדט נישט צו הויך פון שלאָף...

אין אָט דעם ווינטער האָט זיך ליפּע אָנגעשטויסן אויף אים אין די קולואַרן פון פעטערבורגער סאָוויעט, דערנאָך אויפן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון די יידישע קהלות; אין די קרייזן האָט מען נאָך אַ פּאָר חדשים פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פאַרלוירן די האָפענונג, אומגעקערט זיך צו דער וועלט פון יידישע פלענער. אין אָט די היסטאָ־רישע טעג איז ליפּען נאָך עטלעכע מאָל אויסגעקומען צוזאַמענצושטויסן זיך מיט אברהמען אין די זייטיקע אכסניות אויפן אַרבאַט. מ׳האָט דאָרט ווידער געלעבט מיט אָן איינגעהאַלטענעם אָטעם. אַ שווערער ווינטער געווען; נישט קיין ברויט, נישט קיין קוילן, נישט קיין קעראָסין. מ׳איז געשלאָפן אין די זאַכן. ביי אַ בלעכן איי־וועלע, געמאַכט פון קאָנסערוון־פּושקעס, האָט מען געוואַרעמט די אָנגעדראָלענע הענט. מ׳האָט פאַרהייצט אַלטע צייטונגען, ביכער, געברענט דאָס מעבל. דאָס אייוועלע האָט מען גערופן די „בורזשויקע״. לייז, טיפוס. פון פאַרפרוירענע, זיסלעכע קאַרטאָפל האָט מען געפּרעגלט לאַטקעס אויף פיש־טראָן. אויפן מאָסקווער סוכאַרעווקע־טאָל־טשאָק איז געשטאַנען אַ פּויערטע מיט אַ לעבל ברויט; אַ פּויער מיט אַ פאַרבלויט

שטיק פלייש, אַוודאַי אויסגעשניטן פון די ריפּן פון די געפּאַלענע פערד, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף די מאָסקווער גאַסן. אָנגעבאַבלטע בורזשויקעס, דעם שאַל פאַר־רוקט ביז איבער די אויגן, מ'זאָל זיי נישט דערקענען, זענען אַרויס פאַרהאַנדלען זייערע פוטער־מאַנטלען, זיידענע אונטערוועש, חתונה־רינגלעך. די טראַמווייען זענען געגאַנגען זעלטן, באַהאַנגען אויף די טרעפּלעך און בוקסירן. די לעצטע מאַשין־געווער שטעפּערייען און האַרמאַטן־קאַנאָנאַדעס, די לאָזונגען „די גאַנצע מאַכט די סאָוויעטן", האָבן נאָר וואָס אָפּגעהילכט אויף די פלעצער און סקווערן.

ס'איז אָבער גלייך געווען קענטיק, אַז עפּעס גראָבט ער דאָ, אברהם. קיין סך איז פון אים נישט געווען צו דערגיין. אַ פאַרשלאָסנקייט איז דאָס מאָל געלעגן אויף זיין פאַרבראָנדזט פּנים. די ברוינע וואָנסן האָבן פאַרדעקט די טיפע קאַרבן אין זיינע באַקן. מ'האָט זיך צוגעהערט צו אים, געסודעט זיך מיט אים. עס זענען שטילערהייט אָפּגעפאָרן טראַנספּאָרטן. פון אָדעסער פּאָרט האָבן זיך געגרייט אָפּצופאָרן שיפן. קיין שום שוועריקייטן האָבן זיי נישט אָפּגעשראָקן, די געזונטע יידישע בחורים און מיידלעך, אָנגעטון, ווי אַלע, אין לעדער. זיי האָבן געקעמפט קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, און אַצינד האָבן זיי געצויגן צו די אייגענע ברעגן.

ס'איז געשטאַנען די פראַגע : די באַלפור־דעקלאַראַציע, אָדער די פּערספּעקטיוון דאָ אויפן אָרט; ווייל ס'איז נישט מעגלעך, האָבן פיל געטענהט, אַז אַ גערעכטע אָרדענונג פון וועלט־יושר זאָל נישט אין אַכט נעמען אויך די פינצטערע דורותדיקע פּיין אונדזערע. אָט איז איינער פון די יידישע עסערן אַרויס מיט אַ שריפט : „די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק". ער איז געקומען זיך שלאָגן על חטא. „מיר דאַרפן אַן אייגענע יידישע אַרמיי — האָט ער געפּרעדיקט — קעמפן מיט געווער אין האַנט פאַר אונדזער פאָטערלאַנד, אין ארץ ישראל. מען זאָל אָנערקענען אונדזערע רעכט, אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, איז נאָר — מיט געווער אין האַנט".

— אַ ציוניסט מוז פאָדערן ארץ ישראל, אָבער צי מוז איינער, וואָס פאָדערט ארץ ישראל, דווקא זיין אַ ציוניסט ? — האָט זיך געלאָזן הערן די שטים פון אַן אַלטן טעריטאָריאַליסט — פאַר די יידישע אַרבעטער דאַרף ארץ ישראל זיין נישט מער ווי דאָס, וואָס ליגט אין באַדייט ארץ ישראל — אַ יידיש לאַנד. ארץ ישראל איז אַ טעריטאָריע, פונקט ווי אַלע אַנדערע טעריטאָריעס.

— מיט איין וואָרט — איז אברהם אויף אַ האָר נישט נתפּעל געוואָרן — אַרגומענטן, אַרויסגענומען פון אַלטן אַרסענאַל... פונקט ווי דאָס אַלץ אַרום וואָלט אונדז גאָרנישט געלערנט... עד, איר...

קאַפּיטל זיבן

די באַגעגעניש

ביז ליפּע האָט זיך דאָרט אין דער מיט פון די אַלע וויכוחים איין מאָל אויפגעריסן און אַ זאָג געטון צו זיך אַליין: פּאַרפאַלן, כ׳פאָר קיין מינסק ! דער קאַשמאַר פון דער דייטשער און פּוילישער אָקופּאַציע איז נאָר וואָס געהאַט אַריבער, ס׳לאַנד איז אָבער נאָך אַלץ געזונקען אין בירגער־קריג. אין איבערגעפּאַקטן עשאַלאָן האָט ער זיך געטרייסלט אַ מעת לעת־צוויי, און אפשר מער; ווייל אַלע מאָל איז מען ערגעץ שטעקן געבליבן אויף זייטיקע ליניעס. בייטאָג האָט ער נאָך ווי ס׳איז אונטערגעדרעמלט אויף דער אויבערשטער נאַרע, צווישן באַבעס, פּויערימלעך, פּאַרדעכטיקע שפּעקולאַנטן. מיטן פאַרנאַכט, ווען ס׳האָבן זיך גענומען אַרויסשניידן די ווייסרוסישע בעריאָזעס אין מילכיקן נעפּל, איז ער עפּעס געוואָרן אומרואיקער. ס׳איז געווען טיפער סעפּטעמבער. אַ קליינע, פאַרשפּונענע זון האָט זיך דורכגעריסן די וואָלקנדלעך. ס׳האָט פּלוצעם געצויגן אַ ריח פון זומפּן.

ער איז געפאָרן, ליפּע, און אויפן גאַנצן וועג האָט ער זיך געזאָגט — טייבעטשקע... ס׳ייִנגל... ווי אַזוי וועלן זיי אים דאָרט אויפנעמען ? צי וועט זי כאַטש... ווייל די יאָרן... זי איז אין פולן ברען, הערט ער. אַזאַ מוטערלעכע וואַרעמקייט, ווי ס׳האָט געשלאָגן פון איר. אין הויז ביי זיי, אויפן „ניעווסקי פּראָספּעקט״, דערמאָנט ער זיך — אָט צעשפּרייט זי די הענט, טוט לאַכנדיק אַ כאַפּ די מיידלעך אונטער די אָרעמס, טראָגט זיי אַרום, און ס׳הילכט פון פריידיקע געשרייען. ס׳וועדט ליכטיק אַרום איר. די שול־מיידלעך קומען. זי העלפט זיי מאַכן די לעקציעס. זי לערנט אין פּעטערבורג אויף אַקושעריע, וואַרפט אַלץ אַוועק, קומט אָן אויף העכערע פּעדאַגאָגישע קורסן. פאַרנעמט זיך מיט ליטעראַטור, מעטאָדיק פון דערציאונג, פאַרבינדט זיך מיט די יידישע קרייזלעך. זיצט אָפּ נעכט איבערן „קאַפּיטאַל״. דער איבערברוך האָט געמוזט קומען, ווען זי האָט זיך אין יענעם זומער אומגעקערט צו דער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט. די אידייען פון ר׳ יחיאלס עלטערן זון, פון אברהמען, האָבן איר נישט באַגייסטערט. מנחמס בענקשאַפט, ווידער, האָט נאָר קראַנק געמאַכט. ביז זי האָט איין מאָל אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און איז אַוועק פון איר טאַטנס הויז, אויף שטענדיק אַוועק; איז אים, ליפּען, נאָכגעגאַנגען ביז די געהיימע בילדונגס־קרייזלעך, אין דער געדיכטעניש פון די בירזשעס אין וואַרשע, אין לאָדזש, ביז צו די אויסלענדישע „קאָלאָניעס״ אין דער שווייץ. אומפאַרגעסלעך זענען פאַרבליבן — די ליכטיקע וואַסער־פאַלן, די אָזיערעס, די בערג, וואָס שפּיגלען זיך אין זיי. דאָרט, אין אַזאַ אומרואיקער צייט, איז הירשקע געקומען אויף דער וועלט. ס׳איז אַפילו קיין צייט נישט געווען אָנצופרייען זיך. אין טיפן האַרבסט 1905 האָט ער זיך צוריקגעקערט צו די היימישע קאַנטן. און ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן, געשלעפּט זיך פון תפיסה

צו תפיסה, מיטן עטאַפּ, איז טייבעטשקע געקומען אַנצולויפן, איז מער נישט אָפּגע־טראָטן, פאַרבונדן אים מיט די חברים, מיט אַדוואָקאַטן, געטראָגן אים פּעקלעך, מיט פלאַטער אָפּגעוואַרט די זעאונגען. ס׳לעצטע מאָל איז זי געקומען אין אַ ווייס קלייד, אַ רויטע רויז פאַרשפּיליעט אין קאָרסאַזש. אין די פּאָר יאָר האָט די „באַוועגונג" זי נאָך מער פאַרשלונגען. ס׳איז געווען אַזוי פיל צו טון. זי האָט זיך געשלעפּט איבער דער טיפער פּראָווינץ, אַרויסגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער, אין די ווייבער־שולן. דער טאַטע אירער האָט שוין נישט געלעבט, האָט זי דאָס קינד אָנגע־וואָרפן דער מאַמען. ביז מ׳האָט זי אויך אַרעסטירט. פאַראורטיילט אויף דריי יאָר פאַרשיקונג אין וואָלאָגדער גובערניע. אַנטלאָפן, אומגעקערט זיך קיין ווילנע, אַריינ־געוואָרפן זיך אין דער אַרבעט פון דער חברה „מפיצי השכלה", געלערנט אויף די אָוונט־קורסן, געווען קאָרעספּאָנדענט אין פּעטערבורג פון דער האַלב־לעגאַלער „פאָלקס־צייטונג". אַ צייט פון פינצטערער רעאַקציע, פון יאוש. מ׳האָט באַדאַרפט צו פאַרמאָגן אַ סך מאָראַלישן כוח. פיל חברים זענען שטילערהייט אַוועק קיין אַמעריקע. אָבער טייבעטשקע איז פאַרבליבן. זי האָט רעדאַגירט די פּאַרטיי־פּרעסע, געשריבן וועגן דערציאונג, וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, „צו דער געשיכטע פון דער יידי־שער פאָלקס־שול". ס׳לעצטע מאָל האָט זי ליפע געזען דורך די קראַטן, אין 10־טן פּאַוויליאָן. זי האָט אים געטרייסט, אַז ס׳איז שוין נישט אויף לאַנג. די רעוואָלוציע קלאַפּט שוין אין דער טיר... אָבער איידער וואָס־ווען, זענען זיי געבליבן אָפּגעריסן, אויף יאָרן.

די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט זי געטראָפן אין מינסק. זי איז געווײלט געוואָרן אין צ. ק. האָט רעדאַגירט דעם „וועקער", אין איינעם מיט ליטוואַקן, מיט ירחמיאלן. איר קליינע, צערודערטע קוואַרטיר איז געווען הפקר אין די טעג. שפּעט ביי נאַכט איז זי אַריינגעפאַלן אין שטיבל, פון רעדאַקציע־זיצונגען, פון פאַרזאַמלונגען, פון לעק־ציעס. זי האָט קיין צייט נישט געהאַט פאַר דער באַלעבאַטישקייט, געגעסן אין פאָלקס־קיכן, אַפילו נישט קיין צייט געהאַט רעכט צו פאַרנעמען זיך מיטן יינגל. ער איז, דוכט זיך, געוואַקסן ווילדלעך, הירשקע, אַן עקשן, פאַרטראָגן אין זיך. נאָך אַ טאָג אַרומלויפן, האָט זי, ווי גרויס זי איז, געשווענקט זיך אין אַ באַליע וואַסער, געווישט זיך מיטן פּראָסטן האַנטוך פון דאָרפישן לייוונט, אָפּגעוואַשן פון זיך די היץ, דעם שטויב, די מידקייט פון שטרייטן, פון ביטערע דיסקוסיעס. ס׳האָט איר אַליין אויך נישט איין מאָל אַ ברי געטון ס׳געוויסן — זי לאָזט פאַרווילדעוועט ווערן דאָס יינגל, אפשר — זיך אַליין אויך. זי האָט געטרעטן אין די שטעק־לעטשלעך איבער די צוויי קליינע צימערלעך, די געדיכטע פלעכטן האָר, נאַסע, צעוואָרפן אויף די אַקסלען, און — אָט קלאַפּט מען פאַרזיכטיק אין פאָדערטן איינגאַנג.

— הירשקע — האָט זי אַ רוף געטון דורך דער שפּאַרע — זע נאָר, קינד מיינס, ווער ס׳איז דאָרט אין פאָדער־הויז.

אַזוי אומגעריכט איז ליפע אַריינגעפאַלן. דאָס האָט ער גלייך באַמערקט — אַ גרויע פּאַסמע האָר באַשיינט דעם שיינעם קאָפּ אירן. זי איז פאַר דער צייט געוואָרן פולער, שווערלעכער אין גאַנג. אין געבלימלטן שטוב־כאַלאַט, וואָס זי האָט אַרויפגע־כאַפּט אויף זיך, איז געווען אין איר אי מוטערלעכקייט, אי די שטרענגקייט פון אַ נאָנע, צו דער גלייכער צייט.

מען קען נישט זאָגן, זי האָט זיך אין דעם אָוונט זייער שטאַרק געפרייט מיט

ליפען, נאָך אַזוי פיל יאָרן; לאַנג געקוקט אויף אים, אַפילו פאַרגאַסן אַ טרער, אומ־רואיק געלאָפן איבער די צוויי קליינע צימערלעך, און נישט געוווסט וואָס פריער צו טון. אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט. ס'בלייבע יינגל, הירשקע, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אַלקערל, האָט עפּעס דערכאַפּט, האָט ליפען צו ערשט אַ באַקוק געטון פרעמדלעך, אָן איבעריקן צוטרוי. ער האָט דעם פאָטער נישט געדענקט, אים גאָר אַנדערש זיך פאָרגעשטעלט. אַ דאַר, אויפגעשאָסן יינגל מיט אַ ווילדער טשופּרינע אין די קאָרע אויגן. די מוטער האָט אים, איבער עפּעס, באַלד אַוועקגעשיקט שלאָפן. ער האָט, נישט לויט זיין טבע, געהאָרכזאַם געפאָלגט. דאָס בעט אין אַלקערל האָט לאַנג געסקריפּעט, ער האָט זיך דאָרט געוואָרפן אויפן געלעגער. ליפע האָט זיין אייגן קינד נישט באַוויזן געזגוג צו באַטראַכטן. און אים איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק — צו וועמען איז ער דען ענלעך ? געקומען אויף דער וועלט אין מיטן פון שלאַכטן, דער־פאַר אַזאַ אומרואיקייט אין אים. לויטן שכל האָט ער געדאַרפט זיין דער סינטעז פון זיי ביידן, און ס'האָט אים עפּעס אַ פאַרקלעם געטון.

ער איז נאָך לאַנג געזעסן ביים טיש, דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישן זיינע בליי־כע הענט, און האָט געשוויגן מער, ווי דערציילט. טייבעטשקע האָט זיך יעדע ווילע אויפגעריסן, געלאָפן פאַרען זיך ביים סאַמאָוואַר אין קיכל. אין קנאָפּן ליכט פון נאַפט־לעמפל, האָט ער געפילט ווי דער וואַרעמער שאָטן אירער באַוועגט זיך אויף דער וואַנט, הינטער זיין רוקן. ער האָט געוווסט — ס'איז נישט קיין צייט אויף רייד. אַלע רייד זענען אפשר איבעריק. ער האָט געהערט וואָס דאָ קומט פאָר. די קאָנ־פערענץ אין מינסק איז געווען אין פולן ברען. ער האָט געפּרוווט אַ נעם צו טון איר וואַרעמע האַנט, אָבער זי האָט די האַנט לייכט אָפּגעשטויסן.

— גיי שפּאַר זיך צו, ליפע — האָט זי געשעפּטשעט — ביסט מיד. מאָרגן איז אויך אַ טאָג.

זי האָט אים אויסגעבעט אויף דער איינגעפאַלענער סאָפע, גוט אַרומגעדעקט אים מיט אַלטע פאַלטנס, און אַליין האָט זי אַוועקגעפלאַטערט צום טיר פון אַלקערל אויף די שפּיצן פינגער, אים נישט איבערצווועקן, אָבער ער האָט גאַנץ גוט געהערט יעדן שאָרך, יעדן פלאַטער אירן, כאָטש ר'איז אַזוי מיד געווען.

ליקווידאַטאָרן

קאַפּיטל אַכט

די 10־טע בונדישע קאָנפערענץ אין מינסק האָט געהאַלטן אין מיטן אָפּרויש. דער לאַנגער, נידעריקער זאַל — פינצטערלעך, אַנגערויכערט. נאָך עטלעכע טעג און נעכט פאַרביסענע דעבאַטן, זענען די פּנימער ביי אַלעמען געווען פאַרוואַלקנט, גרוי. די פון אַמאָליקן רומפּולן גאַרבער־בונד, פון בערשטער־בונד, האָבן עס שטאַרק איבערגעלעבט, צוזעענדיק מיט די אייגענע אויגן, ווי עס ווערן געטראָטן מיט די

פיס די אַלטע טראַדיציעס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין זייער מינסק, די געדיכטע יידישע שטאָט פון אַרבעטער־בירזשעס. די דעבאַטן פון אַלטע חברים, אויסגעפּרוווטע אין אַלע קאַמפן, זענען געווען שטורמישע, די האָבן געצויגן אַהער, די האָבן געצויגן אַהין. די שפּאַלטונג, האָט מען געפילט, איז אומפאַרמיידלעך. נאָכן פונאַנדערטרייבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין פּעטראָגראַד, איז שווער געווען צו געפינען די אַריענ־טיר־ווייזערס. אָט האָט מען זיך נאָר וואָס פייערלעך געגרייט צום אַל־רוסישן יידישן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט באַדאַרפט זיין דער ערשטער שריט דורכצופירן אין לעבן די שווער־אויסגעקעמפטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. אַציגד האָט אַלץ ווידער אויסגעזען צו זיין אילוזאָריש. די ליידנשאַפטן, די קראַנקע געבלוטן, האָבן זיך אָנגע־צונדן. ס'האָט מער אין ערגעץ נישט געפירט.

אין מיטן פון אָט די רייסערייען, האָט זיך ליפע קאַמאַשנמאַכער אַרומגעדרייט ווי אַ פרעמדער צווישן אַלטע חברים. ס'איז גאָרנישט געווען אין זיין טבע צו שטיין אין אַ זייט, נישט אַריינצוּוואַרפן זיך מיט לייב־און־לעבן. ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן אַהער פון אַן אַנדערן פּלאַנעט.

ס'איז אויך מער קיין צייט נישט געווען אויסצורעדן אַ וואָרט מיט טייבעטשקען. די נאַכט האָט ער סיי ווי נישט צוגעטון קיין אויג. ס'האָט געוויינט אין אים די נשמה. „נישט שוין־זשע"... — האָט ער זיך געזאָגט; און ס'האָט אים שאַרף באַנג געטון, וואָס ער האָט זיך אַראָפּגעוויזן אַהער. ער האָט דאָ דערפילט דעם גאַנצן הפקר פון דער צייט. זי איז באַלד באַגינען שטיל אַוועק פון הויז, אַוועק פון דער קליינער, ענגער קוואַרטיר. ווען ער האָט אין דער פרי זיך אויפגעהויבן, האָט ער געפונען אַ צעטעלע אויפן טיש, ער זאָל קומען זי אויפזוכן אין קלוב. ער איז אַ רגע שטיין געבליבן מבולבל, אַריינגעקוקט אין אַלקערל, אָבער אויך דאָס יינגל איז שוין דאָרט נישט גע־ווען. ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמד הויז; ווי אין אַן אכסניה, ווי אין אַ וואָרט־צימער פון אַ וואָקזאַל. דורך די שייבלעך האָט אַריינגעקוקט אַ טריבער טאָג. נישט די היים איז דאָס לעבן אירס — דאָס האָט ער גלייך פאַרשטאַנען; און ער, וואָס האָט אַזוי געבענקט נאָך אַ ביסל היימישער וואַרעמקייט.

ס'קעלנערל פון פאַלטאָ אויפגעשטעלט, האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט, געלאָזן זיך בלאָנדזשען אין האַרבסטיקן דעמער פון פאַרטונקלטן טאָג, געשאַרט די פיס צווישן אָנגעפאַלענע בלעטער איבער די אַלטע מינסקער גאַסן און מערק. אויפן „פרייהייט־פּלאַץ", אין אַ ווינקל, ביי די פאַרהאַקטע קראָמען אויף די שווערע פּרענטעס, האָט שוין באַלד אין דער פרי זיך געשטעלט דער קליינער „טאָלטשאָק". יידן, פויערימלעך, עטלעכע פורלעך. יונגעלייט אין פאַרשאַרצטע דאַשיקעס, זענען אַרומגעלאָפן און איינ־גערוימט: „ווער דאַרף דאָלאַרן? ווער דאַרף פונטן?"... די וואַלוטשיקעס האָבן אַרומ־געשמייעט, שטאַרק פאַרזיכטיקע און פאַרקאָכטע. ליפע האָט מיט גרויס נייגער, אויף טשעקאַוועס אָפּגעשטעלט זיך אַ פרעג צו טון ביי אַ קליינעם, מאָגערן ייד אין אַן אויס־געריבן קאַטיקענע קעלנערל, צוגעשפּאַרט אונטער אַן אָפּדעכל:

— ווי לעבט זיך עס עפּעס ביי דער רעוואָלוציע, פעטער?

— עט... — האָט דער קליינער ייד אַרומגעקוקט זיך מיט חשד — „וואָאַבשטשע" איז שווער דער ריידן... וואָס ווילט איר, אַז זיי האָדעווען אייך נאָר מיט „קאַר־טאָטשקעס"... אַלע גויעס, ווי איר זעט זיי דאָ, וואָס טראָגן אַ פּאָר אייער, אַ ביסל ציבעלעס, פּאַסאָליעס אין שטאָט אַריין, מוזן היינט האָבן מאַנדאַטן פון דער דאָרפס־

פאַרוואַלטונג, אַז זיי האָבן אָפּגעצאָלט נאַטור־שטייער... און אַ ייד, וואָס וויל קויפן אַ הון, אַ פּאָר אייער, מוז, ווידער, האָבן אַ מאַנדאַט פון שטאָטישן ראַט, אַז ער קויפט נאָר פאַרן אייגענעם געברויך... נו, קען עס צו עפּעס טויגן ?...

האָט ליפּע אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און ווייטער געלאָזן זיך שווימען אונ־טערן דינעם רעגן. אין פינצטערלעכן פרימאָרגן האָבן אין לאַנגן, שמאָלן זאַל פון אַלטן טעאַטער געברענט רויע, נאַקעטע עלעקטרישע לעמפלעך, נידעריק אַראָפּגעלאָזן אויף לאַנגע דראָטן. די הויכע פענצטער זענען פאַרשמירט געוווען מיט נעפּל. אַן איבל־דיקער ריח פון אויסגעקילטער מאַרכאָרקע־רויך איז געהאָנגען אונטערן סופיט. און אַט האָט ער מיט אַ מאָל דערבליקט טייבעטשקען, אין דער טיף פון זאַל, אין צענטער פון פּרעזידיום, אויף דער נידעריקער טריבונע. אַרום איר — די חברים ירחמיאל, לעווין, ראַפּעס, זאַסלאַווסקי. דאָס פּנים ביי איר — אָפּגעצויגן, שטרענג. די גרויע פּאַסמע האָר באַשיינט איר קאָפּ. צי איז עס די זעלבע טייבעטשקע ? מאָדנע, די פאַר־וואַנדלונג האָט אים אַ רגע געפרייט און — ווי געטון. דאָס האָט ער דאָך זי דאָרט איין מאָל אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אוועקגעפירט אין לעבן אַריין, אין קאַמף. אַ סך פייערלעכע צוזאַמענפאָרן, ס׳רוב אומלעגאַלע, אין ביאַליסטאָק, אין דווינסק, אין קאָוו־נע, האָט ער פאַרגעדענקט; רוישיקע, פריילעכע צוזאַמענפאָרן אין אויסלאַנד, ווו אומ־באַקאַנטע זענען צוגעפאַלן צעקושן זיך; אָבער דאָ, דער אומעטיקער צוזאַמענפאָר פון חברים... אָט טוט טייבעטשקע זייער ענערגיש אַ קלונג מיטן גלעקל ביים טיש, באַ־דעקט מיט דער רויטער פאָן, און שטעלט זיך אויף. איר קול וויברירט נישט, מעטאַל קלינגט אין איר שטימע :

— די פאָרמולירטע פּרינציפּן אין „וועקער", חברים, זענען פאַר אונדז אַלע מאָל גילטיק. די פּרינציפּן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אונדזער פּראָגראַם — פון אַלגעמיינעם אַרבעטער־בונד פון ליטע, רוסלאַנד און פּוילן, די נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע...

— דאָס הייסט, בלייבן אויף די אַלטע פּאָזיציעס... — כאַפּן זיך אויף שאַרפע צווישנרופן — וואָס־זשע טויגן אונדז אַצינד די אַלע שיינע פראַזן קעגן דער אחדות־אילוזיע פון יידישן פאָלק ?...

— מיר באַשטייען דורכאויס אויף די פאָדערונגען, וועלכע דער רוסישער פּראָ־לעטאַריאַט קען נאָך אַ מאָל האָבן פאַרגעסן... — שרייט זי נאָך העכער.

דאָס שטייט צווישן די ענג־צונויפגעשטופּטע רייען אַ יונגערמאַן מיט אַ נאַקעט־אַרומגעגאָלטן קאָפּ, דאָס פּנים אין ברוינע קלייענדלעך באַשפּריצט, אין אַ לעדערנער קורטקע, ענג פאַרשפּיליעט, און זיין רויע שטימע דראָט, דונערט :

— אין דעם באַשטייט טאַקע דער בונדישער נאַציאָנאַליזם, די קליינבירגערלע־כע באַגרענעצטקייט. לענין האָט אָפּגעשאַצט די אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן פון בונד, ער האָט אָבער געשטרעבט צו פאַראייניקן אַלע אַרבעטער־כוחות און האָט ביי יעדער געלעגנהייט באַטאָנט, אַז דער בונדישער סעפּאַראַטיזם איז שעדלעך פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט גופא...

אין ליפּעס בליק האָט זיך דער זאַל ווי אַ וואַקל געטון. די נאַקעטע עלעקטרישע לעמפלעך האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין פלאַם. אַרום אים האָבן זיך אויפגעהויבן אָפּגעריסענע קולות אין אַלע ווינקלען, נאָר די רויע, האַרטע שטים פון יונגערמאַן, אָנגעטון אין לעדער, האָט געדונערט העכער פון אַלע :

— פונקט ווי די מענשעוויקס, ווילט איר נישט דערזען דעם חילוק צווישן אונ־זער רעוואָלוציע און די מערב־אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס. איר ווילט נישט דערזען, אַז די רוסישע רעוואָלוציע, טאַקע אין אַ נישט־אַנטוויקלט לאַנד, קומט אין אַן עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם, אַז די טרייב־קראַפט פון דער רעוואָלוציע איז נישט די בורזשו־אַזיע, נאָר דער פּראָלעטאַריאַט, דאָס פּויערטום. אַוודאי, דאָס אַנטשפּרעכט נישט די סכעמע לויטן בונדישן שולחן־ערוך...

די אַלע ביטערע רייד פון דער נידעריקער טריבונע, די העפטיקע צווישנרופן, זענען געפאַלן אין אַנגערויכערטן זאַל צום לעצטן מאָל; צום לעצטן מאָל האָט מיט אַלטן פּאַטאָס, אָבער זייער אומעטיקלעך, אַ קלונג געטון די אַלטע בונדישע שבועה „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט". פון אַלע אָפּן־געלאָזענע טירן האָבן געצויגן צוגווינטן. ליפע, פאַרוויקלט אין זיין אָפּגענוצטן פּאַלטאָ, שוידערנדיק מער פון פיבער ווי פון קעלט, האָט שוין אַפילו נישט באַוויזן צו דערשפּאַרן זיך צו דער טריבונע, אָפּשטעקן אַ שלום־עליכם ירחמיאלן, ראַפּעסן, זאַסלאַווסקין ? נאָך וואָס ? ווען זיי אַליין, הערט ער, ציען גאָר ערגעץ אַנדערש. ער האָט נאָר געהאַט אַ פאַרלאַנג שטיל, אומגעזען, אַרויסשאַרן זיך, אָפּצוואַרטן טייבעטשקען ביים טרעפּל פון פאַרנט. אָבער אין דורכגאַנג איז אים אַנטקעגנגעקומען חבר ירחמיאל, אַ גרויער, מיט אַנגע־לאָפענע קישעלעך אונטער די אויגן, דאָס פּנים האָט אים נאָך געפלאַמט.

— אַזוי ?... פון פוילן ?... — האָט ער אים איילִיק אָפּגעשטעקט אַ נערוועזע האַנט. נאָך איידער ליפע האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, עפּעס צו פרעגן, איז ער אַרויס מיט לשון — זאָלסטו וויסן זיין, חבר ליפע, אויב מיר וועלן נישט אויף אַן אָרגאַני־זירטן אופן אַריינטרעטן אין דער רוסישער קאָמפּאַרטיי, וועט אַלץ זיך צעקריכן און מיר וועלן אפילו נישט באַקומען די צאָל פּלעצער אין דער צענטראַלער יידישער אָנפירונג, אין יידישן קאָמיסאַריאַט...

— אָבער וואָס עפּעס אַזוי... פּלוצעם ?...

— ווייל דער בונד אין פוילן טאָר נישט איבערחזרן דעם פעלער, וואָס מיר דאָ האָבן זיך אַזוי שפּעט געשטעלט אויף דער זייט פון אָקטאָבער... פאַר קיין פוילן און שפּאַלט דאַרט דעם בונד... שפּאַלטן... שפּאַלטן... — האָט ער אַקצענטירט יעדעס וואָרט — מען מוז זיך אָפּזאָגן פון די רעכטע עלעמענטן אין בונד...

אַן אַלטער בונדישער טוער, אַ זאַכלעכער, אַן אָרגאַניזאַטאָר, האָט ער נאָך אַלץ נישט דערגרונטעוועט וואָס אַרום אים טוט זיך. דער ביוראָקראַטישער צענטראַליזם, די אַלטע פאַרביסענע קעגנערשאַפט צו דער עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער יידישער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט בכלל, האָט בהדרגהדיק אַלץ ליקווידירט.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָכן האַלבן טאָג. זי איז, קאָנטיק, אויך געווען זייער צערודערט, טייבעטשקע, אַראָפּגייענדיק די פּאָר טרעפּלעך. די רויטע פלעקן אויפן אָפּגעצויגענעם פּנים בײַ איר האָבן זיך לאַנגזאַם געלאָשן, אָבער איר טראַט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז געווען מער נערוועז, ווי ענערגיש.

— כ'קלייב זיך קיין מאָסקווע... — האָט זי אים באַלד אויפן אָרט געמאָלדן, און איר בליק איז געווען פאַרטראַגן — ניין, מיר וועלן זיך נישט לאָזן...

— דערלויב... און הירשקע ?...

ערשט איצט האָט זי אים אַזוי ווי דערזען לעבן זיך, אים שאַרף אָנגעקוקט און צוגעגעבן אַ ביסל ווייכער:

— בלייב דו דערוויל מיט אים.. — און האָט אַפילו געשמייכלט — וואָסי, זאָל ער וויסן, אַז ער האָט אַ טאַטן אויך... כ׳וועל זיך אוודאי פאַרזאַמען. כ׳וועל נאָך אפשר צוריקקומען, און אויב ס׳וועט סטייען צייט, וועלן מיר זיך צערעכענען, ס׳הייסט, אונטערציען אַלע אונדזערע פּערזענלעכע חשבונות...

דערמיט איז, אייגנטלעך, אַלץ געזאָגט געוואָרן. ער האָט עס פאַרשטאַנען. מער נישט אָפּגערופן זיך מיט קיין איין וואָרט. ער האָט אָבער נישט געוווסט גענוי, צי דאָס פילט זי זיך אַזוי דערשלאָגן נאָך דער פאַרענדיקטער קאָנפערענץ, צי פון די מורא־דיקע ידיעות, וואָס האָבן זיך באַקומען, אַז אין אוקראַינע גיסט זיך יידיש בלוט; ער האָט עס דערפילט אין איר געמיט, האָט דערביי נעפּלדיק אַ טראַכט געטון: ס׳איז אפשר אין אַלע פאַלן גלייכער געווען צו פאַרבלייבן אין וואַרשע. דאָרט איז די טעמ־פּעראַטור פון גלויבן גאָר אַן אַנדערע. אויסער דעם...

זיי זענען שוויגנדיק אַראָפּ מיטן בולוואַר, דורכגעשניטן דעם „פרייהייט־פּלאַץ״, פאַרשאָטן מיט געלע בלעטער. די נידעריקע יידישע געסלעך אַרום זענען געלעגן ווי אויסגעשטאָרבן, ליידיקלעך, אין צופאַלנדיקן פאַרנאַכט. קיין רויכלעך זענען נישט אויפגעגאַנגען פון די קוימנעס. ס׳איז געווען עפּעס מאָדנע, אומגעוויינלעך. אומע־געריכט האָט אַ בליאַסק געטון מיט בלייכע און פייערדיקע קאָלירן אויפן מערב־ראַנד. דאָ און דאָרט האָבן דורך די פאַרצויגענע פאַרהענגלעך אַרויסגעשיינט ליכט; און זיי האָבן אַפילו נישט געדענקט, אַז ס׳איז היינט ערב יום־כּיפּור. דער אָוונט פאַלט באַלד צו. אַלע בתי־מדרשים זענען פול געפּאַקט מיט יידן, אָנגעטון אין ווייסן.

— די אַלטע געזעלשאַפט האָבן מיר פאַרוואָרפן און קיין נייע האָבן מיר נאָך דערוויל נישט באַשאַפן... — האָט ליפע אומעטיקלעך געלאָזן פאַלן.

אָבער באַלד דערלעבן, אין פאַסאַד מיט אַלע צעצונדענע פענצטער, אין קלוב פון „קאָמסאָמאָל״, איז רעשיק, טומלדיק. אָט שיטן זיי זיך פלוצעם אַרויס אויפן „פרייהייט־פּלאַץ״, אין זייערע גרויע בלוזעס, מיט שוויבערדיקע קעפּ. עס פאַרמירט זיך אַ דעמאָנסטראַציע פון דער נייער, שטורמישער יוגנט, מיט פענער, מיט ברענענ־דיקע לאַמטערנס. זיי טראָגן עפּעס אָנגעמאָלענע פיגורן אויף קאַרטאָנען — אַ רב און אַ פּאָפּ. דער פּאָפּ מיטן רב קושן זיך. „נידער מיט די רבנים און גלחים!״. מען זינגט. דאָ באַלד, אין אַ געסל, רייסן זיי זיך אַריין אין אַ בית־מדרש; יידן שטייען אין ווייסן אָנגעטון, אָנגעברייט צום משפּט, אין אָנגעזיכט פון זייער אַלטן „אל רחום וחנון״. מיט אַמאָל — צעהאַקטע שויבן קלינגען, געוואַלדן. עס לויפן אָן די מיליציאָ־נערן.

— קוק אָן — האָט זיך ליפע אָפּגעדרייט, טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ — מיט אָט די תכריכים־יידן, זקנים, האַלבע מתים, פירט מען עס קלאַסן־קאַמף... אָוואַ, מ׳האָט איינגענומען אַ פעסטונג!... כ׳וואָלט אַ בעלן געווען צוצוקוקן זיך ווי די רוסן רייסן זיך אַריין אין זייערע צערקוועס. בלוט וואָלט זיך געגאָסן!...

— פאַרפאַלן... — איז טייבעטשקע אַלץ געווען ווי אין טראַנס — אפשר מוז מען אָנהייבן פון שוואַכערן...

— האָסט זיך אפשר אַרויסגעכאַפּט מיט אַן אמתדיק וואָרט... פון שוואַכערן...

זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווי פאַרשעמט פון אירע אייגענע רייד, און געגער־

מען אים פעסטער אונטערן אָרעם, פשוט אַוועקגעריסן אים. ער האָט געפילט, אַז זי אַליין איז מער נישט איבערצייגט אין איר זאָג. ס׳ערשטע מאָל, ווי ער האָט זיך אויפֿגערעגט:

— טרויעריקע דערמאָנונגען... זייער אָפט האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס דווקא אין יום כּיפּור זיך אַריינגעריסן אין די שולן. אין זכרון פֿון פֿאָלק זענען נאָך לעבעדיק די קאַשמאַרן פֿון דער אינקוויזיציע, ווען מ׳האָט נאָכגעשפּירט די אנוסים, צונויפֿגעקומענע אין קעלערס, געהיים מתפּלל זיין צו זייער גאָט...

— אַוודאי — האָט זי גערעדט פֿאַרשטיקט — קען מען זיך באַהאַלטן אין קעלערס, מוסר נפֿש זיין זיך פֿאַר אַן אידיי, וואָס מ׳גלויבט אין איר. נאָך מער, פֿאַר אַ זאַך, וואָס מ׳ווערט פֿאַר איר גערודפֿט. קלאָר, אַז אַזעלכע מעטאָדן פֿירן נישט אין ערגעץ.

אָבער איר געמיט איז אין דער מינוט געווען איבערגעפּולט מיט עפּעס אַנדערש.

— מיר האָבן אַן וואַקלענישן אָנגענומען דעם קורס פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. מיר האָבן בלויז געביטן די טאַקטיק, אָבער נישט — דעם תּוך. אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אַ יידישער קאָמיסאַריאַט...

— טייבעטשקע, און מיר דוכט זיך, דו הערסט... נייע כּוחות זענען אַרויף אויף דער אויבערפֿלאַך. געדענקסט, די, וואָס האָבן אונדז אַלע יאָרן, אויף די צוזאַמענפֿאָרן, אין לאָנדאָן, אין בריסל, אויף דער עמיגראַציע אין דער שווייץ, אין די טעאָרעטישע אויסגאַבן, ביטער באַקעמפֿט, אַפּילו אויסגעלאַכט, אַרויסגעשטויסן אונדז לסוף פֿון דער פּאַרטיי... נישטאָ וואָס צו זאָגן... צי קענען זיי אונדז אָבער באַשולדיקן, אַז מיר האָבן געשטימט אין די פּאַרלאַמענטן פֿאַר די קריגס־בודזשעטן? צי זענען מיר דען בכלל אַ מלחמה־צד? זיי וואַרפֿן עס אונדז אין פּנים אַריין. און ווער? — דווקא יידן־אָפּשטאַמיקע, אַסימילאַטאָרן, דורכגעפּרעסן ביזן ביין מיט יידן־ביטול...

— כּ׳פֿיל עס פּונקט ווי דו, אָבער קודם דאַרף די רעוואָלוציע געראַטעוועט ווערן.

— ווער ווייסט, צי דער פּאָלטאַוער סטודענט, מישאַ, איז אַ מאָל נישט גערעכט געווען. עס גייט אויף אונדז, זאָלסטו וויסן זיין, אַ קאָנצענטרירט פֿייער פֿון די לייט, אָנגעטון אין לעדער. זיי רעדן יידיש, אָבער זיי זענען אויסגעהוילט פֿון יידישן תּוך. זע, ווי זיי זענען זיך אָנגעלאָפֿן, די לייט, וואָס האָבן זיך פֿריער געדרייט אין אַלע ראַנד־באַוועגונגען. זיי האָבן דערשמעקט מאַכט. און אַפּילו אונדזערע אייגענע חברים.

— ס׳איז אפשר נאָרמאַל. די רעוואָלוציע האָט געעפֿנט רעאַלע פּערספּעקטיוון פֿאַר אַלעמען.

— זיי האָבן אָבער גערעדט אַנדערע רייד. צי האָט דען מאַרטאָוו נישט באַשפּיגן זיין אייגענע באַגייסטערטע מאַי־רעדע אין ווילנע? אַצינד איז ער אַליין אַ קרבן. און אפשר א יידישער קרבן...

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויף טייבעטשקען איז ליפֿען אַזוי גיך נישט אויסגעקומען זיך צו דערוואַרטן אין מינסק. זי האָט באַלד צו מאָרגנס איבערגעלאָזן אויף דער הפֿקר־געבליבענער קוואַרטיר אים מיטן יינגל, קוריק, זייער פֿאַרטון, אָפּגעזעגנט זיך, געכאַפּט קיין מאָסקווע דעם ערשטן־בעסטן עשאַלאָן, וואָס איז, נאָך לאַנגע וואַרטענישן, אונטערגעקומען. די וויכטיקע מאַנדאַטן, די „קאָמאַנדיראָווקע", זענען איר בייגעשטאַ־

נען. ווייל ס'איז נישט אַזוי לייכט געווען צו פאָרן, נישט אַזוי לייכט אַריינצוקריגן זיך אין דער געדיכטער ענגעניש. ער האָט זי באַגלייט. אָן רייד באַגלייט.

און ס'האָט זיך ליפּען מער נישט געגלוסט אומצוקערן זיך צו די צווי קליינע, צערודערטע צימערלעך. די קורצע, פאַרטונקלטע טעג האָט ער זיך, געווינלעך, אַרומגעוואַלגערט אין די איבערגעפּאַקטע אַרבעטער־קלובן. דאָרט האָט מען אויך באַקומען אויסגעטיילט אַ וואַסערדיקע זופּ, אַ שטיקל ברויט, געמישט מיט קלייען; אַריינגעכאַפּט זיך אין ביבליאָטעק, בלעטערן די נייע אויסגאַבן, געדרוקט אויף האַרטלעכן פּאַק־פּאַפּיר. אין אָוונט האָבן אין קולטור־הויז גערוישט דער פאָלקס־אוניווערזיטעט, די אָוונט־קורסן, די פאַרזאַמלונגען; ס'האָט גערוישט עפּעס אַ ניי, פרעמד לעבן. מיט פרייד און צער האָבן די אַלטע, אויסגעליטענע חברים צוגעזען — ס'קלאַפּט דער פּולס פון אַ נייער יוגנט, אָן אָנגעלאָפענע פון אַלע שטעטלעך, די שוויבערס אין ווינט. זיי האָבן זיך מושטרירט, געשפּאַנט אין טראָט, מיט אויפגעשטאָכענע באַיאָנעטן אויף די ביקסן. מ'האָט זיך געגרייט אַ ליאַדע טאָג אָפּצוגיין אויף די פראָנטן קעגן דער קאָנטר־רעוואָלוציע, וואָס האָט געשפּאַרט פון אומעטום. אַ יונגער פּאָעט, מיט אַ טשופּרינע אין די אויגן, מיט איינגעקוועטשטע פּענסנע, נערוועזע הענט, האָט געשטורעמט פאָרן פול־געפּאַקטן זאַל יונגוואַרג אין אָנגערויכערטן אַרבעטער־קלוב:

פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע יידעס,
מיט בערד, פאַרלאָפענע מיט שניי!
אין לעצטן בראָך, אין לעצטן וויי,
זייט איר פאַרבליבן לעצטע עדות.

אַז ווינד און ווי צו אייער גאַנצן שטעטל...
און ס'ציטערן און טרייסלען אייך די קני.
— ווער וויים, ווער וויים, אויב ס'וועלן די,
אויב ס'וועלן אָט די זין שוין בלייבן יידן?

— ס'איז אונדז באַשערט שוין קיין מאָל זיך נישט בייגן,
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע אויגן...

דאָס איז געווען דער דופק פון דער נייער צייט. ס'האָט אי געפרייט, אי געשראָקן. די שענסטע טראַדיציעס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אויסגעזען פאַרעלטערט, אָפּגעלעבט. פון צייט צו צייט האָט עמעץ לעבן ליפּען אַ קרעכץ געטון, געוואָגט צו פרעגן:

— פאַרגייט... פאַרשווינדט... פאַר וואָס עפּעס דאַרפן מיר בלויז פאַרשווינדן? זיי וואַרפן אָפּ אונדזער גאַנצן נעכטן. אָט שרייען זיי שוין, אַז — נאָר רוסיש, נישט אָפּצוגרענעצן זיך... זיי פאַרגעסן, אַז מיט דער שפּראַך פון פאָלק איז דער יידישער אַרבעטער געגאַנגען זיין גרויסן וועג פון קלאַסן־געראַנגל, האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר זיין פרעסע, פאַר זיינע אומלעגאַלע דרוקערייען, געלעגן באַגראָבן אונטער דער ערד, געשאַפן דאָס וואָרט פון קאַמף. ס'איז נישט צו פאַרשטיין. די יידישע ליטעראַ־

טור האָט דערצויגן אַ רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־דור. און אָט דאַרף מען, לויט זיי, פּלוצעם ווערן אַסימילאַטאָרן...

די געעלטערטע לייט, מער אַלט פון צרות, ווי פון יאָרן, האָבן זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל פון אַרבעטער־קלוב, געברומט, אונטערגעמורמלט:

— ס׳האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך שאָטנס — מלקות, חדרים, ישיבות, מוסרניקעס, בלאַסע שאָטנס, אָפּגעלעבטע, איבערגעלעבטע. די יידישע אַרבעטער האָבן שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן אין דעם אַלטן רעקוויזיט. אָבער אָט דער ייד, דער נעכטיקער סיימאָוויעץ, טרוקן, אַן אַלטער משכּיל, וואָס אַליין פאַרגנבעט ער זיך נאָך אַוודאַי עד היום שפּעט אין דער נאַכט און פאַרטיפט זיך אין א פּאָר בלעטלעך פון אחד העמ׳ס „השלוח“, און קען נישט אַנטשלאָפן ווערן אָן קריאת שמע — ער קעמפט פאַרביסן קעגן קליינבירגערלעכן זומפּ, פון וועלכן ער אַליין שטאַמט. ער האָט אַרויסגעשלעפּט די מלקות, צעלייגט זיי אויף טעלערלעך, דערוויזן אַז דער קלאַסן־קאַמף אויף דער יידישער גאַס איז שטרענג דורכגעפירט געוואָרן, איר ווייסט ווו? ערב יום כּיפּור, ביים שלאָגן מלקות. „די הייליקע כּוהנים פון בית מדרש — שרייבט ער אין „עמעס“ — האָבן אַריינגעטראָגן אין דאָזיקן מנהג פון מלקות־שלאָגן די שטרענגע איינטיילונג פון קלאַסן... די פּני שלאָגט מען, קוים־קוים זיך צורירנדיק זיך צו זיי מיטן רימען. די אָרעמעלייט שמייסט מען אָן רחמנות. אַ מצווה אויף זיי! זאָלן זיי נישט פאַלן כּורעים פאַר די מלקות־שלעגער“...

— אין דער בראָשור „נידער מיט די רבנים“, האָט ער אַריינגעלייגט דעם גאַנצן ביטערן טעמפּעראַמענט פון אַ ייד, אַ קנאַי, וואָס שטאַמט אַליין פון כּלי־קודש...

און אַרום האָט דער לאַנגער קלוב־זאַל געררוישט פון יונגוואַרג. זיי האָבן זיך גאָר אויפן אַלטוואַרג מער נישט אומגעקוקט. און פּלוצעם האָט ליפע צווישן יונגן, לאַכנדיקן עולם אין די הינטערשטע רייען, דערבליקט הירשקען, זיין הירשקען. לעבן אים — אַ בלאָנד, ראָז מיידל, די האָר קורץ אונטערגעשניטן. זיי האַלטן זיך פאַר די הענט, פלאַפּלען עפּעס, זייער פאַרשייט. די הונגעריקע ציין לאַכן. אַ האַרמאָשקע באַגלייט דאָרט דער חברה מיט די פריילעכע און אומעטיקע „טשאַסטושקעס“, די לידער פון דעמיאַן ביעדני, וואָס הילכן איבערן גאַנצן לאַנד. עס טוט אים אַ שווינדל פאַר אויג דער טיפער, אָנגעפּראָפּטער זאַל.

ער לאָזט זיך דערנאָך גיין, ליפע, און די געזאַנגען פון דער יוגנט גרייכן אים אין דער טיפער נאַכט, ביז זיי גייען אויס, ווייט הינטער אים, אויפן „פרייהייט־פּלאַץ“, אין קלוב מיט די שאַרף־אויפגעלויכטענע שויבן. אַ ווינט, אַ נאַסער שניי, אַ וויוגע, יאָגט אים אין רוקן. ביז ער דערשלעפּט זיך צו דער שוועל פון דער הפקר־געלאָזענער קוואַרטיר. און ווען ער שפּאַרט אָפּ די טיר, שטייט פּלוצעם דאָס יינגל קעגן איבער אים. ווי אַזוי? צי האָט ער אים דען באַמערקט, ווי ער האָט אומעטיקלעך פאַרלאָזן דעם קלוב? און ס׳ערשטע מאָל לייגט ליפע זיין ציטערדיקע האַנט אויפן יינגלס שויבערל.

— הירשקע — מאַכט ער, און עפּעס, פילט ער, ברעכט זיך אין זיין אייגן קול

— ס׳וואָלט אפשר נישט אויסגעמאַכט אַ מאָל דורכצושמועסן זיך מיט אַזאַ אָפּגעשטאַנענעם קליינבירגער, ווי דיין טאַטע איז... כ׳ווייס, מסתמא פאַרשטיי איך טאַקע נישט... כאָטש מיר זענען נאָך פון דעסטוועגן נישט אַזוי אַלט...

אַזוי מאַכט ער, ליפע, און ס׳יינגל לאָזט אַראָפּ דאָס ווילדע שויבערל, שווייגט

פּאַרביסן. די איינגעצויגענע רובאַשקע אויף זיין דאַרן גוף גיט אים צו פאַרשייטע הפקרות. ער הייבט אויף די אויגן — טייבעטשקעס פאַרבלויטע אויגן — און עפּעס אַזאַ אומבאַשטימטע עצבות אין זיי.

— קום, הירשקע — זאָגט דער פאָטער — לאָמיר אַוועק פון דאַנען... ס'איז דאָ פּוסט... די מאַמע, זעסטו דאָך...

— און קאַטיע ?

— ווער — פרעגט ער — איז קאַטיע ?

— מיין חברטע... די לערערין קאַטיע.

קאַפּיטל ניין

די נייע אָריענטאַציע

ווו האָט ער זיך שוין דעם נישט געהאַט אַרומגעוואַלגערט אין די פּאָר יאָר, חבר ליפּע ? פון די רוישיקע יידישע קאָמיטעטן אין נאָך־פּסחדיקן קיעוו, האָט ער זיך, מיט אומוועגן, דערקריגן אַזש ביזן נעפּלדיקן פּעטראָגראַד; דערנאָך — אין ערב יום כי־פּורדיקן מינסק; די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר אין סאַמע האַרץ פון דער רעוואָ־לוציע, אין מאָסקווע. אָבער דאָס איז שוין געווען קורץ פאַרן צוריק אַריבערכאַפּן זיך צו די היימישע וואַרשעווער אַרבעטער־בערזעס.

באַוויזן אין מאָסקווע האָט ער זיך אין סאַמע ברען פון „מיליטערישן קאָמוניזם“, אין אַ פּרענטש, איבערגעענייט פון אַ זאַק, אַ מין בלוזע, אַרומגעבונדן די לענדן מיט אַ שטריקל; אָבער אונטערן איבערגעפּאַרבטן פּרענטש — די ריינע נשמה, דער איי־בערגעגעבענער סאָציאַליסט. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין צופעליקע קוואַרטירן, געלעבט פון צופעליקע פאַרדינסטן, אַ ביסל פון איבערזעצונגען; געגעסן אין די פאָלקס־קיכן דעם וואַסערדיקן „שטשי“, אָדער ביי אָרעמע חברישע טישן. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ שטויבל, אינערלעך צעריסן; און אפשר איז עס אויך געווען טייבעטשקעס אַוועקגיין ? נישט בלויז דאָס אַוועקגיין פון אים גופא. ער האָט זיך עס פאַר זיך אַליין פאַרענטפערט. אַרום איז געשטאַנען אין קאָן אַ וועלט אַ גאַנצע, און אים האָבן שטיל געפרעסן פּערזענלעכע עוולות, פאַרדראָסן, שטימונגען, וואָס אַ לע־בעדיקער מענטש קען זיי פאָרט נישט דערשטיקן אין זיך. ס'יינגל, וואָס איז אויפן הפקר, האָט אים אויך שטאַרק וויי געטון. „ביסט טאָקע אפשר נישט מער ווי אַ צע־קראָכענער קליינבירגערלעכער אינטעליגענט... — האָט ער זיך אַליין געפרעסן — אָבער, ווי זיי וואַרפן זיך אַזוי לייכט מיט פראַזן“... ס'איז קלאָר. זי איז אים פאַר דער צייט אפשר איבערגעוואַקסן, און — פון דעסטוועגן...

אויף די „ליאַמעס“ אין מינסק האָט מען נאָך אַלץ צוזאַמען גענומען אַ גלעזל, געזונגען פאַרבענקט די אַלטע בונדישע לידער. אַלע זענען נאָך דעמאָלט געווען פריינד, חברים, מ'האָט נאָך גערעדט מער־ווייניק די זעלבע שפּראַך, איידער ס'האָבן

זיך אָנגעהויבן די שאַרפע, אינעווייניקסטע רייסערייען, קאַמפן, שפּאַלטונגען. אויף די „ליאַמעס" אין מאָסקווע, ביי אַ הערינג, ביי לאַטקעס פון זיסלעכע, פּאַרפּרוירענע קאַרטאָפל, האָט מען שוין מער נישט געזונגען די אַמאָליקע פּאַטעטיש־מעלאַנכאָלישע לידער. ס'האָט אַ קלונג געטון אַ מין נייער געמיש, פּאַראָדיעס פון סאָוויעטישע מיט... חסידישע פאָלקס־לידער; אַ נייער אינהאַלט, אָנגעהויכט פון דער צייט, אונטערן איינפלוס פון דעמיאַן ביעדניס „טשאַסטושקעס". די גרעסטע ספּעציאַליסטקע אויף אַזעלכע יידישע „טשאַסטושקעס" איז געווען חברטע טייבעטשקע. זי האָט געהאַט אַ גוט געהער, אַ קלינגענדיקע שטימע, אונטערכאַפּנדיק דעם רעפריין:

זשעניאַ, צילאַ סאַלאַמאַנאַ,
שטאָ סלושיט ווי גובטראַמאַ...

אָדער ס'באַרימטע לידל, וואָס האָט געהילכט אויף אַלע עסטראַדעס, איז אויסגעפּייפט געוואָרן אויף אַלע גאַסן:

אין אָסטראָג בין איך געזעסן,
שוואַרצע קאַשע האָבן איך געגעסן.
פּוצער, פּוץ מיר אָפּ די שיך...

אוי, טישע יעדיעש, דאַלשע בודיעש,
יאַלדאַם ביל, אי יאַלדאַם בודיעש —
פּוצער, פּוץ מיר אָפּ די שיך...

ס'איז אָבער מער אָנגענעם געווען צו הערן זי זינגען אויף אַ בונדישער „ליאַמע", ווי צו פירן מיט איר פּאָליטישע דיסקוסיעס; כאָטש מ'האָט זי ליב געהאַט. זי איז באַטראַכט געוואָרן ווי איינע פון די פּעאיקסטע טועריגס, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט. ווער ס'האָט זי נישט געדענקט פון די יאָרן נאָך 1905 ? — וואַרעמע, אַ פאַרכאַפּנדיקע; כאָטש צו ערשט אַ ביסל פּרעמדלעך, איז זי פּאַר דער צייט אַריינגעוואַקסן זיך אין דער „באַוועגונג"; אַ פּאַטעטישע רעדנערין, מיט אַ לייכטער, פלינקער פּען. זי האָט נישט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט. מ'האָט עס אַפילו געהאַלטן פאַר היסטעריע, אָבער גיכער איז עס געווען איבערגעטריבענער רעאַגירן. ווען זי איז געגאַנגען אויף אַ געוויסער ליניע, איז זי אַוועק ביזן עקסטרעם. זי איז נאָך דעמאָלט געווען שטאַרק יידישיסטיש, האָט געקעמפט פאַר דער יידישער שול. אין ראַדיקאַלן קער, איז זי פאַרבליבן „אויף די אַלטע פּאָזיציעס". מ'איז אויפן מינסקער צוזאַמענפאָר אָפּגעזעסן נעכט, געזוכט צו געפינען אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע, וואָס זאָל באַפרידיקן ביידע פליגלען, די „אָבאָראָנצעס" און די „אינטערנאַציאָנאַליסטן". אין טייבעטשקע איז פאַרבליבן פאַרעקשנט. זי איז געווען בלייך, די ליפּן פאַרפּרעסט, האָט זיך נישט אונטערגעגעבן ביזן סוף. אָבער פונקט מיט דער זעלבער עקשנות, מיט דער זעלבער התלהבות, ווי זי האָט געזונגען די חסידיש־בונדישע „טשאַסטושקעס", פונקט מיט דער זעלבער היסטעריע, קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן, האָט זי פאַרטיידיקט דעם „נייעם קער", צום „אָקטאָבער".

נייק, ליפע איז איר מער נישט געגאַנגען אויפזוכן אין די נייע רווישיקע אינסטיטוציעס פון יידישן קאָמיסאַריאַט. זי איז דאָרט אַרומגעשווומען — אַן אויטאָריטעט. זי האָט פאַרמאָגט שווונג, מוז מען זאָגן. אָט האָט זי געשטורעמט אין „עמעס" די „פרייע ליבע", און נישט אָן רעכט. ס'האָט אַרויסגערעדט פון איר די פלאַם־פייערדיקע סאָציאַליסטקע פון אַלטן שניט, מיט שטרענגע, מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע פאָדערונגען :

„אַ צייט אָנגעשטאַנען — האָט זי, דווקא זי, געשריבן — היינט האָט מען חתונה, מאָרגן גט מען זיך. מען „פאַרשרייבט" זיך אין „זאַגס" און מאָרגן „שרייבט מען זיך אויס". ווי אָפט טרעפט, אַז דער זעלבער חבר, וואָס האָט געבעטן, אַז צוליב דער משפחה, קען ער נישט פאָרן אַרבעטן ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם העק... פּלוצעם ווערן בטל די אַלע טענות. ער פאַרלאָזט ווייב און קינדער און, לייכטער ווי א פייגעלע, פליט ער אַוועק, ווייל ס'האָט אים אַ צי געטון צו אַ צווייטער פרוי. די פאַמיליע איז דאָך אַן אָפּגעלעבטע אינסטיטוציע... און ער אַליין באַטראַכט זיך נאָך ווי עפּעס אַ העלד, אַ רעוואָלוציאָנער"...

מיט טעמפּעראַמענט, נישט „קאַזיאָנע", שרייבט זי : „ס'איז קלאָר, אַז מער פון אַלע האָבן אַריינגעבראַכט אין דער פּראָלעטאַרישער סביבה די דעגענעראַציע קלייןבירגערלעכע אינטעליגענטלעך. דאָ האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע, מוז מען מודה זיין, דער מיליטערישער קאָמוניזם. האָט מען דען נישט געפּרעדיקט, אַז מען קען שוין איינפירן אַ נייעם לעבנס־שטייגער ? עס זענען אָבער פאַראַן טיפערע סיבות; אַ יוגנט, וואָס האָט כמעט קיין שול נישט באַזוכט, אויסגעוואַקסן אין די באַרימטע „פריוטן" און הקדשים. און אָט די יוגנט טראָגט דיר באַלד אונטער אַ פּסוק פון אַן אַרטיקל, ווו מען פּראָקלאַמירט פרייע ליבע"...

„די נייע אָריענטאַציע" האָט זיך דורכגעריסן, האָט מנצח געווען נאָך דער 12־טער קאָנפערענץ. עס זענען נאָך געווען וואַקלענישן, דינגענישן, טיילווייזע שפּאַלטונגען, ביז די מערהייט, דער „לינקער פליגל", דער ליקווידאַטאָרישער „קאָמבונד", האָט זיך אַריינגעגאָסן, אָנגענומען דעם פּראָגראַם פון דער ר. ק. פּ. (ב.). דער „וועקער" איז צום לעצטן מאָל דערשינען מיט די לאָזונגען : „זאָל לעבן דער נצחון פון סאָציאַליזם אין דער גאַנצער וועלט !", „זאָל לעבן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט !", „זאָל לעבן דער 3־טער אינטערנאַציאָנאַל !". זי איז, הייסט עס, געקומען צום אויספיר, טייבעטשקע, אַז — „נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז פּריידיקונג פון פאַרפיינערטן נאַציאָנאַליזם"... אַז לעניך, די באָלשעוויקעס, האָבן פאַרשטאַנען די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע פיל בעסער, טיפער, אַלזייטיקער, איידער דער בונד, אָדער די אַנדערע דאָרט פון „סעפּאַראַטיסטישן יידישן סעקטאָר". זי האָט זיך, הייסט עס, באַפרייט פון אַ ריי נאַציאָנאַליסטישע פאָראורטיילן, פאַרשטאַנען, אַז מ'דאַרף פאַראייניקן די ספּעציפישע אינטערעסן, פאָדערונגען פון דעם, אָדער יענעם פאָלק, מיט די באַדערפענישן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, פאַר אַלעם.

אין אַפּריל 1920 האָט זיך אין מאָסקווע אָפּגעשפּילט דער לעצטער אַקט : די 12־טע קאָנפערענץ פון בונד — די ליקווידאַטאָרישע שפּאַלטונג. פאַר חברים האָט ליפע געלאָזן פאַלן מיט ווייטיק :

— „יונג זיין" האָט געהייסן, אַ ביסל מליצהדיק — „גיין אין די גאַסן, צו די מאַסן". מ'האָט איבערגעריסן אַלע פעדעם מיט משפּחה, מיט דער „בורזשואַזער גע־

זעלשאַפט". די „באַוועגונג" איז געווען — די היים. יידנטום, יידישער עבר, יידיש לשון, איז נישט סתם געווען אַ דאָקטרין. מ'האָט עס נישט געדאַרפט גיין זוכן אין די ביכער. מיר זענען אַוועק אין די אָרעמע, שמוציקע געסלעך פריידיקן גלויבן אין בונד, אין דער רעוואָלוציע, אין סאָציאַליזם... און זיי דאָ וואַרפן אַלץ אַריין „אין מיסט־קאַסטן פון דער געשיכטע"... צוזאַמען מיט אונדז...

די 12־טע קאָנפערענץ האָט זיך באַלד געעפנט אין אַ געשפאַנטער אַטמאָס־פער, אין „האָטעל מעטראָפּאָל", אין מאָסקווע. אין פּרעזידיום — פאַרטרעטער פון דער מערהייט און פון דער מינדערהייט. אין נאָמען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט באַגריסט די קאָנפערענץ מאַרטאָוו. אין נאָמען פון „צווייטן צד" — דער פאַר־טרעטער פון יידישן קאָמיסאַריאַט, שמעון דימאַנשטיין. דעם באַריכט פון צ. ק. האָט אָפּגעגעבן ירחמיאל ווײַנשטיין; אָבער די מינדערהייט אין צ.ק. האָט שוין מער נישט באַקומען קיין וואָרט פאַר אַ קעגן־באַריכט. אַלס פּראָטעסט האָבן די מינדער־הייטלער פאַרלאָזן דעם פּרעזידיום. די פּאָליטישע שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן. טײַ־בעטשקע האָט באַגרינדעט די נייטיקייט, אַז דער בונד זאָל אָננעמען דעם פּראָגראַם פון דער קאָמפּאַרטיי. איר פּלאַטפאָרם איז באַשטעטיקט געוואָרן מיט אַ מערהייט שטימען, מיט רוישיקע אָוואַציעס. די מינדערהייט האָט געענטפערט מיט דער אַלטער בונדישער „שבועה". ירחמיאל האָט געפּרוווט אָפּשוואַכן טײַבעטשקעס אַרויסטריט, מיט אויסבעסערונגען:

— טעראָר... — האָט ער אַ ביסל געשטאַמלט — קעגן סאָציאַליסטן, דאַרף נישט אָנגעוואָנדן ווערן, נאָר פאַראורטיילט ווערן...

די פראַגע פון טעראָר איז פאַר טײַבעטשקען, פּונקט ווי פאַר ירחמיאלן, געווען, אמת, אַ שווערע געוויסנס־פראַגע. זיי האָבן נאָך אַלץ געמיינט, אַז זיי וועלן בלײַבן דער אַלטער בונד, אָבער — מיט קאָמוניזם...

די מערהייטלער האָבן אויך דאָס אָפּגעוואָרפן. אַבראַמאָוויטש איז רואיק אויפ־געשטאַנען און רואיק געלייענט די דעקלאַראַציע פון די מינדערהייטלער:

— איר האָט אָקערשט אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס בינדט אײַך, באַדינגונגסלאָז. דאָס איז פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע, צושטימונג צו דער פּראַקטיק פון דיקטאַטור. איר האָט דאָ גערעדט וועגן דער רומפולער פאַרגאַנגענהייט פון בונד, וועגן דער פאָן פון בונד, איר האָט געזונגען די אַלטע „שבועה". ס'איז אָבער פיינלעך צו הערן דאָס אַלץ פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט, אַרויסגעריסן פון זייערע הערצער דעם עצם, דעם תוך; ווײַל זיי דאַרט האָבן געלייקנט און לייקענען ווײַטער די עקזיס־טענץ פון זעלבשטענדיקע, נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. פיל פון אונדז, וואָס זענען גע־שטאַנען ביים וויגעלע פון בונד, גייען אַוועק...

מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיטן געזאַנג פון דער „שבועה", זענען זיי אַרויס פון זאַל. אָבער מיטן געזאַנג פון דער אַלטער „שבועה" האָבן אויך געענטפערט די פאַר־בליבענע.

מיט לייב־און־לעבן איז טײַבעטשקע שוין געווען אין סאַמע רויש פון די נײַע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, אין יידישן קאָמיסאַריאַט, אין דער שול־באַוועגונג. טאַקע, ווי אַנדערש האָט מען געקענט אין דער נײַער סיטואַציע ? אין בערלין, אין ווין, אין וואַרשע — אַרבעטער־ראַטן ביי דער זייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונגען. אין מאָסקווע האָט מען זייער שטאַרק געהאָפט, אַז אָט דער „טאָפּל־רע־

זשים״ וועט, ווי די פעברואַר־רעוואָלוציע, באַלד ברענגען דעם אמתן „אַקטאָ־בער״. דאָס וואָלט געראַטעוועט פון איזאָלאַציע, פון אַרומרינגלונג. אפשר איז עס געווען אַ ביסל צו פּאַראַיינפאַכט די אויסטייטשונג, אַז די געשיכטע קען זיך איבערחזרן אומעטום אויפן זעלביקן אופן; אילוזאָריש — די פונדאַמענטאַלע הנחה, אַז דער קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע איז שוין אויסגעשעפּט. די מערהייט פון מערב־אייראָפּעאישן אַרבעטער־קלאַס האָט אָבער בלויז געזוכט אַרויסצורייסן רעפאָרמען ביי דער בורזשואַזיע. דעם דאָזיקן קאָנסערוואַטיזם האָט מען אָפּגעשאַצט ווי אַ דינע פּאַסאַדע, הינטער וועלכער ס׳פּולסירן די אמתע אינסטינקטן פון פּראָלעטאַריאַט. מ׳האָט פּסיכאָלאָגיש נישט דערשאַצט די אייראָפּעאישע אַרבעטער־באַוועגונג, כאָטש די האַלטונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ביים אויסברוך פון דער מלחמה, האָט, דאַכט זיך, באַדאַרפט עפּעס צו לערנען. די אינסטינקטיווע שרעק פון אַרומרינגלונג, פון איזאָלאַציע, האָט אַלעמען באַהערשט. ווייל קיינער האָט גאָר ביז איצט נישט געטראַכט וועגן „סאָציאַליזם אין איין לאַנד״, נאָר רעוואָלוציע, ווי אַ פּערמאַנענטער פאַקטאָר. מ׳האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער אויפבוי פון סאָציאַליזם דאַרף טאַקע פּאַרקומען אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, אָן שום אינטערנאַציאָנאַלער מיטהילף פון אַרבעטער־קלאַס, אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל ביטערע שונאים, פון אינעווייניק און פון דרויסן. אין יאַנואַר 1919, ווען אין בערלין זענען נאָך געגאַנגען די באַריקאַדן־קאַמפן, האָט לעוו דאַווידאָוויטש געשטורעמט: „אַ קאָמוניזם פון בלוט און פליייש מאַרשירט אַצינד איבערן קאָנטינענט. מען וועט סוף כל סוף מוזן אייבזען, אַז דער איינציקער אויסוועג ליגט אין אַן אייראָפּעאישער פעדעראַציע פון סאָוויעטישע רעפּובליקן״...

אין מערץ 1919 האָט איליטש אין דער געוועזענער אימפּעריאַלער יוסטיץ־פּאַלאַטע, אין קרעמל, פּרעזידירט די היסטאָרישע קאָנפערענץ, צו וועלכער ס׳זענען געקומען אַרום צוואַנציק אויסלענדישע דעלעגאַטן פון לינק־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען. זייער דורכרייסן זיך צו דער קאָנפערענץ איז געווען דער ערשטער שפּאַלט אין דער מויער פון דער אייראָפּעאישער בלאָקאַדע. זיי האָבן געמוזט דורכשמוגלען זיך דורך גרענעצן, אַנדערע זענען אַרעסטירט געוואָרן אין וועג. אָפּגעריסן פון מערב, האָט מען דאָ אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס די ראַפּאָרטן, וואָס זענען טייל מאָל געווען סתירותדיק. די דייטשע דעלעגאַציע, די גרעסטע, האָט, למשל, געהאַלטן, אַז די פאָרשטייער אויף דער קאָנפערענץ זענען צו שוואַך צו קאָנסטיטויִרן אַן אמתן, אַ פעסטן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער איין דעלעגאַט, דער עסטרייכישער, וואָס איז געקומען אָנגעצופּאָרן אין מיטן פון די דעבאַטן, נאָך אַ רייזע פול מיט שטרויכלונגען, האָט געמאָלן אַ בילד פון אויפגערודערטן אייראָפּע, רייף פאַר אַ רעוואָלוציע. ער האָט מיט ליידנשאַפט פאַרלאַנגט, אַז די קאָנפערענץ זאָל באַלד אַרויפציען די פאָן פון נייעם אינטערנאַציאָנאַל. אַלע האָבן זיך געלאָזן אָנצינדן פון זיין רוף און זיך פּראָקלאַמירט — דער קאָנגרעס פון קאָנסטיטויִרנדיקן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער „קאָמאינטערן״. אויסגעפאַלן איז עס שוין אָבער צוזאַמען מיטן צוריקגאַנג פון דער רעוואָלוציע אין אייראָפּע. דער יאַנואַר־אויפשטאַנד אין בערלין איז דערשטיקט געוואָרן דורכן פינצטערן „שטאַלהעלם״. ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט זענען דערמאָרדעט געוואָרן. זייערע גופים זענען געשווומען אין קאַנאַל פון דער שפּרע.

קאַפּיטל צען

די גרויע וואָר

אַרומגעדרייט זיך אַ שטיק ווינטער אין מאָסקווע, ס׳אויסגעקראָכענע קעלנערל אויפגעשטעלט, אַ הונגעריקער, אַן אויסגעפרוירענער, געגעכטיקט ביי חברים, געגעסן אַבי־וואָס, האָט זיך אָבער ליפע זייטיק צוגעקוקט צו דער מאָדנער, נייער פאַרוואַנדלונג, ווי אַזוי די אָנגעלאָפענע יידן פון די פּאָגראָמירטע שטעט און שטעטלעך, פּאַסן זיך צו, קלאַמערן זיך אין דער בידנער עקזיסטענץ

נישט אַרויסגעוואַקסן פון דער יידישער סביבה, אָן וואָרצלען, איז די יעווסעקציע, דער יידישער קאָמיסאַריאַט, געהאָנגען אין דער לופט. די „ניי־באַקערטע" זענען געווען אין איין מורא פאַר די „יוגנט־זינד". דער טיפ יידישער באָלשעוויק האָט פּאַקטיש ביז דעמאָלט נישט עקזיסטירט, אַ חוץ אַזעלכע יידן־אָפּשטאַמיקע, אַסימילאַטאָרן, ווי זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, נו, און טראָצקי, לעוו דאַווידאָוויטש. די דריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — בונד, „פּאַראייניקטע", פּועלי ציון — זענען גאָר געווען פאַרוויקלט אין לאַנגיעריקע קאַמפן און וויכוחים מיט איליטשן.

די רעוואָלוציע האָט דער עיקר געטראָפן די עקאָנאָמישע באַזע פון יידן — קליינהאַנדל, האַנטווערקעריי. איז אין 1918 געשאַפן געוואָרן ביים יידישן קאָמיסאַריאַט, אַ פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונג. קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים איז באַשטימט געוואָרן שמעון דימאַנשטיין. ער האָט פריער אַ סך יאָרן געלעבט אין פּאַריז. זיין הויפּט־געהילף — ש. אַגורסקי, אַן אַקטיווער אַנאַרכיסט פון שיקאַגאָ. דימאַנשטיין, אַ שטילער, מילדער מענטש, האָט געזוכט ווי ווייט מעגלעך אויסמיידן הויכע פראַזן, בפרט געוואַלט־מיטלען. דער יידישער מענטש איז פאַראָרעמט געוואָרן, האָט די יוגנט אָנגעפילט דעם נייעם מלוכה־אַפּאַראַט. ס׳איז געגאַנגען די לאָזונג : איבערגיין צו אַרבעט ! גוט. אָבער ווי אַזוי ? אין די פאַבריקן איז אַן אָנגעלויף פון די דערפער. נאָך פאַר דער מלחמה איז אין שטעטל געגאַנגען אַ פאַרביסענער קאַמף מיטן אויפגעקומענעם, נישט־יידישן הענדלער. יידן זענען פון אומעטום אַרויסגעשטויסן געוואָרן. די פּעטלורישע און דעניקינישע באַנדעס האָבן שוין די רעשט חרוב געמאַכט, אויסגערויבט די יידישע היימען. די פּויערים האָבן אַראָפּגעריסן די דעכער, אַרויסגעריסן טיר־און־פענצטער.

און ליפען האָט זיך דערמאָנט דאָס וואָרט, וואָס איז אין זשענעווע, אין 1905, אַ וואָרף געטון געוואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון סטודענטן און עמיגראַנטן, טאַקע דורך אים אַליין : „יידיש בלוט, איז דאָס בלוט, וואָס אָן אים רירט זיך נישט דער וואָגן פון דער רעוואָלוציע"...

וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן ? זייער ווייניק יידישע אַרבעטער זיצן ביי דער מאַשין, אָדער קלאַפּן מיטן האַמער. דאָס אַלץ באַקומט זיך פון מערעזשינס אַ

סטאַטיסטיק אין „עמעס״ : „די צאָל יידישע אַרבעטער — שרייבט ער — איז איצט, אין דער צייט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, אַ קלענערע איידער די צאָל מיטגלידער אין בונד ביים צאַריזם. בלויז אין מינסקער, וויטעבסקער און האָמליער גובערניעס זענען געווען זיבעציק טויזנט אָרגאַניזירטע בונדישע אַרבעטער״.

מען באַמיט זיך אומעטום צו פאַרבייטן דעם אינטעליגענט מיט מענטשן פון פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם. ס׳וואַקסט אונטער אַ דור, נישט־יידן, און פאַרנעמען די ערטער אַפילו פון יידישע „קוסטאַרן״ (האַנטווערקער). זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות זענען שוין מער נישט אַזוי חשוב. זיי אַרבעטן אויס אַ ביסל סחורה און שאַרן זיך האַלב־פאַרשעמט אויפן מאַרק, עס צו פאַרהאַנדלען. דער דרוק פון „פינאַטדיעל״, פון פינאַנס־אַמט, אויפן „קוסטאַר״ איז שווער. פון אַרבעט קען מען נישט לעבן.

גיין, ווידער, אויף ערד־אַרבעט, איז אוודאי אַ גוטער אויסוועג. שטעטלדיקע יידן האָבן אַלע מאָל לעבן הויז פאַרמאָגט אַ שטיקל גאָרטן, אַ קו, אַ קאָזע; אָבער איבערוואַנדערן אין די ווייטע אָדעסער, קאַטערינאָסלאַווער גובערניעס, אָדער אין קרים, ווו ס׳ליגן ריזיקע נישט־באַאַרבעטע שטחים, איז אויך נישט אַזוי פשוט; ס׳הייסט, אַז יידישע קרובים פון אויסלאַנד וועלן שיקן געלט, די רעגירונג וועט געבן פרייע ערד. אָבער אויף פרייע ערד זענען דאָ אַ סך בעלנים, בילכערע, פּעאיקערע, געניטערע. אוקראַאינישע און ווייסרוסישע פּויערים, וואָס נאָך דעם ווי מ׳האָט צעטיילט די פּריצישע מאַיאָנטקעס, איז זיי אַנגעקומען אויף אַ נפש נישט מער ווי אַ האַלבער דעסיאַטין; זיי באַלאַגערן די ערד־קאָמיטעטן. יידן זענען אָבער געוועזענע קרעמער, לופטמענטשן, אין בעסטן פאַל, בעלי־מלאכות. אַרבעטער, אָבער נישט קיין ערד־אַרבעטער. דער אָרעמער פּויער קען גיין צופוס קיין דרום־רוסלאַנד, שלאָפן אונטערן פרייען הימל, נאַקעט און באָרוועס, עסן אַ שטיקל טרוקן ברויט, איינשפּאַנען וויב און קינדער, צו צעאַקערן די ערד, אַליין אויפשטעלן אַ כאַטע.

זענען זיי זיך אַנגעלאָפן, די יידישע יוגנט, אין די פּאָליציי־פאַרוואַלטונגען, אין די קאָמונאַלע אָפּטיילן, אין די קאַנטאָרן פון מלוכה־קראָמען, אין „פינאַטדיעל״; זיי זענען אינספּעקטאָרן פון קאָנטראָל־קאָמיסיעס, אַגענטן פון מלוכה־אַפּאַראַט אויפצוקויפן תבואה, קאָמיסיאָנערן, וואָס לויפן אַרום פון איין טרעסט צו אַנדערן; צווישן זיי — פיל יידישע אַרבעטער. זיי זענען די באַרופענע אינטעליגענץ, אָנצופירן מיטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה, האָבן זיי געקעמפט אין דער רויטער אַרמיי.

און אפשר — האָט ליפּע באַטראַכט — איז טאַקע פאַראַן אַ ביסל אמת דערין, אַז אין ערלעכסטן יידישן אַרבעטער שטעקט נאָך פאָרט אַ שטיקל סוחר. גייט זיך, אדרבה, אַדורך אין מאָסקווע, איבער מאַראָסייקע, פּאָקראָווקע, לוביאַנקע, וועט איר גלייך באַמערקן : כמעט אַלע געוועלבער זענען פאַרנומען מיט מאַנופאַקטור־האַנדל, אין הורט. פון דאַנען גייט מאַנופאַקטור אויף די מאָסקווער באַזאַרן, אויף די „טאָלטשאָקן״ אין דער פּראָווינץ. אַרום זיי דרייען זיך כוואַטסקע יונגעלייט, די פאַרשיידענע קאָנטראָוואָוויטשעס. די קאַנטאָרן זענען נישט קיין סקלאַדן. דאָ האַנדלט מען מיט אָרדערס. זיי ווייסן „ווו אַ טיר עפנט זיך״. אין מאָסקווע האַנדלט מען מיט מאַנופאַקטור, אין אַנדערע ערטער — מיט ברויט, צוקער, לעדער. צי זענען עס נישט אַ מאָל די אייניקלעך פון יידישע „פּאָדריאַטשיקעס״, וועלכע האָבן אין אַלע מלחמות באַזאָרגט און געליפערט פאַר דער רוסישער אַרמיי ? זיי זענען אָבער געניטע ספּעצן

אויפן געביט פון האַנדל און אינדוסטריע. זיי ברענגען אַריין שוווּנג, אייראָפּעאישע השגות, דערלאָזן נישט, אַז דאָס פאַרשלאָפענע, פּויערישע רוסלאַנד זאָל צוריק פאַר־קריכן אין דער דאָרפישער נאָרע. מען פילט אָבער אַרום זיי דעם גאַנצן דאָרפישן האָס, די איינגעבוירענע שנאה צו די שטאָטישע קלאַסן, דעם ביטול צו די „קונצן" און „דריידלעך" פון שטאָט־מענטש.

— ווער ס'האָט געזען מיט זיינע אויגן — האָט חבר אַלעקסאַנדער דערציילט ליפען אין די פּאַרטייעטע נעכט, אויף דער קוואַרטיר, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעפונען אין פּעטראָגראַד — מיט וואָס פאַרא, כ'וואָלט געזאָגט, נשמהדיקער שנאה די פּויערים האָבן געבראָכן די טייערסטע מעבל, פּיאַנעס, געריסן די קונסט־בילדער אין די פּרי־צישע מאַיאָנטקעס און שטאָטישע פּאַלאַצן, געמאַכט פון זיי אָניטשיעס, צו פאַרשטעקן אין די שטיוול — דער האָט געמוזט דערפילן, אַז ס'איז נישט סתם נקמה אין פּריץ, וואָס האָט אים געשמיסן, נאָר אַ ווילן אַ סוף צו מאַכן צו די אַלע „שדים און רוחות". נישט אומזיסט זאָגט יעסיענין אין אַ ליד, אַז די שטאָטישע קולטור איז נישט מער ווי — „אַ צילינדער אויפן קאָפּ פון אַ בעטלער"; אַז די רעוואָלוציע האָט מיט איין קלאַפּ אַראָפּגעוואָרפן דעם קלאָונישן צילינדער...

צו אַזעלכע אומעטיקע אויספירן איז ליפע געקומען. אַט איז חבר אַלעקסאַנדער נאָך פריער פון אים געקומען צו מאָדנע, גאָר מאָדנע, אויספירן. אָבער אים האָט עס „אָפּגעגליקט", קען מען זאָגן — ער איז באַצייטנס געשטאָרבן. אַ בלוט־שטורץ... דער אַלטער שווינדזוכט האָט אים פאַרברענט.

דאָס האָט זיך אָבער חבר ליפע דערוווּסט, ווען ער איז שוין געווען צוריק „אויף יענער זייט", אין וואַרשע.

קאַפּיטל עלף

אויף דער קערבעדזש־בריק

צווישן אַלע שאַרפע צוגווינטן פון דער רעוואָלוציע, האָט ליפע אומעטיקלעך צוגעזען, ווי די יונגערע, מיט אַ ביסל אַוואַנטוריסטיש בלוט אין די אָדערן, שטורע־מען אַלע אַלטע טראַדיציעס, ווערן מיטגעריסן מיטן מעכטיקן רעוואָלוציע־שטראָם. טשעקאַווע — האָט ער זיך איין מאָל אַ פרעג געטון — ווי ס'זעט אויס אַצינד דאָרט, אין היימישן וואַרשעווער רויש, אויף די געדיכטע בערזעס, אין די אָנגערויכערטע לאָקאַלן. ער האָט זיי גוט פאַרגעדענקט, די יונגערע טוער, וואָס האָבן זיך פון דער מאַ־סע אַרויסגערוקט אין דער „באַוועגונג". זיי האָבן זיך דערצויגן אויף זיינע, פּונקט ווי אויף חבר מעדעמ'ס בראָשורן, טעאָרעטישע אַרבעטן אין די „לעבנס־פראַגן", אויף די רעפעראַטן, קעסטל־אָוונטן. זיי זענען געקומען צוהערן זיך מיט שטילן דרך ארץ, און אומגעריכט — האָט מען אָפּאָנירט, דיסקוטירט, געקאָכט זיך, ווי געווײנלעך.

ווייל אויך דאָרט, אין כרך וואַרשע, כאָטש ווייטלעך אין הינטערלאַנד, האָט עס

אין יענעם פאַרכמאַרעטן אָקטאָבער אַ ווייע געטון מיט אַ לינדער וועטער. דער פער־טער מלחמה־ווינטער איז אַריין אין די ביינער. עפּעס איז גלייך געווען צו פילן פון דער בלויזער לופט, אַז די פאַררייסענע דייטשע יונקערס, אין די שטאָבן, אין די קאָמענדאַנטורן, זענען שוין, ווי די אָפּגעפּאַרענע אַקטיאָרן. די פוילישע געהיימע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעוואַקסן פון דער אונטער־ערד, אַוועקגעלייגט וואַכלייט אויף די קרייץ־וועגן, אונטערגעצונדן אַמוניציע־סקלאַדן. דער הונגער אין דער געדיכטער שטאָט איז געווען אין לשער. צו די מתים־שטיבלעך אויפן גענשער בית עולם האָבן יעדן טאָג געצויגן בידנע לוויה־עגלות. די אָרעמקייט איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, פון טיפוס, פון דיזענטעריע.

די רוסן האָבן נאָך פאַרן אָפּטרעטן געהאַט אויפגעריסן די קערבעדזש־בריק איבער דער ווייסל; אָבער ווי נאָר דער דייטש איז אַריין, האָט ער אַנגעטריבן פון שטאָט לאַנגע קאָלאָנעס צוואַנגס־אַרבעטער און זיי האָבן די בריק צוריק אויפגעהויבן פון וואַסער. די מאַסיווע וואַלן זענען נאָך באַקלעפּט געווען מיט רושטאָוואַניעס און וואַך־טורעמלעך. די בריק איז שטאַרק געהיטן געוואָרן, ווייל דורך דאַנען איז געגאַנגען אויף מזרח דער וויכטיקער מיליטערישער טראַנספּאָרט. די קילאָמעטער־לאַנגע קערבעדזש־בריק, אַריבערגעוואָרפן צווישן פּראַגע און וואַרשע, איבער דער פאַרפרוירענער ווייסל, איז, ווי מיט מוראַשקעס, יעדן טאָג פול באַלייגט און באַקלעפּט געווען מיט אַ גרויער מאַסע פּוסגייער. ס'האָט געראַיעט ווי אויף אַ יאַריד. צווי שטראָמען זענען געגאַנגען הין און צוריק. פאַרוויקלט אין טיכער, אָנגעפּעלצטע, אָנגעבאַבלטע, זענען די ציווילע, אין רייסנדיקן ווינט, געגאַנגען, געשטראָמט, דורכגעגליטשט זיך, באַלאָדן מיט קוישלעך. מיט פּעקלעך. יעדער איינער האָט נאָר געזוכט אומגעזען, פלינק דורכצוגנבענען זיך. די דייטשע וואַכלייט האָבן שטרענג קאָנטראָלירט די פּאַסיר־שיינען, די קען־קאַרטן, געזוכט, געניששטערט „שמוגל".

אויף די פול־געפּאַקטע טראַמווייען, וואָס זענען געלאָפן איבער דער בריק, איז געווען נאָך געפערלעכער דורכצופירן עפּעס אַ ביסן צו דער הונגעריקער שטאָט. די פּעלד־זשאַנדאַרמען זענען אומגעריכט אויסגעוואַקסן, פאַרשטעלט אַלע אַרויסגענג, געניששטערט, געזוכט; דער עיקר האָבן זיי געזוכט אייער און שפּעק, וואָס זיי האָבן עס זייער ליב געהאַט, די יעקעס. ס'האָבן נישט געהאָלפן די געוויינען און דאָס בעטן רחמים פון די ווייבער און מיידלעך, דאָס צלמען זיך פון די פוילישע „מיעשטשאַנעס" און די שמייכעלעך פון די פוילישע מיידלעך.

ווייל אין פּראַגע, אויף די געדיכט־אַנגעלאָפענע מערק און באַזאַרן, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָט מען נאָך גיכער עפּעס צוגעפירט פון די פאַרשטעט און דער־פער. ס'איז לייכטער געווען צו קריגן אַ מעסטל קאַרטאָפל, אַ זעקעלע מעל, אַ ביסל גרויפּן, אָדער בעבלעך, צו דערהאַלטן די נשמה. דער דייטש האָט אַלץ רעקווירירט, פאַרכאַפּט, אָפּגעשיקט גאַנצע צוגן מיט עסנוואַרג „נאָך דער היימאַט"; און דאָ, אין פוילן, צוגעטיילט קאַרג, אויפן לויט, ס'שטיקל ליימיקע ברויט, „געמישט מיט קאַש־טאַנעס און הובלנעס", ווי ס'האָט זיך געזונגען אינעם שפּאַט־לידל. די שיינע פּאַפּיר־לעך, די אָסט־מאַרקן, האָבן די פויערים אין לעצטן ווינטער שוין מער אין האַנט נישט געוואָלט נעמען. זיי האָבן פאַר אַ ביסל קאַרטאָפל פאַרלאַנגט אַ העמד, אַ פּאָר שטיוול. צום בעסטן האָבן זיך אויסגעטויגט די פלינקע וואַרשעווער יידישע מיידלעך, איינשטעלערקעס, איינרייסערינס. זיי האָבן זיך אַרומגעוויקלט דאָס לייב מיט זעקע־

לעך, זענען אַ ביסל דיקלעך געוואָרן, מ׳זאָל נישט צו שטאַרק מערקן, און מיט אַ שמייכל, מיט יידישע רייד מיט בלויז פּתח׳ן, אַ סך מאָל אויסגעקויפּט זיך ביי די דייטשע וואַכן.

— זעט אַליין, האַרעלע, כ׳האָב דאָ גיקס... — האָבן זיי געוויזן די ליידיקע קויש־לעך, און געשאָטן זיך פון געלעכטער — די באָבע זאָל מיר אַזוי לעבן...

— יאַ־יאַ, דיזע פראַוענצימער זינד שלאַו... — האָט דער מיטליאָריקער וואַכ־מאַן מיט דער פאַרשטעקטער פּיפ צווישן די גלעע, פּערדישע ציינער, הירזשענדיק, אַרומגעטאַפּט דער מויד פון אַלע זייטן.

זי האָט זיך געשיט פון געלעכטער, ס׳מיידל, און פלינק אַרויסגעדרייט זיך פון זיינע בערישע לאַפּעס, באַלד אָפּגעטראָגן זיך, נישט־געוואָרן.

אין אַזאַ פאַרכמאַרעטן טאָג, ווען דער ווינט האָט געריסן אויף דער אָפענער קערבעדזש־בריק, טרוקענע שנייעלעך האָבן געווינטלט אין דער לופט, האָט חבר שאול, פון דער שטריקער־בראַנזשע, אומקערנדיק זיך פון פּראַגע, פלוצעם דערכאַפּט מיטן אויגנבליק צווישן ראַיענדיקן עולם אַ היימיש פּנים. ער האָט זיך נישט טועה געווען. טאַקע דער שוואַרצער אַביש, פון די געגריוועטע שוסטערס. כאָטש יענער איז געווען נישט צום דערקענען — אַן אָפּגעשליסענער, פאַרוואַקסן, אין באַנדאַזשן; איבער דער געדיכטער שעוועליורע רויטלעכע האָר, ביזן טיפן קאַרק, איז געזעסן אַ קליין, פאַר־שמאָלצן יידיש היטעלע, וואָס האָט זיך שוין גאַרנישט געפּאַסט פאַר אים, זינט ער האָט געהאַט אָוועקגעוואָרפן דאָס חסידים־שטיבל און איז געוואָרן אַ פּראָלעטאַר־יער. זייערע פאַרזיכטיקע בליקן פון אונטערן שטערן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. שאול האָט, נישקשה, געהאַט אַ וואַך אויג.

— ברענגסט, גלויב מיר, עפּעס צו קייען פון פּראַגע... — האָט אים שאול זייטיק אַ שושקע געטון.

— פרעג נישט... כ׳בין אַליין אַ שטיק שמוגל... קום, שטיי נישט...

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער שוואַרצער אַביש האָט עוקר געווען פון הינטער די שטעכל־דראָטן אין אַ צוואַנגס־לאַגער, וווהין מ׳האָט אים מיט אַ קאַרג יאָר פריער געהאַט פאַרשלעפּט; ווייט, אַזש אין ביאַליסטאָקער קאַנט, אין די טיפע ביאַלאָוועזשער וועלדער. וואָס וועל איך ביי זיי דערלעבן ? וואָס האָב איך דאָ איינצושטעלן ? — האָט ער באַקלערט. ער איז געווען הויט און ביינער. מענטשן זענען דאָרט געפאַלן פון די פיס. צו עסן האָבן זיי געגעבן קרענק מיט קדחת, און האַרעווען האָט מען געמוזט, ביים אונטערזעגן די הונדערט־יאָריקעביימער. אויפן פייף, פינף פאַרטאָג, האָט מען זיי אַרויסגעטריבן פון די קאַלטע, פאַרלייזיקטע באַראַקן. דער אונטערגעשניטענער שינעל איז געהאָנגען אויף זיינע לענדן, ווי אויף אַ סטראַשידלע, די קורצע שטיוול — צעפליקט. האָט ער אין אַ פינצטערער נאַכט עוקר געווען, דורכגעקריגן זיך די שטעכל־דראָטן און אויסגערונען. מיט גרויסע געפאַרן, איז ער צוריק געקומען אַנ־צוליופן. ביז פּראַגע האָט ער זיך נאָך ווי ס׳איז דורכגעגליטשט די צעשטעלטע וואַכן אויף די שאָסייען און קרייץ־וועגן. אָבער אָן אַ שטיקל פּאַפּיר אין קעשענע, אין אַזאַ הילוך, איז געווען אַ ריזיקע דורכצוקריגן זיך די באַוואַכטע קערבעדזש־בריק, קיין וואַרשע.

אין קעלערל אויף דער זאַמבקאָווסקע גאַס, אין פּראַגע, ביי דער מומע רויזע־גנענדל, אַליין אַ פינצטערע אלמנה מיט פיצלעך שוואַלבן, האָט דער שוואַרצער אַביש

דורכגעשווידערט עטלעכע נעכט אויף דר׳ערד, מיטן קולאַק צוקאָפּנס. צווישן די אַר־בעטסלאָזע געגריוועטע שוסטערס, אויף דער טאַרגאָווע גאַס, אין שענקל, האָט מען אים אָבער געוואָרנט, אַז ס׳איז געפערלעך. די וואַכן קאָנטראָלירן שטרענג די פּאַפּיר־לעך ביים דורכגיין די בריק. און אַביש האָט שוין וואָס גיכער געוואָלט זיין אין דער היים, אין קעלערל אויפן מוראַנאָוו, זען וואָס ס׳מאַכט די מאַמע, ס׳ברודערל, זען זיך מיט חברים, געוויר ווערן וואָס ס׳טוט זיך אָפּ אויף דער גרויסער וועלט. מ׳האָט אים אויך גע׳עצהט ער זאָל נאָך צוואַרטן, גיין איבערן אייז, ביינאַכט, אָדער דורכ־שמוגלען זיך, פאַרשטעקט אין אַ פורל האָלץ פון אַ פויער.

— כ׳האָב זיי טיף אונטער דר׳ערד, די יעקעס... — האָט ער זיך אויסגעלאַכט — כ׳בין אַן אַלטער איינשטעלער...

בפרט, אַז ס׳איז געגאַנגען אַ „סלוך", אַז דאָס אייז ברעכט זיך, די וואַכן הייבן שוין אָן אָוועקצוקוקן, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. דערפאַר האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט אומגעריכט, אין געדיכטן געגיי אויף דער בריק, צו דערפילן אַ וואַרעמע חברישע האַנט אויף זיין אַקסל. אים, שאולן, האָט ער טאַקע אין דער מינוט נייטיק געהאַט ווי ס׳לעבן; דער חבר שאול, וואָס האָט אים דערנאָך געפּרוווט צו פירן אויף נייע וועגן, פלעגט צוזאַמען מיטן געלן מאַריץ, פון די דרוקערס, אַריינקומען אין דער אַרבעטער־קיך, ראָג זשעלאַזנע, אָדער אויפן פּשעיאַזד. יעדן פרייטיק פלעגן דאָרט פאַרקומען רעפעראַטן, דיסקוסיעס. די הונגעריקע בליקן ביים יונגוואַרג — אַנגע־צונדן, וואַך, צו אַ ליאַדע ווינטל אויפן אינערלעכן און אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן האָריזאָנט. אַ דערשטיקטע, נישט־אויסגענוצטע ענערגיע האָט געבערענט אין זייערע געבלוטן, צו טון, צו לויפן, אַפילו אין פייער אַריין, פאַר אַ גרויסער זאַך. זיי זענען געקומען אָנפילן די אַרבעטער־גאַרקיכן, ווו מ׳האָט איינגעשלונגען אַ פּאַסנע שיטערע גריץ, אין די האַלב־לעגאַלע לאָקאַלן, פאַראיינען פון בונד, פּועלי ציון, פון די „פאַר־אייניקטע". אומעטום — רעדנער, דיסקוסיעס, אָפּאָנענטן. ס׳האָט זיך באַלד אָנגע־רוקט די צייט פון גרויסע שפּאַלטונגען. מ׳האָט געפילט, אַז געוואַלדיקע געשעענישן גייען אויף דער וועלט, און קיינער טאָר נישט שטיינבלייבן אין אַ זייט.

עלטער פון אַבישן אויף אַ פּאָר יאָר, אַנגעלייענט, אַן אינטעליגענט, מיט אַ פּיי־ערדיקן פּיסק, מיט שאַטיקע האָר איבערן שיינעם שטערן, האָט זיך שאול, פון דער שטריקער־בראַנזשע, עטלעכע יאָר געדרייט ביי די פּועלי ציון־יוגנט, אָבער שטילער־הייט איז ער שוין געווען נאָענטער צו די ס. ד. ק. פּ. ל.־אידייען. אין זיין מויל זענען אַציינד געווען גאָר אַנדערע רייד. ס׳האָט זיי פאַרבונדן אַן אַלטע פריינדשאַפט, כאָטש אין פּראָפ. פאַראייך האָט אַביש געהערט צו דער „צוקונפט"־פראַקציע.

ס׳איז געווען אַזוי : די געגריוועטע, אָדער שפּילקאָווע שוסטערס, זענען מלחמה־צייט אַרומגעגאַנגען אָן אַ שטאָך אַרבעט. דעם טאַטנס אַ באַקאַנטער פון חסידים־שטיבל, האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין וואַרשטאַט פון היטלמאַכעריי, וואָס יע־נער האָט געהאַט אין אַ פראָנט־געוועלבל, אויף טוואַרדע גאַס. מ׳האָט זיך געכאַפּט צו וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט.

— וואָס ווערסטו דערלעבן ביי דעם פאַרטאַטש ?... — האָט אים שאול דאָרט איין מאָל אָנגעכאַפּט אין דער אַרבעטער־קיך, אויפן פּשעיאַזד — קום אַרויף צו מיר אַר־בעטן. כ׳על רעדן מיטן מייַנסטער.

און נאָך שבת איז שוין אַביש געזעסן ביי אַ שטעפּער־מאַשין און אַרומגענייט

כּאַלעווקעס, נישט פון לעדער, וואָס איז מער נישט געווען בנמצא, נאָר פון האַרטן פּלאַנדעקע־שטאָף. כּמעט ייִנגלעך, פּאַרטון אין ביכער, אין בראָשורן, אָבער דער עול פון די הונגעריקע, פינצטערע היימען איז געלעגן אויף זייערע מאָגערע פּלייצעס. אין ווערקשטאַט, ביים נייעם מייַנסטער טאַקע, האָט זיך אַביש דערוווסט, אַז ס׳עקזיס־טירט אַ יוגנט־סעקציע ביים פאַראיין, און מ׳האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער דאַרף זיך אומבאַדינגט פאַרשרייבן אַלס מיטגליד. איז ער צום ערשטן מאָל אַרויף אין פאַראיין, אויף רימאַרסקע. דאָרט זענען געהאָנגען אויף די אַרומגעשיילטע ווענט די פּאָרטרעטן פון קאַרל מאַרקס, פון י. ל. פּרץ, לאָזונגען : „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַר־אייניקט אייך", „וויסן איז — מאַכט" אָט דאָס איז עס... — האָט זיך דאָס פאַרפּלאָנטע בחורל געזאָגט — ווו ס׳קומען זיך צונויף די ייִנגען מיט די מיידן... ווו מ׳עסט חזיר, מ׳רויכערט אום שבת"... ווי דער טאַטע האָט אים געפּלעגט צו וואָרענען. מיט זיין קיילעכדיק חסידיש היטעלע, וואָס ער האָט נאָך דעמאָלט געטראָגן, האָט ער זיך אַ ביסל אונטערגעשעמט, געווען צעטראָגן, אָפּהענטיק צווישן די לאַכנדיקע מיידלעך, צערויטלטע, מיט די פאַרשוירענע גזשיווקעס. ס׳איז דאָרט געווען אַ שוואַרצע רוזשקע, אַ ווייסע רוזשקע. ער האָט נאָר געהערט אַרום זיך, אין די הייסע דעבאַטן, ביז גע־שלעגן — „אָפּאָרטוניסטן... פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס... פון דער רעוואָלוציאָ־נערער מאַסע"... און ער האָט נאָך נישט אַלץ אַזוי געגנוי פאַרשטאַנען אין וואָס, אייגנט־לעך, גייט עס זיי. די יוגנט־קרייזן פון כּמעט אַלע פּראָפ. פאַראייִנען האָבן זיך נאָך דעמאָלט געפונען אונטערן איינפלוס פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צו־קונפט". די אָנפירנדיקע חברים זענען געווען — לעגענדע; לאַנגע יאָרן געזעסן אין די צאַרישע תּפיסות, אויף קאַטאָרגע. דער רעדאַקטאָר פון די „לעבנס־פראַגן", וולאַ־דימיר מעדעם — אַן אידעלע, נאָבעלע געשטאַלט. חוץ די קרייזן, זענען יעדע סוף וואָך פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, קעסטל־אָוונטן אין גרויסן זאַל. דאָ האָט מען אויך אויפגענומען סכסוכים צווישן די אַרבעטער און מייַנסטערס. מ׳איז אַרויפגעגאַנגען ביי טאָג, צוזאַמען מיטן פאַך־קאָמיסיאַנט, אין וואַרשטאַטל, צו דערליידיקן דעם סכסוך אויפן אָרט. מיטן פאַראיין האָט מען זיך נישט געשפּילט. און אַביש האָט דערפילט, אַז דאָ איז זיין נייע היים.

דערפאַר האָט ער זיך דערפרייט אַזוי אומגעריכט אָנצובאַגעגענען שאולן, און יענער האָט אַן אויפהער אַריינגערעדט אין אים :

— כ׳וואָלט, הערסטו, אַ בעלן געווען אַ רעד צו טאָן אַצינד מיט ד י י ן חבר ליפּע... וואָס ע ר זאָגט. צי האַלט ער זיך נאָך אַלץ ביי די אַלטע דאָגמען... געדענקסט, ווי כ׳האָב אים אָפּאָנירט אויפן קעסטל־אָוונט אין לאָקאַל אויפן פּשעיאַזד ? ס׳איז מער נישט די צייטן פאַר ראָמאַנטישע רעוואָלוציאָנערן. מיר לעבן, זאָלסטו וויסן זיין, אין שטורמישע, רעאַליסטישע צייטן...

אין געדיכטן נעפּל, וואָס איז פרי אַראָפּגעפאַלן איבער דער אויסגעלאָשענער שטאָט, האָבן זיי זיך ביידע, דורך היינטערגאַסן, פאַרזיכטיק דערקריגן ביז צו די ריבאַקעס, די געסלעך, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צו דער ווייסל, ביז די באַניפראַטן; אַרייַנ־געכאַפּט זיך דאָ באַלד, אין דער ראָגאָווער באַוואַריע, צום טויבן האַרשל. ס׳איז געווען אַראָפּצוגייַן אַ פּאָר טרעפּלעך אין דער נידער. אין דער היימישער טונקלקייט, האָט מען זיך געקענט אַ ביסל דערוואַרעמען, אויסטרינקען אַ הייס גלעזל ציקאָריע, פאַר־זיסט מיט סאַכאַרין. אין ביטערן טאַבאַק־רויך, ביז אונטערן סופיט, האָבן זיי זיך פאַר־

שטעקט אין אַ ווינקל, הינטער די אָנגעפּעלצטע פּלייצע־טרעגער און דראַשקאַזשעס, וואָס האָבן אָנגעפּילט די קנייפּע.

— כ׳בין, משל דיך, שוין אויך געווען ביי זיי אין די לאַפּעס... — האָט אים שאול פאַרטרויט מיט עפּעס אַ מאָדנע הייטערקייט — כ׳האָב זיך אָבער אַרויסגע־גליטשט באַצייטנס... און איצט דריי איך זיך אַרום אויף אַ פאַלשן שמו... כ׳הייס נישט מער שאול, נאָר קאַראַל... זאָלסט עס געדענקען, דו הערסט ? און נישט אַרויסכאַפּן זיך, חלילה. זיי קענען מיך גוט אַרומזוכן !...

— אַזוי ווייט האַלט עס שוין ? כ׳האָב גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן.

— גלויב מיר, דו ווייסט אַפילו נישט וואָס ס׳טוט זיך אָפּ אין פּעטראָגראַד, אין מאָסקווע... אויס קערענסקי ! די באָלשעוויקעס האָבן געשטורעמט דעם ווינטער־פּאַ־לאַץ. און בכלל...

— וואָס דו זאָגסט ! עפּעס האָב איך טאַקע געהערט אַ „סלוך״... דערפאַר האָט עס מיך אַזוי געצויגן, ווי אַ מאַגנעט, אַפּצוטראָגן זיך פון לאַגער...

— אַזעלכע יאַטן, ווי דו, באַדאַרפן מיר אַצינד צו האָבן... זאָלסטו וויסן זיין, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט רירן דאָס אייז... די דייטשן, הערסטו, רופן שוין צונויף אַ פּוילישן רעגענטן־ראַט, אַ מין סוראָגאַט פון אַ פּוילישער רעגירונג...

— מ׳זעט דען נישט — האָט זיך אַביש אַזש געכאַפּט ביים קאָפּ — אַז זיי בעטן זיך שוין פאַרן לעפל עסן ?...

— און אונדזער לייבעלע טראָצקי זאָגט זיי אין ברעסט־ליטאָווסק אַריין אין דער גאַל אַריין, די אימפּעריאַליסטן. ס׳איז נישט קיין צייט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט...

אויף די אַלטע מויערן האָבן זיך יעדע נאַכט באַוויזן לאָזונגען, געשריבן מיט רויטער פאַרב, אָפּגעקלאַפּט מיט אַ שאַבלאָן : „נידער מיטן רעגענטן־ראַט ! נידער מיטן אָקופּאַנט ! זאָל לעבן אַ פריי פּוילן ! זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע !״ ; און דווקא אויף די שיינע מויערן פון מאַרשאַלקאָווסקע, קרולעווסקע, סענאַטאָרסקע, אויף די מאַסיווע, באַוואַכטע מלוכה־געביידעס, ווו ס׳האָט געזאָלט פאַררופן ווערן די ערש־טע זיצונג פון רעגענטן־ראַט. דער קאַמף האָט זיך דערוויַיל אָפּגעשפּילט אויף די ווענט און מויערן. די דייטשע שוץ־פּאָליציי, אין די געלע שטיוול, זענען באַגינען אַרומגעגאַנגען, פּינקטלעך, געניי, אַלץ צוריק פאַרשמירט. אָבער הינטער זייערע פּליי־צעס זענען אַלע ווענט ווידער באַשמירט געוואָרן.

אַן איינשטעלער, אָן שום מורא, האָט שאול, (אָדער קאַראַל, דער פּסעוודאָנים, וואָס איז אים שוין פאַרבליבן זיין גאַנץ איבעריק שטורמיש לעבן) צוזאַמען מיט זיין „טראַיקע״, פאַר האַלבער נאַכט געשלייכט זיך דורך די אַלייען פון זאַקסישן גאָרטן. אויף דער סענאַטאָרסקע, אין ראָג, האָט מען פאַרריכט די טראַמוויי־ליניע. ביים פּראָ־זשעקטאָרן־ליכט, האָבן די דראָטן זיך געשמעלצט אין פאַרבלענדנדיקע, גרינע און געלע פייערן. אין ווייטן אָפּשיין, איז לייכט געווען צו דערכאַפּן די סילועטן זייערע הינטער די מויערן. אומגעריכט האָט זיך אָנגעהויבן ס׳געיעג פוןביידע זייטן גאַס. קאַ־ראַל האָט נאָך באַוויזן אַ שפּרונג צו טון אויסערן ליכט־קרייז, אַפּצוטראָגן זיך. ער האָט געהאַט בדעה אַריבערצושפּרינגען דעם אייזערנעם צוים פון זאַקסישן גאָרטן, אָפּטראָגן זיך דורכן טעאַטער־פּלאַץ. די שוץ־לייט זענען אָבער באַצייטנס פאַרלאָפן דעם וועג. אים האָט אָנגעכאַפּט ביים קאַלנער אַ ריז, מיט אַ קאַלט גזלניש פּנים. קאַ־ראַל האָט אַפילו נישט באַוויזן אַרויסלאָזן פון האַנט דעם רויטן פּענדזל מיטן קעסעלע

פּאַרב. אין דער פּאָליציי־זשאַנדאַרמעריע, אין ראַטהויז, האָט מען זיי אַלע גוט צע־ממיתט. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהאַלטן אין איין פירן פון גאַס. ביי דער אויס־פאָרשונג האָט קאַראָל פאַרשטשעמעט די ציין. ס'זענען געפאַלן אויף אים די ערשטע קלעפּ אין די הערמעטיש־פאַרשטיקטע פּאָליצייאישע אויספאָרשונג־צימערלעך; די קלעפּ, וואָס האָבן אים דערנאָך לאַנגע יאָרן באַגלייט ביי די דעפענסיווע־אויספאָרשונ־גען, אין „נייעם" פּוילן. דאָס מיליטערישע שנעל־געריכט האָט אים, מיט נאָך פיל חברים, אַריינגעפּאַקט אויף צוויי יאָר שווערע טורמע.

פון די צעלן אין 10־טן פּאַוויליאָן, וואָס אין ציטאַדעל, האָט מען זיי דערנאָך איבערגעפירט אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה. דאָרט זענען געזעסן פּאַטריאָטישע פּוי־לישע אויפשטענדלער, שמוגלערס, גנבים. ער איז געווען אָפּגעשוואַכט, קאַראָל, איז געפאַלן קראַנק. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. די משפּחה, חברים אין דרויסן, האָבן איינגעלייגט וועלטן, די פּאַרטיי־קאַסע פון פּועלי ציון האָט אויך עפּעס צושטייער געגעבן, מ'האָט „אונטערגעשמירט" און מ'האָט אים, אין דער לעצטער מינוט אַרויסגעקריגן פון זייערע הענט, אויף קויציע. סיי ווי האָבן די וואַך־לייט שוין אָוועקגעקוקט, געמורמלט — „אַלעס קאַפּוט".

אָבער זיצנדיק פאַרשפּאַרט די פּאָר חדשים, האָט ער פיל געלערנט, קאַראָל, זיך נענטער באַקאַנט מיט די ס. ד. ק. פּ. ל.־אָוטצעס, מיט די לינקע פּ. פּ. ס. פּונקט ווי מיט די הוראַ־פּאַטריאָטן פון פּילסודסקיס חדר. ביי די רעכטע פּ. פּ. ס. — איז שוין קלאָר געווען — איז דער גאַנצער ענין סאָציאַליזם נישט מער ווי אַן עטאַפּ צו דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט. זיי האָבן געטענהט, אַז ביי דער „סטאַציע אומאָפּהענגי־קייט", פּונקט ווי אויף אַ טראַמוויי, שטייגן זיי אָפּ. און ביי קאַראָלן, פּאַרקערט, האָבן טייל „באַראָכאָוויסטישע אמתן" זיך גענומען שמעלצן, אָפּקילן. אין די גריפּסן, וואָס מ'האָט אַרויסגעשמוגלט פון תפיסה, האָט ער פּאָר חברים, זייער פּאַרזיכטיק, אויסגעדריקט זיינע ספקות. ס'איז אים אויך אַריינגעפאַלן אין דער האַנט אַריין און ער האָט עס איבערגעלייענט מיט איין אָטעם־צי, לעניגס אַ קליין ביכל, „מלוכה און רעוואָלוציע". אַזאַ איינדרוק האָט מסתמא געמאַכט אויף די ערשטע סאָציאַליסטן דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט". זיין טרוים איז דאָך געווען דער קאַמף פאַר דער מענטשלעכער פרייזענלעכקייט, פאַר דער חשיבות פון מענטש; ווייל אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז די מאַרקסיסטן ברענגען דעם מענטשן גופא פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון די מלוכהשע אינטערעסן. און דאָ רעדט לענין וועגן לאַנגזאַמען אָפּשטאַרבן פון דער מלוכה, ס'וועלן פאַרשווינדן די געזעצן, קיין שום צוואַנג נישט. דער רעגולאַטאָר אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, צווישן מענטש און כלל — די מאָראַל, דערהויבן, געלייטערט דורך דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. אַזוי וואַרעם און צום האַרצן האָט אויך גערעדט ענגעלס אין זיין קאַפּיטאַל ווערק „די אַנטשטייאונג פון אייגנטום, פאַמיליע און מלוכה". ער האָט מיט אַ מאָל דערזען דעם מאַרקסיזם אין אַ ניי, פאַרבלענדנדיק ליכט. ענדלעך האָט ער געפונען דעם ריכטיקן אָנשפּאַר־פּונקט; דורך קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, איבער וועג פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור — צו אַ וועלט אָן מלוכה, אָן צוואַנג.

ראָזאַ לוקסעמבורג — דאָס האַרץ און דער מוח פון די פּוילישע און דייטשע מאַרקסיסטן — האָט אין די יאָרן אַלץ מער באַאיינפלוסט די פּאַרטייען, איז אָבער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די לעניניסטישע גרונט־פּרינציפּן; לענין האָט געהאַלטן,

אַז די פּאַרטיי דאַרף באַשטימען די פאָרמען פון קאַמף, אַפילו באַשטימען דעם קאַ־
לענדאַר פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, לויט ראָזאַ לוקסעמבורג, וועט די רעוואָלו־
ציע זיין אַ סטיכישע; די ראָל פון דער פּאַרטיי דאַרף זיך באַגרענעצן בלויז מיט פּראָ־
פּאַגאַנדירן די אידייע. לענין האָט פּראָקלאַמירט די לאָזונג פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־
באַשטימונג־רעכט פון די פעלקער. זי האָט אָבער געהאַלטן, אַז דאָס וועט שטויסן די
אַרבעטער אין די אָרעמס פון דער בורזשואַזיע. לענין האָט געשריבן, אַז דער אימ־
פּעריאַליזם אין דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה הייבט זיך ערשט אָן פון יאָר 1894,
נאָכדעם ווי די קאָלאָניעס זענען שוין געווען פאַרכאַפּט, און ס'האָט דערפירט צום
איבערפונאַנדערטיילן זיי דורך מלחמות. ראָזאַ לוקסעמבורג האָט אידענטיפיצירט
דעם קאַפּיטאַליזם מיטן אימפּעריאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם וואָלט זיך נישט געקענט
אַנטוויקלען, ווען ער פאַרכאַפּט נישט די קאָלאָניעס, ווי אַ קוואַל פון רוי־שטאָפן און
אָפּזאַץ־מערק. זי האָט אָבער הייס באַגריסט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

צוריק אויף דער פריי, האָט זיך קאַראָל נאָך מער דערנענטערט צו די אָפּאָזיציע־
גרופּן. ס'איז לאַנגזאַם רייף געוואָרן ביי אים דער געדאַנק — איבערצורייסן מיט די
פּועלי ציון, אָנשליסן זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג; כאָטש זי
איז נאָך אין פּוילן געווען שוואַך, נישט צעמענטירט, אומקלאָר; דער עיקר טאַקע וואָס
שייך דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ס'איז נישט אַזוי לייכט געווען. די אַזוי פיל מאָל
דורכדיסקוטירטע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אונדזערע האָבן געמאַטערט — נישט פאַ־
לעסטינע, נישט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע... נו, איז ווערן מיר שוין דער־
מיט אויס יידן, מיטן גאַנצן פּעקל יידישע צרות אויף די פּלייצעס ? ווייל ס'איז אוין
געווען אַ פראַגע פון געוויסן. ער האָט אָבער געפילט, אַז מען דאַרף נישט באַלד אַוועק
פון די פּועלי ציון־רייען. דאָרט, אויף דער קאַרמעליצקע, אין פול־איבערגעפּאַקטן
לאָקאַל מיט די פאַרחושכטע ווענט, האָט זיך אין יענע טעג אויך געקאָכט מיט די נייע
ווענדונגען. קאַראָל האָט זיך אַרויסגערוקט ווי אַ מאַסן־רעדנער, געשריבן אַרטיקלען
וועגן „אָקטאָבער“ אין דער „פרייע יוגנט“. ווען מען דען, אויב נישט חבר קאַראָל איז
טאַקע דערנאָך אָנפּאַרטרויט געוואָרן צו זיין דער דעלעגאַט פון דער באָראָכאָוויסטי־
שער יוגנט צום 3־טן קאָנגרעס פון „קאָמאינטערן“ אין מאָסקווע ?

געהאַרטעוועט פון פאַרגאַנגענע, גרייט פאַר קומענדיקע קלאַסן־שלאַכטן, האָט
אים אַ גרויסער אימפּעט געטראָגן. דער קאָפּ — נאַקעט־אַרומגעגאָלט, ווי אַ סאָלדאַט,
דער פּרענטש — ענג אָנגעצויגן אַרום זיין שלאַנקן גוף, האָט ער נישט גערוט אין די
ערב־פּרילינג־טעג, וואָס זענען אונטערגעקומען. ווו ערגעץ אַ דעמאָנסטראַציע, ווו
ערגעץ אַ צוזאַמענשטויס מיט דער שוץ־פּאָליציי, צי ביים אַנטוואָפענען די דייטשן,
ביים פאַרכאַפּן אַמוניציע־מאַגאַזינען, אומעטום איז ער געווען. נאָך האַלבער נאַכט
האָט ער זיך מיטגעשלייכט אין פּועלי ציון־קלוב, אויף דער קאַרמעליצקע, ווו מ'האָט
זיך געהיים געאיבט אין מיליטערישע צוגרייטונגען פאַר דער קומענדיקער רויטער
גוואַרדיע, צו באַשאַפן דעם עמבריאָן פון באַוואָפנטן כוח פון די וואַרשעווער אַרבע־
טער־ראַטן.

רופן צו פאַרלאָזן די פּאַרטיי און אָנשליסן זיך אין דער פאַראייניקונג פון
ס. ד. ק. פּ. ל. און פּ. פּ. ס. לינקע, איז נאָך לכל הדעות געווען צו פרי. די דיסקוסיעס
האָבן זיך ערשט געדרייט אַרום דעם — אַריינצוטרעטן אָן באַוואָרענישן, אָדער שטעלן
באַדינגונגען, ווי צום ביישפּיל : זיכערן די רעכט פון יידישער קולטור און בכלל —

לייזן די יידישע פּראָבלעמען; ווייל עס זענען גלייך געווען צו מערקן בולטע אַסימי־לאַטאָרישע טענדענצן ביי אַ טייל אָנפירנדיקע חברים.

די גאַסן פון דער הויפּט־שטאָט האָבן זיך אין יענעם ערב־פרילינג געוויגט אין ווייס־רויטע אַמאַראַנט־קאָלירן. ס'האָט געהילכט מאַרש־מוזיק פון אָרקעסטערס. אַ ים פענער פון פענצטער און באַלקאָנען. די יידן האָבן זיך עפּעס נישט צו פיל געשטופּט. זיי האָבן באַלד געהאַט שלעכטע פּאָרגעפילן. פון הינטער די קאַזאַרמע־ווענט, אויף די אויפמאַרש־פּלעצער, האָבן שוין געהילכט די פאַרשייטע פּוילישע לעגיאָנערן־לידער וועגן די אונטערקליידלעך פון דער שיינער מאַרישקאַ. אין שפּיץ פון די לעגיאָנען האָט דער געוועזענער פּ.פּ.ס.־אָוויעץ פּילסודסקי אַריינמאַרשירט אין 1914 אין רוסיש־פּוילן, אין קאַמף קעגן אַלטן שונא פון פּוילן, דעם „מאָסקאַל". ווען ס'איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז די מערב־אַליירטע וועלן אַרויס די זיגער, האָט ער באַלד אויסגעדרייט דעם דישעל. די דייטשן האָבן אים פאַרשפּאַרט אין דער מאַגדעבורגער פעסטונג. אַצינד איז ער געזעסן אין וואַרשעווער „זאַמעק", די שלאַכטעצקע וואָנסן אָנגעשפּיצט. ער האָט אַפילו פאַררופן צו זיך די פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען, אויסצוהערן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דאָס באַפרייטע היימלאַנד. ער האָט באַלד געזוכט צו האַמעווען דעם הייסן ווינט, וואָס בלאָזט פון מזרח. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ כלומרשט־סאָציאַ־ליסטישע רעגירונג מיטן פּ.פּ.ס.־אָוויעץ מאָראַטשעווסקי בראש. אין די אַרבעטער־ראַטן האָט אָבער די פּ. פּ.ס. געזוכט צו פאַרווישן דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער.

אין דעצעמבער פון זעלבן יאָר האָבן זיך די ס. ד. ק. פּ. ל.־גרופּן, די יורשים פון „1־טן פּראָלעטאַריאַט", צונויפגעגאָסן מיט די לינקע פּ. פּ. ס. , מיט דער „סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פּוילן און ליטע". דאָס איז געווען די נייע פּאַר־טיי, די קאָמוניסטישע, אָנגעפירט פון זשאַרסקי, צוזאַמען מיט די יידן וואַרסקי (וואַר־שאַווסקי) און וואַלעצקי (האָראָוויץ). דער קאַמף, אויף לאַנגע יאָרן, איז שוין געווען אָנגעצייכנט. אין לובלין, וואַרשע, לאָדזש, וולאָצלאַוועק, זשיראַרדאָוו, זאַגלעמביע האָבן די אַרבעטער איינגעשטעלט די קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, איבער די פאַרוואַלטונגען אין די פאַבריקן. ס'איז באַלד איינגעפירט געוואָרן דער 8־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג. מ'האָט געפילט דעם באַוואָפנטן כוח פון פּראָלעטאַריאַט — די רויטע גוואַרדיעס אין זאַגלעמביע, שלעזיע, טאַרנאָבזשעג, זאַמאָשטש. אויף די זיצונגען פון וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט איז קאַראָל געזעסן און ס'האָט אים אונטערגעהויבן. ער האָט געפּרוווט מאַכן אַ פאַרגלייך מיט די אַרבעטער־ראַטן אין רוסלאַנד, ביי קע־רענסקין. דאָרט האָבן זיי פּאַקטיש באַלד געהאַט די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט. זיי האָבן אַרויסגעגעבן דעקרעטן פון אַ מלוכהשן כאַראַקטער. און דאָ, אין פּוילן, האָט מען געפילט, אַז די רעכטע פּ. פּ. ס. וויל פון אַרבעטער־ראַט וואָס גיכער פּטור ווערן. די נייע פּאַרטיי האָט געצילט צו פאַרוואַנדלען די אַרבעטער־ראַטן אין מלוכהשע אָר־גאַנען. ס'איז געווען נישט מער ווי אַן אוטאָפּיע. הינטער די רוסישע ראַטן זענען געשטאַנען, ווי אַ מויער, די סאָלדאַטן־ראַטן. אָבער די לעגיאָנערן אין פּוילן זענען געווען פּאַטריאָטיש־נאַציאָנאַליסטיש. די פּ. פּ. ס. האָט אויף די זיצונגען געזונגען „די ערשטע בריגאַדע" און די קאָמוניסטן — דעם הימן, „דאָס ליד פון וואַרשעווער רויטן פּאָלק". מיט אַ שווער האַרץ האָט קאַראָל פאַרלאָזן די זיצונגען פון אַרבעטער־ראַט. ס'איז קלאָר געווען וווהין ס'פירט.

און אַרום זענען געשטאַנען די שיינע פרילינג־טעג צווישן די אַלטע, אָפּגעקראָ־

כענע מויערן פון מוראַנאָוו, פון גזשיבאָוו. די אַטמאָספער — אָנגעגליט. אַרבעטער־מאַניפעסטאַציעס, מיטינגען, שטורמישע פאַרזאַמלונגען. ס׳איז נאָר־וואָס פאַררופן געוואָרן דער צוזאַמענפאָר פון די יידישע לעדער־אַרבעטער־פאַראיינען, מיט פאַרטרעטער פון בונד, פועלי ציון, „פאַראייניקטע“. די נייע צענטראַל־פאַרוואַלטונג האָט זיך אַפילו געלאָזט פאָטאָגראַפירן, און דערפון זענען שפּעטער אַרויסגעקומען אַ סך צרות. די פאָטאָגראַפיע איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער דעפענסיווע, און זיי פלעגן קאַראָלן, ווי אויך די אַנדערע, זוכן לויט זיין קאַנטיקן, אַרומגעגאָלטן קאָפּ.

אין יענעם פרילינג זענען אויך אַ סך יידישע געזינדלעך, וואָס האָבן זיך מלחמה־צייט אויפגעהאַלטן ערגעץ אין דער פּראָווינץ, אַנטלאָפן פון הונגער, פון עפּידעמיעס, אין לאַנגע שורות געקומען צוריק אָנצוציען אין בידנע פּויערישע פורלעך איבער דער קערבעדזש־בריק. וואַרשע איז פאָרט געווען אַ מקום־חיונה. די די צייטונגען האָבן געבערענגט וועגן רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין אונגאַרן. אין וואַרשע — „איטאַליענישע“ שטרייקן אין דער עלעקטראָווניע, אין דער גאַזאָווניע, פּאָגראָמען אין לעמבערג, אין פּינסק. די האַלערטשיקעס האָבן געשניטן יידישע בערד. ס׳איז אַ מורא געווען צו פאָרן אויף די באַנען. שטורמישע דעבאַטן אין שטאָט־ראַט צווישן נח פּרילוצקי און דעם ענדעק אילסקי, גיפטיקע אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן פון גלח לוטאָסלאַווסקי אין סיים.

אויף דער 1־טער מאַי־דעמאָנסטראַציע, אויפן טעאַטער־פּלאַץ — אַ ריזיקע פאַראייניקטע מאַסע. די 1־טע מאַיען האָבן זיך געוויינלעך אָנגעהויבן מיט רויטע, פלאַטערנדיקע שטורעם־פענער, מיט רויטע בלימעלעך אין די לאַצן, מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל“, פון דער „וואַרשאַוויאַנקע׳ און פאַרענדיקט האָבן זיי זיך מיט פאַרגאָסן אַרבעטער־בלוט, פאַרשפּריצט אויף די שטיינער פון טעאַטער־פּלאַץ. פון די טריבונעס האָבן געהילכט רעדעס פון די פּ. פּ. ס. וועגן אַרבעטער־פאַרברידערונג, און די ברידער־אַרבעטער האָבן זיך אַפילו קיין ריר נישט געטון צו באַשיצן זייערע יידישע חברים־ברידער... אַרום האָבן געפייפט די פּאָליציייאישע קוילן, אָבער חבר קאַראָל האָט העלדיש פאַרטיידיקט די פּאַרטיי־פאָן.

קאַפּיטל צוועלף

קאַרמעליצקע 23

די פּאָפּולערע „אַרבעטער־היים“, אויף קאַרמעליצקע 23, אין סאַמע האַרץ פון די יידישע גאַסן אין וואַרשע, האָט אין די רעגנדיקע נאָך־סוכות־טעג געדרוישט ווי אַ בינשטאָק. די פאַרהאַקטע פענצטער — אָנגעזעצט מיט שטויב, פאַרלאָפן מיט נעפּל. אונטן, איבער דער שמאָלער יידן־גאַס, פול באַלייגט מיט געוועלבלעך, גאַסן־הענדלער מיט וועגעלעך, האָבן זיך שווער געטרייסלט אויפן מיטן ברוק קוילן־פורגאָנעס; די פולגעפּאַקטע טראַמווייען האָבן, קלינגענדיק, זיך קוים דורכגעשפּאַרט אין דער ענגעניש,

ביזן פֿאַרדריי צום ראַג דזשעלנע. פֿינצטערלעכע, צעדרייטע שטיגן האָבן געפֿירט צום 1־טן שטאָק. דעם גאַנצן טאָג און אָוונט־צייט האָבן געקרוישט אין אַלע צימערלעך זיצונגען, באַראַטונגען פֿון פֿאַך־קאָמיסיעס, פֿון סעקרעטאַריאַט, פֿון פּאַרטייאישע־ און קולטור־אַרבעט, ביבליאָטעק, לייען־זאַל; פֿאַרלעזונגען, רעפֿעראַטן, דיסקוסיע־אָוונטן, קעסטל־אָוונטן, אַ פּראָבע פֿון כאָר. אין די שמאָלע קאָרידאָרלעך האָט מען זיך קוים געקענט דורכשטופּן.

מיטאָג־צייט איז אויפֿגעגאַנגען אַ שיטערע פּאַרע פֿון די טעלער פּאַסנע געקעכץ אין גרויסן זאַל, אונטער די אָפּגעבליאַקעוועטע פּאַפּיר־קרענץ. ס'האָט ביזן דרויסן פֿאַרשמעקט אַ היימישער, „אַנגעברענטער" קרופּניק, באַשמעלצט מיט ריישעכץ. אָבער נישט אַלע דאָ האָבן פֿאַרמאָגט די פּאָר גראָשן אויסצוקויפֿן אַ טאַלאָן ביי דער חברטע, אין פֿענצטערל. זיי האָבן געשלונגען דאָס שפּייעכץ. די אַרומיקע וואַרשטאַטלעך אין דער יידישער געגנט זענען געשטאַנען פּאַרהאַקט, האָבן חדשים־לאַנג געפּוסטעוועט. ס'איז געווען אַ מוראַדיקער קריזיס, זעלטן ווער ס'האָט געאַרבעט אַ פּאָר טעג אין דער וואָך, דערפֿאַר אָבער האָט מען דאָ טאָג און נאַכט דיסקוטירט.

אין דער לופֿט זענען געהאַנגען די גרויסע היסטאָרישע ווענדונגען, דער שאַרפֿער איבערגאַנג־פּעריאָד, פֿון פֿאַרפֿלאָנטערטע אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס און שפּאַלטונגען אויף דער „יידישער גאַס". מיט ווייטיק האָט מען זיך צוגעקוקט ווי דער גייסט פֿון משפּחהדיקייט פֿאַלט זיך פֿונאַנדער — קעגנזייטיקער אומצוטרוי, חשד. ס'איז לייכטער געווען צו קעמפֿן מיטן קלאַסן־שונא, מיט קעגנערישע פּאַרטייען, ווי מיט נעכטיקע חברים. די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען זענען געשטורעמט געוואָרן פֿון אַלע זייטן, לויטן פּאַרטייאישן שליסל. דער וויכוח צווישן בונד, פּועלי ציון און קאָמוניסטן האָט זיך אַלץ מער צעפֿלאַקערט אַרום דער פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלע סעקציעס, ווייל די אַרבעט און דאָס לעבן פֿון די יידישע און פּוילישע אַרבעטער זענען געווען גאַנץ אַנדערש; פּסיכיק, עקאָנאָמישע באַדינגונגען; די פֿאָרמען פֿון קלאַסן־קאַמף אין די קליינע יידי־שע וואַרשטאַטלעך האָבן געפֿאָדערט גאַנץ אַנדערע מעטאָדן.

קאָראָלן האָט מען פֿאַרגעלייגט ער זאָל זיך, למשל, פֿאַרנעמען מיט די שוואַכע פֿאַראיינען, דערנערונגס־אַרבעטער, איינבינדער־ און פּאַפּיר־פֿאַראיין, אָבער די „ווייסע קעלנער", אָדער „מאַנזשעטן־פּראָלעטאַריאַט", האָט אים נישט געצויגן. וואָלט עס כאָטש געווען מעטאַל־פֿאַבריקן, וועבער־פּראָלעטאַריאַט. ס'איז געווען אין די טעג פֿון דער היסטאָרישער פֿאַראייניקונג פֿון דער פּראָפֿ.־באַוועגונג, פֿון פּוילישע מיט יידי־שע אַרבעטער, אונטער איין צענטראַלער אָנפֿירונג, דער „לאַנד־ראַט". דער בונד איז געשטאַנען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון אַ פֿאַראייניקטער פּראָפֿ. באַוועגונג אין לאַנד־מאַס־שטאַב, אָבער מיט אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס. דער פֿאַראייניקונגס־אָפּמאַך איז טאַקע דורכדיסקוטירט געוואָרן אויפֿן יסוד פֿון קולטור־אויטאָנאָמיע. יעדער פֿאַראיין, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער, האָט געדאַרפֿט זאָרגן וועגן זייערע ספּעציפֿישע קולטור־באַדערפֿענישן, פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן. דאָס איז געווען אין גייסט פֿון אַלטן בונדישן פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

אַזוי ווי די גרויסע שפּאַלטונג אין בונד איז געהאַנגען אין דער לופֿט, איז דורך דער קאָמוניסטישער פֿראַקציע אין לעדער־פֿאַראיין גיך געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך מיטן פּוילישן פֿאַראיין פֿון די שוסטער, אָן שום באַדינגונגען, אָן שום ספּעציעלע קול־טור־רעכט פֿאַר די יידישע אַרבעטער. דער יידישער לעדער־פֿאַראיין האָט געציילט ביי

אַ זעקס טויזנט מיטגלידער, דער פּוילישער — ביי אַ צוויי טויזנט. אָבער אויפן פאַר־איייניקונגס־צוזאַמענפאָר האָבן די פּוילישע פאָרשטייער געפאָדערט, אַז אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג זאָלן זיין אַ מערהייט „ז׳ נאַשיך״ (פון די אונדזעריקע)... אָבער אין נאָדל־פאַך, אין באַקלייד־פאַראיין, מיט אַ מערהייט יידישע אַרבעטער, איז די פּוילישע פאָרשטייער אַפילו נישט איינגעפאַלן צו קומען פאָדערן אַ מערהייט אין דער אָנפירונג. די יידישע שוסטער און שטעפּער האָבן געהאַט זייער פאַראיין אויף נאַוואָליפּקי 7, דער פּוילישער — אויף זשיטניע 32. ווען ביידע פּיליעס האָבן באַ־דאַרפט אָפּהאַלטן אַ געמיינזאַמע פאַרזאַמלונג, האָט מען גערעדט בלויז פּויליש; און אַז אַ יידישער אַרבעטער איז אַרויף אויף דער טריבונע נעמען אַ וואָרט, אויף יידיש, האָט מען באַלד געהערט חוזק־אויסרופן, צוויי־דייטיקע ווערטלעך. האָבן די יידישע אַרבעטער אָנגעהויבן קומען אַלץ ווייניקער.

סיי־ווי זענען די פאַראיינען גיך פאַרחתמעט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. האָט מען זיך, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, געזאַמלט אויף די בערזעס. אין די שלעכטע וועטערן האָט מען זיך אַרויפגעכאַפּט אין אַ לעגאַלן לאָקאַל, אויפן פּשעיאַזד, אויף דער קאַרמעליצקע, און ביי אַ פאַסנעם „אָנגעברענטן״ קרופּניק, דערליידיקט, באַשטימט, באַשלאָסן, געשיקט מענטשן אויף פאָסטנס, אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט.

אין יענע פּאָר חדשים האָט אויך אין בעקער־פאַראיין די „רויטע פראַקציע״ אומ־געריכט באַקומען אַ מערהייט ביי די וואַלן צו דער פאַרוואַלטונג. דריי גרויסע פאַר־איינען זענען געשטורעמט געוואָרן — דער טעקסטיל־פאַראיין, דער נאָדל־פאַראיין און — דער גרעסטער — דער פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע; ער האָט אַרומ־גענומען די „מענטשן״ אויף דער גענשע, פראַנציסקאַנער, אויפן גזשיבאָוו, אַ מיט־גלידערשאַפט פון אַ שיינע פּאָר טויזנט אירע, דער אַזוי גערופענער „מאַנזשעטן־פּראָ־לעטאַריאַט; אויסגעפּוצטע יונגעלייט, מיטן קראַוואַטל, מיט דין־פאַרשניצטע פּיאַהלעך, מיטן גלאַטיקן צינגל. ס׳איז געגאַנגען אַ קאַמף אויף טויט און לעבן צווישן בונד, פּועלי ציון און די „רויטע״ פאַר דער השפּעה אין דעם פאַראיין. אין די לעגאַלע און האַלב־לעגאַלע „פּלאַצוווקעס״ זענען געקומען צעהיצטע, שויבערדיקע יונגעלייט מיט רעפעראַטן, דער עיקר וועגן „לאַנד פון אויפגייענדיקן מאָרגן״. ס׳זענען געווען צווישנרופן, אָפּאָנענטן, ביז געשלעגן. די אַרעסטן האָבן קיינעם נישט אָפּגעשראָקן.

אויבן, אין לאָקאַל אויף דער קאַרמעליצקע, זענען אין די מיטאָג־שעהן אַרויפ־געקומען די בלייכע בעקערס נאָך אַ קוויטל, ס׳הייסט אַ „פּייערהאַנט״, צו גיין פאַר־טרעטן עמעצן אַ נאַכט־שיכט. נאָכן אַראָפּרוימען פון די טישן, איז דער אַרבעטס־לאָזער עולם זיצן געבליבן אויף די צערוקטע בענק, „דערהרגעט״ די צייט ביי אַ דאָ־מינע, אַ שאַך, געבלעטערט די צעקנייטשטע „אַרבעטער־צייטונג״. פון די ווענט האָבן שטרענג אַראָפּגעקוקט די פּאָרטרעטן פון קאַרל מאַרקס, בער באָראָכאָוו. וועגן קאַרל מאַרקסן מיט זיין ווייסער, ברייט־צעקעמטער באָרד, האָבן אַ סך דאָ באַקלערט, אַז דאָס מוז אַוודאי זיין איינער פון די גרינדער פון בעקער־פאַראיין...

דאָ האָבן זיך אַרומגעדרייט וועטעראַנען, וואָס האָבן אַ מאָל געקעמפט אויף די באַריקאַדן, געווען פאַרשיקט אין סיביר. איינער פון זיי, חבר לוזער, איז דאָ אַפילו געשלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק. דעם 1־טן מאַי האָט ער געטראָגן די פּאַרטיי־פאָן, נישט איין מאָל געקריגן גוט אָנגעבראָכן די ביינער, אָבער ס׳האָט אים אַ האָר נישט אָפּגעשראָקן. ער איז געווען אויף אַלע מיטינגען, צו באַשיצן די רעדנער פון קעגנערי־

שע „באַיווקעס״, אַרומגעלאָפן פאַרשפּרייטן די אַרבעטער־צייטונג.

אין אַ ווינקל הינטער דער טריבונע, האָבן זיך אין טריבן נאָכמיטאָג געקליבן עט־לעכע בלייכע יונגעלייט, אין לאַנגע האָר, באַברילטע, אין אויסגעריבענע רעקלעך; יונגע פּאָעטן, זעט אויס. זיי האָבן דאָרט מיט פּאַטאָס עפּעס פאָרגעלייענט איינער פאַרן אַנדערן, געאַמפּערט זיך מיט שווערע, משונהדיקע רייד, וואָס קיינער האָט, אַסור, אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

דאָ האָט ער זיך שטילערהייט אויסבאַהאַלטן, קאַראָל, געשאַרט זיך אין די ווינ־קעלעך. ער האָט זיך באַדאַרפט צושטעלן צום פּוילישע מיליטער, און — זיך נישט צוגעשטעלט צו דער קאָמיסיע. ווען איז עס דאָרט געלעגן אין זינען? וויכטיקערע זאַכן זענען אין אַזעלכע צייטן געלעגן אויף זיין קאָפּ. אין פּינצטערלעכן, רעגנדיקן נאָכמיטאָג איז אין פאָדער־צימער געשטאַנען פאַר אים אַן אָנגעכמורעטער, מיטל־יאָריקער מאַן, אין צו־גרויסע, אַרומפאַרנדיקע האָרן־ברילן, שלעכט געגאָלט, אין אַ פּאַלטן מיט אַן אויסגעקראָכן שאַלאָווע קאַטיק־קעלנערל. קאַראָל האָט דערביי פאַר־שעריש געקוקט צו דער זייטיקער טיר, צי קיינער באַמערקט זיי נישט. אין געצוווּנ־גענעם שמייכל פון דעם מאַן איז מיט אַ מאָל געווען עפּעס קינדישס, אָבער ער איז באַלד צוריק געוואָרן שטרענג־ערנסט; קוקנדיק אין אַ זייט, האָט ער קאַראָלן דער־לאַנגט אַ קורצע האַנט מיט דיקלעכע פינגער, און האָט זי גלייך צוריקגעכאַפּט.

— איר וועט אַוודאי דעלעגירט ווערן צום ווינער צוזאַמענפאָר... — האָט ער אים אָנגעקוקט ווי ביזלעך — דאַרפן מיר זיך, אויב אַזוי, פריער אַדורכשמועסן...

— ס׳הייסט... ווי אַזוי? — איז קאַראָל נאָך אַלץ געווען צעמישט.

— מ׳וועט שוין קומען נאָך אייך, חבר...

און יענער האָט אַלץ אויסגעמיטן צו קוקן אים גלייך אין די אויגן, איידער וואָס־ווען, אָן א זיי־געזונט — אָפּגעטראָגן זיך.

ער האָט פון דעסטוועגן נאָך היפּש געשלאָגן זיך מיט דער דעה, קאַראָל, איידער ער איז אויף שטענדיק אַוועק פון דער אויסגעוואָרעמטער נעסט, פון היימישן געררויש, אויף קאַרמעליצקע 23. דאָס געוויסן האָט אים פון מאָל צו מאָל אַ פּייניק געטון, ליגנדיק ערגעץ ווו פאַרשטעקט אין די טויבע נעכט — מאָלע וואָס... אַלטע חברים... סענטימענטן... ביז דעמאָלט איז עפּעס אַלץ געווען אַזוי פּשוט, אין דער פאַרבינדונג צווישן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט מיט אַ יידישער היים פאַרן יידישן אַרבעטער־קלאַס. און דאָ — אומבאַשטימטע, פאַרנעפּלטע, קנאַפּ־פאָרמולירטע צוזאָגן, האָפע־נונגען. אָבער ס׳איז נישט געווען קיין צייט אויף סענטימענטן. אים האָט זיך אַלץ מער אויסגעוויזן, אַז דאָ, אויף דער „יידישער גאַס״, איז מען פאַרקראָכן אין אַ בלינד געסל. אין דער צייט, ווען אויף דער ברייטער וועלט איז געגאַנגען דער גרויסער פרילינג; דאָ באַלד, אויף מזרח, טוען זיך אָפּ אומגעווייניטלעכע געשיכטלעכע מעשים. גע־שטאַרקט אין זיין לעצטן באַשלוס האָט אים דער מאַן, וואָס האָט אים אויפגעזוכט אין פּינצטערלעכן פאַרנאַכט אין לאָקאַל אויף דער קאַרמעליצקע. באַלד דערנאָך איז מען טאַקע געקומען און אָוועקגעפירט אים, אין געהיימסטער קאָנספּיראַציע, אויף אַ פּאַציאַטע־שטיבל, ערגעץ אויף דער דזשעלנע. ער איז אַריינגעפאַלן אין מיטן אַ היי־מישער ליאַמע, ביי אַן אַרעם ברויטל מיט אַ הערינג, ביי אַ פלעשל בראָנפן, וואָס איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. צווישן די עלטלעכע יידן און פּאָליאַקן, וואָס האָבן אונ־טערגעשפּאַרט דעם נידעריקן באַלקן, האָט ער נישט אַלע געקענט, אָבער געהערט

וועגן זיי, פון די אומלעגאַלע טעאָרעטישע זשורנאַלן אויף דינעם פּליס־פּאַפּיר; און זיך אַליין האָט ער געזאָגט, אַז פון זיי וועט ער שוין נישט אַוועקגיין. ער האָט דערפילט דעם הייסן ווינט פונעם פרעמדן, אַ געקומענער, זעט אויס, פון „יענער זייט". דער חבר אהרן — אַזוי האָט ער זיך געלאָזן רופן, דער מאַן, וואָס איז אים געקומען אויפזוכן — האָט דאָס מאָל גערעדט מעלאָדיש־שטיל, און קאַראָל איז באַלד אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין מאַכט.

ווען כמעט אַלע האָבן זיך זייטיק אָפּגעטראָגן, האָט ער אים מיט אַ ווונק באַפוילן צו בלייבן. אַ בייזלעכער מענטש, כלומרשט, אַ מרוק, אַריינגעטון אין טעאָרעטישע ספרים, איז ער פלוצעם געווען מילד ווי אַ קינד. אַ לייכטער נעפל האָט פאַרצויגן זיין פאַרזשמורעטן, קורצזיכטיקן בליק; און באַלד איז ער ווידער געווען דער זעלבער אַנגעברוגזטער מרוק, גערעדט פאַרביסן וועגן די „רעפאָרמירסטישע, פאַררעטערישע עלעמענטן", קוואַלפיצירט זיי קאַלט, אומברחמנותדיק, אָנגערופן זיי מיט די ערגסטע נעמען. ער האָט אַ וואָרף געטון:

— מ׳דאַרף קענען נישט נאָר קוקן, נאָר אויך זען, וויפל אין דעם יונגן שטאָם זענען פּאַראַויסצוזען צווייגן, און אין ברייט־פאַרצווייגטן בוים — זיין אָפּדאַרן... באַרג־אַרויף גייט זיך שווערלעך, אָבער זיכערער...

דער פאַרגלייך האָט עפּעס געשמעקט מיט ערד, מיט וואָרצלען, מיט פרילינגדיקן יערן. ס׳האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ערשט נישט לאַנג צוריק אַליין געקומען אַנצולויפן פון פּאַלעסטינע, פון אַ קיבוץ. ער האָט פלוצעם גערעדט, ממש פאַרליבט, וועגן פאַרכאַפּנדיקן פּייזאַזש, און אַז ער איז דאָרט, אונטער דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, געזעסן פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה פון עכו; אַז ס׳האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך אַ פּוילישער לאָנקע. נאָר מסתמא האָט אים נישט בלויז די בענקשאַפט צו אַ פּוילישער לאָנקע צוריקגעבראַנגט אַהער, קיין פּוילן. ער איז אַרומגעגאַנגען אין דאַך־שטיבל אין אַ פּאָר אויסגעריבענע הויזן, פאַרצויגן מיט שעלקעס איבערן בויך, ווי אַ באַלעבאַטישער ייד. אָבער גיכער איז ער געווען אַ נזיר. פאַר אים האָט עקזיסטירט נאָר די פּאַרטיי — די פּאַרטיי זאָגט, די פּאַרטיי רעקאָמענדירט, די פּאַרטיי פּאָדערט, די פּאַרטיי לערנט. ס׳איז פון דעסטוועגן נישט אַזוי איינפאַך — האָט קאַראָל באַטראַכט, אַראָפּגייענדיק פון דאָרט. ער האָט זיך פריער גוט אַרומגעקוקט, ביז ער האָט זיך צוריק אַריבערגעכאַפּט אויף דער קאַרמעליצקע.

און דווקא פון אים האָט מען עס פאַרלאַנגט, ווען ס׳איז אונטערגעלאָפן דער שיינער פרילינג. אים איז באַפוילן געוואָרן אַראָפּצוכאַפּן זיך קיין ווין, צו דער 5־טער היסטאָרישער וועלט־קאָנפערענץ. ס׳איז געפערלעך געווען צו לאָזן זיך אין אַזעלכע צייטן אויף די באַנען, מיטן פּאַלשן פּאַספּאָרט, וואָס איז אים באַזאָרגט געוואָרן. ער איז געווען אַ דעזערטיר. אויף אַלע סטאַציעס — רעוויזיעס, מ׳האָט קאָנטראָלירט די דאָקומענטן, אָבער ער האָט זיך דורכגעגליטשט אַלע געפאַרן.

— דו מוזסט — האָט אים חבר אהרן באַפוילן — זען ווי זיי האַלטן ערגעץ אין דער וועלט...

די וויכטיקסטע פראַגע איז דאָרט געשטאַנען: דער אָנשלוס אין „קאָמאינטערן" און — ארץ ישראל. מיט אַ מערהייט שטימען איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע אָנצושליסן זיך אין 3־טן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער בתנאי, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל אָנערקענען די שטעלונג לגבי דעם יידישן פּראָבלעם. די מינדערהייט איז געווען

פאַר אַ באַלדיקן אָנשלוס. דער בוי פון אַ סאָציאַליסטיש ארץ ישראל — איז געזאָגט געוואָרן — איז מעגלעך נאָר אין איינקלאַנג מיט די פּרינציפּן פון די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, נישט אין די אינטערעסן פון רויב, קאָ־לאָניאַליזם, עקספּלואַטאַציע.

די 5־טע וועלט־קאָנפערענץ אין ווין האָט נישט באַוויזן צו באַהאַנדלען דעם גאַנצן סדר־היום, ווייל זי האָט זיך געשפּאָלטן באַלד ביים ערשטן פּונקט: „די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע און דער אינטערנאַציאָנאַל". קאַראַל האָט זיך מיט ציטער צוגע־קוקט צו דער צעשפּליטערונג פון רעכטס און פון לינקס. די עקסטרעמע גרופּע איז געווען די פּועלי ציון פון ארץ ישראל. זי האָט זיך גערופן: מפלגת פּועלים סוציאַ־ליסטים — ראשי תיבות מ. פּ. ס. (מ'האָט זיי שפּעטער גערופן די „מאָפּסן"). אין דער רעזאָלוציע איז געזאָגט געוואָרן: „אין דער תקופה פון סאָציאַלער רעוואָלוציע איז די אויפגאַבע פון אַרבעטער־קלאַס נישט נאָר צו נעמען אין זיינע הענט די צעשטערטע אינדוסטריע, נאָר דער עיקר אָרגאַניזירן די פּראָדוקטיווע כוחות, צו שאַפן די נייע סאָציאַלע געזעלשאַפט. דער אַרבעטער־קלאַס מוז איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט און פאַרווירקלעכן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אין דער פאָרם פון אַרבעטער־ראַטן. די עקסטעריטאָריאַליטעט פון יידישן פאָלק, זיין אָפּגעריסנקייט פון דער אור־פּראָדוק־ציע, דער אומפאַרמיידלעכער אונטערגאַנג פון דער קליין־אינדוסטריע, פון מסחר, דערשיטערן עקאָנאָמיש אויך די פּאָזיציעס פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. עס וואַקסט די עמיגראַציע־טענדענץ. די סאָציאַלע רעוואָלוציע פאַרשטאַרקט די שטרעבונג צו שאַפן אַ יידישע אַרבעטנדיקע געזעלשאַפט אין ארץ ישראל און איילט אונטער די פּראָצעסן פון פּראָלעטאַריזאַציע. דער 2־טער אינטערנאַציאָנאַל האָט בעת דער מלחמה נישט געהאַט דעם מאָראַלישן כוח קעגנצושטעלן זיך דעם ברודער־מאָרד. מיטן נצחון פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איז אַנטשטאַנען דער 3־טער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס נאָר ער איז מסוגל צו צעברעכן די הערשנדיקע קלאַסן, צו פאַרווירקלעכן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור".

מ'האָט זיך נאָך געדונגען איבער אַ פּונקט, איבער אַ ליאַדע פאָרמולירונג, אָבער די שפּאַלטונג איז שוין געהאַנגען אין דער לופט. קאַראַל האָט די גאַנצע צייט קלוג צוגעשוויגן, צוגעהערט זיך מיט קאָפּ, ווייל זיין באַשלוס איז שוין אַלץ איינס געווען אַ פאַרטיקער. ס'האָבן אים אַפילו מער נישט גערירט די פייערלעכע פאַרזיכערונגען:

— דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט — האָט זיך דאָרט עמעצער גע־קאָכט — איז פאַראינטערעסירט אין אַ יידיש סאָציאַליסטיש ארץ ישראל, צוליב דער בלויזער באַדערפעניש צו לייזן אין יעדן אָרט די אָנגערייפטע יידישע פראַגע אין אינ־טערנאַציאָנאַלע מאַסשטאַבן. די אַנטוויקלונג און דער נצחון פון דער וועלט־רעוואָ־לוציע פאָדערן מיט דער גרעסטער קראַפט די רעוואָלוציאָנערע אויפוואַכונג פון נאָ־ענטן מזרח, און דער יידישער אַרבעטער אין ארץ ישראל איז די פאָדערשטע זיכערע באַזע פאַר דער רעוואָלוציע אין מזרח, די גאַראַנטיע פאַר איר נישט־געפעלשטן סאָ־ציאַליסטישן קלאַסן־כאַראַקטער. די ביז־איצטיקע בירגערלעכע יידישע קאָלאָניזאַציע אויף די יסודות פון פּריוואַט־אייגנטום, עקספּלואַטאַציע, האָט פולשטענדיק באַנקראָ־טירט, הן אין סאָציאַלן, הן אין נאַציאָנאַלן זין. דער פּראָלעטאַרישער פּאַלעסטיניזם, לויט באָראָכאָוון, איז אַריין אין דער תקופה פון זיין פאַרווירקלעכונג...

„פּראַזן... שיינע פּראַזן... — האָט זיך קאַראַל געזאָגט, מיט פעסטער איבער־

ציַיגונג — ווער וועט זיַין דען גלויבן ?״... אָבער אים איז שטיל באַפוילן געוואָרן — געדולדיק אָפּצוואַרטן.

דאָ איז נאָך אַפילו מיטן עקסטרעמען פליגל נישט אַלץ אַזוי קלאָר געווען. מ׳האָט שוין באַוויזן זיך אַ ביסל אָפּצוקילן פון דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק. ס׳זענען געפאַלן קלאָרע, ניכטערע אַרגומענטן. אין פּרעזידיוּם פון די לעצטע שטורמישע זיצונגען — ניר־ראַפאַלקעס, זרובבל. אויף דער טריבונע האָט אָפּאָנירט אַלעקסאַנדער סערפּאָוו קעגן ליקווידאַטאָר הערש נאַגלער. צוויי דעלעגאַטן זענען געזעסן אין זאַל, און זיך וויַיניק, דעם אמת געזאָגט, צוגעהערט צום הייסן וויכוח. כאַשין און קאַראָל, פאַר זיי איז שוין אַלץ קלאָר געווען; האָבן זיי זיך שטיל אַרויסגעכאַפּט שפּאַצירן. אין פרילינגדיקן טאָג איז אין די גלייך־געשניטענע אַלייען פון פאָלקס־גאַרטען געווען מחיהדיק לינד אויפן האַרצן. כאַשין האָט אים באַקענט מיט יידישער מחשבה, מיט יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. ער האָט געהאַט אַ טיפע קענטעניש פון חסידישע שיטות. ער האָט קאַראָלן פאַרכאַפּט מיט זיַין דערציילן וועגן רמב״ם, וועגן נחמן קראָכמאַל, מיט זיַין קריטיק קעגן אחד העם׳ען. ער האָט גערעדט מיט ליבשאַפט וועגן די קלאַסיקער און וועגן אונדזער דוד בערגעלסאָן. דער ציַיט־ווינט האָט זיי דערנאָך ביַידן פאַרטראָגן, אָפּגעמעקט.

דריַי פאָרשטייער זענען באַפולמעכטיקט געוואָרן צו פאָרן קיין מאָסקווע, באַגרינדן די פאָרשלאַגן פון פּועלי ציון פאַרן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „קאָמאינטערן״. די אָפּגעשפּאָלטענע, צוזאַמען מיט דער פּאַלעסטינער גרופּע, האָבן געהאַלטן, אַז די פּועלי ציון דאַרף קומען צום „קאָמאינטערן״ — אָן פּועלי ציוניזם. כאָטש דער מעמאָראַנדום האָט זיך באַמיט אויפצוקלערן דעם היסטאָרישן צוזאַמענבונד פון פאָלק און לאַנד, די טענדענץ פון יידישע מענטשן צו קאָנצענטרירן זיך אין ארץ ישראל, האָט עס גאָרנישט געהאָלפן. אַפילו ווען זיי זענען גרייט געווען צו אָנערקענען אַלע פּאָליטישע איינשטעלונגען, נאָכפאָלגן די אָרטיקע קאָמוניסטישע לאַנד־פּאַרטייען, אָבער אין אַלץ וואָס נוגע יידישע פּראָבלעמען — זאָל די אַרבעט געפירט ווערן אין יידישן אַרבעטער־גייסט.

— דער מעמאָראַנדום איז נישט גענוג ליקווידאַטאָריש פאַר אונדזערע ליקווידאַטאָרן — האָט ניר־ראַפאַלקעס אויסגערופן, מיט בולטן צער — זיי האָבן פון פּועלי ציוניזם אין דער רעזאָלוציע געלאָזן בלויז : „...וועט שטיצן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַלע לענדער, ספּעציעל אין די לענדער, וואָס אַהין שטראָמט די יידישע וואַנדערונג״... אַ בלייכער רמז אויף ארץ ישראל. פאַר די ליקווידאַטאָרן איז זייער לייכט געווען זיך אָפּצוזאָגן אַפילו פון דאָזיקן פּונקט.

קאַפּיטל דרייצן

שטאַפּלען

ווען ער האָט זיך דעמאָלט אין פּרי־צוגעפּאַלענעם אָוונט קורץ אָפּגעזעגנט מיט קאַראָלן, האָט דער שוואַרצער אַביש צווישן זיינע אויסגעפּראַצעוועטע פינגער דער־פילט אַ וואַרעמע האַנט, אַן ענערגישע, אַ האַנט וואָס קען פירן. דאָס האָט ער אים נאָך אַ זאָג געטון פאַרן אָפּטראָגן זיך, חבר קאַראָל:

— בונד, פּועלי ציון, צי „פאַראייניקטע"... דאָס זענען, זאָלסטו וויסן זיין, אַלץ שטאַפּלען — צום גרויסן פּוילישן „אָקטאָבער"...

זיי האָבן זיך געזאָלט טרעפן באַלד אויף צו מאָרגנס, אין דער זעלבער קנייפּע, אָבער ס'האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז ס'זענען אַוועק אַ סך טעג, וואָכן, חדשים, און זיי האָבן זיך מער נישט באַגעגנט. די פולסירנדיקע שטאָט, ערב גרויסע געשעענישן, האָט זיי ביידן פאַרשלונגען.

מיט אַ געהויקערטן גאַנג, דעם קאָפּ פאַרשטעקט אין אויסגעפליקטן קעלנערל, האָט זיך אַביש זייטיק אָפּגעטראָגן, געטויכט אין קאַלטן, פינצטערן נעפּל, וואָס איז געהאַנגען נידעריק איבער די דעכער פון מוראַנאָווער פּלאַץ. אַלע קאַנטורן פון די ראָגאָווע גאַסן זענען פאַרווישט געוואָרן. מ'האָט נישט געזען, נישט קיין מענטשן, נישט קיין הייזער, נאָר סילועטן. מגושמדיקע פערד, געשפּאַנט אין קוילן־פורגאָנעס, זענען געלאָפן איבערן ברוק, ווי געשפּענסטער. ביים פאַרדריי אויפן ראָג, האָט אים אַ טראַמוויי מיטן אַנגעצונדענע פייערן אָפּגעגאָסן מיט שיין פון די צוויי פאָרנטיקע לאָמטערן. אַזוי פאַרטראָגן איז ער געווען. נאָך גוט, וואָס ער האָט באַצייטנס געטון אַ שפּרונג אָפּ אין ראָוו אַריין. ער איז, דאָ באַלד ערגעץ, אַריין אין אַ טויער, אַראָפּ־צוגיין לינקס, צום קעלערל אין דער נידער. אויפן טיר האָט ער אָבער מיט אַ מאָל דערזען — אַ פאַרזשאַווערט שלעסל. ער איז אַ רגע שטיין געבליבן צעמישט. די שכנה, פאַרבאַבלט אין דער דערע, איז אַראָפּ פון דער טרעפּ, האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געשוויגן. ביי איר האָט ער זיך דערוווסט, אַז אין ביטערן ווינטער, ווען מ'האָט אים געכאַפּט אויף צוואַנגס־אַרבעט, איז די מאַמע שטיל אויסגעגאַנגען. די שוואַרצע עגלה האָט, זי צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מתים פון הויף, אַוועקגעפירט אויפן גענשער בית עולם.

נאָך אַזוי פיל יאָרן, זענען צוריקגעקומען צו אים די קינדערישע טרערן. ער האָט געפילט, ווי די פּיס ברעכן זיך אונטער. ווער ווייס, ווען ער וואָלט געווען, וואָלט זי נאָך אפשר געלעבט, די מאַמע. מיט אויסגעלאָשענע טריט איז ער אַוועק פון פאַר־האַקטן קעלערל, זוכן ערגעץ אין דער נעפּלדיקער שטאָט אַ נאַכט־לעגער.

ווען ער איז צומאָרגנס אַרויף אין פאַראיין, האָט אים צווישן די חברים אַרומגע־נומען די אַלטע וואַרעמקייט. ס'האָט זיך דערווייל אויך געמאַכט אַ ביסל אַרבעט

ביי די געגריווועטע שוסטערס, איז ער צוריקגעגאַנגען צו זיין אַלט פאַך. ער האָט לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן „נייעם געשיכטלעכן גאַנג", צעקייט די רייד קאַראָלס. אָט האָט אין די „לעבנס־פראַגן" דער חבר מעדעם געשריבן וועגן דער איבערקערעניש אין רוסלאַנד, מיט אַ ביסל צווייפל, מיט אַ סך פאַרבאַהאַלטן. די בלוט־פאַרגיסונגען — אָפט אומזיסטע — האָבן אים קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. ניין, נישט אַלע מיטלען — האָט חבר מעדעם געוואָרנט — זענען כשר פאַרן ציל. טאַקע, צו ווּעמען צוהערן זיך ? און אַרום רוישן די שבת־צונאַכטסן, די דיסקוסיעס אין פאַרטיי־לאָקאַל אויפן פשעיאַזד. די פראָפ.־פאַראיינען וואַקסן, די בערזעס רוישן.

אין לאָקאַל אויפן פשעיאַזד,ביים אָפּאָנירן די רעדנער, האָט זיך אַביש אומגעריכט ווידער אָנבאַגעגנט מיט קאַראָלן. ס'איז געהאַט איבערגעלאָפן אַזוי אַ יאָר־אַנדערהאַלבן. ער האָט אים באַוווּנדערט, קאַראָלן. ער האָט זיך נישט געהיצט, כאָטש דאָס פייערל אין זיין בליק האָט אויסגעגעבן מער עמאָציע, ווי שטרענגע לאָגיק. פונקט ווי חבר אהרן איז געווען געניגט צו וויסנשאַפטלעכער עקזאַקטקייט, געשניטן ווערטער ווי מיט אַ חלף, קלאָר, טרוקן, פּרעציז, ציטירנדיק מאַרקסן, ענגעלסן, לענינען, איז קאַראָל — געווען צו מערקן — מער נוטה צו קינסטלערישער באַהעמיע; אָן עסטעט, האָט ליב געהאַט דאָס שיינע, געפּוצטע וואָרט : „די זון גייט אויף אין מזרח... קוקט, מיט וואָס פאַראַ גרויסע האָפענונגען זי שמייכלט אונדז אַנטקעגן"... און ער האָט אָנגעצונדן דעם עולם.

אַביש האָט אים אָפּגעוואַרט. זיי זענען צוזאַמען אַרונטער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר דער צייט איז ער שוין ווידער געווען אַרעסטירט, קאַראָל. צוויי פּאָליציאַנטן, אַ פּשאָדאָווניק און עטלעכע אַגענטן, האָבן זיך נאָך האַלבער נאַכט אַריינגעריסן צו אים אין צימערל, אַלץ איבערגעדרייט. ער האָט נאָך אָבער גוט אָפּגעשניטן, באַקומען עטלעכע „טרוקענע" קלעפּ, איבערגעשווידערט אַ פּאָר נעכט אין דער דעפענסיווע און, זעט אויס על פּי טעות, באַפרייט געוואָרן. אַצינד זוכן זיי אים ווידער אַרום. ער איז טריף. זיי קענען אים גוט אַרומזוכן ! ער האָט זיי אין דער אדמה...

— כ'פיל אָבער, אַז מיר וועלן זיך נאָך אין גיכן באַגעגענען אויף דער זעלבער זייט באַריקאַדע... — האָט אים קאַראָל פריילעך צוגעוואָרפן, איידער זיי האָבן זיך קורץ אָפּגעזעגנט.

אַרום האָט געראַוישט דער שיינער פרילינג פון אונדזער דור. אין דעם הייסן זומער פון קאָנפערענצן, לאַנד־באַראַטונגען, שפּאַלטונגען, איז באַלד דערנאָך אונטערגעלאָפן פּילסודסקיס „מאַרש אויף קיעוו". פונקט ווי קאַראָל איז דעלעגירט געוואָרן צום ווינער שפּאַלטונגס־צוזאַמענפאָר, איז אַביש געפאָרן צום פאַראייניקונגס־קאָנגרעס מיטן גאַליציאַנער בונד. אויך דאָרט, אין קראָקע, זענען באַלד אַרויסגעשווומען די פראַקציעס. די שטאַרקסטע פראַקציע האָט געהאַלטן, אַז די סאָוויעטישע פּאָליטיק דאַרף ווערן אַ מוסטער פאַרן בונד. די צענטריסטישע עלעמענטן, כאָטש אַ ביסל קריטיש, האָבן געגלויבט, אַז דער באַלשעוויסטישער עקספּערימענט איז פון אַזאַ פּאַרנעם, אַז זיינע פעלערן קענען אויסגעבעסערט ווערן, אַז ס'איז מעגלעך אַ געמיינזאַמער אינטערנאַציאָנאַל, אָן אַ שפּאַלטונגס־פּאָליטיק. די דריטע, די רעכטע פראַקציע, האָט געהאַט אַן אַבסאָלוט־נעגאַטיווע שטעלונג. די באָלשעוויקעס, האָט מעדעם געהאַלטן, מוזן אַוועק אויפן וועג פון אַלץ שאַרפערן טעראָר, ביז זיי וועלן זיך סוף כל סוף אויסמאָרדן איינער דעם אַנדערן, ווי בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ס'מוז דערפירן

צו אַ טערמידאָר. ס׳איז אַ פּאָליטישע פאַרבלענעדינש, האָט מעדעם געוואָרנט. כאָטש זיין אויטאָריטעט איז געווען גרויס, האָט ער אויפן צוזאַמענפאָר נישט געוווּנען; אָבער ער איז פאַרבליבן שטאַרק, ווי אַ פעלדז אין זיינע איבערצייגונגען — קיין שום קאָמפּראָמיסן. אַלע האָבן עס אויפגענומען מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. באַלד נאָכן צוזאַמענפאָר האָבן זיך פון דער לינקער פראַקציע אָפּגעטיילט קליינע, פּראָ־קאָמוניסטישע גרופּן. די פּאַרטיי איז אַריין אין אַ שווערן פּאָליטישן קריזיס.

אַביש האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט צעטומלט, אַלץ אַריינגעקלערט אין קאַראָלס רייד. ס׳האָבן זיך טאַקע באַלד אָנגעהויבן די רייסעניש. דער קאָנגרעס פון „קאָמינטערן״ האָט אויסגעאַרבעט די באַרימטע „21 פּונקטן״, גערופן צו שפּאַלטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אומעטום, צו דערקלערן די פירער פאַר „פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס״. אין וואַרשע איז אַנטשטאַנען אַ קאָמ־בונדישע פראַקציע, אָדער „קאָמבונד״. דאָס איז שוין נישט געווען קיין קאַמף צווישן חברים, נאָר מיט אַן אינעווייניקסטן שונא. אין וואַרשע האָבן זיך אומגעריכט באַוויזן די געוועזענע בונדישע טוער אין רוסלאַנד, יאַנקל לעווין און משה ראַפעס. מ׳האָט באַלד דערפילט, אַז זיי האָבן דאָ דורכצופירן אַ וויכטיקע שפּאַלטערישע מיסיע.

דער צוזאַמענפאָר אין דאַנציק איז געווען גורלדיק. די עקזיסטענץ פון דער באַוועגונג איז געלעגן אויפן וואָגשאָל. אין צענטער פון די דיסקוסיעס — די „21 פּונקטן״. די פון 19 אַ האַלבן פּונקט זענען געווען אין דער מערהייט. דער „קאָמינטערן״ האָט זיך געווענדעט מיט אַ בריוו, מען זאָל אויסשליסן פון די רייען די רעכטע פירער: ערליכן אַלטערן, נחן, מיכאַלעוויטשן, ליפע קאַמאַשנמאַכער. אָבער דאָ זענען די „קאָמבונד״־דעלעגאַטן געבליבן אין אַ מינדערהייט.

די „קאָמבונד״־פירער האָבן מיט אַלע מיטלען געזוכט צו דאָמינירן דעם טעקסטיל־פאַראיין אין וואַרשע, דעם לעדער־פאַריין, האָלץ־פאַראיין, בעקער־פאַראיין. נישט געוואָרט איז פאַרבליבן דער באַקלייד־פאַראיין, דער פאַראיין פון לעדער־גאַלאַנטעריע, דערנערונג־פאַראיין, דרוקער־פאַראיין. עס זענען אָבער פאַרבליבן בונדישע פראַקציעס און „רויטע״ פראַקציעס אין ביידע לאַגערן. האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון צעברעכן, באַליידיקן, ביז געשלעגן. ביז דעמאָלט איז מען פון דעסטוועגן נישט אַריבער די גרענעץ פון וואָרט־געפּעכט. ס׳האָט זיך באַוויזן די פויסט, דאָס מעסער, דער רעוואָלווער.

סוף אַפּריל האָבן די צייטונגען מיט גרויסע קעפּ געברענגט, אַז די פּוילישע לעגיאָנען האָבן פאַרנומען זשיטאָמיר, און זיי רייסן זיך אויף קיעוו. אין שטאָט־ראַט איז דער בונדישער טוער ערליך אַרויסגעטראָטן קעגן די אימפּעריאַליסטישע פּלענער צו פאַרכאַפּן אוקראַינע. די „לעבנס־פראַגן״ זענען קאָנפיסקירט געוואָרן, מ׳האָט פאַרחתמעט דעם „גראָסער־קלוב״, די פאַראיינען, די שולן, אַפילו די קינדער־היימען. וואַרשע איז איבער נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן לאַגער. אויף טריט און שריט — פּאַטרולן מיט ביקסן. פון די ווענט שרייען אַראָפּ אַפישן: „גיי אויפן פראָנט! צי ברענט נישט די פּוילישע ערד אונטער דיינע פיס ?!״... אויף מאַסוועקעס, אין די געהיימע קרייזן, איז באַשלאָסן געוואָרן אין טאָג פון 1־טן מאַי צו מאַרשירן מיטן גאַנצן וואַרשעווער אַרבעטער־קלאַס. די גאַס איז פול געווען מיט שפּיצלעס, ריי־טער־פּאָליציי, ענדעקישע כוליגאַנעס. די וואַרשעווער ברוקן האָבן זיך געטרייסלט

פון ווייט־פונאַנדערגעוואָרפענע המונים, אַ וואַלד מיט שטורעם־פענער. אויפן טע־אַטער־פּלאַץ — אַ ים קעפּ. דער אָפּגעליידיקטער ברוק — באַשפּריצט מיט בלוט; היטלען, קאַפּעלושן, דאַמען־טאַשן האָבן זיך געוואַלגערט אונטער די פיס. אָבער די המונים מאַרשירן ווייטער מיט געזאַנג, רייסן זיך דורך אַלע באַריערעס.

דעם 1־טן מאַי באַפעלט לעוו דאַווידאָוויטש דער רויטער אַרמיי צו געבן אַ קלאַפּ די אינוואַזאָרן, „ס׳זאָל אָפּהילכן אין די גאַסן פון וואַרשע און פון דער גאַנצער וועלט״. די אַרמייען פון טוכאַטשעווסקי, אויפן צפון־פראָנט, יעגאָראָוו — אויפן דרום־פראָנט, האָבן אין איינע פּאָר וואָכן צוריקגעוואָרפן פּילסודסקיס לעגיאָנען ביז צו די פּוילישע עטנישע גרענעצן. אין מיטן הייסן חודש אויגוסט האָבן שוין אין וואַרשע אָפּגעהילכט די האַרמאַטן־זאַלפּן. די באַרוועווע רויטע אַרמיי האָט אַ שפּאַר געטון ביז צו דער ווייסל. אויף די מויערן פון דער שטאָט האָבן זיך דורך די נעכט באַוויזן לאָזונגען — „נידער מיט דער מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד! זאָל לעבן די קאָמוניסטישע אַרבע־טער־פּאַרטיי פון פּוילן!״. אונטער דער אָנפירונג פון אַלטן אַרבעטער־טוער קרולי־קאָווסקי איז געשאַפן געוואָרן אַ געהיימער רעוואָלוציאָנערער קריגס־קאָמיטעט; אָבער די פּ.פּ.ס. האָבן געגרייט קאַמפּס־אָפּטיילונגען, צו שלאָגן זיך קעגן דער רויטער אַר־מיי. אַ רוסישע אַרמיי, אַפילו אונטער רויטע פענער, איז פאַר זיי געווען ווי אַן אינוואַזיע פון די, וואָס האָבן פאַרשקלאַפט זייערע פאָטערס און זיידעס.

קוים צוריק דערקריגן זיך קיין וואַרשע מיט די נישט־רעגולערע באַנען, צווישן מיליטער, אַבלאַוועס, נאָך אַלע קאָנפערענצן, זענען זיי ביידע, סיי קאַראַל, סיי אַביש, אַריינגעפאַלן ווי אין אַ פּאַסטקע. קאַראַל, טיף פאַרשטעקט אין דער אונטערערד, האָט גערעדט מיט פאַרביטערונג אויף דער זיצונג פון „רעווקאָם״:

— מיר האָבן געגלויבט, אַז די פּוילישע אַרבעטער און פּויערים וועלן אויפנעמען די רויטע אַרמיי ווי באַפרייער... און אָט טרייבט מען זיי גאָר צוריק...

קאַפּיטל פערצן

עפּעס אַן ענלעכער פרילינג

ס׳איז געווען עפּעס אַן ענלעכער פרילינג אונטערן שיטער־אויסגעבלויטן הימל, צווישן די ווייסרוסישע בעריאָזעס און סאָסנעס, ווען ליפּע קאַמאַשנמאַכער, הויט־און־ביינער, האָט זיך, איבער מינסק, צוזאַמען מיטן ייִנגל, צוריק דורכגעגליטשט די גרע־נעץ, ביז ווילנע. די שטאָט איז שוין דאָס מאָל פּעסט געווען אונטער דער ממשלה פון די פּאָליאַקן. די פרעמדלעכע צפון־שטראַלונג האָט מער געשטאָכן, ווי געוואָרעמט. אַזוי האָט מען זיך אין די ערשטע פּאָר יאָר שטיל אָפּגעטראָגן. די וועגן איבער דער „גרינער גרענעץ״ זענען געווען אומזיכער, געפערלעך. הינטער זיך האָט ער צום לעצטן מאָל געלאָזן — טייבעטשקען, ירחמיאלן. ער האָט געפילט, אַז זיי וועלן זיך שוין אפשר מער קיין מאָל נישט צוזאַמענטרעפן, אַז זייערע וועגן צעגייען זיך אויף

תמיד. מ׳האָט דען נישט געזען וווהין ס׳פירט ? די „באַוועגונג“ ווערט דאָרט לאַנגזאַם, מיט מעטאָד, ליקווידירט. האָט ער דאָרט איין מאָל אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — „עט“... זיך אַפילו מיט קיינעם נישט אָפּגעזעגנט, איז אין אַ פינצעטער נאַכט פאַרשוווּנדן. נאָך גוט, וואָס דאָס יינגל איז כאָטש געקומען אים אויפזוכן.

אַריבערגעקומען בשלום, האָבן זיי זיך דערקריגן ביז ווילנע, מיט אַקס. אויף די באַנען איז געווען געפערלעך צו פאָרן. אַלערליי פאַרדעכטיקע לייט האָבן אָנגעפילט די אַלטע רוסישע וואַגאָנען, אַרומגעבראָכענע, די זיץ־פּלעצער, אויסגעשניטן ווו אַ שטיקל שטאָף, ווו אַ שטיקל לעדער, די שויבן — צעלעכערט פון קוילן־סעריעס. אויף די קליינע סטאַציעס האָבן זיי אָפּגעוואַרט די פוילישע פעלד־זשאַנדאַרמען, מיט די טיף־אַראָפּגערוקטע געקאָוועטע דאַשיקעס, די פּאַסקעס — אונטער די קאַנטיקע געמבעס. זיי האָבן שטרענג קאָנטראָלירט די אויסגעריבענע צאַרישע פּאַספּאָרטן, וואָס זענען טאַקע ס׳רוב געווען פאַלשע, איינגעקויפט פאַר אַ פּאָר רובל אויף די „טאָל־טשאָקן“. די יידן האָבן זיי געשלאָגן מיט די פריקלאַדן, אַוועקגעפירט אין תפיסה, אין קאַראַנטין.

אין ווילנע האָט זיך ליפע צוריק דערוואַרעמט אין מיטן פון קילן פרילינג, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, צוריקגעפונען אַלטע חברים. הירשקע איז שוין דאָ פאַרבליבן. ער האָט נאָר געוואַרט, אַז קאַטיע זאָל אונטערקומען פון „יענער זייט“; און זי איז טאַקע אין גיכן אונטערגעקומען — אַ צעווינטיקטע, אַ ראָזע, מיט אַ בלוי בענדעלע אין די קורץ־געשניטענע בלאָנדע האָר. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שול־דורכצומאַכן דעם שנעלן לערער־קורס און — „גיין אין פאָלק אַריין“.

די שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד און וואָלין האָבן פאַרלאַנגט לערער פאַר דער אָרעמער יידישער פאָלקס־שול. דער לערער־סעמינאַר אין אַלטן קהלה־הויז, קעגנאיבערן גערטל, אויף אָזשעשקאָוואַ 7, האָט אַראָפּגעצויגן צו זיך אַ פרישע, ליכטיקע יידישע יוגנט, ווי אַ מאָל, אָנצושעפּן זיך מיט וויסן, מיט בילדונג, „צו טראָגן עס אין פאָלק אַריין“.

ליפע האָט זיי דאָ איבערגעלאָזן, און אַליין האָט ער זיך באַלד אַראָפּגעכאַפּט קיין וואַרשע; האָט אויך איצט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז שוין געקומען אַ ביסעלע צו שפּעט — ביטערע דיסקוסיעס, שפּאַלטונגען. ס׳איז אים לאַנג נאָכגעגאַנגען דאָס געפיל, אַז אפשר איז ער טאַקע פאַרעלטערט, פון אַן אַנדערן דור. דער שלייער פון אַלערליי שיין־פאַרפּוצטע שקרים האָט גענומען אָפּפאַלן. דאָס האָט ער אַרויסגעטראָגן נאָכן שמועס, „פּאָ דושאַם“, מיטן אַלטן יידישן עסער, ש. אַנ־סקי, אין די שיינע אָטוואָצקער וועלדער, ווו זיי האָבן אָפּגערוט אין יענעם לעצטן זומער. אויך ער איז נאָר־וואָס געקומען אָנצולויפן פון „דאָרט“, אַ מידער, אַ געעלטערטער, מיטן רוסישן מאַנוסקריפּט פון „דיבוק“, פאַרשטעקט אין אַרבל פון שינעל. זיי האָבן לאַנג שפּאַצירט צווישן די שמעקנדיקע סאָסנעס, אין דורכזיכטיקן ליכט־און־שאָטן, ביז ס׳איז אַראָפּגעפאַלן די שיין פון אויפגעפלאַמטע שטערן אונטערן היימישן פוילישן הימל. ס׳האָבן זיך נישט איין מאָל געקרייצט זייערע וואַנדער־וועגן אין דער שווייץ. די ווערטער פון גרויען, דורכגעליטענעם מאַן האָבן אַ קלונג געטון ממש נביאיש :

— אין רויש פון רעוואָלוציאָנערע שטורעמס, מיין פריינד, געשעט עס אַלע מאָל אַזוי — מען רייסט ברוטאַל איבער מיט אַלע אַלטע ווערטן. אין יוגנטלעכן רויש, דוכט זיך אַלץ אָנצוהייבן פון בראשית, אָבער אין דער אמתן...

אים אַליין האָט עס אויך, נאָך יאָרן וואַנדערן אין דער פרעמד, צוריקגעפירט פון קאָסמאָפּאָליטישן רויש — אַהיים, צווישן די צעבראָכענע יידן.

ווען ליפּע איז געקומען מעלדן זיך צום חבר נח, האָט אים יענער עפּעס צו־האַסטיק אָנגעקוקט און צו־האַסטיק אַ זאָג געטון:

— ווערסט נישט טרעפן ווער ס׳איז דאָ אין וואַרשע... ראַפּעס! ער רעדט, הער איך, מאָדנע דיבורים... מ׳ווייסט שוין היינט מער נישט מיט וואָס איינער שמעקט...

און ער האָט אויך ליפּען אָנגעקוקט אַ ביסעלע צו־דורכדרינגלעך, פאַרשעריש. ער האָט לאַנג געשוויגן, ליפּע. די געדיכטע וואַנסן האָבן פאַרדעקט דאָס פאַרביטערטע מויל. ער האָט פאַרשטאַנען. וואָס האָט ער אים דען געהאַט צו דערציילן פון „דאָרט״?

— אַ סך אַלטע רייד פון צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן, רופן היינט אַרויס ביי אונדז אַ פאַרלעגענעם שמייכל — האָבן ליפּעס רייד געקלונגען זייער מאָדנע דעם האַרציקן חבר נח — מיר זענען אָבער אַלץ פאַרוואונדערט פון זייער הויכן גלויבן „אין דער זאַך״. כאָטש די צייט האָט זיי פאַרמעקט, און זיי אַליין — ווו זענען זיי, ווו? אָבער פון די צעפּלאַצטע פאָטאָגראַפיעס קוקן אַראָפּ פאַרגאַפטע בליקן, אָפענע פּני־מער. אין זייער קוק איז פאַראַן עפּעס פאַרביסנס. איך רעספּעקטיר זייער גלויבן אין בעסערן מענטש. כ׳ווייס נישט, אפשר בין איך דערמיט פאַרעלטערט...

נאָך די אומעטיקע רייד, האָט חבר נח אַ פּיר געטון איבער דער פריצישער, גרוילעכער וואַנץ און אַ זאָג געטון, שטיל, ווייך, מעלאַנכאָליש:

— ווער ווייס אָבער וואָס פאַראַ צייטן מיר גייען אַנטקעגן, חבר ליפּע?

ער האָט זיך צוגעקוקט פון דער זייט, ליפּע — אַ נייער, קיין מאָל נישט געזעע־נער אימפּעט האָט זיי געטראָגן, ס׳אונטערגעוואַקסענע יונגוואַרג, מיט מסירת נפש, ביז פאַנאַטיזם. ס׳איז אמת, זיי האָבן גאַרנישט פאַרמאָגט און גאַרנישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן — אויסזיכטלאָזיקייט, אָדער קאַמף פאַר דער נאַקעטער, ביטערער עק־זיסטענץ. ס׳איז אויפגעגאַנגען דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרזייט. ס׳איז אים אַליין אויך ענג געוואָרן אין האַלדז, ווען ער האָט געלאָזן הערן זיין וואָרט אויף די שטורמישע פאַרזאַמלונגען. אַרום האָט געברויזט אַ ניי, אויפגעוואַכט לעבן, נייע פּראָבלעמען. ווי אַ גאַנצע תקופה וואָלט זיך אַריבערגעקייקלט איבער זיין אייגענעם גוף. אין די אויערן האָבן אים נאָך געקלונגען די רייד פון חבר נח: „זיי ווילן אונדז צעברעכן... נייך, מיר וועלן זיך נישט לאָזן צעברעכן״...

אויף די מיטינגען, אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען האָבן די יונגעלייט, די אָפּאָנענטן, געשטורעמט:

— אַוועק די צייטן, ווען דער בונד האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל ווי דער איינציקער פאַרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט...

לויטן באַשלוס פון 19־טן מערץ 1921, האָט דער אויספיר־קאָמיטעט פון „קאָמ־אינטערן״ געשיקט אַ בריוו צום צוזאַמענפאָר פון בונד אין פוילן. ער גיט צו וויסן, אַז ער פאָלגט נאָך אויפמערקזאַם דעם פּראָצעס אין די רייען פון בונד, דאָס אַנטשטיין פון אַ לינקן פליגל, וואָס קעמפט קעגן די רעכטע און קעגן וואַקלדיקן צענטער. „מיט אַ קורצער צייט צוריק — ווערט געזאָגט אינעם בריוו — האָט זיך נאָך געפונען אין דער אָנפירונג וואָל. מעדעם און אַנדערע, וועלכע האָבן פאַרנומען די פּאָזיציע פון רע־פאָרמיסטישן צענטער; אַז אין די אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַטן אין יאָר 1919 האָט דער בונד געשפּילט די ראָלע פון בופער צווישן די רעכטע פּ. פּ. ס. און דער קאָמ.

פאַרטיי. אמת, אַ טייל האָבן אָנערקענט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אָנערקענט די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע, אָבער זיי טוען גאָרנישט פאַר איר פאַרשנעלערונג. ס'איז באַוווסט, אַז פיל פון זיי זענען אויסגעשפּראָכענע אָנהענגער פון 2 און אַ האַלבן אינטערנאַציאָנאַל. דער אויספיר־קאָמיטעט בלייבט ביי זיין שטאַנדפּונקט, אַז דער בונד, אויב ער וויל זיך אָנשליסן אין „קאָמאינטערן", מוז אויספירן אַלע אָנגעם־באַדינגונגען:

פּונקט 1: — אַלע פּרעסע־אָרגאַנען מוזן זיך געפינען אין די הענט פון אויסגעפּרווטע קאָמוניסטן. פּונקט 2: די רעפאָרמיסטן און צענטריסטן דאַרפן באַזייטיקט ווערן פון מער אָדער ווייניקער פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן, ווערן פאַרטראָטן דורך אמתדיקע קאָמוניסטן, אויפן אָרט פון די אָפּאָרטוניסטן אַוועקשטעלן איינפאַכע אַרבעטער פון דער מאַסע. פּונקט 7: אולטימאַטיווע פאָדערונג: פולשטענדיק איבעררייסן, און דאָס אין דער קירצסטער צייט, מיט די פאַרביסענע אָפּאָרטוניסטן. פּונקט 14: דורכפירן אַ וועריפיקאַציע פון מיטגלידער־באַשטאַנד פון אַלע פּאַרטיי־פראַקציעס און קערפּערשאַפטן, און אָן שום אָפּהאַלט באַזייטיקן אַלע נישט־געווונטשענע עלעמענטן. פּונקט 17: ענדערן דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי. פּונקט 20: נישט ווייניקער ווי צוויי־דריטל מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט און פון אַלע וויכטיקע אינסטאַנצן מוזן באַשטיין פון אויסגעפּרווטע קאָמוניסטן. פּונקט 21: די פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע וואַרפן אָפּ פּרינציפּיעל די 21 אָנגעם־באַדינגונגען, דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי. לויטן פּונקט 15, דאַרף דער בונד איבערהויפּט זיך אָפּזאָגן פון אַלטן פּראָגראַם, וואָס פאָדערט נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. די דאָזיקע פאָדערונג באַדייט — דאָס צוזאַמענמישן אַלע קלאַסן, און אָפּזונדערן זיך אַלס קולטורעלע געמיינשאַפט. די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן וועלן געלייזט ווערן נאָך דעם, ווי דער בונד וועט אָננעמען אַלע 21 באַדינגונגען, באַזירט אויף בינדנדיקע באַשלוסן".

דער צ. ק. פון בונד האָט, אַלס ענטפער, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז ער וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ 5 פון די אָנגעם־באַדינגונגען. ער האָפט, אַז דער 3־טער קאָנגרעס וועט רעפאָרמירן דעם גאַנצן „קאָמאינטערן" אויף אַזאַ אופן, אַז דער בונד אַלס גאַנצער, מיט אַלע זיינע שאַטירונגען, זאָל קענען אַריין אין זיין באַשטאַנד. דער צ. ק. פון בונד אָנערקענט, אַז די אַלע באַדינגונגען זענען נישט אָננעמלעך, צוליב דער טענדענץ אָפּצושאַפן די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און דער שפּאַלטונג־סכנה, וואָס עס אַנטהאַלטן די 21 פּונקטן; אַז די פּאָליטיק פון „קאָמאינטערן" איז נישט אין הסכם מיט די גרונט־פּרינציפּן פון דער פּלאַטפאָרם פון 3־טן אינטערנאַציאָנאַל. דער צ. ק. האָט געוואָלט, אויפן וועג פון אוממיטלבאַרע אונטערהאַנדלונגען, זוכן אַן אויסגלייך, אָבער ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן, ווייל דער אויספיר־קאָמיטעט פון „קאָמאינטערן" האָט אין זיין בריוו צום בונדישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון מערץ 1921 געפאָדערט אולטימאַטיוו אַדורכפירן אַלע אָן אויסנאַם אַריינטריט־באַדינגונגען. עס איז נישט פאַרשטענדלעך די ריקזיכטלאָזיקייט לגבי דעם בונד, ווייל אין דער זעלבער צייט — שטעלט פעסט די רעזאָלוציע — האָט דער „קאָמאינטערן" אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מעסיקייט פון טאָלעראַנץ בנוגע די פראַנצויזישע און טשעכאָסלאָוואַקישע קאָמ.־פּאַרטייען. און ווען די איטאַליענישע פּאַרטיי האָט באַשלאָסן איבערצורייסן מיטן „קאָמאינטערן", האָט דער אויספיר־קאָמיטעט אין אַ בריוו צו דער איטאַליענישער פּאַרטיי דערקלערט, אַז ער איז גרייט אַריינצונעמען אין „קאָמאינטערן" די סאָראַטיסטן, דאָס

הייסט די א"ג צענטריסטן אין דער איטאַליענישער פּאַרטיי. דאָס איז אַ באַווייז, אַז דער אויספיר־קאָמיטעט האָט צוויי מאָסן: איינע פאַר די מערב־אייראָפּעאישע פּאַר־טייען, און אַ צווייטע פאַרן בונד; ער שטעמפּלט אַלס רעפאָרמיסטן און קאָנטר־רע־וואָלוציאָנערן די א"ג צענטריסטן פון בונד, הגם קיין אָנהענגער פון צוזאַמענאַרבעט מיט דער יידישער בורזשואַזיע זענען אין בונד נישט בנמצא. דער צ. ק. דערקלערט דעריבער, אַז די פּאַרטיי וועט זיך מיט אַלע מיטלען און מיט דער גאַנצער ענערגיע ווערן קעגן דער טענדענץ; אַז די שפּאַלטונג פון בונד וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס וואָלט פאַקטיש באַזייטיקט געוואָרן פון פּאָליטישן לעבן און געמאַכט אוממעגלעך אַ וועלכן עס איז אָרגאַניזירטן קאַמף פאַר די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע רעכט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אָבער די מינדערהייט פון צ. ק. פון בונד האָט זיך יאָ געשטעלט אויפן שטאַנד־פּונקט פון די 21 אָננעם־באַדינגונגען, מיט דער באַמערקונג, אַז זי איז בלויז טייל־ווייז נישט מסכים מיטן פּונקט 7, אין וועלכן דער „קאָמאינטערן" פאָדערט אולטימאַ־טיוו דאָס איבעררייסן מיטן צענטער. אויך נישט מיטן פּונקט 21, אַז די פּאַרטיי־מיט־גלידער, וואָס וואַרפן אָפּ די פאַרפליכטונגען, דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי. לויט זיי, אַנטהאַלטן די דאָזיקע פּונקטן „די אָפּשאַפונג פון די דעמאָקראַטישע גאַראַנטיעס אין דער פּאַרטיי גופא און די אומבאַדינגטע פאָדערונג פון א שפּאַלטונג". די מינדערהייט לייגט פאָר, אַז דער צ. ק. זאָל פעסטשטעלן, אַז דער „קאָמאינטערן" איז נישט ווי געהעריק אינפאָרמירט און איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות בנוגע אַ ריי פאַקטן.

די מינדערהייט לייגט פאָר, אַז „די פּראָגראַם־רעוויזיע דאַרף זיך אויך באַציען צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין פּראָגראַם פון בונד, וועלכער דאַרף געבראַכט ווערן אין איינקלאַנג מיט דער אַלגעמיין־פּאָליטישער שטעלונג פון דער פּאַרטיי". די צע־טיילונג אויף נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס וועט נאָר אַרויסרופן פאַרשאַרפונג פון די נאַ־ציאָנאַלע רייבונגען אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס און ברענגט נאָר נוצן דער בור־זשואַזיע. דורך פולשטענדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער צוזאַמענגיסונג, דאַרף אויסגע־בילדעט ווערן אַן איינהייטלעכער צענטראַליזירטער קלאַסן־פּאַראיין פון אינדוסטריעלן אַרבעטער אין לאַנד. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין פוילן האָט הינטער זיך אַ זייער רייכע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, ער זאָל זיך לאָזן פון די אָפּאָרטוניס־טיש־געשטימטע פירער אַריינפירן אין אַ טעמפּן ווינקל.

דאָס איז געווען די קאָמוניסטישע פראַקציע, אין קאַמף צו געווינען די מערהייט פון דער פּאַרטיי, דערפירן צום אָנשלוס פון בונד אין „קאָמאינטערן". די פראַקציע האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז די שפּאַלטונג דאַרף נישט פאָרקומען אויפן צוזאַמענפאָר, ווייל דאָס וואָלט דערפירט דערצו, אַז די דעלעגאַטן וואָלטן אויפן אָרט אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. בעסער דורכפירן די שפּאַלטונג אויף די פאַרזאַמלונגען פון די אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. פאַרן שלוס, האָט אַ פאָרשטייער פון דער פראַק־ציע איבערגעלייענט אַ דעקלאַראַציע, אַז דער צוזאַמענפאָר איז געווען אַ פיקציע, אַז דער דעלעגאַטן־באַשטאַנד אַנטשפּרעכט נישט די פאַקטישע שאַטירונגען אין בונד, אַז די פראַקציע נעמט זיך דאָס רעכט איבערצוטראָגן די פראַגע צו דיסקוטירן און באַ־שליסן אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס.

באַלד נאָכן צוזאַמענפאָר איז פאַררופן געוואָרן אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון די פראַק־

ציעס און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע — אַ „קאָמבונד״, מיטן אויסשליסלעכן ציל צו באַקעמפן יעטוועדע טענדענץ פון אויטאָנאָמיזם און סעפּאַראַטיזם, דערנענטערן די יידישע אַרבעטער צום געמיינזאַמען קאַמף מיטן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אין לאַנד. די יידישע אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון דער קאָמ. פּאַרטיי האָט צוגעהאָלפן אויספּאָרמירן די פּראַקציע, אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט דער בונדישער טענדענץ פון אַ באַזונדערע יידישער אָרגאַניזאַציע, קעגן דער בונדישער שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין משך פון זעקס חדשים איז דער „קאָמבונד״ אויסגעוואַקסן, מיט טויזנטער מיטגלידער אין וואַרשע און אין דער פּראָווינץ. באַלד איז מען צוגעטראָטן צו אַ ברייטער ענערגישער קאַמפּאַניע, צו פאַר־אייניקן די באַזונדערע פּראָפ. פאַראיינען פון יידישן און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט.

ס׳זענען געשטורעמט געוואָרן די פּראָפ. פאַראיינען פון טעקסטיל, לעדער, אַפילו דער נאָדל־פאַראיין, וואָס איז אָבער אין דער גרעסטער מערהייט פאַרבליבן בונדיש. אָט איז דער שוואַרצער אַביש געגאַנגען צום מאַסן־מיטינג, גערופן אין קאַ־מינסקי־טעאַטער, אויף דער קאַראַוועגאַס, ביי דער ווייסל. דער רונדער זאַל אין ד׳ער אַלטער צירק־געביידע, די נידעריקע גאַלעריעס, האָבן זיך געבראָכן פון וואַרשעווער יידישן נאָדל־פּראָלעטאַריאַט. הערשל הימלפאַרב, אַ יונגער, מיט אַ פלאַמיקער טשופּרינע, האָט געפירט דעם פאָרזיץ. ער האָט אָפּגעזאָגט צו געבן אַ וואָרט דעם געלן איטשע, פון דאַמען־פאַך, דעם פאַרשטייער פון דער „רויטער״ פראַקציע. יענער האָט דורכאויס פאַרלאַנגט: „כ׳לייג פאָר — האָט דער געלער איטשע פאַרלאַנגט — אַרויפצושטעלן אַ פּונקט אויף דער טאָג־אָרדענונג: די פּאָליטישע סיטואַציע אין לאַנד״. אין דער צייט, ווען דער זאַל איז פול געווען מיט נישטערנדיקע אויגן פון שפּיצלעס. ס׳האָט געהייסן — צעברעכן די אָרגאַניזאַציע. די גאַלעריע האָט געשטו־רעמט, עס זענען געפלויגן בענקלעך, פויסטן זענען געפאַלן, ביז די פאַרזאַמלונג איז אויפגעלייזט געוואָרן.

אַביש איז אַוועק מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. ס׳איז אָנגעלאָפן די ווייסע רוזשע פון טעקסטיל, אַ צערויטלטע, אַ פאַרפלאַמטע, האָט אים האַסטיק אָפּגעשטעקט אין האַנט אַריין אַ בלעטל: „נעם, לייען עס איבער, חבר — האָט זי אים צוגעוואָרפן מיט איר שיינעם פּיסק, אָן אַ ברעקל שמייכל — און גיב עס איבער אַ צווייטן״.

מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער אויפגעוויקלט דאָס בלעטל. ס׳איז געווען אַן אויפרוף, ווו עס זענען שאַרף דעמאַסקירט געוואָרן די „מאַנעוורן פון די רעכטע פירער פון בונד אַרום דער פראַגע פון די 21 פּונקטן פון „קאָמאינטערן״. און ער האָט, דעם אמת געזאָגט, גאָר שטילערהייט געהאַט אַ שטיקל סימפּאַטיע צו דער ווייסער רוזשקע, דווקא מיט איר גרויס מויל, מיט איר געזונט, פאַרשייט געלעכטער. ס׳איז אים אַ ביסל נישט אָנגענעם געווען. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען און אים אָנגעקוקט.

— שיין זעען מיר אויס, אַ ?... אונדזערע פירער מאַנעווירן ! אַפילו די כמורנער־גרופּע פאַרמאַכט דעם וועג, דעם ברייטן שליאַך, צו דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער, באמת רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער מיר וועלן נישט אָפּשטיין !

— אָבער ווי, פרעג איך, קען מען אַלץ צעברעכן, זיך אָפּזאָגן פון אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער ?

זי האָט גאָרנישט מער געוואָלט הערן, אָנגעקוקט אים מיט חוזק, אַ מאַך געטון מיט הענטל; איז באַלד געלאָפן פון איינעם צו אַנדערן, אָפּשטעקן די בלעטלעך, אויס־

געמישט מיטן שטראָמענדיקן עולם פון דער אויפגעלייזטער פאַרזאַמלונג. און ווען חבר ליפּע איז אונטערגעקומען, האָט זיך אַביש אַ רגע פאַרהאַלטן, פאַרשולדיקט, פאַר־לוירן, ווי ער וואָלט געזוכט אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן אין זיין גרויסער צערודערונג.

— מ׳האָט איך, הער איך, צוגעטיילט פון דער צענטראַלע צו דער יוגנט־דעלע־גאַציע קיין מאָסקווע, צום יוגנט־קאָנגרעס. יאָ, די טרויעריקע „21 פּונקטן"... פּאַרט, חבר אַביש, פּאַרט, הערט זיך דאָרט גוט צו און זעט אַלץ מיט די אייגענע אויגן...

און ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט, צי קיינער האָט דאָ אַ מאָל נישט אונטערגעהערט.

•

קאַפּיטל פופצן

אַרום די „21 פּונקטן"

די דעלעגאַציעס זענען טאַקע אין גיכן אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע, אָבער ביי יעדערן פון זיי איז גלייך געווען עפּעס אַ שווער געמיט; מ׳האָט זיך באַלד דערפילט אין דער סביבה פון ליקווידאַטאָרן. דורך פאַרשיידענע אומוועגן, שטאַרק פאַרקאָנס־פּירירט, האָבן זיי געצויגן צו דער איינציקער שפּאַרע אין לאַנד, צו דער פריי־שטאָט דאַנציק. דער טעכנישער אַפּאַראַט האָט ביי קאַראַלן גענומען אַ פאָטאָגראַפיע און אין איינע 24 שעה צוגעשטעלט אים אַ פאַלשן פּאַספּאָרט. קיין דאַנציק האָט זיך קאַראַל דערנאָך פיל מאָל אומגעקערט. ער האָט דאָ נישט בדעה געהאַט לאַנג צו פאַרבלייבן. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט עטלעכע דאַנציקער פּאַרט־אַרבעטער פון „ספּאַרטאַ־קוס־בונד". זיי האָבן געהאַט אַ באַשטימטע מאַרקסיסטישע אויסבילדונג. איינער, קאַמעראַד האַנס, האָט אים אַפילו אָפּגעגעבן זיין „פּערסאָנאַל־אויסווייז", אים באַגלייט ביזן פּאַסאַזשיר־דאַמפער, וואָס האָט אים אָוועקגעפירט קיין שטעטין. די פּאָר דאַנצי־קער גולדן האָט ער אויסגעגעבן אויף דער שיף. אין בערלין האָט מען נאָך געפילט די לעצטע קאָנוולסיעס פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע. ס׳האָט געבליט די דעוואַ־לואַציע, די שפּעקולאַציע. אין די עטלעכע טעג אין בערלין האָט ער נאָך באַוויזן אין „ראָמאַנישן קאַפע" צו נעמען אַ וואָרט אין אַ וויכוח וועגן „בונדיזם און טעריטאָריאַ־ליזם" מיט ד״ר סינגאַלאָווסקי, אַ פירער פון דער אונטערגעגאַנגענער פּאַרטיי „פאַר־איייניקטע". אין בערלין האָט קאַראַל אויך אָפּגעשטעקט דעם פּוילישן פּאַס ביי חברים, באַקומען פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אַ פאַלשן פּאַס אויף עפּעס אַ נאָמען, וואָס ער האָט אים בשום אופן נישט געקענט איינחזרן. פון שטעטין האָט זיך די אַלטע טראַנספּאָרט־שיף עטלעכע טעג געשאָקלט איבערן שטורמישן באַלטיק, ביז רעוועל, ביז צו די ברעגן פון לענינגראַד. אויף דער שיף האָט מען ביי אים צוגעגנבעט דאָס רעשט ביסל זאַכן פון זיין אָרעמער וואַליזע, אָבער ס׳האָט אים נישט געאַרט. מ׳האָט בכלל נישט געזאָרגט; מ׳איז דאָך געפאָרן אין לאַנד, וווּ די „קאָמונע" האַלט שוין לענ־

גער ווי 70 טעג, נישט ווי די פּאַריזער „קאָמונע". איבער די קוימענס פון דער שיף האָט געפלאַטערט די רויטע פאָן. מ'האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, באַגלייט פון האַרמשאָקעס. ס'איז געווען אויפן זעקסטן, אָדער אויפן זיבעטן טאָג, ווען זיי זענען אַריינגעפאָרן אין „באַלטישן פּאָרט". אויסגעלאָדן האָט מען זיי ערשט אין דער פרי. אין דער ווייסער נאַכט האָט ער נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. אַ לינד ווינטל האָט געצויגן פון ברעג. סילועטן האָבן געבלאַנדזשעט אויף די בריקן און זעלטן ווען — פייערלעך אין דער אויסגעלאָשענער שטאָט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

איינקוואַרטירט האָט מען די דעלעגאַטן פון פוילן אין גרויסן האָטעל „אַסטאָר־יאַ", אַנטקעגן איסאַקאַווסקי סאָבאָר. בייטאָג האָט מען זיך באַנדעסווייז אַרויסגעלאָזן אויף לאַנגע שפּאַצירן, ביז דער פאָנטאַנקע. די אייזערנע פאַרענטשעס ביי די קאַנאַלן — אַרומגעבראָכן. די ברוקן — פאַרזייט מיט שאָלעכצן פון סעמעטשקעס. פאַרקלאַפּטע קראָמען, די שוי־פענצטער — אויסגעהאַקט. דער „אַפּראַקסין־רינאָק" — פאַרוואַקסן מיט ווילד־גראָז. איבער די פּראָספּעקטן איז געשוועמען אַ גרויער עולם; סאָלדאַטן מיט אויפגעשטאָכענע באַיאָנעטן האָבן אין ברייטע שורות אַראָפּמאַרשירט דעם ניעווסקי פּראָספּעקט, ביז ליטייני, ביז באַסיינע. פאַרנאַכט זענען זיי שוין געזעסן אין קאַפּע פון אינטערנאַציאָנאַלן צוג, וואָס האָט זיי געבראַכט קיין מאָסקווע. אויפן וועג האָט מען זיי אַרויסגעגעבן פון מאַגאַזין ברויט מיט געטרוקנטע הערינג. אויף יעדער סטאַנציע איז מען געלאָפן אין וואָקזאַל נאָך הייס וואַסער, „קיפּיאַטאָק". עטלעכע מעת לעת האָט מען זיך געשלעפּט. מ'איז אָפּט שטעקן־געבליבן צווישן פאַרשנייטע וועלדער, אין מערץ־זאַווײ.

פון מאָסקווער וואָקזאַל האָט מען די דעלעגאַטן אָפּגעפירט אין „דריטן הויז פון די סאָוויעטן". דאָרט איז מען געשלאָפן אויף נאַרעס, געגעסן אין אַ „סטאָלאָווקע". מ'האָט שוין צווישן אַנגעפאַרענעם עולם צו ביסלעך דיסקוטירט וועגן דער פּלאַטפאָרם פון דער לינקער אָפּאָזיציע, אָבער וועגן „נעפּ" האָט קיינער הויך אויפן קול אַ וואָרט נישט געלאָזן פאַלן. מ'האָט זיך נאָר געשושקעט:

— איינפירן אַ טיילווייזן פּריוואַטן מאַרק, מילא... אָבער דאָס טאָר נישט שאַפן דעם איינדרוק פון שוואַכקייט...

— ס'זאָל נישט דערפירן אַ מאָל צו מלוכה־קאַפּיטאַליזם...

דעם פּראָבלעם ווי אַזוי צו פאַרטיילן 10 פאַר שטיוול פאַר 100 מענטשן, האָט לעניך באַשלאָסן צו לייזן נישט אויף דעם אופן, ווי ס'האָבן זיך אַוודאי פאַרגעשטעלט די נאַיווע רעוואָלוציאָנערע טרוימער. אין שטיוול זענען קודם כל געוואָרן אַנגעטון די ג.פּ.או.־לייט, די הויכע פונקציאָנערן. ס'זענען אויסגעפאַלן די פייערונגען צום יאָרטאָג פון דער פּאַריזער קאָמונע. ריאַזאַנאָוו, דער באַרימטער מאַרקסיסט, האָט אין קאָלאָנען־זאַל, פאַר אַ ים קעפּ, אַנאַליזירט די שוואַכע זייטן פון דער פּאַריזער קאָמונע: זי האָט נישט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, נישט געשטיצט זיך אויפן פּראָלעטאַריאַט, אויפן פּויערטום.

אין פול־אָנגעפּראָפּטן זאַל, איינגעטונקט אין רויטע פענער, האָבן זיך פאַרזאַמלט דעלעגאַציעס פון אַלע עקן וועלט. די ווענדונגען פון דער „צוקונפט" און פון באָראָכאָוויסטישן „יוגנט"־פאַרבאַנד אין פוילן, אָנגענומען צו ווערן אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, זענען צום סאַמע לעצט, אין גרויס איילעניש, באַטראַכט געוואָרן דורך דער ספּעציעלער קאָמיסיע. דער פּאָרזיצער, אַ פאָרשטייער פון עסטרייכישן יוגנט־

פאַרבאַנד, לויטן נאָמען שילער, א קורץ־געשווירענער, האָט די פראַגע רעפערירט פאַרן פלענום פון קאָנגרעס. ביי דער זייט — יוגנט־פאַרשטייער פון דער „יעווסעקציע", אַ פאַרשטייער פון דער פוילישער קאָמ. פּאַרטיי און דער דעלעגאַט פון די פועלי ציון, אַלסקי (אַלפרעד לאַמפּע). עס זענען, הייסט עס, געווען דריי שטאַנדפונקטן : אַ בונדישער, א פועלי ציוניסטישער און אַ „יעווסעקישער"; לויט די „יעווסעקעס", האָבן די יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס תיכף באַדאַרפט אויפהערן צו עקזיסטירן, אַריינגיסן זיך אין אַלגעמיינעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. דער שטרייט האָט זיך בעיקר געפירט אַרום דער מאָס פון אויטאָנאָמיע פון דער יידישער יוגנט. דער רעפערענט, שילער, האָט אָבער דורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז ס'איז בכלל נישטאָ קיין ספּעציפישע יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע.

נאָך שילערן, איז אויף דער טריבונע אַרויף וויקטאָר אַלטער. זיין נידעריק־געשווירענער קאָפּ, ווי אַ באַרשט, האָט דרייסט, עטוואָס איראָניש, אַ באַקוק געטון דעם זאַל. ער האָט רואיק, זייער זאַכלעך, באַגרינדעט דעם שטאַנדפּונקט איינצוהאַלטן אַ יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, האָט אויפגעפּלאָנטערט דעם גאַנצן קנויל פון נאַציאָנאַלע פראַגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס שילער האָט זיי, לויט אים, אויף אַ פּרימיטיוון, סכעמאַטישן אופן אָוועקגעשטעלט.

דער דריטער רעדנער, קאַראַל, פאַרשטייער פון דער באַראַכאָוויסטישער יוגנט אין פוילן, האָט לגמרי אויסגעמיטן דעם פּאַלעסטיניזם, ווי אַ לייזונג, נאָר בלויז גערעדט וועגן דער אומנאָרמאַלער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן, וועגן דער נויטווענדיקייט צו זוכן אַ לייזונג. דאָס קראַוואַטל איז אים פאַרפאַרן אין אַ זייט, אַזוי צעשטרייט איז ער געווען; מען וויס נישט פאַר וואָס. באַלד דערנאָך איז געקומען אָן איבעררייס פון די דעבאַטן. חבר אַביש האָט, אין נאָמען פון דער „צוקונפט"־דעלעגאַציע פאַרלאַנגט, אַז דער ענין זאָל אַלזייטיק אויפגעקלערט ווערן; נאָר קיינער האָט אים שוין נישט געהערט. אין דער לעצטער רגע, אָן דעם וויסן פון דער קאָמיסיע, זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן וועזנטלעכע ענדערונגען. די רעזאָלוציע האָט אָפּגעוואָרפן סיי די פאַרשלאָגן פון דער „צוקונפט", סיי די פאַרשלאָגן פון דער פועלי ציון־יוגנט. דער קאָנגרעס פון יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, איז דאָרט געזאָגט געוואָרן, האַלט אַז די בונדישע פאָדערונגען זענען רעפאָרמיסטיש, נאַציאָנאַליסטיש און וואָרפט זיי אָנטשיידן אָפּ. קלאָר : אויב די יידישע אַרבעטער־יוגנט וויל זיך אָנשליסן אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, מוז זי קודם אַדורכפירן סיי אַן אידייאישע, סיי אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבסט־ליקווידאַציע. די דעלעגאַטן פון פיל לענדער, צווישן זיי — נישט ווייניק אַסימילירטע יידן, האָבן געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע אַנונג וועגן לעבן פון די יידישע מאַסן, האָבן אָפּעורירט מיט ווולגאַרע אַרגומענטן. אָבער סיי ווי האָט די מיינונג פון די דעלעגאַטן נישט געקענט זיין מאַסגעבנדיק.

אין קילן רוסישן אַפּריל האָבן הונדערטער דעלעגאַטן אָנגעפילט די אַלטע, מאַסיווע האָטעל־פּאַלאַצן, געבויט ווי פעסטונגען. אַלערליי לשונות האָבן געקלונגען אין די לאַנגע קאָרידאָרן, אין די הויכע זאַלן צווישן קאָלאָנאַדעס. אין די קאָאָפּעראַטיוון, און אַפילו אויף די „טאָלטשאָקן", איז אין יענעם יאָר כמעט גאָרנישט געווען צו באַקומען; אָבער פאַר די דעלעגאַטן איז צוגעטיילט געוואָרן נישט קיין שלעכטער „פּאַיאָק". אין אָוונט האָט מען צוגעטיילט בילעטן אויף די שענסטע פּלעצער אין די טעאַטערס „מאַלי", „באָלשאָי". באַלערינעס האָבן געטאַנצט אין דער „שוואַנען אָזיערע",

אין „באַכטשיסאַראַיער פאָנטאַן“. די מאָסקווער גאַסן זענען אָונט־צייט געווען אויסגעלאָשן, טיר און טויער — פאַרקלאַפּט. אָבער דאָ באַלד, נישט ווייט פון קאָנגרעסזאַל, האָט געזשומעט אַ קליינע, פאַרשטעקטע באָהעמען־קאַפּע, ביי פאַרטונקלטע ליכטער; אַ מין קאַבאַרעט. מ׳האָט זיך שטיל איינגערוימט, אַז פאַר אַ זייטיק אונטערגערוקטער מטבע, איבערהויפּט אין פרעמדער וואַלוטע, קען מען באַקומען „וואָדקאַ“, שוואַרצע קאַפּע פון עפּעס אַ האַרבן, זויערלעכן טעם, אַפילו קאַוויאַר. ס׳האָבן געגרימפּלט ציגיינערישע באַלאַלייקעס. דער שמאָלער, לענגלעכער זאַל, דעקאָרירט מיט משונהדיקע פוטוריסטישע געמעלן אויף די ווענט, פון אויבן ביז אַראָפּ, איז געשווומען אין מאַכאָרקע־רויך. דער פּאָעט פון „וואָלקן אין הויזן“, וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, האָט פון דער קליינער טריבונע געלייענט זיינע עקסטראַוואַגאַנטע פערזן; נאָך אים — דער דאָרפישער פּאָעט מיט דער העל־בלאָנדער טשופּרינע, סערגיי יעסיענין. ס׳איז אַ חרפּה געווען עס מודה צו זיין פאַר זיך אַליין, אָבער נישט ווילנדיק האָט מען דערפילט אַ מין נאָסטאַלגיע נאָך די רוישיקע קאַפּיטאַליסטישע, נאָך־מלחמהדיקע שטעט אין „פאַרפוילטן“ מערב, אין ליכטיקן גערויש פון דזשאַז, לוקסוס, און — הונגער־דעמאָנסטראַציעס...

און אין דער טיף פון האַלב־פאַרשאָטנטן זאַל, אין דער מיט פון דער פאַרטונקלטער מאָסקווע, זענען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ביי אויסגעקילטע טעפּלעך קאַפּע, געזעסן: נאַגלער, סערפּאָוו, ביר־ראַפּאַלקעס און בעלאַ קון.

— מיר זענען פיר יידן... — האָט זיך בעלאַ קון צולעצט אָפּגערופן, אָפּקלאַפּנדיק אויף דר׳ערד איבער אַ האַלבן פּאַפּיראָס, וואָס האָט זיך אַליין אויסגערויכערט צווישן זיינע פאַרגעלטע פינגער — נאָך אַלעמען... קענען מיר רעדן אָפענע רייד. זאָגט, אין וואָס, אייגנטלעך, גייט עס אייך ?

די איבעריקע האָבן לאַנג געשוויגן, האָבן צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז אפשר דאַרף מען זיך דאָ צופיל נישט אַרויסכאַפּן. אָבער אָפּגערופן האָט זיך אומגעריכט די פרוי פון בעלאַ קון, אַ קליינע, פאַרכאַפּנדיקע ברונעטקע :

— איר שוויגט, און איך האַלט, אַז יעדעס פאָלק דאַרף זאָרגן פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און פאַרן קאָמוניזם אין דער אייגענער היים...

ווי זי וואָלט אַרויסגעכאַפּט די ווערטער פון זייער מויל. אַלע האָבן זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט, אויך דער אייגענער מאַן, וועלכער האָט נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעשפּילט אַזא טראַגיש־העראָישע היסטאָרישע ראָלע אין דער דורכגעפאַלענער אונגאַרישער רעוואָלוציע. דערנאָך זענען שוין פון אַלע זייטן געפאַלן אויף בעלאַ קון ענטפערס, וואָס האָבן געקלונגען ווי טענות :

— דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „קאָמאינטערן“ האָט באַפולמעכטיקט ראַדעקן זיך צו באַקענען מיט אונדזער מעמאָראַנדום. ר׳האָט עס פאַרשטאַנען, דער גאַליציאַנער ייד, אָבער פון פרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט קען ער נישט מסכים זיין, וואָס די פּועלי ציון רופן די יידישע מאַסן צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע. אמת, זאָגט ער — ספּעציפישע באַדינגונגען... באַשעפטיקטע אין דער פּעריפעריע פון דער ווירטשאַפט... קלאַסן־באַדנלאָזיקייט... אָבער מיטן אַנטשטיין פון דער סאָוויעטישער אינטערנאַציאָנאַלער רעפּובליק, וועלן די יידישע מאַסן אַריבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, מער נישט זיין געצוווּנגען צו עמיגרירן...

— אָבער די יידישע אַסימילירטע אינטעליגענץ אין די רייען פון דער פּוילישער

פּאַרטיי פירט אַ פּאָליטיק פון אויסבאַהאַלטן זיך; מען מוז, לײדער, מיט צער פעסט־שטעלן, אַז די פּוילישע פּאַרטיי איז אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם. דעם 1־טן מאַי האָט מען געשלאָגן יידישע אַרבעטער אויפן טעאַטער־פּלאַץ אין וואַרשע, בלוט האָט זיך געגאָסן, און די פּוילישע אַרבעטער האָבן אונדז נישט פאַרטיידיקט. און דווקא די דאָזיקע יידן ווילן נישט אָנערקענען, אַז דער יידישער אַרבעטער איז אַ פּאַריער, אַפּילו צווישן די אַרבעטער פון די פעלקער...

— די פּוילישע דעלעגאַציע האָט אין אַ בריוו געשריבן: „בנוגע אייער מעלדונג וועגן אַריינטריט אין אונדזער דעלעגאַציע צום 3־טן קאָנגרעס, גיבן מיר אייך אַ נעגאַטיווע תשובה. מיר דריקן אויס אונדזער פאַרוואונדערונג, ווייל איר ווייסט אונדזער שטעלונג צו דער אידעאָלאָגיע און טעטיקייט פון אייער פּאַרטיי אין פּוילן. דער פאַקט, וואָס איר רעזערווירט זיך דאָס רעכט צו שטיין אונטער דער דיסציפּלין פון פאַרבאַנד פּועלי ציון אין דער פראַגע פון דער פּאָליטיק פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייזט אויף אַ בולטן אופן, אַז איר זענט נאָך ווייט פון קאָמוניזם”...

און דאָ איז קאַראָל געקומען און, אַ ביסל צוריקגעהאַלטן, אָבער גאַנץ אָפן, דערקלערט דעם סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד־ביוראָ, פּאַרזיצער פון דער דעלעגאַציע:

— איך קען מער נישט פאַרטיידיקן די ענינים פון אונדזער יידישער יוגנט אין פּוילן, ווייל איך האָב זיך איבערצייגט, אַז די קאָמוניסטישע יוגנט איז גערעכט און נישט — מיר. ס'איז נישטאָ קיין באַדערפעניש אין דער עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע. במילא איז אויך דער געדאַנק פון דער קאָנצענטראַציע אין פּאַלעסטינע נאָר אַ טעאָריע און האָט נישט קיין שום האַפט. בעט איך מיר באַפרייען פון מיין אויפגאַבע...

— איך קען דיר דערוויילט נישט באַפרייען — האָט אים חבר ניר־ראַפאַלקעס זייער געלאַסן געענטפערט — ווייל איך האָב אויף דיר די אויפגאַבע נישט אַרויפגעלייגט. נאָר די יוגנט אין פּוילן קען דיך צוריקרופן. כ'וועל זיך פאַרבינדן מיט וואַרשע מ'זאָל אויף דיין אָרט צושיקן אַן אַנדערן פאַרשטייער פון דער באָראָכאָוויסטישער יוגנט אין פּוילן.

דער קלוגער בליק פון חבר ניר, אַ געניטער, אַן אויסגעפּרוּווטער, האָט אים זייטיק אָפּגעמאָסטן, ר'האָט זייטיק געלאָזן פאַלן: „זיי זענען מיט אונדז, נאָר שטילערהייט פאַרבינדן זיי זיך מיט די ליקווידאַטאָרן”. נישט אים, קאַראָלן, האָט ער אין דעם מאָמענט געמיינט. פאַרקערט, ס'איז אים דווקא געפעלן די פּשוטע אויפריכטיקייט, מיט וועלכער ער איז געקומען אים מעלדן, אַז ער קען נישט מער.

מער האָט ער טאַקע נישט געקענט, קאַראָל. ס'געוויסן האָט אים די לעצטע וואָכן שטאַרק געפּייניקט. פאַרבלייבן אין אַזאַ אומאַנגענעמער סיטואַציע איז געווען פּריקרע, נישט ערלעך. אין די אויערן האָט אים נאָך לאַנג געקלונגען — „דער היסטאָרישער באָראָכאָוויסטישער פּראַגנאָז”... פון הינטער דער פּלייצע האָט ער אָבער אַלץ פאַרנומען די ביטערלעכע רייד פון אַלטן אַרבעטער־טוער:

— איך באַצי זיך בכלל מיט גרויסע ספקות צו אונדזערע יונגע חברים. זייערע איבערצייגונגען זענען נאָך נישט קיין געזעצטע. די קאָמוניסטישע, ברייטע, אויפגייענדיקע וועלט גלאַנצט מיט אַזוי פיל פּערספּעקטיוון, מיט אַזוי פיל מעגלעכקייטן, אַז כ'האָב נישט די זיכערקייט, צי זיי וועלן „אויסהאַלטן יידישקייט”. אָבער דווקא אַט די יידישקייט וועט זיי נאָך אַ מאָל צוריקברענגען...

נאָכן „אויפדעקן די קאָרטן" — ווי קאַראָל האָט זיך שטיל געזאָגט — איז פון פוילן, אין גרויס איילעניש, געקומען אַנצופאָרן שאול אַמסטערדאַם, זייער אַ פלינקער, זייער אַ פעאיקער; און ווען מ'האָט ביי חבר ניר אַ פרעג געטון פון דער זייט, צי ער האָט נישט אַ מאָל חשדים אויף בנוגע אים, האָט ער קלוג געלאָזן פאַלן:

— אַז מיר וועלן צוזאַמען אַרבעטן צען יאָר און האָבן „אויפגעגעסן אַ פוד זאַלץ", וועלן מיר זען...

אָבער אין מאָסקווע האָט זיך קאַראָל אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט, שוין נאָכן קאָנגרעס. דער באַשלוס זיינער „אויפצודעקן די קאָרטן", איז געקומען טאַקע נאָכן צוזאַמענטרעפן זיך, ערב דער דערעפענונג פון קאָנגרעס, מיט די פאָרשטייער פון דער ייד.־ביוראָ, די „געלערנטע יידן", ווי ניר האָט זיי אָנגערופן. עס זענען נאָך דע־מאָלט געפאַלן פריינטלעכע רייד; אָבער די אַטמאָספער האָט זיך אין גיכן שטאַרק אָפּ־געקילט. ניר איז אַנטשלאָסן פאַרבליבןביים זייניקן. עס זענען געווען פאַרזאַמלט אסתר פרומקינאַ, ליטוואַקטאָוו, מערעזשין, דימאַנשטיין, טייבעטשקע; די מערסטע — נאָר וואָס אָפּגעריסענע פון די ראַנד־פּאַרטייען. „מיר האָבן ליקווידירט די יידישע קהילות און בכלל אַלע פאַרעלטערטע יידישע אינסטיטוציעס"... — האָבן זיי דאָרט געמאַכט וויכטיקע אויספירן

— מיר הערן אַלץ וואָס איר האָט ליקווידירט — האָט ניר באַזאַכט געפרעגט — וואָלט אינטערעסאַנט געווען צו הערן, וואָס איר האָט געשאַפן ?

— וויבאַלד — האָבן זיי אָנגעקעמאַכט — אַז אונדזער ציל וועט דערגרייכט ווערן מיטן נצחון פון דער וועלט־רעוואָלוציע, דאַרפן מיר לעת־עתה העלפן בלויז דער רע־וואָלוציע אין די לענדער, ווו מיר לעבן.

וועגן איבעריקן קאָמפּלעקס יידישע פּראָבלעמען, האָבן זיי אַפילו מער נישט געוואָלט הערן; ס'האָט פלוצעם געוויי‌עט אַ קעלט פון זייערע אַלעמענס רייד. אין רע־דאַקציע „עמעס" האָט נירן אויפגענומען איינער פון דער ייד.־סעקציע, טשעמעריג־סקי; קיל, טרוקן, מיט אַ האַלב אויער, האָט ער אויסגעהערט וועגן לעבן פון יידן אין פוילן, וועגן דער געוואַלדיקער ענערגיע, וואָס קאָכט דאָרט, אין קאַמף פאַר יידישער קולטור.

— די יידישע שפּראַך און קולטור זענען ביי אונדז נישט קיין ציל פאַר זיך — האָט אים טשעמערינסקי ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער — זי איז נאָר אַ מיטל אַריינצוציען די יידישע מאַסן אין אַלגעמיינעם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישער בוי־אונג אין לאַנד...

די דירעקטיוון פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „קאָמאינטערן" זענען געווען שטרענגע, פאָרמעלע : 1) מותּר זיין אויף ארץ ישראל, ווי אויף אַ זעלבשטענדיקן פונקט אין פּראָגראַם; 2) ליקווידירן דעם וועלט־פאַרבאַנד; 3) אַנשליסן זיך ווי סעק־ציעס אין די אָרטיקע קאָמ.־פּאַרטייען.

ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן עפּעס אָפּצושרייען. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער גאַנצער משא ומתן מיטן „קאָמאינטערן". די דעלעגאַציע האָט נאָך געוואַרט אַ פּאָר טעג. אַז אפשר וועלן זיי איינגעלאַדן ווערן פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, ס'זאָל זיי געגעבן ווערן די מעגלעכקייט אויסצולייגן נאָך אַ מאָל זייערע טענות. אָבער אין עק־זעקוטיוו־קאָמיטעט זענען זיי פאַרבליבן פאַרעקשנט און אומקאָמפּראָמיסלעך אין זייערע פאָדערונגען.

דער מאַן מיטן רויטלעכן יעזשל אויפן נידעריק־געשוירענעם קאָפּ, ניר ראַפאַלקעס, אַ געניטער יוריסט, אַ שטרענגער לאָגיקער, האָט עס נאָר פאַר זיך אַליין געוואָלט באַנעמען — ווו, אייגנטלעך, שטעקט דאָ ערגעץ די גרויסע טראַגיק אונדזערע? פאַר וואָס, פרעגט זיך, וויל מען אונדז בשום אופן נישט פאַרשטיין? פאַר וואָס פאַרשטייען מיר זיך אַליין אַזוי ווייניק? נישט קיין פאַרביטערונג איז געווען אין זיין רעדן און שרייבן צו די, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון שיינע אילוזיעס, שוין נישט רעדנדיק פון אַזעלכע, וואָס האָבן דאָ באַלד דערשמעקט קאַריערע. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די פייערלעכע דערקלערונגען:

— מיר זענען מאַרקסיסטן, נישט דערפאַר, צי מען אָנערקענט אונדז יאָ, אָדער נישט. מיר זענען מאַרקסיסטן, ווייל מיר אָנערקענען, אַז נאָר דורכן מאַרקסיזם קען געפונען ווערן די ריכטיקע לייזונג פאַר די אָנגעווייטיקטע פראַגן אין דערווירקלעכקייט פון יידישן אַרבעטס־מענטש. מיר אָנערקענען דעם אינטערנאַציאָנאַל נישט דערפאַר, וואָס ער אָנערקענט אונדז יאָ, אָדער נישט. אונדזער מאַרקסיסטישער געדאַנק איז די דירעקטע מסקנה נישט פון אויסערלעכע דערשיינונגען, נאָר פון טיפן באַוווסטזיין.

די דיאַלאָגן, סיי אין די קוליסן פון קאָלאָנען־זאַל, סיי אין דער באָהעמען־קאַפע, ביים גרימפּלען פון די ציגיינערישע באַלאַלייקעס, סיי אָפיציעל, מיטן אויספיר־קאָמיטעט, זענען געווען דראַמאַטישע, טראַגישע.

— מיר אָנערקענען, אַז אייך איז געלונגען צו שאַפן אין פאַלעסטינע דעם אָנהייב פון אַ באַוועגונג, וואָס איז מסוגל צו זיין די אָרטיקע סעקציע פון „קאָמאינטערן”. אָבער דער געדאַנק גופא, אַז די קאָנצענטראַציע פון די יידישע פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָלעטאַרישע מאַסן אין פאַלעסטינע, איז די באַזע פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק — דער דאָזיקער געדאַנק איז אוטאָפּיסטיש, רעפאָרמיסטיש, קאָנטער־רעוואָלוציאָנער אין זיין רעאַלער פאַרווירקלעכונג, ווייל ער פירט צו קאָלאָניזאַציע, און אין לעצטן חשבון — צו פאַרשטאַרקן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם...

— טאָ ווו, פרעגן מיר, זאָל גיין די יידישע עמיגראַציע?

— דאָס איז אַ פּראָבלעם, חבר, וואָס די לאַנד־סעקציעס מוזן אויף אים ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט... זיי וועלן זיך שוין באַשעפטיקן מיטן דאָזיקן פּראָבלעם...

— דאָס איז צו פיל, וואָלט איך געזאָגט... אַבסטראַקט... סתם רייד!...

— וויכטיקערע זאַכן שטייען פאַר אונדז. איידער וואָס־ווען, פאָדערט דער אויספיר־קאָמיטעט צונויפרופן אַ וועלט־קאָנפערענץ, וואָס וועט זיין פאַרפליכטעט אויפצולייזן דעם וועלט־פאַרבאַנד פועלי ציון, אָנשליסן אייערע אָרגאַניזאַציעס אין די לאַנד־סעקציעס פון „קאָמאינטערן”.

די קאָמפּלימענטן, וואָס דער אויספיר־קאָמיטעט האָט ביי דער געלעגנהייט צוגעוואָרפן, האָבן נישט געקענט פאַרשטעלן דעם ביטערן אמת: די ליקווידאַציע! ס׳האָט אויך נישט געהאָלפן צו איבערצייגן, אַז די פועלי ציון־אידעאָלאָגיע איז פריי פון רעפאָרמיסטישע, צענטריסטישע ווירקונגען; אַז אין ארץ ישראל, אַן אָפּגעשטאַנען, כמעט פעאָדאַל לאַנד, דאַרף מען פריער פאַר אַלץ שאַפן דעם פּראָלעטאַריאַט גופא. דאָס קען פאַרווירקלעכן נאָר אַ פּלאַנירטע עליה, עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, אויפשטעלן קאָאָפּעראַטיוון, אַריינדרינגען בעיקר אין דער לאַנדווירטשאַפט, פאַר־

שפּרייטן די סאָציאַליסטישע אידייע צווישן די אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע מאַסן. אָפּ־לייגן דאָס אַלץ אויף שפּעטער, נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, הייסט פּולשטענדיק איגנאָרירן די לעבנס־אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, פאַרבונדן מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן; אַנדערש איז עס — ליקווידאַציע.

אין אַ בריוו „צו די, וואָס האָבן אונדז פאַרלאָזט", שרייבט ניר ראַפאַלקעס: „דאָס פאַרלאָזן די פאַרטיי ווערט באַגלייט מיט טראַפאַרעטע בריוו. אַ סך מיינען, אַז דאָס פאַרלאָזן די פאַרטיי איז אַ רעזולטאַט פון אינערלעכן, שווערן געראַנגל. עס איז וויכטיק און אינטערעסאַנט צו וויסן פאַר וואָס דער אָדער יענער חבר האָט „דערזען דאָס ליכט פון אמת" און מיר — „מיר וואַנדערן אַנמעכטיק אין חושך". דער קאָ־מוניזם איז אַ מסקנה פון דער אָפּשאַצונג, פון אַנאַליז פון די היסטאָרישע כוחות, אָבער די קאָנקרעטע לעבנס־באַדינגונגען שטעלן אַוועק פאַר יעדער קאָמוניסטישער פאַרטיי ספּעציעלע אויפגאַבן. אונדזערע זענען ספּעציפיש, דעריבער איז אויך דער קאָמוניזם ביי אונדז אַ ספּעציעלער".

— און פון דעסטוועגן... וואָס מיינט עס — איבערצייגונג, פאַרלאָזן? — האָט זיך חבר ניר נישט געקענט שענקען — דאָס מיינט פאַקטיש איבערגיין פון די באַ־דינגונגען, וואָס אין זיי לעבט און ליידט די יידישע פאָלקס־אָרעמקייט, צו באַדינגונ־גען, וואָס זענען לגמרי נישט אונדזערע. פון מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט ענדערט נישט דאָס סוביעקטיווע באַנעמען, די אָביעקטיווע לאַגע. דאָס באַדייט — דעזערטירן, אַרויסגיין פון דער יידישער ווירקלעכקייט אויף דער ברייטער פּאָליטישער אַרענע, אַוועק פון קליינע מעגלעכקייטן צו גרויסע, צו אַ סך אַ באַקוועמערע קאַריערע. אַפּי־לו ביי די בעסטע האָט זיך אַ ביסעלע פאַרדרייט דער קאָפּ פון אייגענער גדלות. פאַר די אַסימילאַטאָרן איז דער איבערגאַנג גאָר לייכט. זיי טראָגן אין זיך די פאַר־ביטערונג, די קנאה צו די, וואָס זענען געבליבן אָרעם, אָבער שטאָלץ. זיי ליקווידירן, „בייטן דעם פּראָנט אין משך פון 24 שעה"; זיי מוזן פאַרשווינדן פון דער געשיכטע.

ס'איז געווען אַרויסצופילן די סכנה. עס זענען שוין געפאַלן די האַרבע רייד:

— מיר גייען זיך פון אַנדער און מיר וועלן אייך באַקעמפן מיט אַלע מיטלען... דאָס וועט אייך מוזן שטויסן אויף רעכטס...

פון דעסטוועגן האָט מען זיך געטרייסט; צום ערשטן מאָל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער יידישער פּראָבלעם פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום. די טיר איז נישט געווען אין גאַנצן פאַרהאַקט. ס'איז געבליבן נאָך אַ מאָל צו באַהאַנדלען דעם ענין אויף דער 6־טער קאָנפערענץ אין דאַנציק.

די פריי־שטאָט דאַנציק איז געווען אַ דורכפאַר־קאָרידאָר פאַר כל מיני שפּעקו־לאַנטן, קאָנטראַבאַנדיסטן, „ווייסע" עמיגראַנטן, אָבער אויך — אַ שטיקל מקום מקלט פאַר פּאָליטישע עמיגראַנטן, געהיימע צוזאַמענטרעפן, קאָנגרעסן און קאָנפערענצן. רייכע יידן פון פּוילן, סוחרים, זענען אַהער געקומען אַנצופאָרן אויף זומער צום ים־שטראַנד, מיט זייערע ווייבער, באַלייגט מיט בראַשן און בריליאַנטן אויף די פּולכנע פינגער. ס'איז אַפילו געווען אַ קאַסינאָ, אַ קליינע רולעטקע. ס'איז געווען דאָס שמאָלע טירל צו דער וועלט, וואָס איז פאַרשפאַרט געוואָרן פאַר יידן; און דאָ באַלד, אַ טריט פון דאַנען, ווי אַ שטוב מיט אַ קאַמער — דאָס נאָך־מלחמהדיקע בערלין; די יידישע גרענאַדיר־שטראַסע, גרענעץ־שמוגלערס, וויזעס־צושטעלער אין אַלע עקן וועלט. דאָ האָבן זיך פאַרטיי־פירער, אָן פאַרטייען, גאַנץ גוט אַקלימאַטיזירט. אויך האָבן זיך

דאָ איינגענעסטיקט יידישע פילאַנטראָפּישע חברות, אויפן מיטן וועג צווישן אייראָפּע און אַמעריקע; מ'האָט געצויגן חיונה פון די „קאָמיטעטן". טאָג און נאכט — קאָנ־פערענצן, באַראַטונגען, פלענומס. מ'איז געפאָרן אין שלאָף־וואַגאָנען, געזעסן ביינאַכט אין „ראָמאַנישן קאַפע". איינער, אַ געוועזענער סיימאָוויעץ, האָט געהאַלטן רעפעראַטן וועגן דער „אויפנאַמספּעאיקייט פון ארץ ישראל" און איז געקומען צו פּעסימיסטישע אויספירן. האָט אים עמעצער געענטפערט, אַז אים איז גוט דאָ צו זיצן אין בערלין, ער קען דאָ רואיק וואַרטן 40 יאָר און זיך צוקוקן וואָס עס וועט אַרויסקומען פון דאָ־זיקן עקספּערימענט; אָבער די יידישע פאָלקס־מאַסן, ביי דער איצטיקער אַנטוויקלונג אין מזרח־אייראָפּע, קענען נישט וואַרטן קיין 40 יאָר. צווישן אַנגעלאָפענעם יידישן עולם אין דאַנציק און אין בערלין זענען אַראָפּגעקומען צום ערשטן מאָל גאַסטראָלירן די „ווילנער טרופע" פון פוילן, די „הבימה" פון מאָסקווע. ס'האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער „ראָמאַנאַשער קאַפע", ווי שטענדיק, אַן אומרואיקער, ה. ד. נאָמבערג, גע־שנאַפּט די לופט, פאַראויסגעזאָגט אַלע מאָרגנדיקע פּאָליטישע ענדערונגען און אומ־גליקן.

צו דער 6־טער פּאַרטיי־קאָנפערענץ פון פּועלי ציון אין דאַנציק, איז זיך דער עלום צוזאַמענגעקומען פּאַרזיכטיק, דורכגעגליטשט זיך די גרענעץ. אויפן סדר היום איז געשטאַנען: באַריכט פון פאַרבאַנד־ביוראָ, די פראַגע וועגן אָנשלוס אין „קאָמ־אינטערן", די לאַגע אין דער ארץ ישראל־אַרבעט; פאַרשטייט זיך, אַז די וויכטיקסטע פראַגע, וואָס אויף איר האָט קאָנפערענץ באַדאַרפט געבן אַ תשובה — דער אָנשלוס אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל; מ'האָט אָבער געוואַרט, אַז די פאַרשטייער פון „קאָמאינטערן" זאָלן אונטערקומען. מ'האָט ענדגליטיק געדאַרפט באַשליסן וועגן 22־טן באַדינג — דאָס אָפּזאָגן, אָדער אָננעמען דעם ארץ ישראל־געדאַנק. די שטילע ליקווידאַטאָרן האָבן זיך דאָס מאָל באַנוצט מיט אַ ספּעציעלער טאַקטיק: נישט שטי־מען קעגן די באַשלוסן וועגן 22־טן צוגאָב־פּונקט. זיי האָבן נאָך געוואָלט דערווייל בלייבן אינעווייניק. ס'איז אויך מיט אַ מערהייט אָפּגעוואָרפן געוואָרן דאָס באַהאַנד־לען אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן אויטאָמאַטיש, ס'הייסט פאָלגן בלינדע באַשלוסן פון אויבן. צענטראַליסטישע דיסציפּלינירטע טאָטן און — דיסציפּלינירטע קריטיק. דאָ זענען נישט געזעסן קיין אוטאָפּיסטן, נאָר אַלטע פּראַקטיקער. די יידישע קאָמוניס־טישע באַוועגונג — איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן — וועט עקזיסטירן נאָר אויפן יסוד פון דער ארץ ישראל־אידעאָלאָגיע, אָדער זי וועט אין גאַנצן נישט עקזיסטירן. אָן דעם קען נאָר זיין — קאָמוניזם פון יחידים, פון יידישער אָפּשטאַמונג. ס'וועט זיין שווער, די אַרטיקע פּאַרטייען וועלן באַקעמפן, באַשמוצן, ווי געוויינלעך; איינצלנע וועלן זיך אַפּרייסן, אין זייער נישט־דורכגעטראַכטער קורצזיכטיקייט לגבי די בלוי־טיקסטע אינטערעסן פון פאָלק. די מערסטע האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון אַ מיתה בנשיקה און אויסגעקליבן דעם שווערערן וועג.

ווען כמעט אַלע פונקטן פון סדר היום זענען געווען אויסגעשעפּט, האָט מען שטיל מודיע געווען, אַז די פאַרשטייער פון „קאָמאינטערן" זענען אָנגעקומען. אין משך פון צוויי טעג איז מען נאָך געזעסן אין קליינעם זאַל, ביי פאַרהאַקטע טירן, און לאַנג אַרומגעדונגען זיך. זיי האָבן פאָרגעלייגט אַ פאַרעווען פּאַראַגראַף: „די דאָזיקע פון פּועלי ציון אין די יידישע סעקציעס, וואָס ווילן אַרבעטן אויפן געביט פון ארץ ישראל, וועט עס זיי דערלויבט זיין"...

אין דער קליינער קאַפּיי, ביי הויכע קופּלס ביר, האָט דער פאַרשטייער פון „קאָמ־אינטערן״, וואָס האָט זיך פאַרקאָנספּירירט גערופן בערנאַרד, לסוף אָפּגערופן:

— אין צווייטן פּונקט האָבן מיר זיך אפשר טועה געווען. איר זענט נישט אַוועק אויף רעכטס. אָבער וואָס שייך ארץ ישראל — טראַכטן מיר ווייטער, אַז ס׳איז אוטאָפּיש, רעאַקציאָנער...

און ס׳האָט סאַרקאַסטיש געפינקלט זיין מויל גאָלדענע ציין.

— מיר האָבן געוואַרט — האָט אים ניר ראַפּאַלקעס געענטפערט געלאַסן — איר זאָלט מודה זיין אין אייַן טעות, וועלן מיר וואַרטן געדולדיק, איר זאָלט מודה זיין אין אַנדערן טעות. די זאַך איז די, וואָס די געשיכטע האָט צייט צו וואַרטן, אָבער מיר האָבן נישט קיין צייט...

— דאָס הייסט, איבעררייסן מיטן „קאָמאינטערן״? — האָט זיך יענער באַליי־דיקט פון דער העזה צו שטעלן באַדינגונגען — כ׳וועל רופן אַלע ערלעכע קאָמוניסטן צו פאַרלאָזן דעם פאַרבאַנד פון פועלי ציון...

און איידער מ׳איז זיך פונאַדערגעפאָרן, האָט ער געמאָלדן אָפיציעל, אַז דער „קאָמאינטערן״ דערקלערט — מלחמה! „איר ווייסט דאָך וואָס דאָס הייסט א מלחמה פון „קאָמאינטערן״?...

קאַפּיטל זעכצן

די דורותדיקע מחיצות

אין דער צייט ווען חבר קאַראָל, דער אינטעליגענט, דער שיין־רעדנער, איז אויף אַ שטיקל צייט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן פון מוראַנאָוו, פון „מורדזישעל״, האָט זיך דער שוואַרצער אַביש, פון די געגריוועטע, אָדער שפּילקאָווע שוסטערס, צוריק דורכ־געגליטשט אַלע גרענעצן, איז אין מיטן הייסן זומער אַריינגעפאַלן קיין וואַרשע. נישט מיט קיין לייכט געמיט האָט ער זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין דער פּראָפ. טעטיקייט. „סתם צעברעכן... — האָט ער עס בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין — און פאַר וואָס? ווייניק שונאים, הייסט עס, לויערן אויף אונדז אַלעמען?״. די „יידישע גאַס״ האָט געפּלייצט, ווי אַ טייך, וואָס איז אַרויס פון די ברעגעס. אויף די פאַרזאַמלונגען, אויף די מיטינגען איז אַלץ שאַרפער אויסגעשריגן און אויסגעשטריטן געוואָרן די שייד־ליניע צווישן די צוויי קעגנערישע לאַגערן. די אַטמאָספער איז געווען אָנגע־גליט מיט אויפרייס־שטאָף. ס׳האָט געמוזט קומען צו אַן אַנטשיידונג. די „יידישע גאַס״, פּילבאַר צום פּאַרטיי־קאַמף, האָט געזונגען חוזק־לידלעך, צוגעפּאַסט צו באַקאַנ־טע מעלאָדיעס. אַן אַנאָנימער מחבר האָט אַפילו פאַרפאַסט אַזאַ מין פּאַראָדיע:

דער 3־טער אינטערנאַציאָנאַל איז נישט טויט!
דער 2־טער איז דאָך געל, נישט רויט...

און די לינקע פועלי ציון
ווילן קיין מאָסקווע פליען,
קריכן אויף די ווענט,
אַבי צו זיין אָנערקענט...

„דער קאַמף אויפן אָרט", נאָר דאָס, האָבן זיי געפילט, איז ממשותדיק, רעאַל. די יידישע יוגנט, די אינטעליגענץ, איז בשום אופן נישט מסכים געווען מיטן ציוניסט יצחק גרינבוים'ס באַרימטן זאָג אין פּוילישן סיים, אַז „אין פּוילן איז פאַראַן אַן איבעריקער מיליאָן יידן". דווקא אָט די „איבעריקע" האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן פייער, אין קאַמף פאַר ברויט און פרייהייט. מ'האָט זיך אויסגעלאַכט פון די ציוניסטן מיט דער גאַנצער באַלפור־דעקלאַראַציע זייערער, און געזונגען דאָס שפּאָט־לידל:

נחום סאָקאָלאָוו, וויצמאַן פּראָפעסאָר —
אַ יידישע מלוכה מיט ענגלישע פעסער...

די וואַקלדיקע ביי די פועלי ציון האָבן אָפּגעוואָרט דעם אויסגאַנג פון די לעצטע אונטערהאַנדלונגען אין דאַנציק. די פון בונד, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן אָננעמען די „21 פונקטן", האָבן פון אינעווייניק געשטורעמט די פּאַרטיי, די יוגנט־„צוקונפט". דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער „גלאָס" האָט געשריבן: „צוליב דעם, וואָס בראש פון דער פּראָפ. באַוועגונג אין פּוילן שטייען די נאַציאָנאַליסטן פון פּ.פּ.ס. און די יידישע פּראָפ. באַוועגונג ליגט אין די הענט פון בונד, האָט זיך ביז איצט נישט איינגעגעבן צו שאַפן פאַראייניקטע, צענטראַליזירטע פאַראיינען, וואָס זאָלן גרופּירן אַלע אַרבעטער, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט. די „רויטע פראַקציעס" ווערן באַקעמפט דורכן בונד. אין די יידישע אָפּאָרטוניסטישע פּאַרטייען בונד, פועלי ציון, פאַראייניקטע, רייסן פיל איבער מיט די פשרהניקעס און גייען איבער אין אונדזערע רייען. עס לאָזט זיך מערקן אַ צעפאַלונגס־פּראָצעס אין די דאָזיקע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען".

די גרויסע אָרעמקייט, דער טיפער גלויבן אין בעסערע צייטן, האָט געפירט צו דער נייער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ס'האָט גאָרנישט מער אָפּגעשראָקן — קלעפּ אין דער דעפענסיווע, לאַנגע יאָרן תפיסה. ס'איז געווען די שיין פון מאַרטירעראָלאָגיע, מ'איז געגאַנגען איבערבויען די וועלט. צו די נאָדל, לעדער, טעקסטיל, האָלץ, בעקער, מעטאַל, טראַנספּאָרט — פעסטונגען פון בונד, פון פועלי ציון — זענען געקומען אָפּאָנענטן, „פאָרשטייער פון דער מאַרקסיסטישער פראַקציע". אויף די קאָנפערענצן פון וואַרשעווער צענטראַלן אַקטיוו פון „קאָמבונד" און „קאָמ. צוקונפט" איז באַשלאָסן געוואָרן צו איזאָלירן „די רעכטע עלעמענטן". לויטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, האָבן אין די טעג געדאַרפט פאָרקומען פאַרזאַמלונגען פון אַלע קרייזן און פראַקציע־קעמערלעך, כדי דערנאָך אָוועקצולאָזן זיך אין לאָקאַל פון לעדער־פאַראיין, אויף נאַוואָליפּקי 7, אויף דער אַלגעמיינער קאָנסטיטואירונג־פאַרזאַמלונג פון דער „קאָמ. צוקונפט". דער גאַנצער הויף האָט געברויזט פון אַ פיל הונדערט־קעפּיקן עולם. דער גרויסער זאַל, — באַזעצט קאָפּ־אויף־קאָפּ. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ביים באַוווסטזיין, אַז זיי לעבן איבער אַ היסטאָרישן מאָמענט. אויף דער טריבונע, אונטער די פּאָרטרעטן

פון קאַרל מאַרקס, ענגעלס, לענין, איינגעהילט אין רויטע פענער, זענען אַרויף די פּאַרשטייער פון „קאָמבונד" און „קאָמ. צוקונפט" — מענדל סקראָבעק, ליבער מור־שינסקי. ביי אַ פייערלעכער שטילקייט, עפנט מענדל סקראָבעק די פאַרזאַמלונג, און ווען ער מעלדעט, אַז די יידישע אַרבעטער־יוגנט שליסט זיך אָן אין קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, ברעכט אויס אַ מעכטיקער שטורעם פון ענטוזיאַזם, דער „אינטערנאַציאָנאַל". דער פּאַרשטייער פון „צוקונפט", אַבראַשאַ ווײַנער, בעט אַ וואָרט. ער הייבט זיך אויף די צוויי טרעפּלעך, און מען זעט ווי די פיס ציטערן ביי אים. ער שלאָגט אָן אַ סענטימענטאַלן טאָן, פאַררופט זיך אויף די „בונדישע טראַדיציעס", כאָטש ער מיידט אויס צו נעמען שטעלונג צו די גרונט־שטרייט־פראַגן. דער עולם בלייבט פאַרגליווערט, שטום, פאַרעקשנט, ווען ער פאַרלאַנגט מען זאָל אויפלייזן די פראַקציעס. אַלעמענס בליקן זענען געוואָנדן צום שאַרף־געשניצטן סילועט פון מענדל סקראָבעק — אַ ווייס, העמד מיט אָן אָפענעם קאָלנער, אַ שוואַרץ־געלאָקטער קאָפּ. דאָס וואָרט „חבר" אין זיין מויל קלינגט מיט הויכער פּאַטעטיק, הייליק. אין זיינע געמאָסטענע רייד הילכט אָפּ דער עכאָ פון גרויסן איבערברוך — די היסטאָרישע באַ־דייטונג פון באַהעפטן זיך מיט דער מעכטיקער אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט־אַרמיי:

— חברים, ס'זענען אויפגעבראָכן געוואָרן די דורותדיקע מחיצות, וואָס האָבן אונדז אָפּגעטיילט פון לאַנד־פּראָלעטאַריאַט, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג...

צווישן עולם איז אַדורך אַ הייסער געמורמל. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף שוין באַלד צונויפגיסן זיך מיט דער פּאַרטיי; מ'האָט זיי אָבער באַצייטנס אָפּ־געקילט, די היץ־קעפּ:

— ניין, חבר — האָט מען זיי געגעבן צו פאַרשטיין — ס'איז נייטיק אַ געוויסע צייט פון זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ. אַ קאָמוניסט ווערט מען נישט פון היינט אויף מאָרגן. יאָרן־לאַנג האָבן מיר זיך אָנגעזאַפּט מיט פרעמדע אידעאָלאָגיעס, וועלכע זע־נען נאָך ווייט נישט אויסגעלעבט. ס'פאָדערט זיך קאָמוניסטישע איבערדערציאונג, נאָכן איבעררייסן מיטן בונדישן סאָציאַל־רעפאָרמיזם און נאַציאָנאַלער באַגרענעצט־קייט...

מיינונגס־פאַרשיידנקייטן זענען אָבער געווען בנוגע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען אין דער יידישער סביבה.

— דאָס דאָזיקע פּראָבלעם — האָט חבר מענדל באַטאָנט, דעם אמת געזאָגט, אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט — איז נישט אין גאַנצן דערשאַצט געוואָרן, סיי דורך די לינקע פּ.פּ.ס. און סיי דורך די ס.ד.ק.פּ.ל. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פעסטע איינ־שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און אַוודאי נישט בנוגע די יידישן מאַסן.

צום מער אײַדעלערן טעקסטיל־פאַך האָבן אין דעם זומער געצויגן אָן אַ שיעור „זיידענע יונגעלייטלעך". אין ענגן, האַלב־פינצטערן ביבליאָטעק־צימערל, אויף קאַר־מעליצקע 15 איז זיך שטיל צונויפגעקומען אַ זעלבּ־בילדונג־קרייז, פאַרנומען זיך דער עיקר מיט פּאָליטישע פראַגן. מ'איז זיך צונויפגעקומען ביינאַכט, אָפּגעשלאָסן די טיר און אין דער פינצטער אָפּגעהאַלטן די קאָנפערענץ פון אַלע פראַקציע־קעמערלעך. אין סעקרעטאַריאַט איז געווען חבר מענדל. אָבער צו מאָרגנס נאָכן אויפרייס אין ציטאַ־דעל, איז געקומען פּאָלציי און פאַרחתמעט די טיר מיט אַ לאַק־שטעמפּל. ס'איז גע־ווען צו ריכטן זיך דערויף. די צייטן פון לעגאַלער, אָדער האַלב־לעגאַלער טעטיקייט

זענען געווען פֿאַרענדיקט. די „דעפּע״ האָט זיך שטאַרק „אינטערעסירט״ מיט אַלץ, וואָס קומט פֿאָר צווישן די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען; נאַכט־וויזיטן פֿון פּאָליציי, שפּיצלעס אויף די פֿאַרזאַמלונגען אין פֿאַראיין. שבת־אָוונט, בעת דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג אויף נאָוואָליפּקי 7, איז אדורך אַ געמורמל — זיי זענען דאָ! דאָס פּרעזידיום האָט זיך נישט פֿאַרלוירן, שנעל אַראָפּגערוימט פֿון טיש די פּאַפּירלעך. דער רעפֿערענט, חבר זאָלאָטאָוו, האָט אַרויפֿגעצויגן ביז טיף איבער די אויגן אַ צעקנייטשט היטל, אַראָפּגעלאָזן זיך דורכן פֿענצטער אין אַ בלינד הייפֿל. דער קאָמענדאַנט מיט דער באַנדע שפּיצלעס האָבן געשריגן: „ווו איז דער שוואַרצער?... דער הויכער?״...

מ׳האָט באַדאַרפֿט פֿירן די אַרבעט לויט אַלע כללים פֿון קאָנספּיראַציע. די זיצונגען — אין פֿאַרשטעקטע, פּריוואַטע דירות, צוקלייבן זיך פּסעוודאָנימען. ערב דעם 1־טן מאַי און 7־טן נאָוועמבער — נישט נעכטיקן אין דער היים. אין לאַנד האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע שלאַכט אַרום די וואַלן צום סיים. די ק.פּ.פּ. איז געגאַנגען צו די וואַלן אונטערן נאָמען: „פֿאַרבאַנד פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿון שטאָט און דאָרף״. אין דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע זענען אויפֿגעדעקט געוואָרן די טיפֿע סיבות פֿון ווירטשאַפֿטלעכן קריזיס, דאָס זינקען פֿון דער פּוילישער וואַלוטע, דער יקרות. דער איינציקער אויסוועג: די פֿאַראייניקונג פֿון אַלע פֿעלקערשאַפֿטן צום קאַמף קעגן קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפֿט, קעגן די, וואָס צעשפּליטערן די אַרבעטער־כוחות. יעדעס קעמערל האָט געקלאַפּט אין די טירן פֿון אָרעמע הייזער פֿון מוראַנאָווער ראַיאָן, געטיילט „ליטעראַטור״, געקלעפּט אויפֿרופֿן אויף די ווענט. וואָלינסקע גאַס, אָסטראָווסקע געסל — פֿייכטע, פֿינצטערע קעלערס, בלייכע קינדער. אין פּשוטע ווערטער איז צו די אָרעמע מענטשן גערעדט געוואָרן וועגן דעם, אַז ס׳וועט אויך פֿאַר זיי די זון אויפֿשיינען, ווי זי האָט אויפֿגעשיינט אין מזרח...

נאָכן פֿאַרחתמענען דעם לאָקאַל אויף קאַרמעליצקע 15, איז מען באַלד אין דער זעלבער נאַכט אַרויף, אַרונטערגעריסן די לאַק־חתימה, אויפֿגעבראָכן די טיר, אַלע מיטגלידס־ביכער, שטעמפּלען, די ביבליאָטעק, אַריינגעפּאַקט אין זעק; זיי זענען געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט. דאָס איז געווען די אַרבעט פֿון „מורדזשיעל״. פֿון אַלע ראַיאָנען אין וואַרשע, וואָליע, פּאָוואָנזעק, פּאָדווישלע, איז דער „מורדזשיעל״, דער מוראַנאָווער ראַיאָן, געשטאַנען אין צענטער. יעדער באַשלוס — אַ געזעץ. דעם 1־טן מאַי, אין אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־טאָג, צום יאָרצייט פֿון די דריי לאָמעדן (לעניך, ליבקנעכט, לוקסעמבורג), האָבן זיך אויף די טראַמוויי־דראָטן צעבליט, ווי בלומען, רויטע פֿענער. אַ גאַנצער שטאַב יאַטן און יאַטעכעס האָבן געאַרבעט אין די אומלעגאַלע מלינות, צוצוגרייטן פֿענער, „זשאַבקעס״, שטריק, צו פֿאַרוואַרפֿן אויף די דראָטן. איז די נעכט איז מען אַוועק קלעפּן בלעטלעך, שאַבלאָנירן די ווענט מיט לאָזונגען. מיט דער „טעכניק״ האָט אָנגעפֿירט דער ווייסער יאַנעק, פֿון דער ייד. ביוראָ, אַ דרייסטער, לאַכנדיקער יאַט.

די עניבים פֿון פֿאַראיין זענען געוויינלעך דערליידיקט געוואָרן אויף די פּאָד.־פּונקטן, אויף די בערזעס. אויף דער לעש. (לעשנע), ביי די טויערן, האָט מען אָפּגעגעבן דירעקטיוון, געגאַנגען אויף די פּאָד. פּונקטן. דאָ, אויף די אָוונט־שפּאַצירן, האָט מען אויסגעחלומט דאָס נייע פּוילן; אַלע זענען זיכער געווען, אַז אָט, אָט קומט עס, מ׳האָט שוין געזען די סימנים פֿון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע...

מ׳האָט אויסגענוצט אַלע האַלב־לעגאַלע פּלאַצוווקעס, זיך פֿאַרקליבן אין כעמישן

פּאַראַיין, אויף ניזקע 59; אַ קעלער, א געבויגענער סופית. די עלעקטריע, אין רויע זשאַרוווקעס, האָט געברענט בייטאָג. אַהער זענען געקומען די פּודעלע־מאַכער, פּאַר־בער, פון די קנעפּ־פאַבריקלעך; מערסטנס מיידלעך, דיסציפּלינירט, דעצידירט אין לוין־אַקציעס. די קוילן־טרעגער האָבן געהאַט זייער זיך־אָרט אין פּאָדערשטן קעלער, די כעמישע — אין זייער קאַטאַקאָמב. פּלוצעם, אין מיטן אַ זיצונג, הערט מען זעצן אין די טירן, שווערע שטיוול־טריט אויף די טרעפּ. די באַנדע צעיושעטע פּאָליציאַנטן הייבן אָן שלאָגן מיט פּאַלקעס, שטופּן אַלעמען דורך די טירן. די קעטשלעך וואַרטן אין דרויסן; מען פירט זיי אין דער „דעפּע", אויף דאַנילאָוויטשאָססוקע.

נאָר ווער האָט זיך דען איבערגענומען ! דורכגעשווידערט עטלעכע נעכט, געכאַפּט „לייגעס" און — ווידער אויף דער פריי. אין די אויערן קלינגען די איידעלע רייד פון חבר זאַלאַטאָוו : „דער מענטש קען אויסשמידן אַ נייע וועלט, אַ גליקלעכע פאַר אַלע־מען, אָן נויט, אָן אָרעמקייט". זיי צעקייען נאָך נישט אַלץ אַזוי געניו פון דער שווער־לעכער עברי, אָבער ס'איז גוט צו געהערן צו אַ מחנה, וואָס גייט שאַפן אַ נייע וועלט. אויף אַ קעסטל־אָוונט באַהאַנדלט מען די בראָשור פון ש. דיקשטיין „פון וואָס איינער לעבט". אַ חסידישער יונגערמאַן רויטלט זיך, שטעלט אַ פראַגע דעם רעפערענט :

— איז טאַקע אמת, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט ?...

און אַ קעלט לויפט אים אַדורך איבערן לייב. דער טאַטע, דער געררער חסיד... ווען ער הערט עס... ס'זענען צוגעקומען נייע באַגריפן : קלאַסן־קאַמף, מערוועדט, נאָכפראַגע, אָנבאָט. מ'האָט שטיל געזונגען די לידער פון אַרבעט און נויט. מיטן קרייז „לעבין" האָט אָנגעפירט חבר מענדל. מ'איז „דורכגעגאַנגען" דעם „ערפורטער פּראָג־ראַם", אַ קורס פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם; נאָך די היימישע, פריילעכע ליאַמעס, איז מען פאַרטאָג אַלע צוזאַמען אַוועק אויף „מאַיוווקעס" אין סקאַרישעווסקי־פּאַרק, אויף יענער זייט ווייסל. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט איז מען געגאַנגען קאָלעקטיוו אין דער פילהאַרמאָניע. דער חבר זאַלאַטאָוו האָט אויף די אָוונט־קורסן געעפנט פאַר זיי אַ שפּאַרע צו דער וועלט־ליטעראַטור, צו דער וויסנשאַפט. דער הילוך זייערער — אַ ווייס קעלנערל און אַ ביכל אונטערן אָרעם. דער רעפערענטן־קרייז האָט געברענגט דאָס וואָרט פון פּאָליטישער אָריענטאַציע. זיי זענען דערנאָך געשיקט געוואָרן קיין גריצע, וורקע, גער, זשיראַרדאָוו, אָטוואָצק, קאַלושין. איינער פון די פּאָפּולערסטע רעפעראַטן איז געווען — „רעליגיע איז אָפּיום פאַר די מאַסן".

אַ לויטערער, בלויער הימל איז דעם 1־טן מאַי געהאַנגען איבער דער שטאָט. מען מאַרשירט צום טעאַטער־פּלאַץ, אונטער שטורעם־פּענער, רויטע טראַנספּאַרענטן, מיט אויפשריפטן : „ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל, שטייען אַלע רעדער שטיל". מען איז שטאָלץ אויסצומישן זיך מיטן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט פון די גרויסע מע־טאַל־פאַבריקן, מיט די טראַמווייאַזשעס און באַן־אַרבעטער. ס'גייט דער לעדער־פּאַר־איין, בעקער, הויז־דינערינס, האָלץ, נאָדל, טראַנספּאָרט, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, כע־מישער פאַראַיין; אַרומגענומען מיט אָרדנער, פּעסטע, געזונטע יאַטן, קוילן־טרעגער. מען ציט דורך דער ביעלאַנסקע, צום טעאַטער־פּלאַץ. די פּ.פּ.ס.־מיליץ לאָזט אָבער נישט צו אָרט ביי דער פּאַסאַדע פון שטאָט־ראַט, וווּ ס'זענען אויפגעשטעלט די טרי־בונעס. יידישע אַרבעטער דערפילן זיך מיט איין מאָל איזאָלירט; אַ שיסעריי, אַ בהלה, אַ לויפעניש. איינער טרעט אויפן אַנדערן. די טויערן פון זאַקסישן גאָרטן זענען פאַרהאַקט. רייטער־פּאָליציי רייסט זיך אַריין אויף זייערע צעהיצטע פערד...

קאַפּיטל זיבעצן

די ווייסע רוזשקע

ס'איז אָנגעשטאַנען אַ שווערע צייט, אַ קריזיס. די אַרבעט־סעזאָנען זענען געווען קורצע. די באַלעבאַטים האָבן געצאָלט מיט וועקסעלעך. גראַבסקיס עגלה האָט אַרויסגעפירט פון די פאַרחושכטע יידישע היימען דאָס אָרעמע ביסל בעבעכעס פאַר שטייערן. די עליטע פון „מורדזשיעל", די טעקסטילאָוועצעס, האָבן געפירט אַ שטרייק אין משך פון 16 וואָכן. די פלי־גרופּן אויף דער דזשיקע גאַס האָבן אָפּגעהאַלטן מאַסווועס, זענען אַרויס קעגן די קלענערע און גרעסערע יידישע פאַבריקלעך אין אַ קלאַסןשלאַכט. די טעקסטיל־בראַנזשע האָט אַרומגענומען: וועבער, וואַטע־מאַכער, שמאַטעסאָרטירער, דריוולערס, אונטער־וועש און קאַשולקעס, האַנט־העפּטערינס, שמוקלער, גאַרן־און ניי־פאַדעם. דאָס וואַטע־פאַך איז איינגעשטאַנען אין די הענט פון פאַרהאַוועטע, עלטערע חסידישע יידן. ווען ס'איז געקומען דער זמן־מנחה, האָבן זיי זיך, אין מיטן אַ שטורמישער פאַרזאַמלונג אין פאַראיין, אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל דאַווענען בציבור. די וואַטע־פאַבריקלעך זענען געווען פאַרשטעקט אין קעלערס, אויף בוידעם־שטיבלעך. מ'האָט געאַרבעט ביי נאַפט־לאָמפּן. אָבער דווקא אָט די יידן מיט די לאַנגע בערד האָבן אַרויסגעוויזן קאַמפס־גרייטקייט; זיי האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן די אַלע פאַבריקלעך. אַ פאַרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג פון טעקסטיל־פאַראיין, מיט צוויי מיטגלידער פון דער וואַטע־קאָמיסיע, זענען געקומען צו אַ פאַבריקאַנט אונטערהאַנדלען די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען; האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַבריקאַנט און איינער פון די פאַראיין־פאַרשטייער פאָרן צום זעלבן רבין.

— ר' יאַנקל — האָט דער פאַבריקאַנט זיך שטאַרק געחידושט — ווי קומט עס? ביסט גאָר געוואָרן, זע איך, אַ גאַנצער „מאַכער", צוזאַמען מיט אָט די פּושעי־ישראל!...וואָס פאַרא פּנים, פרעג איך דיר, ווען וועסטו האָבן, ווען וועסט קומען אויף יום־טוב צום רבין?...

דער פאַרחושכטער באַלמעלאָכע אין דער אויסגעגלאַנצטער קאַפּאָטע, אָבער אָן הדרת־פּנים, מיט אַ שיינער באָרד, איז יענעם נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער:

— הער מיך אויס, משה־דוד! דו זאָגסט, אַז זיי זענען פּושעים!... פרעג איך דיר, צי דאָס, וואָס זיי העלפן אונדז מיר זאָלן פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינדער, איז עס נישט קיין מצווה?... זאָגט דען נישט די גמרא: „כל המחיה נפש אחת בישראל, יש לו חלק לעולם הבא"?... האָבן זיי דען נישט קיין עולם הבא? און ביי דיר זענען זיי פּושעים...

צווישן אָט די פּשוטע, ערלעכע יידן זענען, חלילה, נישט געווען קיין שטרייקברעכער, זיי האָבן אַריינגעטראָגן פּינקטלעך זייער מיטגליד־אָפּצאָל, געקומען אויף יעדן רוף פון פאַראיין. ס'איז אָן זיי שווער געווען צו אָרגאַניזירן די שמאַטע־סאָר־

טירער, די דריוולער. דאָס פּאַך איז אויפגעקומען בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען ס׳האָט געפעלט וואָל, ווייל יעדעס קריש וואָל האָבן די דייטשן אַרויסגעפּירט; האָט מען אויפגעקויפט אַלטע סוועטערס, זיי צעטרענט, פאַרזיכטיק פונאַנדערגענומען די וואָל־פעדעם און פאַבריצירט ביליקע סחורה. גראַשנדיקע לוינען. ס׳איז נישט געווען ביי וואָס זיך אַנצוכאַפּן.

אין ערב־מלחמהדיקן וואַרשע איז באַרימט געווען שוואַרצשטיינס פאַבריקל פון זייגערס. צווישן די ישיבה־בחורים האָט די פאַבריק גע׳שמט דערמיט, אַז ווער ס׳האָט געקענט צען בלאַט גמרא פון אויסנווייניק, האָט ער באַקומען א מתנה אַ זייגער. דע־מאָלט איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ שטרייק צווישן שוואַרצשטיינס מעטאַל־אַר־בעטער. אין דעם זכות איז אין נייעם פוילן צוריק אויפגעלעבט געוואָרן דער מעטאַל־פאַראיין : די קנעפּ־סעקציע, די מעכאַניקער פון פּאָליאַקעוויטשעס פּאַפּיראָסן־פאַב־ריק, בעטן־מאַכער פון אַראַנאָוויטשעס פאַבריק אויף דער סמאָטשע. דער אָרגאַניזאַ־טאָר איז געווען דער „קאָמבונדיסט״, הערשל מעטאַלאָוויטש.

אין פאַראיין פון הויז־דינערינס, ווידער, אויף דלוגע 61, האָט די ווייסע רוזשקע, פון טעקסטיל, אָרגאַניזירט די דינסט־מיידלעך, אַרויסגעריסן זיי פון די הענט פון די רייפּערקעס. יונה דזבאַן און די ווייסע רוזשקע האָבן זיי „געגעבן אַנטוויקלונג״.

— לאָזט אייך נישט עקספּלואַטירן פון די גראָבע, אָנגעפּרעסענע מאַדאַמען ! — האָט זי געשטורעמט פאַרן פול־אָנגעפּראָפּטן זאַל מיידלעך מיט די רויטע, שאָרסטקע און אָנגעדראָלענע הענט, פון רוימען, וואַשן, שייערן, קאָכן.

דאָס דאַרע מיידעלע, חברטע רוזשקע, איז געווען פאַר זיי — „די מאַמע״, זענען איר נאָכגעגאַנגען, האָבן זי אַלץ געפאָלגט. זיי האָבן אָפּגעגעבן די צימערן פון זייערע באַלעבאַטים, ווען די משפחה איז אין די זומער־חדשים אַרויסגעפאָרן אויף דאַטשע, פאַר „יאַווקעס״, זיצונגען, סקלאַדעס פאַר „ליטעראַטור״. די ווייסע רוזשקע האָט גע־פלעגט אַרויפשפּרינגען אויף אַ סטראַגאַן אין סמאָטשער באַזאַר און אָפּהאַלטן אַ מאַ־סוווקע פאַר די האַלע־ווייבער. די אַנגעבאַבלטע יידענעס האָבן אַריינגעשנייצט אין די פאַרטוכער, געווישט זיך די אויגן און געלאָזן פאַלן :

— גאָלדענע ווערטער, טייערע...

— וואָס מיינען זי, זיי זענען דען נישט גערעכט, ס׳יונגוואַרג ?...

אַ בלאַס געזיכט, אַ שאַרפער, דורכדרינגלעכער בליק, האָט די ווייסע רוזשקע זיך געוויקלט אין אַן אָפּגענוצט גראַנאַט־מענטעלע, איינגעצויגן מיט א לעדער־פּאַסיק, אויפן בלאָנדן קאָפּ — אַ בערעט, פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ צעפּל. זי איז אויך געווען דרייסטער ווי די יינגלעך דורכצופירן די „טעכניק״. טאָמער איז יונה דזבאַן, למשל, געגאַנגען מיט איר אויף אַן אַקציע, האָט זי אים געקענט אַ פרעג טון : „האָסט מורא ?״... פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון די יונגעלייט, וואָס זענען איר פאַר־ליבט נאָכגעגאַנגען, האָט נישט ריזיקירט צו זאָגן, אַז ר׳האָט מורא. פאַרביסן, פאַר־ביטערט, אָפילו ווען זי האָט געשמייכלט, אָפּדעקנדיק אירע שאַרפע ציינדלעך. אַ פינצטערע גאַס, אַן אָפּגעליידיקטע; אַ הויכער, געמויערטער פלויט אַרום קלויס־טער. מ׳דאַרף זיך אָפּטראָגן, נאָכן פאַרשמירן די ווענט מיט די שאַבלאָנען; און איידער וואָס־ווען, איז זי שוין אויפן פלויט און — אויף יענער זייט.

צום 1־טן מאַי האָבן זיי איין מאָל אַרויסגעלאָזן אויף דער דזשיקע גאַס אַ טויב, צוגעבונדן אַ רויטע לענטע צום פיסל, מיט אַן אויפשריפט : „נידער מיט פּילסודסקיס

פאשיסטישער דיקטאטור !". די טויב איז געווען פארשטעקט אין בוזעם ביי יונה דזבאן. זיך צוצוגעבן מוט, האט מען סקאנדירט, געשעפטשעט בראניעווסקיס באַרימט ליד „שפיצעל" — „קוקט אין פענצטער, אט גייט ער, דער שפיצעל"... ווער נאך האט אזוי טיף דערפילט דעם פאעט, ווי די יונגע יידישע דרייסטע קאמוניסטן ! די טויב, אן אפגעמאטערטע, האט א פאטש געטון מיט די פליגל, האט זיך קוים אויפגעהויבן אין דער לופטן. יונה דזבאן האט שוין נישט באוויזן אפצוטראגן זיך.

מ'האט אים געכאפט, באשולדיקט, אז דאס האט ער ארויסגעלאזן די טויב. ער האט, פארשטייט זיך, געלייקנט שטיין־און־ביין. האבן זיי אבער אין דער „דעפע" באלד געכאפט זיך, אז דאס העמד אונטער דער מארינארקע ביי אים איז פארשמוצט, באַקלעפט מיט פעדערלעך. דריי יערלעך — דאס איז פאר אזא אויפטו געווען דער נאַרמאלער פרייז. אויף דער ערשטער זעאונג איז געקומען די מאמע און... זיין „כלה", די ווייסע רוזשקע. אזוי האט מען אים געזאגט. „וואס פארא כלה ?"... — האט ער זיך געבראכן דעם קאפ. און פלוצעם דערזעט ער ווי די ווייסע רוזשקע דערנענטערט זיך צו דער באריערע, טוט זיך א ווארף צו אים אויפן האלדז, נעמט וויינען און קושן אים; דערביי האט זי אים אומגעזען אריינגעשטופט אונטערן העמד א פעקל ציי־טונגען, בראשורן. ער איז געשטאנען צעטומלט. א יינגל פון א יאר 19.

— פרייעזשעו... — האט זי, פינטלענדיק מיטן לינקן אויג, געמאכט צו אים אויף יידיש, דער פאליציאנט זאל נישט פארשטיין — מיין נישט, אז צוליב דיין פארגעניגן וועגן קוש איך דיר...

ס'איז נישט געווען אמת, נאר אזוי מסתמא האט איר געפאסט, דער ווילדלעכער, זיסער מויד; ווייל אפילו קושנדיק אים, איז זי געווען פארביסן, הארט. ווי פאסט עס פאר א קאמוניסטקע צעקראכנקייט ? אבער איר פלינקייט האט אויך סוף כל סוף נישט געהאלפן. זי איז אריינגעפאלן אין תפיסה אויף 5 יאר. אזוי האבן זיך זייערע וועגן אויסגעמיטן, כאטש זיי האבן זיך אן רייד, דערקלערונגען, ליב געהאט. זיי האבן זיך שוין מער קיין מאל נישט באגעגנט.

יונה דזבאן, דער בארימטער פאנען־הענגער, אויף „זשאבקעס", אילומינירט דורך א באטעריע אויף די עלעקטרישע טראמוויי־דראטן, איז געפאלן פון א פאלי־צייאישער קויל. פון דעמאלט אן האט מען יעדן 1־טן סעפטעמבער אראפגעריסן די אויפשריפט „קארמעלציקע גאס" און אויפגעהאנגען א בלעכערנעם טאוול : „גאס אויפן נאמען פון יונה דזבאן".

אז דער שווארצער אביש, פון די געגריוועטע, אדער שפילקאווע שוסטערס, איז, ווידער, געווויר געווארן, אז מ'האט דער ווייסער רוזשקע פאראורטיילט אזש אויף 5 יאר, אז זי זיצט פעסט אין דער מאקאטאווער תפיסה, אז מ'פירט זי אריבער אין דער „סערביאנקע" ביים „פאוויאק", האט עס אים אזש א פארקלעם געטון ביים הארצן. רוזשקע... אין זיינע אויערן האט נאך באנג געקלונגען דאס אומעטיקע ליד, וואס איז פארפאסט געווארן וועגן דער פרויען־תפיסה, די פארשפארטע יאטעכעס אין דער „סערביאנקע" און וואס מ'האט עס געזונגען אויף דער דזשיקע גאס, אויף די געהיימע ליאמעס :

אַך, די „סערביאַנקעס",
פראַנקע׳ס, אַלע, פּאַלע, אַנקע׳ס,
ווי ס׳האַרץ טוט קלעמען,
ווען כ׳זע אייך דאָרט...

ס׳הייסט 5 יאָר וועט ער זי מער נישט זען אַרומשווימען אין איר איינגעצויגן מענטעלע מיטן לעדערנעם פּאַסיק, פאַרשטייפט אַרום איר שמאָלער טאַליע, מיטן בלאַנדן צעפּל פון אונטערן בערעט, איבער דער דזשיקע גאַס, אויף דער לעש. צווישן די מאַסוווקעס און פּאַד. פונקטן; קומען אויפרייסן, צוזאַמען מיט דער היצי־קער חברה, די פאַרזאַמלונגען פון נאָדל־פּאַך, זידלען מיט איר שיינעם פּיסק די „בונ־דישע רעפאָרמיסטן... נאַציאָנאַליסטן... סאָציאַל־פאַשיסטן... פאַרקויפטע נשמות"... ס׳האָט אים שטאַרק ווי געטון, כאָטש זיי האָבן אַצינד באַלאַנגט צו צוויי קעגנערישע לאַגערן, וואָס האָבן זיך אַזוי ביטער באַקעמפט. האָט ער טיף אין האַרצן ביי זיך גע־טראָגן די גאַנצע וואַרעמקייט פאַר דער חברטע רוזשקע; פון דעמאָלט נאָך, ווען ר׳איז, אַ שעמעוודיק לערן־יינגל, דאָס ערשטע מאָל אַרויפגעקומען אין פאַראיין אויפן פּשע־יאַזד. ער האָט דאָך יאָ געקענט די אָרעמע, פינצטערע היים אירע אויף דער וואָליג־סקע, געוווּסט פון וואַנען ס׳דערנעמט זיך צו איר אַזאַ מין חוצפּהדיקע ביטערקייט.

דאָס זעלבע, נישט־דערשטיקטע, וואַרעמע געפיל פון אַמאָל האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן אין זיך פאַרן חבר קאַראָל. דאָס האָט ער דאָך אים געפירט די ערשטע שריט אין דער פּראָפ. באַוועגונג. ער איז מיט אים טאַקע קיין מאָל נישט אין גאַנצן מסכים געווען — נישט דעמאָלט, ווען ער איז געקומען אָפּאַנירן די בונדישע רעדנער, איבער־הויפּט דעם איידעלן חבר ליפע קאַמאַשנמאַכער; ווען ער האָט מיט הויכן פּאַטאָס געשטורעמט פון די טריבונעס אויף די פאַרזאַמלונגען וועגן „באַראַכאָוויסטישן פּראָג־נאָז"; נישט דערנאָך, ווען ער איז אַוועק „אויף די ברייטע שליאַכן פון אָקטאָבער". ער, אַביש, האָט דאָ יאָ שטילערהייט געוווּסט ווו קאַראָל איז ערגעץ שטעקן־געבליבן, נאָכן 3־טן צוזאַמענפאָר פון „קאָמאינטערן"; ווייל מ׳האָט נישט באַדאַרפט צו פיל צו רעדן דערוועגן. ער האָט אָבער נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז קאַראָל איז שוין צוריק „אַריבערגעוואָרפן" געוואָרן די פוילישע גרענעץ, איז עקסטרע געשיקט געוואָרן צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמ. פּאַרטיי אין פוילן; אַז ער האַלט זיך דאָ ערגעץ אויף אונטער אַ פרעמדן נאָמען, פאַרמאַסקירט, מיט אַ קורץ, רויטלעך בערדל, אין פאַרהויכטע ברילן.

מיט גרויס האַרצוויייטיק האָט זיך דער שוואַרצער אַביש צוגעקוקט צום ברודער־קאַמף אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. אָבער מאָדנע, ער האָט עפּעס קיין שום האַס נישט געטראָגן אויף זיי, אויף קיינעם נישט. ער האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין. קיינער אפשר נישט, ווי ער, האָט אַרויסגעלייענט דעם שטומען צער, די פאַרשעמונג, אין בליק פון חבר ליפע.

— טאַקע, דערויף האָבן מיר אַוועקגעגעבן לעבנס, מיר זאָלן דערגיין דערצו ?...
— האָט חבר ליפע געערעדט מיט האַרץ.

ביי דער זייט פון חבר ליפע, שטאַרק געעלטערט, אין גאַנצן גרוי, מיט אַ העכע־רער פּלייצע, האָט אַצינד געשפּרייזט אין זיין פאַרטראָגן לעבן די חברטע דינה, מיט אירע זילבער־געשטרייפטע, קורץ־אונטערגעשניטענע האָר, אַ קוים באַמערקלעכן

שאָטן פון הערעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ, ס׳פּאַפּיראָסל שטענדיק אין מויל. איר גאַנצע מוטער־ און פרוי־לײדנשאַפט האָט זי אַוודאי אַוועקגעגעבן דער „באַוועגונג, דער אַרבעטער־מאַסע. זי האָט נאָך, ווי אין „יענע יאָרן", אַלץ געטראָגן אַן אויסגענייט סאַטינען העמדל, ענג פאַרשפיליעט אַרום האַלדז, געשטורעמט, אַז — „ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל, שטייען אַלע רעדער שטיל", ביי די אימפּראָוויזירטע מאַסוווקעס, אויף די טרעפּ צו די פינצטערע שטאָקן אויפן פשעיאַזד. דער פשעיאַזד איז געווען די אַרטעריע, וואָס האָט געפירט צו אַלע יידישע געגנטן. נומער 9. אַן אַלט הויז. דאָס טויער שטענדיק אָפן; הילצערנע שטיגן, אויסגעריבענע. אויבן — פּראָסטע בענק, שטולן, טישלעך, אַ דאַמקע, אַ שאַך. דאָ איז געווען אַ ביליקע אַרבעטער־קיך, דער צענטראַל־ראַט פון די פּראָפ. פאַראיינען, אַן אַרבעטער־ווינקל. ס׳האָט טאָג און נאַכט געררוישט פון עולם. אין דער טיי־האַלע איז מען אין אוונט געקומען עסן אַ שטיקל הערינג, אַריינקוקן אין אַ צייטונג. טירן, טירן: די „גראָסער־ביבליאָטעק, דער סעקרעטאַריאַט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, די צענטראַלע ביוראָ פון דער וואַל־קאַמפּאַניע, פאַרזאַמלונגען, שטורמישע זיצונגען, פאַרלעזונגען, ליטעראַרישע אָוונטן.

נאָכן גענעראַל־שטורעם פון „קאַמבונד", האָט זיך עס דער עיקר געהאַנדלט אין „שיצן די איניקייט און גאַנצקייט פון דער באַוועגונג". די פאָדערשטע פראָנט־פּאָזיציע איז געווען — די פּראָפ. פאַראיינען. די פאַראיין־לאָקאַלן זענען געווען אַ צווייטע היים פאַר די אַרבעטער. ווער רעדט נאָך — דער באַקלייד־פאַראיין, דאָס אַלטע, טראַדיציאָנעלע בונדישע נאָדל־פאַך. די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אָפּגעקליבן אַ פלינקן אָרדענער־עקיפּ. אַז שרייער זענען געקומען אויפרייסן די פאַרזאַמלונגען, מאַכן סקאַנדאַלן, אַרויסרופן געשלעגן, האָט זיך דעמאָלט זייער רואיק, אָבער זייער אַנטשלאָסן, אויפגעשטעלט די חברטע דינה:

— נישט צו די — האָט זי געררופן, מיט מענערישן מעטאַל אין איר קול— וואָס זענען געקומען די פאַרזאַמלונג אויפרייסן, רעד איך. זיי האָבן גענויע אינסטרוקציעס... איך ווענד זיך צו אייך, וואָס איר וועט מיטן שטימען פאַר אונדזערע פאַרשלאָגן, באַווייזן די געטריישאַפט אייערע צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איר אַליין האָט זי מיט אַזוי פיל קרבנות געהאָלפן אויפבויען...

אין איר אַרגומענטירן איז געווען שניידנדיקע לאָגיק, קלאָרקייט, איבערצייגונגקראַפט. חברטע דינה, די קלאָרע צעטקין פון בונד, ווי מ׳האָט זי גערופן, איז צוזאַמען מיטן געעלטערטן חבר ליפּע, געווען אויף אַלע זיצונגען, אין דער פאַראיין־פאַרוואַלטונג, אין דער צענטראַלע פון באַקלייד, אויף די קאָנפערענצן פון אַקטיוו, פון שול־קאָמיטעט, אויף די צוזאַמענפאָרן פון יידישע און פוילישע שניידער־פאַראיינען, אין צענטראַל־ראַט פון די פּראָפּ. פאַראיינען, וואַל־קאַמפּאַניעס; מיט איין וואָרט, אין צענטער פון אַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

די טעאָריע פון „קלאַס קעגן קלאַס" איז אָבער אַרויס פון דער הנחה, אַז נאָר די קאָמ. פּאַרטיי איז די איינציקע פאָרשטייערין פון פּראָלעטאַריאַט, און נאָר זי פירט דעם קאַמף, אָן שום קאָמפּראָמיסן, קעגן דער בורזשואַזיע, קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג; און אַלע אַנדערע פּאַרטייען, מיט זייערע פּאַרפירערישע לאָזונגען, אַרבעטן פּאַקטיש פאַרן קאַפּיטאַליזם, פאַר דער בורזשואַזיע, אָדער ווי זייערע אָביעקטיווע פּאַרבינדעטע; אַז דער בונד פירט אויס אויף דער „יידישער גאַס" אַ פאַררעטערישע

ראַלע; אַז די לינקע פועלי ציון איז — „די ציוניסטישע עקספּאָזיטור אין די פּראָלע־טאַרישע רייען״. ביים בונד האָט מען, געוויינלעך, פאַרשטאַנען, אַז יעדער שטרייק, וואָס ווערט אַרויסגערופן, באַדאַרף כאָטש צו זיין אַ באַרעכטיקטער. מ׳קען נישט סתם צעברעכן, אויסשטעלן אויף הונגער מענטשן, וואָס האָבן משפחות צו דערנערן. ס׳איז אַ ווייטיק געווען צוצוקוקן, ווי די אַרבעטער דרייען זיך אַרום וואָכן־לאַנג, איינגעצער־טע, מיט הונגעריקע אויגן, מיט אויפגעשטעלטע קעלנערלעך אויף דער בערזע. דער קאַמ. פראַקציע איז אָבער דער עיקר געגאַנגען אין אַרויספירן די מאַסן אין קאַמף, אין גאַס אַריין. האָבן זיי דערפאַר די אַנדערע געשטעמפּלט ווי שטרייק־ברעכער, גע־קומען זיי אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט; און אַז מ׳האָט זיי נישט געוואָלט האַרכן, זענען אויסגעבראָכן וויסטע געשלעגן, מיט רעוואָלווערן און מיט מעסערס.

אין דעם זומער זענען אויסגעבראָכן ספּאָנטאַנע לוין־שטרייקן ביי די געגריוועטע שוסטערס, ביי די וואַלקער, שטעפּער, דאַמען־בייטלען, קינדער־שיכלעך, געטרעס־אַרבעטער. ס׳האָט זיך, נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, פאַרט איינגעגעבן צו שאַפן אַן איינהייטלעכן שטרייק־קאָמיטעט. מ׳האָט זיך אָבער געדונגען איבער אַ ליאַדע פונקט, געגאַנגען הינטערליסטיק איבער די קעפּ פון די פירער. ס׳איז קיין שלום־בית נישט געווען. די לאָזונג „קלאַס קעגן קלאַס״ האָט אויפגעריסן די איינהייט צווישן די פאַר־חושכטע, אָפּגעצערטע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן ביטער געקעמפט פאַרן שטיקל ברויט.

קאַפּיטל אַכצן

די פּראַגער „דינאַסטיעס״

אַ שווער שטיקל אַרבעט איז אויך געווען אָוועקצולייגן ביים אָרגאַניזירן די טראַנספּאָרט־ און שעכט־הויז־אַרבעטער אין פּראַגע, אַרום די פּראָפּ. פאַראיינען. דער שוואַרצער אַביש האָט לאַנג אַריינגעקלערט דערין, ביז ער האָט זיך עס אונטערגענו־מען, כאָטש נישט מיט קיין לייכט האַרץ. אַ יינגל מיט ברייטע פּלייצעס, איבערן ני־דעריקן שטערן אַ שאַטינע גזשיווע, ווי אָפּגעקראָכן פון דער זון, מיט פעסטע מוסקולן; אַז מ׳האָט באַדאַרפט, האָט ער געקענט צוריקדערלאַנגען אַ קלאַפּ אויך, אַפילו נישט־יידישע כוליגאַנעס — האָט ער אין די אויגן פון חבר ליפע און חברטע דינה אויס־געזען דער סאַמע פּאַסיקסטער פאַר אַזאַ מין דעליקאַטער אויפגאַבע. ס׳איז אָבער נישט געווען אַזוי פּשוט. דאָ האָבן מער נישט געגילט די שיינע רעדעס... די טעאָריעס, דאָס אָפּעלירן צום געוויסן פון אַרבעטער. די לייט האָבן זיך אויף אַזעלכע זאַכן נישט פאַרשטאַנען. מלך, דער פאַרשטייער פון דער סעקציע פּלייצע־טרעגער, האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג זיך אָנגערופן:

— חבר אַביש, האָרעוועט נישט אַזוי פיל מיטן בלייפעדער... כ׳וועל דעם „אָפּי־נענט״ באַלד געבן אַזאַ כמאַל, אַז ר׳וועט גלייך פאַרשטומט ווערן...

— באמת איך נישט, חבר מלך — האָט אים אַביש זייער איידל געבעטן — איך בין זיך נוהג צו ענטפערן אָן אָפּאָנענט מיטן מויל, נישט מיט די הענט...

אַביש איז דערפאַר נאָך אַנאַנד אַרומגעגאַנגען צעטראָגן, אויפגערעגט. אַלע מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמעצער גייט אים נאָך, ווי אַ שאָטן, הינטער זיינע פּלייצעס. אַזוי פלינק ווי ר'איז געווען, איז אים יעדעס מאָל אויפסנייַ באַפאַלן אַן אַנגסט־שווייס, אומצודרייען זיך באַצייטנס, די האַנט אויף דער הינטערשטער קעשענע; ווייל ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט אַ געלאַדענעם רעוואָלווער.

אויך זענען געווען גרויסע מאָראַלישע סכנות. אָט דרייט ער זיך אַרום צווישן לייט, וואָס געלט שפּילט ביי זיי קיין ראָלע נישט. די חברה האָבן אים אַפילו נישט איין מאָל דיסקרעט פאַרגעלייגט אַ „שותפות“, געשטופּט אים געלט אין קעשענע אַריין. זיי האָבן עס נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס ער איז אַזאַ „יאָלד“. ס'איז געגנוג — האָט אַביש באַטראַכט — נאָר איין קליינער שריט. שטענדיק, נאָך אַ פאַר־איין־קאָנפליקט, נאָך אַ שיסעריי, נאָך אַ מעסער־שטעכעריי, איז דער שוואַרצער אַביש געקומען אויסגיסן זיי גאַנץ ביטער האַרץ פאַרן חבר ליפּע:

— פון וואַנען ווייס איך, אַז כ'וועל האָבן כוח?... צווישן דער האַלבער אונטער־וועלט...

אין באַשיידענעם צימערל אויף דער קאַרמעליצקע, ווו חבר ליפּע האָט אַצינד געוווינט, איז אַביש יעדעס מאָל געקומען אויסגיסן זיין גאַנץ ביטער האַרץ.

— חבר ליפּע — האָט ער זיך געבעטן רחמים — באַפרייט מיך... כ'ווייס נישט, צי כ'וועל אויסהאַלטן...

חבר ליפּע, ווי אויף זיין איינגעבויגענער פּלייצע וואָלט געלעגן די גאַנצע לאַסט פון אַ דור, האָט אים אויסגעהערט באַזאַכט, זייער רואיק, מיט קאָפּ, קיין איין מאָל נישט איבערגעריסן אים; און ווען אַביש האָט געענדיקט, האָט ער זיך זייער געלאַסן אָפּגערופן:

— זעט איר, חבר אַביש, אַז א י ר זאָלט ווערן דעמאָראַליזירט, פאַר דעם האָב א י ך קיין מורא נישט.

— פאַר וואָס אָבער דאַרף איך עס זיין דער שלעגער?

— ס'איז אַ קאַמף, חבר. אַ קאַמף פון דער „באַוועגונג“, פאַר אַן אידייע, וואָס מען וויל זי מיט דער פויסט אומברענגען. דאָס שלאָגן מיר זיך נישט סתם — פון רעכטס ביז לינקס — מיט כוליגאַנעס, לאַבוסעס, אַנטיסעמיטן, פּאָליטיש־פאַרפירטע. דאָס קעמפן מיר פאַר די רעכט פון גאַנצן פאָלק.

ער איז אַראָפּ פון חבר ליפּע אין גאַנצן אַ באַרואיקטער. נאָך גוט, וואָס מיטגע־האָלפן האָט אים צו ערשט אויך זעליג סטאָלער, אַ שטילער בחור, איינער פון די ברידער, די „זיבן לייבן“ פון דער פּראָגער דינאַסטיע פורמאַנעס. חבר זעליג האָט געלייענט ביכלעך, געווען אַן אַקטיווער, באַוווסטזיניקער מיטגליד אין פאַראיין. אָבער די ברידער זיינע האָבן אים מיט שפּאָט גערופן — „דער אינטעליגענט“, אָדער „דער יאָלד אין קאַפּעלוש“. זיי האָבן געחוזקט, געשאָטן זיך פון געלעכטער, ווי ער טראָגט זיך אַרום מיט ביכלעך און רעדט עפּעס אַזעלכע משנוהדיקע רייד, אַז מ'פאַרשטייט קיין וואָרט נישט...

— חבר זעליג — האָט זיך אַביש צו אים איין מאָל אָפּגערופן, אַראָפּגייענדיק צוזאַמען אין אָוונט פון לאָקאַל אויפן פשעיאַזד — אַזוי ווי מיר האַלטן ביים אָרגאַ־

ניזירן די טראַספּאָרט־ און שעכט־הויז־אַרבעטער, וואָלט גוט געווען זאָלסט מיך באַקענען מיט דיינע „בראַטשיקעס"...

— איך מיינט עס טאַקע ערנסט, חבר אַביש?

און חבר זעליג האָט זיך אַ רגע פאַרהאַלטן, אָנגעקוקט אים מאָדנע, זיך שטאַרק געקווענקלט, ווייל ער האָט שוין באַצייטנס געשעמט זיך פאַרן אמתן ברוך־הבא, וואָס חבר אַביש, פון טראַנספּאָרט־פאַראיין, קען ביי זיי אַמאָל אַריינכאַפּן. ר'האָט זיך אַליין אָזוי ווי פאַרענטפערט, און אַביש האָט דערפילט, ווי דאָס וואָלטן געווען זיינע אייגענע רייד:

— אַז מ'ווינט אויף דער זאַמבקאָווסקע גאַס, אין פּראַגע, צווישן גנבים און קאָמבינאַטאָרן, און מ'ווערט אַליין נישט קיין גנב, איז מען אַן אמתער גיבור, חבר אַביש... שטאַרקער פון אייזן...

ער האָט אים פון דעסטוועגן די אַנדערע וואָך, זייער פאָרזיכטיק, צוזאַמענגעברענגט מיטן עלטסטן ברודער זיינעם, מיט יאַנקל שטשערב. דאָס האָט אַביש גלייך דערפילט — זיי האָבן טאַקע חוזק געמאַכט פון יונגערן ברודער, פון זעליגן, אָבער זיי האָבן פאָרט אַ קליין ביסל דרך ארץ — אַ „בעסער ייִנגל"... חברט זיך נישט מיט אַבי־וועמען... ס'איז אויך פונקט גוט זיך צונויפגעפאַלן. אין זעלבן נאָך־פּסח איז דער ברודער יאַנקל געוואָרן אַ חתן. ער האָט זיך משדך געווען מיט אַן אַנדער פּראַגער „דינאַסטיע", מיט אַ טאָכטער פון די „שוואַלבן"; און אים, אַבישן, האָט מען אויך פאַרבעטן צו דער שמחה. ער האָט זיך, חלילה, נישט אָפּגעזאָגט, פאַרקערט, ער איז שטאַרק גערירט געווען פון דער פאַרבעטעניש.

ווער האָט דען אין פּראַגע נישט געקענט די „שוואַלבן"? גנבים, פּאַסערס, האָבן מיט די צעקאָכטע אייגעלעך אונטערן שטערן, געדרייט זיך אַרום די שעכט־הייזער. ס'איז דאָרט געווען אַן „אויפרופן" אין שולכל. מ'האָט נאָכן דאַווענען געטיילט גרויסע שטיקער לעקעך מיט קעלישקעס בראָנפן. אין לאַנגן הויף פון די „שוואַלבן" האָבן זיי דאָרט אין וואַרעמען נאָך־פּחסדיקן שבת אין דער פרי צעשטעלט לאַנגע בענק, טישן, פול באַלייגט מיט כל טוב: פּאַלומיסקעס פיש, טעפּ פלייש, טשאָלנטער. בראָנפן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. ביי דער וואַנט פון די פערד־שטעלער — פעסעלעך ביר. די גאַנצע צייט פון דער שמחה האָט זיך זעליג געהאַלטן לעבן חבר אַביש. דאָס האָט ער אים באַקענט מיט די שווערע, רויט־אָנגעגאָסענע פליישער־און שעכט־הויז־אַרבעטער, אָפּשטעקנדיק יעדן איינעם פון זיי אַ „פינפטל", אָנקלאַפּנדיק זיך צום ווײפּלטן מאָל מיט די טיי־גלעזער בראָנפן.

אין דער גאַס, וואָס האָט געפירט צו די שעכט־הייזער אין פּראַגע, זענען געווען אָנגעזעצט איינס לעבן אַנדערן קאַוויאַרניעס, קנייפּעס, ביר־הייזלעך. פון פאַרטאָג אָן איז די גאַס פאַרשטעלט געווען מיט דראַביאַנסטע פורגאָנעס. זיי האָבן געוואָרט פונאַנדערצופירן די זייטן פלייש איבער גאַנץ וואַרשע. קצבים, פורמאַנעס, שעכט־הויז־אַרבעטער זענען פאַרפאַרעט, איינגעשמירט אין בלוט, אַריין און אַרויס דורך די אויפגעפּראַלטע טירן אין דער לאַנגער געביידע פון אָפּגעקראָכענע ציגל, עק נאָמיעסטניקאָווע. מען איז דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ הויכער, ריזן־לאַנגער האַלע. די קולות, די געוואַלדן פון מענטשן און חיות זענען אויפגעגאַנגען ביז אונטערן דאַך, האָבן אָפּגעהילכט מיט אַ ווייטן עכאָ. פון ביידע זייטן — שטייגן, שטאַכעטן. אויף די האָקעס זענען דאָרט געהאַנגען צעפּערטלטע אָקסן, קי, קעלבער. וועטערינאַרן, אין ווייסע, פאַרבלו־

טיקטע כאַלאַטן, זענען אַרומגעלאָפן קאָנטראָלירן, שטעמפּלען דאָס פלייש נאָך דער שחיטה. אין דער טיף, אין די שטעלער, ברומען, מעקען, שרייען, קוויטשען קי, חזי־רים, קעלבער. ס׳שטייט אַן אימהדיק רעווען פון אָקסן, וואָס מ׳שלעפּט זיי אויף קייטן. אין די זייטיקע צעמענטירטע קאַנאַלן רינען אָפּ ריטשקעלעך בלוט. ס׳גייט אויף אַ זיסלעכע פּאַרע און פאַרהילט די פאַרהאָוועטע לייט, אין די טיפע גומענע שטיוול, אין ברייטע פאַרטעכער. זיי שטייען מיט לאַנגע, בלאַנקע מעסערס, שאַרף־אייזנס אין די האַריקע, מוסקולירטע הענט, אין גאַנצן פאַרשפּריצטע מיט בלוט. זיי ציען אָן די אָקסן אויף דרענגער, ווען די איבערגעשראָקענע חיה דריגעט נאָך מיט די פיס, זעצט מיט אַ דאַמף דורך די נאָזלעכער; צעפּערטלען זיי מיט העק, שניידן זיי מיט די בלאַנקע מעסערס.

ס׳ערשט מאָל, ווען אַביש איז שטיינגעבליבן אין דער האַלע, האָט אים דער נעפּל פון די וואַרעמע, זיסלעכע, איבלדיקע ריחות אַ רגע אַ פאַרדריי געטון דעם קאָפּ. ער האָט זיך אָבער פעסט געהאַלטן. ביי די לייט, האָט ער געדענקט, טאָר מען נישט אַרויסווייזן קיין שוואַכקייט; בפרט, אַז ער האָט אַצינד אַזעלכע וויכטיקע אויפגאַבן דורכצופירן.

באַגינען, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען בלוילעך, האָט מען פון די שעכט־היי־זער, מיט קרומע שפּרייזן אין דער ברייט פון טראָטואַר, זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ „טרונק", אויף אַ ביס, דאָ באַלד דערלעבן, ביים „גראָבן בערעק"; אָפּגעשניטן אַ שטיק רוי פלייש פון אַ צעפּערטלטן אָקס אויף די האָקעס, איז מען אַוועק צו דער קנייפּע מיט די ליכטיקע שויבן. אַז מ׳האָט אָן עפן געטון די טיר, האָט אַ זעץ געגעבן צום דרויסן אַ פּאַרע. ביים „גראָבן בערעק", ראָג נאָמיעסטניקאָווע, האָט זיך שוין אַרום פינף פּאַרטאָג גענומען אָנפילן מיט טרעגערס, פורמאַנעס; מ׳איז אַריינגעקומען צו־בייסן אַ שטיקל הערינג, איינשלינגען אַ הייסן טעלער גריץ. אין דער לאַנגער סאַליע זענען געווען צעשטעלט פּראָסטע הילצערנע טישן. אין דער מיט, אין דער אייזערנער פּליטע, האָט געפּלאַקערט אַ העליש פייער. די שטיקער פלייש, אויפגעשטאָכן אויף שפּיזן, האָבן זיך געבראָטן, געקנאַקט; די געשמאַקע ריחות האָבן אָנגעשפּיצט די נאָזלעכער. די טישן — באַלייגט און באַשטעלט מיט פלעשער, „סעטקעס", שטויסן פרישע קייזערקעס, בייגל, באַשאָטן מיט מאָן. מ׳כאַפּט, הייסט עס, איידער וואָס־ווען, אַ ביס. פונקט ווי בעקערס, וואָס אַרבעטן נעכט, זענען בלייך ווי פּאַפּיר, אַזוי זענען ביי די פליישער, די טרעגער רויטע, געזונטע פּנימער.

ביים גראָבן בערעק האָט זיך טאָג און נאַכט געראַיעט. אין אָוונט איז די טומבאַנק באַלייגט געווען מיט דראָשקאָזשעס, גנבים, נקבות. אַרום דריי־פיר ביינאַכט האָבן זיך אַהער פּלוצעם געקענט טון אַ שיט אַריין מיט שטורעם דער באַקאַנטער פולקאָוו־ניק וויעניאַוואַ דלוגאָשעווסקי, דער לייב־אַדיוטאַנט פון מאַרשאַל פּילסודסקי, דער רעגירונגס־קאָמיסאַר יאַראָשעוויטש, אַ באַרימטער שיכור, די אַקטיאָרן גראַבאָווסקי, יאַראַטש. אַראָפּגעלאָזן זיך אַהער פון די עלעגאַנטע וואַרשעווער נאַכט־לאָקאַלן אויף ניי־וועלט, אויף מאַרשאַלקאָווסקע, ווען מ׳האָט דאָרט געשלאָסן, האָט עמעצער פון זיי אַ געשריי געטון: „יעדזשמי דאָ גרובעגאָ בערקאַ"... (לאָמיר פאָרן צום גראָבן בערעק). און מיט דראָזשקעס האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן קיין פּראַגע, אַריין אין דער קנייפּע, געהייסן צודערלאַנגען יידישע פיש, בראָנפן און בערעקן האָבן זיי באַפוילן צו זינגען „מה יפית". „בערעק, זאַפּיש!" (בערעק, פאַרשרייב!) — האָט געשריגן דער גראָבער

קאָמיסאַר; און זיי האָבן דערנאָך פאַר אַלעם גאַנץ שיין באַצאָלט. אַפילו פּאָליציי האָט נישט צופיל אַריינגעשמעקט אין דער קנייפּע; ווען נישט דאָס, וואָלט מען שוין לאַנג געהאַט פאַרהאַקט דאָס שענקל „צוליב סאַניטאַרע טעמים“...

דאָס מאָל, ווען אַביש האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהער אין דער קנייפּע, אַרומצורעדן וועגן זייערע פּראָפעסיאָנעלע ענינים, צוגעזעצט זיך צוזאַמען מיט זיי ביים טיש, געמאַכט מיט זיי דעם אמתן לחיים, האָבן זיי אים שוין אויפגענומען ווי אַן אייגענעם. זיי זענען דאָ געווען איינגעטיילט אין סעקציעס: שעכט־הויז־פליישער, כשרע העקער, ווורשטן־מאַכער, טרייבערער, שינדער; די, וואָס האָבן אָנגעטריבן די אָקסן, אַרויפגעצויגן דעם געשאָכטענעם אָקס אויפן דראָנג, אָפּגעשונדן די פעל, אויסגעליידיקט די אינגעווײדן, האַלבירט, צעפערטלט. ס'איז אויך געווען אַ סעקציע שלעפּער, ווען די גאַרבערס זענען געקומען איינקויפן די פעל. אַרום זיי האָט זיך געדרייט אַ גאַנצע חברה טרעגער, מיט האַנט־וועגעלעך, פורמאַנעס. זיי אַלע האָבן געאַרבעט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות; אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרדינט, איז אַריין אין איין קאַסע. סוף וואָך האָט איטלעכער מיטגליד פון דער סעקציע געקריגן זיין חלק. אַ בחור, למשל, האָט געקריגן אַ קלענערן חלק. אָבער די אמתע דעה־זאָגער זענען געווען די „שטאַרקע“. זיי האָבן געקריגן דעם בעסטן חלק. די חזקה אין דער פאַרוואַלטונג האָבן געהאַט די „דינאַסטיעס“ פון פּאָוואָנזעק און פּעלצאָוויזנע.

דאָ, האָט אַביש גלייך פאַרשטאַנען, דאַרף מען אין אַלע פאַלן האָבן אַ שטאַרקע פּויסט, אַ באַוואָפנטן כוח. אָט האָט זיך אָנגערוקט דער 1־טער מאַי, און דער בונדישער טראַנספּאָרט־ און פליישער־פאַראיין האָט באַשלאָסן צו מאַרשירן פון פּראַגע, אין געמיינזאַמען יידיש־פּויליש צוג. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך אין זוניקן, ווינטלדיקן טאָג לאַנג געצויגן, מיט אויסרופן, מיטן „טשערוואָני שטאַנדאַר“, מיט דער בונדישער „שבועה“, איבער דער קערבעדזש־בריק, דורך קראַקאָווסקיע פּשעדמיעשטשע. די בונדישע גרופּן האָבן דערנאָך אַוועקמאַרשירט אונטער די רויטע שטורעם־פענער, פאַרן אייזערנעם טויער; פון דאָרט — צום טעאַטער־פּלאַץ. זיי האָבן זיך נישט דערשראָקן צו ציען מיט די רויטע פענער, מיט יידישע אויפשריפטן, דורך לויטער פּוילישע גאַסן. אויפן טעאַטער־פּלאַץ, צווישן אַ ים קעפּ, אַ וואַלד פענער, טראַנספּאַרענטן, האָט חבר ליפּע גערעדט אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער. איז פּאָליציי פּלוצעם אַרויס פון די זייטיקע גאַסן, אָפּגעשלאָסן אַלע דורכגענג, אַלע געסלעך, דעם טויער פון זאַקסישן גאָרטן — פאַרהאַקט. פּאַלקעס, אייזנס, קאָלבעס זענען געפאַלן איבער קעפּ. דאָס בלוטיקע געשלעג מיט די אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס און פּאָליציי אין טאָג פון שענסטן אַרבעטער־יום־טוב איז לאַנג, לאַנג נישט פאַרגעסן געוואָרן.

האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז נויטיק אַ פּערמאַנענטע פּאַרטיידיקונג; און דער וואַרשעווער קאָמיטעט האָט זיך דעצידירט צו שאַפן אַ פּאַרטיי־מיליץ; כאָטש מ'האָט גוט געדענקט, ווי די אַמאָליקע קאַמפּס־גרופּעס פון די אַנאַרכיסטן, עס־ערן, פּ.פּ.ס. האָבן דעגענערירט צו באַנדיטיזם. די באַרימטע „עקספּראָפּריאַציעס“, אָדער „עסקן“, פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּשוטע רויב־אָנפאַלן. איז דערפאַר באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיטגלידער פון דער מיליץ מוזן האָבן אַ שטענדיק פאַך. דאָס האָבן אָבער געדאַרפט זיין מוסקולירטע יינגלעך, וואָס קענען פאַרטראָגן אַ קלאַפּ און צוריקגעבן אַ קלאַפּ. דיסציפּלין, פליכטן, אָן שום פּריווילעגיעס. אין דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע מאָל געווען אַ טיפער

עקל צו דער אונטערוועלט. אין 1905 האָבן זיך וואַרשעווער אַרבעטער געוואָרפן אויף די „הייזלעך", אויף די „כוח־גייערס". ס'איז אָבער נישט געווען אויסצומיידן, אַז אין די „באַיוווקעס" זאָלן זיך אַריינקריגן חברה פון דער אונטערוועלט; אַזעלכע חברה ווי הערשל „וואַלטשאַזש", מאיר טשאַמפּל, שמחה מאַטש, לייבוניו — דווקא דאַרע, בלייכע יונגעלייטלעך, אָבער פאַרביסענע, וואָס האָבן גוט געקענט „אַרבעטן" מיטן מעסער. זיי האָבן, געווײנלעך, גענומען „פּרעטענזיע־געלט" ביי די סוחרים אויף דער שוו. יערסקע, אין די געוועלבן, אָנגעקלעפּט איינס לעבן אַנדערן, פון פאַר־טיקע קליידער. ביי די טירן זענען געשטאַנען אַ באַנדע משרתים, האָבן אַריינגערופן קונים, פאַרטשעפּעט יעדן פאַרבייגייער, געריסן פאַרן אַרבל. מ'האָט זיי גערופן די „כאַפּערס". האָבן זיך צווישן די „כאַפּערס" אויך „אַריינגעכאַפּט" די „שטאַרקע", פאַרלאַנגט פּראָצענטער, כאַטש קיין קונים האָבן זיי נישט אַריינגעבראַנגט. דאַכט זיך, שטילע יונגעלייט, אָבער אַריינזעצן עמעצן אַ מעסער אין אַ זייט, איז ביי זיי געווען אַ קלייניקייט. זיי האָבן אויך געהאַט „כלה'ס" אין גאַס. צו דעקן די פוילע געשעפטן, איז מאיר טשאַמפּל געווען אַ קוילן־טרעגער; פראַים בולק, פון דער קאָמוניסטישער „באַ־יוווקע", אַ בעקער. זיי זענען געגאַנגען אויף יעדן שטיקל „אַרבעט", די „באַיוווקע", ווו מ'האָט זיי נאָר גערופן, אויך „קעגן די פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס"... ס'האָט געהייסן : „אַן אידייאישער טעראָריסט". ביי דער וואַל־קאַמפּאַניע האָבן זיי אויפגע־ריסן מיטינגען, אַראָפּגעריסן קעגנערישע וואַל־פּלאַקאַטן. דאָס איז אָבער געווען בלויז אויף דער „יידישער גאַס". ביי די פּ.פּ.ס. האָט עס געקאָסט — אַ טויטער.

אויפן חתונה־מאַלצייט ביי יאַנקל „שטשערב" האָט זיך אַביש אויך דורכגערעדט מיט מלכ'ן, דעם פאָרשטייער פון דער סעקציע, וואָס האָט געפּויעט קעלבער, געאַר־בעט ביי די פלאַקעס און וואַמפּן. אַ געזונטער יונג. ער איז אַמאָל געווען אַ מיטגליד אין דער פּ.פּ.ס.־ישער „באַיוווקע"; האָט זיך געהאַט פאַרליבט אין אַ שוחטס אַ טאָכ־טער. דער שוחט האָט נישט געוואָלט הערן וועגן דעם „קיילער־יונג", האָט די טאָכטער געהאַלטן פאַרשפּאַרט. האָט מלך ביינאַכט זי אַרויסגעגנבעט דורכן פענצטער פון צווייטן שטאָק, האָט מיט איר געשטעלט אַ שטילע חופּה ביי אַ ווינקל־רבילע. מלחמה־צייט איז ער געווען אַ שמוגלער פון פלייש. זיינע אַמאָליקע „קאָלעגעלעך" פון פּ.פּ.ס. האָבן אין נייעם פּוילן פאַרנומען וויכטיקע מלוכה־אַמטן. ער האָט אַמאָל צוזאַ־מען מיט זיי אויסגעפירט אַן אַטענטאַט אויף אַ פּאָליציי־רעוויראָווע, הינטער די האַ־לעס. ער איז דעמאָלט געווען אַ יונג אַ ריז, ליב געהאַט דעם פּרעס. אַצינד זענען פאַר אים אַלע טירן געשטאַנען אָפן.

— חבר אַביש — האָט ער אויף דער רוישיקער שמחה אונטערגערוקט אים איין גלעזל נאָכן אַנדערן, געוויזן אים מיטן פינגער צום שטערן — ד ע ר קאָפּ זאָל נאָך אַזוי לעבן, ווי זיי וועלן ביי מיר פלאַצן, די „כוח־גייערס"... נאָר אַ ברידער־פּאַראיין באַדאַרף מען און ווייטער גאָרנישט !... — האָט ער אַראָפּגעלאָזן אַ שווערע פויסט אויפן טיש.

אַלע „דינאַסטיעס" זענען געווען אויף דער שמחה. די „חיהטשקעס" האָבן זיך גערופן לויט זייער מאַמען; די כוואַטסקע יידענע איז ביי זיי געווען דער קאָפּ פון דער משפּחה. אירע זין, שמואל „גבאי", לייב „פילאָזאָף", יאָסל דער משוגענער, האָבן געשמט אין פּראַגע. חיהטשקע אַליין האָט נאָך אויף דער עלטער געהאַלטן אַ יאַטקע פון דרויב, קישקעס, וואַמפּן, לונג־און־לעבערס. אין די צאַרישע צייטן האָט זי גע־

פלעגט אויסבאַהאַלטן ביי זיך רעוואָלוציאָנערן, האָט געקאָכט פאַר זיי גרויסע טעפּ געקעכטס. די דריטע „דינאַסטיע", וואָס האָט זיך אָנגעזען אויף דער שמחה, איז געווען די „בערטשיקעס". דער זיידע זייערער האָט געהייסן בער, האָט געשטאַמט פון פעלצאָוויזנע. ס'איז נאָך דאָרט אַפילו פאַרבליבן אַ מנין, וואָס מ'האָט גערופן „דאָס שולכל פון די בערטשיקעס". זיי, ווידער, האָבן געהאַט די חזקה איבער דער סעקציע „קעלבער" אין פּראַגער שעכט־הויז. אָבער צווישן די סעקציעס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר מאַכט אין פאַראיין. די דריי „דינאַסטיעס" האָבן אויסגעשפּרייט זייער ממשלה.

מ'וויסט נישט וואָס פאַראַ כוח ס'האָט געשטעקט אין אים, וואָס פאַראַ אימפּעט אים האָט געטראָגן, נאָר אומעטום האָט ער שוין געהאַט זיינע „גוטע ברידער", חבר אַביש. ער איז געקומען צו די פלייצע־טרעגער, וואָס האָבן געהאַט זייערע געשטעלן אויף נאַלעווקי־גענשע־פראַנצישקאַנער און אויפן גזשיבאָוו, פאַרן אייזערנעם טויער, אין די האַלעס. זיי האָבן אים באַלד אַרומגערינגלט, אויסגעהערט אים מיט גרויס דרך ארץ. ביי זיי איז געווען אַ כלל, אַז די פּורמאַנעס טאָרן נישט אַראָפּטראָגן די סחורה פון די וועגענער. זיי האָבן זיך צוגענומען „פּאָמאָצניקעס", וואָס האָבן שוין געטון פאַר זיי די אַרבעט אויך, געשלעפּט די קאַסטנס, די פּעק. יעדע סטאַציע איז געווען אַ מין קאָאָפּעראַטיוו, מיט איין קאַסע. די „שטאַרקע" האָבן גענומען פאַר זיך אַ גרעסערן חלק, די „קלענערע פּישלעך" האָבן געמוזט האַלטן ס'מויל. דער פאַראיין האָט באַדאַרפט אויסגלייכן די שטענדיקע סכסוכים, און אַביש האָט געמוזט זיין אומעטום. איז אַ מיטגליד געשטאָרבן, האָט די חזקה אויף דער „סטאַציע" פאַרנומען אַ זון, אַן אידעם, אָדער מ'האָט דער אלמנה געצאָלט וואָכן־געלט, „לויט יושר". אַ גאַנץ יאָר האָט מען נישט גענומען קיין „יידיש וואָרט" אין מויל אַריין, אָבער ראש השנה, יום־כיפור זענען די עלטערע טרעגערס געגאַנגען דאַווענען אין שולכל אויפן גענשער בית עולם. דאָרט זענען אויך געקומען דאַווענען גנבים, אַלפאָנסן, נקבות. אַהין איז חבר אַביש איין מאָל מיטגעקומען.

— חבר אַביש... — האָבן זיי אים, אַ ביסל קרומלעך, שפּיציק, אַ פרעג געטון — איר זענט נישט אַמאָל געקומען דאַווענען מוסף?...

דער ערשטער פאָרזיצער פון פאַראיין איז געווען אליקום. מ'האָט אים גערופן נישט פאָרזיצער, נאָר „פּרעזעס". אויף די דעמאָנסטראַציעס פון בונד האָט ער אַליין געטראָגן די פאַראיין־פאָן. ער האָט זיך קינדוויז אַרומגעוואַלגערט צווישן פערד, וועגענער, אָנטרייבער. ר'האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַרבעטערין פון פּאָליאַקעוויטשעס טאַבאַק־פאַבריק. נאָך דער חתונה האָט ער זיך געסטאַטקעוועט, איז געוואָרן אַ פּלייצע־טרעגער. ער האָט זיך אָנדערצײילט וועגן דער „באַיוווקע" אין 5־טן יאָר, ווי אַזוי מ'האָט געגעבן „לייגעס", צוזאַמען מיטן באַרימטן העלד ברוך שולמאַן. ווען אַביש איז געוואָרן פאָרשטייער פון צענטראַל־ראַט ביי די פּראָפ. פאַראיינען, איז אליקום געקומען צו אים פאַרקלאָגן זיך אויף זיין ביטער לעבן:

— געווען אַ „פּאָמאָצניק" ביי די פּלייצע־טרעגער, געקריגן אַ קרענק געצאָלט... ביי די גנבים, גלויב מיר, איז שוין דאָ מער יושר...

ר'איז גרייט, האָט ער געזאָגט, „צו געבן זיין קאָפּ" פאַר דער „באַוועגונג".

אויף אַלע בערזעס, אַלע „פּונקטן" איז אַביש געווען. זומער און ווינטער זענען די שטריק־טרעגער געווען אין זעלבן הילוך: שווערע שטיוול, וואַטאָווע הויזן, אַ וואַטע־

בער שפּענצער, די לענדן אַרומגעוויקלט מיט גראָבע שטריק. דער צענטראַל־ראַט האָט אָנגעהויבן פאָדערן מ׳זאָל דעם פּאַראַיין אויסברייטערן, אַריינגעמען אויך די „פּאָ־מאַצניקעס״, די שטריק־טרעגער. לכתחילה זענען די פלייצע־טרעגער געווען קעגן. זיי זענען געווען געזונטע, מיט רויטע, אונטערגעגאָלטע קאַרקן. „שווער אַרבעטן — האָבן זיי געזאָגט — זאָלן בעלגישע פערד״... די שטריק־ און וועגעלעך־שלעפּער — אויסגעהאַרעוועטע. די פּלייצע־טרעגער האָבן זיי גערופן „טשאַפּטשאַקעס״. ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די סעקציע וועגעלעך־טרעגער ביים טראַנספּאָרט־פּאַראַיין, האָבן זיך אַלע אַריבערגעטראָגן אַהין.

— חבר אַביש — האָבן זיי פאַרזיכערט, די וועגעלעך־טרעגער — פון די „פערד״ וועט איר נאָך האָבן נחת... פון יענע — גאָרנישט...

פונקט ווי ביי די בעקערס, האָט מען די „פּאָמאַצניקעס״, אָדער „פּערטע האַנט״, אַרויסהעלפער, נישט צוגעלאָזט צום „קאַסטן״, ד״ה מאַכן אַ ראַשטשינע. דאָס פאַך האָט געהאַט אַ שלעכטן שם. די בעקערייען האָבן זיך ס׳רוב געפונען אין פינצטערע קעלערן. די פּראָווינצער, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, זענען דאָרט געשלאָפן אויף אַ זאַק מעל. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט „כלות״ אין גאַס, אָפּגענאַרטע דינסט־מיידלעך, זענען געווען אויסגעקאָכט מיט די רייפערקעס, געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן מיט די דינסט־מיידלעך ביים אַראָפּברענגען ערב־שבת די טשאָלנטער אין קעלער אַריין.

אַבישן האָבן זיי אומעטום געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם. אַפילו מיט די פּוילישע פליישער־אַרבעטער האָט ער געמוזט אויסטרינקען אַ „סעטקע״. סעקרעטאַר ביי די פּאָליאַקן איז געווען עאוגעניוש דזשיוואַק, אַ מיטגליד פון פּ.פּ.ס. געגאַנגען איז ער שווער, ווי אַן אָקס; דעם קאָפּ אומדרייען האָט ער נישט געקענט, נאָר מיטן גאַנצן געשטעל. ס׳פּנים צעאַקערט פון מעסער־שטעך, אַ גוליע אויפן רויטן קאַרק. אַפילו ס׳ווערטל „דער ערל גייט״, האָט ער אויך פאַרשטאַנען, און נאָכן אויסטרינקען, האָט ער גענומען רעדן יידיש, „ווי אַ וואַסער״.

געשאָכטן האָט מען פאַר פּריוואַטע קצבים, פאַר די שטאָטישע שפּיטעלער. די פּאָליאַקן האָבן אָבער געהאַלטן, אַז פון דער שחיטה פאַר דער אַרמיי, קומט זיי אַ גרעסערן חלק. טאַקע אַרום דעם איז שיער נישט אויסגעבראָכן אַ בלוטיק געשלעג. ווען אַביש איז אַריין אין דער האַלע, איז די אַרבעט געווען אָוועקגעוואָרפן. מיט די בלאַנקע מעסערס און אייזנס אין די הענט, איז מען געשטאַנען איינס קעגנאיבערן אַנדערן, איבערגעווערטלט זיך; און דאָ האָט אַביש דערזען דזשיוואַקן, ווי ער שטייט זיך אַזוי, כלומרשט רואיק, אָבער די יוכע קאָכט אין אים. איז אַביש צו, מ׳זאָל עפּעס זען צו טון, אַז נישט וועט זיך דאָ גיסן בלוט. דזשיוואַק האָט זיך אָבער נישט געאיילט, געשטאַנען, אַ רויט־אָנגעגאָסענער, מיט אָנגעדראָלענע פויסטן. האָט זיך אַביש אַליין אַ שטעל געטון אין דער מיט און אַ געשריי געגעבן, ס׳זאָל זיין שטיל. זיי האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט.

— אין אַזאַ לאַגע, חברים, קען מען קיין סכסוך נישט אויסגלייכן, סיידן אויס־שעכטן זיך ! מ׳קען עס דערליידיקן ! דערויף איז דאָ אַ פּאַראיין !

— פּראַוודאָ מווי !... — האָבן זיי אַראָפּגעלאָזן די הענט, אים געגעבן גערעכט, כאָטש די יוכע האָט געברענט אין זייערע פאַרגאָסענע אויגן.

די אַנדערע האָבן, פאַר כעס, געוואָרפן די מעסערס און די אייזנס אין דער ערד, אַז זיי זענען אָפּגעשפּרונגען מיט אַ קלונג. אָבער געפאָלגט האָבן זיי, ווייל געוואָרן ווי

די לעמעלעך, כאַטש די הענט האָבן זיי געביסן, און — אומגעקערט זיך צו דער אַר־בעט אין דער טיפער האַלע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ.

מ׳האָט, פאַרשטייט זיך, דערנאָך אויסגעטרונקען ביים „גראָבן בערעק״ אין דער קנייפּע, געריסן זיך אויף די העלדזער, געזונגען דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר״ און די בונדישע „שבועה״.

קאַפּיטל ניינצן

נאָכן 3־טן קאָנגרעס

אין שטרענגסטער קאָנספּיראַציע און געהיימעניש איז אין יענעם זומער צונויפגערופן געוואָרן דער פּלענום פון דער „יידישער ביוראָ״ אין וואַרשע, מיט די פאַרשטייער פון צ.ק. וויכטיקע, דרינגענדיקע פראַגן זענען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג. מ׳האָט זיך מיט אַ מאָל אַרומגעזען, אַז מיט די אַלטע לאָזונגען פון סאָציאַלע רעוואָלוציע, דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועט מען ווייט נישט דערגיין. כדי צו געווינען די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן, און אַוודאַי נישט — דאָס פּוילישע דאָרף. די שטעלונג פון ראָזאַ לוקסעמבורג, צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן די ערד, שאַפן קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, האָט געמוזט געענדערט ווערן, אין הסכם מיט דער באָל־שעוויסטישער לאָזונג אין די „אָקטאָבער״־טעג: געבן ערד די פּויערים, שטילן דעם ערד־הונגער אין דאָרף. אויך דער צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט נישט אַנטשפּראָכן, נישט געליזט די ברענענדיקע נויט פון די אוקראַאינישע, ווייסרוסישע מינדערהייטן; וועגן יידן איז בכלל ווייניק גערעדט און ווייניק געזאָרגט געוואָרן.

די שנעל־צונויפגערופענע קאָנפערענץ אין דאַנציק, מיט עטלעכע חדשים פריער, פאַרשטעקט אין אַ פישער־הייזל ביים אַלטן פּאָרט, האָט דעפינירט די ניי־וועגן, נאָר ס׳איז אַלץ נישט געווען קיין פולע איינשטימיקייט. א. מאַיסקי, אַן אינטע־ליגענט מיט אַ נערוועזן צוק אַרום האַלדז, מיטן אַ טיפן שטערן, איז געקומען מיט דרייסטע פאָרמולירונגען, האָט אָבער אַרויסגערופן די שאַרפע קעגנערשאַפט פון דער אייביק־יונגער מאַריאַ קאָסטשעוואַ; גזשעך־שלוסאַרסקי, לויטן אויסזען אַ טיפּישער פּוילישער שליאַכטשיץ, מיט לאַנגע וואָנסן פון אויער ביז אויער, לויטן טעמפּעראַ־מענט — אַ פראַנצויז פון די פּאַריזער פאַרשטעט — האָט אויפגעפּאַסט דעם סאָציאַ־ליזם אין פּוילן, די דעמאָקראַטיע, אין אַ ריינער, אַבסטראַקטער פאָרם; אַ פּאָלעמיסט, קאָמפּראָמיסלאָז אין זיינע אויספירן. מ׳איז אָבער אויך נישט מסכים געווען מיט זיינע אולטראַ־לינקע טעאָריעס. ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף די איראָנישע, דיאַלעקטיש־באַגרינדעטע דריידלעך פון יונגן בראַנד, מיט דיקלעכע ברילן איבער די שטאַרק־אויסגעשרויפטע אויגן; אַ זון פון רייכע, אַסימילירטע עלטערן אין וואַרשע, דער אויפ־גייענדיקער שטערן פון דער פּאַרטיי, איז ער געווען דער וואָרטזאָגער פון „קאָמ־אינטערן״.

— אַ רעוואָלוציאָנער אין דער פּראָזע און אַ קליינבירגער — אין לעבן... — האָט זי דאָרט קלוג געלאָזן פאַלן וועגן אים, הינטער זיינע פּלייצעס, מאַריאַ קאָסטשעווא.

נאָכן 3־טן קאָנגרעס פון „קאָמאינטערן", איז די הויפּט־פראַגע אויף דער דאַנ־ציקער קאָנפערענץ געווען — די אינערלעכע לאַגע אין פּוילן, די נייע טאַקטיק פון דער פּאַרטיי. דער אַרבעטער־קלאַס, דאָס פּויערטום די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — די דריי קאַמפּס־פּאָזיציעס, די באַזע פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע אין פּוילן, וואָס שטייט שוין אָט־אָט ביי דער שוועל. וואַרסקי האָט עס אויסגעדריקט לאַקאָניש, כמעט אַפאָריסטיש :

— דער אַרבעטער האָט נישט קיין אַרבעט, ווייל דער פּויער האָט נישט קיין ערד; דער פּויער האָט נישט קיין ערד, ווייל דער אַרבעטער איז נישט ביי דער מאַכט אין לאַנד.

צו דער קאָנפערענץ איז אויך צוגעלאָזן געוואָרן די אולטראַ־לינקע אָפּאָזיציע, מיט רעכט אויף קאָ־רעפעראַטן אין אַלע וויכטיקע שטרייט־פראַגן. וועגן „נעפּ" האָט מאַריאַ קאָסטשעווא, איר שיינער, גרוי־בלאָנער קאָפּ איינגעהילט אין פּאַפּיראָסן־רויך, קורץ געמאַכט דעם אויספיר :

— דאָס פּירט אויפן וועג פון נעאָ־קאַפּיטאַליזם. ס׳איז דאָ אַ געפאַר, חברים, אַז די פּראָלעטאַרישע מלוכה זאָל פאַרבירגערלעכט ווערן... און איבערהויפּט, פאַרשטיי איך נישט — נישט רוסלאַנד דאַרף שטיין אין מיטלפּונקט פון אונדזער קאַמף, נאָר די אינטערעסן פון דער וועלט־רעוואָלוציע דאַרפן דאָמינירן אין דער פּאָליטיק פון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער מלוכה...

דאָס איז געווען אַ שאַרפער אַרויסרוף; אַלע האָבן זי אָנגעקוקט ממש פאַר־וווּנדערט און דערשראָקן.

פון דער דאַנציקער קאָנפערענץ האָט זיך קאַראָל, ווי געוויינלעך, פלינק דורכ־געגליטשט קיין וואַרשע, צום פּלענום פון דער „יידישער ביוראָ", דאָס מאָל צוזאַמען מיט פאַרשטייער פון צ.ק. אָפּצוגעבן דעם באַריכט פון דער קאָנפערענץ. נאָכן פּאַר־טיי־מוח, זענען די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן געווען דער רוקן־ביין פון אַפּאַראַט — די־עקזעקוטיוון פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן, סעקרעטאַרן פאַר פּראָפ. טעטיקייט, די טעכניק, „מאַפּר", „יידישע אַרבעט", אַרבעט צווישן מיליטער. די צוגערייזטע פונקציאָנאַרן זענען געשטאַנען אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט די סעקרעטאַרן פון די פּאַרטיי־קע־מערלעך אין די פאַבריקן. מ׳האָט באַדאַרפט געשיקט אויסנוצן די לעגאַלע „פּלאַ־צווקעס", שאַפן נייע, אונטער פאַרשטעלטע נעמען; דער עיקר ביי די וואַלן צום סיים, וואָס האָבן זיך טאַקע באַלד אָנגערוקט. אונטערן שילד „פאַרבאַנד פון אַרבעטער פון שטאָט און דאָרף", איז הינטער דער נאָז פון דער „דעפּע", געלונגען אויסצוווילן צוויי דעפּוטאַטן אין די גרעסערע אַרבעטער־צענטערן פון לאַנד. אין וואַרשע האָט קרולי־קאָווסקי, אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער, באַקומען 27 טויזנט שטימען; לאַנצוצקי, אַ גע־וועזענער פאַבריק־אַרבעטער, איז אויסגעווילט געוואָרן אין דאָמבראָווער קוילן־ראַ־יאָן. די לאָזונגען, אַז מען דאַרף פאַרטיידיקן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן און די דעמאָקראַטיע, האָבן דער פּאַרטיי דערנענטערט צו די פאָלקס־אינטערעסן. קאַראָל האָט געמאַכט דעם קורצן אויספיר :

— מיר מוזן אויפהערן מיט די אולטראַ־לינקע פראַזן וועגן סאָציאַלער רעוואָלי־ציע, דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט...

ער איז דאָס מאָל צוריקגעקומען אַן אָנגעלאָדענער מיט פרישער אידעאָלאָגישער ענערגיע; אָבער וואָס שייך דער „יידישער גאַס", האָט ער זיך געהאַלטן ביי די זעלבע לינקע פראַזן :

— נאָכן צונויפגיסן זיך מיטן „קאָמבונד", זענען כמעט פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך צוויי נאַציאָנאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען; דער בונד, וועלכער איז דאָ נישט לאַנג ערשט געווען „דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט", האָט פאַרלוירן זיינע איינפלוסן... נו, און די לינקע פּועלי ציון...

אָבער דער קאַמף קעגן ציוניזם האָט — לויט אים — נאָך מער באַדאַרפט פאַרשאַרפט ווערן.

— בשותפות מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם — האָט קאַראָל, דווקא קאַראָל, דער אַמאָליקער באָראָכאָוויסט, שאַרף אויפגעוויזן — טעראָריזירן זיי די אויפוואַכנדיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די אַראַבישע מאַסן אין פּאַלעסטינע...

דער קאַמף איז דער עיקר געגאַנגען קעגן די „לינקע בונדישע דעמאַגאָגן"... די כמורנער־גרופּע, ווי די סאַמע געפערלעכסטע שונאים, פאַר דעראָבערן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. מ'האָט אָבער אויך איינגעזען, אַז די נישט־צוטריטלעכקייט צום יידישן קליינבירגערטום, איז אַ רעזולטאַט פון ניהיליזם אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע. די דיאַלעקטיק פון מאָמענט האָט אַזוי פאַרלאַנגט. ס'איז דיסקרעט אַראָפּגענומען געוואָרן די לאָזונג פון אַ פּראָלעטאַרישער פאָלקס־שול, מ'האָט אַ ביסל פאַרשוויגן די געשרייען קעגן די „נאַציאָנאַליסטישע" ציש'אָ־שולן, דערפאַר האָט דער צ.ק. געהאַלטן פאַר נויטיק קאָנסעקווענט דורכצופירן די ליניע פון אינטערנאַציאָנאַליזירן די פראָפ. באַוועגונג, פאַרשטאַרקן די צוזאַמענאַרבעט מיט דער מאַסע פּוילישע אַרבעטער.

— ס'איז נישט דערלאָזבאַר — האָט קאַראָל געטאַדלט — די עקזיסטענץ פון באַזונדערע פּוילישע און יידישע פראַקציעס אין זעלבן פאַך. אַזאַ לאַגע פירט צו פאַרסקלעפּעווען זיך, צו געטאָ... וואָס ווייזט זיך אַרויס ? אַפילו די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון „מורדזשיעל" איז כמעט אין גאַנצן אַ יידישע...

ער האָט זיך אָבער באַצייטנס אַליין צוריקגעכאַפּט :

— אַ פאַקט איז, אַז ביז איצט איז דער פּראָצענט יידן אין דער פּאַרטיי פּראָפּאָרציאָנעל גרעסער לגבי דער צאָל פּוילישע אַרבעטער. שאַפן איינהייטלעכע קעמערלעך אין וואַרשטאַטן, ליקווידירן די באַזונדערע יידישע „דזשעלניצעס"... — איז ער געבליבן פאַרעקשנט ביים זייניקן.

ס'איז לייכט אָפּצורעדן ! גיי דערנענטער יידן מיט פּאָליאַקן — די מענטאַליטעט, די ספּעציפישע אינטערעסן זייערע. צו די בלאָנדע פּוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן ליב געהאַט אויסצוטרינקען, האָט מען אויך, דעם אמת געזאָגט, געהאַט ווייניקער צוטרוי. ס'האָבן זיך געמערט די פאַלן פון פּראָוואָקאַטאָרן, פאַרשטעלטע פּאָליציי־לייט, וואָס האָבן „פאַרשיט", אָנגעפילט די תפיסות מיט די בעסטע חברים. ס'האָט זיך שיער נישט געהאַנדלט אין ליקווידירן די מוראַנאָווער „דזשעלניצע". אָבער דער „מורדזשיעל" איז קיין מאָל נישט ליקווידירט געוואָרן; דאָרט האָט געגורטעוועט אַ גרויסע וויטאַליטעט. ער, קאַראָל אַליין, איז אַפילו נישט אַזוי שטאַרק איבערצייגט געווען, ווען ער האָט גערעדט וועגן דער „נאַציאָנאַלער פראַגע" :

— אין וואָס גייט עס אונדז, חברים ? מ'דאַרף, אין קאַמף מיטן ציוניזם, אונטער־

שטרייכן, אַז זיי זענען נישט מער ווי אויטאָפּיסטן, אַז נאָר מיר וועלן זיין בכוח, נאָך
דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, צו לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע, ווי זי איז געלייזט גע־
וואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד...

דעם קאָמפּליצירטן טעכנישן אַפּאַראַט, צו באַזאָרגן „ליטעראַטור", אויפֿרופֿן,
בלעטלעך, דאָס אַלץ איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם געלן מאָריץ, פון דרוקער־פּאַד.
חברים זעצערס האָבן צוזאַמענגעשלעפּט, געבראַנגט צוטראָגן אין די קעשענעס, אַ
ביסל שריפט פון די דרוקערייען, אויסצופאַרטיקן אַ נומער „צום קאַמף". אָבער שריפט
האָט קוים געסטייעט אויסצוזעצן איין זייטל. שוואַרץ, פאַרחושכט פון נעכט אַרבעט,
האָט דער געלער מאָריץ, פאַרשטעקט אין אַ קעלער, מאַטריצירט, אָפּגעגאָסן די
פּלאַטן. ס'איז געווען אַ הייליקע אַרבעט. ס'האָט זיך געגרייט די 2־טע קאָנפערענץ.
מ'האָט באַדאַרפט לאָזן הערן דאָס רעוואָלוציאָנערע וואָרט וועגן די געשעענישן אין
לאַנד. דער געהיימער סקלאַד איז צוערשט געווען פאַרשטעקט אין פּאָליאַקעוויטשעס
טאַבאַק־פאַבריק, אויף באָניפראַטן. די חברטע רוזשקע, מיט נאָך עטלעכע יאַטעכעס,
האָבן, אַ שטיק פאַרן אַרעסט, קאָלפּאָרטירט די צייטונגען, די בלעטלעך, אַרומגעוויקלט
אויפן אייגענעם לייב. נאָכן דורכפאַל, האָט מען געדונגען אַ קליין געוועלבל, כלומרשט
אַ שוסטער־וואַרשטאַטל. ס'איז דאָרט געווען אָנגעוואָרפן מיט אַלטע שיך, מיט קאָפּי־
טעס. פאָרזיכטיק, אומגעזען, איז מען געקומען, אַוועקגעטראָגן פּעקלעך אונטער דער
פּאָלע. אין דער פּאָדלאָגע איז אויסגעהאַקט געוואָרן אַ לאָך, פאַרדעקט מיט אַ טיש.
מיט אַ לייטער האָט מען זיך אַרונטערגעלאָזן אין געמויערטן קעלער, די ווענט איזאָ־
לירט, די שכנים זאָלן נישט דערהערן דעם גערויש. ס'איז אונטן געשטאַנען אַ פלאַך־
מאַשין, גוס־פּלאַטן. דאָרט האָט מען געדרוקט דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר", דעם
„נאָווי פשעגלאָנד". די שפּיצלעס האָבן לאַנג אַרומגעשנאָפּט, נאָכגעקראָכן, אַרומגע־
נישטערט די געהיימע דרוקעריי, אָבער — אומזיסט.

זינט ווען חבר קאַראָל האָט איבערגענומען די פּאַרטיי־שליחות אין די קאַדרן,
ביים פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט אין וואַרשע, האָט ער זיך אויפן מוראַנאָוו מער נישט
געוויזן. ס'האָט נישט געטויגט. זעלטן־ווען האָט ער זיך זייטיק דורכגעשלייכט די
דזשיקע גאַס — אַ גרויער מענטש, אין אַ קורטקע, דאָס היטל איבער די אויגן. אַ
שטיקל צייט איז ער אויך געווען דער „אָקרענגאָוויעץ" אין דער שעדלעצער געגנט;
געטרייסלט זיך אין די נעכט און פאַרטאָגן פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף
— לאָשיץ, סאָקאָלאָוו, לוקאָוו, מעזריטש, יאַנאָוו. פאַרשטעקט אין זיין דאַך־שטיבל אין
אַ געסל אַרום מוראַנאָווער פּלאַץ, האָט ער דערנאָך אָפּגעגעבן די באַריכטן דעם לאַנד־
סעקרעטאַריאַט, די חברים וולאַדיסלאַוו קראַיעווסקי, יעזשי סאָכאַצקי, גזשעלטשאַק
(אָדער מאַרטשין). די באַריכטן זיינע — זאַכלעכע, אַנאַליטישע, אָן לאַקיר. מיט זיין
אונטערברומען און זיין שאַרפן אַריינזאָגן, האָט ער אויסגעגעבן אַ פאַרהאַרטע־
וועטן, אָן שום סענטימענטן. פאַר אים איז דער פּאַרטייאישער פּרינציפּ געווען —
דער זייל, אויף וועלכן ס'האַלט זיך דער גאַנצער בנין.

די „דעפּע" האָט שוין לאַנג געהאַט אַן אויג, אומעטום אַרומגעשמעקט, אַרומ־
געזוכט דעם פלינקן „אָקרענגאָוויעץ", וואָס האָט זיך לעצטנס ווידער באַוויזן, דרייט
זיך אַזוי געשיקט אויס פון זייערע הענט, איז ווי אַ רואה ואינו נראה; באַהאַלט זיך
אויס ביי פּויערים אין די דערפער; אין אַ פינצטערער נאַכט, איבערגעטון אין אַ

פּעלצל, אין אַ „מאַטשעיווקע", רינט ער זיי אויס פון הינטער דער נאַז. דעם הויפּט־שפּיצעל, פּאַגאַזשעלסקי, אים האָט עס זייער שטאַרק געקרענקט. איינער, אַ געהיים־אַגענט, אַ פּאַרביסענער, אין טונקעלע ברילן, מיט ווייסע ברעמען, האָט זיך אָבער פאַרלייגט אים צו פּאַקן; נאָכגעקראָכן, האָט אים איין מאָל דערקענט אין גאַס. אין דער „דעפע" האָט מען אָנגערייצט אויף אים פּאָליציי־הינט, געגאָסן אים אורין אין די נאָזלעכער. זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט געוויר ווערן ביי אים אַפילו זיין ריכ־טיקן נאָמען, נישט געהאַט אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. דריי חדשים האָבן זיי אים אָפּגע־האַלטן, און ער האָט זיך פאַרט אַרויסגעדרייט פון זייערע לאַפּעס.

„פאַרשאָטן" אין וואַרשע, האָט אים די פּאַרטיי אַריבערגעוואָרפן אויף אַרבעט אין מערב־ווייסרוסלאַנד, אין ביאַליסטאָקער און בריסקער קאַנט. דאָרט, אויף די קרעסן, זענען אַלע דירעקטיוון געקומען פון „יענער זייט", פון מינסק, אינגאַנצן אומ־אָפּהענגיק פון דער ק.פּ.פּ. מערב־ווייסרוסלאַנד, די קרעסן, זענען נאָך פול געווען, געראָיעט מיט פּאַרטיזאַנער, מיט סאַבאָטאַזש־אַקטן. פּריצישע מאַיאָנטקעס זענען איבער נאַכט אַוועק „מיטן רויטן האָן"; טעראָר, שטראָף־עקספּעדיציעס. אין די כאַ־טעס פון ליים, פאַרגראָבן ביז אַ העלפט אין דר'ערד, זענען די אָרעמע פּויערים גע־שלאָפן צוזאַמען מיט די בהמות, חזירים, שעפּסן, געשפּאָלטן אַ שוועבעלע אויף צוויי, געברענט קינדלעך. אויף די פּיס — קאָרע־לאַפּטשעס, נישט קיין שטיוול. דער ערד־הונגער איז געווען אין לשער. פאַר אויפקלויבן אַ פּאָר טרוקענע צווייגן אין וואַלד — אַ קויל אין לייב. זענען די ערדלאָזע פּויערים אַוועק אין די וועלדער, געוואַרט, אַז די רויטע אַרמיי זאָל אַ ליאַדע טאָג קומען און זיי באַפרייען...

צום קאָמוניסטישן יוגנט־צוזאַמענפאָר אין מערב־ווייסרוסלאַנד, אין האַרבסט פון זעלבן יאָר, איז קאַראָל דעלעגירט געוואָרן צוזאַמען מיט עטלעכע יונגע פּויערים, דאָרפישע לערער, אינטעליגענטן. די קרעסן זענען געווען דער ברענפּונקט פון די נאַ־ציאָנאַליטעטן. די אָנגעפּאַרענע פּאָליאַקן, די „אָסאַדניקעס", האָבן געגירט די רעכט פון אוקראַיניער, ווייסרוסן, יידן אויף אַ שול אין דער מוטער־שפּראַך, צוטריט צו די מלוכה־אַמטן. צוזאַמען מיט אַ ווייסרוסיש פּויערל, האָט זיך קאַראָל, אָן אַ גראָשן אין קעשענע, געלאָזן גיין צופוס. אין בריסק האָט אויף אים געוואַרט דער פאָרשטייער פון צ.ק. האָט אים באַזאָרגט מיט אַן אַדרעס, אַ „יאַווקע". ער האָט אים אָנגעצייכנט דעם וועג ביז צו דער גרענעץ, אים דערלאַנגט אַ קונציק אויסגעשניטן קאַרטל, אי־בערצוגעבן דעם וועג־ווייזער. איינגעשטיגן איז ער אויף אַ הינטערשטאָטישער סטאַ־ציע. דער בילעט איז געווען ביז פּינסק. ער איז אָבער אויסגעשטיגן פריער. ביים וואָקזאַלעכל איז געשטאַנען אַ וואָגן, דערלעבן — אַ פּויערל מיט אַ קיישל. דאָס איז געווען דער צייכן. ער האָט אים אַ מורמל געטון דעם „פּאַראָל" און ס'פאַרשלאָפענע פּויערל האָט באַלד אַ שמיץ געטון די שקאַפּע. צווישן די אָליעכע־וועלדלעך האָט ער אים דעריאָגט, אַריינגעזעצט זיך אין פורל. איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן, זענען זיי דערפאָרן ביזן פּריפּעט. אין דער נאַכט פון 6־טן אויפן 7־טן נאָוועמבער איז מען אַרי־בער דעם דינעם אייז. אויף „יענער זייט" האָט מען זיי אָפּגעפירט קיין מינסק.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געעפנט אָנהייב דעצעמבער. חבר וואַסיל קלימקאָ־וויטש, סעקרעטאַר פון צ.ק. פון מערב־ווייסרוסלאַנד, האָט געעפנט דעם צוזאַמענפאָר. אַלע דעלעגאַטן, מיט פּסעוודאָנימען, האָבן רעפּרעזענטירט די געגנטלעכע אָרגאַני־זאַציעס. דער פּאַרטיי־סטאַזש — דורכשניטלעך 3 יאָר, אַלע — געזעסענע. ווייסרוסן,

ייִדן, אַרבעטער, פּויערים, אינטעליגענטן. מען האָט אויסגעהערט, באַהאַנדלט, דורכדיסקוטירט, אָנגעצייכנט די אויפגאַבן פון עקאָנאָמישן, נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמף, די אַרבעט אויפן דאָרף. ס׳איז געווען אַ נייער קער : אויסברייטערן דעם איינפלוס, באַזייטיקן די סעקטאַנטישקייט, אָפּפירן מיט אַזעלכע אַרגומענטן, וואָס זאָלן אויפקלערן די פּאַקטישע סיבות פון עקאָנאָמישן קריזיס, פּאַר דערמעגלעכן צו לערנען אין דער מוטער־שפּראַך, צוקומען צו די, וואָס זענען נאָך אונטערן נאַציאָנאַליסטישן איינפלוס, ווייזן זיי, אַז דער וועג צו סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פירט נישט דורך שנאה צווישן פּאָליאַקן, ווייסרוסן, ייִדן, נאָר פאַרקערט — ברידערלעכע צוזאַמענאַרבעט.

אַ באַזונדער דיסקוסיע האָט אויך אַרויסגערופן דאָס ברענען די פּריצישע תבואה־סטויגן; ס׳איז געווען אַן אויסדרוק פון פּויערישן צאָרן און בונט. מ׳האָט אָבער געצווייפלט, צי דאָס איז די ריכטיקע קאַמפּס־מעטאָדע. אַנדערע, ווידער, האָבן געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי קען נישט שטיין אין אַ זייט פון אַזאַ סטיכישער פּויערים־באַוועגונג; זוכן אַ וועג צו די צענטערס פון בונט, רופן צו פאַרשאַרפן דעם קאַמף, ביז אָפּצורייסן זיך פון פּוילן.

בריסק, די שטאָט אויפן בוג, איז אין דעם יאָר געוואָרן קאַראָלס צענטראַלע קוואַרטיר. אין די אַרומיקע פּאָליעסער וועלדער און דערפלעך האָבן גוט געקלאַפּט די פּויערישע קעמערלעך : אין טאָפּאָליאַנע, דעמבוווקע, קליעטנאָ, סטאַראָ לוקי. אין פּאַרבינדונג מיט די ווייסרוסישע פּויערים איז ער געשטאַנען דורך חבר גרישאַ, אַ דאָרפישער לערער. יעדן חודש זענען, שטרענג־געהיים, פאַררופן געוואָרן זיצונגען פון קרייז־קאָמיטעט, טיף פאַרשטעקט צווישן פּיכטע וועלדער און אָזיערעס, ווו אַ מענטשלעכער פוס האָט נישט געקענט צוקומען. צום 1־טן מאַי האָבן זיי דאָרט צונויפגעקלאַפּט אַ טראַטווע, דעקאָרירט מיט רויטע פענער און טראַנספּאַרענטן. דער שאַרפער שטראָם פון טייך פּרילינג־צייט האָט די יום־טובדיק דעקאָרירטע טראַטווע געטראָגן פאַרביי דערפער און שטעטלעך. אומעטום האָט מען פייערלעך באַגריסט דעם 1־טן מאַי. די פּוילישע גראַנאַטאָווע פּאָליציי איז אַרומגעלאָפן אויפן ברעג אין איין בהלה. זיי האָבן אַראָפּ־שטראָם די טראַטווע בשום אופן נישט געקענט דערכאַפּן מיט די לאַנגע באָרסוקעס. דער עולם אויפן ברעג האָט זיך דערוויל שטאַרק געווילט.

ס׳קליינע בריסקער מיידל דבורל, די ייִנגערע רויטע מויד צאַליע רימערס, איז געווען די פאַרבינדלערין קאַראָלס. זי האָט געקענט אַלע אַרומיקע דערפער, געברענגט „ליטעראַטור״ פון „צענטער״. אָבער אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט זי אויסגעגעבן; געקומען אָנצופאָרן אויפן פורל, האָבן די שפּיצלעס זי שוין אָפּגעוואַרט. אין דער „דעפּע״ איז זי אַריבערגעשפּרונגען אַ פּלויטל און „אויסגערונען״ זיי פון הינטער די הענט. באַלד דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אַרעסטן אין גאַנצן קאַנט.

ווי אַמאָל, אַוודאַי מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק, ליפּע קאַמאַשנמאַכער, אַזוי איז איצט קאַראָל געזעסן פאַרשטעקט אויפן גאָרן־שטיבל אין טייך־געסל. פון דאַנען האָבן זיך געצויגן אַלע פעדעם פון דער אונטערערדישער אַרבעט אין פּאָלעסיע און גאַנץ ווייסרוסלאַנד.

קאַפּיטל צוואַנציק

איגאָר סעווועריאַנין

און אין דער חברטע דינה האָט נאָך אַלץ געטליעט דאָס הייסע שטראָמל בלוט פון אומפאַרגעסלעכן 5־טן יאָר; זי האָט אויף די שטורמישע זיצונגען און פאַרזאַמלונגען, לאָזנדיק הערן דעם מעטאַל אין איר שטים, נישט אַרויסגעלאָזן פון צווישן די דיקלעכע ליפּן ס׳פּאַפּיראָסל, באַשאָטן זיך מיטן אַש די שוואַרצע סאַטינענע בלוזע, ענג פאַרשפּיליעט אַרום האַלדז. חבר ליפּע האָט זיך אָבער ווי צוריקגעצויגן אין אייגענעם געמיט. כסדר געלעבט פאַרטייעט, מיט פאַרטראָגענע פאָרגעפילן, רעיונות, דערפילט דורכגיין אַ קעלטל איבער די ביינער; כאָטש ר׳איז נאָך, דוכט זיך, נישט אַזוי אַלט געווען. די דאַרע, ווייסע הענט האָט ער ביי די רעפעראַטן, פּאַרטיי־קאָנפערענצן, פּלענומס, פאַרלייגט אויף הינטן, שפּאַצירט הין און צוריק אויף דער טריבונע. אַ מאָדנעם דיאַלעקט האָט ער זיך אַליין אויסגעשליפן, אַ געמיש פון אַלע יידישן; ער האָט ווי אויסגעשאַרפט די ווערטער ביים רעדן. דער ווייסער קאָפּ, דאָס בלאַסע, קאַנטיקע פּנים, די העלע אויגן אונטער דער בריל, ס׳דינע, שאַרפע מויל זיינס — אַלץ אין אים איז געווען שטרענג, נאָר די רייד זיינע — קינדעריש־מילדע.

חבר ליפּע האָט זיך באַדאַכט צוגעקוקט פון דער זייט, ווהין, אַ שטייגער ס׳קען פירן. „ליפּע — האָט ער זיך אַליין נישט איין מאָל אַ זאָג געטון — די „ספּראַווע", ווי זיי זאָגן, איז, דוכט זיך מיר, אַ פאַרשפּילטע... ווער ווייס ? ס׳איז אפשר צייט אַוועקצוזעצן זיך שרייבן זכרונות". אָבער ווי האָט מען עס דען געקענט, אַז ס׳איז יעדן טאָג געווען צו פילן די נעוראַלגיע אין דער אומרואיקער עקזיסטענץ פון יידן אין פּוילן ?

די גאַס האָט אים געשראָקן און צוגעצויגן. נאָך מיטאָג איז געפאַלן אַ וואַרעמער מאַי־רעגן. ס׳זענען געשטאַנען די וואונדערלעכע פרילינג־טעג אויף דער פּוילישער ערד. אין קלויסטער־גערטל, איבערן הויכן פּלויט, האָבן די קאַשטאַנען־קנאָספּן אויפגעפּלאַצט. אַפילו אַ גרעזל האָט זיך געשפּאַרט פון צווישן די ברוק־שטיינער. פאַרבלאָטיקטע טראַמווייען זענען געלאָפן אַראָפּ־לעשנע, געגרילצט אויף די ראָגן. די עלעקטרישע דראָטן אויבן האָבן אויסגעשלאָגן געלע און גרינע פונקען. דראָזשקעס מיט פאַרמאַכט בוידן, זאָנטיקעס, פּאַראַסאָלן זענען געשווומען איבער דער גאַס. פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, ס׳קעלנערל אויפגעשטעלט — אַרום די טויערן. חבר ליפּע האָט זיך אָבער אויסגעלערנט צו אונטערשיידן צווישן יידישע און פּוילישע אויגן. ביי יידן — בלויע, אָדער גרויע, די קאָליר — קלאָר, אָפן. אָבער ביי אָט די פאַרשוינען — מטושטש, וואַסערדיק, דער אַפּל — קליין. און ער האָט געהאַט דאָס פּאַסקודנע געפיל, אַז זיי שטעכן אים אַדורך דעם רוקן, ווי מיט אַ טשוואָק. ער האָט פּשוט מורא געהאַט אומצודרייען זיך, אָנטרעפן זייער שפּיזיקן בליק.

די אויסגעטרעטענע שטיגן האָבן געפירט צום ערשטן שטאָק. אַ פאַרבלאָטיקטער דיוואַניק ביי דער טיר. אינעווייניק, אין פאָדער־צימער, אין טיפן זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין, האָט אַ שלאָג געטון אַ וואַרעמע פּאַרע, ווי אין אַ בית מדרשל. דער נאָכ־מיטאָגדיקער זאַל, אין שקיעותדיקע זון־פלעקן אויף די אָפּגעקראָכענע גאָבעלינען, איז געשוועמען אין אַ וואָלקן פּאַפּיראָסן־רויך, אין געדיכטע רעדערייען צווישן די געזעמלעך, ס׳רוב באַברילטע לייט, אַרום די טישלעך, אין אַלע ווינקעלעך. די שורה הויכע נישט געוואַשענע פענצטער האָט אַראָפּגעקוקט צום פשעיאַזד, צו דער לעשנע, צום קנופּ יידישע גאַסן, וואָס האָבן זיך דאָ געקרייצט. אונטן זענען יידן געלאָפן, גע־שמייעט, געהאַנדלט, געפירט האַנט־וועגעלעך, געשלעפּט פּעק, פאַרקויפט בייגל, שנוראָוואַדלעס. מ׳האָט טאַקע געקענט האָבן דעם איינדרוק, אַז מען זיצט דאָ „אין דער מיט פון פאָלק”. בתוך עמי אני יושב. די געדיכטעניש פון יידישן וואַרשע דעפּילירט דאָ פאַרביי, פאַרטון אין דאגות פאַר אַ גראָשן חיונה; זי קוקט אָבער אַרויף צו דער „עפנטלעכער יידישער מיינונג” אין לאַנד, מיט האָפענונג, מיט צוטרוי, ווי דאָ אויבן וואָלט כאָטש געזעסן יידיש מלכות, וואָס זאָרגט שוין פאַר כלל ישראל.

דאָ איז אים טייל מאָל גוט געווען, ליפען, צו אַנטלויפן פון די טאָג־טעגלעכע רייסערייען, שטרייטן, סתם האַרץ־ווייטיקן, אַוועקצוזעצן זיך אין אַ ווינקל, אַן אומ־געזעענער, איינהערן זיך צו די אַלע נערוועזע רייד, צווישן די לייט פון אַן אַנדערע ספערע. וואָס האָט אים שוין דען געקענט איבעראַשן, נאָך די אָקטאָבער־טעג אין פעטראָגראַד, אין מאָסקווע, אין צוגווינט פון די „געשיכטלעכע שפרונגען” ? זייערע אַלע רייד און טואונגען האָבן אים עפּעס אויסגעזען אייטל, אָן שום רעאַלן באָדן אונטער די פיס. די פנימער האָבן זיך אין וואָלקן פּאַפּיראָסן־רויך, וואָס איז געשוועמען איבערן זאַל, צונויפגעגאָסן, געשווינדלט פאַר זיין אָפּגעשוואַכטער ראיה. אָט קאָכט ער זיך דאָרט, דער קליינער, קרעמפּער ייד מיטן שירעם־שטאָק, מיטן פאַרגרויטן בערדל, די דראָטענע ברילן ווי איינגעוואַקסן אין די שלייפן. ס׳וועדט מיט אַ מאָל פול אַרום אים מיט די שאָטנס פון אוראַלטע פּוילישע יידן; דורך עפּעס אַ ליאַדע פּרט באַקומט ער אַרויס דאָס גאַנצע. איידער וואָס־ווען, איז ער שוין ערגעץ אין 16־טן, אין 17־טן יאָר־הונדערט, פאַסמאַקעוועט זיך, אין דייטש, אין פּויליש, אין געווירצטן יידיש — לויט אַ פּראָטאָקאָל פון אַ פּנקס אין די אַרכיוון; אַ ייד אין שאָטן פון עלילת־דם... די קעלערן פון דער אינקוויזיציע... ס׳גייט דורך אַ סקרוך איבערן לייב. אַזוי אויך, פירט ער אויס, זענען מיר געקומען אַהער, אויף די נאַלעווקעס, כדי שוין דאָ צו פאַרבלייבן אויף שטענדיק... צווישן יידישער טראַדיציע און וועלטלעכקייט איז, לויט אים, נישטאָ קיין שום סתירה. אויף זיין פּנים לויכט אויף אַ גרימאַסע פון ליטוואַק, „וואָס ווייס בעסער”. ער ברענגט האַר־שפּאַלטערישע ראיות וועגן לינקן פּועלי ציוניזם, וועגן בונדיזם, עקספּרעסיאָניזם קאָנטראַ אימפּרעסיאָניזם.

— עט, ליטעראַטור... — מאַכט ער לסוף אַוועק מיטביידע דאַרע הענט — דאָס פאָלק האָט שוין, אייגנטלעך, אַלץ אויפגעשריבן אין תנ״ך...

אויסגעהערט אַ וויץ פון איינעם אַ לץ, אַ געלער יונגערמאַן, אַ ציניקער, האָט ער באַלד, נישט קיין שמייכל טוענדיק, מיט זיין פאַרשאַרפטן חוש פון אַ היסטאָרי־קער־פאָלקלאָריסט, גענומען זיך אַנאַליזירן אים עטימאָלאָגיש, פסיכאָלאָגיש, פי־לאָזאָפיש־היסטאָריש, עקאָנאָמיש; אַז אַ וויץ ווערט דערציילט פשוט, מ׳זאָל לאַכן, דאָס איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן. מיט אַלע זיינע פאַליאַנטן, מיט די ענג־אָנגעשטעל־

טע ביבליאָטעק־שרענק, האָט ער זיך אין לעבן אַפילו צו קיין דאָקטער־טיטל נישט דערשלאָגן. אַלץ אַרום איז אַ שווערער, ערנסטער, וויסנשאַפטלעכער טראַקטאַט. אַזוי שאַרף רעדן יידיש מענטשן, וואָס קענען אייראָפּעאישע שפּראַכן. ער גייט אַריין אין זיין עלעמענט פון אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער, קוואַליפיצירט יעדן איינעם — דער באַלאַנגט צו די דייטשע ראָמאַנטיקער, יענער צו די רוסישע מיסטיקער, צו די פּראַנ־צויזישע רעאַליסטן, צום העברעאישן מיטלאַלטער.

דער אַנדערער, ווידער — אַ גרימאַסע, אַן עקספּרעסיוו מויל, וואָס מען זעט אויף די הילצערנע דערלייזער־געשטאַלטן, אָדער פּרעסקן, וויטראַזשן. ער רעדט זייער פּראַקטיש, זאַכלעך, ביז אומהיימלעכקייט. ער שטרענגט זיך קוים אָן אויסצוהערן יע־נעם ביזן סוף. אין גערדאַנק, האָט ער אים שוין לאַנג געענטפערט. טאַקע, צו וואָס אַזוי פיל רייד? ער רעדט נישט, חלילה, אויס אויף קיינעם קיין שלעכטס, נאָר זיין שוואַכ־קייט איז — כאַפּן יענעם ביי אַ גרייז. אַ ביסל תענוג פון עולם הזה מוז דאָך אַ מענטש פון דעסטוועגן האָבן. דאָס איז דער אייביקער אָפּאָנענט. אַ דינער צוויקער אויף אַ די־נער נאָז, אַ פּאַטריאָט פון יידישער פּוילישקייט, פון שטאָם, צו פאַרבלייבן אויפן אָרט, בויען אַן אויטאָנאָם יידיש לעבן. די באַליבטע טעמעס זיינע ביי דער שבת־נאָכמיטאָג־דיקער יידישער פּראָווינץ, אין די פייערלעשער־שאָפּעס: „שפּענגלערס „אונטער־גאַנג דעס אַבענדלאַנדעס", זשעראָמסקי'ס „פּשעדוויאָשניע" (ערב־פרילינג). מיטן ד"ר גאָטליב האַלט ער זיך אַלע מאָל אויף אַ דיסטאַנץ, נאָר פון צייט צו צייט קאָרעגירט איינער דעם אַנדערן עפּעס אַן ענציקלאָפּעדישע אומפּינקטלעכקייט. אָט דער שפּענג־לעריסט האָט נאָך פון דעסטוועגן נישט געאַנט, אַז דער גרויסער חורבן רוקט זיך אָן. אין זיין מישונג פון ציוניזם־בונדיזם, לינקיזם־רעכטיזם, קומען צו אַלץ נייע קאָמבי־נאַציעס, געגרונטפעסטיקט אויף סאָלידע פונדאַמענטן פון ערודיציע.

ס'האָט ליפען ממש ווי געטון דער נאַיווער גלויבן זייערער אין דער צוקונפט פון פּוילישן יידנטום. אַרום זיי — אַ פאַרבענקטער בין־השמשות, איידער דער פאַרהאַנג איבערן לעצטן אַקט פון יידן אין פּוילן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן; און ער הערט אַלץ זיי־ערע רייד:

— ווייסט איר, ווי ד"ר חיים זשיטלאָווסקי דריקט זיך ערגעץ אויס? אַז ערשט דעמאָלט וועט ער זיך דאָ פּילן זיכער מיט דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, ווען ער וועט הערן ווי צוויי עלעגאַנטע וואַרשעווער „פּאַניענקעס", זיצנדיק נאָכמיטאָג אויף דער ווערענדע, שפּאַרן זיך, אין אַ ריינעם יידיש, וועגן דעם, צי בראָדערזאָנס אַ ליד איז עקספּרעסיווער, קלאַנגפולער, אָדער פּרץ מאַרקישעס...

— נאָך אָט די שיינע יידישע טעכטער בענקען אין דער שטיל אַלע יידישע פּאָ־עטן... די „פּאַניענקעס" דיסקוטירן אָבער דערווייל וועגן טובים'ס, סלאָנימסקי'ס, און די „ראַדיקאַלע" — וועגן בראָניעווסקי'ס לידער...

— אַ שאָד — מאַכט יענער — ווייל די „פּאַניענקעס" זענען זעלטן נישט שיין...

און דער אַלטער איבערזעצער זאַקס טענהט אַלץ, מיט צער:

— פאַרוואָס — בעט ער זיך — האָבן זיי אין רוסלאַנד אָפּגעשאַפן דעם „טוויאָר־די זנאַק"? דאָס וואָלט דאָך זיי גאָרנישט געשטערט דורכצופירן די „פּיאַטילעטקעס"... עטאָ זשע אים ניע מיעשאַלאָ...

אין טונקלסטן ווינקל, ביי דער אַלטער, צעסטראָיעטער פּיאַנע, שמועסט פאַר־טיפט, מער אין שוויגן, ווי אין רעדן, דער פּאָעט מיטן פאַרשווומענעם בליק, מיט דער

אַקטריסע פֿון די „ווילנער‟. ביי איר זענען די בלאָנדע האָר גלאַטיק־אָפּגעצויגן, אַן
ענערגיש מויל. זי ציט־צו און האַלט דיסטאַנץ. איר יידיש איז אַן אויסגעלערנטער,
קאָרעקט, סאַלאָן־פּעאיק. מיט אירע ראָלן נעמט זי זיך שטאַרק איבער; דאַרף מען
חלשן אין לעצטן אַקט, טראָגט מען זי אַראָפּ פֿון דער בינע אַ געחלשטע.

און ליפּע קוקט זיך דאָ אַלץ צו, הערט זיך דאָ אַלץ צו, מיט א ווייטן, פּאַרטראָ־
גענעם שמייכל, וואָס קיינער קען אים נישט דעשיפֿרירן; אפשר ער אַליין אויך נישט.
אַז דער קאָפּ ווערט אים שווער פֿונעם געזשום, פֿון די געדיכטע רעדערייען, פֿון די
וואָלקנס פּאַפּיראָסן־רויך, רייסט ער זיך שווערלעך אויף, לאָזט זיך מיטשווימען מיט
דער יונגער „כאַליאַסטרע‟, דאָ נישט ווייט, אַקעגן די קאַזאַרמעס אויפֿן פּשעיאַזד,
ראָג נאָוואָליפּקי, אינעם הויז פֿון אַלט־יידישן יחוס און שטאַם. אַ ביסל באָהעמיע איז
פֿון דעסטוועגן אין זיין בלוט געפּלאָסן. צווישן יונגוואַרג, מיט יונגן גלויבן, איז היימ־
לעכער. די צימערן פֿון די זין און טעכטער — פֿול מיט ביכער, בילדער, אויף די סאָ־
פֿעס — לויפֿערס, אויסגענייטע קישעלעך. צוויי וועלטן. די פּאַרטונקלטע שטיבן ווײ־
טער אַרויף זענען באַשטעלט מיט אַלט מעבל, שווערע קרעדענס, פֿול מיט אַלערליי
זייגערס. דער אַלטער פּאָטער רעגולירט זיי, ציט זיי אָן, אַרויפֿשטעלנדיק זיך אויף אַ
בענקעלע; זיי קלינגען מיט אַלערליי מעלאָדיעס אויס די שעהן.

אויף די סאָפֿעס, אויף דר׳ערד, אויף די דיוואַנען, אין שיין פֿון דיסקרעטע אַבאַ־
זשורן, לייענט מען כתב־ידן, קוביסטישע סאָנעטן. דאָ חלומט מען פֿון אַ יידישער אינ־
טעליגענץ; און הינטער די ווענט פֿונעם הויז שטראָמט טאָג און נאַכט, ווי אַ פּלייצנ־
דיקער טייך, די געדיכטע חסידישע און פּראָלעטאַרישע יידישקייט פֿון דער דזשיקע
גאַס; און דאָ, אינעם אַלט־איינגעפֿונדעוועטן יידישן הויז, אין דער היימלעכער האַלב־
טונקלקייט, שפּינט מען דעם חלום פֿון אַ גרויסן יידישן רענעסאַנס. דורך די פֿענצ־
טער פֿון אָט דעם הויז האָט י. אָפּאַטאָשו, ווען ער האָט זיך געפּלעגט אַריבערכאַפּן
קיין פּוילן, אַרויסקוקן און זען פֿאַרבײַפּליסן די געדיכטעניש פֿון פּוילישן יידנטום.
זיי שווימען דאָ אַרום אין אילוזאָרישן וואָלקן פֿון פּאַרנאַס, אָבער הינטער די פֿענצ־
טער רוישט אַן אַנדערעווירקלעכקייט. זי הענגט אויף משקולות; און זיי דאָ מיינען
טאַקע... אַז מיר זענען גלייך מיט אַלעמען. זיי רעדן וועגן פֿאָלק, ווי ס׳וואָלט טאַקע גע־
ווען אַ יש. זיי זאַמלען דאָ, ווי די בין, די סובלימע ווערטן פֿון פֿאָלק, דעם עסענץ. ווי
אַזוי וועלן זיי דאָס אָבער אַדורכטראָגן, פֿאַרהיטן פֿאַר אַלע מאָרגנדיקע שטורעמס,
וואָס הענגען אין דער אָנגעלאָדענער אַטמאָספֿער ?

אויבן, אויף טלאָמאַצקע 13, אין זאַל מיט די אָפּגעקראָכענע גאָבעלינען, קוקט
פּרץ אַראָפּ פֿון דער וואַנט, ביידע הענט פֿעסט אָנגעשפּאַרט אין טיש. די וואָנץ —
פֿריציש פֿאַרשטייפֿט. די נאָבעלע ווירדע פֿון אַן אַלט קולטור־פֿאָלק — אין זיין אויס־
געריטן בליק. ער רעדט ! זיין גייסט שוועבט צווישן די אומגעזעענע געשטאַלטן. ער
קערט זיך אַוודאַי אום, נאָך אַ נאַכט וואַנדלען אויפֿן אַלטן מאַרק, ווו עס שפּילט זיך
אָפּ די מיסטעריע פֿון אונדזערע אידייען. ער טראָגט מיט זיך אונדזער רענעסאַנס. די
ווענט זענען באַדעקט מיט בילדער פֿון יידישע קינסטלער : יידישע כלי זמרים, וואַ־
סער־טרעגער, שטיקלעך קוזמיר, שטיקלעך אָטוואָצק. אָבער אונדזער גאַנצע וועלט
שוועבט, ווי דער ייד ביי שאַגאַלן, איבער דער ווירקלעכקייט. דער קליינער זשוואַווער
הערש דוד נאָמבערג שווימט אַרום פֿון איין טישל צום אַנדערן, וואַרפֿט דאָ אַריין אַ
וואָרט, דאָרט אַ שאַרפֿן וויץ. די וועסט איז ביי אים פֿאַרשאָטן מיטן אַש פֿון די פּאַפּי־

ראָסן, צוגעקלעפּט אויף דער ליפּ. דער לאַנגער, מעלאַנכאָלישער פּאָעט סעגאַלאָוויטש האָט אַראָפּגעבראַכט אַ גראַמאָפאָן, שטייט ער און דרייט ביים קעסטעלע. מען טאַנצט. טאַנגאָס, פאָקסטראָטן. קאַגאַנאָווסקי, די שאַרפע, איינגעשניטענע פּיאות פאַרשפּיצט, אין א ליציפּעטן־היטל אין קראַטקעלעך, אַ רויטער שאַל פאַרוואָרפן אַרום האַלדז, אין שטיוועלעך — אַזוי האָט ער זיך ערשט דאָ נישט לאַנג אומגעקערט פון אָדעס; ער שווימט אַרום צווישן די שיינע יידישע טעכטער און ווייבלעך. ער לאַכט זיך אויס פון אַלע „לייזונגען" אויף דער צעשטורעמטער „יידישער גאַס".

אין אָוונט ווערט דער לאַנגער, פאַרטונקלטער זאַל פאַרשטעלט מיט רייען שטולן. ס'נעמט זיך אומגעריכט אַריינשיטן אַן אומגעוויינלעכער עולם. פון וואַנען האָבן זיי זיך דערנומען אַהער ? רוסישע עמיגראַנטן, „וויסע". שוין צו־איידל, צוריקגעהאַלטן. ווייסע רויזן אין די לאַצן. ס'שמעקט עפּעס פון זיי מיט צערקווע און מיט ווייררויך. אין זייערע גרויע אָדער העל־בלויע אויגן — אַ פינצטערע כמאַרע פון פּאָגראָם. דער גלות ליגט אויף זיי שווער. דאָס האָט זיי אַ ווײַלע ווי דערנענטערט צו די קאָכעדיקע, שמיי־ענדיקע יידן. דאַמען אין וואַלן קומען שטיל אַוועקזעצן זיך. איינער פון זיי, אַן איבער־געוואַקסענער, מיט אַ גלאַט־פאַרקאַמטער שעוועליורע, אַ שטרענגער שרונט אין דער מיט. מען טיטולירט זיך. ער באַגלייט אַ פרוי מיט צוויי יונגע מיידלעך מיט העלע אויגן. דער שוואַרצער אָוונט־אַנצוג ליגט נעט אויף זיינע גלייכע אַקסלען, אָבער ס'איז צו דערקענען דעם מיליטערמאַן; ווי ער וואָלט נישט געטראָגן קיין ציווילע שיך, נאָר אָפיצירן־שטיוול. פון די לעצטע איז אַריין אַ דאַמע, אין גאַנצן אין שוואַרצן, לעבן איר — אַ יונג, ראָז מיידל מיט ווייצענע צעפּ איבערן שטערן, אַ רוסיש פאַר־קאַשערט נעזל. זיי האָבן דאָרט געמאַכט פּלאַץ פאַר זיי, מיט רעספּעקט.

— אָלגאַ איוואַנאָוונאַ... אַרציבאַשעוואַ... — האָט דער הויכער מאַן זיך פאַר־נייגט, איידל געקושט זיי די האַנט — כ'באַדויער זייער...

זיי האָבן זיך שוויגנדיק אַראָפּגעלאָזן טיף אין די שטולן, מיט דער פייערלעכ־קייט, ווי אין אַ קירכע.

אויך ליפּע איז דאָ געזעסן, פאַררוקט אין אַ ווינקל. אים האָט עס פּלוצעם אַ הייב געטון — די אלמנה פון אַרציבאַשעוון. ער איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין גלות־וואַרשע, ווייט פון זיין היימלאַנד. און ליפּע, וואָס האָט נאָך פאַרגעדענקט די „לי־געס פון פרייע ליבע", די „אַטענישע נעכט"; די צייטן, ווען יונגע מיידלעך האָבן זיך „אַנטשלאָסן". די היטער פון דער מאָראַל האָבן געשריגן : „דער פאַרפירער, דער דערוועקער פון יצר הרע ! סאַנין !". וואָס האָט ער דען געוואָלט ? ער האָט געוואָלט זיין ציניש, אין די רעאַקציע־יאָרן, נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע, און איז אין דער אמתן געבליבן נאַיוו. וואָס איז דען סאַנין אין אונדזערע טעג ? עפּעס דאָרט אַ צעשטרייטער סטודענט, וואָס פאַרפירט אַ מיידל, אָן ראָמאַנטישע פראַזן, אָן באַלעבאַטישע פּלענער. נישט אַנדערש, ס'האָט אַוודאַי געמוזט זיין אַ דור פון נעוור־ראַסטעניקער, היסטעריקער, אַז אַזאַ אומקינסטלערישער ראָמאַן זאָל קענען אַרויס־רופן אַ שטורעם. די יוגנט איז געווען עראָטיש אויסגעהונגערט; אַ יונג מיידל האָט גאָרנישט געטאָרט וויסן, אַז ס'עקזיסטירט אַזאַ באַשעפעניש, ווי אַ מאַנסביל. אָבער — שיינע יוגנט־יאָרן ! אַ יוגנט, אַ פאַרליבטע אין טשעכאָוו, אין גאָרקי, אין קופּרין, אין אַנדרייעוו. ס'איז געווען די צייט, ווען די פּראָסטיטוטקע סאָניאַ מאַרמעלאַדאָוואַ, ביי דאָסטאָיעווסקין אין „פאַרברעכן און שטראָף", איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ הייליקע.

איז געקומען דער סטודענט סאַנין און געלייקנט אין דער אָנגענומענער מאָראַל, און מ׳האָט זיך דערשראָקן, געמאַכט פון אים אַזש אַ סימבאָל. ער האָט עס אפשר גאָרנישט פאַרדינט; אַ פילאָזאָפיע פון יאוש, אַנדרייעוו׳שטשינע; איין מאָטיוו : אַ וועלט פון ליגן, תאווה. ס׳איז אים ענג געוואָרן די אייראָפּעאישע קולטור־וועלט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם מהות פון דער רוסישער רעוואָלוציע. און זיי דאָ פאַרשטייען זי יאָ ?...

פינקטלעך, צו דער מינוט, האָט די קורטינע אין פאַרטונקלטן, ענג־אָנגעפילטן זאַל זיך געשפּאָלטן און דורך דער זייטיקער טיר איז אַרויס אויף דער נידעריקער בינע דער רוסישער פּאָעט איגאָר סעווועריאַנין. הויך, מיט אָנגעלאָפּענע אויגן־קישעלעך אונטער די שאַרפע פּענסנע, אַ שפּיזיק, גרוי־ווערנדיק שויבערל, די פּלייצע אַ ביסל געבויגן. אַ קליין, לעדער־געליישט בוך אין רויטן סאַפּיאַן אונטערן אָרעם. ער האָט זיך טיף פאַרנייגט, איז שטיינגעבליבן אַ ווילע ביים טישל. הינטערן גרינעם אַבאַזשור האָט געברענט אַ לעמפּל. ער האָט זיך באַלד דערנאָך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטול, וואָס האָט אונטערגעסקריפּעט, אַראָפּגענומען די פּענסנע, נאָך אַ מאָל אַ קורצן בליק געטון צום פאַרטונקלטן זאַל. ער האָט צוגערוקט צו זיך נענטער דאָס טישלעמפּל, א מיש געטון די בלעטלעך. מ׳האָט דייטלעך געהערט, ווי זיי שורשען. אין דער אַבסאָלוטער שטילקייט האָט ער גענומען פאָרלייענען מיט אַ מאָנטאָנער באַסשטים זיינע פּערזן. ער האָט זיך אַפילו נישט צעוואַרעמט אויך דערנאָך. סימבאָליזם. ער איז געשטאַנען אין דער מיט, צוזאַמען מיט די דיכטער פון זיין אויפגעשטורעמטן דור, ווי אין א זייט — אַלעקסאַנדער בלאָק, יעסיענין, מאַיאַקאָווסקי. ס׳איז געפאַלן אַן איינטאָניקער רעגן פון געדעמפּטע קלאַנגען. מ׳האָט נאָר געפילט, ווי ס׳וויינט דאָס האַרץ פון רוסישן פּאָעט נאָך זיין ברייט היימלאַנד, וואָס ער האָט עס מיטגעפירט אין גלות אַריין.

— נישקשה... — האָט דאָרט הערש דוד נאָמבערג, אין די הינטערשטע רייען, צולעצט שטיל אַ מאַך־אַוועק געטון, צווישן די היימישע — ז י י ע ר גלות וועט נישט זיין אַזאַ לאַנגער, ווי אונדזערער... קיין צוויי טויזנט יאָר וועלן זיי נישט וואַרטן... רעזשימען קומען, רעזשימען גייען, ס׳פאָלק אויף דער ערד בלייבט...

— אַ רוסישע קירכע, יעי באָגו... — האָט דער אַלטער איבערזעצער זאַקס אויפגעלויכטן, זיך מחיה געווען צו הערן אַ „נאַסטאָיאַשטשע״ רוסיש וואָרט — זיי פראַווען דאָ מיט נאָסטאַלגיע אַ גאָטעס־דינסט זייער דיכטונג, זייער קולטור... זי וועט נישט אונטערגיין ! זי שפּאַרט זיך פּעסט אָן אויף דער סלאַווישער ערד. איר וועט זען, זיי וועלן זיך נאָך מיט די באָלשעוויקעס אויך איבערבעטן. מיר האָבן שוין געזען ווי די שענסטע אידייען עוואָלואירן און... דעגענערירן. אָבער מיר...

זיי זענען נאָך דאָרט אָפּגעזעסן ביז אין דער שפּעטער נאַכט, אין פאָרנטיקן זאַל, ביי די אויסגעקילטע טעפּעלעך „האַלבע שוואַרצע״, אין געדיכטן רויך, און האָבן זיך גאָרנישט געכאַפּט, ווי אין די הויכע פענצטער האָט גענומען בלויען. דער שפּיץ פון אַ ווייטער קירכע האָט זיך געגאָלדיקט. די ערשטע טראַמווייען האָבן א גרילץ געטון אויפן ראָג, ביים פאַרדריי צום פּשעיאַזד. ערשט דעמאָלט האָט מען זיך מידלעך אויפגעריסן, מידלעך געלאָזן זיך בלאָנדזשען איבער דער אויפגעוואַכטער שטאָט, מיט שלעפּנדיקע טריט פון זקנים.

אין די אַלטע שפּורן

צוריקגיין אין די אַלטע שפּורן... — האָט דאָרט ליפּע איין מאָל אַ זאָג געטון צו זיך אַליין — אַהין, ווו ס'איז אַמאָל געווען אונדזער היים; זען וואָס ער מאַכט דאָרט, הירשקע. מיט צוגעלענטע אויגן איז ער געזעסן אין וואַגאָן. די באַן האָט זיך אין שפּעטן נאָכמיטאָג פאָרזיכטיק, לאַנגזאַם געגליטשט אויף דער פּראָוויזאָרישער בריק, איבערן אַלטן בוג, און אַזוי פיל ליבע דערמאָנונגען האָבן זיך פּלוצעם אָנגעטראָגן. שוין געווען שפּעטלעך, ווען ליפּע האָט, אָפּשטייגנדיק פון דער דראָזשקע, אָפּגעזוכט צאַליע רימער אויפן גאָרן־שטיבל, אינעם ברייט־צעלייגטן, טומלדיקן הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס. צאַליע איז געווען שטאַרק גערירט. אַזאַ ליבער, אומגעריכטער גאַסט. ער האָט אים נייגעריק אַ באַקוק געטון — אַ פראָסט איז געלעגן אויף ליפּעס קאָפּ, די באַקן — אין זשאַווער, אונטער דער בריל — דאָס ווייטע און פאָרט היימישע פּייערל. ער האָט אים דערלאַנגט הייסע גלעזלעך טיי, אויסגעבעט אים אין אַלקערל. איבערגענעכטיקט אויף דר'ערד, אונטערגעשפּרייט מיט שטרוי, צוגעדעקט מיט אַלטע פּאַלטנס אויפן איבערבעטל, ווי ר'איז געוווינט געווען פון אַמאָל, אין די קאָנספּיראַטיווע דירהלעך, אין די פאַרשטעקטע מלינות — האָט זיך ליפּע באַלד באַגינען אויפגעכאַפּט מיט אַ וווּנדערלעך געפיל, ווי ער וואָלט אין מיטן פון צעשטורעמטן געוויטער, צוגעשוווּמען צו אַ היימישן ברעג. ער האָט אַ וויש געטון דאָס שייבל, פאַרלאָפן מיט קאַלטן טוי, אַראָפּגעקוקט פון גאָרן־שטיבל, צו די סעדער הינטערן הויז, צווישן די אויפגעבראָכענע פּלויטן. די סעדער האָבן זיך שוין געגאָלדיקט. אָט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, וועט ער באַלד דערהערן דאָס ווייטע, פאַרשטיקטע, אומעטיקע שופר־בלאָזן פון די הינטערגעסלעך. שפּינוועבס־פעדעם שווימען אין דער לופטן. אַ ווייסע ראָסע ליגט אויף די דעכלעך. באַלד וועט חברטע מערע, די זאָקן־מאַכערקע, זיך אַראָפּשלייכן פון דער הילצערנער טרעפּ, אַוועקצוטראָגן אַ צעטעלע, פאַרשטעקט אין אַ נעטל פון דער קאָפּטע, צו חבר צאַליע רימער; און ער וועט אים שוין אין שפּעטן פאַרנאַכט פירן דורכן טייך־געסל, צום הויז פון טייבעטשקען, אויף די בולוואַרן...

דאָס פאַרשטויבטע שייבל אין גאָרן־שטיבל, אין די בלינדע ווענט פון די הויכע מויערן, ווו צאַליע רימער האָט זיך איינגענעסטיקט מיט זיין קליינער משפּחה, איז געווען ווי אַ מין אומבאַמערקטער אויסקוק־פּונקט. דאָ האָט זיך פאַר זיינע אויגן אָפּגעוויקלט — די געשיכטע. דורכן זעלבן פאַרשטויבטן שייבל האָט ער געזען אָפּציען די לעצטע רעשטלעך דייטשן; דורך דאַנען האָט ער געזען אַריינרייטן די פאַריסענע פּוילישע אולאַנער־קאַוואַלעריע, אויף די צעפּאַרעטע ווייסע שימלס; און מיט אַ יאָר צוויי שפּעטער, אין אַ פאַרטאָג — אָנציען די צעשוימטע, נידעריקע רייטער־פערדלעך און די קיביטקעס פון די באָרוועסע, אַרומגעשליסענע רויט־אַרמייער. ער האָט גע־

וואַכט, צאַליע! זיין אויג האָט איינגעזאַפּט דעם ווייכן גרין פון די אויפגעבליטע, אויפ־געבראָכענע סעדער הינטערן הויז פרילינג־צייט, דעם שאָסיי, וואָס פירט פון מזרח צו מערב, אין אויפגעהויבענעם שטויב. מאָדנע מחשבות זענען אים געקראָכן אין קאָפּ אַריין, דעם אַמאָליקן „צער בעלי חיימניק״; ער האָט געהאַפּט, אַז שוין באַלד, מאָרגן, קומט אַ וועלט פון יושר. דאָ קרייצן זיך די וועגן פון דער געשיכטע. אָט לויפט דער שאָסיי פון דער קיעווער סלאָבאָדקע, ביז ווייט אַראָפּ, צו דער פעסטונג ביים בוג. אַזוי פיל אַרמייען, יעדע מיט אַנדערע לידער און אַנדערע פאָנען, האָבן דאָ פאַרבייגעצויגן, פאַרבייגעשאָטן זיך.

און אָט זעט ער, ווי ליפּע שטעקט נאָך אַלץ אין שייבל, פאַרקוקט, מיט אַ פייכט אויג הינטער דער בריל; ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט אויפן בולוואַר די נייטערקעס, די גימנאַזיסטן, די „צער בעלי חיים״ פון 5־טן יאָר... אין די טונקעלע פעלערינעס, אין די צעדרייטע היט, מיט די יאַמשענע שטעקעלעך. טיף אין זיך טראַגט ער נאָך אַלץ דעם אומרו; ער פרעגט זיך אַליין אַוודאַי: צי איז עס דען די היים? ער פאַרנעמט, ווי אונטן, אין הויז, זינגען זיסע קינדערישע שטימעלעך: „האָף... נישט ווייט איז שוין דער פרילינג״. ער קלייבט זיך אַרונטערצוגיין, אַליין זען זיי, די פון אַן אַנדערן דור. צאַליע איז נאָר וואָס אַרויפגעקומען, אַוועקגעשטעלט דאָס צעבויגענע סאַמאָוואַרל אויפן טיש, געריבן זיך די הענט פון די פאַרגאַנגענע שפּאַרעס, פון דער קעלט. ער האָט אין באַגינען שוין געהאַט אָנגעהאַקט האָלץ, אָנגעטראָגן וואַסער, געקערט, גע־רוימט, געפּאָרעט זיך אין זיין צערודערט וואַרשטאַטל אין טיפן הויף.

— זע, צאַלינקע — מאַכט חבר ליפּע, און זופּט דעם בלאַס־פאַרבריטן טיי, וואָ־רעמט זיך די הענט, האַלטנדיק פעסט דאָס געפינגערטע גלאָז צווישןביידע דלאָניעס — מיר זענען שוין באַלד אַלטע יידן... אפשר פאַרשטייען מיר טאַקע נישט... הערסט, עפּעס האָב איך מורא! געדענקסט אַוודאַי טייבעטשקען... — זיין בליק איז געוואָרן אָפּוועזנד הינטער דער פאַרלאָפּענער בריל — זי איז שוין ד אָ ר ט פאַרבליבן... די בונדישע פאַרגאַנגענהייט, דאָס גרויסע, פאַר וועלכן מיר האָבן זיך אַמאָל געשלאָגן... פאַרשטייסט, מיר האָבן נישט געקענט ז י ך פאַרלייקענען. מיר זענען אַלטע בריס־קער מתנגדים. מיר לאָזן זיך נישט סתם מיטרייסן מיט הויכע פראַזן, אָן שום דעקונג...

— אפשר פאַרשטייען מיר טאַקע נישט אַלץ, חבר ליפּע. ס'איז דען אַ פּאָר יאָר? אַ יאָרהונדערט, און אפשר נאָך מער! אָבער די קינדער... זאָלסט הערן זייערע רייד!

— די קינדער זענען אויך געוואָרן צו־פרי דערוואַקסן, פ אַ ר דער צייט. הירשקע האָט פאַרענדיקט די קורסן אין ווילנער לערער־סעמינאַר, צוזאַמען מיטן מיידל זיינעם, מיט קאַטיען. זיי אַרבעטן דאָ אין שול, הער איך, מיט לייב־און־לעבן. דאָס פעדאַגאָגישע האָט זיך איבערגעגעבן בירושה. זענען מיר דאָך אויך, אַז מען וויל, אַ גאַנץ לעבן געווען לערער, דערציער.

ס'איז אָבער גלייך געווען צו מערקן, אַז זיין אַלטער חבר צאַליע איז אַ ביסל אָנ־געשטעקט מיטן אימפּעט פונעם אונטערגעוואַקסענעם יונגוואַרג. זיי זענען נאָך פאַרן 20־טן יאָר געקומען אָנצוציען אין די „טיפּעלושקעס״, צוריק צו דער חרובער היים. די אָרעמע געזינדלעך, די „ביעזשענצעס״, האָבן זיך געוואַלגערט אין די בתי מדרשים, אין די חורבות. אָט די נייע יוגנט האָט איצט אָנגעפילט מיט זייער אימפּעט, געלעכ־טער, געזאַנג דאָס ברייט־צעלייגטע הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס.

— וואָס ווילסטו ? די איראָפּעאישע סאָציאַליסטן האָבן אונדז אויך פאַרשעמט...
— האָט צאַליע צענומען די לאַנגע הענט — טאַקע, ווי קומט עס, וואָס אין די פאַר־לאָמענטן האָבן זיי געשטימט פ אַ ר דער וועלט־שחיטה ? זע וווהין זיי האָבן אונדז דערפירט...

וואָס האָט ער אים דערויף געהאָט צו ענטפערן ? ער האָט אַליין אויך געפילט, ליפע, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט אין גאַנצן. און ער האָט זיך נעפלדיק דערמאָנט דעם צעקאָכטן יונגערמאַן מיט קרומען דאַשיק איבער די אויגן, קאַראַלן, ווי ער האָט גע־פלעגט אויסוואַקסן, איז געקומען אָפּאַנירן, מאַכן אַבסטרוקציעס אין נאָדל־פאַראיין, אויפן פשעיזאַד. אומעטום זענען זיי אויסגעוואַקסן, די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אָפּ־געריסן פון די אַנדערע פאַרטייען. שטאַרקע פראַזן זענען אין זייער מויל, חוצפה, אַ ניי, פרעמד לשון. צו דער אַלטער פאַרביסנקייט איז צוגעקומען עפּעס אַ נייער ניואַנס. און אויך צאַליעס רייד האָבן אים דאָ געמאַכט אַ ביסעלע אומרואיק.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַראָפּ די אַלטע טרעפּן, איז צוגעפאַלן צום פאַר־שטויבטן הויז־שייבל און געזען אין הייסן האַרבסטיקן גאָלד — חורבות, חורבות. דאָס איז זי, די אַמאָליקע היים ? אַ נייער דור, אַ פאַרביסענער. צו וועמען, פרעגט זיך, זע־נען זיי ענלעך מיט זייער חשד אין הפקרן בליק ?

ער האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אין די עטלעכע טעג, שטאַרק נייגעריק און אַ ביסל צעטומלט, איבער די שטאָקן אין הויז. הינטער אַלע טירן — רעפעראַטן, דעבאַטן, דיסקוסיעס צווישן כלערליי פילאָזאָפישע שיטות, ריכטונגען, שטאַנדפּונקטן; אַרייב־געכאַפּט זיך אויף אַ לעקציע אין די עלטערע שול־קלאַסן. זיין גרויער קאָפּ האָט זיך אויסגעמישט מיט די קינדערישע קעפּלעך. טשעקאָווע, ווי אַזוי פּאַסן זיי אויף אונדזער יידישע געשיכטע, פּרצן, דער עיקר פּרצן. מ'האָט געלערנט מיט די עלטערע קינדער „צווישן צוויי בערג", דער בריסקער רב און דער ביאַלער רבי; קילער שכל און — אַלץ־פאַרברענענדיקע התלהבות, אמונה, הויכע ליבע צום מענטש. זיי זענען אפשר נישט אין גאַנצן אומגערעכט. צווישן די ביידע — איז אונדזער רעאַליטעט. און זע אַ וווּנדער, ווי די דאַרע ביינדעלעך, די בלייכע פּנימלעך, האָבן זיך באַדעקט מיט הויט און מיט פלייש; ס'שלאָגן אויפסניי ראָזע, פרישע פאַרבן אין זיי. מען לערנט זיי דאָס ליד פון פּרצן — „האָף און גלויב... נישט ווייט איז שוין דער פרילינג". אויף די ליכטיקע שול־שפּאַצירן, איבער פעלדער און לאָנקעס, צעקלינגט זיך דאָס שיינע ליד :

אָט זע, פאַרצויבערט שטייט די וועלט אַרום,
מיט העלער ליכטיקייט איז זי באַשטראַלט;
און הילכיק קלינגט אַ לויב־געזאַנג,
אַ לויב דער שיינער, שטראַלנדער נאַטור, אַ לויב.

ס'איז געווען עפּעס אַ נייער, גאָטלאָזער גלויבן, וואָס האָט באַפליגלט די יונגע, עקזאַלטירטע לערער, די קינדער; די גרויסע האָפענונג פון אַ ניי, יושרדיק לעבן, וואָס מ'וועט עס אַליין אויסקעמפן. דער פרימאָרגן האָט פאַרגאָסן מיט זון די אויסגעוואַ־שענע שויבן פון דער אָרעמער, אָבער ליכטיקער יידישער שול. צו דערלערנען די נאַטור, די האַרבסט־בלימעלעך, איז מען אויף שפּאַצירן אַוועק זוכן זיי אויף די פייכטע לאָנקעס, צווישן די טיפע גראָזן און סאַזשלקעס. די פרעש האָבן פריילעך געזונגען

אין כאַר. דוכט זיך, אַזאַ שיינע, פרידלעכע וועלט און — פול מיט פאַרהוילענע גע־פאַרן. אויף די מאַגערע פעלדער האָט דאָס אָרעמע פּאָליעסער פּויערל שוואַר זיך גע־מאַטערט מיט דער הילצערנער סאָכע איבערן קאַרגן שטיקל זומפּיקן לאַנד. אין די מאַרק־טעג האָט ער זיך אַראָפּגעשאָטן מיטן פורל אין שטאָט אַריין, איינצוהאַנדלען ביים יידן אַ הערינג, אַ פונטיקל זאַלץ, שוועבעלעך. אַלע האָבן זיי זיך געבויגן אונ־טערן יאָך פון פרעמדן פּוילישן אָקופּאַנט. נייע כוחות, האָט מען געפילט, נורטעווען אין דער טיף; און דאָ באַלד, אַ טריט פון דאַנען, גייט הילכיק די רעוואָלוציע איבערן ברייטן לאַנד. דאָרט גייט אויף אַ ניי לעבן. אַלע האָבן זיי עס נאָך, מיט בענקשאַפט, פאַרגעדענקט, ווען זיי זענען אַהער אין רייפן זומער 1920 אַנגעלאָפן, די באַרעוועסע, אַרומגעפליקטע רויט־אַרמייער; זיי זענען באַלד דערנאָך פאַרטריבן געוואָרן פון די ווייסל־ברעגן. אָבער די ערד, אויף וועלכער מ׳איז געטרעטן, איז פאַרט געווען — היים, אוראַלטע יידישע היים; די לערער זענען געווען ווי די ערשטע שוואַלבן אין פרי־לינג. דער לערער־סעמינאַר אין ווילנע א״נ פון וולאַדימיר מעדעם, האָט צעשיקט פאָלקס־לערער, פאָלקס־אינטעליגענטן, צו גיין טראָגן זייער שליחות. האַלב־הונגערי־קע, אָבער מיט אַ הויכן גלויבן. אַ נייער גייסט פון יידישקייט האָט געבלאָזן פון דער וויטלעכער צפון־שטאָט, די אַלטע ירושלים דליטא.

איינער פון זיי איז געווען הירשקע, זיין חברטע קאַטיע. די ליידנשאַפט פון יונגן לערער הירש איז געווען געשיכטע. אַ מין אַטאַוויזם, האָט ליפע באַקלערט. אין דער רובאַשקע, צעשפיליעט ביים האַלדז, דאָס שטייפע יעזשל, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט צוקעמען; ער איז געווען אַרומגערינגלט פונעם יונגוואַרג. ליפע איז געזעסן אין קלאַס, צוזאַמען מיט די קינדער, אויף די נידעריקע שול־בענק. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. עפּעס אַ נייער אופן פון באַלייכטן די יידישע געשיכטע.

און אינעם ברייט־צעלייגטן הויז, אויף אַלע שטאָקן, פלאַמען די דיסקוסיעס, ווי־כוחים, וואַל־מיטינגען, מאַסוורקעס, רעפעראַטן, קרייז־באַראַטונגען. פון „צענטער״ זענען אַראָפּגעקומען רעדנער מיט שיין־געשניטענע בערד; יעדער מיט זיינע ניואַנסן, שאַרפע פּרינציפּן, אַ האָר נישט אָפּצודינגען. אין אָוונט הילכט אַ כאָר פון יונגע אַרבע־טער, ס׳הילכן יידישע, רוסישע לידער. צום שמאָלן ביבליאָטעק־צימער איז נישט צו דערשפּאַרן זיך. ביי דער זייט פון הירשן — קאַטיע, די יונגע לערערין קאַטיע; מיט די ווילדע, בלאָנדע קוטשערן, שוועבט זי אַרום אין אירע פלאַטערנדיקע בלוזעס, אויסגעמישט מיטן יונגוואַרג. אַפילו באַלעבאַטישע יידן האָבן זייטיק, כאָטש מיט אַ ביסל חשד, אַרויפגעקוקט צום רוישיקן הויז, מיט דרך ארץ.

אין דעם נאָך־סוכות זענען אין טיפן הויף, אין ווייסן מייערל, געפּראַוועט גע־וואָרן פריילעכע דאָרפישע תנאים׳ס און חתונות. דער הויף איז פאַרשטעלט געווען מיט דראַבינע־פורלעך, די האָלאָבליעס פאַרוואָרפן אין דער הויך. סוף וואָך איז זיך אָנגע־פאָרן אַ פולע שטוב מיט געזונטע מיידן און יינגען פון די אַרומיקע שטעטלעך, פון פאַרוואָרפענע ישובים. די רויט־באַקיקע מיידלעך, פאַרפלאָכטן מיט פאַרביקע סטענ־געס אין די האָר, ווי ביי שיקסעס. די יונגען — אין שטייפע גאַרניטערס און דאָרפיש־אויסגענייטע העמדלעך. ס׳האָבן געסקריפּעט ביי זיי ניי די יוכטענע שטיוול. ס׳האָט געסקריפּעט אַ דאָרפיש ליד אויף די פּראָסטע כלי זמר־כלים, פידלען און האַרמאָני־קעס. מ׳האָט געטאַנצט אַלטע וואַלסן, שערעלעך, פאָלקע־מאַזורקעס, אַז די שייבלעך האָבן זיך געטרייסלט. ביינאַכט זענען זיי אַלע צוזאַמען אַוועקגעפאַלן אויף די פּריש־

אָנגעטראָגענע בינטן שטרוי. אין די גאָרן־שטיבלעך, אין די זייטיקע בוידעם־פּליגלען פונעם ברייט־צעלייגטן הויז, זענען נאָך אַלץ געווען גענוג ווינקל־צימערלעך אָפּצוצוימען, און דאָרט האָבן זיך די יונגע פּאָר־פּעלקער איינגענעסטיקט. דער אלטער, מאיר ישובניק, האָט זיך, צוזאַמען מיט די זין, פון באַגינען אָן געפּאָרעט, אונטערגעשפּאַרט בעלקעס, סלופּיקעס, אויסגעהאַקט דאַך־פּענצטערלעך אין די בלינדע ווענט, צו די סעדער הינטערן הויז; צוגעצויגן רערן צו די ברייטע לופּטעס, אַריינגעשטעלט פּליטקעס, אויוונס, אויסגעקאַלכט — אַלץ האָבן זיי מיט זייערע „גאָלדענע" הענט אַליין געמאַכט.

אין שבתדיקן פאַרנאַכט זענען די הינטערשטע צימערלעך געווען פול באַזעצט, ביז אַרויף, מיט יונגוואַרג. אַ מאַכאָרקע־רויך איז געשווומען אונטערן באַלקן. צאַליעס מיידן, אויף די דיקלעכע פּיס, קורץ־אונטערגעשוירענע, האָבן זיך פאַרפלאָמט געפּאָרעט, אָנגעשטעלט אַ פולן טיש מיט היימיש־געבאַקענע קיכעלעך, אָנגעשאָטן זשמעניעס סעמיטשקעס. מ'האָט די יאָדערן געקנאַקט, אַז די ווייסע שאָלן זענען געפלויגן אין דער לופטן. מ'האָט געזונגען: „אַז דו אַקערסט און דו זייסט", „העמערל, העמערל, קלאַפּ", „מיר ברעכן די וואַנט". צאַליע איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקל. ער האָט פון אַ טירל, איבער קעפּ, אַריינגעשטעקט דעם דאַרן, לאַנגן האַלדז. ס'האַרץ איז אים געוואַקסן פון נחת. ר'האָט זיך מחיה געווען מיטן יונגוואַרג, וואָס „קעמפט פאַר אַ בעסערן מאָרגן". די יונגערע מויד, דבורל, מיט די אַגרעס־גרינע אויגן, מיטן פלאַם־פייערדיקן קאָפּ, איז גאָר געווען אַ שטיק ברען. קיינער האָט עס נישט באַדאַרפט צו וויסן, אַז ס'האַלט זיך דאָ ערגעץ אויף געהיים דער חבר פון „צענטער". דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער חבר קאַראָל. ער איז איין מאָל, שפּעט ביינאַכט, געקומען אָנקלאַפּן, איז אַריינגעפאַלן אומגעריכט אויף דער „יאַווקע", מיטן „פּאַראָל"; פּונקט ווי מ'איז אַמאָל, אין יענע יאָרן, געקומען אַזוי אומשולדיק נאָכפרעגן זיך ביי אים, ביי צאַליען. אַ גרויער מענטש, דוכט זיך, אין אַ קאַשקעטל איבער די אויגן. זי איז באַלד געלאָפן פאַרשטעקן אים ערגעץ אין אַ בוידעם־שטיבל ביי די דאָרפס־לייט, מיט אַ תירוץ, אַז ס'איז אַראָפּגעקומען צו זיי אַ קרוב פון דער פרעמד...

אין שבתדיקן נאָך־וואַרעמעס איז די יוגנט כלומרשט פאַרפּאָרעט געווען אויפן היימישן שמחהלע, געשפּילט אין פאַנטן, אין „פלירט", אין לאָטעריע, צו זאַמלען געלט פאַר דער ביבליאָטעק, אָבער אין דער אמתן איז עס געווען אַ פאַרמאַסקירטע ראַיאָן־קאָנפערענץ. זיי האָבן זיך איצט אויך געכאַפּט, אַז צווישן זיי געפינט זיך אַ קורצער ווייסרוסישער בחור פון אַ דערפל הינטער קאָברין, אין אַן אויסגענייט העמדל, מיט אַ שטרענגן, פאַרבלויטן בליק; ער זינגט מיט זיי אַלע יידישע לידער. ס'זענען געווען אויסצוהערן באַריכטן, אָנצונעמען וויכטיקע באַשלוסן. דער פרעמדער, דער חבר פון „צענטער", קאַראָל, איז אויסגעוואַקסן דורך דער הינטער־טיר. ער האָט אַצינד געטראָגן געדיכטע, ברוינע וואָנסן, וואָס האָבן פאַרדעקט די טיפע קאַרבן אַרום די נאָז־פליגלען. דעם לייכטן רוסישן מאַנטל, ס'הייסט דעם געפאַרבטן זאַק, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, און איז געבליבן אין אַ סאַטינענער רובאַשקע. ער איז נישט געווען אַזוי זיכער, קומענדיק אין די מקומות, צי זיין פאַלשער פּאַס וועט „אויסהאַלטן יידישקייט". וויפל ער האָט זיך נישט איינגעחזרט דעם נאָמען פון טאַטע־מאַמע, געבוירן־אָרט, איז עס אים נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. ער האָט געפּיפּקעט געדרייטע מאַכאָרקע־טרייבלעך, גערעדט „וועגן געמיינזאַמען קאַמף פון ווייסרוסישן פאָלק קעגן

פוילישן אָקופּאַנט״, וואָס וויל דאָ אַלץ פּאָלאָניזירן, שיקט אַריין שפּיצלעס, „אָסאַד־ניקעס״, וואָס פאַרכאַפּן די ערד; אַז דאָס פאָלק שטרעבט צו בויען אַ גערעכטע סאָציאַליסטישע אָרדענונג, צוזאַמען מיט זייערע ברידער, די רוסן, פון „יענער זייט״, און אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם פרעמדן אונטערדריקערישן יאָך...

ליפּען איז די גאַנצע רווישיקע שמחה פון דער יוגנט באַלד פאַרגעקומען מאָד־נע קענטלעך, מאָדנע חשודיק. אַן אַלטער קאָנספּיראַטאָר, האָט ער באַלד דערשמעקט, איז, נישקשה, אַ מבין געווען אויף אַזעלכע מיני ליאַמעס, אין שבתדיקן פאַרנאַכט, צו שלש סעודות. פון די אַנדערע דאַך־שטיבלעך האָט זיך אין צופאַלנדיקן בין־השמשות, אין דער ראָזער שקיעה, דערטראָגן דאָס פאַרדבקהטע, התלהבותדיקע געזאַנג פון די חסידים־שטיבלעך, ווען דער שבת קודש גייט אוועק; און ליפּע האָט אַ רגע פאַרמאַכט די מידע אויגן. אַלץ האָט זיך ביי אים אויסגעמישט אין איין געזאַנג. ער האָט אָבער באַלד דערכאַפּט, אין טיפסטן ווינקל, פאַררוקט צווישן פאַרהאַנגען, דעם שאַרפן קין, דעם פאַרוואַקסענעם נאַקן פון דעם פרעמדן. ער איז אים פאַרגעקומען קענטלעך; איינער פון די געדיכטע וואַרשעווער בערזעס. יאָ, די זעלבע לידער פון אַמאָל, אָבער אויך די נייע, די אַנגעווייטע פון „דאָרט״: „עד, דו, עפּעלע״... די לידלעך, די „טשסטושקעס״ פון דעמיאַן ביעדני. ער האָט אים געזוכט, דעם פרעמדן, אָבער יענער איז דאָרט פלוצעם מער נישט געווען. די סעמיטשקעס, אָנגעשאָטן אויפן טיש, די שאָ־לעכצן, זענען געפלויגן אין דער לופט. די מיידלעך האָבן געלאַכט. ס׳איז געווען הייס, ווייל מ׳האָט קיין פענצטער נישט אויפגעשפּאַרט. ער האָט זיך געלאָזן גיין צו די היב־טערשטע גאַניקעס, צום אויבסט־סאָד. ס׳איז שוין געווען האַלב־טונקל. אַרום — אַ מומרמלעריי, אַ שושקעריי, פאַרשייטע געלעכטערן פון דער טיף. ס׳האָט געצויגן אַ לינד ווינטל און מיטגעבערענגט דעם וויניקן אַראָמאַט פון רייפע עפּל.

אים אין רוקן, האָט ליפּע דערכאַפּט, ווי פאַרזיכטיקע שפּרייזן מאָלן די דינע שטיינדלעך הינטער דיביימער. אין האַלבן טונקל האָט זיך שאַרף אַרויסגעשניטן קאַראַלס פּראָפיל. ס׳איז דאָ גאָרנישט מער געווען וואָס צו באַהאַלטן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן לעבן ליפּען אויף דער נידעריקער באַנק פון געפלאָכטענע בערעזע־צווייגן, און ווי ער וואָלט ווייטער געצויגן אַ לאַנג־איבערגעריסענעם דיאַלאָג:

— מיר... מיר האָבן אויסגעקליבן, אָנשטאָט צו טאָפּטשען זיך אין זומפּ פון סע־פּאַראַטיזם, אָפּאָרטוניזם, דעם בשותפותדיקן קאַמף אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם־לעניניזם...

— טאָ ווער־זשע — האָט ליפּע געוואָלט וויסן — וועט זיך פאַרנעמען מיט אונדזערע ספּעציפישע יידישע מחלות?

— מיר האָבן אויפגעריסן די קינסטלעך־אויפגעשטעלטע וואַנט צווישן אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. מיר האָבן געזען ווי די סאָציאַליסטישע פירער פון אַלע לענדער האָבן אונדז פאַרראַטן...

— דער בונד איז דאָך פון דעסטוועגן נישט געווען קיין מלחמה־צד... וואָס פאַראַ צד זענען מיר, יידן, דען בכלל?...

— מיר האָבן אָבער געזען, ווי דער איינציקער האָט קאַרל ליבקנעכט געהויבן די האַנט קעגן די מלחמה־בודזשעטן אין דייטשן פּאַרלאַמענט... נו, און זשאָרעס. האָבן זיי אים טאַקע אויך דערמאָרדעט...

— אוי, קאַראַל, קאַראַל — האָט אים חבר ליפע פּאַטערלעך געשטראָפט — עפּעס שרעקט מיך פּאַרט דאָס הארץ... כ׳בין אויך אַמאָל יונג געווען. אָנהייב יאָרהונדערט זענען שוין געשטאַנען געגנוי די זעלבע פּראָבלעמען. גרעסערע גייסטער פון אונדז האָבן זיך געראַנגלט, געמיינט, אַז די אַסימילאַציע איז דער אויסוועג, ביז זיי זענען געקומען צום פּשוטן אויספיר, צוריקצוקערן זיך צום פאָלק...

— ס׳הייסט — ציוניזם !...

— ס׳הייסט, קאַמף פאַרן ערלעכן, דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם...

און הינטער די פענצטער זענען געשוווּמען, האָבן זיך אַלץ געטראָגן די פאַר־דבקהטע חסידישע געזאַנגען; און דאָ — דאָס הייסע זינגען פונעם יונגוואַרג. ס׳איז אפשר איין פאַרבענקט געזאַנג, פון איין פאָלקס־נשמה, נישט צום אָפּטיילן — האָט ליפע אומעטיקלעך באַטראַכט. צי חזרט זיך טאַקע די געשיכטע אַ מאָל נישט איבער ? אַן אַנדער דור, אָבער אין תוך געגומען... אַלץ איז נאָך דאָ, ווי דעמאָלט, יונג און פלאַטערנדיק.

זיי טראָגן אין זיך דעם מילדן פרילינג־ווינט, דעם הייסן מזרח־ווינט אין די אָנגע־צונדענע געבלוטן זייערע. די נעכט פאַלן־צו מילדע, וווּנדערלעכע. דער ווינטער איז אַוועק. די נאָך־פורימדיקע בלאָטקעס האָבן צוגעטריקנט. אין די בלויע, לעבלעכע נעכט שווימען זיי אַרום ווי אין וואַכן חלום. ס׳גלוסט זיך גאָרנישט צו גיין שלאָפן.

ווער ס׳געדענקט אים נישט, דעם וווּנדערלעכן פרילינג, דעם פרישן, מילדן ווינט, אין שניי פון צעבלאָזענע פעכער־בלימלעך, וואָס איז געגאַנגען אויף אונדזער הימישער ערד. ביז שפּעט אין די זינגענדיקע, העלע נעכט איז מען אַרומגעשוווּמען, מיטן קאָפּ אין די הימלען. ס׳האָט געזונגען אין די הייסע געבלוטן. ס׳איז געווען אונד־זער נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע, אָן בלוט־פאַרגיסן, אָן „שטעלן צום ווענטל״, אָן — „דער, וואָס איז נישט מיט מיר, איז קעגן מיר״; כאָטש דער בירגער־קריג פון שיטות אויף דער „יידישער גאַס״ האָט געפלאַקערט. כאַפּסט זיך אויף באַגינען און אַ פאַסיקל פרילינג־זון ליגט אין אַ ווינקל סופיט. גייסט, און די פיס שוועבן. מ׳האָט איבערגע־לאָזן די שיינע, אוראַלטע געזאַנגען פון שיר השירים ביים טאַטנס אָרעמען פסחדיקן טיש, אין פריש־אויסגעקאַלכטן שטיבל; זיי זענען אָבער אומעטום נאָכגעגאַנגען, די אוראַלטע מעלאָדיעס, ווי אַן עטער אָנגעפילט די לופט. דער סקווער, די בולוואַרן זע־נען איינגעטונקט אין ווייסן צוויט, אין בלויילעכן בעז, אין בליִעכץ פון די אויפגע־שאָסענע קנאָספּן פון די קאַשטאַנען, ליפּעס, קליאָנען, טאָפּאָלן. ווייכע אַראָמאַטן זענען געשוווּמען, צוזאַמען מיט דער פאַרשאַרפטער בענקשאַפט.

... זאָג מיר, דו, וועמען מיין זעל האָט ליב,
ווו פיטערסטו, ווו מאַכסטו הויערן אין מיטן טאָג ?

... נישט קוקט מיך אָן, וואָס איך בין שוואַרצלעך,
וואָרום די זון האָט מיך אָפּגעברענט.

כאָטש מ׳האָט זיך אַלץ געקליבן די אַלע איינגעבאַקענע טראַדיציעס אָפּצוטרייס־לען פון זיך, אַוועקצוואַרפן זיי „אין שטויב פון דער געשיכטע״.

די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ, די לערערשאַפט, די אַרבעטער פון די פּראָפ. פאַראיינען, די שול־יוגנט, די סעמינאַריסטן, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אויף יום־טוב אַהיים, זענען אין אָוונט אַוועק אָנפילן דעם זאַל, צום רעפעראַט פון דיכטער משה קולבאַק. ער איז אַראָפּגעקומען אין יענעם זוניקן, ווינטלדיקן חול־המועד פּסח, צו רעדן פאַרן יונגן, פאַרליבטן, ענטוזיאַסטישן עולם וועגן „עקספּרעסיאָניזם און אימפּרעסיאָניזם" אין דער יידישער ליטעראַטור. זיינע אימפּעטיקע רייד האָבן אַ וואָרף געטון אַ סנאָפּ שאַרף ליכט אויף „נאָך אַלעמען" פון דוד בערגעל־סאָן. ס׳איז געווען עפּעס אַ נייע באַליכטונג פון קאַפּריזנעם, באַלעבאַטישן מיידל מירעלע, וואָס שטעקט כסדר אין פענצטער, שיקט אָפּ די תנאים דעם חתן אירן, גע־פינט זיך נישט קיין אָרט אין דער מרה־שחורהדיקער, ניכטערער וועלט פון נאָכן 5־טן יאָר, ערב אַלע שטורעמס; און אַלע האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז מירעלעס וועלט איז אפשר אויך זייער אייגענע וועלט. די שטורעמס זענען נאָך אַלץ נישט פאַרביי. עפּעס דאַרף ראַדיקאַל געענדערט ווערן אין זייער לעבן. און אָט ציט ער אַ שאַרפע ליניע ביזן ניכטערן פּעסימיזם ביי ה. ד. נאָמבערג, אין זיין „פליגלמאַן"; פאַרוואָרפן אַהינטער די שיינע שעוועליורע, האַמערט ער די פערזן וועגן זיינע זעכצן פעטערס, וואָס טרייבן פליטן אויפן ניעמען. ס׳איז געווען דער אָפּהילך פון אַ נייעם, אומברח־מנותדיקן רעאַליזם, וואָס גייט, וואָס קומט אָן.

שפּעטלעך האָט מען זיך אַרויסגעשאָטן אויפן אַרומגעבראָכענעם סקווער. איבערן קאָפּ איז געווען אַן אויסגעשטערנטער הימל; די פאַרפירערישע אויסדוכטעניש, אַז די וועלט אַרום איז טאַקע אַן אידילישע, אַ שיר השירימדיקע, אַז מיר גייען טאַקע אויף אייגענער ערד, אַז אַלץ איז שוין דאָרט, „אויף יענער זייט", געלייזט. גייסט און די פּיס שוועבן שיכורלעך, אין מויל — יידישע לידער, ביי דער זייט — פלאַטערנדיקע מייד־לעך. אויך אַהער, איז מען זיכער געווען, וועט אַ ליאַדע טאָג דורכברעכן זיך דער ווינט פון „אָקטאָבער". מ׳האָט זיך פאַרוויגט מיט שיינע אילוזיעס, אַז אַרום ליגט צעזייט אַ מדינה פון יידישע שטעט און שטעטלעך; מ׳האָט מער נישט געדענקט, אַז דורך אָט די מקומות האָבן זיבנט דורות דורכגעצויגן פרעמדע, ווילדע, רויבערישע חיילות, אַלץ צעטרעטן מיט די פּיס, אויסגעריסן יידישע ישובים מיטן וואָרצל; אַז דאָס פרידלעכע פאָלק קען אָפּגעווישט ווערן דורך אַ שטורעם־ווינט. ס׳האָט זיך נישט געוואָלט געדענקען פון וואָס, מ׳שטייגסגעזאָגט, די קליינע, אויסגעמאָרטע טאַטעס ציען די בידנע חיונה; אָרעמע באַלמעלאָכעס, פאַרפּאַטשקעטע, גראָשנדיקע קלייטלעך אויפן מאַרק, אַרבעטסלאָזע.

ס׳האָט זיי אַלעמען, מיט אַ גרויסער בענקשאַפט, געצויגן צו דער וויטלעכער צפון־שטאָט, קיין ווילנע. פון דאָרט איז געקומען דאָס וווּנדערלעך־שיינע יידישע וואָרט, וואָס קלינגט ווי מוזיק. איידער וואָס־ווען, לויפט אונטער דער האַרבסט, און דאָס יונגוואַרג קלייבט זיך ווידער, ווי די וואַנדער־פייגל, וואָס ציען אין די מרחקים, קיין ווילנע. געזונטע, פאַרברוינטע יונגעלייט, דאָס ווייסע קעלנערל צעשפּיליעט; די מיידלעך פאַרקלינגען אין דער האַרבסטיקער ליידיקייט מיט לידער. זיי רעצי־טירן די פּאָעמע פון איזי כאַריק וועגן דער לערערין, די קאָמסאָמאָלקע, פון אַ קליין שטעטל אין ווייסרוסלאַנד. אין אָוונט באַגלייט מען זיי צום וואָקזאַל. די באַן טוט אָו־מעטיק אַ פייף און טראָגט זיך אַוועק אין דער טיפער נאַכט אַריין. דאָרט, אין ווילנע, שטייט שוין די צפון־שטראַלונג הויך איבער דער שטאָט אַרום דער ווילִיע און אויף

די בערגלעך, באַדעקט מיט סאָסנע־וועלדער. אַ געדיכט יידיש פֿאָלק הויערט צווישן די מיטלאַלטערלעכע דורכפּאַר־טויערן, אין די קלויזן, אויף די מערק, אין די שמאָלע געסעלעך. דאָרט ווערט געצויגן דער ניגון פֿון אוראַלטער ביז היינטצייטיקער יידישקייט. מ׳לעבט אָרעמלעך, כמעט אויף ברויט מיט טיי, מען הונגערט אונטער, אָבער מיט וואָס פֿאַראַ הויכע אידעאַלן!

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

די אונטערערד

אין דער גאַנצער פֿאַרפּלאָנטערקייט, אין הייסן, פֿאַרדבקהטן געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן, סיי פֿון די חסידים־שטיבלעך, סיי פֿונעם יונגוואַרג, אין צוגעפּאַלענעם ראָזן שבת־צונאַכטס, האָט אָבער די קליינע רויטע מויד צאַליעס, דבורל, באַלד זייטיק דערכאַפּט, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק; איז זי קודם צו און גענומען אַראָפּרוימען פֿון טיש די פּאַפּירלעך, די רעזאָלוציעס, די טעזן, די פֿאַרשלאָגן; און קאַראָלן הייס אַ שושקע געטון אין אויער אַריין, ער זאָל זיך שוין זען אָפּצוטראָגן. קיינער האָט עס גאָרנישט באַמערקט, ווי איר ברייט מויל שמייכלט מיט די שיטערעציין, נאָר די קליינע, גרינע, ליכטיקע אויגן־פֿינטלען בלייבן קאַלט, אויפֿמערקזאַם צו די ווינטלדיקע פֿאַרהענגלעך אין די נידעריקע פֿענצטער, וואָס עמעצער האָט אויפֿגעשפּאַרט.

— זינגט! — האָט זי אַ רוף געטון צו אַלעמען — העכער זינגט!...

און ווי מען זינגט אַזוי, טוען זיך מיט אַ מאָל אַ שיט אַריין די צעיושעטע גראַנאַטאָווע פּאָליציאַנטן, די אָנגעצויגענע פּאַסקעס אונטער די געמבעס; רויטע צורות פֿון די שפּיצלעס מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן. אַלע איינגענג זענען איידער וואָס שוין פֿאַרשפּאַרט; און אַז מ׳כאַפּט אַ בליק, דערזעט מען ווי פֿינצטערע פּיסקלעך פֿון לופֿעס קוקן אַריין דורך די אויפֿגעריסענע פֿענצטער.

— נישט רירן זיך פֿון אָרט! — בילן זיי אַרויס.

אין שפּעטן שבתדיקן פֿאַרנאַכט האָבן זיי די גאַנצע פֿאַרזאַמלונג, די געהיימע ראַיאָן־קאָנפֿערענץ, אָפּגעפֿירט אין ווייסן מייערל, לעבן טייך. די גאַס האָט גע׳רעשט, איז שוואַרץ געווען, אַלע גאַניקעס באַלייגט. איין קאַראָלן האָט זיך אין דער סאַמע לעצטער רגע איינגעגעבן צו פֿאַרשטעקן אין טונקעלן קאָרידאָר, אַרויף מיט די טרעפּ, ביזן גאָרן־שטיבל ביי צאַליען; טאַקע אים, קאַראָלן, האָבן זיי געזוכט...

ס׳האָט אים אָבער סיי ווי נישט אויסגעמיטן. באַגינען זענען זיי אומגעריכט געקומען קלאַפּן אין דער טיר און מ׳האָט אים אַראָפּגענומען פֿון דער „יאַוועקע״. ערשט איצט האָט צאַליע זיך געכאַפּט, ווי די קליינע מויד זיינע, דבורל, האָט אַזוי פֿאַרזיכטיק, פֿאַרשטעלט, געערעדט צו די פֿרעמדע, וואָס האָבן פֿון צייט צו צייט זייטיק פֿאַרבלאָנדזשעט. זיי האָבן קאַראָלן אָנגעטון קייטעלעך אויף די הענט, אַוועקגעפֿירט אים פֿאַרטאָג דורך די ליידיקע גאַסן. ס׳איז געווען די זעלבע קליינע, שמוציקע טורמע פֿון

די צאַרישע צייטן. אין די נישעס האָבן געקאָפּטשעט נאַפט־לאָמפּן, ס׳איז געראָנען פון די ווענט. דאָ האָבן די שטאָטישע גנבים „אָפּגעקוועטשט" זייערע קורצע אורטיילן. זיי האָבן אָבער גלייך מביניש דערכאַפּט, אַז דער־אָ איז אַ „גוטער זיצער". זיי האָבן שטאַרק דרך ארץ געהאַט פאַר אַזאַ איינעם; ווייל קאַראַל האָט באַלד פּינקטלעך איינ־געאָרדנט זיין נאַרע, דאָס שטרוי־קישעלע, ווי נישט אויף איין טאָג, אָוועקגעלייגט זיך שלאָפן, ווי ביי זיך אין דער היים.

נאַכט נאָך נאַכט האָט מען די אַרעסטירטע געפירט צו דער אויספאָרשונג. מ׳האָט פון הינטער די פאַרהעמערטע טירן געהערט מוראדיקע געשרייען, מיידלשע קוויטשען, פאַרשטיקטע קרעכצן. ס׳קליינע מיידל צאַליעס האָט זיך גוט געהאַלטן. זי האָט גע־לייקנט שטיין־און־ביין, זי וויס פון גאָרנישט. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַ דאָרפיש בחורל, האָט זיי אַלעמען „פאַרשיט". דבורל האָט פאַרביסן די ציין אין די דינע ליפּן און געשוויגן.

לאַנג האָבן זיי אים דאָ סיי ווי נישט געהאַלטן, קאַראָלן, אין דער פּראָווינצער תפיסה. דער וואַרשעווער קרייז־געריכט האָט אים באַלד אַרויסגעפאָדערט, צוזושטעלן אים אַהין. ס׳האָט דאָרט געוואַרט אויף אים גאָר אַן אַנדער פּראָצעס, פאַר פריערדיקע חטאים. דער הויפּט־שפּיצעל אין וואַרשע, פאַגאַזשעלסקי, האָט זיך געריבן די הענט, אַריינצובאַקומען „אַזאַ העכט"! צוויי פאָליציאַנטן האָבן אים, געשמידט אין קייטעלעך, געפירט מיט דער באַן. ער האָט איינגעשלונגען די פרישע לופט, פאַרגעסן אַ ווײַלע, אַז ער האָט פון ביידע זייטן צוויי „מלאכים". זיי האָבן נישט אַראָפּגעלאָזן קיין אויג פון אים.

אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה האָט ער שוין אָנגעטראָפן אַ פרייליכן, היימישן עולם, טעקסטילאָוצעס, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, חברה פון דער דזשיקע גאַס. אין דער „דעפּע", אויף דאַנילאָוויטשאַווסקע, אין די פאַרשטויבטע צימערלעך, האָט אים פאַגאַזשעלסקי אַליין אויפגענומען ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. הויך, עלעגאַנט, ווי ער וואָלט אַראָפּ פון פאָדער־בלאַט פון אַ מאָדע־זשורנאַל; דאָס קנאָכיקע פּנים אויסגעגאָלט ביז בלוי. דער בלאָנדער קאָפּ פאַרפומירט, שאַרפע הויזן־קאַנטן. די גרויע אויגן זיינע גליטשן זיך איבערן „קליענט", אים דורכצודרינגען; פריינטלעך, עלאַסטיש, רוקט ער אונטער קאַראָלן אַ שטול, זאָגט אַפילו שמייכלענדיק, אַז ער איז באַקאַנט... אַז ער ווייסט אַלץ... ער פירט נאָר אויס זיינע פליכטן... ער רופט עס „אַרבעט", און גיט צו גוטמוטיק, אַז — פאַרקערט, ער שאַצט אָפּ; אַז ער ווייסט גאָרנישט, אַז מ׳האָט אין דער בריסקער „דעפּע" די אַרעסטירטע געגאָסן וואַסער אין די נאָכזלעכער, געשלאָגן זיי מיט גומענע פאַלקעס איבער די נאַקעטע פּיאַטעס. „אַזעלכע מעטאָדן"... — מאַכט ער.

נאָך דער ערשטער, זייער העפלעכער אויספאָרשונג, איז קאַראַל צוריקגעקומען אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה; ער איז אַריינגעפאַלן אין איין קאַמער מיט יוליאַן בראַנד. פון אים האָט ער זיך דערוווּסט וויכטיקע נייעס פון דער פּאַרטיי, פון „קאָמ־אינטערן". בראַנד, מיט זיינע דיקלעכע גלעזער, איז געווען מער ליטעראַט, ווי פּאָ־ליטיקער, געשריבן גלאַטיקע עסייען איבער קונסט, ליטעראַטור; און ס׳האָט זיך באַ־קומען, לויט זיינע רייד, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ אָרטאָדאָקסישער מאַרקסיסט; גיכער האָט ער זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון פראַנצויזישן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם. דע־ריבער האָט ער זיך אין מאָל געקענט אַרויסכאַפּן:

— דו ווייסט, די אָפּענע בריוו פון „קאָמאינטערן" צו די קאָמ.־פּאַרטייען, דער־מאָנען מיר עפּעס אין די בריוו פון הייליקן פּאַולוס צו די גלויביקע...

ער האָט, אַ ביסל צוריקגעהאַלטן, קריטיקירט די רעכטע פירער פון „קאָמאינ־טערן", איז גיכער געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון דער דייטשער לינקער אָפּאָ־זיציע פון רוט פישער. די בערלינער גרופּע האָט באַקעמפט די שפּיצן פון דער פּאַר־טיי. זיי האָבן דאָרט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אין דער תפיסה געהאַט גוט פּאַר־שטעקט געגנוג „ליטעראַטור"; און קאַראַל, אַזוי לאַנג אָפּגעריסן פון דער ק.פּ.פּ. אין קאָנגרעס־פּוילן, האָט דאָ ענדלעך געהאַט גענוג צייט זיך צו באַקענען מיט פּראַקציאָ־נעלן קאַמף אין „קאָמאינטערן" און אין דער פּוילישער פּאַרטיי. אויף די שפּאַצירן האָבן זיי לאַנג דיסקוטירט. ווי קריטיש מען זאָל זיך נישט האָבן באַצויגן צום פראַק־ציאָנעלן קאַמף, האָט אָבער דער פּאָליטישער און מאָראַלישער אויטאָריטעט פון מאָס־קווע נאָך אַלץ דאָמינירט.

דער „מאָפּר" האָט געגעבן צו וויסן פון דרויסן, אַז פאַר קאַראָלן איז באַשטימט אַ פּאַרטיידיקער צום פּראָצעס. ס'איז געווען דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט האָניגוויל; אַ לינקער סאָציאַליסט. דאָס אַרטיקל 102 — שפּיאָנאַזש — איז, אָן זאַכלעכע באַווייזן, לייכט אָפּגעוואָרפן געוואָרן. איז געבליבן דאָס אַרטיקל 129 — פאַר פירן אַגיטאַציע קעגן דער פּוילישער מלוכה. דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן 8 טעג. יעדן אין דער פרי האָט אים, קאַראָלן, אַ פּאָליציאַנט געפירט פון תפיסה, צוגעשמידט צו אים, צום גע־ריכט אויף פּלאַץ קראַשינסקי. אויפן וועג האָט דער פּאָליציאַנט זייער באַדויערט זיין ביטערן גורל:

— צו וואָס, זאָג מיר, טויג עס דיר? מילא, מען גייט זיצן פאַר גנבה, פאַר שווינדל, אָבער פאַר פּאָליטיק?...

דער נאַרישער פּאָליציאַנט האָט געהאַט צוטרוי, און זיי האָבן אַפילו איין מאָל דורכגעשניטן דעם קראַשינסקי־גאָרטן, פול באַזעצט מיט יידן אויף די בענק. יידן מיט בערד האָבן אויפגעהויבן דעם פאַרחושטן בליק פון איבער די צייטונגען, אַרונ־טערגענומען די ברילן, עפּעס געמורמלט צווישן זיך; און דאָ מען האָט מען קאַראָלן אַ שושקע געטון, אַ ווונק געגעבן, אַז מ'גרייט זיך אים אָפּצושלאָגן. עטלעכע פּלייצע־טרעגער, עטלעכע בעקערס זענען אומגעריכט אויסגעוואַקסן ביים קליינעם טירל צום אַרויסגאַנג אויף פּלאַץ קראַשינסקי; און ווען ער איז אָנגעקומען, באַגלייט פון פּאָ־ליציאַנט, האָבן זיי זיך אומישנע גענומען שטויסן, שטופּן, שרייען, אַריינגענומען זיי אַזוי אומגערן אין דער מיט, קאַראָל זאָל אים אויסרינען פון הינטער די הענט. ס'איז שוין אַפילו גרייט געווען פאַר אים אַ מלינה. די צייטונגען האָבן צומאָרגנס געמאַכט אַ גרויסע סענסאַציע פון זיין אָפּטראָגן זיך.

אין דער פאַרשטעקטער מלינה אויף סטאַווקע גאַס האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אַ שיינע פאַר וואָכן. ס'איז געווען אַ בלינד שטיבל, אַ פּאַציאַטקע, און ווען אויפן הויף איז אַריין עפּעס אַ פאַרדעכטיקער פאַרשוין, האָט ס'ציגיינערישע־שוואַרצע מיידל מיט דער גזשיווע, חברטע אַנדזשע, באַלד אַ הוסט געטון, ס'הייסט, ער זאָל זיך פאַרשטעקן הינטער דער שאַפע. מ'האָט נאָר געוואָרט, די באָרד זאָל אים אַ ביסל אונטערוואַקסן, און דעמאָלט האָט מען אים געברענגט צוטראָגן אַ פאַלשן פּאַס מיט דער פאָטאָגראַפיע פון זיין פאַרענדערט פּנים, אַז ער האָט זיך אַליין מער נישט דערקענט. דערוויל האָט ער זיך געוואָרפן מיט אימפּעט אויף די אַלע מאַטעריאַלן און רעזאָלוציעס, וואָס זענען

אָנגענומען געוואָרן אויפֿן 5־טן קאָנגרעס פֿון „קאָמאינטערן“. דער 5־טער קאָנגרעס האָט ליקווידירט דעם טראָצקיזם, ראַדיקאַל געענדערט די טאַקטיק פֿון אייניקייט־פֿראָנט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ס׳איז געווען אַ שריט פֿאָרויס צו באַהערשן די אויסלענדישע סעקציעס דורכן מאָסקווער פּאָליט.־ביוראָ. דער „קאָמאינטערן“ האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז מיר געפֿינען זיך אין אַ פּעריאָד צווישן צוויי רעוואָלוציעס. אין אָט דעם פּעריאָד דאַרף דער הויפּט־קאַמף געווענדעט ווערן קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי די דריטע פּאַרטיי פֿון דער בורזשואַזיע...

אַזוי פֿאַרכאַפּט און פֿאַרטון איז קאַראָל געווען אין די מאַטעריאַלן פֿון 5־טן קאָנגרעס; פֿאַרוואַקסן, מיט אָנגעשוואָלענע אויגן־שפּעלטלעך, פֿון ליגן וואָכן לאַנג באַגראָבן אָן אַ ביסל ליכט, האָט ער געשלונגען די אָנגעפּיקעוועטע שורהלעך פֿון די שלעכט־געדרוקטע בלעטלעך אויף דינעם פּליס־פּאַפּיר, ווען הינטערן שייבל האָט געזשומעט אַ מיט־זומערדיקע בלענדיקייט. ער האָט אַלץ נישט געקענט אַרויסקריכן. וואָס האָט זיך דאָרט באַקומען ? — האָט ער געוואָלט פֿאַרשטיין.

אויפֿן 5־טן קאָנגרעס איז די פֿאָרשטייערין פֿון דער פּוילישער דעלעגאַציע, מאַריאַ קאָסטשעוואַ, אָפֿן און שאַרף אַרויסגעטרעטן און געזאָגט, אַז די באַציאונג פֿון פּאָליט.־ביוראָ צום חבר טראָצקי איז נישט געווען קיין ריכטיקע. אויך וואַרסקי האָט געהאַט דעם מוט, אין דער אָנוועזנהייט פֿון סטאַלינען אַליין, צו דערקלערן, אַז ער שטעלט זיך נישט פֿאַר די העכסטע באָלשעוויסטישע אָנפֿירונג אָן טראָצקין.

— לעוו דאַווידאָוויטש — האָט חברטע קאָסטשעוואַ אים אונטערגעהאַלטן — איז אין רוסלאַנד דער איינציקער, וואָס וואָלט געקענט פֿאַרגעטערט ווערן פֿון די מאַסן... און ס׳קען אַנטשטיין אַזאַ באַדערפֿעניש...

אַלע האָבן זיי אָנגעקוקט מאָדנע פֿאַרחידושט און דערשראָקן; זיי האָבן נאָך, זעט אויס, נישט פֿאַרשטאַנען, נישט געכאַפּט זיך וואָס פֿאַראַ געפֿערלעכע רייד זיי וואַרפֿן און אַז זיי וועלן אין גיכן טייער באַצאָלן דערפֿאַר. מאַנואילסקי, דער פֿירער פֿון „קאָמאינטערן“, האָט נערוועז געביסן די לאַנגע פּייקע, נישט ענטפֿערנדיק דערויף קיין איין וואָרט. ער האָט דער עיקר אַטאַקירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע :

— אויב דער „קאָמאינטערן“ — האָט ער שאַרף געדרונגען — האָט זיי אָנשפּאַר אין דער סאָוויעטישער מלוכה, געפֿינט דער 2־טער אינטערנאַציאָנאַל זיין באַזע אין די בורזשואַזע מלוכות, ווו כלומרשטע אַרבעטער־פּאַרטייען זענען געקומען צו דער מאַכט אויף אַ פּאַרלאַמענטאַרישן אופֿן. מיר ווייסן ווי אַזוי די וואַלן זייערע ווערן צוגעשניטן... מיר באַגרענעצן זיך נישט מער בלויז מיט אידעאָלאָגישער קריטיק. מיר טרעטן אַריין אין אַ פֿאַרשאַרפֿטער פּאַזע, אַ מלחמה מיט געווער אין האַנט. דאָס באַווייזט די גרונטלאָזיקייט פֿון די קליינבירגערלעכע אוטאָפּיסטן, וואָס ווילן עס נישט דערזען...

אַזוי האָט ער עס דערנאָך פֿאָרמולירט אין טעאָרעטישן אָרגאַן „קאָמוניסטישעסקי אינטערנאַציאָנאַל“ : נישט אייניקייט־פֿראָנט מיט די שפּיצן פֿון דער ס. ד. נאָר מיט די מאַסן. ער האָט צום ערשטן מאָל באַשולדיקט די פּוילישע אָנפֿירונג, וואַרסקי און קאָסטשעוואַ, אַז זיי פֿירן אַ צוויי־פּנימדיקע, אומערלעכע פּאָליטיק בנוגע דעם „קאָמאינטערן“, אַז זיי שטיצן דעם טראָצקיזם. סטאַלין האָט באַלד דערנאָך אָפֿן באַשולדיקט די פּוילישע אָנפֿירונג, אַז זי איז געוואָרן דער צענטער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּאָזיציע אין „קאָמאינטערן“.

ווילדלעך, פּאַרוואַקסן, מיטן קורצן, רויטלעכן בערדל, האָט זיך קאַראָל שטיל־ערהייט ווידער געלאָזן איבער גרענעצן. ס׳האָט געהייסן — אַ פּאַרטייאישער אורלויב. אין קאַטאָוויץ, אויף אַ געהיימער קוואַרטיר, האָט ער איבערגעלאָזן די פּוילישע פּאַפּירן, באַקומען אַ גרענעץ־שיין. צום בעסטן איז געווען דורכצוקריגן זיך איבער דער גרענעץ מיטאָג־צייט, ווען ס׳איז אַ שטאַרקער פּאַרקער פוןביידע זייטן. אין „דאָקומענט״ האָט ער פיגורירט ווי אַ שלעזישער אַרבעטער, פון דייטשן טייל בויטן. אַ דייטשער חבר האָט נאָכגעטראָגן זיין וואַליזע. ביי דער קאָנטראָל האָט דער וואַכמייסטער אַ נעם געטון ס׳פּאַפּירל, אַ בליק געגעבן אויף אים און אים געהייסן צווואַרטן. ס׳איז אים נישט־גוט געוואָרן אויף דער נשמה. יענער האָט אים באַלד איבערגעגעבן אין די הענט פון צווייַ אַנדערע, צו זיי עפּעס אַ מורמל געטון. זיי האָבן אים אָפּגעפירט אויף נוי־שטראַסע, אין פּאָליציי־אַרעסט. מודה זיין, אַז ער איז אַ פּוילישער בירגער, האָט אויך נישט געטויגט, ווייל זיי קענען אים נאָך צושטעלן צוריק צו דער גרענעץ. ס׳איז געווען אין מיטן בלענדיקן זומער. ער האָט געטראָגן אַ לייכטן בלויען אַנצוג, סאַנדאַלן, אַ שטרויענעם הוט. אַזוי, אין דעם הילוך, האָט מען אים אַריינגעפּאַקט אין אַ שמוציקער צעלע, צוזאַמען מיט גרענעץ־שמוגלער. 8 טעג איז ער אָפּגעזעסן, דערנאָך האָט מען אים אַריינגערופן אין טורמע־קאַנצעלאַריע, מיטגעטיילט אַז ער ווערט באַשטראָפט מיט 3 וואָכן אַרעסט פאַר „אורקונדע־איבערשרייטונג״. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אורטייל האָט אויף אים דעם מינדסטן איינדרוק נישט געמאַכט. ס׳האָט אים נאָר פאַרדראָסן, וואָס ער מוז דאָ זיצן אין אַזעלכע שיינע זומער־טעג, אין דער צייט, ווען דאָרט, אין מאָסקווע, רוישט דער צוזאַמענפאָר. אויף דער פריי, האָט ער זיך מיטן ערשטן צוג געלאָזן קיין בערלין. פון „שלעזישן באַנהאָף״ ביז „אונטער דען לינדען״ האָט ער זיך געשלעפּט צופוס, אָן אַ פעניג אין קעשענע. אין דער רעדאַקציע פון דער „ראָטע פאַנע״, דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער דייטשער קאָמ.־פּאַרטיי, האָט ער געוווסט, אַרבעט וואַלעצקי. ווען ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, האָבן זיי אים דאָרט אַנגעקוקט מיט פאַרדאַכט, בפרט נאָך, אַז ער האָט זיי באַוויזן די באַפרייאונג־שיין פון דער טורמע. אין דער „ראָטע הילפע״, ווידער, האָבן זיי אויפגענומען נאָר רעקאָמענדירטע פון פוילישן דעלעגאַט ביים דייטשן „מאָפּר״. „גענאָסין״ האַנקע, אַ קליין יידיש מיידל פון וואַרשעווער „מורדזשיעל״, מיט אַ שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ, האָט זיך פאַרנומען מיט די פוילישע פּאָליט־עמיגראַנטן. זי האָט אַמטירט אין דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע. ער האָט דאָרט אויסגעשריבן אַ מעלד־צעטל, אונטערגעשריבן מיטן פּאַרטייפּסעוודאָנים, אַוועקגעזעצט זיך געדולדיק וואַרטן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט — רחבותדיקע זאַלן אין ווייסן מאַרמאָר, ריזיקע שפּיגלען, טעפּיכער; און אים האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אין קאָפּ: ווי קומט עס ? אַ סאָוויעטישער אַמט און אַזאַ לוקסוס ? ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַליין פאַרשעמט פאַר זיין הילוך. דער פּאַרטיער האָט אים באַלד דערנאָך אַרויפגעפירט אויף אַ העכערן שטאָק, ביזן קאַבינעט פון דער „גענאָסין״ האַנקע. אויפן טיש ביי איר איז שוין געלעגן זיין פאָטאָגראַפיע. זי האָט אים גאָרנישט איבערגעפרעגט, אַריינגעפירט אים אין באָד־צימער, געבערענגט וועש, אַן אַנצוג, אַפילו אַ קראַוואַט. האָט אים דערלאַנגט אַן „איינלאַדונג״ פון קאָנסולאַט, אין שייכות מיט דער „ביטע אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד״, אויסצומיידן איבעריקע קאָמפּליקאַציעס אויף די גאַסן, ביי די אָפּטע פּאָליציי־אָבלאַוועס. זי האָט אים אויך באַזאָרגט מיט אַ צימער אין בורזשואַזן קוואַרטאַל פון בערלין, אין שאַרלאָטענבורג.

אין רווישיקן אַרבעטער־קלוב, אויפֿן וועדינג, האָט ער שוין באַגעגנט טייל דע־לעגאַטן, צוריקגעקערט פֿון פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר אין מאָסקווע. דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך דאָרט פֿאַרענדיקט אין גרויס איילעניש; מ׳האָט געהאַלטן, אַז אַ ליאַדע טאָג קען אויסברעכן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד; אין לאַנד — אַן עקאָנאָמישער קריזיס, דע־מאָנסטראַציעס פֿון אַרבעטסלאָזע, רויבערייען פֿון שפּייז־קראָמען. אַלע זענען זיי געוועזן זיכער: ס׳איז אַ פֿראַגע פֿון וואָכן, טעג, און אין דייטשלאַנד וועט דער קאָמוניזם קומען צו דער מאַכט; און דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, נוגע אויך פּוילן. מ׳האָט שוין דאָרט אַפֿילו געמאַכט גאַנצע פּלענער, ווי אַזוי צו באַהערשן די וויכטיקסטע אָרטער־יעס אין וואַרשעווער מיטלשטאָט, דעם שטאָט־ראָט אויפֿן טעאַטער־פּלאַץ, דעם בעל־וועדער, די סיים־געביידע, די ווייסל־ברעגן.

אין דאַנציק איז געווען דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעכנישער צענטער, און פֿון דאָרט האָט קאַראָלן אַ לאַסט־שיף דערוויל אָוועקגעפֿירט ביז די ברעגעס פֿון לע־נינגראַד.

אין אַלטן מאָנאַסטיר פֿאַר פּריצישע טעכטער, לעבן סוכום, אין קאַווקאַז, האָט מען די אויסגעדינטע רעוואָלוציאָנערן, נאָך יאָרן תּפֿיסה, אַרויסגעשיקט אויף עטלעכע וואָכן אָפּרו. צווישן אַ וואַנט פֿון פּאַלמעס, אויפֿגעפּלאַמטע געאָרגינעס, רויזן, האָט גע־פֿירט אַ געפּלאַסטערטע סטעזשקע צום ווייסן, ליכטיקן הויז פֿון פּענסיאָנאַט. דאָ, ביי די טישלעך אין רחבותדיקן זאַל, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן די עטלעכע חברים פֿון פּוילן. דעם גאַנצן טאָג איז מען געקראָכן אין די בערג, צווישן שמאָלע וועגעלעך, איבער תּהומען. צווישן זיי איז אין יענעם אומפֿאַרגעסלעכן זומער אויך געווען מאַריאַ קאָסטשעווואַ. קאַראָל האָט זי צום ערשטן מאָל באַטראַכט אַזוי נאָענט; אַ שלאַנקע, אין מיטעלן איבערגאַנג־עלטער, אַן איידל, בלאַס געזיכט, קלוגע, יונגע אויגן, אַ בלאָנד־לעך־גרויער קאָפּ. מיט איר איידעלער געשטאַלט האָט זי אַזוי ווי ליכטיק געמאַכט אַרום זיך. ווי אַזוי — האָט קאַראָל זיך געחידושט — האָט זיך צונויפֿגעפּאָרט אַזוי פֿיל פֿרויען־צאַרטקייט און פּאָליטישע עקשנות ? אירע עקסטרעמע, דרייסטע אַרויס־טריטן האָבן זי נאָך מער באַליבט געמאַכט אין די פּאַרטיי־קרייזן. אַזאַ סובטעלקייט און אַזוי פֿיל רעוואָלוציאָנערע גבורה ! זי האָט ליב געהאַט די פּאַרטיי, איר געשיכ־טע, אירע גרויסע האָפֿענונגען. אָבער אַן אומבאַוווסטער טרויער, אין שווייגן, איז שוין, ווי אַ רעטוש, געלעגן אַרום איר שיין־פֿאַרשלאָסן מויל. זי האָט מיט עפּעס דערמאָנט די אַלטע רעוואָלוציאָנערקעס פֿון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, אָדער פֿון „1־טן פּראָלע־טאַריאַט״ אין פּוילן. זי האָט גוט געקענט די פּראָבלעמען פֿון פּוילישן דאָרף, פֿון אינ־דוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, די געדיכטע אַרבעטער־קוואַרטאַלן פֿון לאָדזש, פֿון דאָמ־בראָווע־זאַגלעמביע. געקומען איז זי פֿון די לינקע פּ.פּ.ס. מ׳האָט דערציילט וועגן איר, ווי אַ לעגענדע, אַז אין די צאַרישע צייטן, ווען זי פֿלעגט שיקן אַ חבר אויף אַ געפֿער־לעכער אומלעגאַלער אַרבעט, האָט זי אים געפֿלעגט צו געזעגענען מיט אַ קוש אין קאָפּ. אין פּילסודסקי־פּוילן האָט זי זיך מוטערלעך פֿאַראינטערעסירט מיט די חברים אין די תּפֿיסות, מיט זייערע פֿרויען און קינדער. אַציַנד איז זי שוין געווען ווי אין אַ זייט. זי האָט שאַרף פֿאַראורטיילט די נייע פּאַרטיי־טאַקטיק; ווייל מ׳האָט אַלץ מער איינגעזען, אַז נישט אין פּוילן ווערט, אייגנטלעך, באַשטימט די פּאָליטיק און טאַקטיק פֿון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי, נאָר אין די הינטערקוליסן פֿון „קאָמאינטערן״, אין מאָסקווע גופֿא.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

די קוזשניע פון קאַדרן

ערשט דאָ, אין מאָסקווע, האָש קאַראַל זיך אַרומגעזען, אַז מ׳דאַרף זיך פּשוט נע־מען און צוריק אַוועקזעצן אויף דער שול־באַנק: צו העלפן ברענגען די אַלוועלטלעכע סאָציאַלע רעוואָלוציע, איז נישט גענוג איבערצוחזרן פרעמדע פראַזן. מען מוז זיך אַליין אָנשעפּן מיט גרינטלעך, סיסטעמאַטיש וויסן: נישט ווי די אַלע כאַאָטישע קעפּ, די אויטאָדידאַקטן, וואָס האָבן, געוויינלעך, אַ לעק געטון פון דאָ, אַ שמעק געטון פון דאָרט, רעדן מער ווי זיי וויסן. ער האָט עס שאַרף דערפילט, קומענדיק צווישן אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקן מענטשן־געמיש.

דער „מערב־אוניווערזיטעט" אין מאָסקווע, אָדער די „מיירעווקע", אויפן נאָמען פון אַלטן פּוילישן אַרבעטער־טוער יוליאַן מאַרכלעווסקי, האָט געראַישט פון אַ גאַנץ באַזונדערן עולם סטודענטן. נייע פּנימער. נייע חברים, געקומענע אומלעגאַל, איבער געשוואַרצטע גרענעצן, פאַרפאָלגט פון דער פּאָליציי. חברטע טייבעטשקע איז נאָך דעמאָלט געווען אין צענטער פון אַלעם; אַן אידעלע געשטאַלט, אַ גרויער, ליכטיקער קאָפּ, קלוגע אויגן, אַ ביסל קורצזיכטיקע. „דאָס איז זי... — האָט קאַראַל זיך עפּעס דערמאָנט — וואָס ליפּע קאָמאַשנמאַכער"... ער האָט אַפילו חשק געהאַט צו דערציילן איר וועגן זיין אומגעריכטן טרעפן זיך מיט ליפּען, ערגעץ אין אַ שטאָט אין ווייסרוס־לאַנד; אָבער דאָ האָט מען באַדאַרפט זיין וואָס מער דיסקרעט, בפרט אין פּריוואַטע ענינים. מ׳האָט אויך פיל גערעדט אין די קרייזן, אַז די אידעאָלאָגישע רייסערייען האָבן אַפילו צעבראָכן משפּחות. טייבעטשקע איז דאָ געווען דאָס האַרץ און די נשמה פון דער „מיירעווקע", די קוזשניע פון פּאַרטיי־קאַדרן. זי איז געווען רעקטאָר פון אוני־ווערזיטעט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, דעלעגאַט, מיט באַראַטונג־רעכט, צום קאָנ־גרעס פון „קאָמאינטערן", אין קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקס־בילדונג, אין דער יידישער סעקציע פון פּאָליטישער אויפקלערונג, מיט־רעדאַקטאָר פון פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „אויף די וועגן פון דער נייער יידישער שול", צוזאַמען מיט ליטוואַקאָוון האָט זי רע־דאַגירט די ערשטע 8־בענדיקע אויסגאַבע פון לענינס ווערק אויף יידיש. זי האָט גע־רופן אין „עמעס" איבערצודערציען דעם יידישן אַרבעטער, „וואָס זיין פאַרגאַנגענ־הייט האָט זיך אָפּגעזעצט אין זיין נשמה, אונטערן צייכן פון מענשעוויזם און בונדישן נאַציאָנאַליזם"... האָט ביי יעדער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן לענינס קאַמף קעגן בונד, האָט באַוויזן די באַדינגונגען ביים אַנטשטיין פון בונד, די מאָטיוון פון זיין סע־פּאַראַטיזם...

די „מיירעווקע" איז געווען זייער אַ דעליקאַטע, זייער אַ קאָמפּליצירטע אינסטי־טוציע, פון אַ נייעם מין. דאָ האָט מען געגרייט פּאַרטיי־קאַדרן — יידן, ווייסרוסן, אוקראַינער, פּאָליאַקן, ליטווינער, לעטן. די לימודים זענען געווען צעטיילט אין נאַ־

ציאָנאַלע סעקטאָרן, אויף דער מוטער־שפּראַך פון יעדן. די געהיים־אָנגעפּאָרענע האָבן אָבער געוווינט און געגעסן צוזאַמען; מ'האָט באַדאַרפט פאַרברידערן מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער קעגנזייטיק זיך פיינט געהאַט, כדי צו פירן דעם געמיינזאַמען קאַמף. אָט דעם קליינעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָט חברטע טייבעטשקע אָנגעפירט מיט וויסן, פאַרשטענדעניש, מיט גרויס טאַקט. אַן אַלטע, אויסגעפּרוווטע פאַרטיי־טוערין, האָט זי זיי געלערנט:

— די קאַדרן וועט אויסקומען צו אַרבעטן אין זייער שווערע באַדינגונגען, נאָכן קורס „אַריבערגעוואָרפן" צו ווערן אין זייערע היים־לענדער. דאַרפן עס דעריבער זיין אידייאיש־פעסטע, איבערצייגטע אינטערנאַציאָנאַליסטן. מען דאַרף זיך נישט נאָר באַוואָפענען מיט וויסן, נאָר אויך לערנען ריכטיק, מאַרקסיסטיש דענקען, ס'הייסט אויפדעקן די סיבות פון פאַקטן, געזעצן — פון דערשיינונגען.

זי האָט גיך, ווי אַ געניטער פּעדאַגאָג, דערקענט יעדן איינעם פון די שילער, געוווּסט וואָס פאַראַ פאַרטיי־שליחות אַזאַ איינעם קען אָנפאַרטרויט ווערן. צווישן די אַלע איז איר אויג געפאַלן אויף קאַראָלן. זי האָט זיך, ביי אַ געלעגנהייט, וועגן אים אויסגעדריקט, אַז ער פאַרמאָגט „שעפערישן פערמענט", ווען ער האָט, ווי זיין שטייגער איז, מיט פלאַם דיסקוטירט די פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום „קליינבירגערטום, דאָס צינגל אויף דער וואָגשאָל". געלערנט האָט ער אויף אַספּיראַנטור, אויפן היסטאָרישן פאַקולטעט. די קאַדרן פון זיין קרייז אין דער „מיירעווקע" זענען טאַקע אין משך פון דעם יאָר ביסלעכווייז צוריק „אַריבערגעוואָרפן" געוואָרן, אויף פרעמדע נעמען, מיט פאַלשע פּאַפּירלעך, קיין פּוילן.

פאַר די סטודענטן איז טייבעטשקע געווען — די „מאַמע". טעגלעך האָט זי באַהאַנדלט מיט זיי וואָס עס קומט אַלץ פאָר אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין די קאָמ.־פּאַרטייען, די אידעאָלאָגישע, פּאָליטישע שטרייטן. זי האָט דערצויגן איבערגעגעבענע פאַרטיי־טוער, וואָס האָבן זיך נאָכדעם אַריינגעוואָרפן מיט לייב־און־לעבן, מיט יוגנט־ברען, אין די קאָלווירטן, אין די רעדאַקציעס, אין לערן־אַנשטאַלטן, אין דער אַרמיי, אין די פּראָפ.־פאַראיינען; אָבער דער עיקר — אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו זיי האָבן אויסגעפירט שליחותן פון „קאָמאינטערן", אָפט מאָל זייער דעליקאַטע שליחותן. די וועגן פון אָט די חברים האָבן זיך נישט איין מאָל צופעליק געקרייצט אין די רוישיקע, מערב־אייראָפּעאישע שטעט; און כאָטש זיי האָבן זיך דערקענט, טרעפנדיק זיך צופעליק אויף אַ גאַס, זענען זיי זיך פאַרביי, ווי פרעמדע. אַזוי האָט מען געדאַרפט. איין קאַטעגאָריע האָט דורכגעמאַכט אַ קורס פון 8 חדשים, פון אַ פאַרטיי־אַקטיוויסט, צוריקצוקערן זיך באַלד אַרבעטן אויף דער באַזע; די צווייטע קאַטעגאָריע — אַ העכערן קורס פון 3 יאָר, באַשטימט פאַר פונקציאָנאַרן פון „קאָמאינטערן".

געגעסן אין דער „סטאָלאָווקע" האָט מען אין יענעם יאָר דווקא נישט שלעכט; געוווינט צו צוויי אין אַ צימער. די הויפּט־קעגנשטאַנדן: פּאָליטישע עקאָנאָמיע, היסטאָרישער און פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם, די געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, די געשיכטע פון דער א.ל.ק.פּ. (ב.).

אָבער נאָכן 5־טן קאָנגרעס פון „קאָמאינטערן" האָט זיך דאָרט, ווי איבער נאַכט, פּלוצעם אַלץ געענדערט. מ'האָט זיך געהיטן אַן איבעריק וואָרט אַרויסצורעדן, אַפילו מורא געהאַט צו גריסן זיך אויף דער גאַס. אין צימער פון דער „צוזאַמענוווינונג" האָט

מען אויפגעהאָנגען אַ האַנטוך אויפן שליסל־לאָך, שטיל געשעפּטשעט צווישן זיך אויפן אויער. ס'איז געוואָרן נאָך פאַרפּרעסטער די לופט; מ'האָט אָנגעהויבן אַרעסטירן. אײ־בער נאַכט זענען חברים פאַרשוואונדן. איינער, אַן אַרמענישער חבר, האָט זיך דאָרט געוואָרפן אין צאָרן:

— די אויפגאַבע פון אַ קאָמוניסט — האָט ער געגראָזשעט מיט אַ פינגער — דאַרף זיין צו העלפן די ג.פ.או.

— די אויפגאַבע פון אַ קאָמוניסט — האָט קאַראַל נישט באַלד פאַרשטאַנען — דאַרף, לויט דיר, הייסט עס, זיין, צו ווערן אַ מסור ?...

און ס'האָט אים באַלד אויפן אָרט באַנג געטון, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט. מ'האָט אים צוגעטיילט טעזן צו רעפעראַטן וועגן 5־יאָר־פּלאַן. ער האָט באַדאַרפט אויפווייזן, אַז נאָכן פאַרענדיקן דעם 1־טן 5־יאָר־פּלאַן וועט דער רוסישער אַרבעטער לעבן פיל בעסער ווי דער ענגלישער. דאָס האָט ער נאָך געטון מיט אַ ריין געוויסן. ער האָט געגלויבט דעריין. אָבער מיט די טעזן צום צווייטן רעפעראַט האָט ער זיך שטאַרק געקווענקלט. ער האָט באַדאַרפט באַווייזן, אַז דער רוסישער אַרבעטער עסט דריי מאָל אַזוי פיל פלייש, ווי דער פראַנצויזישער אַרבעטער. ער האָט אָבער גוט גע־ווּסט, אַז דער רוסישער אַרבעטער עסט נישט מער ווי איין מאָל אין וואָך — פערד־פלייש. באַוווסטזיניק ליגן זאָגן דעם רוסישן אַרבעטס־מענטש, דאָס האָט אים ס'גע־וויסן נישט געלאָזן.

דאָס איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען ס'איז פאָרמולירט געוואָרן די טעזע וועגן „סאָציאַל־פאַשיזם". די דיסקוסיעס, שווערע, פאַרפּלאָנטערטע, סכאָלאַסטישע; מ'האָט דעם קעגנער באַמיט זיך צו כאַפּן ביי אַ ליאַדע וואָרט, אַריינגעלייגט אין זיין פאָרמולירונג גאָר אַן אַנדערן מיין און באַדייט. דער שטאַרקערער צד איז, געוויינלעך, געווען דער, וואָס האָט געקענט ברענגען וואָס מער ראיות, ציטאַטן פון לענין, דער עיקר פון סטאַלין. אַלע פראַקציעס האָבן זיך געגרייט צו דער ענדגילטיקער שלאַכט. אַלע האָבן מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויפן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט געדאַרפט קאָנסאָלידירן די פאַרשיידענע שיטות אין דער באַוועגונג.

ס'איז אַזוי פּאַוואָליע געהאַט איבערגעלאָפן דער ווינטער. דעם 1־טן מאַי איז קאַראַל, צוזאַמען מיט די מיטווינער פון דער „מיירעווקע", אַוועק אין דער דעפּי־לאַדע צום רויטן פּלאַץ. די אויסלענדישע חברים האָבן באַקומען צוגעטיילט פּלעצער, נאָענט צו דער טריבונע, נישט ווייט פון פּרעזידיום פון „קאָמאינטערן", אויף דער הייך פון לענין־מאַוזאָליי. צוערשט איז אַריינגעריטן, ממש אַריינגעפלויגן אויפן רויטן פּלאַץ מאַרשאַל וואָראָשילאָוו, אויף אַ ווייס, היציק פערד, אין ווייסע הענטשקעס. ער האָט דאָס פערדל קוים איינגעצוימט. אַלץ האָט אויף אים געגלאַנצט. אַ מעכטיקער הורא האָט אים אויפגענומען. ס'האָבן פאַרביידעפילירט די טריבונע מיליטערישע אָפּטיילונגען, נאָך זיי — אַרבעטער, לויט די פאַבריקן, קוואַרטאַלן, מיט אויפשריפטן און לאָזונגען. ס'האָבן געהילכט דורך די הויך־שפּרעכער רוסישע פאָלקס־לידער, רעוואָלוציאָנערע לידער, מאַרש־מוזיק פון בלאָז־אָרקעסטערס. איבערן קאָפּ האָבן אַעראָפּלאַן־עסקאַדריליעס ביי געפינקלט אין דער זון. מ'האָט, אין דער אַלגעמיינער עקזאַלטאַציע, געהאַט דעם איינדרוק — ס'איז דערווייל שלעכט, אָבער ס'וועט ווערן בעסער.

אָבער די גערייצטקייט האָט זיך פאַרט נישט אָפּגעטון. מ׳האָט באַדאַרפט פאַר־מאָגן אַ סך אינערלעכן גלייכגעוויכט, אָפּוואַרפן ספקות, שטאַרק־זיין, תמיד פאַרפאָלגט, ווי אַ חיה, פון דער פּאָליציי, תמיד אין לויער. טאָקע, ווען נישט די אינערלעכע גבו־רה, ווי וואָלט מען עס געקענט אַריבערטראָגן ? אַן אומלעגאַלער קאָמוניסט אין פּוילן האָט געמוזט שפּרודלען מיט ענערגיע, געוואַגטקייט, זיכערקייט, עקשנות. אויסמעקן דאָס פּריוואַטע לעבן; די פּאַרטיי — איז אַלץ; איזאָלירט פון דער דרויסנדיקער וועלט, אַפילו פון משפּחה. ס׳איז קיין צייט נישט געווען צו פאַרטיפן זיך איבער די פּראָבלע־מען פון קעגנערישע שיטות. וויפל מאָל האָט זיך קאַראָל באַקלאָגט, אַז ער האָט נישט קיין צייט צו לייענען אַ בוך; מ׳ווערט גייסטיק אויסגעהוילט.

אָבער אין תפיסה, אָדער אויף עמיגראַציע, האָט ער געהאַט אַ סך צייט זיך צו פאַרטראַכטן איבער די גרונט־פּראָבלעמען און דערטראַכטן זיך צו גאָר ווייטע, אַפילו אַפּיקורסישע אויספירן. צווישן די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן זענען אָבער זעלטן געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זעלבשטענדיק געטראַכט; זיי זענען געהאַרכזאַם, בלינד נאָכגעגאַנ־גען די באַשלוסן און באַפעלן. דאָ, אין מאָסקווע, האָט זיך קאַראָל דאָס מאָל אָנגעזאָפּט מיט אַזוי פיל איינדרוקן, אַז ס׳וואָלט צייט געווען אָפּצוקצווצן זיך, אַלץ גענוי איבער־אַנאַליזירן, אויסאַרבעטן זיך אַן אייגענע קריטישע מיינונג וועגן דער נייער ווירקלעכ־קייט, וואָס ער זעט דאָ.

די פירער פון דער מערהייט־פראַקציע — וואַרסקי, קאָסטשעווואַ, וואַלעצקי — זענען געווען נאָענטער צו דער בוכאַרין־גרופּע. זיי זענען באַטראַכט געוואָרן ווי די רעכטע פראַקציע. די פירער פון דער מינדערהייט זענען געווען: פידלער, לענסקי, אַמסטערדאַם, טאָמאַראָוויטש. שוין אין 1928 האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרשאַרפטער קאַמף קעגן דער רעכטער פראַקציע. סטאַלין האָט אַוודאַי איינגעפונען, אַז ס׳איז שוין צייט צו ליקווידירן זיי. פאַרשרייען איז לייכט; ס׳האָט געהייסן, אַז בוכאַרין און זיין גרופּע זענען קעגן שנעלן טעמפּ פון אינדוסטריאַליזאַציע, ווייל ס׳גייט אויפן חשבון פון די עלעמענטאַרסטע באַדערפענישן. ס׳פאָדערט זיך אַן אינטענסיווער פונאַנדערבוי פון דער שווער־אינדוסטריע, פון דער קריגס־אינדוסטריע. קאַראָלס סימפּאַטיע האָט איבערגעוויגן דווקא צו דער בוכאַרין־גרופּע. אין זעלבן יאָר איז פּלוצעם באַקאַנט געוואָרן, אַז מאַריאַ קאָסטשעוואַ איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאָליט.־ביוראָ.

איין זאַך איז אים דאָ באַלד קלאָר געוואָרן, קאַראָלן, אַז ער וועט זיך אומקערן קיין פּוילן ווי אַ קעגנער פון ראַפינירטן סטאַלין־טעראָר, פון די אַנטי־סאָציאַליסטישע פּאָליציי־מעטאָדן; און נאָך האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט : גאָרנישט באַהאַלטן, זאָגן זיי דאָרט דעם גאַנצן אמת. ווייל ער האָט עס בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין — ווי קומט עס, וואָס אַלע ווייסן, אַז סטאַלין זאָגט ליגן, פעלשט לענינען, און דאָך איז מען מיט אים מסכים ! הייסט עס, אַז טעראָר, דער רעוואָלווער ביי די שלייפן, צווינגט מענטשן צו שווייגן. דאָס איז אָבער פּאָליטישע, מאָראַלישע דעגענעראַציע, פּחדנות. מיר, אין פּוילן, שרעקן זיך נישט אָפּ פאַרן ווייסן טעראָר, און זיי דאָ... ווי אַזוי באַ־נעמען עס ?

צוריק אַריבערכאַפּן זיך קיין פּוילן, האָט ער באַשטימט, אָבער זייער פאָרזיכ־טיק, נישט אַרויסצורופן דאָ צו זיך קיין שום חשד; נישט איבעררייסן מיט דער פּאַרטיי, נאָר פּטור ווערן פון סטאַלין־טעראָר. ער האָט זיך אַנדערש נישט פאָרגע־שטעלט, אַז אין פּוילן, ווו די פּאַרטיי איז אומלעגאַל, ווו מען ברענגט אַזעלכע גרויסע

קרבנות, האָט די באַוועגונג איר ריינעם, הויכן אידעאַליזם נישט פאַרלוירן. וואָס האָט ער דאָ געזען אַרום זיך? חניפה, מסירה האָבן אונטערגעגראָבן דעם יסוד פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל. דער סעקרעטאַר פון קעמערל אין דער שול האָט יעדע וואָך געמוזט שטילערהייט, הינטערן רוקן פון חברטע טייבעטשקע, אינפאָרמירן דער דירעקטאָרין, די קירסאַנאָווא, וועגן דער „שטימונג" אין שול. פיל חברים זענען טאַקע באַלד דערנאָך „פאַרשוווּנדן". קיינער האָט נישט געוווּסט וווהין. מ'האָט גאָר מורא געהאַט צו רעדן דערפון אָפן.

ס'איז שוין געווען שפּעטער דעצעמבער, ווען קאַראַל האָט זיך, איבער דאַנציק, צוריק דורכגעגליטשט קיין וואַרשע. ער האָט זיך אומגעקערט מיט געמישטע געפילן. ס'האָט אים שוין מער גאָרנישט געאַרט. אויב מען וועט אים אונטערכאַפּן, האָט ער געוווּסט, וועט עס דאָס מאָל אויסמאַכן אַזאַ טערמין, אַז ער מעג זיך שוין געזעגענען מיט דער פריי אויף שיינע יאָרן. און אפשר האָבן זיי שוין אין אים פאַרגעסן, נאָך דעם פלאָנטער פון די פאַלשע פאַפּירלעך און פסעוודאָנימען? ער איז דאָס מאָל צופרידן געווען צו לאָזן הינטער זיך מאָסקווע. די לופט האָט דאָרט געשטיקט, ערב נייע שטורעמס, וואָס זענען געהאָנגען אין דער לופט; און ער האָט אַלץ געלעבט מיט אילוזיעס, אַז אין וואַרשע, אין דער היימישער אומלעגאַליטעט פון „מורדזשיעל", וועט פון דעסטוועגן זיין אַ ביסל אַנדערש. ס'איז געווען אין ערב ניי־יאָר, ווען ר'האָט דערפילט די היימישע ערד אונטער די פיס. פון „פּאָדפּונקט" האָט אים אַ חבר אַוועקגעפירט אין אַ שטיל הויז. ער איז צוגעטיילט געוואָרן צום צענטראַלן יידישן ביוראָ, געזעסן דאָרט צוזאַמען מיטן טויבן משה, מיט הערשל מעטאַלאָוויטש, מיט משה בטלן. ער האָט זיך אָבער באַלד אַרומגעזען אַז די פּאַרטיי וויל דאָ אויך אַלץ דורכפירן מיטן קאַלטן מעסער. ביי די וואַלן צום ליטעראַטן־פאַראיין, למשל, האָט די פּאַרטיי גערופן צו באָיקאָט, ווייל ס'איז אַ פאַשיסטישער פאַראיין... מ'האָט באָיקאָטירט דעם צוזאַמענפאָר פון די יידישע שולן, ווייל די יידישע שולן זענען... פאַשיסטישע. קאַראַל האָט דאָס מאָל געשוויגן מיט אַן אָנגעלאָדן שווייגן. ער האָט שוין די מעטאָדן געקענט; און דאָס איז געווען אויך אַ סימן, אַז מ'זאָל נעמען קוקן אויף אים פון דער זייט, קרום, ווי אויף אַן אָפּ־בויגלער. עפּעס האָבן זיי באַלד דערשמעקט, אַז ס'איז נישט גלאַטיק מיט אים, ווען ער האָט זיי געפּרוּווט אויפווייזן, אַז ס'איז אַ חרפה צו שטעמפּלען די גאַנצע יידישע קולטור־באַוועגונג ווי אַ פאַשיסטישע.

נאָך ערגער איז געווען די לאַגע אין די פּראָפ.־פאַראיינען. כמעט אַלע פאַראיינען זענען געווען געשפּאָלטן. מ'האָט זיך נישט צוזאַמענגערעדט אפילו אין די הייסע טעג פון געמיינזאַמע שטרייקן. די בונדישע פאַראיינען זענען דערקלערט געוואָרן „סאָציאַל־פאַשיסטישע", מ'האָט מיט זיי נישט אונטערגעהאַנדלט, נאָר אַליין, אויף אייגענער האַנט, באַשטימט די שטרייקן, געפּרוּווט גיין איבער די קעפּ פון די פירער; און צו די אַרבעטער איז מען געקומען מיטן רעוואָלווער אין האַנט, זיי זאָלן מיט־שטרייקן. אָט איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט אין בעקער־פאַראיין. אין מיטן העלן טאָג האָט אַ בעקער, לוקסנבורג, געשאָסן אַ בונדישן בעקער־אַרבעטער. ס'האָט געהאַלטן ביי אַ בלוט־באָד.

אין די מאַסן־אַקציעס, אין די דעמאָנסטראַציעס אויף דער דזשיקע גאַס, אויף דער לעשנע האָבן, געוויינלעך, אָנטיילגענומען עטלעכע הונדערט יונגטלעכע, אָבער אויף אַ זיצונג פון דער צענטראַל־ביוראָ האָט דער פאָרשטייער פון צ.ק. געפּאָדערט

מ׳זאָל אָנגעבן אין די באַריכטן די ציפערן פון 20 ביז 30 טויזנט. אויף וויניקער ווי 10 טויזנט איז ער קיין מאָל נישט איינגעגאַנגען. דערביי האָט געדאַרפט אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די דעמאָנסטראַציע האָט געטראָגן „אַ ריין־פּוילישן״ כאַראַקטער. אָבער ווען ס׳זענען אויסגעבראָכן כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישע איבערפאַלן, און מ׳האָט פאַרלאַנגט, אַז כאָטש צען פּוילישע אַרבעטער זאָלן, אין נאָמען פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, קומען העלפן אָפּצושלאָגן די כוליגאַנעס, האָט מען עס אָפּגעוואָרפן מיט אַלערליי פוילע תירוצים.

דערפאַר האָט די „באָיוווקע״ געאַרבעט מעשים; שמחה מאַטש, ס׳דאַרע, בלאָנדע בחורל מיט די העלע, כמעט ווייסע ברעמען, כלומרשט אַ קוילן־טרעגער, איז אַרומגעשוואומען צוזאַמען מיטן אַנדערן, מיט ברוך צאַבאַן — הויך, דיק, מיט פאַרגאָסענע אויגן, אויך כלומרשט אַ קוילן־טרעגער. דער דריטער צו זיי איז געווען לייבוניו, אַ געלאַסענער, מיט ביסטרע אייגעלעך, ווי ביי אַ מייזל, זייער פלינק ביים באַגיין זיך מיט אַ מעסער. געלעבט האָבן זיי אין דער אמתן פון קאָרטן־הייזלעך, פון „פּרעטענזיע״־געלט. מ׳האָט זיי געקענט באַגעגענען שפּאַצירן מיט „פּראָגרעסיווע״ סטודענטקעס, רייכע יידישע טעכטערלעך, אָנגעטון אין „פּראָלעטאַרישע״ קורצע לעדערנע רעקלעך. ס׳זענען אָבער אויך געווען צווישן זיי אַרבעטער; זיי זענען געשטאַנען, געהיט ביים פאַרוואַרפן די רויטע פענדלעך אויף די טראַמוויי־דראָטן, אויף דער דזשיקע, אויפן מוראַנאָוו, ביי „מאַסוווקעס״.

ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ חברה קוילן־טרעגער, נישט אָנגעשלאָסענע אין אַלגעמיינעם טראַנספּאָרט־פאַראיין, אויף נאַלעווקי 17. זיי האָבן מיט כוח אַוועקגעשטויסן די אָרדנער ביי דער טיר, געוואָלט אַריינרייסן זיך אין זאַל. ס׳האָט זיך באַלד געמאַכט אַ שיסעריי. אַ קויל האָט געטראָפן דעם פאָרזיצער, שאַיע־יודלען. מ׳האָט אין איילעניש אויפן אָרט צעריסן אַ העמד, אים באַנדאַזשירט. דאָס פּרעזידיום פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד האָט אָפּגעהאַלטן אַ דרינגענדיקע באַראַטונג און געקומען צום אויספיר, אַז אויב מען וועט נישט באַלד רעאַגירן, איז מען פאַרלוירן. חבר אַביש מיט זיין חברה געזונטע יינגלעך, איז אַוועק צו די טרעגער־סטאַציעס, אַראָפּגענומען עטלעכע מענטשן. דער כבוד פון פאַך איז געשטאַנען אין קאָן. צוזאַמען מיט זיי איז אַביש אַוועק אויף די די סטאַציעס און די נעכטיקע שטערערס גוט מקיים פסק געווען.

פון דאָרט האָבן זיי געמאַכט אַ ריקצוג, ווי פון אַ שלאַכט, אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט אין לאָקאַל; אין דער פרי זענען זיי אַוועק צו דער סטאַציע פון די קוילן־טרעגער, איינגעטיילט אין עטלעכע גרופּעס. דריי טעג האָבן געדויערט די געשלעגן. ווען שאַיע־יודל איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט ער געוואָלט נקמה נעמען אין שמחה מאַטש מיט זיין באַנדע. אָבער מ׳האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט פאַרשטשעמעט די ציין און — געפאָלגט.

— ביי אונדז — האָט חבר אַביש איינגעטענהט מיט אים — דאַרף נישט דעצידירן דאָס רויע געזעץ פון נקמה, נאָר אַ העכערע געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין.

ס׳איז געווען אַן אָנזאָג פון אַ נייעם, פאַרשאַרפטן קורס. מ׳האָט געוווסט פון וואַנען ס׳קומט. אויפן קאָנגרעס פון „קאָמאינטערן״ זענען אָנגענומען געוואָרן שאַרפע באַשלוסן קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין די פּראָפ.־פאַראיינען. די סאָציאַליסטן זענען באַצייכנט געוואָרן, ווי „דער שונא נומער 1״; מ׳דאַרף זיי באַקעמפן, פאַרניכטן מיט אַלע מיטלען. אויף קאַרמעליצקע, סמאָטשע, פאַוויע, גענשע, אין די פאַראיינען,

אויף די בערזעס, אומעטום — שפּאַלטונג, אַוואַנטורעס אויף די פאַרזאַמלונגען, אָבפאַלן אויף די טוער פון פאַראיין.

אין אָט די טעג פון ברודער־קאַמפן האָט זיך קאַראָל, ווי א גרויער פאַרבייגייער, דעם דאַשיק איבער די אויגן, פאַרבייגעשאַרט די דזשיקע גאַס און זיך אומגעריכט אָנבאַגעגנט פּנים אל פּנים מיטן שוואַרצן אַביש. קאַראָל האָט זיך פאַרהאַלטן אַ רגע, געוואָלט, זעט אויס, אַ רעד טון מיט אים, און באַלד מיט איילִיקע טריט אַוועק מיט אַ שווער־געזונקענעם קאָפּ צו דר׳ערד, נישט אומקוקנדיק זיך מער. אַביש האָט אים געוואָלט נאָכלויפן, אָבער ער איז שוין געווען פאַרשווונדן אין געדיכטן מענטשן־געדראַנג, וואָס איז אָן אויפהער געפלאָסן אויף דער דזשיקע גאַס.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אין דער אַלטער פרייסישער תּפיסה

און ער האָט טאַקע געלעבט מיט אילוזיעס, קאַראָל, אַז די „דעפּע" האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אין אים, נאָכן פאַרשווינדן פון האָריזאָנט, נאָכן פאַרהאַלטן זיך אין מאָסקווע אַ יאָר־אָנדערטהאַלבן אין דער „מיירעווקע". אָבער דאָס מאָל זענען אַלע זייַנע פּסעוודאָנימען און פאַלשע פּאַפּירלעך אים אַנטקעגנגעקומען; זיי האָבן אים אומגעריכט אונטערגעכאַפּט, די כיטרע שפּיצלעס. אַרייַנצופאַלן אין תּפיסה איז צו ערשט ביי אים געווען ווי אַ דערלייזונג. ס׳איז סיי ווי געווען צו פילן, אַז מען דערנענטערט זיך צו אַ נייער קאַטאַסטראָפע.

33 זענען זיי געזעסן אויף דער באַשולדיקונג־באַנק, אָנגעקלאָגט לויט די פּאַראַגראַפן 51, 100, 202. אין געריכט האָט מען זיי געפירט אין שוואַרצע פאַרמאַכטע קאַרעטקעס, געדיכט אַרומגעשטעלט מיט רייטער־פּאָליציי. לענגאויס די גאַסן האָבן אָפּגעריסענע גרופּעס דעמאָנסטראַנטן געשריגן : „נידער מיט די פאַשיסטישע מערדער ! נידער מיטן ווייסן טעראָר !". אויף דער באַשולדיקונג־באַנק : חברטע „העלע", קאַראָל, זאַכאַריאַש, ווערע כאָראָנזש, מאַלינאָווסקי, גאָלדשטיין, ליובאַ קאָוועַנסקאַ, חנה ראָזען. פון די וויכטיקסטע „קעפּ". דער געריכט־זאַל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעוואָלוציאָנערע טריבונע. ס׳איז אויסגעשריגן געוואָרן וועגן די טאָרטורן ביי דער אויספאָרשונג. דער פּראָקוראָר האָט פאַר זיי אַלעמען געפאָדערט בסך הכל... 200 יאָר תּפיסה ! ס׳האָט אַ הילך געטון דער „אינטערנאַציאָנאַל", ווען מ׳האָט זיי, געשמידט אין קייטעלעך, צוריק אָפּגעפירט אין תּפיסה.

אויפן פּראָצעס האָבן די באַרימטע אַדוואָקאַטן האָניגוויל, דוראַטש, בערסאָן, עטינגער, שמיאַראָווסקי, מיט אַ סך אַדוואָקאַטישער חריפות, געפּרווט צו־נישט־מאַכן, אַראָפּדינגען, אַפילו אויסלאַכן די באַשולדיקונג פון כיטרען פּאָליציי־קאָמיסאַר פּאָגאָזשעלסקי.

— צי ווייסט איר, אַז דאָס זענען וויכטיקע „קעפּ״ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן ? — האָט דער וואַרשעווער הויפּט־שפּיצעל, דאָס מאָל אָן די גליטשיקע העפלעכקייטן זיינע, געדונערט.

— שווער זיך פאָרצושטעלן... — האָט דער אַדוואָקאַט אַלץ געוואָלט צו־נישט־מאַכן — אָט דער, למשל... — האָט ער געוויזן אויף קאַראָלן — ווען האָט ער צייט דערצו ? ס׳קומט אים אָן שווער צו פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט...

— איר ווייסט וואָס ער האָט געטון בייטאָג, און איך איך וואָס ער האָט געטון ביינאַכט...

— אַזוי, אָט דער אָרעמער, דערשלאָגענער מענטש האָט גאָר געפירט אַ נאַכטלעבן... שווער זיך פאָרצושטעלן ! אפשר האָט ער זיך דאָרט אַ מאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט. קיין צו פיל איבערגעשפּיצטער איז ער נישט... האָט מען עס אַוודאַי „אונטערגעטראָגן״...

אַ רויט־אָנגעגאָסענער פון צאָרן, איז פּאָגאָזשעלסקי געשפּרונגען פון דער הויט. דער ריכטער אין דער פינצטערער טאָגע האָט זיך געדרייט די וואָנץ, ווי איינער זאָגט : „זאָל ער... מיר וויסן בעסער״... אַ רגע האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז געלונגען איבערצוצייגן, אַז אָט דער מענטש איז טאַקע נישט מער ווי אַ קליין פישל, אַז ס׳פּאַסט גאָרנישט צו יאָגן זיך נאָך אַזאַ איינעם...

5 יאָר שווערע תּפיסה ! קאַראָל האָט זיך געריכט דערויף, און אפשר אויף נאָך מער.

אין מאָקאָטאָוו איז די קאָמונע נאָך אין אָנהייב אָנערקענט געוואָרן פון דער תּפיסה־אַדמיניסטראַציע; אַ געמיינזאַמע קאַסע, אַ ביבליאָטעק, אַן אייגענע ווירטשאַפט. פאַר אַ סך אַרבעטער איז די טורמע באמת געווען אַ מין אָפּרו־הויז, פאַר דער יוגנט —אַ שול פאַר פּאָליטישער, אַלגעמיינער בילדונג. געווײנלעך, אַז ס׳זענען נישט געווען קיין הונגער־שטרייקן, איז דער טאָג אין דער צעלע געווען איינגעשטעלט לויט אַ שטרענגן פּלאַן : נאָכן ערשטן שפּאַציר — רעפעראַטן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, נאָכמיטאָג — היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, לעקציעס פון רוסיש, פּויליש. איידער וואָס־ווען, איז אונטערגעלאָפן דער 1־טער מאַי. אויפן שפּאַציר איז מען אַרויס מיט אַ רויט בלימל אין דער קלאַפּע פון דער מאַרינאַרקע. הינטער די תּפיסה־ווענט זענען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס, ס׳האָבן זיך דערטראָגן פון גאַס ווייטע אָפּהילכן פון „אינטערנאַציאָנאַל״. אַלע קאַמערן האָבן אָנגעהויבן מיטצוזינגען. אין צעלע האָט זיך אַריינגעריסן דער נאַטשאַלניק ראַטשקאָווסקי, אַ רויט־צעקאָכטער : „נישט זינגען ! כ׳וועל אייך וויזן אַ זינגען !״ און באַפוילן עטלעכע פון זיי אָפּפירן אין קאַרצער.

דער רעזשים אין די תּפיסות איז אין יענעם יאָר פאַרשאַרפט געוואָרן; פאַרבאָט צו באַקומען שפּייז־פּעקלעך, צייטונגען. מ׳האָט זיי אַריינגעזעצט צוזאַמען מיט די קרימינעלע. מ׳האָט זיך נישט געלאָזן, נאָר פאַרפאַלן, מ׳האָט געמוזט נאָכגעבן. אין קאַמער ביי קאַראָלן האָט דאָס יונגע גנבֿל פּאָבודקאַ, לויטן פאַך אַ שלאָסער, געהאַט אַ סך פּראַקטישע ידיעות, געוווּסט ווי עס אַרבעטן פאַרשיידענע מאַשינען, אינסטרומענטן; אַ פריילעכער, האָט דעם גאַנצן טאָג געזונגען די שלאַגערן. זיין גרעסטער פאַרלאַנג איז געווען „אַרומצונעמען און צודריקן פעסט״ די באַרימטע שיינע פּוילישע זינגערין, די אָרדאָנקאַ. דער אַנדערער, קענקוש, אַ געלאַסענער, האָט באַלאַנגט צו דער גנבֿהשער „אַריסטאָקראַטיע״, אַ קאַסע־ברעכער, אַ שטיקל אַלפאָנס; פלעגט אַרומפאָרן

אין די קור־ערטער אויף „אַרבעט", זייער לייכט שליסן באַקאַנטשאַפט מיט איינזאַמע, פאַרמעגלעכע פרויען און זיי „באַאַרבעטן". ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן אין שאַך. ער האָט אַפילו נישט געוווסט וועג ס'איז לעניך, נישט געהערט וועגן „אַזאַ איינעם". קאַראַל האָט אים געפּרוווט צו דערקלערן, איבערצייגן אים אין דער ריכטיקייט פון דער אידייע. יענער האָט זייער גערולדיק אויסגעהערט און געענטפערט קורץ:

— דער האַרמאַט שיסט גוט, נאָר כ'נייטיק זיך נישט אין אים...

פאַרן באַלעבאָס פון דער שפּייז־קאַמונע איז דווקא אויסגעוויילט געוואָרן דער יונגער מאַרעוויטשער, דער שלאָסער פּאַבודקאַ. מען מוז זאָגן, אַז ער האָט אַלצדינג פאַר־טיילט אָרנטלעך, קיינעם נישט באַגנבעט, שטרענג אָפּגעהיטן די זאַפּאַסן: ברויט, שמאַלץ, וווּרשט, ציבעלעס, טאַבאַק.

אַזוי איז דורכגעלאָפן דער ווינטער. דורך די קראַטן קרייצן דעם הימל שנייעלעך. אַ העלע ליכטיקייט צווישן די מויערן פאַרבלענדט דאָס אויג. ס'דערגייט אַ ווייטער אָפּהילך פון דער פּולסירנדיקער שטאָט. קאַראַל שטייט אויפן בענקל לעבן די קראַ־טעס און ס'כאַפּט אים מיט אַ מאָל אַרום אַזאַ גרויסע בענקשאַפט נאָך דער פריי. די קראַטעס צעקעסטלען יעדע זאַך, וואָס דאָס אויג זעט. אים שטיקט עפּעס אין האַלדז. ער דערכאַפּט, ווי ס'עפנט זיך די טיר פון צווייטן פּאַוויליאָן. די פּאָליטישע פרויען גייען אויפן שפּאַציר, צו צווייַ, צו דריי. ווען ס'גייט פאַרבײַ די גראָבע וועכטערין, זאָגט איינע די אַנדערע עפּעס אויפן אויער. אַלע צעלאַכן זיך. זייער געלעכטער קלינגט אַזוי פריש. זיי קרייזן דערנאָך שטיל אַרום די ווענט פון אָפּגעשלאָסענעם הויף. נאָך וועמען, פרעגט זיך, בענקט ער? צופעליקע, פאַרבייגייענדיקע, שטילע, סימפּאַטישע חברטעס, דאָ און דאָרט, אויף אַ „יאַווקע"... ס'גייען אים נאָך די איידעלע אַראָמאַטן, שטילע געפּליסטערן. ס'קלינגען אים אין די אויערן די פערזן פון דער דיכטערין, פאַרשפּאַרט אין תפיסה:

> שרייב מיר, טייערע, אָן,
> וואָס זאָל איך טון מיט מיין בענקען?...

ערב ניי־יאָר האָט מען די פאַרמשפּטע אויף שווערע תפיסה איבערגעפירט אין דער אַלטער פרייסישער טורמע, אין ווראָנקי. דער ווינטער איז דאָס יאָר געפאַלן זייער אַ האַרבער. אַ וועכטער האָט קאַראַלן געפירט איבערן לאַבירינט קאָרידאָרן. פון אַלע זייטן הויך — הויכע, רויטע מויערן מיט סך קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטער־לעך. ער האָט געעפנט פאַר אים אַ שווערע, אייזערנע טיר. ערשט איצט, אויג אויף אויג, האָט דער וועכטער שטיל געלאָזן פאַלן:

— מיט יאָרן צוריק איז אין דער דאָזיקער קאַמער געזעסן אייער ראָזאַ לוק־סעמבורג...

די פייגעלעך זענען אין דעם ביטערן ווינטער געפאַלן פון די קעלטן. קאַראַל האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט און אַרויסגעקוקט: אַ טויטע, ווייסע שטילקייט. אין שייבל האָבן געקלאַפּט די פליגעלעך פון אַן אָרעם פייגעלע.

מיטן פרילינג האָט זיך די בענקשאַפט פאַרשאַרפט. פון הינטער די מויערן האָט זיך ווידער דערטראָגן דאָס פריילעכע פייגל־געזאַנג. אין די פאַרטאָגן האָט ער געזען ווי זיי פאַרען זיך אַרום זייער קליינוואַרג אין די נעסטן. דורך די „גריפסן", וואָס זענען אַריינגעשמוגלט געוואָרן, האָט ער זיך דערוווּסט וואָס אויף דער פריי טוט זיך; אַז די

מינדערהייטלער האָבן באַהערשט דעם גאַנצן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, געשטויסן צו אולטראַ־לינקע אַקציעס. אין די תפיסות איבערן לאַנד זענען געווען פאַרשפּאַרט טויזנטער פּאָליטישע. די הונגער־שטרייקן האָבן זיך איבערגעוואָרפן פון תפיסה צו תפיסה. קאַראָל איז באַשטימט געוואָרן פון דער קאָמונע ווי דער פאָרשטייער צום פּראָקוראָר און צו דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע. ער האָט פאַרלאַנגט: פאַרבעסערן דאָס עסן, אָפּיציעל אָנערקענען דעם קאָמונע־פאָרשטייער, געבן ליכט אין די קאַמערן ביז 10 אין אָוונט. ער האָט געשטעלט דעם טורמע־נאַטשאַלניק אַ טערמין, אָבער קיין ענטפער איז אַזוי גיך נישט געקומען. מיטן געשריי: „מיר פאָדערן דעם פּראָקוראָר!” — איז דערקלערט געוואָרן דער הונגער־שטרייק. מ׳האָט אַרויסגעשטעלט פון די קאַמערן די פאַרעדיקע עמערס מיט דער געשמאַקער אַרבעס־זופּ, דאָס וואַסער, און מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל” פאַרהאַקט די טירן. די קראַנקע איז דערלויבט געוואָרן נישט מיטצוהונגערן, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן צו סאָלידאַריזירן זיך מיטן הונגער־שטרייק.

דער צווייטער טאָג הונגער איז דער סאַמע שווערסטער. דער אָרגאַניזם ענדערט זיין נאָרמאַלן פונקציאָנירן. אַ בהדרגהדיקע אויסשעפּונג. אויפן פערטן טאָג האָט זיך נאָך קאַראָל געקענט אָנטון, שפּאַצירן מיט קליינע טריט איבער דער צעלע. אויפן זעקסטן טאָג האָט אים באַדעקט אַ קאַלטער שווייס ביים צושנורעווען די שיך. מ׳איז געזעסן, אָדער געלעגן. צוויי מאָל אין טאָג האָט זיך צו זייערע אָנגעשפּיצטע נאָזלעכער דערטראָגן דער געשמאַקער ריח פון אַ געדיכטער אַרבעס־זופּ, באַשמאָלצן מיט חזיר־גריוון. די וועכטער האָבן געבראַכט די פולע עמערס אויף די קאָרידאָרן, אָבער קיינער האָט זיך דערצו נישט צוגערירט. דער קאָפּ האָט נאָך געאַרבעט גאַנץ נאָרמאַל. מ׳האָט געלייענט, געשפּילט אין שאַך, ווייניק גערעדט צווישן זיך.

אויפן זיבעטן טאָג האָט די טורמע־אַדמיניסטראַציע באַשלאָסן — דערנערן קינסטלעך. אין דער קאַמער האָבן זיך אַריינגעריסן 4 וועכטער, דער טורמע־פעלדשער; מיט זייערע לאַפּעס האָבן זיי צוגעהאַלטן ביים קאָפּ, ביי די פיס, און דורכגעפירט די איינשפּריצונג. ווען קאַראָל איז צו־זיך געקומען, איז ער ליגן־געבליבן מיט אַ געפיל פון שרעקלעכער באַליידיקונג. ער האָט זייער געליטן פון זיין מאַכטלאָזיקייט.

דער „מאָפּר” איז שוין באַצייטנס אינפאָרמירט געווען וועגן לאַנגן הונגער־שטרייק. דורך די באַריכטן אין דער פּרעסע, האָט די וועלט באַדאַרפט דערוויסן זיך וועגן העלדישן קאַמף, וואָס די קרבנות פון ווייסן טעראָר אין פוילן פירן, און די פּאַרטיי האָט גערופן די אַרבעטער און פויערים צו פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס. אויפן אַכטן טאָג האָט קאַראָל פּלוצעם פאַרשטאַנען, אַז דער הונגער־שטרייק איז אַ פאַרשפּילטער. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די אַנדערע צוויי פאָרשטייער פון דער קאָמונע, אַדורכגעשמועסט מיט זיי די לאַגע. זיין פאָרשלאַג איז געווען — איבעררייסן דעם הונגער־שטרייק. פון דער אַקציע אין לאַנד איז, קענטיק, גאָרנישט אַרויסגעקומען; נישט דער פּראָקוראָר, נישט די פאָרשטייער פון יוסטיץ־מיניסטעריום, זענען נישט אַראָפּגעקומען. עטלעכע חברים האָט מען שוין געהאַט איבערגעפירט אין טורמע־שפּיטאָל. קאַראָל איז באַשטימט געוואָרן אָפיציעל צו מעלדן אַלע אַרעסטירטע, אַז מ׳רייסט איבער דעם הונגער־שטרייק. אין קאַמער נאָך דער צווייטער האָט זיך געעפנט פאַר אים. חברים זענען געלעגן מיט געלע פּנימער, טרוקן, טיפע אויגן־לעכער, צעברענטע פון הונגער, דער בליק — מבולבל, די ליפּן — שוואַרץ; גערירט זיך, ווי פון דרימל.

אַ פויערל פון לובלינער קאַנט איז געלעגן פאַרקוקט אין סופיט אַריין, מיט אַ טעמפּן בליק אין זיינע בלויע, וואַסערדיקע אויגן; זיינע האַרטע, שטעכיקע וואָנצעס האָבן זיך קוים שטאַר באַוועגט אויף זיין געשטופּלט פּנים.

— רושינעק! — האָט אים קאַראַל געטרייסלט — דערקענסט נישט?... מיר האָבן באַשלאָסן איבערצורייסן דעם הונגער־שטרייק...

אין דעם פויערס עקשנותדיקן שווייגן איז געווען די שרעקלעכע פאַרביסנקייט, מיט וועלכער די פּוילישע „כלאָפּעס" האָבן אַ מאָל זיך געשלאָגן מיט דער ווידלע אין האַנט קעגן פּריץ. די קרימינעלע האָבן שוין דערוויל פונאַנדערגעטיילט די קעסלען געקעכטס. דער געשמאַקער ריח האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע קאַמערן; נאָר דאָס פויערל רושינעק איז געלעגן, נישט צוגערירט זיך צו דער שיסל זופּ.

— דער אַלטער שטשירעט שוין זיינע ציינער צו דער לבנה... — האָט איינער פון די קרימינעלע געמאַכט אַ זויערע מינע — עט, ער וועט שוין לאַנג נישט אָנציען...

ביי אַלעמען איז געווען אַ מויל־אָנצינדונג. מ'האָט נישט געקענט אַראָפּשלינגען אַ הייסן ביסן, קיין קאַלטס. דער גומען און די יאַסלעס האָבן ווי געטון. דער טורמע־פעלדשער האָט אַרויסגעגעבן אַ מין געלע פליסיקייט און אַ שפּענדל מיט וואַטע.

אָבער קאַראַל האָט זיך נאָך אַלץ געריכט אויף אַ שאַרפער אַטאַקע פון דער פּאַר־טיי־אָנפירונג, ווייל ביים איבעררייסן דעם שטרייק האָט מען פריער זיך אומבאַדינגט באַדאַרפט פאַרשטענדיקן מיטן דרויסן. ער האָט עס אַפילו נישט געפּרוווט צו טון; ער האָט גוט געוווסט, אַז זיי דאָרט, אויף דער פריי, גייט נישט אַזוי שטאַרק אין דעם, צי זיי וועלן געווינען, אָדער פאַרשפּילן דעם שטרייק; דער עיקר גייט עס אין די באַ־ריכטן קיין מאָסקווע וועגן די וויכטיקע פּאָליטישע אַקציעס, כדי צו מאַכן אַ טומל אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אויך פון אַנדערע טורמעס איז דערגאַנגען, אַז די הונגער־שטרייקן זענען פאַרשפּילט. מ'האָט שוין געגרייט קאַרטוז־בערעזע, ווו דער פּולקאָוו־ניק קאָסטעק־ביערנאַצקי האָט „דערצויגן און איבערדערצויגן" די פירער פון דער אָפּאָזיציע. ס'איז געווען אַ פאַרביטערונג קעגן דער אָנפירונג, אַז זי האָט בעסער גע־דאַרפט אָפּשאַצן די לאַגע און נישט דערפירן צו עקסטרעמען, וואָס ברענגען גאָרנישט.

קאַראַל האָט געציילט די חדשים, די וואָכן. ס'איז אַ געוואַלדיק געפיל, וואָס באַ־גלייט דעם בלוט־לויף; מ'ווערט מיט יעדן טאָג אומגעדולדיקער. טייל האָבן אַפילו גע־ציילט די מאָלצייטן. אויף קאַראַלס צעטל אין קאַמער איז געווען אויפגעשריבן: „12־טער מאַי". ער האָט געשפּרייזט מיט געמאָסטענע טריט און זיין בליק איז אַלע מאָל געפאַלן אַהין. דער מוח האָט שוין געאַרבעט, וואָס עס טוט זיך אויף דער פריי, אין דער פּאַרטיי? וועגן זיין אייגן לעבן האָט ער ווייניק געטראַכט. ער איז אַ סאָלדאַט! ער האָט געוווסט, אַז אפשר אַ פּאָר חדשים וועט ער קענען זיין לעגאַל, שפּעטער — ווידער די אונטערערד. ס'האָט זיך געפּירט, אַז אַ פּאַרטיי־פונקציאָנאַר האָט נאָך דער באַפרייאונג פון טורמע באַקומען אַ געצאָלטן חודש אורלויב, און — ווידער צו דער אַרבעט. ס'פּריוואַטע לעבן? ווער האָט דאָרט געטראַכט!

אין דעם פרימאָרגן האָט ער ווידער, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, דערזען די וואָך־בודקע ביים הויפּט־טויער. אַ זעקל, אַ פּאָר ביכער, פאַרשטעקטע נאָטיצן — דאָס איז געווען אַלץ אין זיין באַגאַזש. ער האָט דערפילט אַ מאָדנע שוואַכקייט אין די פיס, אָפּ־גייענדיק אַ פּאָר שריט פון טויער, מורא געהאַט אומצוקוקן זיך. אין שלעפּ־צוג קיין

וואַרשע האָט מען זיך געטרייסלט לאַנג. די פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן האָבן אים אָנגעקוקט מיט חשד, אָפּגערוקט זיך פון אים. די רעדער האָבן געקלאַפּט, געקלאַפּט.

פאַרפאָרן איז ער אין דער זעלבער פּאַציאַטקע, אויף דער סטאַווקע, צו חברטע אַנדזשע, אַ טעקסטיל־אַרבעטערין; אָנגעהויבן זוכן אַ קאָנטאַקט, דערפרעגט זיך, אָפּגעזוכט פאָרזיכטיק אַלטע חברים. זינט די עטלעכע יאָר האָט זיך אַ סך געביטן. די מערהייטלער זענען באַזייטיקט געוואָרן. אַ וואַקכאַנאַליע פון „זעלבסט־קריטיק". מ'האָט געשריבן דערקלערונגען, אין וועלכע מ'האָט אַליין נישט געגלויבט. אין לאַנד איז געווען אַ קריזיס. אין מערב־אוקראַינע — שרפות פון פּריצישע גיטער, מיליטערישע שטראָף־עקספּעדיציעס. די פּאַרטיי האָט געפּרוווט רופן צו סאָלידאַריטעט מיט די אויפשטענדיקע פּויערים, אָבער דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט פון די אינעווייניקסטע רייסערייען. חבר אבא פלוג איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון דער „מיירעווקע" אין מאָסקווע; אַן אַלטער טוער, מיט אַ לאַנגן סטאַזש. אין דער פּאַציאַטקע איז מען אַ טאָג מיט אַ נאַכט אָפּגעזעסן, געשמועסט, אַרויסגעבראַכט אַלץ, וואָס איז זיי געלעגן אויפן האַרצן; אַרומגערעדט פאַרשיידענע פּלענער ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אַ פראַקציאָנעלן קאַמף. זיי האָבן פון דעסטוועגן באַשלאָסן צו אַקצעפּטירן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר, געהאָפט, אַז ס'וועט קומען אַן ענדערונג אין „קאָמאינטערן"; לאָיאַל אויספירן די באַשלוסן, אָבער נישט אונטערשרייבן קיין מחילה־דערקלערונגען, אָפּצוגרענעצן זיך פון וואַרסקי און קאָסטשעוואַ. די אידעאָלאָגישע פּאָזיציע איז אַזוי רעזומירט געוואָרן:

— די איצטיקע אָנפירונג פון דער פּאַרטיי איז נישט מסוגל דורכצופירן די רעוואָלוציע אין פּוילן. אין רוסלאַנד איז מען, אונטער סטאַלינס דיקטאַט, גאַנץ ווייט אַוועק פון ווירקלעכן סאָציאַליזם. מ'דאַרף רעפאָרמירן דעם סאָוועטישן רעזשים אין אמתן גייסט פון מאַרקסיזם־לעניניזם; געבן די סעקציעס פון „קאָמאינטערן" מער זעלבשטענדיקייט.

— די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קען נישט באַטראַכט ווערן ווי „סאָציאַל־פאַשיסטן", אָדער ווי „אַ דריטע פּאַרטיי פון דער בורזשואַזיע". דאָס זענען עקספּלואַטירטע אַרבעטער, גענוי ווי מיר. מיר דאַרפן גיין אין אַן איינהייט־פראָנט מיט די סאָציאַליסטן אומעטום, ווו די עלעמענטאַרע דעמאָקראַטישע רעכט ווערן באַדראָט.

— דער צ.ק. איז אַוועק אויפן וועג פון אַנאַרכיסטישער טאַקטיק אין די פּראָפ.־פאַראיינען. אָט וואַרפט מען די לאָזונג צו קאָנפיסקירן שפּייז־פּראָדוקטן, ראַבירן קראָמען, מען רופט צו הונגער־דעמאָנסטראַציעס, איבערשניידן די עלעקטרישע דראָטן, אַנטוואָפענען די פּאָליציי; מען פעלשט באַריכטן...

פון אַזעלכע אויפגעבלאָזענע באַריכטן, האָט מען שוין געוווסט, דאַרף מען צווייטריטל וואַרפן אין וואַסער אַריין. די, וואָס האָבן געפּרוווט אַ ביסעלע צו צווייפלען אין די באַריכטן פון אַמסטערדאַם־הענריקאָווסקי, האָט מען אין דער פּאַרטיי באַצייכנט ווי דעפעטיסטן, פּאַניק־מאַכער. אַזאַ אָפּאָזיציאָנעלע האַלטונג האָט קאַראָלן גלייך געשטעלט אין אַן אומקלאָרער סיטואַציע אין דער פּאַרטיי. נישט מ'האָט אים גערופן צו געבן דערקלערונגען, נישט מ'האָט אים פאַרהאָנגען אין זיינע רעכט. ער האָט זיך נאָך אַלץ אויפגעהאַלטן פאַרשטעקט אין פּאַציאַטע־שטיבל, געגעסן אין אַ ביליקער גאָרקיך, געשאַרט זיך איבער דער דזשיקע גאַס ביי די ווענט, אומגעריכט פאַרגאַנגען אין אַ האַלב־קרייז, ווי אויף די תפיסה־שפּאַצירן. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז ר'האָט זיך צו־

ריק צוגעוווינט צום נאָרמאַלן גאַנג. אויך דערמיט, האָט ער געפילט, ווי שטאַרק אָפּגעריסן ער איז געוואָרן אין די פּאָר יאָר פון דער ווירקלעכקייט. ווי אַנדערש אַלץ זעט אויס אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט, ביים דורכטראַכטן, דורכדיסקוטירן מיט זיך אַליין — הינטער די קראַטעס. אַזוי האָט ער זיך ווייטער געראַנגלט מיט זיך אַליין, געהיטן זיך פאַר דער פּאַרטיי, ווי פאַר דער פּאָליציי; טעג גאַנצע אַרומגעגאַנגען מיט אבא פלוג אויפן געגנשער בית־עולם; ס'איז געווען דאָס איינציקע זיכערע אָרט פאַר זייערטוועגן. זומער־צייט האָט זיך די פראַקציאָנעלע אַרבעט אַריבערגעטראָגן אויף דער אָטוואָצקער ליניע. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ דערדריקט געמיט — אַזוי פיל יאָרן אַוועקגעגעבן דער פּאַרטיי, געדינט דער באַוועגונג מיט לייב־און־לעבן, און אַצינד שטייט די פראַגע: וווהין גיין?

אַלץ שווערער און געדיכטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די פינצטערניש. אַלע האָבן געפילט, אַז מען קערט זיך אום צו דער עפּאָכע פון באַרבאַריזם. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַקומען אַ טויט־קלאַפּ.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

דער ברודער־קאַמף

פון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגערוקט שווערע כמאַרעס. דאָס האָט אונטערגעזאָגט דער פאַרשאַרפטער פּאָליטישער חוש, די דערפאַרונגען פון יאָרן קאַמף. מ'האָט געפילט, אַז מען דאַרף זיך גרייטן אויפן ערגסטן. דער ברודער־קאַמף האָט זיך אָבער אין די פּראָפּ.־פאַראיינען נישט אָפּגעשטעלט, ביז די „פראַקעס" האָט זיך איינגעגעבן צו טעראָריזירן און אָפּצורייסן קודם די פליישער־ און טראַנספּאָרטלער.

— נישטאָ קיין אַנדער ברירה, חבר אַביש — זענען זיי געקומען צוגיין צו אים מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט — דאָס פראַגער שעכט־הויז געהער צום מאַגיסטראַט... און אויך די טרעגער זענען אין די הענט פון די פּאָלצייאישע שטאָטישע רעגולאַציעס...

אַ פאַראָרדענונג איז אַרויס, אַז אַלע מוזן זיי זיך איינשאַפן לעגיטימאַציעס פון „אָרנטעלכקייט", ס'הייסט אַ מאָראַל־צייגעניש. אָן אַזאַ פּאַפּירל קריגט מען נישט אַרויס פון מאַגיסטראַט קיין בלעכל, אַ „נומער". פּאָליציי האָט געהאַט אַ גוטן תירוץ, אויסצורייניקן די קרימינעלע עלעמענטן, אָבער אין דער אמתן איז עס געווען אַ סיסטעם פון פּראָטעקציע, קאָרופּציע. ס'איז געוואָרן אַ מהומה. ווי שייך, מסתמא האָבן אַנדערע פון זיי טאַקע אויך געהאַט פאַר וואָס אַ ביסל מורא צו האָבן פאַר זייער „מאָראַלישער כשרות". זענען די טרעגערס געלאָפן פון איין פּאַרטיי צו דער צווייטער מען זאָל זיי העלפן. די מערסטע אָבער זענען אַוועק צו די „פראַקעס" אין זייער פאַראיינדל. ס'איז נאָר געווען רייניער חוזק; דאָרט זענען געווען קאָמבינאַטאָרן, לאָבוסעס, אַלפאָנסן, און זיי האָבן געקריגן „מאָראַלישקייט"־צייגענישן. די „פראַקעס"

האָבן אויך אָרגאַניזירט די „זשאַנדצעס״, וואָס האָבן געפירט די פּאָליציייאיש־קאָנט־ראָלירטע מעלדונג־ביכער אין די הייזער, די וורשט־הענדלער, אָפּהענגיק פון דער שטאָטישער סאַניטאַרער מאַכט. זיי האָבן אויך געפּרוווט ביי די יידישע באַקלייד־אַר־בעטער, ביים נאָדל־פאַך, אָבער דאָ האָבן זיי געכאַפּט דעם אמתן אָפּשניט.

ווען די מאַכטהאָבער האָבן איינגעזען, אַז מיט הינטערוועגן קען מען די אָפּאָ־זיציע אין לאַנד נישט בייקומען, איז פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן דער סיים, מ׳האָט באַ־באַשטימט נייע וואַלן, זיי צוגעשניטן אַזוי, אַז די מערהייט איז אַריינגעפאַלן צום רע־גירונגס־בלאָק. מיט גרויס אכזריות איז דערשטיקט געוואָרן די יידישע אַרבעטער־באַ־וועגונג, מ׳האָט פאַרבאָטן יעדע פאַרזאַמלונג, מיטן תירוץ, אַז „די סופיטן פאַלן איין״...

די פּאַרטיי האָט נאָך אָבער אַלץ אַרויסגערופן קליינע שטרייקן, אָן שום עקאָנאָ־מישער באַרעכטיקונג. די טעאָריע איז געווען, אַז די שטרייקן רעוואָלוציאָניזירן די מאַסן; אַז די קליינע, לאָקאַלע אַרויסטריטן וועלן זיך צונויפגיסן אין אָן אויפשטאַנד, און דאָס וועט ברענגען דעם אַרבעטער־קלאַס צו דער מאַכט. מיט טעראָר האָט מען אונטערגעהאַלטן יעדן שטרייק, אַפילו ווען מ׳האָט פון פאַראויס געוווסט, אַז ער איז פאַרשפּילט. אָט די „ווילדע שטרייקן״ דווקא אין די בידנע יידישע פאַכן, ווו מ׳האָט זיך געשלאָגן איבער אַ טאָג אַרבעט. אין בונדישן לעדער־פאַראיין, אויף לעשנע 19, זענען געווען אָרגאַניזירט די שטעפּער. איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויס אין שטרייק, אָנעם וויסן פון בונדישן פאַראיין. די שטעפּער האָבן זיך אָבער נישט געוואָלט לאָזן אָנוואַרפן אַ שטרייק פון דרויסן, בפרט, אַז עס זענען נישט געווען קיין שום אויס־זיכטן צו געווינען. די לינקע האָבן אויפגעפּאַדערט די אַרבעטער זיי זאָלן „איבער די קעפּ פון די פירער״ צושטיין צום שטרייק. זיי זענען באַפאַלן די וואַרשטאַטן, צעשלאָגן, אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. ס׳זענען אַראָפּגעקומען די געגריוועטע שוסטערס, די קוילן־טרעגער, אַלע „שטאַרקע״. עק סמאָטשע און פּאַוויע איז אויסגעבראָכן די גרויסע שלאַכט. דער שוואַרצער אַביש מיט זיין חברה האָט באַזעצט דעם הויף פּאַוויע 48. שמחה מאַטש, לייבוניו, ברוך צאַבאַן געהאַט זייער שטאַב אין דער דערבייאיקער באַוואַריע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. פּאָליציי האָט זיך באַוויזן שוין כמעט נאָך אַלעמען, און אַרעסטירט אַבישן, צוזאַמען מיטן קוילן־טרעגער, וואָס האָט אין אים געשאָסן. אויפן וועג צו דער „דעפּע״ האָט זיך אַביש אָנגערופן צום קוילן־טרעגער :

— איצט זענען מירביידע אין „פּעקל״... זאָל זיין אַזוי : א י ך קען דיך נישט און ד ו קענסט מיך נישט.

און ווען מ׳האָט זיי ביי דער אויספאָרשונג אַ פרעג געטון : ווער האָט געשאָסן ? האָבן זיי ביידע געלייקנט שטיין־און־ביין. אַביש האָט געהאַלטן, אַז די קאָנפליקטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי פאַרביטערט זיי זאָלן נישט זיין, זענען אָן ענין פון די אַרבעטער גופא. אָבער די אָנפאַלן האָבן זיך געמערט; אויף דער בונדישער אָוונט־שול אויף מילע גאַס, אויף דער קינדער־סאַנאַטאָריע אין מעדזישין. די קראָכמאַלנע גאַס איז געוואָרן אַ פעסטונג פון די קאָמוניסטן; מ׳האָט עס גערופן „קליין מאָסקווע״, אָדער „דער קרעמל״. אַ בונדיסט האָט מען דאָרט נאָכגעשריגן : „בונדישער קרופּניק״; ס׳הייסט, אַז דער בונד זאָרגט זיך נאָר פאַר די מאַטעריעלע אינטערעסן, נישט פאַר דער רעוואָלוציע...

אַרום דער קראָכמאַלנע זענען געשטאַנען בודקעס, געדיכטע מערק, די האַלעס, דער „גאָשטשינסקי דוואָר“, די גנאָינע גאַס, יאַנושעס הויף, פּלאַץ מיראָווסקי; טרעגער, פורמאַנעס, די געבלוטן — צעקאָכט; ברידער־מאָרד, פּאָליציייִשער טעראָר, „פּראַקישע“ באַנדעס, די אָ.נ.ר.־כוליגאַנעס, די „פֿאַלאַנגאַ“, מיט געשרייען אַרויסצושטויסן יידן פון האַנדל, בכלל פון פוילן. אין זאַקסישן גאָרטן, אין טראַוגוטאַ־פּאַרק, אויף דער „ווילדער פּלאַזשע“, אומעטום זענען געווען געשלעגן, מיט שטעקנס, מיט אייזערנע הענטשקעס. ס'האָט זיך פון דעסטוועגן נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ס'איז בלויז אַ געשלעג צווישן יידן און גויים, נאָר — צווישן פאַשיסטן און אַנטי־פאַשיסטן. אַבישן האָט זיך פאָרט איינגעגעבן אַראָפּצוברענגען עטלעכע אָרגאַניזירטע פוילישע אַרבעטער פון שעכט־הויז אויף פּראַגע, געניעק מאַרטשאַק,ביידע יונגע נאָוואַקס. זיי זענען געקומען, אומבאַמערקט באַזעצט די טויערן פון זאַקסישן גאָרטן, נישט ווייט פון אַרויסגאַנג; ווייל טאָמער קומט אָן פּאָליציי, פאַרמאַכט די טויערן, צו קענען מיט איין שפּרונג זיין אין דרויסן. די כוליגאַנעס זענען אויסגעוואַקסן און גענומען טשעפּען זיך צו יידן. צוריקכאַפּן קלעפּ, אויף דעם האָבן זיי זיך נישט געריכט. איינער, מיט אַן אויפגעשטעלטער גריווע, איז לויפנדיק אַריינגעפאַלן אין דער סאַזשלקע. פון דריי זייטן זענען די כוליגאַנעס פאַרנאַרט געוואָרן צום אייזערנעם טויער. דאָרט האָבן זיי ערשט באַקומען די ריכטיקע גאָב; צעבלוטיקטע, האָבן זיי זיך קוים מיטן לעבן אָפּגעטראָגן.

ביי די בעקער איז דער גאַנצער סיסטעם פון פאַרטיילן „פייעראַוונטער“ פונאַנדערגעפאַלן. מ'האָט געריסן פאַסן פון די לויבעך. ווען אַביש איז מיטגעגאַנגען איבער די בעקערייען קאָנטראָלירן, זענען אים די „שטאַרקע“ באַפאַלן. לעבן דער בעקערײַ פון טוביה „סמאָלוד“, ראָג סמאָטשע, ראָג מילע, האָבן זיי אים געשטאָכן אין אַ זייט. ער איז געפאַלן אין אַ קאַלוזשע בלוט.

דער באַקלייד־פאַראיין אויף נאַלעווקי איז בעת דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג שטאַרק באַוואַכט געוואָרן. די אַרבעטער פון דער פאַבריק ביי וויקיסנקי, ווו מ'האָט געאַרבעט פאַרן מיליטער, האָבן זיך באַראַטן וואָס צו טון, ווייל די לינקע האָבן דאָרט דערקלערט אַן אומבאַרעכטיקטן שטרייק.

אַבישן האָט מען שפּעט ביינאַכט אַהיימגעפירט. ער האָט זיך אַוועקגעוואָרפן אויפן בעטל. די נערוון האָבן מער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט באַטראַכט די טראַגישע סיטואַציע. אַרבעטער־סאָלידאַריטעט איז אַלע מאָל געווען אַ הייליקער פּרינציפּ, און דאָ — אַן אמתער פּאָגראָם. די „פּראַקעס“ זענען מיט כוח געוואָרן די באַלעבאַטים איבער אַ גרויסן טייל פון די פּראָפ.־פאַראיינען. אין טרעגער־פאַראיין איז סעקרעטאַר איצט געווען דער געוועזענער אַמעריקאַנער גענגסטער שעטשקע; צוזאַמען מיט זיין באַנדע האָט ער טעראָריזירט אַרבעטער, אַרויסגעפּרעסט ביי זיי „קאָנטריבוציע“, פאַרטריבן די, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזן שפּייען אין דער קאַשע. טעראָר אויף די מערק, אויף די באַזאַרן. איינער פון די „שטאַרקע“, איטשע זבוך, איז נאָמינירט געוואָרן פאַר פאָרזיצער פון טרעגער־פאַראיין. ער איז געווען אַ גיבור, אַ שלעגער. ער אַליין האָט געאַרבעט ביי אַ פיש־סטאַציע אין יאַנושעס הויף, אויף גנאָינע. איז אַביש, ווי נאָר ער איז צו־זיך געקומען, אַוועק אין יאַנושעס הויף. אַרום זענען געשטאַנען די וועגעלעך־טרעגער, איטשע זבוך איז געווען אַרומגערינגלט מיט די טרעגער, „גוטע

ברידער״. איז אַביש האַסטיק צו צום קרענצל און הויך, אויפֿן קול, אַז אַלע זאָלן הערן, אים אַ פֿרעג געטון:

— ווי לאַנג נאָך וועסטו טעראָריזירן די טרעגער?

און נישט וואַרטנדיק אַפֿילו אויף קיין ענטפֿער, אים נאָכגעלאָזן עטלעכע פּעטש. אַזאַ זאַך אויפֿן „קעניג״ פֿון די „שטאַרקע״, דעם „פּאַרזיצער״, האָט זיך קיינער נישט געריכט. יענער איז געשטאַנען אַ רגע בלאַס, ווי די וואַנט, זיך געגעבן ראַפּטעם אַ דריי אויס און אָפּגעטראָגן זיך. דער עולם אַרום איז זיך צעלאָפֿן. ס׳האָט באַלד גע־רווישט אין די האַלעס, אויף אַלע מערק, אַז איטשע זבוך איז געפּאַטשט געוואָרן.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ד״ר לאָקעטעק, דער „קעניג״ פֿון די „פּראָקעס״, גע־קלונגען אין פּאַראיין אַריין, אַז ער וויל זיך זען מיט אַבישן; מ׳זאָל זיך טרעפֿן ביי אַ גלעזל אין דער קנייפּע „פּאָד בלאַכאַן״, ביי דער קערבעדזש־בריק. אַביש איז, אָן אַ ביסל מורא, גלייך אַוועק אַהין, דיסקרעט באַגלייט פֿון עטלעכע זיינע יינגלעך. דאָרט האָט ער שוין אויך געטראָפֿן מאַרטשאַקן, דעם „פּאַרזיצער״ פֿון די „זשוויר־ניקעס״ אויף דער ווייסל, שעטשקען.

— פֿאַר וואָס — האָט דער ד״ר לאָקעטעק רואיק אַ פֿרעג געטון ביי אַבישן, דערבליקנדיק מיט איין זייטיק אויג די יינגלעך, צעזעצט ביי אַן אַנדער טישל — רייסטו אַרונטער דעם פּרעסטיזש פֿון „פּראַקישן״ פּאַראיין? ס׳גייט אים נישט — מאַכט ער — אין כבוד פֿון איטשע זבוך...

— איטשע זבוך — האָט אַביש, זייער קאַלטבלוטיק, געענטפֿערט — שלאָגט, הרגעט, וואַרפֿט אַרויס מענטשן, נעמט „קאָנטריבוציע״ פֿאַר צוריק צולאָזן צו דער אַרבעט! אַ פּאַרזיצער איז ער? אַ פּירער פֿון אַ באַנדע איז ער...

און אַלע אַרום טישל האָבן געשוויגן, ווי די שלייען, כאָטש די הענט, האָט מען געזען, האָבן זיי געביסן...

אין דעם יאָר האָבן זיך שוין פֿיל אויערן, כאָטש מיט אַ ביסל פּאַרכט, צוגעהערט צו דער אָפּאָזיציע. די אָפּאָזיציע איז געוואַקסן. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין באַהערשן די פּאַרטיי פֿון אינעווייניק, דער עיקר די טעכניק, אַרויסגעבן, פּאַרשפּרייטן די אומ־לעגאַלע פּרעסע. אַ מין מלוכה אין אַ מלוכה. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס, איז אויסגעאַר־בעט געוואָרן אַן אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע פּלאַטפֿאָרם. עס איז שאַרף פֿאַראור־טיילט געוואָרן די סטאַליניסטישע טעאָריע פֿון „סאָציאַל־פֿאַשיזם״, עס איז געפֿאָדערט געוואָרן צו ענדערן די טאַקטיק פֿון איינהייט־פֿראָנט, אין קאַמף קעגן היטלעריזם; מ׳האָט פֿאַראורטיילט די אָפּשאַצונג פֿון דער לאַגע אין פּוילן, אַז ס׳וועט כלומרשט רייף אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, פֿאַראורטיילט די אולטראַ־לינקע אַוואַנטוריסטי־שע אַקציעס מיט די אומזיניקע גענעראַל־שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, געפֿעלשטע באַריכטן.

אויסצואַרבעטן די פּלאַטפֿאָרם, זענען זיי אָפּגעזעסן נעכט גאַנצע, און דערנאָך איבערגעשיקט זי צום צ.ק. מ׳האָט זיך אָבער נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס. מ׳האָט זיך גיכער געריכט, אַז ס׳וועט זיך אָנהייבן אַ שטאַרקע אַטאַקע. דער צ.ק. האָט, פֿאַרשטייט זיך, באַלד דערקלערט אַ קאַמף, מיט אַלע מיטלען, אַפֿילו אַרויס מיט אַ באַשולדיקונג, אַז זיי זענען „אַגענטן פֿון פֿאַשיזם״. אָבער די געשעענישן אין דייטש־לאַנד האָבן כסדר געגעבן גערעכט דער אָפּאָזיציע. ס׳איז געגאַנגען דער קאַמף ווידער

צו באַלעבן אידעאָלאָגיש די פּאַרטיי, קאַמף קעגן קאָרופּציע, ביוראָקראַטיזאַציע, פּאָ־ליטישן ציניזם, פּאָליטישע הפקרות, אַבסאָלוטע אָפּהענגיקייט פון מאָסקווע. מ׳האָט אָציִנד פריי דיסקוטירט, ביז אין די טיפע נעכט, אויף די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. זיי האָבן טיף געגלויבט, אַז ס׳וועט זיך פאָרט איינגעבן געזונט צו מאַכן די באַוועגונג. יעדער איז געגאַנגען מיטן פעקל צייטונגען אונטערן אָרעם. ס׳האָט ווידער אַ שיין געטון דער אַמאָליקער אידעאַליזם.

צו דער פראַקציע האָט, אַ חוץ קאַראָלן, געהערט דער אַלטער אַרבעטער־טוער הערש־מענדל, אַ וועטעראַן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פון די תפיסות. ער איז גיכער געניגט געווען צום טראָצקיזם; יצחק דייטשער, אַ פּעאיקער ליטעראַט, מיט איינגעקוועטשטע צוויקערס און אַ טיפן שטערן פון אַ תלמיד־חכם.

— לעגאַליטעט — האָט חבר קאַראָל זיך געכאַפּט — קען אויך ווערן אַ שונא פון אַ באַוועגונג, און אומלעגאַליטעט — אַ פאַרבינדעטער. אָ, ווען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואָלט זיך נישט געהאַלטן ביי שטרענג־לעגאַלע, קאָנסטיטוציאָנעלע מעטאָדן... ווען די סטאַליניסטן וואָלטן געווען לעגאַל...

— מיר וועלן רעפאָרמירן די „קירך", באַקעמפן דעם פויפּסט, סטאַלין, און זיין קירכלעכע אָליגאַרכיע... — האָט הערש־מענדל, בטבע אַ היציקער, זיך געקאָכט, און לסוף ווי אָפּגעזיפּצט — עס ווירקן נאָך אָבער אַלץ די מאָראַלישע מאָטיוון, דער פאַר־פירערישער אָרעאָל פון מאַרטירערטום...

דער 6־טער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען איר מינסק, האָט פאַרלאַנגט, אַז די אָפּאָזיציאָנערן זאָלן קומען קיין מאָסקווע, צום „קאָמאינטערן", אויפצוקלערן זייער שטעלונג. דאָס איז, האָבן זיי אַלע געפילט, נישט מער ווי אַ פּאַסטקע. ס׳איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ תנאי, אַז דער צ.ק. זאָל צו ערשט אָפּרופן די רעזאָלוציע, ווו די אָפּאָזיציע ווערט געשטעמפּלט ווי רענעגאַטן. דערויף האָבן זיי אין גאַנצן נישט געענטפערט. דער 6־טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט אָבער געמוזט פעסטשטעלן, אַז די איינפלוסן אין פּוילישן דאָרף זענען געפאַלן, כאָטש דאָס הויפּט־פייער איז געוואָנדן געוואָרן קעגן די אַנטי־פּאַרטייאישע, רענעגאַטישע טראָצקיסטן, „וואָס זענען פאַקטיש אַן אַגענטור פון די סאָציאַל־פאַשיסטן, פון דער פּוילישער פּאָ־ליציי; אַז פאַראַנטוואָרטלעך זענען וואַרסקי און קאָסטשעוואַ"...

יצחק דייטשערס אַלאַרם־אַרטיקל אין דער „ליטעראַרישע טריבונע", „די 12־טע שעה", איז געווען דער לעצטער ריס, דער איבערברוך. געשריבן האָט ער מיט ליידנשאַפט, געוואָרנט, אַז די קאָמפּאַרטיי אין דייטשלאַנד דאַרף תיכף שליסן אַן אייני־הייט־פראָנט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איידער ס׳דערנענטערט זיך די קאַטאַס־טראָפע. דער נומער איז קאָנפיסקירט געוואָרן, דאָס מאָל נישט דורך דער פּאָליציי, נאָר דורך דער פּאַרטיי גופא. ס׳איז געווען אין יאַנואַר 1933. מ׳האָט נאָך דייטשלאַנד אַלץ נישט באַטראַכט פאַר פאַרשפּילט. די פּאַרטיי האָט גערופן אַ ספּעציעלע קאָנפע־רענץ אין דאַנציק. אויף דער קאָנפערענץ זענען אַראָפּגעקומען: קאַראָל, הערש־מענדל, הערשל מעטאַלאָוויעץ, מאַיסקי, דער טויבער משה, משה בטלן, פּיניע פון האַלץ־פאַראיין. פון צ.ק. — בראָנקאָווסקי. דער הויפּט־רעפערענט איז געווען שאול אַמסטערדאַם. ער האָט אויפגעוויזן:

— די אָפּאָזיציע פאַרשטייט נישט די סיטואַציע. אַפילו אַ פאַרשפּילטער שטרייק רייסט אויך אַרויס אַ ציגל פון קאַפּיטאַליסטישן בנין. ווער עס פּרעדיקט היינט אַן

איינהייט־פראָנט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פאַרראַט די רעוואָלוציע...

קאַראָל האָט מיט עקשנות, ביז ווייטיק, פאַרטיידיקט די טעזן פון דער אָפּאָזיציע:

— דער איינהייט־פראָנט פון דייטשן פּראָלעטאַריאַט קען נאָך ראַטעווען פון דער קאַטאַסטראָפע. ס'איז אַן אַבסורד אַן איינהייט־פראָנט נאָר מיט דער באַזע, נישט מיט די פירער. איבעריקנס, ווער וועט איך דען גלויבן?

אין וואַרשע, אין פּאַציאַטע־שטיבל, איז דער אָנגעגליטער דאַך געלעגן איבערן קאָפּ. נאָכן לעצטן ריס, איז קאַראָל אָפּגעזעסן נעכט מיט חברים. ס'האָרץ האָט ווי געטון, נאָך אַזוי פיל יאָרן קאַמף, אויסגעשלאָסן צו ווערן פון דער פּאַרטיי. אין דעם זומער האָבן זיי זיך אַריבערגעטראָגן אויף דער אָטוואָצקער ליניע. חברים זענען אַראָפּגעקומען סוף וואָך. מ'איז געשלאָפן אין דער אָפּגעלעגענער ווילע אויף דער פּאָדלאָגע, אויף דער קליינער, באַהאָנגענער ווערענדע. זיי האָבן דערציילט, אַז פיניע פון האַלץ־פאַראיין האָט אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אָפן דערקלערט, אַז זיי וואָלטן קאַראָלן מיט די אייגענע הענט דערשאָסן. ביים סקולפּטאָר חיים האַנפט, מיטן געקרייזלטן קאָפּ, ווי געגאָסן פון בראָנדז, אין דער אַטעליע ביי אים, איז געווען היימ־לעך. צווישן די געשטעלן, פאַרדעקטע פיגורן, האָט מען אָפּגערוט פון דער נערוועזער צערודערונג. זיין פרוי, דאָס פויעריש־געזונטע מיידל מאַרישאַ, האָט אָפּגעקאָכט גרויסע טעפּ געקעכטס און אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט. אין שטילן זומער־אָוונט זענען זיי אַרויס שפּאַצירן איבער די אַלייען, אַרומגעשטעלט מיט סאָסנע־ווענט. אָבער פּלוצעם זענען זיי שטיינגעבליבן, ווי געליימט. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זיי האָבן דערהערט שטילע טריט אין די אַלייען, זיי האָבן דערפילט, אַז מען גייט זיי נאָך.

— די סטאַליניסטן טרעטן אויף די פּיאַטעס... — האָט קאַראָל אומעטיקלעך געלאָזן פאַלן.

באַלד צומאָרגנס האָט ער זיך צוריק אָפּגעטראָגן קיין וואַרשע. און דאָ האָט אים לייבוניו, דער באַרימטער לייבוניו, אָפּגעשטעלט אויף דער דזשיקע גאַס און עס אים פּאַוואָליע, פשוט געגעבן צו פאַרשטיין:

— הער, ווען וואָלסט כאָטש געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, וואָלט מיך נישט אַזוי פאַר־דראָסן... אויב דו האַלטסט אָבער, אַז דער בונד איז נישט סאָציאַל־פאַשיסטיש, קען איך עס שוין נישט שענקען... פאַר דעם קומט אַ קויל אין קאָפּ...

ער האָט אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער פון טאַש, געוואָרפן אים אין דער האַנט. קאַראָל האָט אים רואיק, אָן אַ ביסל מורא, געפּרוווט אויפקלערן, אָבער לייבוניו האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. פאַר וואָס, האָט זיך קאַראָל דערנאָך געפרעגט, האָט ער מיך נישט דערשאָסן? ס'האָט דען געשפּילט אַ ראָלע ביי אים! אָבער זעט אויס, אַז קרי־מינעלע טיפן האָבן פאַרט דרך־ארץ פאַר אַזאַ איינעם, וואָס איז געזעסן לאַנגע יאָרן אין תפיסה און זיך אויפגעפירט „אָרנטלעך"...

נאָך היטלערס זיג ביי די וואַלן אין דייטשלאַנד, זענען די סטאַליניסטן אַרויס מיט דער טעאָריע:

— דער זיג פון די נאַציס צעשטערט די דעמאָקראַטישע אילוזיעס, און דאָס וועט צואיילן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע...

— מ'דאַרף, הייסט עס — האָט קאַראָל ביטער געלאַכט — דאַנקבאַר זיין היט־לערן, וואָס ער האָט באַזיגט און באַפרייט די מאַסן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן...

דער קאָמוניסטישער פירער רעמעלע האָט שוין לאַנג געזאָגט, אַז דער פאַשיזם וועט שנעל „אָפּווירטשאַפטן", און נאָך אים וועלן מיר קומען... דערווייל אָבער וואָס זעען מיר ? טאָטאַלער פּאָגראָם פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג.

ס'איז געווען טעמפּער פּאַנאַטיזם. די הערשנדיקע ביוראָקראַטיע איז תמיד אָפּ־טימיסטיש. זיי האַלטן גאָר, אַז מען דערנענטערט זיך צו אַ „צווייטער רונדע" פון רעװאָלוציעס. דאָס האָט פעסטגעשטעלט דער 13־טער פּלענום פון „קאָמאינטערן". לויט דער דאָזיקער איינשטעלונג, האָט די פּאַרטיי אין פּוילן דעם 30־טן סעפּטעמבער 1933 פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־שטרייק. ער איז דורכגעפאַלן. זיי האָבן אויך געמאַכט צו קליינגעלט די קאַמפּן פון ווינער „שוצבונד" קעגן דאָלפוס־פאַשיזם, ווייל אין זייער שפּיץ שטייען די „סאָציאַל־פאַשיסטן" אָטאָ באַוער, יוליוס דייטש, קאָלאָמאַן וואַליש. זאָל די ווינער קאָמונע אונטערגיין, אַבי די טעאָריע פון „סאָציאַל־פאַשיזם" זאָל זיגן...

און באַלד דערנאָך האָט דער צ.ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פאַרעפנטלעכט אַ דער־קלערונג, אַז יעזשי סאָכאַצקי איז דעמאַסקירט אַלס פּראָוואָקאַטאָר; אַ ביסל שפּעטער — אויך זשאַרסקי; אַ פאַרשטיקטע אַטמאָספער, נישט צום אָטעמען.

— די רעוואָלוציע עסט אויף אירע אייגענע קינדער... — האָט זיך קאַראָל דער־מאָנט דעם באַקאַנטן זאָג.

דאָס איז געווען ערב די „מאָסקווער פּראָצעסן", ערב דער ליקווידאַציע פון דער ק.פּ.פּ. ערב די גרויסע שטורעמס.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

די אַלטע טאָפּאָלן־גאַס

מיטן אַלולדיקן רויש פון די ריזיק־צעוואַקסענע טאָפּאָלן, איז אים, ליפּען, אַדורך דער זיסער שווידער פון די ווייטע יינגל־יאָרן.

ער האָט שוין דעמאָלט אין אַלטן יידישן גאָט שטאַרק געספּקט; כאָטש דאָס פּרי־האַרבסטיקע רוישן פון די טאָפּאָלן אויף דער גאַס פון זיין קינדהייט האָט זיך מאָדנע אויסגעמישט מיטן פאַרשטיקטן, פּחדימדיקן שופר־בלאָזן פון די הינטער־געס־לעך, מיט די אוראַלטע תפילות, מיטן פאַרחלשטן ליפּן־געמורמל פון די יידן, אָנגעטון אין ווייסן, צו נעילה, אין פאַרגייענדיקן זון־פלאַקער. די נידעריקע, שפּעטע זון איז אין שטויביקע סנאָפּעס געפאַלן דורך די בית־מדרש־שויבן, איבערגעבראָכן זיך אין די אויבערשטע רויטע, גרינע, בלויע שייבלעך אונטערן סאַמע סופיט, אויף די האַלב־אָפּגעמעקטע געמעלן.

דער קילער, אַלולדיקער רויש פון די טאָפּאָלן אויף דער גאַס פון די ווייטע יינגל־יאָרן האָט זיך אויסגעמישט מיט די ראָמאַנטישע שניידערישע לידער וועגן די „ברידער און שוועסטער", פון די געזעלן און נייטערקעס, אויף די בולוואַרן, אויפן אַרומגעבראָכענעם סקווערל; מיט די אַרבעטער־לידער פון אָפענעם פענצטער אויפן

גאָרן־שטיבל ביים חבר צאַליע. אַהער האָט עס ליפּען כמעט אַלע יאָר, ווי אויף קבר־אָבות, אַראָפּגעצויגן. ר׳האָט, געוויינלעך, אויף אַ פּאָר וואָכן איבערגעלאָזן דאָרט חברטע דינה, אין איר קאָכן זיך אויף די וואַרשעווער בערזעס, און אַראָפּגעכאַפּט זיך אַהער, בפרט צו הירשקען, צו קאַטיען, צום ניי־געבוירענעם. ווי אַמאָל, איז מען דאָ ווידער דעם גאַנצן יום־כיפּורדיקן טאָג אָפּגעזעסן אין אָנגערויכערטן חדרל, אויף די פּאָר צעוויגטע טאַבורעטקעס, אויפן טיש, אויפן בעט; געזונגען, צוגעביסן, גערויכערט און, ווי געוויינלעך, דיסקוטירט, אַריינגעטייטשט אין די טעאָרעטישע פאָרמולירונגען, אין די „נייע, שאַרפע קערן פון דער געשיכטע״. אין די אויפגעבראָכענע סעדער הינטערן הויז האָבן נאָך נישט געהאַט דעררייפּט די ווינטער־באַרן, לענגלעכע, טערפּקע, מיט פאַרפלאַמטע באַקן; זיי זענען געוואָרן ווייכלעך, זיס, ווען מ׳האָט זיי ווינטער־צייט געלייגט אין היי אַריין. דעם שאַרפן אַראָמאַט פון די ווינטער־באַרן האָט ליפּע טיף איינגעאָטעמט; ס׳איז אויך געווען דער אַראָמאַט פון די ווייטע יינגל־יאָרן. די זון האָט זיך, ווי אַמאָל, געזעצט אַראָפּ־שאָסיי, אַרום די פאָרטן פון דער אַלטער פעסטונג ביים בוג; דאָרט, וווּ די רויטע קאַוואַלעריע האָט אין יענע ימים־נוראים־טעג, אין אויפגעהויבענעם שטויב, אַ יאָג געטון פון הינטער קיעוו, ביז אַהער. ביים חבר צאַליע, מיט די עטלעכע פאַרבליבענע ציינער אין פינצטערן מויל, האָבן אומגעריכט אויפגעלויכטן די קאַליע אויגן אונטערן קרומען דאַשיק:

— ווען זאָלסט זיי געווען זען, ליפּע! דאָ, הינטער די קאַרשן־ביימלעך, הינטער די ניס־ביימער אין סאָד, זענען זיי, באָרוועסע, אַרומגעשליסענע, פאַרפאָרן מיט זייערע רויכערדיקע, אָנגעגליטע פּולעמיאָטן אויף די צוויי־רעדערדיקע קיביטקעס, אויסגעשפּאַנט די אָפּגעמאָרעטע פערדלעך, צעצונדן שייטערס פון דאַרע צווייגן, „אויסגעברענט״ די העמדער פון אומפּלייט, געוויקלט דאַרע קאַרשן־בלעטער אין צייטונגס־פּאַפּיר און פאַרצויגן. ביינאַכט, האָסטו געמעגט הערן, ווי פון הינטערן הויז האָט זיך אויפגעהויבן אַ שווער, ווייט, כאָראַל געזאַנג... ווען דו וואָלסט זיי דאָ געזען...

ליפּע האָט עפּעס געוואָלט זאָגן און — נישט געזאָגט. ער האָט אַלץ איבערגעלעבט שווערע פאָרגעפילן. די פאַרזונקענע, סוף־זומערדיקע נעכט, וואָס זענען דאָ, אין דער פּאָלעסיע, דוכט זיך, פיל טיפער, פינצטערער ווי אומעטום, האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן ווייטע שרעקן. מ׳האָט דאָ דורך די נעכט געהאַלטן אין איין פירן די אַרעסטירטע יינגלעך און מיידלעך; מ׳האָט געהערט די שווערע טריט אויף די ליידיקע טראָטואַרן און גאַניקעס אין באַגינען, רויע קולות; האַרטע פויסטן זענען געפאַלן אין דינע לעדלעך; אין גרויען פרימאָרגן האָט מען די יונגע, געשמידט אין קייטעלעך, אַוועקגעפירט צום זעלבן ווייסן מייערל אויפן הויכן ברעג, ווי אַמאָל די „צער בעלי חיים״. וואָס טוט זיך דאָ? אַ פּולע שטאָט מיט יידן. זיי ווערן אויסגעריסן, מאַטערן זיך אַרום די זעלבע פאַרפּאַטשקעטע געוועלבלעך. זיי זענען רעכטלאָז, ווי אַמאָל. מען רייסט פון זיי „פּאָדאַטקעס״, און זענען אַפילו רעכט נישט פאַרטרעטן אין שטאָט־ראָט. אַרום די פאַרריסענע פּוילישע באַאַמטע דרייען זיך עטלעכע יידישע באַלעבאַטים, מיט חזקה, נאָך פון די צאַרישע צייטן, קומען „בעטן גנעדיקסט״. די יידישע, די העברעאישע שולן רוישן פון יונגוואַרג, אָבער זיי ווערן באַטראַכט מיט חשד. די לערער הונגערן אונטער. אַלץ ווי אַמאָל. די דורכגעפאַלענע רעוואָלוציע... פּאָגראָמען... דעמאָלט אָבער האָט מען פאַרמאַכט די לאָדן און אַוועק קיין אַמעריקע. אַצינד איז אַפילו נישטאָ וווהין צו לויפן. זענען מיר גערעכט געווען? מיר — מיר זענען אַנטלאָפן און

אַליין נישט געכאַפּט זיך, אַז מיר זענען צוריקגעקומען צום זעלבן בלינדן פֿאַנאַטיזם, אויסגעהוילט, אַפֿילו נישט מיט די הויכע עטישע ווערטן פֿון אַט די יידן, אַנגעטון אין ווייסן, אין אַנגעזיכט פֿון זייער אַלטן גאָט. ווי אַזוי לעבט מען ווייטער ?

אין ראָזן, צופֿאַלנדיקן פֿאַרנאַכט קומען אַרויף די חברים; אַלטע דיסקוסיעס, וואָס פֿירן מער אין ערגעץ נישט. צאַליע איז זיך מחיה משמש צו זיין חברים, תלמידי־חכמים. ער שטעלט אַוועק אויפֿן טיש דאָס צעבויגענע סאַמאָוואַרל, וואָס זעצט מיט אַ פּאַרע, און אַליין וואַרפֿט ער אויך אַריין אַ וואָרט. ס׳איז געווען אַן אומגעריכטער גאַסט, וואָס האָט זיך באַוויזן — אברהם, דער זון פֿון אַלטן חובב ציון ר׳ יחיאל. ווי די וועגן זייערע וואַלטן זיך נאָך אַנאַנד געקרייצט; ליפע פֿאַרקוועטשט די מידע אויגן אונטער דער בריל און ס׳ווייזט זיך אים מיט אַ מאָל אויס — ער זיצט אין אַנגערויכערטן סאַלאָן ביי טייבעטשקען; די שטולן, די סאָפע, דער דיוואַן באַלייגט מיט דער היימישער חברה; אברהם, זיין ברודער מנחם, דער פּאָעט, דער פֿאַלטאָווער סטודענט מישאַ, מיטן צעשפּיליעטן קנעפּעלע ביים האַלדז; אָדער — ווען מען שיט זיך אַריין צום אַלטן העברעאישן לערער. און ס׳פֿאַלן די זעלבע רייד, די זעלבע אַרגומענטן; דערנאָך — זייער אומגעריכטע באַגעגעניש אין פּרילינג פֿון דער רעוואָלוציע. וואָס האָט זיך דאָ געביטן ? די זעלבע רייד, נאָר די סיטואַציע אַן אַנדערע. אַלע אונדזערע פּראָבלעמען בלייבן אָפֿן, אויפֿן הפקר פֿון נייע שטורעמס.

— כ׳בעט אייך — רופֿט זיך לסוף, נאָכן לאַנגן שווייגן, אברהם אָפּ — איר זאָגט: יידישע קולטור... איז דען קולטור בלויז אַ ביכל ? וואַלטן די פֿונדאַמענטן אונדזערע נישט געווען צעטרייסלט ! אָבער די פֿראַגע איז — די גייסטיקע און פּאָליטישע פֿיזיאָנאָמיע פֿון פֿאָלק.

— ביסט אַ מאַקסימאַליסט. פֿאַר וואָס פֿאָדערסטו עס נישט ביי אַנדערע פֿעלקער ? בלויז ביי אונדז ?

— אָ, זיי זענען אַנדערש ! כ׳בין זיי מקנא. ס׳ווענדט זיך אויף וואָס מען לייגט דעם טראָפּ: אויף יידישע, אָדער קולטור. איר, די יידישיסטן, מיינט, אַז ס׳איז גענוג „קולטור אויף יידיש". ביי אַנדערע פֿעלקער איז מען שוין לאַנג אַוועק דערפֿון. זיי זוכן אַ נייעם תוך; כאָטש זיי האָבן נישט קיין שפּראַכן־פֿראַגע און אַוודאַי נישט דעם פּחד פֿון אַסימילאַציע, ביז — פֿיזישן אונטערגאַנג. מיר שטייען אָבער ביים ברעג פֿון אַ תהום. אַ ייד טאָר נישט זיין זעלבצופֿרידן.

— וואָס זשע ווילסטו דערמיט זאָגן ?

— כ׳פֿרעג: צי איז שוין אַ יידיש ביכל — יידישער גייסט ? קענען מיר מיט דעם לעבן ? פֿאַרענטפֿערט עס אונדזערע ווייטיקן ? אָדער מיר גייען אין די פֿיס־טריט פֿון דער אַלטער יידישער ציוויליזאַציע, אין קאַמף פֿאַר רעכט צו גיין אויף דער ערד, אָדער מיר מוזן לאָזן דאָס ראָד פֿון דער געשיכטע אַריבערגיין איבער אונדזער גוף... ווי דו אַליין האָסט דאָרט אַמאָל עפּעס ענלעכעס אַ זאָג געטון...

— אָט זעען מיר דאָך, אַז אין ראַטנפֿאַרבאַנד... — האָט צאַליע, כאָטש שווערלעך, דערכאַפּט עפּעס פֿון זייערע רייד.

— יידישקייט ווערט דאָרט דערשטיקט — האָט זיך אברהם אויפֿגעכאַפּט מיט עפּעס אַ ביטערער הייטערקייט — זיי צעשטערן דאָרט אַלץ, פֿאַרמאַכן חדרים, אַרעסטירן רבנים, פֿאַרווערן צו לערנען העברעאיש, יידישע געשיכטע, לאָזן דערוויל עטלעכע יידישע שולן, אויסגעהוילט פֿון יעדן יידישן תוכן. אַן קאַמף, אָן ווידערשפּרוך,

אַן יסורים, קען קיין שום גייסטיקייט נישט עקזיסטירן. און אויב זיי שטעלן אַנטקעגן איין אויפפּאַסונג פון יידישקייט, אַ צווייטע, אַן אַנטי־יידישע אין גרונט, איז ער נישט קיין קאַמף אויף טויט, נאָר אַ קאַמף אויף לעבן; אַ לייטערונג־פּראָצעס. דאָס, וואָס האָט לעבנס־קראַפט, בלייבט. און ווען דער שטורעם וועט דאָרט אַמאָל פאַרביי, וועט פאַר אונדז שטיין בלייבן אַ נײַ, געלייטערט יידנטום, וואָס האָט אין ביטערן קאַמף פאַר זעלבסט־דערהאַלטונג, געפונען אַ טיפערן תוכן פאַר זיך.

און ליפע האָט זיך אָנגערופן, ווי פאַר־זיך, ערגעץ פאַרקוקט :

— איר ווייסט נאָך אפשר נישט אַלץ. מ׳וועט עס אפשר אַמאָל וויסן...די יעווסעקציע האָט דאָרט לאַנג געגראָבן. פּראָדוקטיוויזאַציע... קרים... בירָאָבידזשאַן... פּראַגראַמאַטישער אַפּאַטוניזם, צום מאַרקסיסטישן באַנעם פון יידישן פּראָבלעם, אָבער דורכגעפּריסן מיט ביטול צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע... „אַגיט.־פּראָפּ״ צווישן די, וואָס רעדן נאָך דערוויל יידיש״; זעלבסטצופרידענע עם־הארצות, אַנשטאָט גרינטלעכער וויסנשאַפטלעכער פּראָגנאָז. זיי לייקענען די עקזיסטענץ — נישט פון היינט — פון ספּעציפישע יידישע פּראָבלעמען, אָבער די יידן־פּראַגע איז דאָרט נאָך אַלץ פאַרבליבן אַקטועל און מאָנענדיק. ווי האָט דאָרט געזונגען דער פּאָעט : „שטעטעלע, פאַרשווינד״... זיי זוכן דאָרט רעשטלעך פון פרעמדע פאָרמולירונגען — בונדיזם, פּועלי ציוניזם, טעריטאָריאַליזם...

— האָט דאָך אייער ירחמיאל וויינשטיין, דער געוועזענער בונדיסט, אַליין געמוזט צוגעבן, אַז נאַציע מוז האָבן טעריטאָריע; און דיין טייבעטשקע האָט אים אַפילו באַצייטנס געוואָרנט, אַז אַזאַ אַפּיקורסות קען פירן צו... פּאַלעסטיניזם. דעם דאָזיקן אויספיר מאַכט די ווירקלעכקייט גופא. די יידן־פּראַגע איז אַ סאָציאַל־עקאָנאָמיש פּראָבלעם. מ׳וועט עס נישט לייזן מיט פּאָליטישע דעקרעטן. אין די בירָאָבידזשאַנער פרעסט מוזן זיי זיך דאָרט אָנפּעלצן אין פּאַלעסטינער אידעאָלאָגיע. ס׳פּעלט זיי אָבער אין „קלייניקייט״ — די אידייע, וואָס דרינגט אַרויס פון יידישן מאַסן־לעבן. דאָס יידישע פאָלק איז פאַראורטיילט; אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — דורך פיזישער אויסראָטונג; אין די קלאַסנלאָזע לענדער — דורך אַ פּראָצעס פון אַסימילאַציע און — כ׳האָב עס גאָר מורא פאַרן מויל צו ברענגען...

און אברהם האָט אַלץ געצויגן דעם אומעטיקלעכן ניגון, פאַרקוועטשט די אויגן אין שקיעה־שיין, אין עפּעס אַ קרענקלעכער התלהבות :

— און אפשר דאַרף מען היינט גאָר אַנדערש פאַרשטיין אויך פּרצעס רוף : „צוריק אין שול אַריין !״, נאָכן 5־טן יאָר. ס׳האָט גאָרנישט געמיינט פרום ווערן, צוריקקערן זיך צום אַלטן יידישן גאָט, נאָר — נאָך דער אַנטוישונג, אַז די נישט־יידישע וועלט וועט אונדז העלפן אויסלייזן — אומקערן זיך צו זיך. אָט האָט מען דערציילט וועגן איינעם אַ בונדיסט מאָדנע זאַכן; גייט יעדן שבת אין בית מדרש; אַז ער האָט אַפילו צוזאַמענגענומען אַ גרופּע בונדיסטן, צו פאָרן קיין ארץ ישראל. ווי מ׳וואָלט היינט געזאָגט : „אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אָפּנויג״...

ווי אַזוי און פון וואַנען האָט ער זיך ווידער דערנומען אַהער, אברהם ? דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע. די שליחותן האָבן אים מער נישט געלאָזן איינזיצן אויף אַן אָרט,

אין זיין קיבוץ. מיט דער זעלבער פלינקייט ווי ליפע האָט זיך דעמאָלט דורכגעגליטשט אַלע גרענעצן, אַזוי האָט ער זיך געלאָזן אין דער וועלט אַריין.

ער האָט זיך דעמאָלט צוריקגעקערט אין לאַנד אַריין, פאַרזיכטיק געצויגן צום אויבערשטן גליל, אין צפון; חנהקע מיטן יינגל האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין כפר גלעדי, ביי תל חי. ער איז נישט געווען אַליין. ס'איז געווען צו געפערלעך אויף די וועגן. מיט אים האָבן געצויגן שטילע, פאַרביסענע חברה, אָנגעטון אין אַבאַיעס, ווי טשערקעסן, אין טערקישע פעסקעס. ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז זיי האָבן ביי זיך פאַרשטעקט הייס געווער. ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, זענען זיי אַריין אין דאָרף טירה, צופוסנס דעם כרמל, צום שייך קאַמעל עפענדי. ס'איז נאָך געווען דאָס זיכערסטע אָרט. ער האָט זיי אויפגענומען לויט דער אַלטער מידה פון הכנסת אורחים, מכבד געווען מיט שוואַרצע קאַפע, פאַרזיכערט, אַז יידן זענען זייערע קרובים; מ'דאַרף לעבן בשלום; און — אַ כיטרער גלאַנץ אין זיינע קרומלעכע אַפּלען. אויסערן גדר פון זיין נחלה, זענען זיי זיכער געווען צו באַקומען אַ מעסער אין רוקן.

פאַרזיכטיק האָבן זיי זיך באַגינען אַרויסגעגליטשט, דערפאָרן ביז עכו, פאַרביי־געריטן מרחביה, תל עדשים, דעם נייעם פונקט בלפוריה. דאָ איז געווען אַ קליינע פעסטונג פון „השומר". פון דער הויכקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט דער גאַנצער עמק יזרעאל, איינגעהילט אין נעפּל פון זומפּן. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים „קבר פון די זיבן"; אַ חבר, וואָס די אַראַבער האָבן געוואָלט ביי אים צונעמען זיין פרידה, האָט געהרגעט איינעם פון די אָנפאַלער, און אויך ער איז דערשטראָכן געוואָרן. די פרידה איז אַליין צוריקגעקומען אין דער קבוצה. באַלד נאָך דעם האָט זיך צעפלאַקערט די מלחמה פון נקמת הדם.

דער גאַנצער ראַיאָן אַרום דער חולה אַזיערע האָט נאָך געהערט צו סיריע, באַ־זעצט דורך די פראַנצויזן. די ענגלענדער האָבן אינטריגירט. אילת־השחר, מחנים, תל חי און כפר גלעדי זענען געווען — אַ פראָנט. די „שומרים" האָבן זיך קאָנצענטרירט אין אילת־השחר. זיי האָבן זיך געקליבן אויפצוגיין קיין תל חי, מיט עסנוואַרג און געווער. איז שוין אברהם מיט דער חברה „טשערקעסן" אויך מיטגעגאַנגען מיטן טראַנספּאָרט. אויפן וואָגן מיטן געווער זענען געזעסן צוויי חברטעס. אַרום 3 פאַרטאָג זענען זיי אַרויס, ווען אַ „שומר" איז פלוצעם געקומען צולויפן און מודיע געווען וועגן אָנפאַל. אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו די ביקסן. טרומפּעלדאָר האָט די געקומענע פון דרום געלערנט שיסן.

תל חי האָט נישט געהאַט קיין מויער אַרום הויף. אַפילו שעפּן וואַסער פון קוואַל אויפן בערגל, האָט מען מיטגענומען די ביקס. אַצינד זענען זיי דאָרט אַלע געשטאַנען אין לויער ביי די פענצטער.

— זאָג מיר, אברהם — האָט אים אַ „שומר" אַ פרעג געטון — וואָס וועסטו ענטפערן „דיינע" בונדיסטן, אויב זיי וועלן אונדז טאַדלען, פאַרוואָס מיר זענען גע־שטאַנען און געצילט אין די אַראַבער ?... אַז מיר זענען פאַרבונדן מיטן קאָלאָניאַליזם און אימפּעריאַליזם ?... און די אַלע איבעריקע פראַזן...

— זיי דאָרט פאַרשטייען נאָך, לײדער, אַ סך זאַכן נישט... — האָט אברהם אַ בורטשע געטון אין דער וואָנס אַריין.

— אוסישקין האָט זיך איינגעשפּאַרט מ׳זאָל דעם גליל העליון בשום אופן נישט פאַרלאָזן... לא אזוז מפה... כ׳ריר זיך נישט פון דאַנען !...

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט אַ שיסעריי, אַ בילעריי פון הינט, אַ געוויין פון שאַקאַלן. באַגינען האָבן אָנגעצויגן רייטער. ס׳איז געווען דער זעלבער קאַמעל עפּענדי, אַ פריינד כלומרשט, אַרומגערינגלט פון זיינע מענטשן. זיי זוכן, הייסט עס, נאָר פּראַנצוזיזן... זיי זענען אַריין אין די שטאַלן, האָבן געפּאָדערט דאָס געווער. דע־מאָלט האָט טרומפּעלדאָר באַפוילן : פייער ! ער איז פאַרווונדעט געוואָרן אין בויך. אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פון שטאַל, האָט ער נאָך אַלץ געשאָסן צום טויער, נישט צוגעלאָזן די רייטער. „פייער, ביזן דער לעצטער קויל !״... — האָט ער געשריגן.

אין הויף זענען געווען 4 דערהרגעטע און 15 פאַרוווּנדעטע אַראַבער. די מיידלעך זענען צעריסן געוואָרן דורך אַ האַנט־גראַנאַט. טרומפּעלדאָר האָט געכאָרכלט מיט די לעצטע כוחות. מ׳האָט זיך צוריקגעצויגן קיין כפר גלעדי. אויפן וועג, אין וואָגן, איז טרומפּעלדאָר אויסגעגאַנגען. צום חבר שניאורסאָן האָט ער נאָך געזאָגט : „טוב למות בעד ארצנו״. מ׳האָט איבערגעפירט די בהמות, דאָס געווער, דעם פּראָוויאַנט, צולעצט האָט מען מקבר געווען די געפאַלענע. תל חי האָבן זיי אונטערגעצונדן, און אין שיין פון די פלאַמען האָבן זיי אין דער נאַכט געגראָבן קברים פאַר די חברים.

הינטער זיין רוקן האָט ליפּע נאָך אַלץ נישט געקענט ביי זיך פועלן :

— אייער איבערגעגעבנקייט צו יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פאַרט זיך פאַרט עפּעס מיט דער פאַקטישער נעגאַציע פון דער יידישערווירקלעכקייט. ס׳איז אמת, סאָציאַליזם, אויסגעליידיקט פון מאָראַלישן תוך, איז פאַרלוירן. ער קען אָבער בערג איבערקערן, ווען ער בלייבט טריי די פּרינציפּן פון מאָראַל, יושר און אמתער פריי־הייט.

ער האָט מיט די אייגענע אויגן צוגעזען ווי דער עטישער תוך פון זיין דור פאַלט זיך פאַנאַנדער, נאָר אַרויסגערעדט האָט פון אים די אַלטע פּראָזעלאָגיע :

— דעם יידישן משיחיזם, אין אַלע זיינע וואַריאַנטן, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט עפּעס אַ באַזונדערע מיסיע, וואַרף איך פון דעסטוועגן אָפּ...

אברהם איז אים אויך נישט שולדיק געבליבן :

— אַז יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זאָלן זיין קעגן נאַציאָנאַלער זעלבשטענדי־קייט פון זייער אייגן פאָלק, דאָס איז מעגלעך נאָר ביי אונדז, יידן. די נאַציאָנאַלע פראַ־גע איז געווען און פאַרבליבן דאָס אייביקע פּראָבלעם, אַרום וועלכן דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער סאָציאַליזם האָט געבלאָנדזשעט. ביי אייך איז עס באַלד אין אָנהייב גע־ווען אַ נעגאַציע. ס׳איז געווען די ירושה פון דער השכלה, פון די רוסיפיצירטע איג־טעליגענטן... זיך צונויפגיסן מיטן נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט...

דווקא אין יענע טעג זענען אברהמ׳ס שטראָפנדיקע רייד טרויעריק־מקוים גע־וואָרן. די געוועלבער אין מאַרק זענען געשטאַנען מיט האַלב־פאַרהאַקטע טירן. די יאַ־רידן זענען אויסגעפאַלן שיטערע. אַרבעטסלאָזע מיט אויפגעשטעלטע קעלנערלעך האָבן זיך געזאַמלט אין די ראָגן, ווי מ׳וואָלט אויף עפּעס געוואַרט. אַרום די מאַרק־טירן איז פּלוצעם געוואָרן אַ בהלה. די סטראַגאַנעס — אומגעוואָרפן. הינטער די באַנ־דעס — אַ המון. ס׳איז געווען אַ געשלעג צווישן אַ קצב און אַ פּאָליציי־אַגענט. ער האָט

זיך נישט געלאָזן, דער הויכער, געזונטער ייד, דאָס מעסער אין דער אָנגעדראָלענער פויסט. און שוין רייסט מען טירן, געשרייען, ווילדע געלעכטערן. דאָס אָרעמע יידישע פאַרמעגן וואַלגערט זיך צעשאָטן; פעדערן פליען אין דער לופט. טרעגערס, פורמאַנעס, מיט דרענגער און לאָמען אין זייערע הענט, שפּרינגען אַרויס פון די נידעריקע טויערן, אָבער רייטער־פּאָליציי פאַרשטעלט זיי דעם וועג. די פויערימלעך אין מאַרק, אין גרויס בהלה, שפּאַנען גיך איין זייערע פורלעך און שיטן זיך אַראָפּ מיטן שאָסיי, אין אויפגעהויבענעם שטויב, וואָס פאַרשטעלט די בלאַסע זון. אויפן מאַרק בלייבן איבערגעקערטע פעסלעך הערינג, זעקלעך שפּייז, אויפגעריסענע טיר־און־פענצטער.

פרי פאַלט צו די נאַכט. טיר און טויערן פאַרריגלט. ס'ליכט אויסגעלאָשן. פון ווייטע גאַסן רייסן זיך אָפּ געוואַלדן, שויבן ברעכן זיך; געוויינען אויסגעמישט מיט פּייפערייען, געלעכטערן. מ'וואַרט אין אַנגסטן אויפן טאָג־אויפברוך. מען גיט זיך איבער, אַז עטלעכע יידן זענען שוין אויסגעגאַנגען אין שטאָטישן שפּיטאָל.

די שיינע טעאָריעס צו בויען אַ יידיש לעבן „אויפן אָרט“ זענען פּלוצעם אויסגערונען. אַפילו דאָס יונגוואַרג, די פאַרביסענע, צוריקגעקומענע פון די תפיסות, גרייט ווידער צו גיין אין תפיסה אַריין, מיט שטאַרקע פראַזן פון אינטערנאַציאָנאַליזם אין זייער מויל, זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז קיינער קומט אונדז נישט צו הילף.

נאָך קיין מאָל ווי אין די טעג, האָט דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס אַזוי נישט געדרוישט מיט פאַרשטיקטע קולות. ביטערע עקשנות, ביז יאוש, איז געווען אין אברהמ'ס רייד, סיי אין זיין אָנגעלאָדן שווייגן. מ'האָט דערציילט, אַז דער ייד גייט ארום איבער די חסידים־שטיבלעך, איבער די בתי־מדרשים, מיט אַן אויפגעכראַסטעט העמד, מיט אַ ווילדן פלאַם אין זיינע אויגן, און וואָרנט, רופט. אין גרויסן זאַל, אין הויז פון דער טאָפּאָלן־גאַס, איז ער מער נישט געקומען נעמען אַ וואָרט, צווישן די אַלערליי שיטות. מ'האָט אים דאָרט פאַרשריגן, אָנגערופן אים מיט די געמיינסטע נעמען. ער איז צום לעצטן מאָל אַרונטער די אַלטע טרעפּן. שאַרפע, שפּיזיקע בליקן האָבן אים באַגלייט — „אָט גייט ער, דער, וואָס שרייט פּונקט ווי אַלע אַנטיסעמיטן: „עוואַקואַציע !“... דאָ זענען מיר ביי זיך, דאָ וועלן מיר זיך פאַרטיידיקן, צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע !“...

אברהם האָט זיי מער קיינס נישט געזען, נישט געהערט; געשפּרייזט ווי אין טראַנס איבער די נידעריקע געסלעך, אין שקיעה. ער איז אַוועק צו די קליינע, אָרעמע הילצערנע בתי־מדרשים מיט די אָפּגעטרעטענע שוועלן. היימישע באַלמעלאָכעס האָבן זיי אַמאָל אויפגעשטעלט, אַריינצוכאַפּן זיך זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, אַריינגעקומען צו אַ וואָכעדיקן מנחה־מעריב. ס'איז דאָרט פאַרנאַכט־צייט פול געווען מיט טרעגערס, די שטריק אַרומגעגאַרטלט דעם דיך, קרעמער מיט דאַרע, פאַרבלאָזע בערדלעך. דער פּראָסטער „והוא רחום“ האָט אַ רויש געטון, ווען אַ גרויער ייד, אַ קרעמער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד; און באַלד ווי די שמונה עשרי איז אויסגעגאַנגען, איז אברהם מיט האַסטיקע טריט אַרויף אויפן באַלעמער און אַ קלאַפּ געטון אין אַן אָפּענעם ספר.

— יידן ! — האָט ער גערופן מיט גרויס פאַרצווייפלונג אין זיין קול — כ'קום פון ארץ ישראל, כ'קום אייך וואָרענען : דער סוף פון יידן אין גלות איז א שחיטה־נאַכט ! היטלערס שאָטן הענגט איבער אונדז אַלעמען. דער שטריק פאַרציט זיך ענ־

גער אַרום אונדזער האַלדז !... מיר האָבן זיי געבראַכט אַ ספר פון נשמהדיקער גרויס־קייט, און וואָס האָבן זיי געמאַכט דערפון ? געמט אַראָפּ זייערע קלויסטערס און וואָס בלייבט זיי ? — געלט־בירזשעס, בתי־זונות, קאַזאַרמעס. צוויי טויזנט יאָר האָבן זיי געלערנט ביי אונדז וואָס גאָט איז, און האָבן עס קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צום געצנדיסט. מיר האָבן אַ רגע אין אונדזער געשיכטע זיך טועה געווען. מיר האָבן געמיינט, אַז ס׳האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן... אין געטאָ, ווו זיי האָבן אונדז פאַרשפּאַרט, איז געווען — די גאַנצע וועלט, אַרום אונדז — בלויז וועלף...

אַזוי איז אברהם צו לעצטן מאָל אַוועק צו זיינע ברידער, זיי צו וועקן; אָבער זיי זענען געשטראָפט געוואָרן מיט בלינדקייט, מיט אָפּהענטיקייט. זיי זענען געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ, ווי שטומע לעמער. ס׳האָט אויסגעזען ווי תשעה־באָב.

אַ שווערע מלחמה האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אים גופא אין די שלאָפלאָזע נעכט. ביטערע ספקות האָבן אים געמאַטערט. ער האָט בחוש געפילט וווהין ס׳פירט. איידער ער האָט זיך אומגעקערט צו די היימישע ברעגן פון ארץ ישראל, איז ער געקומען וואָרענען, אָן כעס, אָן צאָרן, נאָר מיט פאַרטראָגענער מעלאַנכאָליע :

— קערט זיך אָפּ פון די — האָט ער גערופן — וואָס שרייען אין אייער נאָמען ! איר גייט צו חורבן ! די סכנה איז גרויס ! יידן, ליקווידירט דעם גלות, וואַרט נישט דער גלות זאָל אייך ליקווידירן !...

ער האָט נישט באַמערקט, ווי ליפּע, אין זיין גרויסער צעטראָגנקייט, גייט אים נאָך אומעטום, בלייבט שטיין אין בית־מדרשל, אין אַ ווינקל, ביים כיור, צווישן די טרעגער מיט די פאַרבלאָטיקטע שטיוואַליעס. זייערע אָקסלען האָבן זיך נאָך מער איינגעבויגן. זייערע הענט זענען שווער אַראָפּגעהאַנגען. זיי האָבן אַרויפגעקוקט מיט אַ צעמישטן בליק צום מאָדנעם בעל־דרשן. די מגידים האָבן, געוויינלעך, געשטראָפט, ווייך געזאָגט מוסר; אָבער דער דאָ האָט שאַרף געוואָרנט, האָט זיי געשמיסן מיט פייערדיקע ריטער. זיי זענען אָבער נישט געווען בכוח אים צו פאָלגן.

ליפּע האָט געזען, ווי אין פאַרבראָנדזטן פּנים ביי אברהמען גליען נאָך יונג די אויגן. פון האַלב־צעשפּיליעטן קאָלנער, פון ווייסן העמד, קוקט אַרויס זיין נאַקן, זיין קורצער, קרעמפּער האַלדז, צעווירעט פון קנייטשן, צעשמיסן פון ווינטן, פאַרברענט פון דער ארץ־ישראל־זון. ערשט ווי לאַנג, אַז זיי האָבן זיך צום לעצטן מאָל באַגעגנט אין פּעטראָגראַדער סאָוויעט ? דער יונגער פרילינג איז נאָך דעמאָלט פול געווען מיט גרויסע האָפענונגען; כאָטש אים אַליין האָבן שוין געפּרעסן שווערע פאַרגעפילן; און דאָ, אין דער אַלטער היים־שטאָט אויפן בוג, האָט די לופט ווידער געשטיקט. ווהין אַנטלויפט מען ? ס׳האָט אים צו ערשט געהאַט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסער כעס, דערנאָך איז אים באַפאַלן אַ שטומקייט — ווער ווייס, צי ער איז אַמאָל נישט גערעכט. מיר האָבן, מיט איין וואָרט, פאַרשפּילט די „ספּראַווע".

פון זיך האָט איז אַרויסגעפאַלן דער צעקנייטשטער „עמעס", פון גרויען, האַרט־לעכן פּאַפּיר. ווער ווייס דורך וואָס פאַראַ אומוועגן, אונטערערדישע קאַנאַלן, ער האָט זיך באַקומען אין זיינע הענט אַריין פון „יענער זייט". דאָרט האָט זיך געשריבן וועגן אַ ריי וויכטיקע זיצונגען, וואָס זענען סוף יולי אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווער „געזערד". גערעדט האָט דער קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים, שמעון דימאַנשטיין. אין דער „יידישער אַרבעט" איז שוין דאָרט קענטיק געווען בין־השמשות. ס׳איז כמעט

גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן אַפילו וועגן די ברענענדיקע נויטן פון יידן אין ראַטנפאַרבאַנד; אויך נישט וועגן ביראָבידזשאַן. ס׳איז געשטאַנען נאָר איין פראַגע: ווי אַזוי אַרויסווייזן וואָס מער אונטערטעניקייט „דעם פאָטער פון די פעלקער“, אַז זייער עקזיסטענץ, נאָך די זיצונגען, זאָל ווי עס איז זיין זיכער; מ׳זאָל נישט קומען קלאַפּן אין די פאַרטאָגן אין זייערע טירן. ווייל צוזאַמען מיט די טראָצקיסטן, בוכאַריניסטן, זענען אויך דערמאָנט געוואָרן אין דער גרויסער פרעסע — „די נישט־אָנטוואָפנטע בונדיסטן“. גאָרנישט קומט דאָרט פאָר צופעליק. אַז מ׳רעדט וועגן בונדיסטן, הייסט עס, אַז מ׳דאַרף עמעצן דעמאַסקירן; קודם באַשולדיקן אין „פעלערן“, „דורכרייסן“, „אָפּנויגן“; אַז „ס׳איז אויסגענוצט געוואָרן די אָפּגעטעמפּטע באַלשעוויסטישע וואַכזאַמקייט“. ירחמאיל וויינשטיין, מיטגליד פון פרעזידיום פון „געזערד“, האָט אין זיין אַרויסטריט אַליין אויפגעדעקט די סיבות פון „דורכרייס“:

„אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג — לייענט זיך אין „עמעס“ — האָט וויינשטיין עפנטלעך אידעאַליזירט דעם בונד, מיט אַ געוויסן שטאָלץ, אַז ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון דער נאָענטער פריינטשאַפט פון איינעם, אַ געוועזענעם מיטגליד פון צ.ק. פון בונד, אַ „דעמאַסקירטן שונא פון פאָלק“; כאָטש דער נאָמען איז נישט אָנגערופן געוואָרן, איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז דאָס מיינט מען טייבעטשקען. ביידע האָבן זיי אַמאָל געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ליקווידאַציע פון בונד אין רוסלאַנד. ערב איר אַריינטריט אין דער קאָמפּאַרטיי, האָט זי אין מינסקער „וועקער“ געשריבן: „וואָס עס זאָל נישט געשען מיטן נאָמען פון בונד, מיט דער טראַדיציע פון בונד — דער בונדיזם וועט לעבן ביז וואַנען ס׳וועט לעבן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג“. און ער, ירחמיאל, האָט דאָרט געשריבן: „מיר גייען אין דער קאָמפּאַרטיי מיט אַ באַשטימטן געפיל. מיר גייען אַריין מיט אונדזער געשיכטע, כאָטש ס׳זענען געווען פעלערן. אָבער אונדזער געשיכטע איז אונדז טייער. באַציט זיך צו איר מיט אַכטונג, חברים“... מ׳האָט זיי אָבער קיין מאָל נישט מוחל געווען זייער פאַרגאַנגענהייט פון „געוועזענע“, „נישט אַנטוואָפּטע“.

מער האָט ער נישט געקענט, האָט זיך צעבונטעוועט, האָט עפנטלעך דערקלערט זיין פּראָטעסט קעגן גאַנצן סיסטעם. דער „עמעס“ האָט געשריבן: „די דאָזיקע אַנטיפּאַרטייאישע, פיינטלעכע אַרויסטרעטונג איז נישט אומדערוואַרט פון אַזאַ פּאַרשוין. דאָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון זיין גאַנצן בונדישן, נאַציאָנאַליסטישן תוך. דאָס ציט זיך נאָך פון יענעם נידערטרעכטיקן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע“; און — די אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדענונג: „די נאַציאָנאַליסטישע מאַסקע פון דעם פאַררעטער דאַרף אַראָפּגעריסן ווערן“... ירחמאיל איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה, איז דאָרט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

פונקט אַזוי טרויעריק האָט אויך פאַרענדיקט, קורץ דערנאָך, דער „קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים“, שמעון דימאַנשטיין גופא. דאָס האָט ער אין 1920 באַגריסט די 12־טע בונדישע ליקווידאַציע־קאָנפערענץ אין מאָסקווע. ער האָט דעמאָלט באַגריסט די שפּאַלטונג, גערופן פייערלעך צו ליקווידירן דעם בונד און קומען מיטאַרבעטן אין „יידישן קאָמיסאַריאַט“. אַפילו די, וואָס האָבן אים דעמאָלט אַפּלאָדירט, זענען באַשולדיקט געוואָרן אין „אידעאַליזאַציע פון בונד“, דעמאַסקירט געוואָרן אַלס „פיינט פון פאָלק“; נאָכן ליקווידירן זיי אַלע — כאַוועקין, ליבערבערג, שפּראַך, ליטוואַקאָוו — האָט זיך באַוויזן אין „עמעס“ דער אָנפאַל קעגן דימאַנשטיינען גופא: ער האָט דורכגעלאָזן

אַ „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרקריפלונג"; אָפּגעדרוקט אַ שעדלעך אַרטיקל וועגן דער איבערזעצונג פון אוקראַיִנישן נאַציאָנאַלן דיכטער שעווטשענקאָ. „ביי אים — האָט זיך געשריבן אין „עמעס" — האָט נישט געסטייעט באָלשעוויסטישער מוט, ער האָט זיך דערקייקלט צו דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער בונדיסטישער קאָנטראַבאַנדע". ווי אַזוי איז דער אַלטער באָלשעוויק, וואָס האָט אַלע מאָל באַקעמפט דעם בונד, פּלוצעם געוואָרן אַ בונדיסט, אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער ? אָט צוליב וואָס : ביי די וואַלן אין 1937 האָט דימאַנשטיין אַרויסגעזאָגט אַזאַ מין געפערלעכן געדאַנק : „מיר זענען, פאַרשטייט זיך, קעגן וואַלן לויטן נאַציאָנאַלן שליסל. דאָס וואָלט געווען דער שעדלעכסטער נאַציאָנאַליזם. אָבער מיר זענען פאַר דעם, אַז ביים ווײלן דעפּוטאַטן, זאָל מען דאָך נעמען אין אַכט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט. דאָס דאַרפן זיין מענטשן, נאָענטע צו די מאַסן לויט זייער שפּראַך, לויט זייער באַקאַנטשאַפט מיט זייער לעבנס־שטייגער". קיין איין איינציקער קאַנדידאַט, „פאַרבונדן מיט יידישער אַרבעט", איז נישט אַרויסגעשטעלט געוואָרן. דאָס איז געווען אין אוקראַיִנע און ווייסרוסלאַנד, ווו עס ווױנען קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן.

און וואָס איז געוואָרן מיט טייבעטשקען ? אין מאַי 1936 איז די „מיירעווקע" ליקווידירט געוואָרן. דאָרט האָט זי דאָך אַריינגעלייגט אַזוי פיל האַרץ, נשמה, מוח. מיט אַ מאָל — אויס „קוזשניע פון קאַדרן". זי איז אַראָפּגענומען געוואָרן, מ'האָט זיך אַרעסטירט. די פיס געשוואָלן פון דיאַבעט, האָט זי זיך געוואַלגערט אין די טורמעס. זי, וואָס האָט איר לעבן אַוועקגעגעבן דער רעוואָלוציע, דעם סאָציאַליזם, האָט געדאַרפט אויסהערן אַזאַ ניבול פּה. פון וואַנען האָבן זיי זיך ווידער דערנומען, אָט די צאַרישע „אָכראַנניקעס" ? זי האַלט זיך שטאָלץ ביי די אויספאָרשונגען. זי גלויבט, אַז מען וועט זיך סוף כל סוף פונאַנדערקלייבן אינם פּלאָנטער, מ'וועט זי באַפרייען. מ'האָט זי אָבער פאַרשיקט אויף 8 יאָר לאַגער אין קאַראַגאַנדאַ. און זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס זי אַליין האָט אַמאָל געשריבן אין „וועקער" : „איך האָב זיך מיט אַ מאָל פאַרשעמט מיט מיינע נאַרישע געדאַנקען, מיט מיין יאוש, און אין מיין האַרץ האָט ווידער געזונגען דאָס אייביקע ליד פון לעבן"...

דאָס ליד פון לעבן איז געווען אויס. זי האָט געשריבן „אין די געהעריקע אינסטאַנצן", געבעטן מ'זאָל „איבערקוקן איר ענין". קיין שום תשובה איז נישט געקומען. זי איז אויסגעגאַנגען אין לאַגער.

די צעקנייטשע צייטונג איז אַרויסגעפאַלן פון ליפּעס ציטערדיקער האַנט. צי זאָל ער עס אים כאָטש זאָגן, הירשקען ? אויפקלערן... אָבער נאָך וואָס נאָך שווערער מאַכן זייער געמיט ?

ער איז געלעגן אין אַנדערן צימערל ביי די קינדער, וואַך, מיט צוגעלענטע אויגן. אין דער אויסגעלאָשענער נאַכט איז דער מענטש מיט זיך אַליין, מיטן דומם. מען פילט פליסן, באַוועגן זיך, קרעכצן די אייביקייט אויף איר אויסגעריבענער אָרביטע. פאַר די האַלב־צוגעלענטע אויגן שטייט דער ברעג פון זיינע ווייטע יינגל־יאָרן. א רייסיקער ווינט הוילט הינטער די לעדלעך, אין די לופטעס פון קוימען. די משמורות אין משמר בית מדרש זענען אין די טיפע נעכט פול מיט פּחדים. ס'שוועבט דאָס געוויין פון דער שכינה, וואָס איז אין גלות. דער ווייסער רויך, וואָס איז אויפגעגאַנגען איבערן דאַך ביים בעקער, איז עפּעס פּלוצעם געווען — אַ לאַנגער ייד, אין אַ טלית; ער האָט

זיך געשאָקלט אין רייסיקן ווינט אַהין און אַהער. פון הינטער לעדלעך האָבן קינדער קראַנק געוויינט.

פאַר טאָג, ווען די פייגעלעך כאַפּן זיך ווידער אויף מיט אַ טשוויטשעריי הינטערן שייבל, איז די מחשבה לויטער, הבל־הבלימדיק.

אַזוי האָט זיך דאָ חבר ליפע קאַמאַשנמאַכער נאָך אַלץ אַרומגעדרייט, ווי אין אַ פרעמדן דור, ערב אַלע שטורעמס. אָט האָט ער גאָר באַדאַרפט צו פרייען זיך, נחת האָבן. ער איז געזעסן אין דער ליג־שטול, אין אָפּגעדונגענעם צימערל, ביי הירשקען, אין זעלבן טייך־געסל, וווּ ס׳איז אַמאָל געשטאַנען זיין וויג. אַ זוניקער פרײ־האַרבסט, אַ שבתדיקער פרימאָרגן פון מנוחה האָט געהויערט אַרום היימישן ברעג, ווי אַמאָל, אַמאָל; ווי די וועלט וואָלט טאַקע געווען אַן אידיליע. די מושלין־פאָרהענגלעך האָבן זיך געווינטלט אין אָפענעם פענצטער. זון־העזעלעך זענען געלאָפן איבערן נידעריקן, דאָרפיש־אויסגעווייסטן באַלקן. אין וויג האָט געפלאַפּלט דאָס ראָזע, ביי־געבוירענע נפשל — גאָ... גאַ... גאַ... ווער ווייס אָבער וואָס פאַראַ אומרואיקע צייטן די קינדער גייען אַנטקעגן ? „אַך, ווען טייבעטשקע“... — איז אים נאָך, אָפּגעריסן, מיט גרויס באַ־דויער, אַ רגע דורכגעפלויגן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי הירשקע, זיין הירשקע, איז דאָרט, אין דער ווייטער שווייץ, געקומען אויף דער וועלט, אין יענע אומרואיקע טעג, ערב 1905, אין פאַרלוירענעם דערפל צווישן בערג און ליכטיקע אָזיערעס.

קאַטיע, ס׳בלאָנדע, טייערע מיידל, האָט זיך דאָ ערגעץ, הינטער זיין רוקן, פלינק אַרומגעפּאָרעט אין דער אָרעמער, ריינלעכער באַלעבאַטישקייט, אַרייַן־ און אַרויס־געפלאַטערט, ווי אַ פייגעלע, אַ לאַך געטון צום קינד אין וויגל, צוגעפּאַלן אויסקושן עס. זיי זענען נאָך אַליין קינדער; און דער זיסער פלאַטער פאַר זייער יונג לעבן האָט ליפּען אַלץ מער געפּייניקט. ער האָט געהאַלטן דעם גרויען קאָפּ אין זיינע בײדע הענט. „זאָג אַליין, ליפּע — האָט ער גערעדט צו זיך — האָסט אַ לעבן אַוועקגעגעבן, געריכט זיך קעגן אַלע שטורעמס, און וואָס פאַראַ צוקונפט, פרעג איך, האָסטו אויסגעקעמפט פאַר דיינע אייגענע קינדער, פאַרן אומשולדיקן נפשל, וואָס פּלאַפּלט אַזוי זיס אין דער וויג ? זאָג, אדרבא“...

פאַריז, 1968—1964

ביכער פון זעלבן מחבר :

צווישן וועגט, **דערציילונגען, וואַרשע** (1933),
גרויע פּראָפילן, **דערציילונגען, פּאַריז** (1937),
דער מאַרש אויף בריסק, **ראָמאַן, פּאַריז** (1938),
די יידן פון בעלוויל, **ראָמאַן, פּאַריז** (1948),
רות און נעמי, **דערציילונג, וורצלאַוו** (1950),
געווען איז עס נעכטן, **ראָמאַן (ערשטער טייל) פּאַריז** (1951)
די ברידער כייקין, **טרילאָגיע :**
1) דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס, **פּאַריז** (1955),
2) אויפן פּאַריזער ברוק, **וואַרשע** (1956)
3) דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, **פּאַריז** (1956),
די גאָלדענע אילוזיע, **ראָמאַן, פּאַריז** (1958),
אין פראַנצויזיש :
Les Juifs de Belleville, roman (1956).
חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן, **ראָמאַן, פּאַריז** (1961),
געקליבענע דערציילונגען, **פּאַריז** (1964),
ליפּע קאָמאַשנמאַכער, **ראָמאַן, פּאַריז** (1969)
איבערזעצונגען :
דאָס רוימישע רעכט עקזיסטירט נישט מער — **אַראַגאָן,**
די קוזינע בעטי — **ה. דע באַלזאַק.**